STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00895

YID UN VELT

Hayim Greenberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Judith Roth, Naomi Roth and Shoshanna & David Sommer
in honor of
Shirley A. Shuman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גרינבערג

ייִד און וועלט

קיום

23

משה פייגענבלום.

חיים גרינבערג

ייד און וועלט

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס 1960 — ה׳תש״ך

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט־
דער מיטהילף פון די פריינט
פרידע און שמאי טראַכטער
וועלכע דער פאַרלאַג דריקט אויס אַ
האַרציקן דאַנק

פון פאַרלאַג

מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך הייבן מיר אָן די נייע אויס־גאַבע פון חיים גרינבערגס שריפטן, וואָס זענען בשעתם דערשינען אין דעם פאַרלאַג „אידישער קעמפער" פון ניו־יאָרק. די ביכער פון יענער אויסגאַבע זענען שוין לאַנג נישט בנימצא אויפן ביכערמאַרק און מען קען זיי אין ערגעץ נישט באַקומען. ס'איז דעריבער שוין זייט אַ לענ־גערע צייט אונדזער אַמביציע און באַגער צו דערמעגלעכן דעם ייִדישן לייענער זיך איינצושאַפן חיים גרינבערגס ווערק, וואָס זענען אַן אומ־אויסשעפּלעכער קוואַל פון טיפן ייִדישן וויסן און אָריגינעלער ייִדישער מחשבה. מיטן איבערגעבן דאָס דאָזיקע ווערק אין די הענט פונעם לייענער ווערט רעאַליזירט דער ערשטער עטאַפּ פון אונדזער ווונטש.

נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן אויפסניי אַרויסגעגעבן אַלע דריי ביכער פון חיים גרינבערג, ז"ל, וואָס זענען דערשינען אין דעם דער־מאָנטן פאַרלאַג, וועלן מיר אַרויסגעבן אַ פערטן באַנד פון זיינע שריפטן, וואָס זענען נאָך ביז איצט אין קיין בוכפאָרם נישט דערשינען. דערמיט וועלן מיר פאַר אַ גרויסער צאָל ייִדן האָבן געעפנט אַ וועג צו דער גייסטיקער ירושה, וואָס דער טיפער דענקער און גייסטרייכער מנהיג האָט אונדז איבערגעלאָזט.

מיר ווייסן, אַז אויף די ביכער פון חיים גרינבערג איז פאַראַן אַ גרויסער נאָכפרעג, סיי אין אונדזער ישוב, סיי בכל תפוצות ישראל. פונדעסטוועגן, מיינען מיר, איז נישט נייטיק צו באַטאָנען, אַז מיט דער דאָזיקער נייער אויסגאַבע זענען מיר נישט אויסן קיין קאָמער־ציעלן תכלית. אויב מיר האָבן זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון חיים גרינבערגס ביכער איז דאָס געטאָן געוואָרן נאָר צוליב דער איבערצייגונג, אַז דאָס וואָרט פונעם אומשטערבלעכן דענ־קער און באַליבטן ציון־פירער איז נאָך היינט צו טאָג פונקט אַזוי אַק־טועל ווי דעמאָלט ווען עס איז געשריבן געוואָרן און ייִדן קענען דער־פון נאָך אַ סך לערנען און גייסטיק געניסן.

די איבערצייגונג, אַז וואָס מער ייִדן דאַרפן זיך באַקענען מיט

חיים גרינבערגס שריפטן און זיך פאַרטיפן אין זיין וועגווייזעריש וואָרט, האָט אונדז געבראַכט צו דער דאָזיקער — אין אַלע הינזיכטן — גרויסער אונטערנעמונג און מיר דריקן דאָ אויס אַ דאַנק אַלע פריינט, וואָס האָבן אונדז ביז איצט געהאָלפן און וואָס וועלן אונדז ווייטער העלפן, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע זאָל קענען דערשיינען.

אַ דאַנק דריקן מיר אויס דער חברה לאה גרינבערג, דער אלמנה פון חיים גרינבערג ז"ל. די נייע אויסגאַבע דערשיינט מיט איר הסכמה.

אַ דאַנק דריקן מיר אויך אויס די חברים פנחס קרוזא און פנחס שטיינוואַקס פאַר זייערע באַמיִונגען אין דעם דאָזיקן ענין.

דער פאַרלאַג „קיום" גלייבט, אַז די יִדישע קולטור־וועלט וועט אָפּשאַצן די באַדייטונג פון דער דאָזיקער איניציאַטיוו און וועט אונדז העלפן זי רעאַליזירן.

ווער איז אויסדערוויילט?

ייִדן זענען נישט דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס טראָגט אין זיך דאָס באַוווּסטזיין אָדער, לכל הפּחות, אַ פאַרנעפּלטן געפיל פון „אויסדערוויילטקייט" — פון אַ געוויסער סופּעריאָריטעט לגבי אַנדערע פעלקער אָדער ראַסן. ווען דער אַנטיקער גריך האָט באַצייכנט אַלע אַנדערע פעלקער אַלס „באַרבאַרן" (אַ באַגריף און אַ טערמין וואָס זענען, אַגב, גאָרנישט געווען פרעמד אַפילו פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעסן), האָט ער דערמיט באַטאָנט אַז ער איז דער איינציקער, וואָס איז מסוגל געווען צו שאַפן אַ ווערטפולע ציוויליזאַציע. עגיפּטער, פּערסער, ייִדן, מיט וועלכע דער גריך איז געווען באַקאַנט, זענען אין זיינע אויגן אויך געווען מינדערווערטיקע פעלקער. די עגיפּטער, פון זייער זייט, ווי הערָאָדאָטאָס דערציילט אונדז, האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג סיי אויף ייִדן און סיי אויף גריכן, און האָבן זיך געהאַלטן פאַרן איינציקן פאָלק מיט אַ נאָבעלער וועלט־אָנשויונג. אין דער ווייטן מזרח האָבן די אַריער, ווי מיר זעען עס פון אַזאַ אַלטן דאָקומענט ווי די ווישנו־תּקנות, זיך באַטראַכט פאַר די איינציקע וואָס זענען „צוויי מאָל געבוירן געוואָרן": אַלע אַנדערע ראַסן שטעקן אין דער רויער, גשמיותדיקער נאַטור־געבורט און קענען זיך נישט דערהייבן צו דער צווייטער געבורט. „אַ בראַהמין", לייענען מיר אין די אַריאַנישע הייליקע געזעצן, „דאַרף תּשובה טאָן אויב ער האָט משמש געווען אַ מענטשן פון דער שוואַרצער ראַסע". עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז נאָר די שוואַרצע ראַסע איז פון די אינדאָ־אַריער באַטראַכט געוואָרן אַלס אינפעריאָר. לייענענדיק די אַוועסטאַ, זעען מיר, מיט וואָס פאַר אַ גאווה און פאַראַכטונג־געפיל זיי האָבן זיך באַציגן אויך צו די טוראַניער. אויסער דעם תּחום פון אַראַבישע שבטים איז נישט פאַראַן קיין אמתע גייסטיקע נאָביליטעט, לייענען מיר אין קאָראַן, טראָצדעם וואָס דער איסלאַם האָט פון זיין געבורט אָן אַרויסגעוויזן אַספּיראַציעס פון אַ וועלט־רעליגיע.

איבערגייענדיק צו מאָדערנע פעלקער, געפינען מיר אויך אָן אַ צאָל ביישפּילן פון סופּעריאָריטעט־געפילן און פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען פון נאַציאָנאַלע שליחות־פונקציעס. דייטשן זענען נישט די איינציקע וואָס ליידן פון אַן איינרעדעניש, אַז זיי זענען אַ „מייסטער־ראַסע" לגבי אַנדערע פעלקער. ענגלענדער פאַרמאָגן צו פיינע מאַנירן, אַז זיי זאָלן דאָס אַרויסזאָגן מיטן

פולן מויל און שאַפן פאַר זייער סופּעריאָריטעט־באַוווסטזיין אַ ספּעציעלע
פאָרמולע, אָבער אָן אַזאַ באַוווסטזיין, לייגט זיך אויפן שכל, וואָלטן זיי נישט
געקענט אויפבויען אַזאַ אימפּעריע, ווי זיי איז, נישט צופעליק, געלונגען צו
שאַפן. בריטישע אימפּעריאַליסטישע עקספּאַנסיע איז, אַזוי צו זאָגן, דער
עמפּירישער אויסדרוק פון אַן „אויסדערוויילטקייט״־געפיל,
פאַר וועלכן ענגלענדער זענען צו „העפלעך״ און — זאָל עס אין אונדזערע טעג
פאַררעכנט ווערן פאַר אַ קאָמפּלימענט, נישט פאַר אַ טאַדלונג — צו „היפּאָ־
קריטיש״, כדי צו שאַפן אַ „טעאָריע״. וואָס איז שייך פראַנצויזן, האָט זיי די
„גרויסע רעוואָלוציע״ געגעבן דעם געפיל פון אַ היסטאָרישער שליחות — צו
זיין אַ „נס לגויים״ און פירן די איבעריקע וועלט אויפן וועג צו פּאָליטישער
פרייהייט און דעמאָקראַטיע. נישט פריי פון אתה־בחרתנו־טענדענצן איז אַן
אַנדער לאַטייניש פאָלק, די איטאַליענער. גראָד דער פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָ־
נערער טיפּ איטאַליענער פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט געוואָלט גלייבן,
אַז די השגחה העליונה האָט אויסגעקליבן זייער פאָלק צו זיין דער אַוואַנגאַרד
פון דער מענטשהייט אויפן וועג צו מאָראַלישער ווידערגעבורט. „באחרית
הימים״, שרייבט מאַדזיני אין איינעם פון זיינע טעמפּעראַמענטפולע פּאַמפּ־
לעטן, „וועט דאָס פאָלק וואָס האָט אַממערסטן געליטן און אָפּגעהיט זיין
גלויבן אין ריינקייט, געבענטשט ווערן פון גאָט מיט דעם ווילן און קוראַזש
צו זיגן און צו שטאַרבן פאַר אַנדערע. דאָס איז
דער שיקזאַל פון אַ פאָלק, וואָס באַנייט די וועלט. עס שטייט אויף און קעמפט.
עס קען טריומפירן אָדער עס קען אונטערגיין, אָבער אַלץ איינס: פון זיין אַש
אָדער פון זיין זיג־מזבח וועט דאָס וואָרט, וועלכן עס איז באַשערט
צו זיין דאָס וואָרט פון אַ נייער תקופה, אַרויסקומען און דערלייזן די וועלט״.
און אַזאַ נביאיש פאָלק זענען פאַר אים געווען איטאַליענער. נאָך דער רוימי־
שער אימפּעריע פון אַמאָל, נאָך דער רוים פון דער קאַטוילישער קירך און די
פּויפּסטן, מוז אויפשטיין, ווי ער שרייבט אין זיינעם אַן אויפרוף צו יונג־אי־
טאַליע, אַ דריטע רוים, וועמענס אויפגאַבע עס וועט זיין „צוזאַמענצושליסן
און האַרמאָניזירן ערד און הימל, רעכט און פליכט״. אפשר אַ סך טיפער (אויך
היסטערישער) ווי אין מערב־אייראָפּע, איז דאָס געפיל פון אויסדערוויילט־
קייט געווען אַ געוויסע צייט כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסלאַנד. ווען
מען פרעגט שאַטאָוון אין דאָסטאָיעווסקיס „שדים״, צי ער גלייבט אין גאָט,
טראַכט ער נישט קיין סך און ענטפערט: „איך גלייב אין רוסלאַנד״. ווער עס
גלייבט אין רוסלאַנד, הייסט דאָס, גלייבט שוין ממילא אויך אין גאָט, ווייל
דאָס רוסישע פאָלק איז דער עכטער טרעגער פון דער גאָט־אידייע. אין דאָס־
טאָיעווסקיס אויגן ליגט די גאַנצע וועלט, באַזונדערס די מערב־אייראָפּעישע,

אין די מ״ט שערי טומאה, און אַן רוסלאַנדס הילף קאָן זי גאָרנישט געריי־ניקט און דערלייזט ווערן. איירָאָפּע איז אַ בית־עולם מיט קאָסטבאַרע מצבות: עס שטינקט פון איר מיט פוילעניש, וועלכע טויג אַפילו נישט אויף צו באַ־מיסטיקן די פעלדער. וואָס זענען די פראַנצויזן? פוסטע קאָקעטן. וואָס זענען די דייטשן? אַ נידעריק פאָלק פון קאַלבאַסניקעס. וואָס זענען די ענגלענדער? לאַנגווייליקע און אויבערפלעכלעכע ראַציאָנאַליסטן. וואָס זענען די ייִדן? די־גאווה שטינקט פון זיי... אַלע אידייען וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מערב־איירָאָפּע זענען פאַרוועלקטע בלומען. די איינציק אמתע און גרויסע אידייע איז די רוסישע אידייע: מיר, רוסן, באַגרייפן אַלץ, איר (נישט־רוסן) זייט ענגהאַרציק און באַשרענקט אין אייער גייסט. רוסלאַנד איז דערפאַר דער קאָלעקטיווער קריסטוס, דער נייער גואל פון דער וועלט״. דאָסטאָיעווסקי איז אין דער רוסישער ליטעראַטור און געזעלשאַפט נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אתה־בחרתנו־געפילן און מיט אַפּאָקאַליפּ־טישע דערוואַרטונגען, וואָס האָבן זיך פון יענע געפילן געשפּייזט. אויף אַן אַנדער אופן, כאָטש היטנדיק זיך פאַר אַ באַשטימטער נאַציאָנאַליסטישער אָדער ראַסיסטישער פאָרמולע, האָט דעם זעלביקן מאָטיוו אויסגעדריקט טאָלסטאָי. פאַר וועמען רוסן זענען אויך געווען אַ פאָלק פון גאָט־טרעגער. נישט נאָר רעאַקציאָנערע סלאַוואָפילן, נאָר אויך אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע קרייזן ווי די „נאַראָדניקעס״ און שפּעטער זייערע יורשים, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, מיט זייער טעזיס, אַז רוסלאַנד איז מסוגל און כמעט פּראָ־ווידענציעל־פאָראויסבאַשטימט צו מאַכן אַ קפיצת־הדרך פון אַ האַלב־פעאָ־דאַלער אָרדענונג גלייך אין סאָציאַליזם — אויסמיידנדיק אַ קאַפּיטאַליסטישן צווישן־פּעריאָד — האָבן פאַקטיש באַטראַכט די רוסן און ספּעציעל דעם רו־סישן מוזשיק פאַר אַן „עם־סגולה״. עס וועט נישט זיין קיין פּאַראַדאָקס צו באַהויפּטן, אַז, טראָץ זיין אינטערנאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט אויך דער רוסישער באָלשעוויזם מיט זיין לאָזונג, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע וועט פירן די גאַנצע וועלט צום טריומף פון אַ מין מלכות־שדי, **אויף זיין אופן** באַטאָנט אַ געוויסע סופּעריאָריטעט פונעם רוסישן פאָלק, פון זיין באַרופן־זיין צו דערפילן אַ וועלט־מיסיע. אַז דער זעלבסטגעפיל פון אויס־דערוויילטקייט איז אין רוסלאַנד נישט געווען באַשרענקט אויף דער אינטעלי־גענציע, קען מען זען קלאָר פון אַזאַ אַלטן, פאָלקסטימלעכן אויסדרוק ווי „סוויאַטאַיאַ רוס״ (דאָס הייליקע רוסלאַנד).

נישט פרעמד זענען אתה־בחרתנו־געפילן אויך אין פוילן. אויב מאַדזיני און דזשיאָבערטי האָבן געוואָלט זען דעם וועלט־דערלייזער אין איטאַליענישן פאָלק (זיך איינרעדנדיק, אַז איטאַליענער האָבן געליטן מער פון אַנדערע און

האָבן רייִנער פון אַנדערע אָפּגעהיט זייער אמונה אין אייביקע ווערטן), אויב גיזאָ האָט געוואָלט באַטראַכטן פראַנקרייך פאַרן „אור לגויים״ און פיכטע האָט געפאָדערט דעם דיפּלאָם פונעם „פירנדיקן פאָלק״ פאַר דייטשלאַנד, האָבן אַזעלכע ראָמאַנטיקער־נאַציאָנאַליסטן ווי מיצקיעוויטש און ציעשקאָווסקי גע־וואָלט זען אין פוילישן מאַרטירערטום די נביא־קרבן־ראָלע וואָס זייער פאָלק שפּילט אין דער מיסטעריע פון וועלט־גאולה. אין דעם „בוך פון דעם פוילישן פאָלק און פון פוילישן פּילגרימענטום״, געשריבן אין זיינע טרויעריקע פּאַרי־זער גלות־יאָרן, אַנטוויקלט מיצקעוויטש דעם געדאַנק, אַז יעדער גרויסער אָפּשניט פון דער וועלט־געשיכטע מוז האָבן זיין „ישראל״ — אַ פאָלק וואָס נעמט אויף זיך די משיח־ליידן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; אין אַלטער־טום איז די דאָזיקע מיסיע געגעבן געוואָרן צו יידן, און אין די נייע צייטן זענען פּאָליאַקן דער נייער „ישראל״, באַרופן דורך זייער מאַרטיראָלאָגיע צו דערלייזן די וועלט. איבערגייענדיק צו דער היינטיקער אַזיאַטישער וועלט, איז גענוג צו דערמאָנען גאַנדיס אמונה, אַז זיין פאָלק איז מער פון אַלע פעל־קער פּרעדיספּאָנירט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די פּרינציפּן און מעטאָדן פון „נישט רעזיסטענץ״, און אַז די וועלט־גאולה קען נאָר קומען פון אינדיע.

עס האָט דאָ ווייניק זין זיך אָפּצושטעלן אויף דעם היינטיקן לחלוטין קליניקן סופּער־נאַציאָנאַליזם פון היטלער־דייטשלאַנד און אויף זיין יניקה פון אַלטע דייטשע מקורות. וואָס פאַר אַ פיזיאָנאָמיע דער דאָזיקער נאַציאָנאַ־ליזם האָט, איז באַקאַנט דער גאַנצער וועלט. אָבער אַ סך טיפער פאַרוואָרצלט איז דער אתה־בחרתנו־געפיל אין יאַפּאַנישן פאָלק.

די יאַפּאַנישע הייליקע שריפטן זענען אַ מאָנומענטאַלע ביבליאָטעק, פאַר־וועלכער מען דאַרף האָבן יאָרן און יאָרן פון פלייסיקן שטודיום. ווייל הייליק איז פאַר מיליאָנען יאַפּאַנער די מרה־שחורהדיקע בודיסטישע ליטעראַטור, און אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַרנעמען ביי זיי די אינטעלעקטועל־רייפע שריפטן פון קאָנפוציוס און זיינע תלמידים, און אין משך פון די לעצטע דרייצן יאָרהונ־דערטן האָט די מיסטיק פון לאַאָ־טסע אויך נישט ווייניק באַאיינפלוסט די בעסערע געמיטער אין יאַפּאַן. דאָס זענען אָבער אַלץ רעליגיעזע עלעמענטן וואָס זענען קיין יאַפּאַן אימפּאָרטירט געוואָרן פון אינדיע און פון כינע. נישט אין זיי האָט זיך פאַרקערפּערט דער אייגענער „געניוס״, דאָס אָריגינעל יאַ־פּאַנישע. דעם פאָלקס־מיטאָס פון יאַפּאַן גופא דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנ־דערש — אין איר נאַציאָנאַלער רעליגיע אָדער „שינטאָ״, וועלכע איז אין אויס־לאַנד ווייניקער באַקאַנט און פאַרשטענדלעך איידער די רעליגיעס פון אַלט־אינדיע און כינע.

פאַר אַ מענטשן פון אַן אַנדער ציוויליזאַציע איז נישט לייכט תופס צו

זיין די טערמינען, באַגריפן און לעגענדעס, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אין אַזעלכע כתבים ווי די „רעקאָרדן פון אַלטע ענינים״, אָדער „די קאָלעקציע פון צען טויזנט בלעטער״, און נישט איין מאָל פילסט דו ווי אַפילו די בעסטע איבערזעצונג שטייט צווישן דיר און אָריגינאַל ווי אַ שווערע, פינצטערע מחיצה. אַ סך העלפט אונדז אַרויס אַסטאָן מיט זיינע פירושים. זיין בוך ("Shinto, the Way of the Gods") ווערט פאַררעכנט פאַר איינער פון די בעסטע אַרבעטן וואָס אַ וויסער מענטש האָט ווען עס איז אָנגעשריבן וועגן דער יאַפּאַנישער „יראה״. אָבער אויך אַסטאָנען איז מסתמא נישט געלונגען ווי געהעריק אַריינצודרינגען אין דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון דער אַלט־יאַפּאַנישער נשמה, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די אַממערסטן שאָוויניסטישע פּראָיעקציע אויף דער וועלט, וואָס איז ווען עס איז דערשינען אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

בודיזם איז לכתחילה געבוירן געוואָרן אַלס אַן אוניווערסאַלע רעליגיע: די תחומים פון לאַנד, פאָלק, ראַסע שפּילן אין אים קיין שום ראָלע נישט. דער בודיסט האָט, פון זיין שטאַנדפּונקט, אַ רעכט צו זאָגן, אַז אויב עס זענען פאַראַן מענטשלעכע ברואים אויפן מאַרס אָדער אויף דער לבנה, קענען זיי אויך זיין בודיסטן. אויף די אַלט־כינעזישע רעליגיעס ליגט מער דער שטעמפּל פון כינעס לאָקאַלער ציוויליזאַציע, אָבער אין תוך אַנטהאַלטן זיי נישט קיין עלעמענטן, וואָס מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק זאָלן נישט קענען אָננעמען. שינטאָ איז אין וויטן מזרח די איינציקע בלוט־נאַציאָנאַליסטישע רעליגיע, וואָס פאַרהייליקט דאָס אייגענע פאָלק און באַציט זיך מיט פאַראַכטונג צו אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. „אתה־בחרתנו״ איז אַ זייער שוואַכער אויסדרוק, כדי מיט אים צו כאַראַקטעריזירן יענע זעלבסט־פאַרליבטקייט, וואָס שינטאָ זוכט איינצופלאַנצן אין יאַפּאַנישן פאָלק. אין ייִדישן באַוווּסטזיין האָט שטענדיק געלעבט דער באַגריף, אַז שם און חם און יפת, יעקב און עשו, ישראל און עמלק, משה רבנו און בלעם, עזרא הסופר און המן, רבי שמעון בן־יוחאי און טיטוס שטאַמען אַלע פון איין יחוס, און אַז וויפל מענטשן עס זאָלן נישט קומען אויף דער וועלט עד סוף כל הדורות וועלן זיי אַלע זיין אדם־הראשונס קינדער. דער צענטער פון דער שינטאָ־קאָסמאָלאָגיע איז אַ גאַנץ אַנדערער, אַן עקסטרעם ראַסיסטישער. דער יאַפּאַנישער „בראשית״ דערציילט נישט וועגן דעם ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד. בראשית ברא.. יאַפּאַן — די וועלטשאַפונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פון די יאַפּאַנישע אינדזלען. די געטער, קען מען זאָגן, האָבן זיך אַ שטיק צייט געקווענקלט, צי זאָלן זיי נאָך באַשאַפן אַנדערע לענדער אויך, אָדער עס איז געווען זיך צו־פרידנצושטעלן מיטן קעניגרייך פונעם מיקאַדאָ. עס וועט נישט זיין קיין גרוי־

סער לשון־הרע צו באַהויפּטן, אַז לויטן גייסט פון שינטאָ קומט אויס, אַז אַנדערע אינדזלען און קאָנטינענטן זענען נאָכדעם באַשאַפן געוואָרן, כדי די יאַפּאַנישע הערשאַפט זאָל האָבן פאַר זיך אַ ברייטערע ספערע. אָבער די הער־שאַפט פון יאַפּאַנער הייסט די הערשאַפט פונעם קעניג — מערער ווי אין וועל־כער נישט איז אַנדערער רעליגיע, וואָס האָט נאָך היינט אַן אָנהאַלט אין דער וועלט. ווייל דער מיקאַדאָ איז נישט אינגאַנצן אַ בשר־ודם, נישט אַפילו אַן איבערמענטש אָדער אַ הייליקער — ער איז פון דירעקטן געטלעכן אָפּשטאַם. דער ערשטער מיקאַדאָ שטאַמט פון דער וויכטיקסטער פיגור אין דער יאַפּאַני־שער רייכער געטער־גאַלעריע — פון אַמאַ־טעראַסו, די זון־געטין. דאָס האָט זי איר קינד געשיקט פון הימל אויף דער ערד מיט אַ ברכה:

„נידער אַראָפּ און וווין דאָרט, און הערש איבער דעם דאָזיקן שפּעדיקן לאַנד פון וואַסער־ראָרן און פרישע רייז־זאַנגען". די „אימפעריע", לייענען מיר אין נ י ה אָ ן ־ ג י, אין אַ קלאַסישן שינטאָ־בוך, „איז אָנפאַרטרויט געוואָרן פון דער זון־געטין צו די וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אירע לענדן, מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „מיינע קינדער, אין זייער אייגנשאַפט אַלס גאָטהייטן, זאָלן זי רעגירן". מחמת דעם איז דאָס דאָזיקע לאַנד, זינט הימל און ערד האָבן זיך אָנגעפאַנגען, שטענדיק אַ מאָנאַרכיע".

נאָך קלאָרער ווערט אויסגעדריקט דעם מיקאַדאָס סטאַטוס אין אַן אַנ־דער קאַפּיטל פון דעם זעלביקן בוך: „דאָס איז דער מאַנדאַט פונעם יאַפּאַנישן אימפעראַטאָר, וועלכער הערשט איבער דער וועלט אַלס אַ פ אַ ר ק ע ר פּ ע ר ט ע ר ג אָ ט". מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס אויך אין דער מאָדערנער קאָנסטיטוציע פון יאַפּאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1889 אונטער דער השפּעה פון מערב־אייראָפּעיִשן און אַמערי־קאַנער ליבעראַליזם, זענען איינגעשלאָסן ספּעציעלע צוויי פּאַראַגראַפן וועגן דער הייליקייט פונעם מיקאַדאָס פּערזאָן.

יאַפּאַן איז נאַטירלעך נישט דאָס איינציקע לאַנד, ווו דער קעניג איז פאַרגעטערט געוואָרן. די פּרעהס זענען געווען געטער אָדער האַלב־געטער, און אין דער רוימישער אימפּעריע האָבן זיך קיסרים „אַרויפגעאַרבעט" אויף אַ סטאַטוס פון גאָטהייט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער יאַפּאַנישער נאַציאָ־נאַלער רעליגיע איז די אַבסאָלוטקייט פון דעם דאָזיקן פאַרגעטערונג־פּראָצעס און דער פאַקט, וואָס אין משך פון טויזנטער יאָרן, טראָץ אַזוי פיל ענדערונ־גען און גייסטיקע רעוואָלוציעס וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט, איז דער מיקאַדאָ געבליבן ביי זיין אָריגינעלן יחוס — ביי זיין אָפּשטאַם פון דער גרעסטער געטין. דער געטלעכער ראַנג פונעם קעניג איז, אין קאָנטעקסט פון יאַפּאַנישער געשיכטע, דער יסוד אויף וועלכן עס האַלט זיך דער רעליגיע

סאַנקציאָנירטער געפּיל פון נאַציאָנאַלער סופּעריאָריטעט. יאַפּאַן איז דאָס ערשטע לאַנד וואָס די געטער האָבן באַשאַפן, דער מיקאַדאָ איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן דער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט, און ער איז, קודם־כל, אַ יאַפּאַנער. דאָס יאַפּאַנישע פאָלק אַלס גאַנצעס שטאַמט פון די געטער: אויב אין יעדן דור איז פאַראַן איין יאַפּאַנער וואָס אין זיינע אָדערן פליסט „געטלעך בלוט", זענען אַלע יאַפּאַנער צוזאַמענגענומען נישט בלויז אַ געט־לעך פאָלק, נאָר, אויב מ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אַ גאָט־פאָלק. אַלע פעלקער זענען אין פאַרגלייך מיט די יאַפּאַנער נידעריקע, און באַזונדערס סטאַרען זיך די שינטאָ־טעאָלאָגן צו דערנידעריקן כינע און אינדיע — גראָד יענע צוויי לענדער, פון וועלכע יאַפּאַן האָט געקראָגן אַ העכערע קולטור, גרויסע קינסט־לערישע אינספּיראַציעס, דערהויבענע רעליגיעזע באַגריפן און אַפילו דעם אלף־בית פאַר זייער ליטעראַטור. איינער פון די גרעסטע שינטאָ־געלערנטע, מאָטורי, שעמט זיך נישט צו שרייבן (סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט):

„אַלס פרעמדע לענדער זענען כינע און אינדיע, באַזונדערס כינע, נישט אונטער דער ספּעציעלער השגחה פון דער זון־געטין. זיי האָבן נישט קיין שטענדיקע הערשער, און בייזע גייסטער, וואָס האָבן דאָרט געפונען אַ גינס־טיק פעלד פאַר זייערע האַנדלונגען, האָבן פון דאָרט קאָרופּטירט די מענטש־הייט".

דער זעלביקער מאָטורי זוכט צו דיסקרעדיטירן די לערע פונעם כינעזער לאַאָ־טסע, וועלכער האָט געקראָגן אין יאַפּאַן אַ געוויסע השפעה אין דער הע־כערער געזעלשאַפט: „מען פרעגט אָפט, צי איז שינטאָ נישט דאָס זעלביקע וואָס די טאַאָ־רעליגיע פון לאַאָ־טסע. לאַאָ־טסע האָט פיינט געהאַט די פּוסטע גאווה פון די כינעזישע תלמידי־חכמים און האָט געהאַט רעספּעקט פאַר נאַ־טירלעכקייט. היות אָבער ער איז געבוירן געוואָרן א י ן אַ ש מ ו צ י ק ל אַ נ ד, וואָס געפינט זיך נישט אונטערן ספּעציעלן שוץ פון דער זון־געטין, האָט ער בלויז געהערט פון די טעאָריעס וועגן דער שלשלת־היוחסין פון היי־ליקע באַשעפענישן" (אָבער, הייסט עס, נישט געקאָנט זיי תופס זיין). נאָך קלאָרער שרייבט וועגן יאַפּאַן און די איבעריקע אומות־העולם היראטאָ, אַ שינטאָ־טעאָלאָג פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט:

„די צוויי פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן זענען, אַז יאַפּאַן איז דאָס לאַנד פון די געטער און אַז אירע איינוווינער ש ט אַ מ ע ן פ ו ן ד י ג ע־ט ע ר. צווישן יאַפּאַנישן פאָלק, פון איין זייט, און כינעזער, הינדוסן, רוסן, האָלענדער, סיאַמעזער און אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, פון דער אַנדע־רער זייט, איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין ו ו ע ז ן, נישט אין דער שטופע פון אַנטוויקלונג... דער מיקאַדאָ איז דער אמתער זון פון הימל און איז דער־

פאַר באַרעכטיקט צו רעגירן איבער די פיר ימים און די צען טויזנט לענדער... פונעם פאַקט וואָס דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז פון געטלעכן אָפּשטאַם קומט דער נאַטירלעכער אויספיר אַז עס איז אָן אָן ערך העכער פון די איינגעבוירענע אין אַנדערע לענדער, אין קוראַזש און אינטעליגענץ... פון דער אַנדערער זייט, דער פאַקט וואָס די דינאַסטיע פון די מיקאַדאָס לעבט אייביק, איז אָן אַבסאָ־לוטער באַווייז אַז שינטאָ איז אָן אָן ערך העכער פון די סיסטעמען פון אַלע אַנדערע לענדער״.

אויף וויפל מיר איז אויסגעקומען ביז אַהער זיך צו באַקענען מיט עלע־מענטן פון דער קלאַסישער שינטאָ־ליטעראַטור, האָב איך אומזיסט געזוכט אין איר דעם טראַגישן מאָטיוו, וועלכער פילט זיך אין פאַרשיידענע גראַדן אין די מייסטע רעליגיעס — דעם קאַמף פון גוטס און בייזס אין דער מענטש־לעכער נשמה, די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַ מאָראַלישן אידעאַל, דעם קאָנפליקט צווישן פאַרשיידענע פליכטן, דאָס לעכצן נאָך גייסטיקער דערליי־זונג. אויך די מייסטע תפילות וואָס זענען מיר געקומען צו דער האַנט טראָגן נישט דעם כאַראַקטער פון לירישע תחנונים אָדער פון אַ שטרעבן צו אַ מין „התבטלות היש״ אין דעם וועלט־אַל (וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש ספּע־ציעל פאַר דער בודיסטישער קולטור). דאָס זענען מערסטנטייל מאַגישע טראַנ־סאַקציעס, הבטחות צו פאַרשיידענע געטער און גייסטער, אַז מען וועט זיי ווי געהעריק באַלוינען מיט רייז־זאַנגען און שמעקנדיקן גראָז, מיט פייגל און מיט פיש, אויב זיי וועלן בענטשן די גערעטעניש אָדער דעם פאַנג. נישט מיט אַלע געטער קענען די שינטאָ־מאמינים קומען אין באַרירונג — לויט איין נוסח זענען פאַראַן 80 מאָל צען טויזנט געטער, און לויט אַן אַנדערן, גאַנצע 800 מאָל צען טויזנט — עס איז אַפילו אוממעגלעך צו קענען זיי אַלע ביי די נע־מען; אַ חוץ דעם זענען צווישן זיי פאַראַן נישט ווייניק אַזעלכע וואָס זענען לויט דער אייגענער מיטאָלאָגיע גרויסע מנוולים. אָבער אַפילו אין באַצוג צו „גוטע״ געטער, צו וועלכע ס׳ווערן אָפּט אַדרעסירט תפילות, פילט מען נישט קיין „אינטעלעקטועלע ליבע״, קיין ווייטיק פון שולד און זינד, קיין אינספּי־ראַציע פון חסד וואָס זאָל זיך ביי דעם דאַווענער נאָכדעם קענען איבערגיסן אין זיינע באַציונגען צו דער אַרומיקער מענטשלעכער וועלט.

עס קען זיין אַז איך מאַך אַ טעות. סוף־כל־סוף זענען מיר דאָס ביסל תפילות באַקאַנט אין איבערזעצונגען אויף אייראָפּעישע שפּראַכן, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז מיר האָבן גאָרנישט קיין אויער פאַר געווויסע קלאַנגען פון אַ יאַפּאַנישער השתפכות־הנפש. דאָס איז אַ ווייטע, ווילד־פרעמדע ציווי־ליזאַציע, מיט וועלכער מיר האָבן ביז נישט לאַנג צוריק כמעט קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט, און אונדז איז שווער צו באַגרייפן, וואָס עס לעבט איבער

אַ פרומער יאַפּאַנער, ווען ער לייענט, למשל, די פאַלגנדיקע שורות אין אַ פּאָעמע פונעם אַכטן יאָרהונדערט,ביים שינטאָ־דיכטער היטאָמאַראָ:

„יאַפּאַן איז נישט קיין לאַנד וווּ מענטשן דאַרפן דאַוונען,
יאַפּאַן אַליין איז געטלעך און איר לופט — אַ תפילה,
און דאָך וועל איך מיין שטימע אויפהייבן און זינגען אַ געבעט".

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזאַ סובלימאַציע פון פּאַטריאָטישן געפיל, פאַר וועלכער מיר האָבן גאָרנישט קיין חוש, און עס קען זיין, אַז פאַר מיליאָנען יאַפּאַנער איז שינטאָ אַ מקור פון טיפע מיסטישע איבערלעבונגען.

אָבער אַלצאיינס: וואָס שינטאָ זאָל נישט זיין א י ן ז י ך און פאַרן יאַפּאַנישן געמיט — פאַר שכנים, פאַר אַנדערע פעלקער, פאַר דער וועלט איז אַזאַ רעליגיע אַ געפאַר. אָט זע איך, צום ביישפּיל, ווי דער שוין דערמאָנטער מאָטורי, דער גרויסער שינטאָ־קאָמענטאַטאָר פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, זוכט צו פאַרענטפערן די פראַגע, פאַרוואָס אין די קלאַסישע שינטאָ־שריפטן איז דער ריין־עטישער מאָמענט אַזוי ווייניק און שוואַך באַטאָנט:

„ביז צום סוף פון דער צייט איז יעדער מיקאַדאָ אַ געטינס זון. זיין גייסט איז אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיטן דענקען און פילן פון דער געטין. ער זוכט נישט קיין נייע דערפינדונגען. ער הערשט אין הסכם מיט פּרעצעדענטן וואָס שטאַמען פונעם געטער־דור. און האָט ער אַמאָל אַ ספק, ווענדט ער זיך צו דער גרויסער געטין (צו זיין מוטער) און זי אַנטפּלעקט אים איר גייסט. נישט נאָר דער מיקאַדאָ, נאָר אויך זיינע מיניסטאָרן און זיין פאָלק האַנדלען לויט די טראַדיציעס פונעם געטער־דור. די אידייע פון מ י ט ש י. אָדער עטיק, איז אין די אַמאָליקע צייטן דערפאַר קיינמאָל נישט באַרירט געוואָרן, ווייל די יאַפּאַנער זענען געווען עכט מאָראַליש אין זייער פּראַקטיק, האָבן זיי נישט געדאַרפט האָבן קיין טעאָריע פון מאָראַל. דער גאַנצער טומל וואָס די כינעזער האָבן געמאַכט אַרום טעאָריעס פון מאָראַל נעמט זיך דערפון, וואָס אין דער פּראַקטיק זענען זיי אויסגעלאַסן, הפקרותדיק".

מיר האָבן געבראַכט גענוג ביישפּילן, און עס האָט נישט קיין זין זיי צו פאַרמערן. זעלטן וווּ מען קען אָנווייזן אויף אַ פאָלק פון דער אָדער אַנדערער קולטור־מדרגה, וואָס איז אינגאַנצן פריי פון אַן אויסדערוויילטקייט־קאָמפּלעקס אָדער סופּעריאָריטעט־איינרעדעניש. עס זענען נאַטירלעך פאַראַן גרויסע אונטערשיידן אין די פאָרמען, אין וועלכע דאָס קומט צום אויסדרוק, און אויך אין גראַד פון אינטענסיווקייט, אין דער מאָס, אין וועלכער אתה־בחרתנו־אידייען זענען פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן, און אין דעם פּלאַץ וואָס אַזעלכע אידייען פאַרנעמען אין זייער רעליגיעזן באַוווסטזיין. דערביי איז כדאי צו גע־

דענקען, אַז נישט אַלע סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקסן מוזן זיין פון אַן אַגרעסיוו־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, ווי, למשל, ביי די מאָדערנע דייטשן און יאַפּאַ־נער. אין אינדיע, אין איטאַליע, ביי די פּוילישע ראָמאַנטיקער און מיסטיקער, קען מען זען גאַנץ בולט דעם מאַרטירערישן קרבן־קאָמפּלעקס — גיכער דעם מאָטיוו פון אַ קאָלעקטיוון „עבד ה׳“, איידער דעם מאָטיוו פון פּאָליטישע פּריווילעגיעס און פיזישער שררה איבער אַנדערע פעלקער.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז בלויז ביי קולטור־פעלקער באַגעגענען מיר זיך מיט סופּעריאָריטעט־באַוווסטזיין. די יעזויִטן וואָס זע־נען געקומען פון פראַנקרייך קיין קאַנאַדע אינעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָבן אונדז אַ סך צו דערציילן וועגן די אינדיאַנער, וואָס האָבן געקוקט אויף די ווייסע אַריינדרינגער ווי אויף אַ נידעריקער ראַסע אין פאַרגלייך מיט זיך, און פאָן־הומבאָלד, וועלכער האָט באַזוכט די קאַריבייער אינעם פריִען ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט פון זיי אָפטמאָל געהערט זייערן אַן אתה־בחרתנו־טעזיס: „נאָר מיר זענען אַ פאָלק, דער רעשט פון דער מענטשהייט איז באַשאַפן גע־וואָרן אונדז צו באַדינען“. ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט אונדז דער שווייצאַרישער פּסיכאָלאָג יונג דערציילט וועגן אַן אינדיאַנער אין לאַטיין־אַמעריקע, אַ הערשער איבער אַ פּועבלאָ, וועלכער פלעגט אים ביי פאַרשיידע־נע געלעגנהייטן זאָגן:

„מיר פאַרשטייען נישט די ווייסע מענטשן; שטענדיק זוכן זיי עפּעס, שטענדיק פעלט זיי עפּעס, שטענדיק זענען זיי אומרויִק. וואָס איז עס? מיר ווייסן נישט. מיר קענען זיי נישט פאַרשטיין. זיי האָבן אַזעלכע שאַרפע נעזער, אַזוינע דינע, אכזריותדיקע ליפּן... מיר דענקען, אַז זיי זענען אַלע מ ש ו ג ע“.

דער פּועבלאָ־„גובערנאַטאָר“ האָט נישט גענוג בילדונג, כדי צו שאַפן אַ טעאָריע, אָבער ביי זיך ווייסט ער, און זיינע שבט־גענאָסן ווייסן עס צוזאַמען מיט אים, אַז אין די וויכטיקסטע לעבנס־אָנגעלעגנהייטן זענען זיי אָן אַ שיעור העכער פון די ווייסע. דאָס האָבן זיך געוווסט, ווי יעזויִטישע מיסיאָנערן האָבן אונדז דערציילט, די אַצטעקן אין מעקסיקאָ: שפּאַנישע אַרמיי־אָפיצירן זענען געווען אין כעס אויף מיסיאָנערן, הלמאַי זיי פּרעדיקן קריסטנטום צווישן אַצטעקן, וועלכע האָבן מיט זיך, לויט זייער מיינונג, פאַרגעשטעלט אַ טיפּ פון אַ העכערער חיה, יעדנפאַלס פון אַן אונטערמענטש־באַשעפעניש „אָן אַ נשמה“. אָבער די אַצטעקן גופא זענען ביי זיך געווען זיכער, אַז די ווייסע דעראָבערער געהערן צו אַן אויסער־מענטשלעכן מין. אַן עסקימאָ, וועמען עס איז אויסגע־קומען אויף אַ פּאָר געצוווּנגענע באַזוכן אין מערב־קאַנאַדע זיך צו באַגעגענען מיט יידן און האָט געהערט דערציילן וועגן דעם יידישן מנהג, אין דער סדר־

נאכט אויסצושרייען „כל דכפין ייתי וייכול", האט זיך צעלאכט און דער־קלערט, אַז ייִדן האָבן דעם מנהג, ווייזט אויס, איבערגענומען פון עסקימאָסן, און דערצו נאָך זייער שלעכט איבערגענומען. ווייל קיין שום עסקימאָ (אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר), ווען ער איז אין וואַלד אויף דער יאַגד, זעצט זיך נישט עסן, ביז ער שרייט נישט אויס דריי מאָל אין דער לופט אַן איינלאַדונג צו נעמען אַנטייל אין זיין מאָלצייט. „עס איז נישטאָ קיין זאַך", האָט ער פאַר־ענדיקט, „וואָס עסקימאָסן דאַרפן זיך לערנען ביי אַנדערע, בשעת עס זענען פאַראַן אַ סך וויכטיקע זאַכן וואָס ווייסע וועלן נאָך מיט דער צייט זיך אָפּ־לערנען פון אונדז".

מיר האָבן געבראַכט אַ צאָל ביישפילן (וועלכע מ'וואָלט געקענט, ווען נייטיק, פאַרצענפאַכן) וועגן פאַרשיידענע פאָרמען און אינטענסיוויטעטס־גראַדן פון אתה־בחרתנו־געפילן ביי פיל פעלקער און שבטים — קולטורעלע און אַזעלכע וואָס אונדז ווילט זיך רופן „נישט־קולטורעלע". דער צוועק פון די דאָזיקע אילוסטראַציעס איז נישט צו באַווייזן עפּעס פּאָזיטיווס. אַן און פאַר זיך זענען זיי נישט אימשטאַנד נישט צו באַשטעטיקן און נישט אָפּצולייי־קענען די עקזיסטענץ פון סופּעריאָרע פעלקער. זיי זענען אָבער גענוג, ווי אונדז דוכט זיך, אַרויסצורופן אַ געוויסן סקעפּטיציזם וועגן דעם גאַנצן ענין פון קלאַסיפיצירן נאַציאָנאַלע און ראַסן־גרופּן לויט דעם קריטעריום פון „העכער" און „נידעריקער". אויב עס זענען פאַראַן אין דער וועלט אַזוי פיל אַנטקעגנ־געזעצטע תביעות אויף סופּעריאָריטעט, מוזן זיי, לכל־הפּחות, שאַפן דעם איינ־דרוק פון סוביעקטיווע אָדער עגאָצענטרישע אָפּשאַצונגען. און ווען עס געפי־נען זיך נאָך היינט ביי ייִדן געבילדעטע און דענקנדיקע מענטשן, וואָס ווייסן ווי רעלאַטיוויסטיש און טענדענציעז עס זענען די אתה־בחרתנו־באַגריפן און פאַרשטעלונגען ביי די אומות־העולם, און פונדעסטוועגן ווילן זיי זיך נישט שיידן מיט דער טראַדיציאָנעלער אידייע פון ייִדישער סופּעריאָריטעט, זענען זיי מחוייב אונדז צו געבן אַ ריי אויפקלערונגען. זייער ערשטע אינטעלעקטוע־לע פליכט איז אָנצוצייגן אויף אַ באַשטימטן מאָסשטאַב, מיט וועלכן מ'דאַרף, לויט זייער איבערצייגונג, מעסטן דעם גייסטיקן שיעור־קומה פון אַ ראַסן־גרופּע אָדער פון היסטאָריש־סאָציאַלן קאָלעקטיוו. צווייטנס, דאַרפן זיי באַ־ווייזן אַז, אָנווענדנדיק דעם דאָזיקן מאָסשטאַב אויף דעם גאַנצן סכום פון היסטאָרישע אַנטוויקלונגען און אויפטויקלונגען, וואָס זענען אונדז באַקאַנט, זעט מען אַרויס דעם ייִדישן שיעור־קומה אַלס העכער אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. און דריטנס, איז זייער חוב צו באַווייזן, אַז דער דאָזיקער העכערער שיעור־קומה ביי ייִדן איז נישט אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע „אַק־צידענטן"; אַנדערש גערעדט, אַז דער אַזוי גערופענער „געניוס" פונעם ייִדישן

פאָלק איז נישט דער סך־הכל פון היסטאָרישע שיקזאַלס־אומשטענדן, וואָס וואָלטן אפשר די זעלביקע סגולות געקענט אַרויסרופן אויך אין אַן אַנדער פאָלק, אונטער די זעלביקע „ביאָגראַפישע" באַדינגונגען, נאָר אַ דירעקטע אויסשטראַלונג פון זיין „אורנאַטור", פון זיין שורש־נשמה. נאָר נאָך אַזעלכע אויפקלערונגען מעג מען פאָדערן, מ׳זאָל זיך ערנסט צוהערן צו דער תביעה אויף אָנערקענונג פון יידישער סופּעריאָריטעט.

די איינציקע אין יידנטום, וואָס זענען נישט מחייב אונדז צו געבן אַזעל־כע ריין־מעטאַדאָלאָגישע דערקלערונגען, זענען יענע, וואָס שטייען נאָך ביז היינט מיטביידע פיס אויפן „פונדאַמענטאַליסטיש"־דאָגמאַטישן באָדן פון רעליגיעזן דענקען. פון פרומע, אָרטאָדאָקסישע יידן קענען מיר קיין ראַציאָ־נאַלן ענטפער נישט פאָדערן, און עס וואָלט געווען זינלאָז מיט זיי צו אַרגו־מענטירן. פאַר זיי איז יידישע אויסדערוויילטקייט אַ קאָסמישער פאַקט, אַ טייל פון דער געזעצלעכקייט אין אוניווערסום און אין אוניווערסאַלן געשען. אויב דער רבונו של עולם האָט געשלאָסן אַ „ברית" מיט אברהם אבינו און מיט אַלע דורות, וואָס וועלן אַרויסקומען פון זיינע לענדן, אויב יידנטום איז תורה מן השמים און יידן זענען געווען די איינציקע, וועמען גאָט האָט אויף אַ דירעקטן אופן אַנטפּלעקט זיין לערע: אויב די תורה וועט קיינמאָל נישט בטל ווערן, און אין דער גאַנצער אייביקייט, וואָס וואַרט נאָך אויף אונדז, וועט קיין אַנדער תורה נישט געגעבן ווערן; און אויב אַלע גייסטיקע ווערטן וואָס מענטשן וועלן ווען עס איז נאָך מחדש זיין, זענען גאָר קיין חידושים נישט, ווייל זיי זענען שוין אימפּליצירט אין דער תורה, און נאָר דער קוצר־המשיג שטערט אונדז זיי צו זען אין די רעקאָרדן פון דער צענטראַלער, אַלץ אויפ־פאַסנדיקער ה ת ג ל ו ת, מיט וועלכער גאָט האָט יידן מזכה געווען — פאַרוואָס זאָלן אַזעלכע יידן נ י ש ט גלייבן אין יידישער סופּעריאָריטעט, און ווער קען אין זיי דעם דאָזיקן גלויבן אויסלעשן אָדער שוואַכער מאַכן? אַזאַ ייד מעג זאָגן יעדן טאָג אין זיינע תפילות „ברוך שלא עשני גוי", מעג זאָגן אין זיין קידוש „כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים", און עס דאַרף אים לחלוטין נישט שאָקירן, ווען ער זאָגט מוצאי־שבת „המבדיל בין קודש לחול, בין אור לחושך, ב י ן י ש ר א ל ל ע מ י ם". ער האָט אויך נישט קיין גרונט צו באַהאַלטן זיין סופּעריאָריטעט־דיפּלאָם פאַר פרעמדע אויגן. ווייל ווי עגאָצענטריש זיין אתה־בחרתנו־אמונה זאָל נישט קלינגען, טראָגט זי אין זיך נישט קיין געפאַרן פאַר אַנדערע אומות. זי דערלויבט אים נישט צו אונטערדריקן אָדער באַהערשן אַנדערע פעלקער, און מיט איר גאַנצן „ראַ־סיזם" האָט זי אַ זייער שטאַרקן אוניווערסאַליסטישן אַספּעקט. דער זעלבי־קער ייד, וואָס דאַנקט גאָט „שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות

האדמה, שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם״, זאָגט — לויט דעם יִידישן סדר־תפילה — אַ פּאָר מינוט שפּעטער: „על כן נקווה לראות בתפארת עזך, להעביר גלולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון, לתקן עולם במלכות שדי וכל בשר יקראו בשמך, להפנות אליך כל רשעי־ארץ״. די אויסדערוויילטקייט גיט אים נישט קיין באַזונדערע ר ע כ ט, נאָר לייגט גאָר אַרויף אויף אים באַזונדערע און שווערע פ ל י כ ט ן. אין דעם קינפטיקן מלכות־שדי זעט ער פּלאַץ פאַר אַלע באי־עולם, פאַר דער גאַנצער דערלייזטער מענטשהייט, און לעתיד־לבוא מאָנט ער פון דער דאָזיקער מענטשהייט בלויז דאָס, וואָס „עס קומט אים״ — די אָנערקענונג פון זיין בכורה, פון זיין סטאַטוס אַלס דער ערשטער צווישן גלייכע אָדער גלייך־געוואָרענע. אַזאַ יִידן וועלן מיר נישט פרעגן, פאַרוואָס אָדער ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז פון אַלע פעלקער האָט גאָט אויסגעקליבן ישראל פאַרן אַדרעסאַט פון התגלות, פאַר זיין ווילן־טרעגער. אויב ער וויל, קאָן ער נאַטירלעך אייך „דערמאָנען״, אַז גאָט איז אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה איבער אַלע שבעים לשון און קיין איין אומה האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען, אַז יִידן זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן מסכים געווען זיך אָוועקצושטעלן פאַרן באַרג סיני. אָבער פאַרוואָס זענען אַנדערע אומות געווען אַזוי פאַרדאָרבן און פאַרוואָס זענען יִידן געווען אַזוי עמפּינדלעך פאַרן ליכט פון דער תורה? איז עס דען נישט דערפאַר וואָס גאָט האָט זיי אַזוי באַשאַפן? — איז פאַרוואָס האָט ער לכתחילה אויך אַנדערע פעלקער נישט געגעבן אַזעלכע הויכע אייגנשאַפטן? דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין איז פול מיט פּאַראַדאָקסן, און דער ענין „ידיעה ובחירה״ האָט שטענדיק געטראָגן אין דער יִדישער טעאָלאָגישער ליטעראַטור דעם כאַראַקטער פון אַ צירקל־קוואַדראַטור־פּראָבלעם: פון איין זייט, טוט אַ מענטש נישט אַ ריר מיטן פינגער דאָ אונטן ביז דאָס ווערט נישט באַשטימט פון אויבן, און פון דער אַנדערער זייט — דירעקטע פערזענלעכע אחריות פאַר אַלע מעשים און אַלע כוונות: „הפנקס פתוח והיד כותבת״. דער רמב״ם, וועלכער האָט נישט געלייקנט דעם אתה־בחרתנו (האָט אים אָבער נישט אַריינגענומען אין זיינע שלשה־עשר עיקרים און דערמיט אומדירעקט באַטאָנט, אַז פאַר אַ יִידן איז עס נישט קיין חוב צו גלייבן אין אויסדערוויילטקייט), האָט פאַר אים אומזיסט געזוכט אַ טעם און האָט געמוזט קומען צום שלוס, אַז דאָס געהערט צו יענע מיסטעריעזע אַספּעקטן פון גאָטס ווילן, וואָס מיר קענען גאָרנישט משיג זיין. מיט „שלומי אמוני ישראל״ האָבן מיר אויף דעם שטח נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך, און מען קען פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געפילט אַזוי טיף שאָקירט, ווען די „רעקאָנסטראָקשאָניסטן״ מיט פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן בראש האָבן פאַראַיאָרן אַרויסגעלאָזן אַ הגדה של פסח, פון וועלכער

זיי האָבן באַזייטיקט אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדישער בחירה. קיינער קאָן ביי זיי נישט צונעמען זייער סוביעקטיוו גערעכט־זיין.

אָבער ווען רעפאָרם־ייִדן, ווי מונק אָדער קאַופמאַן־קאָלער, וואָס גלייבן נישט אין תורה מן השמים, ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון ייִדישער בחירה; ווען אַזאַ נאַציאָנאַליסטיש־סעקולערער קעגנער פונעם רעפאָרם־ייִדנטום ווי אחד־העם נעמט אַריין אין זיין לערע, אין אַ מילדערער און מאָדיפיצירטער פאָרם, די אידייע פון ייִדישער סופּעריאָריטעט; ווען אין דעם סידור פון געוויסע פרייע ייִדישע קאָנגרעגאַציעס, וואָס האָבן די ייִדישע טראַדיציע „גערייניקט" מיט אַ שאַרף כירורגיש מעסער, געפינען מיר אַ דאַנק דעם רבונו של עולם פאַר זיין צעשפּרייטן ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט („זריתנו בארצות לקדש את שמך בעולם ממזרח שמש עד מבואו"), ווייל די מענטשהייט מוז אָנקומען צו דער לערע און גייסטיקער השפּעה פון ישראל, און פון ישראל וואָלטן די שטראַלן פון דער דאָזיקער השפּעה נישט גענוג ווייט דערגרייכט; — האָבן מיר אַ רעכט זיי אַוועקצוזעצן פאַר אַן עקזאַמען: וואָס מיינט א י ר מיט אייער באַהויפּטונג פון ייִדישער אויסדערוויילטקייט אָדער סופּעריאָריטעט? און פאַר אַלעמען, וואָס איז אייער קריטעריום? מיט וואָס פאַר אַן אַרשין באַבוצט איר זיך ווען איר מעסט פעלקער און ראַסן, איידער איר גיט זיי אַרויס אייערע אַטעסטאַטן? אויף גאָטס מיסטעריעזן ווילן אָדער געשמאַק קענען זיי זיך נישט סומך זיין: זייער אַרט דענקען איז דערצו צו „וועלטלעך". וואָס פאַראַ וועגן און אומוועגן זיי זאָלן נישט זוכן, מוזן זיי זיך, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, אָנשפּאַרן אויף אַ געוויסער „ראַסיסטישער" אינטערפּרעטאַציע: ייִדן טראָגן אין זייער „בלוט" עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז נישט פאַראַן ביי קיין שום אומה ולשון, און אָט דער ע פּ ע ס איז פון אומגעהייער גרויסער, פון דער העכסטער וויכטיקייט פאַרן גייסטיקן שיקזאַל פון דער מענטשהייט. ווער עס דערקלערט נישט די ייִדישע סופּעריאָריטעט מיט דער השגהס ווילן, (אָדער גאָר „קאַפּריז"), מוז זי אויסטייטשן אין ביאָלאָגישע טערמינען, מוז אָנקומען צו דער מיסטעריע פון „בלוט" מיט אירע אומזעבאַרע פּאָטענצן, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור, אַלץ איינס צי אַזאַ טערמינאָלאָגיע איז אייבעם היינט צום האַרצן אָדער נישט. אָבער וואָס, קאָנקרעט, איז יענער „עפּעס", וואָס ייִדן טראָגן אין זייער משׂשת־ימי־בראשיתדיקן פאָנד פון ראַסן־אייגנשאַפטן?

די אָנהענגער פון דער אתה־בחרתנו־אויפפאַסונג ווילן נאַטירלעך נישט דערנידעריקן זיך און דעם ענין גופא, אַז זיי זאָלן די ייִדישע סופּעריאָריטעט זען אין סתם ייִדישע „פעיִקייטן", וועלכע זענען מערסטנטייל אַ פּועל־יוצא פון דורות־לאַנגע אַדאַפּטאַציע־געוווינהייטן. מען דאַרף דענקען אויף אַ זייער

וואָלגאַרן ניווא, כדי צו קומען צום שלוס פון יידישן „העכער־זיין" אויפן גרונט פון זייערע דערפאָלגן אין קאָמערץ, אין אינדוסטריע אָדער אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אין דער אתה־בחרתנו־קאָנצעפּציע האָט מען צו טאָן נישט מיט די פעיקייטן עפּעס „קונה־צו־זיין", נאָר מיט שעפערישקייט, מיט כח־יצירה.

אין וואָס זשע אַלזאָ באַשטייט דער ספּעציפיש־יידישער כח־יצירה?

אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן אויפבויען גרויסע ציוויליזאַציעס, אין דעם טעכנאָלאָגיש־ווירטשאַפטלעכן זין, קענען יידן לגבי אַ ריי אַנדערע פעלקער נישט שטאָלצירן: קיין גרויסע און לאַנגדויערנדיקע אימפּעריעס האָבן זיי נישט אויפגעשטעלט; אויף דעם שטח זענען זיי אין אַלטערטום געווען „מינדערוועריק" אין פאַרגלייך מיט די בבליים, מצריים, גריכן, פּערסער און רוימער. עס איז קלאָר, אַז דער יידישער געניוס ליגט אויך נישט אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט. פּלאַסטישע אַרטיסטן פון וועלכער נישט איז באַדייטונג (און דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן מוזיק־קאָמפּאָזיטאָרן) זענען ביי יידן אַנטשטאַנען ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט. וואָס איז שייך וויסנשאַפט, זענען יידן געווען אין אַלטערטום הינטערשטעליק לגבי די עגיפּטער און די גריכן, און אין מיטלאַלטער — לגבי די אַראַבער. אַ ייד מעג היינט שטאָלצירן מיטן פאַקט, אַז די „גרעסטע וויסנשאַפטלער פון די לעצטע צוויי דורות, מאַרקס, פרויד און איינשטיין, זענען יידן" — דאָס קען אָבער נישט „מכפּר־זיין" דעם פאַקט, וואָס אין משך פון טויזנטער יאָרן, ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט, זענען יידן געווען אַזוי ווייניק שעפעריש אויפן געביט פון עכטער וויסנשאַפטס־פאָרשונג און אַנטדעקונג. וואָס איז שייך ספּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע, זענען יידן אין אַלטערטום געווען „באַרבאַרן" לגבי גריכן, און די וועלט האָט געדאַרפט וואַרטן ביזן זיבעצנטן יאָרהונדערט, כדי יידן זאָלן אַרויסגעבן אין דער פּערזאָן פון שפּינאָזאַ זייער ערשטן אָריגינעלן פילאָזאָף.

די ספּעציפיש־יידישע געניאַליטעט מוז דערפאַר ליגן ערגעץ־ווו אַנדערש, און אונדזערע אַדוואָקאַטן פון דער אתה־בחרתנו לערע האָבן טאַקע שטענדיק געזוכט צו באַווייזן, אַז אָריגינעלע יידישע שעפערישקייט, דאָס וואָס עס האָט יידן געמאַכט פאַר אַן „עם־סגולה" און זיי געגעבן דאָס באַוווסטזיין פון אַן אוניווערסאַלער שליחות, ליגט אין דער ספערע פון רעליגיע און מאָראַל. נישט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, נישט דאָס ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפירן און נישט דאָס ריין־עסטעטישע אויפפאַסן פון וועלט און לעבן — אַלץ ספערן, אין וועלכע אַ ריי אַנדערע פעלקער זענען נישט געווען אינפעריאָר לגבי יידן — האָבן געקענט פון זיך אַרויסברענגען יענע רעליגיעזע אידייען און מאָראַלישע ווערט־שאַצונגען און אימפּעראַטיוון, וואָס יידן האָבן אַרויסגעבראַכט פון זיך אויף, אַזוי צו זאָגן, אַן אינטויטיוון אופן. אָט די דאָזיקע ספּעציפישע

אינטואיציע פון אַ געליטערטן, רעליגיעזן וועלט־באַנעם און די סאָציאַל־מאָראַלישע שאַפונגען, וואָס ווערן פון יענעם וועלט־באַנעם סטימולירט און געשפייזט, זאָלן זיין דער אייגנאַרטיקער פּאַטאָס און די פּריווילעגיע־באַגאַבונג פון דעם ייִדישן פאָלק. וואָס דער נביא איז אין דער ראָם פון זיין פאָלקס־געמיינשאַפט, איז ישראל לגבי די אומות־העולם, אָדער, נוצנדיק ר׳ יהודה הלויס בילדלעך לשון, וואָס דאָס האַרץ איז פאַרן אָרגאַניזם פונעם יחיד איז די כנסת ישראל פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין (עס איז נאַטירלעך, לייענען מיר אין דעם כ ו ז ר י, וואָס ייִדן ליידן מער פון אַנדערע פעלקער, ווייל דאָס האַרץ אין יעדן אָרגאַניזם איז מער סענסיטיוו און אָפטער אויסגעזעצט צו פּיין און עינויים ווי יעדער אַנדער אָרגאַן). אַט די דאָזיקע פונקציע פונעם ייִדישן פאָלק אין דעם היסטאָרישן געשען פון דער מענטשהייט — די באַזונדערע סגולה צו קומען אין באַהעפטונג מיטן מאָראַלישן שורש פון דער וועלט און שעפעריש פּראַקטיצירן נאָכדעם אין דער ווירקלעכקייט די אימפּעראַטיוון אָדער מצוות, וואָס קומען נאַטירלעכערוויז אַרויס פון יענער באַהעפטונג — האָט אין זינען דער העגעליאַניש־באַאיינפלוסטער נחמן קראָכמאַל, ווען ער ווייזט אָן (אין זיין „מורה נבוכי הזמן״) די אַנטפּלעקונג פונעם „הרוחני המוחלט״ אין ייִדנטום. דעם מאָמענט האָט אין זינען געהאַט מונק, ווען ער האָט, מיט קרוב הונדערט יאָר צוריק געשריבן מיט אַזוי פיל קאַטעגאָרישקייט, אַז „די מיסיע פון די רוימער איז געווען גרויס־צו־האַלטן מענטשלעכע גבורה, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט; די מיסיע פון די גריכן איז געווען די קונסט אָדער דאָס גרויס־האַלטן פון אויסערלעכער (?) שיינקייט, וועלכע האָט נישט קיין ממשות, בשעת די מיסיע פונעם ייִדישן פאָלק איז געווען העכער פון דער נאַטירלעכער וועלט — צו דערקענען גאָט און ברענגען אויך אַנדערע צו דער דאָזיקער דערקענטעניש״.

מיט דער זעלביקער אָפּשאַצונג באַגעגענען מיר זיך (אין „רוים און ירושלים״) ביי דעם קאָמוניסט און נאַציאָנאַל־מיסטיקער משה העס: „דער וועלט־גייסט״, וויל ער גלייבן, „מאַניפעסטירט זיך אין פעלקער און ראַסן לויט זייער נאַטור און אייגנשאַפטן. אין ישראל האָט זיך דער געשיכטלעכער גייסט, וועלכער שאַפט די העכערע רעליגיאָזיטעט, אַנטפּלעקט אין דריי עפּאָכן: אין דער עפּאָכע פון תורת־משה און די נביאים, אין דער עפּאָכע פון קריסטנטום און איסלאַם, און נאָכאַמאָל צום סוף פון מיטלאַלטער (אין שפּינאָזאַן)״. אויפן גרונט, ווייזט אויס, פון די דריי התגלותן אין די דאָזיקע דריי (ווילקירלעך קאָנסטרויִרטע) עפּאָכן, איז העס גרייט אַפילו אַרויסצודרינגען אַ געוויסע היסטאָרישע געזעצמעסיקייט: „יעדעס מאָל ווען די צייט ווערט רייף פאַר אַ זאָמען פון סאָציאַלן ליכט פאַרזייט צו ווערן אינעם לעבן פון דער מענטש־

הייט, דינט דער יידישער געניוס אַלס לבוש, אין וועלכן דער גייסט אַנטפּלעקט זיך". אויך דער פּאָזיטיוויסטיש־אַנגעהויכטער אחד־העם מיט זיין עלעגאַנט־פאַרמאַסקירטן אַטעיזם האָט געזען אין דער יידישער געשיכטע עפּעס ספּע־ציפיש־וווּרטספּולס און מיסיאָנמעסיקס, ווען ער האָט אונדז אין זיינע עסייען געלערנט, אַז יידישער גייסט, — צום אונטערשייד פון אַנדערע נאַציאָנאַלע „גייסטער" — דריקט זיך אויס אין „בוז לכוח האגרוף" (פאַראַכטונג צו פּי־זישער קראַפט), אין „העלאת ערך החיים המוסריים על כוח הזרוע" (די דער־הייבונג פונעם ווערט פון מאָראַלישן לעבן איבער דער פיזישער קראַפט), און אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן יידישן פאָלק ליגט אין זיין פליכט־באַ־ווּוּסטזיין און אין זיין פעיקייט „להתקרב יותר משאר העמים אל האידיאל של השלמות המוסרית" (זיך צו דערנענטערן מער ווי אַלע פעלקער צום אי־דעאַל פון מאָראַלישער שלימות). דאָס רעליגיעז־מעטאַפיזישע אין יידנטום איז אָן און פאַר זיך פאַר אחד־העמען נישט וויכטיק. עס איז אָבער פאַר אים פון גרויסן ווערט אַלס „אויסערלעכער לבוש" פאַר די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן און שאַפונגען, וואָס זענען, לויט זיין מיינונג, כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן לעבנס־פּאַטאָס. מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס, ווי מיר קענען זען, זענען אַלע אָנהענגער פון דער יידישער אתה־בחרתנו־לערע אייניק אין זייער אויפפאַ־סונג: יידן אַלס עטנישע איינהייט (אָדער ראַסע?) טראָגן אין זיך אַ ספּעצי־פישע באַגאַבונג פאַר רעליגיעז־עטישער אינטויציע; זייער סופּעריאָריטעט דריקט זיך אויס אין אויפפאַסן מעטאַפיזיש־עטישע אמתן, אין פורעמען זייער לעבן אין גייסט פון די דאָזיקע אמתן און אין באַאיינפלוסן מיט יענעם גייסט אויך אַנדערע פעלקער.

אָבער אַזוי ווי קיין ספּעציעלע „בעמיע" פאַר דער אויספאָרשונג פון דער קאָמפּאָזיציע פון ראַסן־אייגנשאַפטן עקזיסטירט נישט, מוזן זיך אַלע „אתה־בחרתנו"־אידעאָלאָגן סומך זיין בלויז אויף היסטאָרישע פאַקטן און דערפאַ־רונגען — אויף מאַניפעסטאַציעס פון יידישן גייסט אין געשיכטלעכע פּראָ־צעסן. פאַר דעם פאַרמאָגן זיי נאַטירלעך אַ גאַר־רייכן מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך לייכט אויסטייטשן אין דער ריכטונג פון זייער הויפּט־אידייע. אָבער כדי די אויסטייטשונג זאָל זיין אָן אָביעקטיוו־גילטיקע, מוזן זיי באַווייזן צוויי זאַכן, אָן וועלכע זייער אַרגומענטאַציע האָט נישט קיין פעסטן יסוד. זיי מוזן, ערשטנס, באַווייזן, אַז אין די פאַרגלייכן וואָס זיי מאַכן צווישן יידן און די אומות־העולם נעמען זיי אין אַנבאַטראַכט נישט בלויז די פעלקער, מיט וועל־כע יידן זענען געקומען אין קאָנטאַקט, און וואָס צוזאַמען מיט זיי האָבן זיי גורם געווען צו דער שאַפונג פון דער העברעיש־גריכיש־רוימישער ציוויליזאַ־ציע; אַז אין האָריזאָנט פון זייערע באַטראַכטונגען זענען אַריינגענומען גע־

וואָרן אויך ראַסן, וואָס האָבן ביז צוריק מיט אַ פּאָר יאָרהונדערטער געפירט אַ סעפּאַראַטע עקזיסטענץ און זענען פון ייִדן נישט באַאיינפלוסט געוואָרן. אויב אין זייער פעלקער־פּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע זאָלן, למשל, איינגאַנצן איגנאָרירט ווערן אַזעלכע אַלטע פעלקער ווי אינדיער און כינעזער, וועט זייער אַרגומענטאַציע זיין אַ זייער איינזייטיקע און ריזיקאַלישע. זיי דאַרפן אָבער, צוּוויטנס, באַווייזן נאָך אַ וויכטיקן טעזיס: אַז יענע גייסטיקע מאַניפעסטאַציעס פונעם ייִדישן פאָלק, אויף וועלכע זיי שטיצן זייער טעאָריע פון „אויסדערוויילטקייט”, שטעלן מיט זיך פאָר עפּעס מער און עפּעס וועזנטלעכערס ווי בלויז כראָנאָלאָגישע פּרעצעדענטן. אין אַנדערע ווערטער: זיי דאַרפן זיין אימשטאַנד צו דעמאָנסטרירן, אַז נישט בלויז זענען ייִדן געוועזן די ערשטע, וועמען עס איז אינטויִטיוו געלונגען תּופס צו זיין די העכסטע רעליגיעזע אידייען און סאָציאַל־מאָראַלישע ווערטן און אַנצופּאַנגען לעבן אין זייער גייסט (ווען בלויז דאָס וואָלט געווען דער אונטערשייד צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, וואָלטן מיר געהאַט אַ רעכט צו באַטראַכטן זיך אַלס אַ „פאָרגעשריטן” פאָלק און אַנדערע אַלס „צוריקגעשטאַנענע”, אָבער פאָרשריט און צוריקגעשטאַנענקייט זענען אין אַ געוויסן זין „היסטאָריש־אַקצידענטאַל”, און האָבן זייער ווייניק צו טאָן מיט אָרגאַנישער סופּעריאָריטעט און אינפעריאָריטעט). נאָך קלאָרער און נאָך שטרענגער: זיי דאַרפן קענען באַווייזן, אַז ווען, למשל, עס וואָלט פּאַסירט אַ קאַטאַסטראָפע און ייִדן וואָלטן פיזיש פאַרניכטעט געוואָרן איידער זייער גייסט האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אַנטפּלעקן, וואָלט קיין שום אַנדער אומה ולשון נישט מסוגל געווען צו ווערן, פריִער אָדער שפּעטער, אַ קאַנאַל, דורך וועלכן דער וועלט־גייסט זאָל זיך אין אַ גענוגנדיקער מאָס מתגלה זיין. ווייל שטעלט מען זיך נאָר פאָר, אַז אויך אָן ייִדן — לאָמיר זאָגן, מיט טויזנט יאָר שפּעטער (אין גרונט שפּילן דאָ יאָרן קיין ראָלע נישט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן „וועזנהייטן”) — וואָלטן די זעלביקע ווערטן זיך מאַניפעסטירט דורך אַן אַנדער פאָלק, מוז די בחירה־טעאָריע פאַרלירן אַ גאָר־גרויסן, און אפשר דעם וויכטיקסטן טייל פון איר איבערצייגונגס־קראַפט.

די דאָזיקע צוויי טעזיסן האָבן די סעקולערע אָנהענגער פון דער אתּה־בחרתּנו־אידייע ביז אַהער נישט געקענט באַווייזן אָדער באַגרינדן. ייִדישע אויסדערוויילטקייט דאַרף דערפאַר אויפגעפאַסט ווערן ווי אַ גלויבנס־אַרטיקל — און נישט פאַר סתּם גלייביקע, נאָר פאַר אומקריטישע מאַמינים, וואָס זוכן גאָרנישט קיין ראַציאָנאַלע שטיצע פאַר זייערע אמונות...

1942

„גיי קיין נינוה"

אין אַ פאַמיליען־שמועס וועגן ימים נוראים האָט מען מיך די טעג געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. מ׳האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס די פיר קאַפּיטלעך יונה זענען אַריינגענומען געוואָרן אינעם מחזור פון יום־כפור. איך האָב נישט געקענט געבן אויפן אָרט קיין אויפקלערונג, און קיין רעפערענץ־ביכער זענען אונטער דער האַנט נישט געווען. האָב איך נאָכאַמאָל פאַר זיך איבערגעלייענט דעם סיפור־המעשה פון יונה בן־אמתי — אפשר וועט פונעם טעקסט גופא מיר קלאָר ווערן, אין וואָס עס באַשטייט זיין שייכות צום גרויסן תענית־טאָג. ווייס איך נישט איצטער, צי האָב איך זיך ריכטיק „אָנגעשטויסן", אָבער וואָס פאַר אַ טעם עס האָבן נישט געהאַט יענע קדמונים, וואָס האָבן רעקאָמענדירט יונהן פאַרן יום־כפור־דאַוונען, גלייב איך, אַז מיין טעם האָט אויך אַ יסוד, און אַן אַנדערע טעמים וואָלט ער אויך געווען גענוג.

***

אין וועלכער עפּאָכע איז דאָס יונה־בוך אָנגעשריבן געוואָרן און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס דאָזיקע ווערק צו יענעם יונה בן־אמתי, וואָס ווערט דערמאָנט אין מלכים ב׳? עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז דער פאַרפאַסער האָט געלעבט אַ זיבן אָדער אַכט יאָרהונדערטן פאַר דער קריסטלעכער ציילונג. אַנדערע ווילן מיינען, אַז גוטע עטלעכע דורות שפּעטער. איך וועל נאַטירלעך מיט מיין שוואַכן קאָפּ זיך נישט אַוועקשטעלן צווישן די גרויסע בערג פון פאַך־קריטיק און היסטאָריש־לינגוויסטישע פאָרשונגען. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אין דעם אויך נישט קיין גרויסן אינטערעס, וואָרים וואָס איז מיר דער חילוק, ווען און פון וועמען די מעשה איז פאַרפאַסט געוואָרן, ווען דער וו אָ ס און דער וו י זענען אַזוי אינטריגירנדיק, ווען דער זין און דער מוסר־השכל זענען אַזוי שפּאַנענדיק?

וואָס־זשע איז אייגנטלעך דער זין אָדער די טענדענץ פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן סיפור־המעשה?

מקובלים האָבן אין שפּעטערדיקע דורות געזוכט אויסצוטייטשן יונהן אַלעגאָריש־מיסטיש. דער זוהר, למשל, מיינט אַז דער סיפור־המעשה האָט צו טאָן מיט תחית־המתים אָדער מיט השארות־הנפש, אַז דאָס איז גאָר אַ משל

קעגן דעם וואָס די נשמה לעבט איבער ווען זי איז נאָך אין קערפּער, און וואָס ס'קומט מיט איר פאַר ווען זי טיילט זיך אָפּ פונעם ביסל בשר־ודם. אַזוי האָבן אויך געוואָלט גלייבן די ערשטע קריסטן, און נישט אומזיסט געפינט מען אויף אַלטע קריסטלעכע מצבות צייכענונגען, וואָס אילוסטרירן יונהס „ווידער־געבוירן־ווערן", זיין אַרויסקומען פונעם פישס בויך, וואָס איז פאַר אים געווען אַ צייטווייליקער קבר. קריסטן האָבן אין דעם פאַל געהאַט אויף וואָס זיך סומך צו זיין. לייענען מיר דאָך אין עוואַנגעליום, ווי סופרים און פּרושים פאַדערן פונעם גלילער משיח אַ צייכן, אַ נס, און ווי ער ענטפערט זיי: „אַ בייזער און פאַרדאָרבענער דור זוכט אַ צייכן, אָבער קיין שום צייכן וועט נישט געגעבן ווערן אַחוץ דעם צייכן פון יונה הנביא, ווייל ווי יונה איז געווען דריי טעג און דריי נעכט אינעם פישס בויך, אַזוי וועט אויך דער בן־האדם זיין דריי טעג און דריי נעכט אין דעם האַרץ פון דער ערד". (און נאָכדעם, הייסט דאָס, וועט ער אויפשטיין תחיית־המתים).

ווער עס לייענט אָבער די פאַר בלעטלעך וועגן יונה הנביא אָן אַ ספּעציפישער טענדענץ, ווער עס גייט צו זיי צו אָן אַ פּלאַן אויסצופּשטלען פונעם טעקסט אַ אידייע וואָס „לוינט" אים, מוז באַלד איינזען, אַז עס זענען דאָרט נישט פאַראַן קיין שום מיסטישע עלעמענטן. דער סטיל איז איינפאַך, דורכזיכטיק, נישט אָנגעלאָדן מיט קיין ספּעציעלע רמזים, און די עצם־מעשה איז, אַזוי צו זאָגן, „רעאַליסטיש". דער מוסר־השכל ליגט אויך אויף דער האַנט: איז אַ מענטש געבענטשט פון אויבן מיט נביאישן גייסט, איז ער אויפן גאַנצן לעבן אַן „עבד ה׳" (גאָטס קנעכט), און זאָל ער זיך נישט איינרעדן, אַז ער מעג אָדער קען רעוואָלטירן קעגן דעם וואָס האָט אים געשיקט אין זיין שליחות.

יונה בן־אמתי האָט זיך צעבונטעוועט קעגן גאָט. זיין אייגענעם ווילן, זיינע פאָראורטיילן און זיין באַשרענקטן באַגריף פון גערעכטיקייט האָט ער געוואָלט שטעלן העכער פון גאָטס באַפעל. גיין קיין נינוה און דאָרט אויפן פלאַץ אָנזאָגן דעם פאָלק, אַז „נאָך פערציק טעג און די שטאָט וועט צעשטערט ווערן" פון גאָטס צאָרן? צוליב וואָס אייגנטלעך זאָל ער עס טאָן? נינוה איז די הויפּטשטאָט פון ישראלס מעכטיקן שונא, אַ שטאָט דורכגעפרעסן מיט זינד און פאַרברעכן — גאָט אַליין זאָגט דאָך „כי עלתה רעתם לפני", די שלעכטיקייט פון אירע איינוואוינער איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר — זאָלן־זשע דאָרט די רשעים אומקומען אָן אַ נבואה, אָן אַ וואָרענונג. ער פאַרשטייט אַז גאָט שיקט אים קיין נינוה נישט בלויז אַלס דעם טרעגער פון דער בייזער בשורה, נישט סתם אָנצוזאָגן אירע איינוואוינער אַן ענדגילטיקן אורטייל וואָס קען שוין נישט געענדערט ווערן. ער פאַרדעכטיקט גאָט אין „שוואַכקייט", אין נישט וועלן האַנדלען לויטן חומר־הדין, אין זוכן אַ וועג ווי אַזוי

צו פאַרמיידן דעם עונש וואָס ער אַליין האָט אויף דער שטאָט אַרויפגעלייגט: „ידעתי כי אתה אל חנון ורחום ערך אפים ורב־חסד ונחם על הרעה"; „איך האָב געוווּסט, אַז דו ביסט אַ לייטזעליקער און דערבאַרעמדיקער גאָט, איינ־געהאַלטן אין צאָרן, און רייך אין גנאָד, און האָסט חרטה אויף דעם בייז". יונה האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן די איינוווינער פון נינוה, אויסהערנדיק זיין נבואה, תשובה טאָן און דענסטמאָל וועט גאָט מבטל זיין זיין גזירה. רעדנ־דיק אין שפּעט־העברעיִשע טערמינען, האָט ער זיך באַטראַכט אַלס דעם טרע־גער פון מידת־הדין און דעם אויבערשטן האָט ער חושד געווען אַז ער איז גענייגט צו מידת־הרחמים; ער האָט נאָך נישט געוואָלט באַגרייפן, אַז רחמים און מחילה זענען אַליין אַ טייל פון דין־צדק.

און נאָך אַ טעם האָט יונה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט גיין קיין נינוה: נינוה איז חוץ־לארץ, אַ פרעמדע שטאָט פון געצנדינערישער טומאה, און ער איז אַ נביא פון ישראל און פאַר ישראל. דער גייסט פון נבואה, האָט ער געוואָלט גלייבן, איז אים געגעבן געוואָרן לכתחילה מיט דער פאַר־שטענדיקונג, אַז ער זאָל אים „אויסגיסן" בלויז אויף דער יידישער ערד און פאַר יידישע מענטשן. גויים האָבן נישט קיין חלק און קיין נחלה אין דעם קעניגרייך פון נבואה. אמת, כמעט אַלע נביאים האָבן געלאָזט הערן זייער וואָרט אויך וועגן פרעמדע לענדער און פעלקער: פאַר חבקוקן איז די הויפּט־טעמע געווען כשדים, פאַר עובדיהן — אדום, און פאַר נחומען — טאָקע נינוה גופא. זיי האָבן אָבער אַלע נבואה געזאָגט צ ו י ש ן י י ד ן וועגן ג ו י י ם, אָבער נישט דירעקט צ ו גויים. אַחוץ אליהו הנביא, וועמען גאָט האָט אַמאָל געשיקט אין דעם געצנדינערישן צידון, איז יונה, דוכט זיך, דער איינציקער נביא וואָס ווערט געשיקט מיט אַ דירעקטער שליחות קיין חוץ־לארץ, צו ערלים בני ערלים. אָבער אַפילו אליהו הנביא גייט אויך נישט צו די עבודה־זרה־דינער מיט קיין מיסיע פאַרן כלל. דער סיפור־המעשה (אין מלכים א') שאַפט דעם איינדרוק, אַז ער איז געשיקט געוואָרן נישט סתם קיין „צרפת", נישט צום פאָלק אַלס גאַנצן, נאָר צו אַן אומשולדיקן י ח י ד פון די אומות־העולם — אָט צו דעם קראַנקן קינד פון דער צידונער אלמנה, וואָס ער האָט אים אומגעקערט דעם גייסט פון לעבן. אָבער יונה ווערט געשיקט נישט צו קיין יחיד, נאָר צום כלל, צו דער אומריינער געמיינדע פון פאַרברע־כערישע נינוה גויים, וועמען גאָט וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט פאַרטיליקן. ברענגען זיי די נבואה פון אונטערגאַנג איז „ריזיקאַליש". זיי קאָנען נאָך תשובה טאָן אויף זייערע זינד, און גאָט זאָל דערהערן זייער תפילה, און נינוה זאָל געראַטעוועט ווערן — וועט ער דערפאַר בעסער „אויפשטיין און אַנטלויפן קיין תרשיש פון פאַר גאָט". אַ שפּעטערער מדרש זאָגט וועגן דעם דאָזיקן

אַנטלויפֿן, אַז יונה איז געווען גיכער גרייט אומצוקומען אין ים, איידער „ברענגען אַן אומגליק אויף זיין פֿאָלק״ דורך דעם וואָס ניַנוה וועט געראַטעוועט ווערן. און עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער בעל־אגדה, אַ מער פּראָזאַישער, אַ בעל־חשבון, און יענער דערציילט אונדז, אַז פֿאַר דער רייזע פֿון יפו קיין תרשיש האָט יונה באַצאָלט אַ סומע אַזוי גרויס ווי דער ווערט פֿון דער גאַנצער שיף — אַזוי שטאַרק איז געווען זיין באַגער, אַז גאָטס גזירה אויף ניַנוה זאָל מקויים ווערן, אַז יעדנפֿאַלס ער מיט זיין נבואה זאָל נישט זיין קיין גורם פֿאַר נינוהס רעטונג. (סימנים פֿון אַזאַ ייִדישן „פּאַרטיקולאַריזם״ אָדער „שאָוויניזם״ זעען מיר אַ סך שפּעטער אויך אין עוואַנגעליום: ישו אַליין באַטאָנט עטלעכע מאָל, אַז ער איז געשיקט געוואָרן בלויז צו די „פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף פֿון ישראל״ און פֿאַרזאָגט זיינע תלמידים אַז צו די גוֹיים זאָלן זיי מיט זייער בשורה פֿון פֿרייד נישט גיין; און עס איז קיין צופֿאַל, וואָס שמעון בר־יונה וויל נישט גיין צום רוימישן צענטוריאָן, קאָרנעליוס, אים אויפֿצונעמען אין דער קירכע, ביז ער הערט נישט גאַנצע דריי מאָל אַ בת־קול וואָס באַפֿעלט אים נישט צו האַלטן פֿאַר טמא דאָס, וואָס דער רוח־הקודש האָט שוין געהייליקט).

יונה אַנטלויפֿט. אָבער קען מען דען פֿון גאָט און פֿון זיין באַפֿעל אַנטלויפֿן? כדי מ׳זאָל נישט מיינען, אַז דער שטאַרקער שטורעם וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן אויפֿן ים, אַזוי אַז די שיף האָט שוין געהאַלטן ביים צעבראָכן ווערן, איז געווען נישט מער ווי אַ צופֿאַל, דערציילט אונדז שפּעטער דער בראשית רבה, אַז דער שטורעם האָט געהאַט די שליטה ב אַ ר אויף דער שיף, אויף וועלכער יונה האָט זיך געפֿונען, בשעת אַלע אַנדערע שיפֿן אין דעם זעלביקן ים זענען געגאַנגען זייער וועג בשלום. און נאָך מער: דער פֿיש, וואָס האָט יונהן איינגעשלונגען, איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק נאָך משׁשת ימי בראשית, אין דעם פֿינפֿטן טאָג פֿון בריאת־העולם. גאָט האָט לכתחילה פֿאָראויסגעזען, אַז ער וועט האָבן צו טאָן מיט אַ נביא, וואָס וועט זיך פֿאַרעקשנען, נישט דורכצופֿירן זיין שליחות — „ו י מ ן ד׳ג גדול לבלוע את יונה״, האָט ער אַ נ ג ע ג ר יי ט אַ גרויסן פֿיש איינצושלינגען יונהן״: דער נביא טאָר פֿון קיין גרענעצן נישט וויסן, זיין וואָרט איז ער מחויב צו טראָגן אויך אין די לענדער פֿון „טומאת הגויים״. אין די אומריינקייטן פֿון אַלע נינוהס, און וויל ער שמאָל מאַכן זיין האָריזאָנט און ענג מאַכן זיין האַרץ, וועט גאָט אים וויַיזן וואָס שמאָלקייט און ענגשאַפֿט איז — קיין תרשיש וועט ער נישט אָנקומען און באַלד־באַלד וועט גאָט הערן, ווי ער רופֿט צו אים פֿון זיין איינגעגרענעצטקייט, „פֿון די איינגעווייד פֿון דעם פֿיש״.

דער רעוואָלטירנדיקער נביא האָט געקראָגן זיין עונש דורך ליגן טעג און נעכט אין דער פינצטערער תפיסה פון פישס בויך. (ר׳ מאיר, דער בעל־רחמים, האָט מיט אים מיטלייד געהאָט און האָט אין פיש געפונען אַן אבן־טוב, וואָס האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט אַ סך שיין און ליכט), און אַן אַלטער מדרש האָט שפּעטער, אויף זיין אופן, אַן יונהן „זיך נוקם געווען״: ווען די מאַטראָזן פון דער שיף, דערציילט ער אונדז, האָבן נאָכדעם דערזען גאָטס נס, ווי דער פיש האָט אויסגעשפּיגן יונהן אויף דער יבשה, זענען זיי אַלע אַוועק קיין ירושלים, זיך געלאָזן מל זיין און געווידמעט צו יונהס גאָט זייער אייגנ־טום, זייערע ווייבער און קינדער. אָט דאָס, מיינט דער מדרש, זענען ערלים, געצנדינער, זינדיקע; זיי זענען נישט האָפּענונגסלאָז און צוקונפטלאָז, און אין דער השגחהס פּלאַן גייט אַריין זייער תשובה און זייער רייניקונג. וואָס ס׳איז געשען מיט די מאַטראָזן, קען געשען אויך מיט די איינוווינער פון נינוה — דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב איז אויך זייער גאָט, און אויב זיי דינען אים נישט היינט, וועלן זיי אים אָנהייבן דינען מאָרגן. גיי קיין נינוה, יונה, און ברענג אַהין דיין נבואה...

***

אָבער די יונה־געשיכטע איז נישט נאָר אַ פּראָטעסט קעגן ענגן „נאַציאָ־נאַליזם״. איר מוסר־השכל האָט צו טאָן מיטן עצם וועזן פון יידישער נבואה. דער נביא איז נישט סתם דער פאָראויסזאָגער פון געשעענישן, וואָס וועלן אָדער מוזן פּאַסירן אין דער צוקונפט. ווען ער וואָלט דאָס געווען, וואָלט דאָך נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן אַ נביא און אַ געצנדינערישן אָראַקל, וועלכער זאָגט דאָך אויך פאָרויס די צוקונפט, צווישן אַ נביא און אַ האָראָסקאָפּ. פאַרן אָראַקל איז נישט פאַראַן קיין „אויב״. ער ווייס נאָר פון אַן „אַזוי וועט עס זיין״ אונטער אַלע אומשטענדן, אַלץ איינס ווי דו, אָרעמער מענטש, וועסט האַנדלען אָדער נישט האַנדלען. די גזירה, פון וועלכער דער געצנדינערישער אָראַקל ווייס, איז אַ קאַטעגאָרישע, אַן אַבסאָלוט־ענדגילטי־קע: נישט מענטשלעכער ווילן און נישט אַפילו דער ווילן פון די געטער קען זי שוין ווען עס איז ענדערן. זי איז פאַטום, שיקזאַל, „מזל״, דאָס באַשערטע וואָס קען שוין נישט אָפּגעווענדט ווערן. אַזאַ גזירה האָט אויך נישט צו טאָן מיט שכר און עונש, מיט זינדיקע צי מיט אומשולדיקע. די קאַטאַסטראָפע, וואָס ווערט אָנגעזאָגט פונעם אָראַקל, איז נישט קיין שטראָף פאַר זינד; זי האָט זייער ווייניק אָדער גאָרנישט צו טאָן מיט דער מאָראַליטעט אָדער אומ־מאָראַליטעט פון מענטשן. נישט נאָר ביי פּרימיטיווע פעלקער, נאָר אַפילו ביי

אַזאַ ציוויליזירטן פֿאָלק ווי די גריכן, איז דער שיקזאַל (מוירא) אויסער־מאָ־ראַליש. אויף דעם זאָגט עדות די גאַנצע גריכישע מיטאָלאָגיע, אויך די גרי־כישע טראַגעדיע אויף אירע העכסטע אַנטוויקלונגס־מדרגות — ביי עסכילאָס, ביי סאָפאָקלעס, ביי עוריפּידעס. דער זין פֿון דער קלאַסישער טראַגעדיע איז אין אַ גרויסער מאָס דאָס פּראָבלעם פֿונעם „אומשולדיק־שולדיקן", פֿונעם פֿאַרברעכער קעגן זיין אייגענעם ווילן און אייגענע כוונות, פֿון דעם הילפֿלאָזן און ראַטלאָזן מענטשן, וואָס דער שיקזאַל גופא פירט אים צו זינד, פֿאַרברעכן און אומגליק, קעגן אַלע זיינע אָנשטרענגונגען אויסצומיידן דעם פֿאַטאַלן וועג. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן אַזאַ אַלטן מיטאָס ווי קעניג עדיפּוס, כדי צו זען, ווי עס ווירקט דעם שיקזאַלס שטומער מעכאַניזם. די יידישע נבואה, אין קעגנזאַץ צו דער געצנדינערישער, ווייס אָבער נישט פֿון קיין פֿאַטאַליזם: „אין מזל לישראל", ווי עס האָט שפּעטער אויסגעדריקט אַ העברעיש שפּריכ־וואָרט — ישראל האָט נישט קיין שיקזאַל, קיין פֿאַטום, קיין גוטן אָדער קיין שלעכטן שטערן, וואָס דעטערמינירט דעם מענטשנס לעבנס־וועג און צוקונפֿט. ער האָט נישט קיין „מזל", ווייל ער גלייבט נישט אין אים, ווייל אָנשטאָט שטומע און בלינדע גזירות אין דער וועלט זעט ער אַ השגחה איבער דער וועלט, און השגחה איז „עין צופיה" (אַן אויג וואָס קוקט) און אויך אַן „אוזן שומעת" (אַן אויער וואָס הערט), און צו השגחה קען מען אַפּעלירן, תפילה טאָן און באַוועגן זי צו טאָן דעם מענטשנס באַגער, אויב דער באַגער איז אַ גערעכטער און אַ ריינער. די יידישע נבואה איז דער־פֿאַר, לויט איר פֿונקציע און כאַראַקטער, אַ קאָנדיציאָנעלע, אַן על־תנאי־נבואה, נישט קיין קאַטעגאָרישע, נישט אַזעלכע וואָס מוז מקוים ווערן. אין דעם אורטייל חרוב צו מאַכן נינוה האָט יונה געוואָלט זען אַן אייזן־פֿעסטן דעקרעט, אַ דבר המלך וואָס טאָר נישט צוריקגערופֿן ווערן, און וואָלט ער געווען זי־כער, אַז די השגחה אַליין קוקט אויך אַזוי אויף איר אורטייל, וואָלט ער קיין תרשיש נישט געלאָפֿן. און אָט אין דעם איז באַשטאַנען זיין חטא. אָנשטאָט צו זיין אַ וואָרענענדיקער נביא, וואָס זיין וואָרט קען באַוועגן זינדיקע חרטה צו האָבן און זיך צו ריייניקן, האָט ער געוואָלט בעסער זיין אַן אָראַקל, אַ גולם, וואָס בלינדע, ברוטאַלע, פֿאַטאַלע צוקונפֿט רעדט פֿון אים אַרויס, אָדער — רעדנדיק אין מאָדערן־וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען — אַ סייסמאָ־גראַף וואָס זאָגט אָן דאָס קומען פֿון אַן ערדציטערניש. דערמיט האָט ער פֿאַר־שוועכט זיין נביאישן באַרוף, דעם מאָראַלישן על־תנאי פֿון גאָטס אורטיילן און גזירות. גאָטס האָס צו דעם בייזן אין מענטשן האָט ער פֿאַרביטן אין זיין אויפֿפֿאַסונג אויף האָס צו דעם בייזן מענטשן גופא; גלייך ווי דער ביי־זער מענטש איז בייז לויט זיין אייביקן שיקזאַל, אין זיין עצם שורש; גלייך

זוי ער איז פֿאַראורטיילט שטענדיק צו זיין אומריין און רשעותדיק; גלייך ווי דער וועג פון תשובה איז פֿאַר אים פֿאַרחתמעט. מיט זיין אומגלויבן אין תשובה און אין גאָטס „פליכט״ אָנצונעמען תשובה און „צערייסן דעם איבל פון זיינע גזירות״, איז ער געווען אַ מחלל השם, נעענטער צו עבודה־זרה ווי צום יידישן גאָט. נאָך גרעסער איז זיין חטא, וואָס ער האָט גאָרנישט געוואָלט אַז די ערלים פון נינוה זאָלן אָנהייבן גלייבן אין זיין גאָט, זאָלן אויסרופֿן אַ פֿאַסט־טאָג און אַ טרויער, פון זייער גרעסטן ביז זייער קלענסטן; אַז דער מלך פון נינוה זאָל אויסטאָן פון זיך זיין מאַנטל און זיך צודעקן מיט אַ זאַק און זיך זעצן אויף אַש. ער האָט נישט געוואָלט, אַזוי צו זאָגן, זיך מיטפּרייען מיט גאָט, צוזעענדיק די דראַמע פון מענטשלעכער חרטה און רייניקונג. און אַט פֿאַר דער ענגהאַרציקער, נישט־נביאישער אומפֿעיִקייט זיך מיטצופרייען, האָט ער געקראָגן פון גאָט אַ האַרבע נזיפה:

„דיר איז אַ שאָד אויף דעם ריצנבוים, וואָס נישט דו האָסט זיך אויף אים געמיט, און נישט דו האָסט אים אויפגעבראַכט; וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן, און איבער נאַכט אונטערגעגאַנגען; און מיר זאָל נישט זיין אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה, וואָס אין איר זענען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן נישט צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער, און אויך בהמות אַ סך?״

**
*

יונה פֿאַסט זיך דערפֿאַר זייער אַריין אין יום־כּיפּור־מחזור. דער זין פון יום־כּיפּור איז אמונה אין השגחה און כּפירה אין „מזל״; גלויבן אין תשובה און אין דעם דערלייזנדיקן כּוח פון תשובה; האָס צו דעם בייזן אין מענטשן און האָפֿענונג אַז דער מענטש וועט סוף־כּל־סוף אין זיך דאָס בייזע גובר זיין. ווייל דער האָריזאָנט פון יום־כּיפּור איז אַ ווייטער און אַ ברייטער, אַן אומבאַגרענעצט־אוניווערסאַלער, און אין דער פּערספּעקטיוו ווערט דאָרט אָפּגעווישט די מחיצה צווישן אַ בן־ברית און אַן ערל: „וייראוך כּל המעשים, וישתחוו לפניך כּל הברואים, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם״ (און עס זאָלן דיך פֿירכטן אַלע אַרטן, און עס זאָלן זיך צו דיר בוקן אַלע באַשעפֿענישן, און אַלע זאָלן זיי ווערן איין באַנד, צו טאָן דיין ווילן מיט אַ גאַנץ האַרץ). ווייל אום יום־כּיפּור לויבט מען גאָט פֿאַר זיין מידה פון סליחה און מחילה: „אתה נותן יד לפושעים, וימינך פשוטה לקבל שבים״ (דו גיסט אַ האַנט די פֿאַרברעכער און דיין רעכטע האַנט איז אויסגעשטרעקט אויפֿצונעמען די וואָס קערן זיך צו דיר אום). ווייל אין דעם טאָג דאַוונט מען

אויך פאַר די רשעים: „ורוצה אתה בתשובת רשעים, ואין אתה חפץ במיתתם, שנאמר, אמור אליהם, חי אני, נאום ה׳ אלהים, אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה״ (און דו ווילסט אַז רשעים זאָלן תשובה טאָן און דו זוכסט נישט זייער טויט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, איך שווער ביי זיך, אַז איך וויל נישט דעם טויט פונעם רשע, נאָר דעם רשעס אומקער פון זיין וועג). ווייל אום יום־כיפור טוט מען תפילה אויך פאַר נינוה — פאַר אַלע נינוהס פון גאָר דער וועלט.

און וואָלט מען אין יונהס צייטן שוין געווען געוווסט וועגן יענעם יום־כיפור וואָס שפּעטערדיקע דורות האָבן אויסגעפורעמט פון זייער העכערער און טיפערער פרומקייט, וואָלט ער נישט געכאַפּט קיין שיף וואָס גייט קיין תרשיש, ווען ער האָט געהערט גאָטס באַפעל:

„גיי קיין נינוה״.

1941

משה רבנו פון דער גאַנצער וועלט

„משה רבנו פון דער גאַנצער וועלט,
וואַרף מיר אַראָפּ אַ זעקעלע געלט.
וואָס וועסטו טאָן מיטן זעקעלע געלט?
איך וועל מיר קויפן אַ וועגעלע.
וואָס וועסטו טאָן מיטן וועגעלע?
איך וועל מיר פירן שטיינדעלעך.
וואָס וועסטו טאָן מיט די שטיינדעלעך?
איך וועל מיר בויען אַ שולעכל.
וואָס וועסטו טאָן אין דעם שולעכל
איך וועל דאַווענען מנחה און מעריב".

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם ד'אָזיקן קינדער־לידל, לייענענדיק אין יידישע צייטונגען רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן זיגמונד פרוידס נייסטן בוך. כמעט אַלע יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער, יעדנפאַלס אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף פרוידס בוך וועגן מאָנאָטעיזם און משה רבנו, פאַלן אָן אויף דעם אַלטן וויסנשאַפטלער פאַר דער „אַנטדעקונג" וואָס ער מיינט אַז ער האָט געמאַכט — אַז משה רבנו, נישט צו נאַכט גערעדט, איז גאָר געווען אַ גוי. אַ באַגאַבטער יידישער פּאָעט, וואָס וואָלט אויף אַ האָר נישט געוואָרן קלענער אין מיינע אויגן, ווען ער וואָלט נישט געהאַט קיין פעסטע מיינונגען וועגן די לאַבירינטן פון פּסיכאָאַנאַליטישע פאָרשונגען און פון דער מאָדערנער ביבל־קריטיק, האָט זיך אויך די טעג געלאָזט ווילגיין. ביבל־קריטיק, האָט ער געפונען פאַר נייטיק אָנצוזאָגן זיינע לייענער, איז בכלל אָנגעשטאָפּט מיט עם־הארצות. און וואָס ס'איז שייך פרוידן, האָט ער מיט זיין לעצטן ווערק געגעבן דעם יידישן פאָלק „מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ" — נישט מער און נישט ווייניקער. האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם נאַיוון קינדער־לידל וועגן משה רבנון (זינגט מען עס נאָך היינט?) און מיר איז מיט אַמאָל געוואָרן רויק אויפן האַרצן. וואָס איז מיר אייגנטלעך דער אונטערשייד וואָס פאַר אַ ט אַ ט ע־ מ אַ מ ע משה רבנו האָט געהאַט? פאַרן שיקזאַל פון יידן און פאַר די שיקזאַלן פון אַ גרויסן טייל מענטשהייט איז וויכטיק, וואָס פאַר ק י נ ד ע ר משה רבנו האָט געהאַט. און קינדער, און קינדס־קינדער, ווייסן מיר אַלע און ווייסט אויך פרויד, האָט משה רבנו אַרויסגע־

בראַכט אויף דער וועלט — פאַר אַלעמען און נאָך אַלעמען — ייִדישע. מיר איז נישט גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר לידלעך עס זינגען אָדער עס האָבן געזונגען אין אַמאָליקע דורות עגיפּטישע קינדער. איך קען אָבער יעדן פאַרזיכערן, אַז אַ ז אַ ל י ד ל, ווי דאָס אויבן ציטירטע, קען מען אין עגיפּטישן פאָלקלאָר נישט געפינען. נישט אין עגיפּטישן און נישט אין פאָלקלאָר פון וועלכן נישט איז אַנדער פאָלק. קולטור־היסטאָריש איז משה רבנו סיי־ווי־סיי אַ ייִד. ד ע ר ייִד — אַלץ איינס וואָס, במחילת כבודכם, זיין ר אַ ס ן ־ יחוס איז געווען. און לאָמיר זיך דערמאָנען אַן אחד־העמען און אַן ז יי ן באַציִונג צו משה רבנו. אחד־העם איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן אַפילו ווען ער האָט געהערט זאָגן און „באַוויזן״, אַז משה רבנו האָט גאָר בכלל קיינמאָל נישט עקזיסטירט. נישט־זיין אינגאַנצן איז נאָך אַ „נידעריקערע״ מדרגה ווי זיין אַ גוי. און דאָך האָט אחד־העם רויִק אויסגעהערט אַלע לא־היה־ולא־נברא־טעאָריעס און זיך אַ זאָג געטאָן: נו, גוט, און אַז נישט עקזיסטירט — איז וואָס? זאָלן זיך דער־מיט באַשעפטיקן אַרכעאָלאָגן. פאַרן היסטאָריקער עקזיסטירט ער יאָ, און איך קען זיך אַפילו אונטערנעמען אויסצומאָלן ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען, דער־ציילן וואָס ער האָט געזאָגט, און ווי אַזוי ער האָט געהאַנדלט און געווירקט אויף דער געשטאַלטונג פון דער וועלט אין זיין לא־היה־ולא־נבראדיקער עק־זיסטענץ.

נאָך וואָס זאָל איך לייקענען? איך קען רויִק, מיט טאָלעראַנץ און מיטן גרעסטן דרך־ארץ אויסהערן אַלץ וואָס פרויד האָט צו זאָגן פאַר זיין באַוויז, אַז משה רבנו איז געווען אַן עגיפּטער, און קיין גאָר גרויסן עגמת־נפש דערפון נישט קריגן. נאָך אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט, האָט אַן עגיפּטישער עבודה־זרה־גלח, מאַנעטאָן, אָנגעשריבן אויף גריכיש אַ ווערק, אין וועלכן ער האָט אויך „באַוויזן״, אַז משה רבנו איז געווען פּרעהס אַ פאָלקס־גענאָסע, און זיין אמתער נאָמען איז גאָר געווען אָסאַרסיף, און ער האָט אָנגעפירט אַ רעוואָלט פון די קרעציקע און מלחמה געהאַלטן מיטן קעניג פון מעמפיס (פלאַוויוס ברענגט ציטאַטן פון יענעם בוך), און זעט איר דאָך: ייִדנטום האָט דערפון קיין טשאַכאַטקע נישט געקראַגן און משה רבנו איז אין די צוויי און צוואַנציק יאָרהונדערטער געוואָרן אַ סך „ייִדישער״, און אייניקע וועלן מסתמא זאָגן אַז אויך אַ סך „ייִדישלעכער״ ווי ער איז אַמאָל געווען. עס קען זיין, אַז אַ שטיקל פאַרדאַכט וועגן משה רבנוס אָפּשטאַם האָט אין גאָר־גאָר אַלטע צייטן עקזיסטירט אַפילו ביי ייִדן. דער שמות רבה פילט זיך אַביסל אומבאַקוועם איבער דעם פסוק אין חומש „ותאמרנה איש מצרי הצילנו״. פרעגט דער בעל־המדרש: „וכי מצרי היה משה?״ (איז דען משה געווען אַן עג־פּטער?). „אלא לבושו מצרי והוא עברי״ (לויט זיינע מלבושים איז ער גע־

ווען אַן עגיפּטער, אָבער ער גופא איז געווען אַ ייד)... אָבער אַלץ איינס, וואָס דער מדרש האָט געזאָגט אַמאָל און וואָס פרויד קען זאָגן היינט — אַלע ווייסן מיר, אַז נישט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר דער ערדקוגל דרייט זיך גאָר אַרום דער זון. פונדעסטוועגן וועט אַפילו איינשטיין נישט זאָגן, ווען ער דאַרף אויפשטיין גאַנץ פרי, מ׳זאָל אים אויפוועקן „ווען אונדזער פּלאַנעט וועט זיך אויסדרייען מיט דער אַנדערער זייט צו דער זון". ער זאָגט אויך אַז מ׳זאָל אים אויפוועקן צום זון־אויפגאַנג, כאָטש אים איז קלאָר אַז די זון גייט קיינמאָל נישט אויף...

***

כדי אָפּצורונדן זיינע אַ טעאָריע וועגן העלדן־מיטאָלאָגיע דאַרף פרויד האָבן אַז משה רבנו זאָל זיין אַן עגיפּטער. האָט ער זיך געגריבלט און געגריבלט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט „אויסגעפונען", אַז דער ערשטער יידישער נביא, באַפרייער און געזעצגעבער איז גאָר נישט געווען קיין סעמיט און אַז זיין גאָט־באַרוף האָט ער איבערגענומען פונעם עגיפּטישן הערשער אַכנאַטאָן, וועמען אייניקע פאַרשער ווילן האַלטן פאַרן ערשטן מאָנאָטעאיסט אין דער וועלט־געשיכטע. צי פרויד איז גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, ווייס איך נישט. עס קען אפשר פּאַסירן, אַז פרוידן זאָל געלינגען מיר איינצורעדן, אַז משה רבנו און פרעה האָבן געהערט צו איין ראַסע. אויב דאָס זאָל אים געלינגען, וועל איך אים פונדעסטוועגן פאַר קיין עוכר ישראל נישט שטעמפּלען, קיין קריעה נישט רייסן און אין קיין היסטערישן געוויין נישט אויסברעכן. איך קען אַזאַ „קאַטאַסטראָפע" זייער לייכט איבערטראָגן און — אָנגענומען אַז איך בין אַ שטאָלצער ייד — וועל איך צוליב דעם נישט ווערן ווייניקער שמאַלץ. ווי אַזוי האָט עס נאָך צוריק מיט אַזוי פיל יאָרהונדערטער געזאָגט רבי יהודה הלוי? ישראל האָט באַקומען זיין גרויסע באַדייטונג אין דער וועלט־געשיכטע נישט אַדאַנק משה רבנון, נאָר פונקט פאַרקערט, משה רבנו איז גרויס געוואָרן אַדאַנק ישראל, און דערפאַר רופן זיך יידן נישט משהס פאָלק, נאָר גאָטס פאָלק. דער זעלביקער משה אָן אַ פאָלק, וואָס איז גרייט צו נעמען גאָטס לוחות, גיין מיט אים צום באַרג סיני, וואָלט קיין „רבנו" קיינמאָל נישט געוואָרן, און זיין השפעה אויף דער וועלט־געשיכטע וואָלט געווען אַזוי נישטיק און אומבאַמערקט, ווי די השפעה פון „ערשטן מאָנאָטעאיסט", דעם עגיפּטישן הערשער אַכנאַטאָן, וועמענס דירעקטער רעליגיעזער איינפלוס, אויף אַ קליינינקן קרייז מענטשן, האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע יאָר. ווען אַלעקסאַנדער דער גרויסער איז אָנגעקומען קיין מצרים גוטע עלף הונדערט יאָר נאָך אַכנאַטאָנען, האָט ער דאָרט געפונען אַלטע עבודה־זרהס און קיין איינציקן שפור נישט פון

אַכנאַטאָנס מאָנאָטעיזם (אויב זיין פאַרגעטערונג פון דער זון מעג טאַקע באַ־טראַכט ווערן פאַר עכטן מאָנאָטעיזם) אין דער עגיפּטישער קולטור און פאָלקס־לעבן. אויב אַפילו משהס „פלייש און בלוט" זענען געווען גויישע, געהערט ער — קולטור־היסטאָריש — סיי־ווי, אין דער ערשטער ריי, דעם פאָלק וואָס האָט אים אָנגענומען פאַר זיין פירער און לערער, וואָס האָט פון זיין וואָרט געמאַכט אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַן אייגענער און גרויסער ציוויליזאַציע, און וואָס האָט אין משך פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג געמאַכט זיין גע־שטאַלט אַלץ שענער, נאָבעלער, דורכגעגייסטיקטער און — יידישער. עס קען זיין אַז דער היסטאָרישער משה רבנו איז געווען נישט מער מאָנאָטעיִסט ווי אַכנאַטאָן, אַז זיין איין־און־איינציקער גאָט איז אויך געווען באַגרענעצט, ער־געץ־ווו „לאָקאַליזירט", און דערמיט אַליין שוין אויך מ אַ ט ע ר י ע ל. פאַר אַן עכטן מאָנאָטעיִסט האָבן אים אָבער זיכער געמאַכט יידן אין שפּעטערדיקע דורות, אָט ווי ר' יהושע בן־קרחה וואָס ענטפערט אַ געצנדינער אויף זיין קלאָץ־קשיא, פאַרוואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן פון דאָרנבוש און נישט פון אַן אַנדער בוים: „כדי דו זאָלסט וויסן (און כדי, הייסט עס, משה רבנו גופא זאָל וויסן), אַז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין פּלאַץ, וווּ די שכינה איז נישט פאַראַן, אַפילו אַ דאָרנבוש". און עס קען זיין, אַז מיטלייד איז נישט געווען איינע פון משה רבנוס מידות (זיין פּאַטאָס איז אפשר געלעגן אין גע־רעכטיקייט און געזעץ), נאָר דער בעל־המדרש אין אַ סך אַ שפּעטערדיקער צייט האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן דעם גרינדער פון יידנטום אָן טיפן פאָטערלעכן רחמנות. לייענען מיר טאַקע דערפאַר אין שמות רבה די פּראַכט־פולע און רירנדיקע געשיכטע וועגן דער „בחינה בצאן". איידער גאָט האָט באַ־שלאָסן צו מאַכן משהן פאַר אַ פירער, האָט ער אים פריִער אויסגעפּרובט מיט פּי. ווען משה רבנו האָט געפּאַשעט יתרוס פּי אין דער מדבר, איז פון אים אַנטלאָפן געוואָרן אַ ציגעלע. איז אים משה נאָכגעלאָפן — אַזוי לאַנג, אַזוי וויַיט, ביז דאָס ציגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קוואַל און אָנגעפאַנגען טרינקען. זאָגט משה רבנו צום ציגעלע: „איך האָב נישט געוווּסט אַז דו לויפסט דערפאַר וואָס דו ביסט דורשטיק. איצטער ביסטו מיד". האָט ער גענומען דאָס ציגעלע אויף די אַקסלען און האָט עס צוריקגעטראָגן. דענסטמאָל האָט ער דערהערט דעם רבונו של עולמס שטימע: „אַזוי ווי דו האָסט רחמים אין פירן די פּי פון אַ בשר־ודם, שווער איך, אַז דו וועסט פירן אויך מיין פּי, ישראל". וואָס פרויד זאָל דערפאַר נישט זאָגן און ווי גערעכט ער זאָל נישט זיין ווויסנשאַפטלעך, געהערט משה רבנו פ אַ ר אַ ל ע מ ע ן דעם פאָלק פון רב יהושע בן־קרחה און פונעם שמות רבה, דעם פאָלק וואָס איז נישט נאָר באַשטראַלט געוואָרן פון אים, נאָר האָט אויך אַריינגעשטראַלט אין אים די

איידלסטע רעליגיעזע מאָטיוון, וואָס האָבן זיך אין אים שפּעטער דערוועקט. און אויב אַן עגיפּטער זאָל זיך היינט פאַרגלוסטן זיך צו באַרימען פאַר מיר מיט זיין משה רבנו, וועל איך אים באַלד אַ פרעג טאָן — און פּרויד, בין איך זיכער, וועט מיך אונטערשטיצן: — ווו איז דיין יהושע בן־קרחה? ווו איז דיין בראשית רבה? און ווו איז דיין באַגריף פון „הלכה למשה מסיני״? און ווו זענען דיינע קינדער וואָס זינגען אַ לידל צו „משה רבנו פון דער גאַנצער וועלט״? און ווו איז דיין פּסחדיקער סדר? און — אפשר נאָך וויכטיקער — ווו איז דיין צוקונפט־משה, דער מלך המשיח וואָס שטייט אָנגעגרייט פאַרן דערלייזונג־עפּילאָג פון דער וועלט־געשיכטע און שטרעקט אויס זיין האַנט צום פאַרגאַנגענהייט־משה, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביים דערלייזונג־פּראָלאָג פון דער יידישער געשיכטע?

***

איך פיל, אַז איך פאַל אַליין אויך אַריין אין נאַציאָנאַליסטישער באַריי־מעריי. אַט פאַלעמיזיר איך שוין מיט אַן אויסגעטראַכטן עגיפּטער און וויל אים באַווייזן אַז משה רבנו איז, אויך נאָך פּרוידס בוך, מיינער און נישט זיינער. אָבער אין תוך גענומען איז בכלל נאַריש צו ריידן וועגן „מיינס״ און „דיינס״, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע ווערטן. ווען איין טייל מענטש־הייט וואָלט אָפּגעשטאַמט פון הבל און דער אַנדערער פון קינען, וואָלטן מיר אפשר געדאַרפט פירן אַזאַ בוכהאַלטעריע. ווער עס קוקט אָבער אויף דער מענטשהייט ווי אויף איין גרויסער און אומענדלעכער משפחה וואָס איר פּאַטריאַרך איז, אַזוי־צו־זאָגן, אדם־הראשון, קען נישט זיין צופיל פּיקסירט אויף דעם ענין מיינס און דיינס. און אויף דעם שטח זענען אייניקע פון אונדזערע קדמונים געווען אַ סך אינטערנאַציאָנאַליסטישער ווי פיל פון אונדז זענען היינט. האָבן דאָך אונדז די חכמי התלמוד אַמאָל דערקלערט, פאַרוואָס גאָט האָט אין זיין מעשה־בראשית באַשאַפן בלויז איין מענטשן: — כדי די צדי־קים זאָלן נישט קענען זאָגן אַז זיי שטאַמען פון אַ צדיק און אויף די רשעים זאָל מען נישט קענען טייטלען מיט די פינגער אַז זיי שטאַמען פון אַ רשע. אַלע, הייסט עס, קומען אַרויס פון איין מקור, פון אדם־הראשון, וואָס איז פּאָ־טענציעל געווען אַ ייד און אַן עגיפּטער, אַ גריך און אַ פּאַפּואַס, אַן ענגלענ־דער און אַ נעגער (ווי רבי מאיר פלעגט זאָגן: „מכל העולם כולו הצבר עפרו״, דעם שטויב פון וועלכן ער איז אויסגעפורעמט געוואָרן האָט מען איינגעזאַמלט פון דער גאַנצער וועלט). אין לעצטן חשבון איז קיינער נישט קיין מיוחס און קיינער נישט פון קיין נידעריקן גראַד, טראָץ די אַלע מעדאַלן וואָס איינצלנע פעלקער העגנען אָן אויף זייערע מונדירן. משה רבנו איז גע־

ווען אַ גוי און דערפאַר איז ער נישט מיינער, און איך קען מיט אים נישט שטאַלצירן? לעכערלעך. בודאַ און פּלאַטאָן, מיקעל אַנדזשעלאָ און בעטהאָווען, געטע און שעקספּיר, זענען דאָך אַוודאי געווען גויים — נו איז וואָס? זענען זיי דען נישט מיינע? שטאַלציר איך דען נישט מיט זיי? קען זיי דען ביי מיר עמעצער צונעמען? און דאַרף איך דען עמיצן באַווייזן, אַז זיי זענען מיינע? דער פאַקט וואָס איך בין געבוירן געוואָרן מיט זיי אויף איין פּלאַנעט, וואָס איך האָב ביי זיי עפּעס געלערנט, דורך זיי עפּעס באַדייטנדיקס דורכגעלעבט און אין זיי אַנטדעקט זיך אַליין, מאַכט מיך אַפילו פאַר אַ שותף צו זייערע שאַפונגען, און ווי קען דאָס שותפותדיקע נישט זיין מיינס? איך קען מאָרגן אפשר באַגעגענען „ביאָלאָגישע" קינדס־קינדער פון יענע גרויסע גייסטער, און גלייבט מיר, אַז איך וועל זיך פילן אַ סך העכער פון זיי, אויב דער גייסט פון זייערן אַן עלטער־זיידן האָט אין מיר אויפגעוועקט מער כוחות איידער אין זיי, אָנגעצונדן אין מיין האַרץ אַ שטאַרקערן פייער ווי אין זיי. ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט ביי די ברעגעס פונעם ירדן יוחנן דער טויפער? „באַרימט אייך נישט אין אייערע הערצער, וואָס אברהם איז אייער פאָטער, און גלייבט מיר אַז פון די דאָזיקע שטיינער קען גאָט אויפשטעלן זין פאַר אברהם אבינו"...

***

אַ „טרעמפּ" איז פאַר צוויי־יאָרן געשטאָרבן ערגעץ־ווו אין קאָלאָראַדאָ. האָט מען ביי אים אין קעשענע געפונען אַ צוואה. אַ דאַנק דער פּאָליציי וואָס זי האָט דעם מערקווירדיקן דאָקומענט פאַרעפנטלעכט. יענער „טרעמפּ", ווייזט זיך אַרויס, האָט איבערגעלאָזט פאַר יונגע בחורים און מיידלעך אַ גרויסע ירושה: אַלע שמייכלען פון חנעוודיקע קינדער, איינזאַמע שטעגן אין די ריזיקע וועלדער, די בלויקייט פון די וואַסערן אין ביידע אָקעאַנען, די לבנה אָפּגעשפּיגלט אין די צענדליקער טויזנטער אָזערעס פון אַמעריקע, ביליאָנען זונען־אונטערגאַנגען, די טרייסטנדיקע מעלאַנכאָליע פון אומצייליקע האַרבסטווינטן, די הויכקייט פון די בערג, בעטהאָווענס סימפאָניעס און שעקספּירס סאָנעטן. ער וואָלט זיי נאָך עפּעס איבערגעלאָזן, אָבער „מערער", ווי ער האָט געשריבן, פאַרמאָגט ער נישט.

אַ מערקווירדיקער מענטש, יענער „טרעמפּ". ער האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו ברענגען וועלכן נישט איז באַווייז, אַז אַלע יענע רייכטימער וואָס ער שענקט אַוועק דער יוגנט, זענען טאַקע — ז יי נ ע.

אפשר קענען מיר זיך עפּעס אָפּלערנען פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן „גביר אדיר"?

1939

בחירה און בכורה

I

אין וואָס פאַר אַ זינען איז ייִדנטום — ראַסיסטיש? אַנערקענט היס־טאָריש ייִדנטום בכלל די „הייליקייט" פון ראַסע, און אויב יאָ — וואָס פאַר אַ פּראַקטישע פּועל־יוצאס האָבן ייִדן געמאַכט פון אַזאַ אַנערקענונג?

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַצישער ראַסן־פּראָפּאַגאַנדע איז די דאָזיקע פראַגע וועגן ייִדן און ייִדנטום עטלעכע מאָל שאַרף געשטעלט געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. ייִדן האַלטן זיך פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק, די היינ־טיקע דייטשן האָבן זיך אויך דערקלערט פאַר „סופּעריאָר" לגבי אַלע אַנדערע פעלקער — האַלטן, הייסט עס, ייִדן בכלל, אָדער, לאָמיר זאָגן טראַדיציאָנעל דענקענדיקע ייִדן פון דער זעלביקער טעאָריע וואָס די נאַצים, נאָר בלויז אַנ־געווענדט אויף זיך? בערנאַרד שאָ גלייבט אַז יאָ, און אויף דער פראַגע וואָס מען האָט אים אַנומלטן געשטעלט — „וואָס טראַכט איר פון דער נאַצישער באַהויפּטונג וועגן ראַסן־ריינקייט און ראַסן־שענדונג?" — האָט ער געענט־פערט:

„דאָס איז אַ פאַראַכטונגסווערטע, אומוויסנשאַפטלעכע באַהויפּטונג. אָבער דאָס וואָס עס רופט אַרויס שטוינונג, איז דער פאַקט, וואָס די אַנטיסע־מיטן זעען גאָרנישט אין ווי אינטענסיוו ייִדיש זי איז. דעם ייִדנס חסרון איז זיין אומגעהייער גרויסע גאווה, וואָס איז באַזירט אויף זיין גלויבן, אַז ער געהערט צו גאָטס אויסדערוויילטער ראַסע. דער אַבסורד פון די נאָרדיקס איז בלויז אַ פאַרזוך נאָכצומאַכן אברהמס אייניקלעך".

אומגעפער דעם זעלביקן פאַרגלייך צווישן ייִדנטום און נאַציזם האָט שפּעטער געמאַכט אויך ה. ג. וועלס:

„עס איז מיר זייער פיינלעך אַנצווייזן אויף אַ געוויסן נאַציאָנאַלן עגאָ־יזם, וואָס די ייִדן, אַלס אַ פאָלק, ווייזן אַרויס, ווייל איך בין שאַרף סענסיטיוו צום אומגליק און צו די ליידן, צו וועלכע גרויסע צאָלן פון זיי זענען אויסגע־זעצט אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. פאַר דער ייִדנפראַגע איז עס אָבער אַ פונדאַמענטאַלער פאַקט, אַז אין די פראַנצויזיש און ענגליש ריידנדיקע לענ־דער בלייבן די ייִדן אַן אייגנאַרטיק פאָלק הויפּטזעכלעך דערפאַר וואָס זיי אַליין ווילן דאָס — ווייל זיי זענען דורך און דורך פאַרדיבוקט מיט געשיכטע

און ווייל זיי זענען נישט מסוגל זיך צו באַפרייען פון דער איינרעדעניש אַז זיי זענען אַן אויסדערוויילט פאָלק מיט גאַנץ באַשטימטע פּריווילעגיעס לגבי זייערע נישט־ייִדישע מיטבאַשעפענישן". אויך וועלס זעט אין ייִדישן אתה־בחרתנו־געפיל אַ געוויסן עלעמענט פון דער זעל־ביקער ראַסן־גאווה, אויף וועלכער עס שטיצט זיך דער היטלעריזם.

אָבער שאָ און וועלס זענען אין ענגלאַנד נישט די איינציקע, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעוויזן אויף דעם „ראַסיסטישן" כאַראַקטער פון ייִדנ־טום און פונעם ייִדס פּאַקטישער שטעלונג צו דער וועלט. ענלעכע דערקלע־רונגען זענען עטלעכע מאָל געמאַכט געוואָרן אויך פון פּראָמינענטע פאָרשטייער פון דער אַנגליקאַנישער קירכע: „די נאַציס", האָבן מיר פון זיי געהערט, „באַ־קעמפן דאָס וועלט־ייִדנטום מיט אַ ראַסן־טעאָריע, וואָס זיי האָבן געבאָרגט פון די ייִדן גופא; זיי ווילן פאַרניכטן די ביבל, אָבער זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז זייער קולטור־קאַמף איז געווענדט נישט קעגן דער גאַנצער ביבל, נאָר בלויז קעגן נייעם טעסטאַמענט, ווייל די אַלט־טעסטאַ־מענטלעכע רעליגיע איז אַליין אַ שבט־רעליגיע, געגרינדעט אויף די זעלביקע יסודות, אויף וועלכע היטלער זוכט צו גרינדן זיין עבודה־זרה — באָדן און בלוט". זינט 1933 האָט מען אין געוויסע רעליגיעזע קרייזן, סיי פּראָטעסטאַנ־טישע און סיי קאַטוילישע, דערקלערט די נאַצי־פילאָסאָפיע פאַר אַ „טעווטאָ־ניש ייִדנטום"; פאַר אַ צוריקגאַנג צו יענעם „אַלט־סעמיטישן ראַסן־פּאַרטי־קולאַריזם, פון וועלכן קריסטוס האָט געזוכט צו באַפרייען זיין פאָלק".

אויף אַן אַנדער אופן, אָבער אין דעם זעלביקן זינען, האָט מען אונדז די לעצטע יאָרן געזאָגט מוסר דאָ, אין אַמעריקע. דער איינפלוסרייכער קרייז פון פּראָטעסטאַנטישע אינטעלעקטואַלן, וואָס גרופּירט זיך אַרום דער שיקאַגאָ־וואָכנשריפט „די קריסטשען סענטשורי", הערט נישט אויף צו באַטאָנען, אַז די אַלטע אתה־בחרתנו־לערע, אָן וועלכער ייִדן האַלטן זיך נאָך ביז איצט, איז איינע פון די וויכטיקסטע עיכובים פאַר דער אויספורעמונג פון אַן אמתער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. וויכטיק, טענהן זיי, איז נישט דאָס, וואָס ייִדן ווילן זייער רעליגיע נישט אויפגעבן און דאָס קריסטנטום קען קיין „נפשות" צווישן זיי כמעט נישט מאַכן. דאָס רעכט און די פליכט פון יעדן בירגער איז, באַטירלעך, זיך צו האַלטן ביי זיין אמונה, אַזוי לאַנג ווי זיינע איבערצייגונ־גען זענען נאָך מיט איר אָרגאַניש און אינטים פאַרבונדן. דעם ייִדנס חטא באַ־שטייט אָבער, לויט זייער מיינונג, אין דעם, וואָס ער קוקט אויף זיין רעליגיע ווי אויף אַ ראַסן־מאָנאָפּאָל, ווי אויף אַ קאָסטבאַרער ירושה, וואָס ער וויל זיינע מיטבירגער אין איר קיין חלק נישט געבן. יעדער גוטער פּראָטעסטאַנט אין אַמעריקע וואָלט וועלן, אַז אַלע אַמעריקאַנער זאָלן ווערן פּראָטעסטאַנטן

און זאָלן דערצו געהערן צו זיין דענאָמינאַציע; יעדער גוטער קאַטאָליק אין אַמעריקע וואָלט וועלן, אַז אַלע אַמעריקאַנער פּראָטעסטאַנטן און ייִדן זאָלן „דערזען ליכט" און אָננעמען דעם „איינציקן אמתן גלויבן". די ייִדן, אָבער, ווילן נישט באַקערן צום ייִדנטום נישט די פּראָטעסטאַנטן און נישט די קאַטאָליקן; זיי ווילן בלייבן אַ געמיינדע פאַר זיך און אין זיך; זיי ווילן זיך נישט מטמא זיין דורך רעליגיעזער שותפות מיט „גויים"; זיי האַלטן, הייסט עס, אַז מענטשן פון אַנדערע, „נידעריקערע", ראַסן האָבן גאָרנישט ווערט צו ווערן זייערע גלויבנסגענאָסן. ווי, פרעגן זיי אונדז, איז אייער ייִדישע מיסיאָנערישע אַרבעט? אויב מיר אַלע בלאָנדזשען אַרום אין דער פינצטערניש, פאַרוואָס ברענגט איר נישט צו אונדז א י י ע ר ל י כ ט? פאַרוואָס שיקן מיר מיסיאָנערן אין די ווייטסטע און ווילדסטע מדבריות, אַפילו צו שבטים פון מענטשנפרעסער, און איר ווילט נישט מאַכן קיין פאַרזוך צו באַקערן צו אייער אמונה אייער נאָענטסטן שכן, מיט וועמען איר האָט טאָג־טעגלעך אַזוי פיל עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אַפילו קולטורעלע פאַרבינדונגען?

וועגן ייִדישן „ראַסיזם" רעדן אונדזערע שכנים אַ סך מער און אָפטער, ווי די מייסטע פון אונדז שטעלן זיך פאָר, און דאָס מאַכט, קען מען שוין באַמערקן, אַ באַשטימטן רושם אויך אויף געוויסע ייִדן. דער שרייבער פון די שורות וויים פון אַמעריקאַנער שרייבער פ ו ן י י ד י ש ן אָ פּ ש ט אַ ם, וואָס האָבן זיך שוין דערלויבט צו פאָדערן פון אונדז, אַז מיר זאָלן זיך פריער אָפּזאָגן פון א ו נ ד ז ע ר ראַסן־לערע, איידער מיר נעמען זיך באַקעמפן די נ אַ צ י ש ע ראַסן־לערער. היטלער, האָבן מיר פון איינעם פון זיי געהערט, ווענדט אָן אין אונדזער צייט די זעלביקע מעטאָדע, וואָס ע ז ר א ה ס ו פ ר האָט אָנגעווענדט אין דער צייט פון שיבת־ציון: געמישטע חתונות צווישן ייִדן און נישט־ייִדן האָט ער אויך באַטראַכט פאַר „ראַסן־שענדונג", און האָט ער דען נישט באַפוילן זיינע פאָלקסגענאָסן, אַז זיי זאָלן פאַרטרייבן זייערע נישט־ייִדישע פרויען, צעשטערן זייערע היימען מיט אַן אכזריותדיקער האַנט, און אויף אַזאַ אופן זיך באַפרייען פון דער „טומאת־הגויים"?

אַזאַ האַרבע און אין גרונט זייער אַלטע באַשולדיקונג קעגן אונדז איז שטענדיק געווען געפערלעך. זי איז באַזונדערס געפערלעך אין אונדזערע צייטן, ווען דאָס ערשטע וואָס אַ ייִד דאַרף האָבן כדי אויסצושטיין די תוכחה, וואָס האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן, און זיין בכוח איבערצוטראָגן די נסיונות, פאַר וועלכע די געשיכטע קען אונדז נאָך שטעלן, איז — רעספּעקט צו זיך און צו זיין טראַדיציע. אויב ייִדנטום זאָל טאַקע זיין ראַסיסטיש, אין דעם זינען, אין וועלכן ראַסיזם ווערט היינט געפּרעדיקט אין דייטשלאַנד, אויב אונדזער אתה־בחרתנו־באַגריף זאָל טאַקע אַנטהאַלטן אין זיך די זעלביקע אָדער

ענלעכע מענטשנפיינטלעכע עלעמענטן, וואָס עס טראָגט אין זיך דער נאַציזם, קענען מיר נישט האָבן דעם נייטיקן כוח פאַר דער מאָראַלער אָפּעג־סיווע קעגן דער נאַצישער טומאה.

אָבער איז טאַקע יידנטום „ראַסיסטיש״? דער שרייבער פון די שורות באַטראַכט נישט אַפּאָלאָגעטיק פאַר זיין בראַנזשע. ער גלייבט אָבער, אַז יע־דער ייד וואָלט איצט געדאַרפט — יעדער איינער לויט זיינע כוחות און לויט זיינע ידיעות — אַ שווים טאָן איבערן פּאַראַדאָקסאַלן זיג־זאַג־שטראָם פון אונ־דזער גייסטיקער פאַרגאַנגענהייט און מאַכן אַ פאַרזוך, געוויסנהאַפט זיך צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע. אַזאַ עקסקורסיע, טראָץ די באַשרענקטע מיטלען, מיט וועלכע מיר אונטערנעמען זיך, זאָל אויך אונדז דערלויבט זיין.

II

„אויסדערוויילטקייט״, אַ שטאַרק באַטאָנטער יחוס־געפיל, אָדער אַן אי־בערבאַטאָנטער משפחה־שטאָלץ — איז איינער פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין יידישן רעליגיעז־היסטאָרישן באַוווסטזיין. „אתה בחרתנו״ איז אַ באַגריף, אָדער אַ פאַרשטעלונג, וואָס פאַרנעמט אַ פלאַץ אויבן־אָן אין דער יידישער דאָגמען־לערע (אין דער מאָס, אין וועלכער מען מעג בכלל אָננעמען די עק־זיסטענץ פון אַ יידישער דאָגמאַטיק), אין אַ סך ספרים פון אונדזער פאָלקלאָר, אין יידישע תפילות און צערעמאָניעס, אין אונדזער רעליגיעזער פּאָעזיע. אַן דעם דאָזיקן גרונט־עלעמענט אין דעם סיסטעם פון יידישע גרופּן־געפילן, אין קאָלעקטיוון באַוווסטזיין פון פאָלק, וואָלט לחלוטין אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין דאָס ביסל, וואָס מיר זענען מסוגל תופס צו זיין אין די הויפּט־פּראָצעסן פון יידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און אין דער איינציק־אַרטיקער דראַמאַטישקייט פון יידישן שיקזאַל. פאַרן טיפּישן יידישן באַוווסט־זיין איז אונדזער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, אין זייער אַ גרויסער מאָס, די ביאָ־גראַפיע פון אַן אַריסטאָקראַט אין אַ פלעבעיִשער וועלט, און ווער עס פאַר־מאָגט נישט אין זיך אַ מינימום פון סימפּאַטיע (לכל הפחות, קינסטלערישע סימפּאַטיע) מיט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין, מוז מודה זיין, אַז אין אים איז אַטראָפירט געוואָרן אַ וויכטיקער חלק פון זיין עמאָציאָנעלער ירושה.

אמת, אַן אידייע, אָדער אַ נישט־פאָרמולירטער געפיל, פון אויסדערוויילט־קייט איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר יידן. נישטאָ קיין פאָלק, קיין ראַסע, קיין שבט, וואָס איז נישט עטנאָצענטריש, אָן אַ נאַרציסטישער באַציִונג צו זיך. אָן אַ געוויסן גראַד פון זעלבסט־פאַרליבטקייט קען גאָר אַ פאָלקס־גרופּע נישט עקזיסטירן, ווי עס קען אויך נישט עקזיסטירן אַ יחיד אָן אַ מיני־

מום פון עגאָצענטריזם. ביי יידן האָבן אָבער דאָס קאָלעקטיווע איך־באַוווּסט־זיין און די איך־אָפּשאַצונג אָנגענומען, נאָך אין דעם גאָר פריִען פעריאָד פון זייער געשיכטע, דעם כאַראַקטער פון אַ פיקסאַציע, און גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן זיך פון יענער פיקסירטקייט אויף די אייגענע אייגנשאַפטן און „סגולות" ביז אַהער נישט באַפרייט. אויך דאָס יידישע קריסטנטום (די אורשפּרינגלעכע עוואַנגעלישע געמיינדע איז דאָך געווען, לויט איר מיטגלי־דערשאַפט, הויפּטזעכלעך יידיש) איז נישט געווען פריי פון אתה־בחרתנו־פאַר־שטעלונגען און אַפילו שאָוויניסטישע עקסצעסן: אַזוי טיף איז שוין געווען פאַרוואָרצלט דער אויסדערווײילטקייט־מאָטיוו אין יידישן לעבנס־באַנעם. וויפל קריסטלעכע טעאָלאָגן זאָלן נישט זוכן צו באַווייזן, אַז די ישו־בשורה האָט מיט זיך געבראַכט די דערלייזונג פון נאַציאָנאַלן אָדער עטנישן פּאַרטיקולאַריזם, און וויפל אמת, אַליין פאַר זיך, אַזעלכע באַווייזן זאָלן אין זיך נישט אַנט־האַלטן, וועט מען שוין קיינמאָל פון ברית־חדשה נישט קאָנען אויסמעקן די שפּורן פון שאָוויניסטישן יידישן זעלבסטגעפיל. ישו שיקט אַוועק זיינע צוועלף תלמידים אויף זייער שליחות און זאָגט זיי אָן: „אויפן וועג צו די גויִים זאָלט איר נישט גיין און אין די שטעט פון די שומרונים זאָלט איר נישט אַריינקו־מען — גייט צו די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף פון ישראלס הויזגעזינד" (מאַטיאָ, 10, 5־6). און ווען ער קומט נאָכדעם אין די געגנטן פון צור און צידון, און אַ כנענישע פרוי שרייט צו אים: „האָב ליַיטזעליקייט מיט מיר, ווייל מיין טאָכ־טער ווערט שטאַרק געפּייניקט פון אַ שד", ענטפערט איר ישו: „איך בין גע־שיקט געוואָרן בלויז צו די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף פון ישראלס הויזגעזינד". און ווען די פרוי לאָזט אים נישט אָפּ, און בוקט זיך פאַר אים, און בעט ווײי־טער ביי אים הילף, ענטפערט ער איר נאָך שאַרפער: „עס איז נישט גוט אַוועקצונעמען דאָס ברויט פון די ק י נ ד ע ר און עס וואַרפן פאַר די ה י נ ט ל ע ך" (מאַטיאָ, 15, 21־26).

די רעדאַקטאָרן פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס, וואָס זענען צוזאַמענ־געשטעלט געוואָרן אין אַ צייט, ווען די יונגע קירכע איז שוין באַשטאַנען מער פון נישט־יידן ווי פון יידן, האָט זיך זיכער נישט געלוינט אַריינצושטעלן די דאָזיקע און ענלעכע פסוקים אין זייער ווערק. זיינען זיי דאָך נישט געווען פאַר־אינטערעסירט אין פאַרשטעלן די נייע אמונה פאַר דער גריכיש־רוימישער וועלט אַלס אַ יידיש־נאַציאָנאַליסטישע לערע; און האָט זיך דאָך זייער מיסיע־אַרבעט געשטיצט אויפן געדאַנק, אַז אין גאָטס קיניגרייך איז נישט פאַראַן „נישט קיין ייד און נישט קיין העלענער"; האָט דאָך שוין דעמאָלט די קירכע פּרעטענדירט אויף אַן אוניווערסאַלער, קאָסמאָפּאָליטישער ראָלע — און אויב די שאָוויניסטישע זאַצן, וואָס ווערן צוגעשריבן ישון, זענען פאָרט געבליבן

אין טעקסט, איז דאָס די בעסטע ראיה, אַז אין זכרון פון זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיי פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ און זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, בקבלה, אין משך פון עטלעכע דורות. אַפילו יידן־עוואַנגעליסטן צוזאַמען מיט זייער רבין (און שפּעטער צוזאַמען מיט אַזאַ העלעניזירטן יידן און אוניווערסאַליסט ווי פּוילוס) האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זייער פּיקסירטקייט אויפן געדאַנק פון יידישער אויסדערוויילטקייט. האָבן נאָך גע־גלייבט, אַז יידן זענען „דאָס זאַלץ פון דער וועלט״, און אַז אויב דאָס זאַלץ אַליין זאָל פאַרלירן זיין זאַלציקייט, איז דאָך נישטאָ מיט וואָס עס צו באַ־זאַלצן.

פאַרן ענין וואָס מיר זוכן אויפצוקלערן איז אָבער וויכטיק נישט בלויז דער הוילער פאַקט, דאָס באַוווּסטזיין פון סופּעריאָריטעט, נאָר אויך דער קאָנ־קרעטער אינהאַלט וואָס יידן האָבן אַריינגעטראָגן אין זייער אתה־בחרתנו־באַ־גריף, און אויך דער אופן, אויף וועלכן דער דאָזיקער באַגריף האָט זיך קאָנ־קרעט מאַניפעסטירט אין די באַציִונגען פון יידן צו נישט־יידן.

דער גלויבן אין אייגענער סופּעריאָריטעט האָט יידן געגעבן זייער ווייניק ספּעציפישע רעכט, זייער ווייניק פּריווילעגיעס פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָדער פּאָליטישן כאַראַקטער. „אתה־בחרתנו״ איז נישט געוואָרן קיין מאָראַלי־שע באַגרינדונג פאַר יידישער הערשאַפט איבער אַנדערע, „נידעריקערע״, ראַסן אָדער פעלקער. אַלץ איינס ווי אַזוי די יידישע דעראָבערונג פון כנען איז פאַקטיש פאָרגעקומען, די תביעה אויפן ארץ הבחירה האָט זיך נישט געשטיצט אויף וועלכע נישט איז ספּעציעלע רעכט פון גאָטס אַ ליבלינג אויף ערד און ערדישע גיטער. אמת, דער רבונו של עולם האָט פאַרשפּראָכן ארץ־ישראל אַברהמען, אים און זיינע קינדער און קינדס־קינדער, אָבער די דאָזיקע הבטחה האָט אין זיך נישט אַנטהאַלטן דעם עלעמענט פון פּריווילעגיע. כנען איז גע־ווען די יידנס לעגיטימע „נחלה״, און אַזעלכע „נחלאות״ זענען אָנערקענט גע־וואָרן — פאַקטיש בעסערע און מער פּרוכטבאַרע — אַלס נישט ווייניקער לע־גיטים פאַר אַנדערע פעלקער. אַן אָפּקלאַנג פון אַזאַ אויפפאַסונג הערן מיר אַרויס פון משהס שירה, פון האזינו (דברים ל״ב, ח): בהנחל עליון גוים, בהפרידו בני אדם, יצב גבולות עמים״ (ווען דער אויבערשטער האָט באַטיילט די אומות, ווען ער האָט צעשיידט די קינדער פון מענטשן, האָט ער געשטעלט די גרענעצן פאַר פעלקער). אַלע אַרומיקע לענדער זענען געווען, אין אַ געוויסן זינען, „פאַרשפּראָכענע״, אָפּגעטיילטע און באַשטימטע פאַר אַנדערע פעלקער, און בלויז ארץ־ישראל איז געווען יענער חלק ערד, אויף וועלכן יידי־שע ממשלה האָט זיך געדאַרפט אויסשפּרייטן. אין גאָטס נאָמען פאַרזאָגט משה דעם פאָלק, אַז אויפן וועג צום לאַנד פון זיין „ירושה״ וועט אים אויס־

קומען דורכצוגיין „דורך דעם געמאַרק פון אייערע ב ר י ד ע ר, די קינדער פון עשו״ — זאָל מען זיך גוט היטן מיט זיי זיך נישט אָנצוהייבן, ווייל פון זייער לאַנד וועט יִדן נישט געגעבן ווערן אַפילו אַ שפּאַן פון אַ פוסטריט — „כי ירושה לעשו נתתי את הר שעיר״ (דברים ב׳, ג־ה). דאָס זעלביקע זאָגט ער זיי אָן, ווען זיי דאַרפן דורכגיין דעם מדבר מואב. „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה, כי לא אתן לך מארצו ירושה״, זאָלסט נישט ענג מאַכן מואבן, און נישט פאַרפירן מיט זיי אַ מלחמה, וואָרים איך וועל דיר פון זיין לאַנד נישט געבן קיין ירושה, ווייל צו די קינדער פון לוט האָב איך געגעבן ער אַ ירושה (דברים ב׳, ט). די קינדער פון עשו און די קינדער פון לוט האָבן די זעלביקע אייגנטום־רעכט אויף די לענדער, וואָס זענען זיי צוגעטיילט געוואָרן, ווי יִדן אויף זייער ירושה, אָדער זייער נחלה, און די דאָזיקע רעכט טאָרן נישט פאַרלעצט ווערן. נישט נאָר טאָר מען זיי פון זייער באָדן נישט אַראָפּטרייבן אָדער זיי באַהערשן, נאָר אַפילו דורכגייענדיק זייערע לענדער טאָרן יִדן מיט געוואַלד ביי זיי אויך גאָרנישט נישט צונעמען: „עסנוואַרג זאָלט איר פון זיי פאַר געלט קויפן און עסן, און אַפילו פאַר וואַסער זאָלט איר מיט פולן געלט צאָלן און טרינקען״. אויב עס זענען ווען עס איז געווען אין יִדנטום „אימפּעריאַליסטישע״ שטרעבונגען, אַ דראַנג פאַר עקספּאַנסיע, האָט דאָס אָבער קיין רעליגיעזע סאַנקציע נישט געקראָגן און עס האָט זיך נישט געשטיצט אויף קיין באַזונדערע רעכט פון „אויסדערוויילטקייט״.

אויך די געזעצגעבונג אין ארץ־ישראל גופא איז געווען, פאַר די פאַר־העלטענישן פון אַלטערטום (עס וועט נישט זיין קיין גרויסע ריזיקע צוצוגעבן: אויך איר פאַרגלייך מיט דער געזעצגעבונג פון אונדזער צייט אין אַ סך לענ־דער) בערך זייער ווייניק דיסקרימינאַטאָריש קעגן נישט־יִדן. „קהל! איין געזעץ זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך, אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות; ווי איר, אַזוי זאָל זיין דער פרעמ־דער פאַר גאָט; איין תורה און איין דין זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך״ (במדבר ט״ו, טו־טז) — דאָס איז געווען דער יִדישער רעליגיעז־רעגולאַטיווער פּרינציפּ פאַר דער באַהאַנדלונג פון מענטשן פון נישט־יִדישן שטאַם. די ליבע צום נאָענטן, וועלכע איז לויט דער שפּעטערדיקער הלל־פאָרמולע דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון דער קווינטעסענץ פון דער תורה, האָט זיך אויך ביים ביבלישן יִדנטום אויסגע־שפּרייט, אַלס אַ רעליגיעזער געבאָט, אויף מענטשן פון פרעמד בלוט: „און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין אייער לאַנד, זאָלסטו אים נישט קריוודען; אַזוי ווי אַן איינגעבוירענער פון אייך זאָל אייך זיין דער פרעמדער, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך; און זאָלסט אים ליב

ה אָ ב ן ווי זיך אַ ל יי ן; וואָרים פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים: איך בין יהוה אייער גאָט״ (ויקרא י״ט, לג־לד).

קיין פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג האָט דער פרעמדער אין יידישן לאַנד, נאַטירלעך, נישט געקענט געניסן, טראָץ יענעם רעגולאַטיוו־עטישן פּרינציפּ און דעם געבאָט פון ליבע „ווי זיך אַליין״. דער יידישער גאָט, ווי די תורה האָט אים פּאַראויסגעזען און געפּלאַנט, האָט געדאַרפט זיין אַן אָרגאַ־ניזירטע טעאָקראַטישע געזעלשאַפט, און אַ נישט־יידישער איינוווינער פונעם יידישן לאַנד, וואָס האָט נישט אָנערקענט איבער זיך די ממשלה פון גאָט, ווי יידן האָבן אים פאַרשטאַנען, האָט נישט געקענט זיין גלייך מיט יידן אין אַ ל ע זיינע רעכט: אין אַ באַשטימטער מאָס זענען זיינע רעכט געווען באַגרענעצט פונקט ווי זיינע פ ל י כ ט ן זענען געווען באַשרענקט. בלויז אַ מינימום פון יידישע רעליגיעזע פליכטן איז חל געווען אויפן נישט־יידן, וואָס געפינט זיך אין לאַנד. „ויצו משה אותם לאמר: מקץ שבע שנים, במועד שנת השמטה, בחג הסוכות, בבוא כל ישראל לראות את פני יהוה אלהיך, במקום אשר יבחר, תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל באזניהם; הקהל את העם, האנשים והנשים והטף, ו ג ר ך א ש ר ב ש ע ר י ך, למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את יהוה אלהיכם, ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת״ (און משה האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: צום סוף פון אַלע זיבן יאָר, אין דער צייט פון דעם יאָר פון שמיטה, אין דעם יום־טוב פון סוכות, ווען גאַנץ ישראל קומט זיך ווייזן פאַר יהוה דיין גאָט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן, זאָלסטו לייענען די דאָזיקע תורה פאַר גאַנץ ישראל אין זייערע אויערן; זאַמל איין דאָס פאָלק, די מענער און די ווייבער און די קליינע קינדער, און דיין פרעמדן וואָס אין דיינע טויערן, כדי זיי זאָלן הערן, און כדי זיי זאָלן לערנען, און מורא האָבן פאַר יהוה אייער גאָט, און היטן צו טאָן אַלע ווערטער פון דער דאָזיקער תורה). די דאָזיקע פּסוקים (דברים ל״א, י־יב) קענען מאַכן דעם איינדרוק, אַז די תורה אַלס גאַנצע איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויפן פרעמדן אַלס אַ באַדינג פאַר זיין רעכט זיך צו געפינען אין לאַנד: איז דאָך דער פרעמ־דער מחויב צו זיין אָנוועזנדיק בשעתן לייענען די תורה „פאַר גאַנץ ישראל״. אויף וויפל אַזאַ אויספיר וואָלט געווען פאַלש, קען מען זען סיי פון אייניקע רעכט־באַשרענקונגען פאַר פרעמדע און סיי פון געוויסע „פּריווילעגיעס״ וואָס זענען זיי געגעבן געוואָרן. אין שמות (י״ב, מח) לייענען מיר: „וכי יגור אתך גר ועשה פסח ליהוה, המול לו כל זכר, ואז יקרב לעשותו, והיה כאזרח הארץ, וכל ערל לא יאכל בו״ (און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער און ער וועט וועלן מאַכן אַ קרבן־פּסח צו גאָט, זאָל ביי אים געמלט ווערן יעטווע־דער מאַנספּאַרשוין, און דעמאָלט קען ער צוקומען אים צו מאַכן און ווערן ווי

אַן איינגעבוירענער פון לאַנד אָבער קיין אומבאַשניטענער טאָר פון אים נישט עסן). דאָס אָנטיילנעמען אין דער קרבן־פסח־צערעמאָניע איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ צו וויכטיקן רעליגיעזן אַקט, און דער פרעמדער האָט נישט נאָר נישט געמוזט זיין דערצו אַ שותף, נאָר אויך נישט געטאָרט (כאָטש אויף זיינע איבעריקע, אַלגעמיין־ציווילע רעכט האָט דאָס קיין השפעה נישט געהאָט). דער דאָזיקער געזעץ איז נישט געווען קיין ראַסן־דיסקרימינאַציע, נאָר אַ נאַטירלעכער פאַרבאָט אָנטיילצונעמען אין אַן אינטימען רעליגיעזן ריטואַל פאַר מענטשן וואָס האָבן זיך מיט דער יידישער אמונה נישט אידענטיפיצירט. דער „גר", וועגן וועלכן עס רעדט זיך אינעם ציטירטן פסוק, איז נישט דאָס זעלביקע, וואָס מען האָט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען פאַרשטאַנען אין אַ שפּעטערן פּעריאָד — אַ גוי וואָס האָט זיך מגייר געווען — נאָר בלויז אַ פרעמדער, אַ צוגעקומענער, וואָס געפינט זיך צווישן יידן אין יידישן לאַנד און האָט די יידישע תורה נישט אָנגענומען. דאָס זיך מל־זיין, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו מאַכן און צו עסן דעם קרבן־פסח, איז געווען וויכטיק נישט בלויז פאַר זיך, אַלס, אַזוי צו זאָגן, אַ ביאָלאָגישער סימן פון גייסטיקער סאָלידאַריטעט מיט יידן, נאָר אויך אַלס אָנגענומענער ריטואַל פון זיך פולשטענדיק מגייר זיין. לויטן זינען פון דעם דאָזיקן געזעץ וואָלט אויך אַ „ראַסן־ייד" וועמען מען האָט נישט מל געווען, אַ „יידישער ערל", ווען אַזעלכער וואָלט געווען במציאות, נישט געקענט צוגעלאָזן ווערן צו דער צערעמאָניע פון קרבן־פסח. פון דער אַנדערער זייט זעען מיר, ווי דער גר, אין דעם פרי־ביבלישן זינען פון וואָרט, געניסט אַזעלכע „רעכט" אָדער „פּריווילעגיעס", וואָס ווערן דעם יידן נישט געגעבן. אין דברים י"ד, כ' לייענען מיר: „לא תאכלו כל נבלה, לגר אשר בשעריך תתנה ואכלה" (איר זאָלט נישט עסן קיין נבלה, דעם פרעמדן וואָס אין דיינע טויערן מעגסטו עס אַוועקגעבן, ער זאָל עס עסן). די תורה זוכט נישט אַרויפצוצווינגען אויפן פרעמדן דעם איסור פון עסן נבלה, ווייל לויט זיין אמונה מעג ער עס פאַרברויכן. דעם פרעמדנס פליכט איינמאָל אין זיבן יאָר צו זיין אָנוועזנדיק בשעת מען „לייענט די תורה פאַר גאַנץ ישראל אין זיינע אויערן" דאַרף דערפאַר אויסגעטייטשט ווערן נישט אַלס אַ טעכניק אַרויפצוצווינגען אויף אים די יידישע אמונה קעגן זיין ווילן און געוויסן, נאָר מער אַלס סאָציאַלע פליכט זיך צו באַקענען מיט דער ציוויליזאַציע פונעם לאַנד, אין וועלכן ער לעבט און געפינט זיך אונטערן שוץ פון זיינע געזעצן. הינטער דער דאָזיקער פליכט איז, מסתמא, געשטאַנען אַ געדאַנק, אַז אויב דער פרעמדער וועט פעריאָדיש אויפגעקלערט ווערן וועגן די יסודות פון דער יידישער לערע און דער טעאָקראַטישער סטרוקטור פון דער יידישער מלוכה, וועט ער סוף־כל־סוף דערזען דעם אמת און זיך אָפּזאָגן פון

זיין עבודה־זרה. די דאָזיקע הנחה האָט אָבער (יעדנפאַלס, אין פּרינציפּ) נישט געפירט צו קיין רעליגיעזער צוואַנגס־פּאָליטיק. בדרך־כלל, מעג מען באַהויפּטן, אַז כאָטש אונדז איז נישט אינגאַנצן קלאָר די טערמינאָלאָגיע פונעם חומש וועגן נישט־יידן, וואָס געפינען זיך אין יידישן לאַנד, און עס זענען נאָך ביז היינט פאַראַן נישט וויינִיק חילוקי־דעות וועגן דעם אינהאַלט פון אַזעלכע באַגריפן ווי „גר״ און „תושב״ — אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן דעם ענין זענען לעצטנס געמאַכט געוואָרן פון ר ב צ ע י ר אין ערשטן באַנד פון זיין מאָנומענטאַלן ווערק „תולדות ההלכה״ — זענען פרעמדע קלאַסיפיצירט געוואָרן אין אַמאָליקן יורידיש־עטישן באַוווסטזיין פון יידן אין דריי פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס.

III

די ערשטע קאַטעגאָריע זענען די „שבעת העממים״, די זיבן פעלקער אין ארץ־ישראל, פון וועלכע יידן האָבן געדאַרפט מיט כוח „צוריקקריגן״ זייער לאַנד. די דאָזיקע פעלקער זענען געשטעלט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אויסערן געזעץ, און די תורה גופא האָט געהייסן זיי באַהאַנדלען מיט עקסטרעמער אכזריות. אויף דעם חתי און דעם גרגשי, און דער אמורי, און דעם כנעני און דעם פרזי, און דעם חוי, און דעם יבוסי, „זיבן פעלקער גרעסערע און שטאַרקערע פון דיר״, טאָר מען גאָר, יעדנפאַלס אין דעם דעראָבערונגס־פּעריאָד, קיין רחמנות נישט האָבן: „החרם תחרים אותם, לא תכרת להם ברית ולא תחנם, ולא תתחתן בם, בתך לא תתן לבנו ובתו לא תקח לבנך״. פאַרוויסטן זאָלסטו זיי פאַרוויסטן, זאָלסט מיט זיי נישט שליסן קיין בונד און זאָלסט זיי נישט לייטזעליקן, און זאָלסט זיך נישט מתחתן זיין מיט זיי, דיין טאָכטער זאָלסטו נישט געבן צו זיין זון, און זיין טאָכטער זאָלסטו נישט נעמען פאַר דיין זון״ (דברים ז׳, ב־ג). די רעליגיעז־סאַנקציאָנירטע פּראָגראַם פאַר דער באַהאַנדלונג פון די זיבן טיפּן „נייטיוס״, וועמענס ווידערשטאַנד יידן האָבן זיך אונטערגענומען צו ברעכן, איז געווען אַן אייגנפאַך מיליטערישע: פיזיש פאַרטיליקן. גרויסע צאָלן פון זיי זענען ווירקלעך פאַרטיליקט געוואָרן (אומגעפער ווי אינדיאַנער דורך ווייסע אַמעריקאַנער אין דער נייער צייט), און די וואָס זענען פון זיי פאַרבליבן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן אָדער האַלב־שקלאַפן. אין מלכים א׳ (ט׳, כ־כא) ווערט וועגן דעם דערציילט כמעט מיט עפּישער רויִקייט: „כל העם הנותר מן האמורי, החתי, הפריזי, החוי והיבוסי אשר לא מבני ישראל המה, בניהם אשר נותרו אחריהם בארץ, א ש ר ל א י כ ל ו ב נ י י ש ר א ל ל ה ח ר י מ ם, ויעלם שלמה למס עובד עד היום הזה״ (דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז איבערגעבליבן פון דעם אמורי,

דעם חתי, דעם פריזי, דעם חוי און דעם יבוסי, וואָס זענען נישט געווען פון די קינדער פון ישראל, זייערע קינדער וואָס זענען געבליבן נאָך זיי אין לאַנד, וואָס די קינדער פון ישראל האָבן זיי נישט געקענט פאַרטיליקן, זיי האָט שלמה גענומען פאַר צינזקנעכט ביז אויף היינטיקן טאָג).

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע באַציִונג צו די איינגעבוירענע איינוווינער פון כנען האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט אַ ראַסן־פּרינציפּ אין דעם זינען, אין וועלכן מיר פאַרשטייען דאָס וואָרט היינט. די „שבעת העממים״ זענען געווען פאַר ייִדן געפערלעך, ווייל זיי האָבן געהאַט זייערע אַ תביעה אויף דעם זעלביקן לאַנד, וואָס איז „פאַרשפּראָכן געוואָרן״ ישראלן. דאָס איז געווען אַ קאָנפליקט צווישן צוויי פּאָליטיש־טעריטאָריאַלע תביעות, און ייִדן האָבן געהאַט זייער „מאָראַליש־רעליגיעזן גרונט״ צו באַטראַכטן די אייגנטום־פּרעטענזיעס פון דער היימישער באַפעלקערונג אַלס אומגערעכט. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי זיי באַטראַכט פאַר אַ גרויסער גייסטיקער געפאַר. ווינען בשלום צוזאַמען מיט „די זיבן פעלקער״, ווען זיי וואָלטן אַפילו פאַר דעם געזען אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעגלעכקייט, וואָלט געהייסן האָבן צווישן זיך אַ גרויסע צאָל געצנדינער וואָס זענען מטמא דאָס לאַנד. דער געצנדינער אין אַ פרעמד אָבער ווייט לאַנד האָט נישט געקענט אויסאיבן אַזאַ דעמאָראַליזירנדיקע אָדער פאַרפירערישע השפּעה אויף דעם רעליגיעזן לעבן פון ייִדן, מיט זייער נאָך זייער יונגן און נאָך נישט קריסטאַליזירטן מאָנאָטעיִזם און מיט דער מאָראַל וואָס האָט זיך אויף זיין יסוד געהאַלטן אין אויסבויען. דער היימישער געצנדינער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס טאָג־טעגלעכער מסית ומדיח. דער טעם פאַר זיך נישט מתחתן זיין מיט די היימישע פעלקער ווערט אָנגעגעבן זייער קלאָר אין דברים (ז׳, ד״ה): „כי יסיר את בנך מאחרי ועבדו אלהים אחרים, וחרה אף יהוה בכם, והשמידך מהר, כי אם כה תעשו להם, מזבחותיהם תתצו ומצבותם תשברו, ואשיריהם תגדעון, ופסיליהם תשרפון באש״ (וואָרים ער וועט אָפּקערן דיין זון פון הינטער מיר, און זיי וועלן דינען פרעמדע געטער, און דער צאָרן פון יהוה וועט גרימען אויף אייך, און ער וועט דיך גיך פאַרטיליקן, נייערט אַזוי זאָלט איר טאָן צו זיי: זייערע מזבחות זאָלט איר איינוואַרפן, און זייערע זייל־שטיינער זאָלט איר צעברעכן, און זייערע געצנביימער זאָלט איר אָפּהאַקן, און זייערע געשניצטע בילדער זאָלט איר פאַרברענען אין פייער). ישראל דאַרף ווערן אַ הייליק פאָלק, הייליק דאַרף ווערן דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד פון ישראל, און די טומאת הגויים דאַרף אינעם לאַנד אויסגעראָטן ווערן. חתונות מיט געצנדינער פון אַנדערע פעלקער און לענדער זענען דערפאַר אין אַ גרוי־

סער מאָס טאָלערירט געוואָרן: זייער צאָל האָט, מחמת באַגרענעצטע קאָנ־טאַקט־געלעגנהייטן, נישט געקענט זיין קיין גרויסע, און גראָד ווייל זיי זענען געווען איינצלנע „אויסלענדער״ האָבן זיי פאַרהעלטניסמעסיק לייכט געקענט אַבסאָרבירט ווערן אין דער יידישער סביבה, בשעת היימישע געצנדינער האָבן געפירט אויפן פלאַץ זייער אייגן קאָלעקטיוו לעבן און קולטיווירט זייער איי־גענע ל אָ ק אַ ל ע עבודה־זרה. זיך מתחתן זיין מיט זיי, מיט די נאָענטע שכנים, וואָס האָבן נאָך דערצו ביי זיך נישט געפועלט, אַז זייער תביעה אויפן לאַנד איז שוין מער נישט גילטיק, וואָלט געקענט, לויטן זעלביקן יידישן באַ־וווסטזיין, שטעלן אין געפאַר אי די יידישע הערשאַפט איבערן לאַנד, אי די עצם עקזיסטענץ פון דער אייגנאַרטיקער, יונגער און דורך־און־דורך אַנטיטע־טישער יידישער אמונה. אין דער מאָס, אַלזאָ, אין וועלכער יידן האָבן אין אַלטערטום אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נאַציאָנאַליסטיש־אַגרעסיווע באַציִונג צו די פעלקער, איז די ראַציאָנאַליזאַציע פאַר דער דאָזיקער באַציִונג און פאַר דער אכזריותדיקער פאָליטיק פון אומגעצוימטע אָקופּאַנטן, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פעלקער אין יענע צייטן, געווען אַ סך ווייניקער „ראַסיסטיש״ ווי רעליגיעז.

אין דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן פרעמדע פעלקער אין פרעמדע לענדער. ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, האָבן יידן בנוגע זיי קיין אַגרע־סיווע טענדענצן נישט אַרויסגעוויזן — אין דער מאָס, יעדנפאַלס, אין וועלכער אַזעלכע טענדענצן וואָלטן געקענט דיקטירט ווערן פון זייער עטיש־רעליגיעזן באַוווסטזיין. אמת, יידן האָבן זיך געהאַלטן פיל העכער פון זיי, באַטראַכטנ־דיק זיך אַלס אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואָס געפינט זיך אין ספּעציעל אינטי־מע באַציִונגען מיט גאָט (מיט דעם איין און איינציקן גאָט, וועלכן די אומות־העולם האָבן נאָך נישט אָנערקענט!). די פּאָזיציע פון גאָטס „ליבלינג״ און דער פאַקט וואָס צווישן יידנטום און דער העכסטער וועלטקראַפט איז געשלאָסן געוואָרן אַ „ברית״, זענען אָבער נישט געווען פאַרבונדן פאַרן פאָלקס־געוויסן מיט קיין „ערדישע״ פּריווילעגיעס פון וועלכן נישט איז באַדייטנדיקן היקף. יעדעס פאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין לאַנד און זעלבסטשטענדיקייט, און טראָץ דער אומגעהייער אינטענסיווער רעליגיעזער אומגעדולד, מיט וועלכער יידן אַלס אַ מאָנאָטעיִסטיש פאָלק האָבן זיך באַצויגן צו די אומות־העולם, האָבן זיי געזוכט צו אָנערקענען פאַר זיי אַפילו דאָס רעכט אויף עבודה־זרה. דער באַ־טאָנטער, אָדער אפשר איבערבאַטאָנטער, ווי אייניקע ווילן מיינען, רעספּעקט צו זיך אַליין, איז נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיין פאַראַכטונג צו אַנדערע פעלקער: „לא תתעב אדומי ומצרי״ (זאָלסט נישט פאַראַכטן דעם איינוווינער פון אדום און מצרים). אין דעם פרט איז רב צעיר גערעכט, ווען ער אַקצענ־

טירט אין זיין דערמאָנטן ווערק, „תולדות ההלכה", אַז שנאה איז ביי ייִדן געווען צו ג ו י י ש ק י י ט, נישט צו ג ו י י ם, — צו זייערע עבודה־זרהס, פון וועלכע זיי וועלן זיך סוף־כל־סוף באַפרייען און אָפּרייניקן, אָבער נישט צו זיי גופא. אַן אויסנאַם איז געווען עמלק, וועמענס זכר עס איז געווען אַ מצוה אינגאַנצן „אָפּצומעקן פון אונטערן הימל". פון שנאה צו מצרים — אַפילו צו מצרים! — האָבן זיך ייִדן פאַרהעלטניסמעסיק פרי באַפרייט. עמלקן האָבן זיי נישט געקענט מוחל זיין אַזוי לאַנג ער האָט עקזיסטירט. „זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים, אשר קרך בדרך ויזנב בך כל הנחשלים אחריך ואתה עיף ויגע, ולא ירא אלהים" — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אונטערוועגנס, ווען איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים; ווי ער האָט דיך געטראָפן אונטערוועגנס, און האָט געשלאָגן דיינע הינטער־שטע, אַלע אָפּגעשלאָפטע הינטער דיר, בעת דו ביסט געווען פאַרשמאַכט און מיד; און ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט (דברים כ"ה, יז־יח). אַחוץ עמלקן ווערט אין תנ"ך, דוכט זיך, קיין אַנדער חוץ־לארצדיק פאָלק נישט דער־מאָנט אַלס אַן אָביעקט פון שטענדיקער שנאה און נקמה־געפילן.

ביי די נביאים געפינען מיר שוין אַן אויסברייטערונג פון גאָטס ברכה אויף די אומות־העולם. „ברוך עמי מצרים, ומעשה־ידי אשור, ונחלתי ישראל". געבענטשט זאָל זיין מיין פאָלק מצרים, און דאָס ווערק פון מיינע הענט, אשור, און מיין נחלה, ישראל (ישעיה י"ט, כה). דאָס פאָלק וואָס האָט גע־האַלטן ישראל דורות־לאַנג אין שקלאַפעריי און איז געוואָרן פאַר ייִדן דער סימבאָל פון טומאה און רשעות, ווערט דערהויבן אינעם נביאס זעונג צו דער מדרגה פון „גאָטס פאָלק"; מצרים און אשור, די צוויי פעלקער וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אין משך פון אַ לאַנגער תקופה די מעכטיקסטע פאָק־טאָרן אין פּאָליטישן לעבן פון יענעם טייל וועלט, פון וועלכן ייִדן האָבן געוווּסט, פאַראייניקן זיך, אין דער פאַרויסגעזעענער צוקונפט, מיט ישראל אין אַ הייליקער מלחמה — אין נאָמען פון גאָט, רעכט און גערעכטיקייט. ביי צ פ נ י ה ווערט דער דאָזיקער אוניווערסאַליזם אויסגעדריקט נאָך קלאָ־רער: „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה, לקרא כלם בשם יהוה, לעבדו שכם אחד" (ג׳, ט) — וואָרים דעמאָלט וועל איך איבערמאַכן די פעלקער אַ ליפּ אַ ריינע, אַז זיי זאָלן אַלע רופן צום נאָמען יהוה, אים צו דינען אַזוי ווי איין מאַן. צפניה געפינט שוין נישט פאַר מעגלעך אָנצורופן אין פאַרבינדונג מיט זיין וויזיע וועלכע נישט איז איינצלפעלקער; ער זעט פאַר זיך אַ גערייניקטע און גייסטיק אויפגעריכטע מענטשהייט, וואָס איז פאַראייניקט אין דער עבודה פון איין גאָט. ירמיהו באַטראַכט זיך פונעם אָנפאַנג אָן פאַר אַ „נביא לגויים", און כאָטש ער זאָגט פאַרויס, אַז אינעם „טאָג פון גאָטס צאָרן", וועלן מצרים,

בבל, פלשת, כנען, ערב, עילם און מדי שטאַרק באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד (כמעט אַלע נביאים האָבן דאָך געדראָט מיט אַ שווערן עונש אויך און פאַר אַלעמען זייער אייגן פאָלק), גיט ער זיי אויך אַ פּלאַץ אין דער קומענדיקער גאולה: „והיה באחרית הימים אשוב את שבות עילם" (מ"ט, לט) — אָבער עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, ווען איך אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון עילם, זאָגט גאָט. אַלע שלעכטע שכנים, וואָס רירן אָן די ירושה וואָס ער האָט צוגעטיילט זיין פאָלק ישראל, וועט גאָט טאַקע אויסרייסן, ווי ירמיהו גלייבט, פון זייער ערד, אָבער דער עונש פאַר זייערע בייזע מעשים וועט נישט דויערן אייביק; גאָט וועט זיי ווידער דערבאַרעמען און וועט זיי אומקערן איטלעכן צו זיין נחלה, און איטלעכן צו זיין לאַנד (י"ב, יד־טו). דער נביא גלייבט אין די אַנגערופענע פעלקער און אין זייער מאָראַלישער צוקונפט. אויף די „שלעכטע שכנים" וועלן סוף־כל־סוף תשובה טאָן און גאָט וועט זייער תשובה אָננעמען און צוריקגעבן יעדן פון זיי זיין פּלאַץ אין דער וועלט. קיין אַבסאָלוטע פאַראורטיילונג און אָפּשטויסונג איז ביי אים נישטאָ; זיין צאָרן איז צייטווייליק און זיין שטראָף איז נישט קיין באַדינגונגסלאָזע. ירמיהו, און נישט נאָר ער אַליין, האָט שוין געגלייבט אין יענע אָפענע טויערן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך שפּעטער מיט דורות און דורות אין שמות רבה: „אין הקדוש ברוך הוא פוסל לשום בריה, אלא לכל הוא מקבל; השערים נפתחים בכל שעה וכל מי שמבקש לכנס יכנס" (דער אייבערשטער פסלט נישט קיין שום באַשעפעניש, איטלעכן איז ער מקבל; די טויערן ווערן געעפנט יעדע שטונדע און ווער עס וויל אַריינגיין, זאָל אַריינגיין).

ווען מיר גייען איבער פונעם תנ"ך אין דער אייגנאַרטיקער און מער ליריש־רעזאָנירנדיקער ספרעע פון אגדה און מדרש, געפינען מיר דעם דאָזיקן אוניווערסאַליסטישן צוג פון דער תורה און די נביאים קלאָרער און מער אַרטיקולירט. די אגדה און די מדרשים אַנטהאַלטן אין זיך אַן אומגעהייער רייכן אוצר פון זעלבסט־אידעאַליזאַציע, הונדערטער און הונדערטער אילוסטראַציעס פון כמעט פּאַטאָלאָגישער פאַרליבטקייט אין זיך אַליין און נאַיווע קאָמפּלימענטן אויפן אייגענעם חשבון: אַ געוויסע פאָרעם פון נאַרציסיזם איז זייער אָפט אַן ענטפער אויף רדיפות און פאַראַכטונג פון דרויסן. אין דער זעלביקער צייט אָבער רעוואָלטירט די פאָלקס־נשמה קעגן נאַציאָנאַלער איבער־גאווה וועלכע איז אין תוך אַן אָפּלייקענונג פון דער וועלטס איינהייט און פון דער אָרגאַנישער אחדות פון מענטשלעכן מין. דאָס זעלביקע רעליגיעזע באַוווסטזיין וואָס האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט דעם אתה־בחרתנו־באַגריף אויפן גרונט פון פאַקטישע און אויגנשיינלעכע גייסטיק־מאָראַלישע אונטערשיידן צווישן ישראל און די אומות־העולם, קען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק,

אַז ייִדן זענען אָ ר ג אַ נ י ש העכער פון די אַנדערע פעלקער און נישט בלויז ה י ס ט אָ ר י ש פאָרגעשריטן. דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין — באַרימעריש־נאַציאָנאַליסטיש און אַריסטאָקראַטיש־אַראָפּקוקנדיק ווי עס איז אָדער עס שיינט צו זיין — זוכט אין דער זעלביקער צייט אַ מין פאָרעם ווי אַזוי זיך צו „אַנטשולדיקן" פאַר די אומות העולם פאַר זייער אינפעריאָריטעט און פאַר ישראלס העכערער מדרגה. אַן אָפּקלאַנג פון אַזאַ געהיימען אָבער, לויט פילע סימנים, זייער ברויזנדיקן אינעווייניקסטן קאַמף, קענען מיר נאָך היינט אַרויסהערן פון געוויסע שטעלן אין דער מסכתא שבת (דף קמ"ה): „מפני מה הגויים מזוהמים? ישראל שעמדו על הר סיני, פסקה זוהמתם" (פאַרוואָס זענען די גויים פאַרשמוציקט? ישראל וואָס זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָט זיך זייער שמוץ פון זיי אָפּגעטאָן; די גויים וואָס זענען נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָט זיך זייער שמוץ פון זיי נישט אָפּגעטאָן). ייִדן, הייסט עס, זענען נישט שטענדיק געווען אַזוי ריין, ווי זיי זענען איצטער; עס איז געווען אַ צייט, ווען זיי זענען געווען נישט ווייניקער פאַרשמוציקט ווי די גויים, אָבער דער מעמד הר סיני האָט זיי ריין געמאַכט. אויף אַ זייער פאַרזיכטיקן אופן, אויף אַן אופן פון נישט דערזאָגן ביז צום סוף, ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט די אויפפאַסונג פון גייסטיקער עוואָלוציע ביי פעלקער: ייִדן זענען נישט די א יי נ צ י ק ע, נאָר די ע ר ש ט ע וואָס האָבן זוכה געווען צו התגלות, אָבער אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון וועלטגעשעען גייט אַריין התגלות אויך פאַר די אומות־העולם, וואָס דאַרפן בלויז נאָך וואַרטן אויף זייערן אַן אייגענעם מעמד הר סיני. די מחיצה צווישן ייִד און נישט־ייִד איז נישט קיין אַבסאָלוטע, נאָר אַ רעלאַטיווע, נישט קיין אייביקע נאָר אַ צייטווייליקע. די אומות־העולם פעלט דערווייל ת ו ר ה — אמת, דאָס וויכטיקסטע און ווערטפולסטע וואָס קען דעם מין מענטשן געגעבן ווערן — אָבער ח כ מ ה פאַרמאָגן זיי (יעדנפאַלס, אייניקע פון זיי) נישט ווייניקער פון ייִדן. „אם יאמר לך אדם, יש חכמה בגויים — תאמין; יש תורה בגויים — אל תאמין" (איכה רבה). — אויב עמעצער וועט דיר זאָגן, אַז עס איז פאַראַן חכמה ביי די גויים, גלייב; אַז עס איז פאַראַן תורה ביי גויים, גלייב נישט. אונדזערע קדמונים האָבן אַפילו מתקן געווען אַ ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכן, ווען מעז באַגעגנט אַ נישט־ייִדישן חכם: „הרואה חכמי ישראל אומר ברוך שחלק מחכמתו ליראיו; חכמי אומות העולם אומר ברוך שנתן מחכמתו לבריותיו" (ברכות נ"ח) — ווער עס זעט חכמים פון ישראל זאָגט: „געלויבט איז דער וואָס האָט צוגעטיילט חכמה צו די וואָס פורכטן אים, און ווער עס זעט חכמים פון די אומות העולם זאָגט: געלויבט איז דער וואָס האָט צוגעטיילט חכמה צו זיינע באַשעפענישן". ווי הויך ייִדן פון דער תלמו־

דישער עפּאָכע האָבן שוין געשאַצט געוויסע גייסטיקע אייגנשאַפטן פון פרעמדע פעלקער, קען מען זען, למשל, פון דעם, ווי אַזוי עס ווערט אויסגע־טייטשט דער פסוק „יפת אלהים ליפת וישכן באלי שם". דער זין פון דעם דאָזיקן אומקלאָרן זאַץ זאָל אויסדריקן די שטרעבונג צו אַ מין סינטעז פון קולטורן. „יפיפותו של יפת יהא באהלי שם" (מגילה ט׳) — די שיינקייט פון יפת (די עסטעטישע ווערטן פון נישט־ייִדן) זאָל רוען אין שמס תורה־געצעלטן. „יפת" ווערט דאָ אומדירעקט כאַראַקטעריזירט אַלס העכער, אין אַ געוויסער ספּערע פון גייסט, פון שמון. אָבער עסטעטיק און חכמה שעפּן נישט אויס מיט זיך אַלע גייסטיקע פּאָטענצן פון פרעמדע פעלקער. עס איז פאַר זיי נישט פאַר־מאַכט דער וועג אויך צו דער העכסטער רעליגיעז־מאָראַלישער שטופע, וואָס קען בכלל פון אַ מענטשן דערגרייכט ווערן — צו ר ו ח ־ ה ק ו ד ש. אין ת נ א ד ב י א ל י ה ו ר ב ה, צום ביישפּיל, געפינען מיר שוין דעם פאָלגנדן כאַראַקטעריסטישן זאַץ: „מעיד אני עלי את השמים ואת הארץ, בין גוי ובין ישראל, בין איש ובין אשה, בין עבד ובין שפחה, הכל לפי מעשה שעושה כך רוח הקודש שורה עליו." (איך רוף די הימלען און די ערד פאַר עדות און זיי וועלן באַשטעטיקן, אַז צי אַ גוי אָדער אַ ייִד, צי אַ מאַן אָדער אַ פרוי, צי אַ קנעכט אָדער אַ שקלאַפן־פרוי, לויט די מעשים וואָס ער טוט רוט אויף אים רוח הקודש). דער מענטש, הייסט עס, איז נישט דעטערמי־נירט נישט פון זיין געשלעכט, נישט פון זיין סאָציאַלער שטעלונג א ו ן נ י ש ט פ ו ן ז י י ן ר אַ ס ע: יעדער יחיד איז פעיִק אויף מעשים וואָס קענען אים דערהייבן צו אַ מדרגה, אויף וועלכער מען איז זוכה צו קריגן רוח־הקודש.

אין תלמוד און אין די פאַרשיידענע מדרשים זענען, ווי עס איז באַקאַנט, פאַראַן הונדערטער שטעלן, אין וועלכע אַנדערע פעלקער ווערן שאַרף קריטי־קירט און פאַראורטיילט, אָבער אויך יענע שטעלן אַנטהאַלטן אין זיך פאַר־העלטענישמעסיק זעלטן אַ טאָטאַלע און ענדגילטיקע פאַראורטיילונג פון דעם נישט־ייִדישן טייל פון דער מענטשהייט. די ט ע נ ד ע נ ץ אין דער אגדה און מדרשים איז נישט ווייניקער, אַמאָל אַ סך מער, אויסגעשפּראָכן אוניווער־סאַליסטיש ווי אין דער נבואה. לויט איין מדרש (מכילתא אויף שמות) איז די תורה געגעבן געוואָרן אין דער מדבר — אין אַ געוויסן זינען אין אַ „נאָ מענס לענד" — און נישט אין ארץ־ישראל, כדי דערמיט אָנצודייטן, אַז אין פּרינציפּ איז זי אַ מתנה פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין, נישט נאָר פאַר ייִדן אַליין: פּאָטענציעל, אין לעצטן היסטאָרישן חשבון, זענען אַלע פעלקער ראוי און מסוגל אָנצונעמען די תורה. לויט אַן אַנדער לעגענדע איז די תורה גלייכ־צייטיק פאַרגעטראָגן געוואָרן אויף אַלע שבעים לשון, כדי אַלע „זיבעציק

פעלקער" פון דער וועלט זאָלן זי הערן, יעדער אויף זיין שפּראַך, אפשר וועלן זיך געפינען צווישן זיי אַזעלכע וואָס וועלן זי מקבל זיין; און לויט אַן אַנדער ווערסיע איז די תורה געטראָגן געוואָרן פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק — דער רבונו של עולם האָט, כביכול, "עקספּערימענטירט" מיט די אומות־העולם, נאָר אַליין "נישט געווען זיכער" ווער פון זיי איז שוין גרייט זי מקבל צו זיין. דער "עקספּערימענט" איז נישט געלונגען, אַלע האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט, אָבער אויך ישראל (דאָ קומט ווייטער אַמאָל אַ סימפּטאָמאַטישע "אַנטשולדיקונג" פאַר פאַרמאָגן אַ "כלי חמדה", וואָס אַנדערע פעלקער האָבן נישט!) האָט די תורה מיטן גוטן ווילן נישט געוואָלט אָננעמען, נאָך נישט געווען, הייסט עס, רייף און מסוגל זי אָפּצושאַצן, און די השגחה האָט זי געמוזט אויף אים אַרויפצווינגען. "כפו עליהם הר כגיגית", מען האָט אויף די ייִדן אָנגעבויגן דעם באַרג ווי אַ פאַס: אָדער איר זענט אויף זיך מקבל דעם עול פון דער תורה, אָדער דער באַרג וועט אייך פאַרניכטן. צופיל, איז דער זין פון דער און פון אַנדערע ענלעכע אגדות און מדרשים, טאָרן זיך ייִדן מיט זייער סופּעריאָריטעט לגבי אַנדערע פעלקער נישט איבערנעמען. אינעם וועלטפּלאַן איז לכתחילה אַריינגעאַנגען אַ תורה פאַר אַלעמען, אַן אונטערשייד פון לאַנד, שפּראַך און אָפּשטאַם. דאָס איז דערווייַלע נישט געלונגען, אָבער דער אָריגינעלער וועלטפּלאַן וועט פריִער אָדער שפּעטער פאַרווירקלעכט ווערן ("ומלאה הארץ דעה"); ייִדן זענען בלויז די ערשטע וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט גאָט. מיט קיין ראַסן־טעאָריע אין דעם מאָדערנעם "וויסנשאַפטלעכן" זינען פון וואָרט האָט די דאָזיקע שטעלונג צו פרעמדע קיין שום שייכות נישט. בלוט, שטאַם, ביאָלאָגישע ירושה איבן אויס אויפן יחיד אַ געוויסע השפּעה, אָבער דער גייסט פון מענטשן איז שטאַרקער פון די דאָזיקע פאַקטאָרן, און דער "צלם־אלהים" וואָס פעלט נישט אויף קיין איין און איינציק מענטשלעך געזיכט איז אין לעצטן אַנאַליז, מער אַנטשיידנדיק ווי די בלוט־און־פלייש־ירושה מיט אירע "דעטערמינאַנטן".

עס וואָלט געווען נאַיוו אָדער זייער געקינסטלט צו זוכן אין תנ"ך, אָדער אַפילו שפּעטער ביי די חכמי־התלמוד און אין די מדרשים, וועלכע נישט איז סיסטעמאַטיש־וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען וואָס האָבן צו טאָן מיט ביאָפּסיכאָלאָגיע. די טענדענץ און די ריין אינטויטיווע אויפפאַסונג איז אָבער אין אונדזער גאַנצער קלאַסיש־רעליגיעזער ליטעראַטור אַ קלאָרע: גייסט איז נישט שקלאַפיש געבונדן אָן מאַטעריע, גייסט איז אויטאָנאָם און איז בכוח צו באַפרייען דעם מענטשן פון בלוט־און־פלייש־השפּעות; אַ "בשר־ודם" איז אַ סך מער ווי בלויז בשר־ודם. "רוח" איז נישט סתם אַן עפּיפענאָמען פון "חומר", און דערפאַר טאַקע איז יעדער מענטש, ווי מיר זאָגן היינט, אַ "פרייער אַגענט",

און איז מאָראַליש פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיין האַנדלען און נישט־האַנדלען די באַציִונגען צווישן גייסט און שטאָף ווערן אַפֿילו איינמאָל רעפּרעזענטירט אין תּלמוד „גראַפֿיש־אַנאַטאָמיש" (נדה, ל"א): „דריי שותּפים זענען פֿאַראַן אין מענטשן — גאָט, זיין פֿאָטער און זיין מוטער; דער פֿאָטער פֿאַרזייט אין אים דעם מענלעכן זאָמען („לובן"), פֿון וועלכן עס קומען אַרויס ביינער, אָדערן, נעגל, דער געהירן אין קאָפּ און דאָס ווייסלעכע פֿונעם אויג; די מוטער פֿאַרזייט די רויטע פֿליסיקייט („אודם"), פֿון וועלכער עס קומען אַרויס הויט, פֿלייש, האָר, און דער שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג; און גאָט גיט אין אים אַריין גייסט, נשמה, פֿיזיאָנאָמיע (קלסתר פּנים), די פֿעיִקייט צו זען און צו הערן און צו רעדן און צו גיין מיט די פֿיס, פֿאַרשטענדעניש, פֿאַרנונפֿט און שׂכל; און ווען עס קומט פֿאַר אים די צייט אַוועקצוגיין פֿון דער וועלט, נעמט דער אייבערשטער צוריק ז יי ן חלק און לייגט אַוועק פֿאַר טאַטע־מאַמע ז יי ע ר חלק". גייסט, נשמה, אַלץ וואָס איז אין מענטשן באַוועגלעך, אַקטיוו און די־נאַמיש, קומט פֿון גאָט, נישט פֿון טאַטע־מאַמע, און דאָס הייסט שוין ממילא אויך נישט פֿון „ראַסע" די חלקים וואָס דער פֿאָטער און מוטער (און ראַסע) האָבן אין מענטשן, מעגן מיר זיך הייִנט דערלויבן צו אינטערפּרעטירן יענע פֿאַרשטעלונג פֿון די חז"ל, קענען אפֿשר סטימולירן אָדער מעכב זיין די פֿאַ־נאַנדערוויקלונג אָדער דעם אויפֿשוווּנג פֿון גייסט; זיי זענען אָבער נישט מסוגל אים אויף שטענדיק צו פֿענטען אָדער דעטערמינירן זיין כאַראַקטער און ריכטונג. פֿאַר ייִדן זענען די אומות־העולם זיכער געווען זינדיקע ברואים. אָבער זינדיק האָט אין רייִפֿערן ייִדנטום קיינמאָל נישט געהייסן דאָס זעלביקע וואָס פֿאַרדאַמט. די טויערן פֿון תּשובה זענען פֿאַר די זינדיקע נישט געווען פֿאַרשלאָסן, און נישט אומזיסט האָט מען אין די זיבן סוכּות־טעג מקריב געווען אין בית־המקדש זיבעציק אָקסן אויף מכפּר צו זיין די חטאים פֿון די „זיבעציק אומות־העולם" (סוכּות, נ"ה). די דאָזיקע תּקנה האָט דעמאָנסטרירט מער ווי אַלץ איבעריקע, אפֿשר מער ווי די אוניווערסאַליסטישע וויזיעס פֿון די נביאים און די שפּעטערדיקע אַנטי־פּאַרטיקולאַריסטישע אויסטייטשונגען פֿון פֿיל פֿון די חז"ל, אַז וויפֿל חסרונות ייִדן זאָלן אין זייערע טאָג־טעגלעכע באַאָבאַכ־טונגען נישט האָבן אַנטדעקט אין די פֿרעמדע פֿעלקער און וויפֿל מעלות זיי זאָלן נישט האָבן צוגעשריבן זיך אַליין, אַמאָל נאַיִוו־באַרימעריש און אַמאָל ראַפֿינירט־נצחונותדיק, אַז עס איז געקומען צו מאַכן אַ גרינטלעכן חשבון־הנפש — אַ חשבון־הנפש וואָס געפֿינט זיין אויסדרוק אין קולט, אין עבֿודה, אין דער מיסטעריע פֿון קרבן — האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ צערעמאָניאַל, אין וועלכן עס ווערט פֿייערלעך באַטאָנט די איינהייט פֿון אַלע מענטשן־ברואים אין חטא, אין תּשובה און אין כּפּרה...

און דאָ קומען מיר צו דער דריטער קאַטעגאָריע פרעמדע — נישט צו סתם אומות־העולם, נאָר צו יענע אָפּשפּליטערונגען פון שכנותדיקע און ווייטע פעלקער, וועמען אומשטענדן האָבן געבראַכט, אָדער געקענט ברענגען, אין ייִדישן לאַנד. אויף דעם סטאַטוס פון דער קאַטעגאָריע האָבן מיר שוין בדרך כלל אָנגעוויזן אין אָנהייב פון דעם קאַפּיטל און מיר קענען זיך דאָ באַגרענעצן בלויז מיט עטלעכע אָנווייזונגען. די ביבלישע גזעצגעבונג מאַכט אַן אונטערשייד צווישן „נכרי", דעם אויסלענדער, וואָס געפינט זיך אין ייִדישן לאַנד צייטווייליק צוליב באַשטימטע צילן, ווי, למשל, איינצוקויפן אָדער צו פאַרקויפן סחורה, און צווישן דעם „גר", וועלכער געהערט אויך ווי דער ערשטער צו אַ פרעמדן שטאַם, אָבער ער האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין לאַנד. זייערע רעכט און פליכטן זענען נאַטירלעך נישט איינע און די זעלביקע (ווי, צום ביישפּיל, עס איז פאַראַן ביז היינט אַ חילוק אין יורידישן סטאַטוס צווישן אַ „טוריסט" און אַן „אימיגראַנט" אין די פאַראייניקטע שטאַטן). דער נכרי געפינט זיך אונטער דעם אַלגעמיינעם שוץ פון די געזעצן פון לאַנד, אָבער ער ווערט נישט באַטראַכט פאַר קיין „בירגער" אָדער פאַר קיין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אין ווירטשאַפטלעכן זינען. דער איסור צו נעמען פּראָצענט פאַר אַנטליען געלט איז אויף אים נישט חל. „לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך" — דער נכרי איז אין דעם דאָזיקן זאַץ נישט סתם אַ נישט־ייִד, נאָר אַן אויסלענדער, אַ צוגערייזטער, וועלכער ווערט נישט באַטראַכט אַלס אַ גליד אין דעם לאָקאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, בשעת אונטער דעם באַגריף „אחיך" (דיין ברודער), ביי וועמען מען טאָר קיין נשך נישט נעמען, געפינט זיך אויך דער נישט־ייִדישער „פּערמאַנענטער רעזידענט" פונעם ייִדישן לאַנד, דער אַזוי גערופענער „גר" (פּאַראַלעלן צו אַזאַ סטאַטוס אין דער היינטיקער מלוכה, שוין אָפּגערעדט פון דער אַלטערטימלעכער, קען מען געפינען אין די געזעצן און רעגולאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן: אַ טוריסט האָט נישט קיין רעכט צו זוכן און אָנצונעמען אַרבעט, און קומט ער אָן צו אָרגאַניזירטער צדקה, איז דאָס אַ גענוגנדיקער גרונט פאַר דעפּאָרטאַציע). אַנדערש איז דער סטאַטוס פונעם „גר", וועלכער ווערט אָפּטמאָל אָנגערופן אויך „גר תושב", אָדער סתם „תושב", כדי אים נישט צו פאַרטוישן מיטן ׳נכרי׳. נישט שטענדיק איז אונדז קלאָר די פּסיכאָלאָגיש־עמאָציאָנעלע קאָננאָטאַציע פון אַן אַלט־העברעיִש וואָרט, אָבער אַז דער באַגריף „גר ותושב" האָט נישט אַנטהאַלטן אין זיך קיין שמץ פון באַליידיקונג, קען מען זען פון אַ געוויסן פּסוק אין ויקרא (כ"ה, כג): „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ, כי גרים ותושבים אתם עמדי" (און די ערד זאָל נישט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, וואָרים צו מיר געהערט די ערד;

וואָרים פרעמדע און איינגעוואָנדערטע זענט איר בײַ מיר). די אידייע פון דער אַגראַרער געזעצגעבונג אין תורת משה איז, אַז קיין אַבסאָלוט אייגנטום־רעכט אויף באָדן האָט קיינער נישט, דאָס לאַנד געהערט צו גאָט, און מענטשן אָדער פעלקער זענען בלויז זײַנע פּעכטער; ייִדן אין זייער „אייגענעם" לאַנד זענען אויך אין גרונט נישט מער ווי אײַנוווינער אויף גאָטס באָדן, גרים און תושבים. אין פּרינציפּ, כאָטש מיט וועזנטלעכע פּראַקטישע באַשרענקונגען, איז דער פרעמדער וואָס וווינט אין ייִדישע לאַנד אויך אַ פּעכטער בײַ גאָט און געפינט זיך אונטער זײַן שוץ. דעם גר טאָר מען דערפאַר נישט קריוודען און נישט אונטערדריקן („וגר לא תונה ולא תלחצנו") און וועגן דעם ווערט גע־רעדט (שמות כ״ב, כא־כב) אין איין אָטעם מיט דעם געבאָט נישט צו פּיי־ניקן אַן אלמנה און אַ יתום. מען טאָר קעגן אים נישט דיסקרימינירן אויך ווען ס'האַנדלט זיך וועגן שטראָף־רעכט און געריכט: 'משפט אחד יהיה לכם, כגר כאזרח יהיה, כי אני יהוה אלהיכם" (ויקרא כ״ד, כב) — איין געזעץ זאָל זײַן בײַ אײַך, ווי דער איינגעבוירענער אַזוי זאָל זײַן דער פרעמדער, וואָרים איך בין יהוה אייער גאָט.

די פליכט צו אונטערשטיצן אַ פּאַראָרעמטן ווייסט אויך נישט אין דער ביבלישער געזעצגעבונג קיין אונטערשייד צווישן ייִד און נישט־ייִד. דער „גר ותושב" ווערט אין דער הינזיכט גלײַכגעשטעלט מיט אַ ייִדישן „ברודער" (ויקרא כ״ה, לה): „וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו, גר ותושב, וחי עמך" — און אַז דײַן ברודער וועט אָרעם ווערן, און זײַן האַנט וועט זײַן גע־פאַלן בײַ דיר, זאָלסטו אים אויפהאַלטן, דעם פרעמדן און דעם איינגעוואָנ־דערטן, אַז ער זאָל קענען לעבן בײַ דיר; מען טאָר אים אויך נישט געבן קיין געלט אויף צינזן און קיין עסנוואַרג אויף מערונג („מרבית"). אמת, אין שפּע־טערדיקע דורות האָט די משנה געזוכט אויסצוטייטשן דעם באַגריף „תושב" אין אַן אַנדערן זין, אַזוי אַז דער איסור צו נעמען צינז פאַר געלט זאָל חל זײַן נאָר אויף ייִדן. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער געזעץ, אין וועלכן עס זענען, אונטערן דרוק פון נײַע עקאָנאָמישע און אַנדערע לעבנס־באַדינגונ־גען, פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען. „פּרוזבול", די תקנה וואָס הלל הזקן האָט איינגעפירט, איז אויך אין גרונט געווען אַ פאַרלעצונג פון אַ זייער קלאָרן ביבלישן געבאָט, און די באַרעכטיקונג פאַר דער דאָזיקער תקנה איז אַ גאַנץ קינסטלעכע, אַ קאַזויִסטישע. „פּרוזבול" איז דער קלאַסישער מוסטער פון רעליגיעז־יורידישער פיקציע, אין וועלכער אַ טייל פון די חז״ל און אויך שפּעטערדיקע רעליגיעזע וואָרטפירער בײַ ייִדן האָבן זיך ספּעציאַליזירט — אַזוי אַז דאָס געשריבענע וואָרט פון דער תורה זאָל כלומרשט בלײַבן אומבאַ־רירט און אין דער זעלביקער צײַט זאָל מען עס אין דער פּראַקטיק נישט

דאַרפן דורכפירן. חובות אין אַ שמיטה־יאָר האָבן בפירוש געדאַרפט אַנולירט ווערן, אָבער ווען יידן האָבן אָנגעהויבן איבערגיין פון אַ פּאַטריאַרכאַל־אַגרי־קולטורעלער ווירטשאַפט צו אַ קאָמפּליצירטער עקאָנאָמיק, אין וועלכער האַנדל און אינדוסטריע האָבן שוין געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע, האָבן די שמיטה־געזעצן שוין געשטערט דער אַנטוויקלונג פון אַ ברייטערן קרעדיט־סיסטעם. ווען הלל הזקן, לייענען מיר אין דער משנה, האָט דערזען, אַז מענטשן הייבן אָן אויסמיידן צו געבן הלוואות, אויס מורא, אַז זיי וועלן בטל ווערן אין דעם זיבעטן יאָר, און פאַרלעצן דערמיט אַ געבאָט פון דער תורה (די פליכט צו העלפן דעם וואָס נייטיקט זיך), האָט ער מתקן געווען די פּראָצעדור פון מאַכן לכתחילה אַ דערקלערונג, אַז דאָס געלט ווערט געליען מיטן תנאַי, אַז דער מלווה זאָל עס מעגן איינמאָנען, ווען ער וויל. ענלעכע עקאָנאָמישע אומ־שטענדן האָבן וואַרשיינלעך שפּעטער גורם געווען דערצו, אַז אין דעם ענין פון נעמען צינז פאַר געלט פון „גרים ותושבים" זאָל פאַרקומען אַ געוויסע רעוויזיע . . .

איין באַדייטנדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע קעגן פרעמדע אַנטהאַלט אָבער אין זיך די ביבלישע געזעצגעבונג, וועלכע פאַרדינט באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט. אַ יידישן קנעכט האָט מען באַדאַרפט באַפרייען נאָך זעקס יאָר אָדער אין אַ יובל־יאָר, בשעת אַ נישט־יידישער שקלאַף האָט נישט געקענט האָבן קיין תביעה אויף באַפרייונג. עס איז אָבער אינטערעסאַנט די פאָרמולע וואָס ווערט גענוצט אין דער תורה (ויקרא כ"ה, מא) וועגן דער באַפרייונג פון יידישע קנעכט: „ויצא מעמך הוא ובניו עמו, ושב אל משפחתו, ואל אחוזת אבותיו ישוב" — דעמאָלט (אין יובל־יאָר) זאָל ער אַרויסגיין פון דיר, ער און זיינע קינדער מיט אים, און ער זאָל זיך אומקערן צו זיין משפחה, און צו דעם אייגנטום פון זיינע עלטערן זאָל ער זיך אומ־קערן". דער יובל־געזעץ האָט, ווי מען קען זיך פון דער דאָזיקער פאָרמולע משער זיין, פאַרפאָלגט צוויי צוועקן — אומקערן די פרייהייט צו די פאַר־שקלאַפטע און ווידער אויפשטעלן דעם גלייכגעוויכט פון עקאָנאָמישן ווילזיין. דער יידישער קנעכט ווערט באַפרייט, אָבער ער ווייסט וואָס צו טאָן מיט זיין פרייהייט און ער ווערט נישט אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס; ער קערט זיך אום צו זיין משפחה און צו דער „אחוזת אבותיו", צום באָדן־אייגנטום פון זיינע עלטערן, וואָס גייט צוריק איבער אין זיין רשות. אַנדערש איז אָבער די לאַגע פונעם „גר" אָדער „תושב". די באַפרייונג פון שקלאַפעריי וואָלט פאַר אים, אין די באַדינגונגען פון דער דעמאָלטיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור, געקענט ווערן אַן אומגליק. איר הויפּט־חיונה האָט די פרייע באַפעלקערונג

געצויגן פון באָדן, און קיין שום יובל האָט נישט געקענט אומקערן קיין באָדן אַזאַ איינעם, וואָס האָט אים פריִער קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. אין דעם פּרט איז גערעכט י ח ז ק א ל ק ו י פ מ אַ ן, ווען ער ווייזט אָן אין ערשטן באַנד פון זיין ווערק „גולה ונכר" (ז' 227) אויפן באַזונדערן עקאָנאָמישן סטאַטוס פון די פרעמדע אין ייִדישן לאַנד: „די שבט־אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט ביי ייִדן אין אַלטערטום, האָט גורם געווען דערצו, אַז די פרעמדע וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד צווישן ייִדן האָבן מערסטנטייל נישט געקענט זיך פולשטענדיק באַהעפטן אין דעם ייִדישן פאָלק אויך נאָך פיל דורות, און זיי זענען פאַרבליבן אַ באַזונדער סאָציאַלער קלאַס. דאָס לאַנד איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אויף נחלות פון שבטים, און נאָר דורך צוגעהעריקייט צו אַ שבט איז געוויינלעך מעגלעך געווען צו קריגן אַ באָדן־נחלה און פאַררעכנט ווערן פאַר אַ „בירגער" אין לאַנד. דער באָדן איז געווען אַ „נחלה פון די אבות", און דער משפּחה־שבט־פאַרבאַנד האָט אָפּגעהיט זיין באַזונדער וועזן און זיין טייל לאַנד, אַזוי אַז אַ פרעמדער האָט אין אים נישט געקענט אַריינדרינ־גען... דער שבט איז געווען אַ שטאַרקע מחיצה ביי ייִדן אויך צווישן זיך אַליין. די פאַנאַנדערטיילונג אויף שבטים איז געווען אַ גרויסער פאַקטאָר אין ייִדישן סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן אין אַלטערטום, און אַפילו פאַר אַ ייִדן איז נישט געווען קיין וועג ווי אַזוי אַריבערצוגיין פון איין שבט אין אַנדערן..."

די דעמאָלטיקע שבט־סטרוקטור פונעם ייִדישן פאָלק איז אויף אַזאַ אופן גע־ווען אַ ן אָ ב י ע ק ט י ו ו ע מ נ י ע ה פאַרן פולשטענדיקן אַבסאָרבירן פונעם פרעמדן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאַנד. אַ נישט־ייִדישער קנעכט, ווען ער וואָלט באַפרייט געוואָרן, וואָלט ער וואַרשיינלעך אין די מייסטע פאַלן גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך — ער וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונגעריקן און זיך אַרומשלעפּנדיקן „פּאַריאַ", וואָס זיין לאַגע האָט געקענט זיין אָן אַן ערך ערגער איידער די לאַגע פון אַ קנעכט, וואָס זיין ייִדישער האַר טראָגט פאַר אים נישט קיין קליינע אחריות.

דערפאַר האָבן אָבער לויט דער ביבלישער געזעצגעבונג נישט עקזיס־טירט קיין עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס קעגן פרעמדע, אין פאַרגלייך מיט פאַראָרעמטע און אין אַ געוויסן זינען „דעקלאַסירטע" טיילן פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג. „מקצה שלש שנים תוציא את כל מעשר תבואתך בשנה ההיא והנחת בשעריך, ובא הלוי, כי אין לו חלק ונחלה עמך, ו ה ג ר, והיתום והאלמנה אשר בשעריך, ואכלו ושבעו, למען יברכך יהוה אלהיך בכל מעשה ידך אשר תעשה" (דברים י"ד, כח־כט) — צום סוף פון אַלע דריי יאָר, אין יענעם יאָר זאָלסטו אַרויסטראָגן דעם גאַנצן מעשר פון דיין תבואה, און אָוועקלייגן אין דיינע טויערן; און עס זאָל קומען דער לוי, ווייל ער האָט

נישט קיין חלק און קיין נחלה ביי דיר. און דער פרעמדער, און דער יתום, און די אלמנה, וואָס אין דיינע טויערן, און זיי זאָלן עסן און זאַט זיין, כדי יהוה דיין גאָט זאָל דיך בענטשן אין יעטוועדער טוונג פון דיין האַנט וואָס דו וועסט טאָן. דער גר־תושב, ווי מיר זעען דאָ, ווערט באַטראַכט מער אַלס אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַלער שיכט, צוזאַמען מיט לוים, יידישע יתומים און יידישע אלמנות, איידער אַ צוגעהעריקער צו אַן אַנדער ראַסע. אָבער אַז דאָס רעליגיעז־עטישע באַוווסטזיין האָט מיט אַזאַ סטאַטוס פאַר די פרעמדע, מיט זייער נישט־פולשטענדיקער אינטעגרירטקייט אין עקאָנאָמישן לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט נישט געקענט שלום מאַכן; אַז דאָס געוויסן האָט געפאָדערט די אָפּשאַפונג אויך פון דעם דאָזיקן אָביעקטיוו־דיסקרימינאַטאָרישן מאָמענט, קענען מיר אַרויסלייענען ביי יחזקאלן. טרוימענדיק וועגן שיבת־ציון און אַ נייער חלוקה פון באָדן, זאָגט ער אָן זיינע פאָלקס־גענאָסן (מ״ז, כא־כג): „וחלקתם את הארץ הזאת לכם, לשבטי ישראל; והיה תפילו אותה בנחלה לכם ולהגרים הגרים בתוכם, אשר הולידו בנים מתוכם, והיו לכם כאזרח כבני ישראל; אתכם יפלו בנחלה בתוך שבטי ישראל, והיה בשבט אשר גר הגר אתו, שם תתנו נחלתו, נאום אדוני יהוה״ — און אַז איר וועט אייך צעטיילן דאָס דאָזיקע לאַנד לויט די שבטים פון ישראל, איז, זאָלט איר עס אויסוואַרפן פאַר אַ נחלה צו אייך, און צו די פרעמדע וואָס וווינען צווישן אייך, וואָס האָבן געבוירן קינדער צווישן אייך; און זיי זאָלן ביי אייך זיין אַזוי ווי איינגעבוירענע צווישן די קינדער פון ישראל; גלייך מיט אייך זאָל זיי פאַלן אַ נחלה צווישן די קינדער פון ישראל; און עס זאָל זיין, צווישן דעם שבט וואָס דער פרעמדער וווינט ביי אים, דאָרטן זאָלט איר געבן זיין נחלה, זאָגט גאָט דער האַר.

IX

די יידישע באַציִונג צו די דריי פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פרעמדשטאַמיקע, אויף וויפל זי האָט זיך מאַניפעסטירט אין דער געזעצגעבונג, סאָציאַלע באַציִונגען און רעליגיעזן ריטואַל, קען, אַלזאָ, כאַראַקטעריזירט ווערן אויף פאָלגנדיקן אופן: דער איינציקער אָביעקט פון יידישן שאָוויניזם זענען געווען די „זיבן פעלקער״, פון וועלכע די יידן האָבן „צוריקגעקראָגן״ זייער ירושה, דאָס יידישע לאַנד (צו די שבעת העממים דאַרף מען נאָך צורעכענען אויך עמלקן, וועלכער האָט, צוליב שוין דערמאָנטע היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע סיבות, אַרויסגערופן ביי יידן אַ באַזונדערס טיפע אַנטיפּאַטיע). דער שטאַרקער האַס, וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן צו דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג

פון כנען, האָט אָבער אויך גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט וועלכע נישט איז ראַסן־מאָטיוון. פון איין זייט, איז דער דאָזיקער האַס אַרויסגערופן געוואָרן פון דער אַנטשלאָסנקייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו אָקופּירן דאָס „פאַרשפּראָ־כענע" לאַנד און אויף שטענדיק סטאַביליזירן דאָרט ייִדישע הערשאַפט קעגן דעם ווילן פון די אַלטע איינוווינער; פון דער אַנדערער זייט, איז ער געשפּייזט געוואָרן פון דער שטרעבונג אויסצוראָטן אין לאַנד די לאָקאַלע עבודה־זרהס, אויסוואָרצלען די „טומאת הגויים" אין גאָטס לאַנד.

אַ סך מער אוניווערסאַליסטיש איז געווען די ייִדישע באַציִונג צו ראַסן־פרעמדע איינוווינער פונעם לאַנד, וואָס זענען אַהין געקומען פון חוץ־לארץ. די דיסקרימינאַציעס קעגן זיי זענען געווען, מערסטנטיילס, אָן אָביעקטיווער רעזולטאַט אי פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פונעם לאַנד, אי פון די גרויסע רעליגיעזע אונטערשיידן צווישן ייִדן און די „גרים ותושבים", וואָס האָבן זיך נישט מל געווען און האָבן זיך נישט פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיטן ייִדישן גלויבן און לעבנסשטייגער. אויב מיר זאָלן פאַר דעם זוכן אַנאַלאָגיעס אין דער נייער געשיכטע, זענען די דאָזיקע דיסקרימינאַציעס אַ סך ענלעכער, לאָמיר זאָגן, צו די רעכט־באַשרענקונגען פון פּראָטעסטאַנטן אין אַ קאַטוילישן לאַנד, אָדער פאַרקערט, פון קאַטאָליקן אין אַ פּראָטעסטאַנטיש לאַנד ווו קירך איז ענג פאַרבונדן מיטן שטאַט, איידער צו דיסקרימינאַציעס פון ווייסע קעגן בעגער אויפן גרונט פון אַ ראַסן־פּרינציפּ. אויב זיי האָבן זיך מל געווען און גענומען אויף זיך דעם מינימום פון ריטואַלע מצוות, האָבן זיי אין משך פון עטלעכע דורות געקענט פולשטענדיק אינטעגרירט ווערן אין ייִדישן סאָציאַלן אָרגאַניזם און זייער עטנישער אָפּשטאַם האָט זיי דאָ גאָרנישט געקענט שטערן. אין דער תלמודישער עפּאָכע איז זייער גלייכווערטיקייט פאָרמולירט געוואָרן אויף אַ קלאָרן אופן: „ומפרנסין עניי גויים עם עניי ישראל, ומבקרין חולי גויים עם חולי ישראל וקוברין מתי גויים עם מתי ישראל" (גטין ס"א) — מען שפּייזט גוייִשע אָרעמעלייט צוגלייך מיט ייִדישע אָרעמעלייט, און מען איז מבקר־חולה קראַנקע גויים צוגלייך מיט קראַנקע ייִדן און מען ברענגט צו קבורה גוייִשע מתים צוגלייך מיט ייִדישע מתים. אָבער אַ סך בולטער האָט זיך די ייִדישע אוניווערסאַליסטישע טענדענץ אויסגעדריקט אין דער באַציִונג צו די אומות־העולם בכלל — צו פעלקער וואָס לעבן, אין זייערע אייגענע לענדער און שטעלן מיט זיך נישט פאַר, אין מער אָדער ווייניקער באַרמאַלע צייטן, קיין געפאַר פאַר דעם ייִדישן קיום און זעלבסטשטענדיקייט.

אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די ייִדישע מענ־טאַליטעט, אויף וויפל זי שפּיגלט זיך אָפּ אין תנ"ך און אין דער תלמודישער ליטעראַטור, מיט געוויסע מאַניפעסטאַציעס פונעם גריכישן אתה־בחרתנו־

געפיל ניטש־יידן זענען פאַרן יידישן באַוווסטזיין געווען „גויים" אָדער „עכום" — געצנדינער, וואָס גלייבן נאָך אַלץ אין עבודה־זרהס, אין וועלכע יידן גופא האָבן אַמאָל געגלייבט. דערוויילן זענען זיי נאָך אַלץ „גויים", אָבער זיי זענען אַ ל ע „קאַנדידאַטן" אויף צו ווערן יידן (אין רעליגיעזן זין). גויים זענען צוריקגעשטאַנענע מענטשן, אָבער ניטש פון געבורט פאַרדאַמטע. אין דער זעלביקער צייט איז אָבער דער „באַרבאַר" פאַרן גריכישן באַוווסטזיין מערסטנטייל געווען אייגער, וואָס איז ביאָלאָגיש און אַבסאָלוט מינדערוועריק. דער גריכישער סופעריאָריטעט־געפיל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געהאַט זיין השפעה אַפילו אויף דעם בעסערן און נאָבעלערן טיפּ העלעניזירטע יידן. אויך פאַר פילאָנען איז אַ מענטש וואָס רעדט ניטש קיין גריכיש אַ פּרא־אדם, אַ „באַרבאַר", אָבער פאַר דעם יידישן פילאָזאָף פון אַלעקסאַנדריע האָט דאָס געקענט מיינען, אַז ווער עס איז אַן עם־הארץ אין גריכיש האָט ניטש קיין צוטריט צו די מקורות פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, וואָס זענען אין יענעם פעריאָד געווען הויפּטזעכלעך גריכי־שע. פאַר אַריסטאָטעלעסן האָט אָבער אַ „באַרבאַר" געמיינט נישט בלויז אַ ביישט־ציוויליזירטער, אַ נאָך נישט דורכגעדרונגענער מיט דער איינציקער ציוויליזאַציע, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר ווערטפול. ביי אים ווערט די מענטשהייט פאַנאַנדערגעטיילט אויף נ אַ ט י ר ל ע כ ע מייסטער און נ אַ ט י ר ל ע כ ע שקלאַפן, אויף פעלקער וואָס זייער מיסיע איז צו הערשן און אַזעלכע וואָס זייער אייביקער שיקזאַל איז באַהערשט צו ווערן, אויף פאַרויסבאַשטימטע צו זיין ציוויליזירט און אויף פאַראורטיילטע צו בלייבן רוי. ישעיהס וויזיע פון אַלגעמיינער פאַרברידערונג „באחרית הימים", פון אייביקן פרידן אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער ליבע און גלייכווערטיקייט פון אַלע ראַסן און פעלקער, איז אַזאַ גייסט ווי אַריסטאָטעלעסן (און נישט בלויז אים אַליין אין דער פילאָזאָפישער גריכנלאַנד) געווען פרעמד. די סאָפיסטן זענען, אָפּגעזען פון אַלע זייערע אינטעלעקטועלע און אַנדערע חסרונות, גע־ווען די ערשטע אין גריכנלאַנד וואָס האָבן אָנגעפאַנגען פּרעדיקן די אָרגאַנישע גלייכקייט פון אַלע מענטשן, נישט קוקנדיק אויף די פילע פונקציאָנעלע אומ־גלייכקייטן צווישן זיי. קיין גרויסן איינפלוס אויף דער סאָציאַלער וועלט־אַנשויונג פון זייער צייט האָבן זיי אָבער נישט געהאַט. אַ סך מער פאַר־וואָרצלט אין פאָלקס־באַוווסטזיין איז געווען דער אַריסטאָטעליאַנישער ראַ־סיזם, לויט וועלכן די אונטערשיידן אין כאַראַקטער און אין דער מדרגה און וועזן פון קולטור צווישן די פאַרשיידענע ראַסן זענען „באַשטימט געוואָרן" פון גאָט, אָדער פון דער נאַטור. ראַסן־קאָנפליקטן ווערן אויסגעטייטשט נישט היסטאָריש אָדער סאָציאָלאָגיש, נאָר גאָר נאַטורוויסנשאַפטלעך. זייערע סיבות

געהערן צו דער „אייביקער אָרדענונג", און אַ סוף וועט קומען צו אַלע מלחמות, ווען די פעלקער וועלן אָנערקענען יעדערער זיין סטאַטוס אין דער וועלט און איינמאָל פאַר אַלעמאָל שלום מאַכן מיט אים, — אַנדערש גערעדט, ווען די „מינדערווערטיקע" ראַסן וועלן מיט זייער גוטן ווילן אָדער מיט הכנעה צו זייער שיקזאַל זיך אונטעראָרדענען אונטער די „סופּעריאָרע" ראַסן. אין זיין טראַקטאַט „וועגן קאַלאָניעס" ציִט אַריסטאָטעלעס די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן אויף די סכנות פון ראַסן־מישונג. ער קריטיקירט דאָרט די פאַרזוכן פונעם וועלט־דעראָבערער איינצופירן אַ גלייכן פּאָליטישן סטאַטוס פאַר די פאַרשיידענע ראַסן פון דער אימפּעריע און באַמיִט זיך צו באַווייזן, אַז בלויז גריכן דאַרפן רעגירט ווערן אויף אַ קאָנס־טיטוציאָנעלן אופן, בשעת נישט־גריכן, אַלס „נידעריקערע ברואים", דאַרפן זיין אונטערוואָרפן אַ דעספּאָטישן רעזשים. אַ ראַסן־טעאָריע פון אַזאַ כאַ־ראַקטער און פון אַזאַ אַקצענטירונג קענען מיר, אויב עס זאָל דאָ וויכטיק זיין אַ פאַרגלייך צווישן יידנטום און גריכנטום, נישט געפינען אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. *) הינטער אַלע סופּעריאָריטעט־געפילן וואָס יידן האָבן אין זיך קולטיווירט, איז פונדעסטוועגן אַפילו דעם סאַמע שאָוויניסטישן יידן נישט געווען פרעמד יענער אוניווערסאַליסטישער בליק, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק ביי ר' מאירן (סנהדרין ל"ח): „אדם הראשון מכל העולם הוצבר עפרו" — דער שטויב, פון וועלכן דער רבונו של עולם האָט אויסגעפורעמט דעם ערשטן מענטשן, איז גענומען געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. דער פאַקט, אַז גאָט האָט באַשאַפן בלויז איין מענטשן, פון וועלכן אַלע מענטש־לעכע ברואים, עד סוף כל הדורות, זאָלן אַרויסקומען, איז נישט צופעליק: אויסגעטייטשט געוואָרן ביי יידן אַלס אַן אָנווייז אויף דער גלייכבאַרעכטי־קונג און גלייכווערטיקייט פון יעדן איינצלנעם מענטשלעכן אינדיווידואום: „לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר: בשבילי נברא העולם" (סנהדרין ל"ז) — דערפאַר איז יעדער איינצלנער מחוייב צו זאָגן „די וועלט איז באַשאַפן גע־וואָרן פון מיינעטוועגן". אויב אַריסטאָטעלעס ראַסן־טעאָריע האָט אין גריכנלאַנד אַרויסגערופן קעגנערשאַפט הויפּטזעכלעך מצד סאָפיסטן, איז זי

*) אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כדאַי זיך צו דערמאָנען אָן דער געזעצגעבונג פון אַטען אין פּעריקלעסעס צייטן. עס ווערט געווײנלעך באַהויפּטעט, אַז אין קלאַסישן אַלטערטום האָט זיך דער דעמאָקראַטישער אידעאַל אין ערגעץ נישט פאַרקערפּערט אין אַזאַ ברייטער מאָס ווי אין אַטען אונטער פּעריקלעס. אָבער גראָד דאָרט האָט געהערשט אַ געזעץ, לויט וועלכן נאָר זין פון אַן אַטענער פאָטער, וואָס איז געווען אַ בירגער, און פון אַן אַטענער מוטער האָבן געקענט ווערן בירגער. געמישטע הייראַטן מיט נישט־אַטענער זענען דאָרט געווען פאַרבאָטן.

ביי ייִדן אומדירעקט (אָן וועלכער נישט איז רעפערענץ צום פילאָזאָף פון סטאַגירא) קרעפטיק אָפּגעלייקנט געוואָרן מצד די גרעסטע אויטאָריטעטן פון פאָלק — דורך יענעם אַנאָנימען קאָלעקטיוו, וואָס טראָגט אין תלמוד דעם נאָמען „חכמים". „שנו חכמים: אדם יחידי נברא ומפני מה? מפני הצדיקים ומפני הרשעים, שלא יהיו הצדיקים אומרים: אנו בני צדיק, ורשעים אומרים: אנו בני רשע. דבר אחר: מפני המשפחות, שלא יהיו המשפחות מתגרות זו בזו; ומה עכשיו שנברא יחידי — מתגרות, אם נבראו שנים על אחת כמה וכמה" (סנהדרין ל"ח) — די חכמים האָבן געלערנט: דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אָן איינציקער. פאַרוואָס? מחמת די צדיקים און מחמת די רשעים, אַז די צדיקים זאָלן נישט זאָגן: מיר שטאַמען פון אַ צדיק, און די רשעים זאָלן נישט זאָגן: מיר שטאַמען פון אַ רשע. אַן אַנדער דערקלערונג: מחמת די משפחות, אַז משפחות זאָלן נישט שטרייטן איינע מיט די אַנדערע; מה־דאָך איצטער (ווען מען ווייסט) אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אָן איינציקער — שטרייטן זיי איינע מיט די אַנדערע, ווען עס וואָלטן (לכתחילה) באַשאַפן געוואָרן צוויי מענטשן, וואָלטן זיי דאָך אוודאי געשטריטן צווישן זיך . . .

V

עס האָט איצטיק ווייניק זין לאַנג זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע, אין וועלכער מאָס דאָס באַוווסטזיין, אַז ייִדן שטייען העכער — אין רעליגיעז־מאָראַלישער בחינה — פון די אומות־העולם איז געווען אָביעקטיוו באַרעכטיקט. די קולטורן פון דעם ווייטן מזרח (די כינעזישע, די אינדישע) זענען ייִדן אין אַלטערטום זייער ווייניק געווען באַקאַנט. און וואָלטן זיי אַפילו געווען מער אינפאָרמירט וועגן זיי, ווער ווייס וואָס פאַר אַן איינדרוק זיי וואָלטן אויף זיי געמאַכט. קאָנפוציוס און זיין לערע זענען שוין געווען אַ פּראָדוקט פון אַן עלטערער ציוויליזאַציע מיט איר דאָזע פון אומפאַרמיידלעכן סקעפּטיציזם, אינטעלעקטועלער רעזערווירטקייט און הומאָר פון איבעררייפ־קייט, כדי צו אימפּאָנירן אַ פאַרהעלטענישמעסיק יונגן, טעמפּעראַמענטפולן פאָלק, וואָס געפינט זיך ערשט אין דער סטאַדיע פון זעלבסט־פאָרמירונג. און וואָלטן ייִדן געוווסט וועגן בודיזם, וואָלטן זיי, קודם־כל, נישט געווען מסוגל תופס צו זיין די ביז היינט אומפאַרגלייכלעכע אַרכיטעקטאָניק פון זיינע וואַגנדיקע אַבסטראַקציעס, די שטרענגע אָפּגערונדעטקייט פון זיין מעטאַפּי־זישן בנין, און, צווייטנס, וואָלט זיין פּאַטאַליזם און אַלץ אַרומנעמענדיקער פּעסימיזם נישט געקענט אַרויסרופן קיין סימפּאַטעטישן אָפּקלאַנג אין אַ יונג פאָלק מיט ברויזנדיקע ליידנשאַפטן, וואָס זאָגט אָן אָן ענערגישן „יאָ" צו דער

װעלט, צו אירע פרײדן און צו אירע אױפשטײג־מעגלעכקײטן. זײ װאָלטן, אַחוץ דעם, בערך שנעל אַנטדעקט די מאָומדיקע דעגענעראַציע פון בודיזם — זײַן אַראָפּפאַלן פון די גײסטיק־אַריסטאָקראַטישע הױכן, אױף װעלכע ער האָט זיך אױפגעשװוּנגען, צו דער מדרגה פון אַ נײַער און גאַנץ גראָבער געצנדינערײַ אין קאָנקרעטן לעבן פון פאָלק, אָט צו יענער מדרגה, פון װעלכער די מערהײט פון די בודיסטיש באַאײנפלוסטע פעלקער האָבן זיך נאָך נישט װידער אױפגעהױבן אַפילו אין אונדזער צײַט. אָבער אַלץ אײנס: סײַ כינע און סײַ אינדיע האָבן פאַר זײ עקזיסטירט װי אױף אַן אַנדער פּלאַנעט, און דאָס באַװוּסטזײַן פון די פעלקער אין יענעם טײל פון דער װעלט, מיט װעלכן די ייִדן האָבן געהאַט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט, איז פונעם װײטן מזרח כמעט נישט באַרירט געװאָרן. די װעלט װאָס ייִדן האָבן פאַר זיך געזען איז געװען קודם־כּל די סעמיטישע, אױך מצרים און פערסיע, און שפּעטער גריכנלאַנד און רױם. האָבן זײ געהאַט אַ גרונט בײַ זיך אין די אױגן אַראָפּצופאַלן, פאַרגלײַכנדיק זיך מיט די דאָזיקע פעלקער?

מאָדערנע סעמיטאָלאָגן מעגן זיך פּשטלען װיפל זײ װילן, כּדי אַרײַנצולײענען רמזים פון מאָנאָטעיִזם אין דער נישט־ייִדישער אַלט־סעמיטישער ליטעראַטור. זײ מעגן אַפילו אין איר אַנטדעקן דעם אױפבליץ פון אַן עכט מאָנאָטעיִסטישער תּפיסה, אײדער די אידײע פון דעם אײן־און־אײנציקן גאָט האָט אױפגעפלאַמט אין ייִדישע פאָלקס־באַװוּסטזײַן. װיכטיק אָבער פאַר דער קולטור־געשיכטע איז נישט, אין װעמענס א י נ ד י װ י ד ו ע ל ן מוח, אָדער פאַנטאַזיע, אָדער אינטויִציע דער אחדות־הבורא־געדאַנק האָט זיך צום ערשטן מאָל „אַנטפּלעקט". אױב אַזאַ אידײע האָט אױף אַ קורצער װײַל אַ שײַן געטאָן אין עמעצנס אַ געניאַלן גײַסט און איז נאָכדעם שנעל נעלם אָדער אױסגעלאָשן געװאָרן, איז דאָס אַ זײער װיכטיקער ב י אָ ג ר אַ פ י ש ע ר מאָמענט אין לעבן פונעם אינדיװידועלן טרעגער פון יענעם געניאַלן גײסט, אָבער קײן ה י ס ט אָ ר י ש ע באַדײַטונג האָט דאָס נישט. אָנגענומען, אַז דער ערשטער מאָנאָטעיִסט (פאַר אונדזער צװעק האָט דאָ נישט קײן זין צו פּאָלעמיזירן װעגן דעם מיט פּרוּידן און מבטל צו זײַן די ספּעקולאַציעס אין זײַן משה־פאָרשונג) איז געװען, װי אײניקע װילן אָננעמען, אַכנאַטאָן, און נישט משה רבנו אָדער גאָר אבֿרהם אבֿינו — איז אָבער דער מאָנאָטעיִזם פונעם עגיפּטישן קעניג געװען נישט מער װי אַן עפּיזאָד, אַ גליקלעכער „אַקצידענט" אין לעבן פון אַן אינדיװידואום, און אפשר נאָך אין דער גײַסטיקער ביאָגראַפיע פון אַ קלײנער צאָל נאָכפאָלגער — נישט מער דאָס דענקען, פילן און לעבן פון מצרים האָט יענער „אַקצידענט" מיט זיך נישט אָנגעצונדן, און די נשמה פון פאָלק איז דערפון נישט באַפרוכפּערט געװאָרן. פאַרן באַ־

ווּסטזיין פון ייִדן איז די אידייע פון אחדות־הבורא געווען אַ ייִדישע, ווייל נאָר ביי ייִדן, האָבן זיי געוווּסט, האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען *אין פאָלק*, און פון דער דאָזיקער אידייע האָט זיך ביי אים אָנגעפאַנגען אַן אויסשטראַלונג פון אַ דינאַמישער נוסח אין *קאָלעקטיוון* לעבן. אברהם אבינו, וואָס ווערט אין דער ייִדישער טראַדיציע באַטראַכט פאַרן ערשטן מאָנאָטעיִסט, האָט לויט זיין יחוס אפשר אויך נישט געהערט צו דעם אָריגינעלן העברעיִשן שטאַם (די „קאָפּיראַיט" אויף דער אחדות־הבורא־אידייע קען, אַלזאָ, אויך לויט ייִדישער טראַדיציע, געהערן צו אַ מענטשן פון אַן אַנדער „ראַסע"), אָבער וויכטיק איז געווען וואָס „נפשות" פאַר זיין נייעם גלויבן האָט ער געמאַכט הויפּטזעכלעך צווישן העברייער. ווער עס איז, אינדיווידועל, געווען דער אַנטדעקער פון דער אידייע, איז אין תוך אַן *אַרכעאָלאָגישע* פראַגע; אַ *היסטאָרישער* פאַקט איז יענע גרופּע אָדער ערשטער קאָלעקטיוו, צו וועלכן די אַנטדעקונג האָט זיך צוגעקלעפּט. און צוגעקלעפּט האָט זי זיך אין אַלטערטום בלויז צו ייִדן, און נאָר ביי זיי איז זי געוואָרן דער פּאַטאָס פון זייער פאָלקסלעבן. אַפילו מיר זאָלן אָננעמען די טעאָריע, אַז אויך דער ייִדישער גאָט איז אין אָנפאַנג געווען מער אַ שבט־גאָט, איידער דער אוניווערסאַלער הערשער פון דער גאַנצער וועלט — אַז ער איז אין דער ערשטער סטאַדיע געווען נישט דער איין־און־איינציקער גאָט, ווייל אויך די געטער פון די אומות העולם זענען געווען לעבעדיקע רעאַליטעטן, יעדער אין זיין עטנישן קרייז — איז אָבער דער דאָזיקער שבט־גאָט געווען דער ווירקזאַמסטער און דער *הייליקסטער* צווישן די געטער, און זיין פּרינציפּיעלע אַלמעכטיקייט (ווייל פריִער־שפּעטער האָט ער דאָך געזאָלט פאַרניכטן אַלע איבעריקע געטער פון אַנדערע שבטים און פעלקער) האָט שוין ממילא, פּאָטענציעל, געטראָגן אין זיך אַלע עלעמענטן פון איינציקייט, איינציקייט און אוניווערסאַלקייט.

מיט גריכן האָבן זיך ייִדן באַגעגנט אין זייערע סאָציאַל־קולטורעלע קאָנטאַקטן שפּעטער ווי מיט זייערע סעמיטישע בלוט־ברידער, אָדער ווי מיט מצרים און כוש. אָבער אויך גריכנטום אַלס פאָלקס־רעליגיע און לעבנסשטייגער האָט ביי זיי נישט געקענט אַרויסרופן קיין אינפעריאָריטעט־געפילן, טראָץ דער צויבער־השפעה וואָס געוויסע עלעמענטן פון העלעניזם האָבן אין באַשטימטע פעריאָדן אויסגעאיבט אויף די סאָציאַל־העכערע שיכטן פון פאָלק. ווען ייִדן וואָלטן אַפילו געווען באַקאַנט מיט די וואַגנדיקע מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס פון די „פאַר־סאָקראַטיקער" (און וויפל זענען עס געווען אין גריכנלאַנד גופא מענטשן וואָס זענען מיט זיי געווען באַקאַנט און זענען מסוגל געווען זיי תופס צו זיין?), וואָס פאַר אַן איינדרוק וואָלטן זיי אויך זיי גע־

קענט מאַכן? די פאַר־סאָקראַטיקער האָבן, אמת, געזוכט אין דער וועלט איינ־הייט, אַן אור־עלעמענט און אַן אור־פּרינציפּ; זייער טענדענץ איז אָבער געווען אויסצוגעפינען אַ מאָניסטישן „וואָס" (ערד, וואַסער, פייער, לופט), נישט קיין מאָניסטישן „ווער". די טענדענץ צו מאָניסטישן אַטעיִזם וואָלט נישט געקענט לעשן דעם ייִדישן דורשט נאָך מאָניסטישן טעיִזם. און וואָס פאַר אַ השפּעה, מעג מען פרעגן, וואָלטן געקענט אויף זיי האָבן די געניאַלע מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס פון אַ פּלאַטאָן, ווען זיי וואָלטן אַפילו מיט זיי געווען באַקאַנט? (וויפל אייגנטלעך זענען געווען מענטשן אין גריכנלאַנד גופא, אין די גאָל־דענסטע טעג פון איר גאָלדענער עפּאָכע, וואָס זענען מיט פּלאַטאָן געווען באַקאַנט און זיי זענען מסוגל געווען זיין געדאַנקענגאַנג תופס צו זיין? און וויפל, מעג מען פרעגן, זענען אַפילו היינט פאַראַן אייראָפּייער און אַמעריי־קאַנער וואָס זענען פעיִק צו זען און אָפּצושאַצן אַפילו די אַלגעמיינע קאָנטורן פון זיין פילאָזאָפישן בנין?). אין קאָנטעקסט פון גריכישן גייסטיקן פאָלקס־לעבן איז אויך פּלאַטאָן געווען אין אַ גרויסער מאָס אַן „עפּיזאָד", און וואָס עס איז שייך די קאָנקרעטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון פאָלק, האָבן זיי אויף ייִדן, וואָס האָבן זיך מיט זיי באַקאַנט, געמוזט מאַכן אַן איינדרוק פון כאַאָס און ווילקיר — גראַד פון דעם, וואָס ייִדנטום האָט פון אָנפאַנג אָן ליידנשאַפטלעך געזוכט צו באַזייטיקן פון זיין וועלט־באַנעם.

דער גריכישער מיטאָלאָגיע איז נישט געלונגען די וועלט צו „אָרגאַני־זירן", פאַרוואַנדלען זי אין אַן איינהייט, אין אַן אמתן ק אָ ס מ אָ ס. דער אָלימפּ איז געווען באַפעלקערט מיט צופיל געטער, וואָס נישט זיי האָבן גע־וואָלט און נישט זיי האָבן געקענט איינפירן צווישן זיך האַרמאָנישע באַציִונ־גען. עס האָבן אויף אים געלעבט צופיל א ו מ מ אָ ר אַ ל י ש ע געטער וואָס האָבן אויסגעאיבט אַן אוממאָראַלישע השפּעה אויפן מענטשן. דער קעגנשטאַנד, למשל, פון האָמערס א י ל י אַ ד ע (און ווען מען רעדט וועגן גריכישער פאָלקס־קולטור איז דאָך, סוף־כל־סוף, וויכטיקער האָמער, נישט סאָקראַטעס אָדער פּלאַטאָן, אָדער די טראַגישע און איינזאַמע דענקער פון פאַר סאָקראַטעסן) איז דער צאָרן פון אַכילעס און די אומגליקן וואָס דער דאָזיקער צאָרן האָט געבראַכט אויפן פאָלק. דער צאָרן פון אַכילעס איז אַרויס־גערופן געוואָרן פונעם קעניג אַגאַמעמנאָן וואָס האָט אים אומגערעכט באַ־האַנדלט. אָבער ווי אַזוי דערקלערט אַגאַמעמנאָן אַליין זיין אומגערעכטע האַנד־לונג? „נישט איך", זאָגט ער, „בין די סיבה, נאָר צעוס, און עריניס וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין דער פינצטערניש; זיי האָבן אַריינגעגעבן אין מיין נשמה אַ שרעקלעכן טירוף אין יענעם טאָג ווען איך, אַפילו איך, האָב באַרויבט אַכילעסן פון זיין שכר. וואָס האָב איך געקענט טאָן? גאָט איז עס געווען

דער, וואָס האָט דאָס אַלץ געטאָן״ (דאָס נייצנטע בוך פון דער איליאַדע, פערזן 86־90). פאַר אַ ייִדן האָט דאָס געדאַרפט קלינגען אומגעפער אַזוי, ווי ווען אדם הראשון וואָלט געזאָגט, אַז גאָט האָט אין אים אַריינגעגעבן אין דער נשמה דעם פאַרברעכערישן חשק צו געניסן פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, אָדער ווי קין וואָלט זיך פאַרענטפערט, אַז דער רבונו של עולם אַליין האָט אים אָנגעהויכט מיט רציחה־גלוסט צו הרגענען הבלען. אין אַן אַנדער שטעלע ביי האָמערן (דאָס 19טע בוך פון דער איליאַדע, פערזן 270־274) באַשטעטיקט אַכילעס גופא אַגאַמעמנאָנס דערקלערונג: „פאָטער צעוס, עס איז ריכטיק, אַז פיינפולן טירוף האָסטו אָנגעשיקט אויף מענטשן. קיינמאָל וואָלט דער זון פון אַטרעוס (אַגאַמעמנאָן) נישט געקענט אויפטרייסלען די נשמה אין מיין ברוסט אָדער אכזריותדיק אַוועקפירן די יונגפרוי קעגן מיין ווילן, ווען צעוס וואָלט נישט געוואָלט, אַז טויט זאָל טרעפן פיל פון די אַכעיאַנער״. אַ גאָט, וואָס איז נישט די העכסטע אינסטאַנץ פון מאָראַלישן ווילן און די העכסטע סאַנקציע פאַר גוטע מעשים, האָט געמוזט אָפּשטויסן פון זיך יעדן ייִדן, פאַר וועלכן זיין באַשעפער איז שוין געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר עטיש גוט.

דער גריכישער מיטאָלאָגישער רעליגיע האָט אויך געפעלט די איבער־צייגונג אין גאָטס עכטער אַלמעכטיקייט, און אַן אַזאַ אַלמעכטיקייט איז פאַרן ייִדישן באַוווסטזיין נישט געווען קיין פלאַץ אויף פאַר גאָטס מאָראַלישער שלימות: ווער עס איז נישט אַלמעכטיק קען נישט זיין אַל־גערעכט, אַל־גיטיק, „הייליק״. אמת, איינער פון די גריכישע געטער איז דער מלך פון אַלע זיינע „קאָלעגן״ און אונטערגעאָרדנטע, און ס׳זענען היינט פאַראַן פאָרשער, וואָס ווילן זען אינעם צעוס־באַגריף אַ מין וואַריאַנט פון מאָנאָטעיִזם. אָבער אויך צעוסעס ווילן האָט קראַפּט זיך דורכצוזעצן אין דער ווירקלעכקייט בלויז אין דער מאָס, אין וועלכער ער פאַלט צוזאַמען מיט אַ נאָך העכערער און אַבסאָ־לוט אומבייגזאַמער מאַכט — פאַטום, שיקזאַל, אָדער, ווי גריכן האָבן עס גערופן, „מוירא״. ווען צעוסעס באַליבטסטער זון, סאַרפּעדאָן, ראַנגלט זיך קעגן פּאַטראָקלאָסן, ווייס ער, דער העכסטער פון אַלע געטער, אַז סאַרפּעדאָן מוז, ל ו י ט ד ע ם א ו ר ט י י ל פ ו ן ש י ק ז א ל, באַזיגט ווערן און שטאַרבן. ער לעבט איבער אַ שווערן קאָנפליקט צווישן זיין פאָטערלעכער ליבע און דער „רוע הגזירה״ פון שיקזאַל, וואָס ער מוז אָננעמען, און הערא מוז אים דערמאָנען אַן זיין פליכט זיך דעם שיקזאַל אונטערצואָרדענען. „דער פאָטער פון די געטער און מענטשן״, דערציילט אונדז די איליאַדע (פערצנ־טער בוך, פערזן 439־461), „האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איר. ער האָט געגאָסן בלוטיקע רעגן־טראָפּנס אויף דער ערד און דערמיט אָפּגעגעבן

כבוד זיין באַליבטן זון, ווּעמען פּאַטראָקלאָס האָט גלייך געזאָלט דערהרגענען. צווּסעס „אַלמעכטיקייט" איז ווירקזאַם בלויז דעמאָלט, ווען עס איז נישטאָ פֿאַראַן קיין שום סתירה צווישן זיין ווילן און דער קאַטעגאָרישער באַשטימונג פֿון שיקזאַל. פֿאַרן ייִדישן רעליגיעזן באַוווסטזיין האָט דאָס געמוזט קלינגען ווי פּאַקטישע מאַכטלאָזיקייט. אויב עס איז פֿאַראַן אין דער וועלט עמעצער אָדער עפּעס וואָס איז מעכטיקער פֿון גאָט, איז דער גאָט קיין גאָט נישט, איז גאָר יענער עמעצער אָדער „עפּעס" דער אמתער גאָט, וואָס ווירקט דורך צווּסעס „ווילנלאָזן ווילן". אויב גאָט איז אונטערגעאָרדנט דעם שיקזאַל, איז שיקזאַל דער אמתער הערשער איבער דער וועלט. אָבער וואָס איז שיקזאַל? אַ קראַפט וואָס איז אַ סך מער אומפֿאַרשטענדלעך איידער גאָט און, דער עיקר, אַ קראַפט וועלכער עס ווערן נישט צוגעשריבן קיין מאָראַלישע אַטריבוטן. אין דער תלמודישער עפּאָכע האָבן זיך ייִדן, אין זייער רעליגיעזן פֿאָלקלאָר, געקענט דערלויבן אַזאַ אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם, ווי זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דער רבונו של עולם אַליין איז „מעיין בתורה" און פֿירט די וועלט און האַנדלט לויט אירע געבאָטן. דער זין פֿון אַזאַ פֿאָרשטעלונג האָט נישט געקענט זיין, אַז די תורה איז העכער פֿון גאָט. די תורה גופא האָט דאָך ער אַליין געגעבן — ייִדן, דער וועלט און, כביכול, „זיך גופא" — און אויב ער „קוקט אין איר אַריין", טוט ער עס נישט דערפֿאַר וואָס ער בייגט זיין ווילן צום ווילן פֿון דער תורה, גלייך זיי וואָלטן געקענט זיין צוויי פֿאַרשיידענע ווילנס, נאָר ווייל ער זוכט אויסצומיידן האַנדלונגען לויט קאַפּריזן, לויט „מאָמענטאַנע שטימונגען", ווייל דורך דער תורה, וואָס איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון זיין קאָנצענטרירטן ווילן, וויל ער זיך, וויל ער „דערמאָנען" וואָס ער וויל באמת, נישט וואָס עס „ווילט זיך אים" אין אַ געגעבענעם מאָמענט. ווי אַנטראָפּאָמאָרפֿיש דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער גראָד אין אַזאַ אייגנאַרטיק־פֿאָלקסטימלעכער פֿאָרשטעלונג טריומפֿירט אויף זיין אייגענעם אופֿן דער פּרינציפּ פֿון מאָראַלער געזעצמעסיקייט אין דער וועלט; דאָס אַליין איז, אַזוי צו זאָגן, אַ גאַראַנטיע, אַז קאַפּריז, בלינדער ווילן, צופֿאַל און מאָראַליש־גלייכגילטיקער שיקזאַל האָבן אויף דער וועלט קיין שליטה נישט. „אין מזל לישראל", ייִדן האָבן נישט געגלייבט, אַז כוכבים ומזלות באַשטימען דאָס וועלט־געשען און דעם לעבנפֿאַרלויף פֿון מענטשן; זיי האָבן אויך נישט געוואָלט גלייבן אין דעם אומזעבאַרן און מאָראַליש נישט־דיסקרימינירנדיקן מזל, וואָס איז געשטאַנען אין הינטערגרונט פֿונעם גריכישן רעליגיעזן וועלט־באַנעם. די איינהייט פֿון דער וועלט און די איינהייט פֿון גאָט האָט פֿאַרן ייִדנטום געהאַט אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיט דעם באַגריף פֿון אַן

„עין צופיה" — אַן אויג וואָס גיט אַכטונג אויף דער וועלט און טראָגט פאַר איר מאָראַלישע אחריות השגחה אַנשטאָט גורל.

אַ סך אַ שטאַרקערע צוציִונג־קראַפט האָט געקענט האָבן פאַר ייִדן אין אַלטערטום די פּערסישע רעליגיע, די וויזיע פון זאַראַאַסטער, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַן אייגנאַרטיקן מיסטישן ראַציאָנאַליזם און אַ טיפערן גלויבן אין מאָראַלישן תכלית פון דער וועלט. די לערע פון זאַראַאַסטער איז מסוגל צו מאַכן אויך אויפן היינטיקן מענטשן אַן אומגעוויינלעך שטאַרקן רושם שוין דערמיט אַליין, וואָס זי איז אַ טראַגישער פּאַרזוך צו געבן אַ דער־קלערונג פאַר דער צעריסנקייט פון דער וועלט, פאַרן עקזיסטירן פון גוטס און שלעכטס אין איינער און דער זעלביקער צייט. אַרמאַזד איז דער מקור פונעם אמתן, ריינעם, געזעצלעכן, פריינטלעכן און גוטן, בשעת אַהרימאַן איז דער מקור פון אַלדאָס בייז. עס עקזיסטירן, אַזוי צו זאָגן, צוויי געטלעכע קרעפטן, און יעדע פון זיי זוכט צו קריגן פולע ממשלה איבער דער וועלט. די צוויי „געטער" זענען, לויט דער פּערסישער מיטאָלאָגיע, צווילינגס, אָבער די ברידער שטייען אין אַ שטענדיקן געראַנגל איינער מיטן אַנדערן. די דאָזיקע צוויי סעפּאַראַטע און קעגנזייטיק פיינטלעכע (כאָטש אויף אַ מיסטעריעזן אופן אויך „ברידערלעכע") גייסטער פאַרמאָגן ביידע שעפערישע קראַפט, און די געשיכטע פון זייער געראַנגל איז די געשיכטע פון דער וועלט און פון אַלץ וואָס קומט אין איר פאָר. דער גרויסער עטישער ווערט פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע ליגט אין דער פאַרשטעלונג, אַז אַלע לעבעדיקע ברואים זענען נישט בלויז עדות אָדער צושויער פון דעם דאָזיקן דראַמאַטישן דועל, נאָר אויך שותפים, אַנטיילנעמער אינעם קאַמף גופא. דער מענטש געפינט זיך אין צענטער פון דער מלחמה, זיין נשמה איז אין אַ זייער גרויסער מאָס דער קעגנשטאַנד אָדער דער „פּראַנט" פונעם געראַנגל פאַר אַן אומגעטיילטער ממשלה צווישן די צוויי וועלט־קרעפטן. מיט זיין גאַנצן לעבן און וועזן, מיט זיינע גלויבנס און געפילן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, טאָן און נישט־טאָן, מיט זיינע מחשבות און כוונות, איז דער מענטש אַן אַקטיווער אַרויסהעלפער אָדער פאַר אַרמאַזדן אָדער פאַר אַהרימאַן. זיינע מצוות שטאַרקן אַרמאַזדן, זיינע עבירות — אַהרימאַן. כאָטש דער אויסגאַנג פון דער דאָזיקער מלחמה איז באַקאַנט און זיכער (סוף־כל־סוף וועט אַרמאַזד ענדגילטיק באַזיגן זיין שונא און וועט ווערן דער איינציקער מושל איבער דער וועלט), וועט אָבער דער דאָזיקער רעזולטאַט נישט דערגרייכט ווערן אָן דעם מענטשס „קאָאָפּע־ראַציע". קיין העכערע און נאָבעלערע ראָלע האָט, דוכט זיך, קיין שום רעלי־גיע ביז אַהער דעם מענטשן נישט געגעבן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם צויבער וואָס אַזאַ לערע האָט געקענט האָבן פאַר פיינערע גייסטער אין אַל־

טערטום (און נישט נאָר אין אַלטערטום אַליין), האָבן ייִדן, ווען זיי האָבן זיך בעענטער באַגעגנט מיט דער פּערסישער קולטור, אַרויסגעשטעלט אַ שטאַרקן גייסטיקן ווידערשטאַנד קעגן די השפּעות פון זאָראָאַסטריאַניזם.

ייִדן זענען שוין דעמאָלט געווען צו סענסיטיוו צו יעדער באַגרענעצונג פון גאָטס אַלמעכטיקייט, און אין דער פּערסישער רעליגיע האָבן זיי געפונען אַ גאָט, וועמענס אמתע מאַכט דאַרף ערשט קומען. ווייל אַהרי־מאַן, דער גאָט פון בייז און פינצטערניש, איז, לויט זאָראָאַסטערס לערע, נישט נאָר אַ גרויסער בעל־השפּעה אויף דער וועלט, נאָר אויך טיילווייז אַ צווייטער בורא־עולם: אייניקע כוכבים און מזלות, ווי בעהראַם (מאַרס), קעוואַן (סאַטורן) און אַנדערע, זענען גאָר פון אים באַשאַפן געוואָרן און ער האָט זיי באַפעלקערט מיט שדים און מזיקים. אַזאַ, כאָטש אין לעצטן אַנאַליז, צייט־ווייליקער, דואַליזם האָט געמוזט אַרויסרופן אין ייִדנטום אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד, טראָץ דעם וואָס די הויכע מאָראַל פון זאָראָאַסטריאַניזם און די דינים פון טומאה וטהרה אין דער אַוועסטאַ און אין אַנדערע הייליקע שריפטן פון די פּערסער האָבן, זיכער, אַרויסגערופן ביי ייִדן נישט ווייניק סימפּאַטיע און באַוואונדערונג. אַ כאַראַקטעריסטישע רעאַקציע פון ייִדישן מאָנאָטעיִזם אויף די פּערסישע פּאָרשטעלונגען פון „שתי רשויות" (צוויי געטלעכע מאַכטן) זעען מיר ביי דעם גלות־נביא, וואָס ווערט היינט באַצייכנט אַלס ישעיה דער צווייטער. דער נביא טראָגט נישט אין זיין האַרץ קיין שנאה צו פּערסיע; פּאַרקערט, ער זעט פּאָרויס אַז דער פּערסישער מלך־חסד וועט אינגיכן ברענגען ייִדן די ישועה; כורש איז פאַר אים „אַ געזאַלבטער" און „גאָטס פּאַס־טוך". ער דינט דעם אמתן גאָט, כאָטש ער גיט זיך וועגן דעם קיין חשבון נישט אָפּ. דער נביא זעט אָבער די גרענעץ וואָס טיילט אָפּ דעם ייִדישן מאָ־נאָטעיִזם פונעם פּערסישן דואַליזם און ווייזט ליידנשאַפטלעך אויף איר אָן: „אני יהוה ואין עוד, זולתי אין אלהים. . למען ידעו ממזרח שמש וממערבה כי אפס בלעדי, אני יהוה ואין עוד; יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע, אני יהוה עושה כל אלה" (ישעיה מ"ה, ה־ז) — איך בין יהוה, און מער איז נישטאָ, חוץ מיר איז קיין גאָט נישט פאַראַן... כדי מען זאָל וויסן פון אויפגאַנג פון זון און פון איר אונטערגאַנג, אַז נישטאָ אויסער מיר; איך בין יהוה און מער איז נישטאָ. דער וואָס פורעמט ליכט און באַשאַפט פינצטערניש, מאַכט פרידן און באַשאַפט בייז; איך יהוה מאַכט אַלדידאָזיקע". דער נביא דערקלערט נישט אָדער האָט גאָר נישט קיין דערקלערונג, פאַרוואָס און צוליב וואָס עס עקזיסטירט פינצטער־ניש און בייז; ער ווייס אָבער, אַז קיינער האָט דאָס נישט געקענט באַשאַפן

אַחוץ דעם איין־און־איינציקן גאָט, וואָס איז מיט זיין אַלייניקער עקזיסטענץ און וועזן די גאַראַנטיע פונעם ליכטיקן און גוטן. אויב אַהרימאַן האָט געצוג בוט צו באַפעלקערן די ערד, ווי מיר לייענען אין דער אַוועסטאַ, מיט דראַ־קאָנען, מיט גיפטיקע שלאַנגען, מיט קראַנקהייטן און מגפות און אַפילו מיט אכזריותדיקע קעניגן, איז ער „ממעט את הדמות", פאַרמינערט ער די גע־שטאַלט פון אָרמאַזדן, און שטעלט אַ שווערן פראַגע־צייכן איבער דעם ליכ־טיקן און גוטן אַלס דעם אור־יסוד פונעם וועלטזיין. אָרמאַזד מוז אַפילו אָנ־קומען צו די זעלביקע טאַקטישע מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך אַ מלך בשר ודם. זעענדיק זיין שוואַכקייט שלאָגט ער פאַר אַהרימאַנען אַ וואַפנשטילשטאַנד אויף ניין טויזנט יאָר. אמת, ער איז זיכער, אַז נאָך די ניין יאָרטויזנטער וועט זיין קאָנקורענט שוין זיין אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער וועט מוזן באַזיגט און פאַרניכטעט ווערן. אָבער די עצם פאַרשטעלונג, אַז גאָט מוז אַ לאַנגן פעריאָד טאָלערירן די טיילווייזע ממשלה פון אַן אומגאָט און אַזאַ ממשלה אָנערקענען, האָט ביים יידנטום געמוזט אַרויסרופן אַ מעטאַ־פיזישן ווידערווילן. דערצו דאַרף מען נאָך געדענקען, אַז ביידע, סיי אָרמאַזד און סיי אַהרימאַן, זענען נישט דער אָנפאַנג פון אַלץ וואָס עס עקזיסטירט; ביידע זענען זיי ג ע ב ו י ר ן ג ע וו אָ ר ן. די אַוועסטאַ דערציילט אונדז אויך וועגן אַנדערע וועזנס, וואָס זענען נישט אָפּהענגיק פון אָרמאַזדן און אַהרימאַנען: דער אומבאַגרענעצטער ר ו י ם און די אומבאַגרענעצטע צ יי ט. אָרמאַזד האָט באַשאַפן זיין וועלט פון ליכט מיט דער הסכמה פון צערוואַן, וועלכער איז, הייסט עס, העכער פון אים און האָט געקענט מסכים זיין אָדער נישט־מסכים זיין. לויט שפּעטערדיקע ווערסיעס, איז צערוואַן דער, פון וועמען אָרמאַזד און אַהרימאַן זענען אַרויסגעקומען. אָבער אויך ער איז נישט די אַבסאָלוטע העכסטע קראַפט: ער איז מקריב קרבנות (וועמען?), ער צווייפלט און קווײנקלט זיך, ער ווייסט נישט וואָס עס וועט פון אים געבוירן ווערן. לויט די פּאָפּולערע פאַרשטעלונגען, דאַרף מען געדענקען, רופט אָרמאַזד אַרויס צום לעבן באַשעפענישן דורך אַ מין פריה־ורביה. ער האָט אַ פרוי און דאָס איז זיין טאָכטער, אַרמאַיטי, וואָס האָט אים געבוירן זין און טעכטער (מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן עקל דאָס האָט געדאַרפט אַרויסרופן ביי יידן מיט זייער באַציִונג צו „גילוי עריות"). אַטער (דאָס פייער) איז זיין זון און מיטראַ (די זון) איז זיין טאָכטער זיין זון גאַיאָמאַרד שטאַרבט, שטאַרבנדיק באַפרוכפּערט ער מיט זיין זאָמען די אייגענע מוטער (!), און פון דעם ווערט געבוירן די ערשטע פּאָר מענטשן. נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס נישט ער באַשטימט דעם שיקזאַל פון גאַיאָמאַרדן: דאָס איז גאָר אַ גזירה פון צערוואַנען אָדער (לויט אַן אַנדער

נוסח) פון די שטערן, און ווען אָרמאַזד ווערט קראַנק, קען ער זיך אַליין נישט אויסהיילן און ער מוז אָנקומען צו דער הילף פון אַנדערע געטער.

פון די רעליגיעס, מיט וועלכע די ייִדן האָבן זיך אין אַלטערטום באַגעגנט, איז די פּערסישע געווען אַמנאָענטסטן צו מאָנאָטעיִזם און, לויט אירע עטישע פּרינציפּן און ריטואַל, אַממערסטן צוציִענדיק און אינספּירירנדיק פאַר ייִדן. אָבער אויך זאָראָאַסטריאַניזם איז פאַר זיי געווען פול מיט עבודה־זרה־עלעמענטן, אָנגעלאָדן מיט גייסטיקע און מאָראַלישע געפאַרן, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן אפשר געפילט אין אים אַן ערנסטן אינעווייניקסטן גערעַנגל פון דער פאָלקס־נשמה, וועלכע דאַרף פריִער שפּעטער פירן צו דער אָנערקענונג פון אחדות־הבורא.*) די נעמען וואָס דאָס שפּעטערדיקע ייִדנטום האָט געגעבן גאָט ווייזן אָן אויף דער טענדענץ, אָדער דער אַנטוויקלונג־ליניע, אויף וועלכער זייער רעליגיעז באַוווּסטזיין האָט זיך באַוועגט פונעם אָנהייב אָן. „רבונו של עולם״ — דער אַבסאָלוטער האר פון דער וועלט, וואָס טיילט נישט מיט קיינעם זיין ממשלה אַפילו אויף אַ וויַיל; „מנהיגו של עולם״, דער פירער פון דער וועלט; „עתיקו של עולם״, דער אורעלטסטער פון דער וועלט, וואָס עס איז נישטאָ קיינער אָדער עפּעס וואָס האָט געקענט עקזיסטירן פ אַ ר אי ם, ווייל ער איז דער „מי שאמר והיה העולם״ (דער וואָס האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן); „הגבורה״, די קראַפט, די איינציקע קראַפט, וואָס אַן איר איז אַלדאָס איבעריקע אַבסאָלוט קראַפטלאָז: „הדיבור״ אָדער „מימרא״ (דאָס וואָרט), וואָס איז דער גרונט פון יעדער עקזיסטענץ און געשעען; דער איינציקער וואָס איז, ווי ביים רמב״ם, אַ „מחוייב המציאות״, וואָס זיין עקזיסטענץ איז לאָגיש־אָבליגאַטאָריש, ווייל אַלע אַנדערע עקזיסטענצן זענען פון אים אָפּהענגיק; דער וואָס איינער פון זיינע נעמען איז „שדי״, אין דעם זינען אין וועלכע דער רמב״ם פאַרטייטשט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַז דאָס איז דאָס זעלביקע וואָס „אשר די״, איינער וואָס איז

*) דער זאָראָאַסטריאַניזם האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך אָפּצוגרענעצן פון די אָפּגעטער פון די אַרומיקע פעלקער. זיינע נאָכפאָלגער האָבן אַסימילירט אין זייער רעליגיעזן באַוווּסטזיין אַ טייל פון די סעמיטישע געטער, ווען זיי האָבן דערקלערט פאַר אָרמאַזדס אַרויסהעלפער אין זיין הייליקער מלחמה. די פערסישע געטין פון קוואַלן און שטראָמען און פון יעטוועדער פרוכטבאַרקייט, אַנאַהיטאַ, באַקומט מיט דער צייט אַ סך שטריכן פון דער בבלישער עשתרת און ווערט שפּעטער די אינספּיראַציע פאַר טעמפּל־פּראָסטיטוציע. דער מאָנאָטעיִזם האָט באַהערשט פערסיע נישט דורך אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די מאָניסטישע טענדענצן אין זייער אייגענער רעליגיע, נאָר דורכן איסלאַם, אַ טאָכטער פון ייִדנטום. די איינציקע געמיינדע אין דער וועלט, וואָס אָנערקענט נאָך היינט זאָראָאַסטער אַלס איר נביא, די פאַרסי, אין אינדיע, האַלט זיך נאָך ביים אַלטן ריטואַל, אָבער איר באַגריף פון גאָטהייט איז שוין אַ ריין מאָנאָטעיִסטישער.

געָנוג פֿאַר זיך אַליין, עקזיסטירט אין און פֿאַר זיך אַליין, און שטיצט זיך נישט אויף עפּעס אַנדערש פֿאַר זיין עקזיסטענץ (שפּינאָזאַס געאָמעטרישער באַגריף פֿון „סובסטאַנץ״); אָדער גאָר „הוּ״, ער (שבת ק״ד), דער איינציקער עכטער ע ר אינעם וועלטזיין. די דאָזיקע טענדענץ איז פֿון ערשטן מאָמענט פֿון „התגלות״ אין ייִדנטום געווען די דאָמינירנדיקע ריכטליניע, דער הויפּט־פּאַטאָס פֿון זיין רעליגיעזער אַנטוויקלונג, און ווייל די וועלט איז אַזוי פֿול מיט סתירות און דער מענטשלעכער שכל קען זיך גאָרנישט פֿאַרמעסטן משיג צו זיין גאָטס וועגן אין פֿירן די וועלט, האָט דאָס ייִדנטום מיט רעזיגנאַציע און מיט נאָך שטאַרקערער ערפֿורכט צוגעגעבן צו זיינע פֿילע נעמען נאָך אַ נאָמען — „סתרו של עולם״, דאָס געהיימעניש פֿון דער וועלט, אין וועלכער מיר זענען נישט מסוגל אַריינצודרינגען.

מיט אַזאַ אַבסאָלוטן מאָנאָטעיִזם אַלס אַ טרייב־קראַפֿט און אַנטוויקלונג־ליניע, און מיט אַ העכערן סטאַנדאַרד פֿון פֿאָלקס־מאָראַל וואָס איז אָרגאַניש מיט יענער מאָנאָטעיִסטישער טענדענץ געווען פֿאַרבונדן (מיר באַטאָנען דאָ פּ אָ ל ק ס ־ מ אָ ר אַ ל, אַלס אַ סכום פֿון עטישע ווערטן וואָס דרינגען אַריין אין לעבנסשטייגער און באַאיינפֿלוסן דעם דורכשניטלעכן מענטשן אין אַ דעמאָקראַטיש געשטימט פֿאָלק, כאָטש אין געוויסע פּעריאָדן האָבן ביי אַנדערע פֿעלקער געקענט אַנטשטיין א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע כ אַ ר אַ ק ט ע ר ן מיט אַזאַ הויכער עטישער שפּאַנונג, וואָס זענען גאָרנישט אַזוי אָפֿט געווען בנמצא ביי ייִדן), האָבן ייִדן געהאַט מער ווי אַ סוביעקטיוון עגאָצענטרישן גרונט זיך צו באַטראַכטן פֿאַר העכער פֿון יעדן פֿאָלק, מיט וועלכן זיי זענען געקומען אין באַרירונג. דאָס באַוווּסטזיין פֿון סופּעריאָריטעט האָט זיך באַטירלעכערווייז אויסגעדריקט אין אַ געפֿיל פֿון אויסדערוויילטקייט, אין דעם „אתה־בחרתנו״־באַגריף. דער פֿאַקט, וואָס אַלע יענע פֿעלקער אַרום זיי, וואָס זענען געבליבן לעבן, האָבן שפּעטער אָנגענומען דאָס קריסטנטום אָדער איסלאַם, האָט יענעם געפֿיל און באַגריף נישט אָפּגעשוואַכט. אַלץ איינס וויפֿל אויסזעצונגען זיי האָבן נישט געהאַט קעגן די צוויי נייע וועלט־רעליגיעס, האָבן ייִדן געהאַט דאָס באַוווּסטזיין, אַז ביידע זענען זיי טעכטער פֿון ייִדנטום — טעכטער וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויף פֿאַלשע וועגן, אָבער דאָך „אייגענע״. סיי דאָס קריסטנטום און סיי די מאַכמעדאַנישע רעליגיע האָבן אָנגענומען דעם תנ״ך אַלס הייליקע שריפֿטן. מיט דעם אַליין האָט די גויִשע וועלט ווי אָנערקענט די סופּעריאָריטעט פֿון ייִדן. דער ייִדישער „אתה־בחרתנו״ איז ווי באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ גרויסן טייל פֿון די אומות־העולם . . .

VI

דער באַגריף פון אויסדערוויילטקייט האָט אָבער נישט געשטערט ייִדן צו אַנטוויקלען אין זיך דעם געפיל פון מאָראַלישער אחריות אין באַצוג צו דער נישט־ייִדישער וועלט, און נישט געקענט דערשטיקן אין זיי די פעיִקייט צו זען פאַקטישע און, באַזונדערס, פּאָטענציעלע „סגולות" אין די אומות־העולם. די גויִשע וועלט איז זינדיק, אַ סך זינדיקער פון דער ייִדישער, וועלכע איז אויך באַלאַסטעט מיט שווערע חטאים, אָבער זי קען און דאַרף דערלייזט ווערן, און עס איז דעם ייִדנס חוב איר אַרויסצוהעלפן אין איר דערלייזונג. יונה הנביא קריגט שווערע שטראָף פאַר זיין „שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם" און ער מוז, קעגן זיין אייגענעם ווילן, סוף־כל־סוף גיין קיין נינוה און טאָן זיין שליחות — ברענגען זיין נבואה די גויִשע רשעים, אַרויסרופן אין זייערע הערצער תשובה און דערמיט ראַטעווען זייער שטאָט פון אונטערגאַנג.

אָבער דער סיפּור־המעשה פון יונהן איז אפשר נאָך נישט קיין פולשטענדיקע אילוסטראַציע פון דער ייִדישער רעליגיעזער טענדענץ צו אָנערקענען די פרינציפּיעלע ג ל יי כ ו ו ע ר ט י ק יי ט פון ייִד און נישט־ייִד: דער נביא איז אַ ייִד און די וואָס הערן זיך צו צו אים זענען נישט־ייִדן. דער ייִד ראַטעוועט טאַקע די נישט־ייִדישע נינוה, אָבער ער בלייבט פון איר ד י ס ט אַ נ צ י ר ט — דער ייִד איז דער שעפערישער גייסט, דער נישט־ייִד איז בלויז אַ רעצעפּטיווער גייסט. אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווערט די ווערט־מחיצה צווישן ישראל און די אומות־העולם דורכגעבראָכן אין מגילת רות. די פרוי פון מואב נישט נאָר וואָס זי נעמט אָן דעם ייִדישן גלויבן, נאָר זי ווערט אינגאַנצן אַבסאָרבירט אין ייִדישן אָרגאַניזם: פון דער בת־ערלים קומט נאָכדעם אַרויס נישט מער און נישט ווייניקער ווי דוד המלך, און אַלץ איינס ווען משיח זאָל נישט קומען און וואָס זיין נאָמען זאָל נישט זיין, איז זיין גרויס־גרויס־גרויס־מוטער אַ געוועזענע גויע פון מואב.*)

*) די פּאַרטיקולאַריסטישע עלעמענטן און זייער קעגנשפּיל אין די משיחישע פאָרשטעלונגען זענען אַן אינטערעסאַנטע טעמע פאַר זיך אַליין. עס דאַרף אָבער, אגב־אורחא, באַמערקט ווערן, אַז לויט אַ זייער וויכטיקער שטעלע אין תלמוד (סוכה נ"ב) איז אַ נישט־ייִד פאָרויסבאַשטימט צו שפּילן אַ גאָר ערנהאַפטיקע ראָל אין דער גאולה אחרונה. דער זאַץ פון זכריה הנביא (ב, ג) „ויראני יהוה ארבעה חרשים" (און גאָט האָט מיר געוויזן פיר שמידן) ווערט דאָרט אויסגעטייטשט אין נאָמען פון ר' שמעון הצדיק אין דעם זינען, אַז דאָס איז אַ רמז אויף די פיר פיגורן אין דער קומענדיקער דערלייזונג־דראַמע פון דער וועלט: די פיר שמידן זענען משיח בן דוד, משיח בן יוסף, אליהו הנביא און דער כהן צדק, און דער כהן צדק איז נישט קיין אַנדערער ווי מלכיצדק — אָט דער זעלביקער קעניג פון שלם, פון וועלכן עס ווערט דערציילט (בראשית י"ד, יט־כא), אַז ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען אברהם

אַ סך אַ ראַדיקאַלערן דורכברוך פון דער אויבנדערמאָנטער מחיצה שטעלט מיט זיך פאָר דאָס טיפסטע רעליגיעזע ווערק פון תנ״כישן קאַנאָן, דער ס פ ר א י ו ב. אַלץ איינס פון וועמען און אין וועלכער עפּאָכע דאָס דאָזיקע דערהויבענע ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן, און צי איוב איז געווען אַ היסטאָרישע פיגור אָדער אַ דיכטעריש־אויסגעטראַכטע („איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה״), וויכטיק איז דער פאַקט, אַז דער נאָמען „י׳ד״ ווערט אַפילו קיין איין מאָל אין דעם ווערק נישט דערמאָנט. דער דראַמאַטישער דועל צווישן מענטש און גאָט און דעם מענטשנס פרומע רעזיגנאַציע, זיין איבערבעטן זיך מיט גאָט, ווערט געשילדערט, אויב מען מעג זיך אַזוי אויס־דריקן, אויף אַ ריין אוניווערסאַלן שטח. ווי הויך דאָס בוך איז געשאַצט געוואָרן פון י׳דן אין אַלטערטום, קען מען זען פון דער פאָרשטעלונג, אַז עס האָט אים געשריבן די זעלביקע האַנט וואָס האָט געשריבן די תורה. „משה כתב ספרו וספר איוב״ (בבא בתרא י״ד) — משה האָט געשריבן זיין ספר און דעם ספר איוב. נישט אין פראָלאָג, אָדער עפּילאָג, אויך נישט אין דער סעריע דיאַלאָגן, וואָס וויקלען זיך אין דעם ווערק פאַנאַנדער, איז פאַראַן אַ סימן פון וועלכן נישט איז פּראָבלעם וועגן דער שטעלונג פון י׳דן צו נישט־י׳דן, אָדער וועגן די באַציִונגען צווישן איין פאָלק און דעם אַנדערן. דאָס בוך א י ג נ אָ ר י ר ט א י נ ג אַ נ צ ן די עקזיסטענץ פון פעלקער. אַלס די איינציקע רעאַליטעטן בלייבן בלויז גאָט, וועלט און מענטש — מענטש בכלל, אָן וועלכן נישט איז עטנישן, אָדער היסטאָרישן, אָדער לאָקאַלן, אָדער אַפילו רעליגיעז־אינסטיטוציאָנעלן לבוש. עס ווערט דאָרט בלויז אָנגעגעבן „אַן אַדרעס״ פונעם הויפּט־העלד, נישט לייגנדיק דערויף קיין שום געוויכט. איוב איז אַ מאַן פון לאַנד עוץ (און דאָס דאַרף הייסן, פאַר דעם אַלט־העברעישן לייענער, נישט קיין י׳ד), און זיינע דריי פריינט שטאַמען אויך „פון דער פרעמד״ און טראָגן נישט־י׳דישע נעמען. די דאָזיקע ריין־אויסערלעכע רעפע־רענצן האָבן נישט מיטן אינהאַלט פון בוך קיין שום וועזנטלעכע פאַרבינדונג. מען קען זיי צוגלייכן צו די סצענאַריאָ באַמערקונגען, לאָמיר זאָגן, פון שעקס־פירן, אַז האַמלעט איז אַ דענישער פרינץ און אַז אַלץ וואָס עס ווערט געוויזן אויף דער בינע קומט פאָר אין דענעמאַרק. דאָס הייסט אָבער נישט ביי שעקס־

אבינו מיט ברויט און וויין, אַלס אַ „פּריסטער פון דעם העכסטן גאָט״, און האָט אים באַגריסט מיט די ווערטער: „ברוך אברם לאל עליון, קונה שמים וארץ״, געבענטשט זאָל זיין אברהם צום העכסטן גאָט, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד. אין זיין אָפּהאַנד־לונג וועגן די אידייען פון די פּרושים ציטירט ה. לעווע אין דעם קאָלעקטיוון ווערק “The Contact of Pharisaism with Other Cultures,” Volume II, p. 40 אַ מדרש, לויט וועלכן אברהם אבינו זאָל האָבן פון מלכיצדק געלערנט די מידה פון גמילות־חסדים.

פירן, אַז האַמלעט איז אַ ד ע נ י ש ע ט ר אַ ג ע ד י ע, און אַז זי קען זיך מאָרגן נישט אָפּשפּילן אין ענגלאַנד, אָדער אין סיאַם. אויב עס איז פאַראַן אין דער קלאַסיש־רעליגיעזער ליטעראַטור פון אַלטערטום אַ בוך, אין וועלכן, בוצנדיק פוילוסעס וואָרט, „עס איז נישט פאַראַן נישט קיין ייד און נישט קיין העלענער", געפינט זיך עס נישט אין דעם אוניווערסאַליסטישן בייעם טעסטאַמענט (אין וועלכן די פראַגע פון ייד און העלענער שפּילט גראָד אַן אומגעהויער גרויסע און זייער אינטריגירנדיקע ראָלע), נאָר גראָד אין דעם „פּאַרטיקולאַריסטישן" תנ״ך, אינעם איוב־בוך. דאָס וואָס אַ פּאַקטישער אָדער פּאָעטיש־פיקטיווער נישט־ייד ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון איי־בעם, פון וועמען אַלע דאַרפן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר אין דער וויכטיקסטער און אינטימסטער אַנגעלעגנהייט פון זייער רעליגיעזן לעבן, איז די גרעסטע מאַניפעסטאַציע פון דער אוניווערסאַליסטישער טענדענץ אין יידנטום, וואָס הונדערטער און הונדערטער פּאַרטיקולאַריסטישע מימרות און פּאַקטישע אָפּגרענעצונגען קענען זי נישט פּאַרטונקלען.

אָבער דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט אין אונדזער פּראָגע ליגט אפשר גאָר אויף אַן אַנדער שטח. אין וועלכער מאָס יידן האָבן זיך אַליין פאַרהיי־ליקט אַלס אַן עטנישע גרופּע אָדער ראַסע, קען קלאָרער ווערן פון דעם, ווי אַזוי זיי האָבן געקוקט אויף די אינטימערע פאַרבינדונגען צווישן זיך און נישט־יידן — אויף געמישטע חתונות. ווען אין פאָלקס באַוווסטזיין און, דער עיקר, אין זיין אוממיטלבאַרער עמפינדונג, וואָלט דער אתה־בחרתנו־באַגריף באמת און ערנסט אויסגעטייטשט געוואָרן און די טערמינען פון היינ־טיקן ראַסיזם, אָדער אויפגעפאַסט געוואָרן לויט די הנחות פון אַן אַריסטאָ־טעלעס, אין זינען פון אייביקע און אַבסאָלוטע אונטערשיידן צווישן העכערע און נידעריקערע פעלקער, וואָלטן זיי פאַר אַלעמען געדאַרפט אָננעמען אויף דער דויער מיטלען קעגן וועלכן נישט איז ביאָלאָגישן קאָנטאַקט מיט די אומות העולם. אויב די יידישע ראַסע איז „הייליק" אַן און פאַר זיך און אַנדערע ראַסן זענען פאַראורטיילט צו בלייבן אויף שטענדיק „אומהייליק", טאָרן זיך יידן נישט מטמא זיין דורך געמישטע חתונות. אויב דעם מענטשנס גייסט זאָל זיין געבונדן אָן זיין בשר־ודם, אָן זיין ביאָלאָגישער ירושה, טאָר קיין גוייִשע פלייש און בלוט לחלוטין נישט אַריינדרינגען אין יידישן אָר־גאַניזם, איז אַ שידוך צווישן אַ יידן און אַ מענטשן פון פרעמדן אָפּשטאַם באמת „ראַסע־שענדונג", אויך שענדונג פון גייסט.

פּאַקטיש אָבער, ווען מען נעמט אונדזער געשיכטע אַלס גאַנצע, איז די הויפּט־ליניעס פון איר אַנטוויקלונג, און נישט אין אירע טראַגישע אָדער פּאַראַדאָקסאַלע עפּיזאָדן, קען מען זען, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ סך סייגים

(צוימען) אַרום דער תורה, צוליב איר פאַרווירקלעכונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אָבער נישט אַרום אונדזער ביאָלאָגישן אָרגאַניזם. די תורה שעמט זיך נישט צו דערציילן וועגן משה רבינוס נעגער־פרוי, די „אשה כושית" וואָס ער האָט גענומען. מרים און אהרן זענען די צוויי ראַסן־שאָוויניסטן וואָס טאַדלען דערפאַר זייער ברודער, אָבער גאָט אַליין נעמט זיך פאַר אים אָן, רופט אַרויס מרימען און אַהרונען אין „אוהל מועד" און דריקט זיי אויס פאַרדרוס. רב צעיר (תולדות ההלכה, חלק א', ז. 302) מאַכט אונדז, אין דעם צוזאַמענהאַנג, אויפמערקזאַם אויף דעם אופן, אויף וועלכן שמשון הגיבורס עלטערן רעדן אים אויס פאַר נעמען אַ פרוי פון די פלשתים. זיין פאָטער און מוטער זאָגן אים: „האין בבנות אחיך ובכל עמי אשה כי אתה הולך לקחת אשה מפלשתים הערלים?" (איז נישטאָ צווישן די טעכטער פון דיינע ברידער און צווישן מיין גאַנץ פאָלק אַ פרוי אַז דו גייסט נעמען אַ ווייב פון אומבאַשניטענע פלשתים)? דער זין פון דער דאָזיקער פראַגע איז אַז עס איז נישט כדאי, אָבער נישט אַז דאָס איז אין תוך אַ פאַרבאָטענע אָדער טאַדלהאַפטיקע זאַך, און דער מחבר פונעם ספר שופטים גיט נאָכדעם אַפילו צו פון זיך „ואביו ואמו לא ידעו כי מיהוה היא" (זיין פאָטער און זיין מוטער האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַזוי פון גאָט), אַז דאָס איז, ווי ייִדן האָבן אין שפּעטערדיקע דורות זיך אויסגעדריקט, אַ זיווּג מן השמים — באַטש קיין סך גליק האָט אים זיין באַשערטע נאָכדעם נישט געבראַכט. דער ביבלישער געזעץ דערלויבט חתונה האָבן מיט יעדער „אשה יפת תואר" פון די קריגס־געפאַנגענע; ער האַלט נאָר פאַר נייטיק צו באַוואָרענען, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן לויט אַ באַשטימטער פּראָצעדור, כדי צו שאַנעווען די געפילן פון אַ פרוי, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון איר סביבה, פון אירע עלטערן און שטאָם. דער איינציקער פאַרבאָט חתונה צו האָבן מיט פרעמד־שטאָמיקע, וואָס מיר געפינען אין דער תורה, האָט צו טאָן מיט די שוין דערמאָנטע „שבעת העממים" פון ארץ־ישראל גופא, צוליב פּאָליטישע און רעליגיעזע מאָטיוון. בדרך־כלל אָבער האָט די תורה נישט געזוכט צו פאַרזיכערן דעם „גוי־קדוש"־כאַראַקטער פון ייִדן דורך אָפּהיטן זייער ראַסן־ריינקייט.

אַ זייער שאַרפער אויסנאַם אין דער אַלגעמיינער שטעלונג פון ייִדן צו געמישטע חתונות, אין ספּעציפיש־עטנישן זינען פון וואָרט, זענען, ווי עס איז באַקאַנט, די שטרענגע און, מען מעג זאָגן, אַכזריותדיקע תקנות פון עזרא און נחמיה. זייער גזירה איז אַן אַבסאָלוטע און זייער צוועק איז געווען — אַ ראַדיקאַלע ביאָלאָגישע אָפּגרענעצונג מצד ייִדן אין באַצוג צו אַלע נישט־ייִדן סיי פון ארץ־ישראל און סיי פון חוץ־לאַרץ. זייער איסור איז אַן אומ־קאָנדיציאָנעלער, אַן וועלכער נישט איז רעזערוואַציע, אַז ווען עס איז און

אונטער וועלכע נישט איז נייע אומשטענדן זאָל ער קענען אָפּגעשאַפט ווערן — „עד עולם״ — אַפילו, הייסט עס, ווען עמעצער פון די „עמי הארצות״ זאָל זיך וועלן מגייר זיין.

די דראַמאַטישע רעפאָרמען, וואָס עזרא און נחמיה האָבן איינגעפירט און די ביאָלאָגישע סעגרעגאַציע וואָס זיי האָבן מיט אַזאַ שטאַרקער האַנט דורכגעזעצט אין דעם יידישן לעבן, פאַרדינען אַ באַזונדערן אינטערעס. (אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר יענער עפּאָכע בכלל און ספּעציעל פאַר דער פער־זענלעכקייט פון עזרא הסופר האָט אַרויסגעוויזן אין אונדזערע יאָרן דער ענג־ליש־פּראָטעסטאַנטישער היסטאָריקער ר. טראַווערס הערפאָרד אין זיין זייער געוויסנהאַפטיקער פאָרשונג וועגן די פּרושים). זייערע תקנות דאַרפן אָבער באַטראַכט ווערן, אין אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פון אונדזער געשיכטע, אַלס אַן עפּיזאָד: זייער „עד עולם״־פאָרמולע האָט נישט אויסגעהאַלטן און די אַבסאָלוטקייט פון זייער איסור אויף געמישטע חתונות איז נאָכדעם בטל געוואָרן. ס׳איז פאַראַן גענוג גרונט צו טראַכטן, אַז די שטרענגע ענדאָגאַמיע, וואָס עזרא און נחמיה האָבן איינגעפירט, איז געווען דיקטירט פון די ספּע־ציעלע אומשטענדן אין יענער עפּאָכע פון שיבת־ציון און פאַרפעסטיקונג פון יידישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער. ווען נישט זייערע ראַדיקאַלע איסורים — באַהויפּטעט הערפאָרד — וואָלט דאָס יידנטום מיט דער צייט אומגעקומען און עס וואָלט אויך נישט געבליבן יענע ראָם, פון וועלכער עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעשיילט דאָס קריסטנטום. יידנטום איז אָבער אין אַ פאַרהעל־טענישמעסיק קורצער צייט נאָך יענער עקסטרעמער זעלבסט־אָפּגרענעצונג פון דער וועלט געוואָרן פּרינציפּיעל עקזאָגאַמיש, און אַלס איינציקע באַדינ־גונג פאַר זיך מתחתן זיין מיט מענער און פרויען פון פרעמדן ראַסן־שטאַם האָט אָנגעהויבן באַטראַכט צו ווערן דאָס באַקערן זיך צו דער יידישער אמונה.

דאָס תלמודישע יידנטום ווייסט שוין כמעט גאָרנישט פון דיסקרימינאַ־ציע קעגן ראַסן־גויים, ווען עס האַנדלט זיך וועגן חתונה. עס ווייסט נאָר וועגן דעם איסור אויף „גייסט־גויים״, אויף אַזעלכע וואָס דינען נאָך עבודה־זרה (אָדער, להבדיל, געהערן צום קריסטנטום, צו דער כת פון „מינים״) און זענען נישט גרייט זיך מגייר צו זיין. דאָס הייליקע פ אָ ל ק ווערט נאָכדעם אין אַ געוויסער מאָס פאַרוואַנדלט אין אַ הייליקער ג ע מ יי נ ד ע, צו וועלכער עס קען געהערן יעדער מענטש פון יעדן אָפּשטאַם, אויב ער נעמט נאָר אויף זיך אירע רעליגיעזע פליכטן. אין אַנדערע ווערטער, אַ ייד איז נישט בלויז דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, נאָר אויך דער וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם פּראָצעס פון י ידי ש ע ר ר ע ל י ג י ע ז ע ר נ אַ ט ו ר אַ ל י ז אַ צ י ע. אין פאָלקס־באַוווסטזיין הייבט אָן אַלץ מער אַריינצודרינגען דער געדאַנק, אַז

עס דאַרף אָפּגעווישט ווערן יעדער זכר פון אַ מחיצה צווישן אַ נאַטירלעכן און נאַטוראַליזירטן ייִד. „אם היה בן גרים, לא יאמר לו: זכור מה היו מעשי אבותיך" (ספרא) — אויב איינער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, טאָר מען אים נישט זאָגן: „דערמאָן זיך נאָר דײַנע מעשים פון אַמאָל", און אויב איינער שטאַמט פון גרים, טאָר מען אים נישט זאָגן: „דערמאָן זיך נאָר די מעשים פון דײַנע עלטערן". „הגרים, גרי הצדק, הם בישראל" (במדבר רבה פ"ח) — די גרים, די גרי־הצדק, וואָס האָבן זיך מגייר געווען מיט ריינע כוונות, זענען דאָס זעלביקע, וואָס ישראל, אָדער, ווי מיר לייענען אין דעם זעלבן פּלאַץ, „אמר הקדוש ברוך הוא חביב עלי שמותן של גרים כיין־נסך, שהוא מתנסך על גבי המזבר" — דער אייבערשטער זאָגט, ס׳איז מיר באַליבט דער נאָמען פון גרים ווי דער ווײַן וואָס גיסט זיך פון מיינעטוועגן איבערן מזבח. ביז היינטיקן טאָג זאָגן נאָך ייִדן אַ תפילה, אין דער שמונה עשרה, „על הצדיקים, ועל החסידים, ועל גרי הצדק, ועל שארית עמך בית ישראל יהמו רחמיך".

מיט דער צײַט האָט אָנגעהויבן רײַף צו ווערן דער געדאַנק, אַז אויך די רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס קעגן איינצלנע און באַשטימטע פעלקער — מער צוליב היסטאָריש־פּאָליטישע טעמים, ווי מחמת פאַראַכטונג צו געוויסע „ראַסן" — האָבן שוין פאַרלוירן זייער באַדײַטונג. אַט לייענען מיר וועגן אַ פאַל (ברכות כ"ח), ווען יהודה, אַ גר פון די בני־עמון, קומט צום באַרימטן וועד אין יבנה מיט אַ שאלה: „מה אני לבוא בקהל" — וואָס איז אייגנטלעך מײַן סטאַטוס צווישן ייִדן איצטער, ווען איך האָב זיך שוין מגייר געווען? צי מעג איך „קומען אין קהל", ווי אַ גלײַכער צווישן גלײַכע, אָדער אויף מיר איז נאָך חל דער איסור פון דער תורה „לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'"? ווײַל דאָרט ר׳ גמליאל פּסקענען: „אסור אתה" — אַז כאָטש ער איז שוין אַ גר, טאָר ער נאָך אַלץ נישט „קומען אין קהל". אָבער ר׳ יהושע האָט אַרויסגעטראָגן זײַן אורטייל, אַז דער אַמאָליקער פאַרבאָט איז שוין מער נישט אין קראַפט, און זײַן מאָטיוו איז געווען „מפני שעלה סנחריב מלך אשור ובלבל את כל האומות" („ווײַל סנחריב, דער קעניג פון אשור, איז אויפגעגאַנגען און האָט צוזאַמענגעמישט אַלע פעלקער"). געזיגט, ווי דער תלמוד רעגיסטרירט, האָט ר׳ יהושעס אורטייל און מען האָט דעם עמוני דערלויבט צו „קומען אין קהל". דער מאָטיוו, מיט וועלכן ר׳ יהושע באַנוצט זיך, איז כמעט אַ מאָדערנער: ווי אַ היינטצײַטיקער אַנטראָפּאָלאָג, ווײַל ער מיט זײַן סנחריב־רעפערענץ באַהויפּטן, אַז קיין ריינע ראַסן זענען שוין אין דער וועלט בכלל נישטאָ, אַז מען קען שוין נישט פעסטשטעלן ווער פון וועמען עס שטאַמט אָפּ און דערפאַר האָט קיין זין נישט בודק צו זײַן דעם יחוס פון יחידים. אָבער דער גר, וועגן

וועלכן עס רעדט זיך אין דעם פאַל, אידענטיפיצירט זיך פונדעסטוועגן אַלס אַן עמוני, און ר׳ גמליאל האָט זיין גוטן גרונט, אויפן יסוד פון אַ געשריבע־נעם געזעץ, אים נישט צו דערלויבן „קומען אין קהל״ — אַפילו ווען עס איז נאָר פאַראַן אַ חשד, אַז ער שטאַמט פון די בני עמון. הינטער ר׳ יהושעס פּאַרמעלער באַגרינדונג פון זיין אורטייל שטייט שוין אָבער אַ נישט־אויסגע־דריקטער אַלגעמיינער געדאַנק, אַז דאָס וואָס מיר באַצייכענען אַלס רעלי־גיעזע נאַטוראַליזאַציע מאַכט דעם גוי, אַלץ איינס וואָס זיין ראַסן־שורש זאָל נישט זיין, פאַר אַ פולן יידן, אַז זיך מגייר זיין איז דאָס זעלביקע ווי אַ נ יי ע ג ע ב ו ר ט (אַן אויפפאַסונג וואָס שפּילט שפּעטער אַזאַ גרויסע ראָלע אין קריסטנטום), אַז, ווי עס שטייט אין בראשית רבה, „כל מי שמקרב את הגר כאילו בראו״ — ווער עס איז מקרב אַ גר, איז גלייך ווי ער וואָלט אים באַשאַפן. דער גייסטיקער אַקט פון אַ נישט־יידן אין זיין רעליגיעזער טראַנס־פאָרמאַציע, זיין מאָראַלישער אַנטשלוס צו ווערן אַ ייד און אַ שותף צום יידישן „ברית״ מיט גאָט, אַנולירט, אין אַ געוויסן זינען, זיין גאַנצע פאַר־גאַנגענהייט און ער הייבט אָן זיין לעבן אויפסניי: „גר שנתגייר כקטן שנולד דומה״ (יבמות מ״ו) — אַ גר וואָס האָט זיך מגייר געווען איז געגליכן צו אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן. ריש־לקיש גייט שוין אַזוי ווייט, ווי צו באַ־הויפּטן, אַז אַ גר דאַרף מען שעצן נישט גלייך, נאָר גאָר ה ע כ ע ר פון אַ „נאַטירלעכן״ יידן, ווייל יידן האָבן אָנגענומען די תורה ביים באַרג סיני אונ־טער צוואַנג און אונטערן דרוק פון אַ סך נסים, בשעת דער גר האָט זיך מגייר געווען מיט זיין גוטן ווילן, אויס אוממיטלבאַרער איבערצייגונג. (דאָס דער־מאָנט אָן די דערקלערונגען וואָס מיר הערן אָפט מצד נאַטוראַליזירטע בירגער אין אַמעריקע: איך, דער אימיגראַנט, בין אַ בעסערער אַמעריקאַנער פון דיר; דו ביסט אַן אַמעריקאַנער באין־ברירה, פּשוט דערפאַר וואָס צופעליק ביסטו דאָ געבוירן געוואָרן, אָבער איך האָב געהאַט אַ ברירה און האָב אויסגעוויילט אַמעריקע פאַר מיין ניי פאָטערלאַנד). די גלאָריפיקאַציע פונעם גר דערגרייכט מיט דער צייט צו אַזאַ מדרגה, אַז באַליידיקן אַ גר ווערט, לויט אַ מיינונג אויסגעדריקט אין תלמוד, צוגעגליכן צו באַליידיקן גאָט (חגיגה ה׳). אַזאַ באַ־ציִונג פירט צייטנווייז אַפילו צו געוויסע עקסצעס־געדאַנקען, מען מעג זאָגן צו אַ צו־להכעיסדיקער אַקצענטירונג, אַז תורה איז אַלץ און בלוט און אָפּ־שטאַם גאָרנישט: ר׳ מאיר — ווייזט אויס, אין אַ פּאָלעמישער אַטאַקע אויף דעמאָלטיקע יידישע ראַסיסטן — וויל אַפילו באַווייזן, אַז „נכרי ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול״ (בבא קמא, ל״ח) — אַ נישט־ייד וואָס פאַרנעמט זיך מיט תורה איז ווי דער כהן גדול. אַזאַ באַהויפּטונג איז, נאַטירלעך, אַ בכיוונ־דיקע איבערטרייבונג מצד ר׳ מאירן: ער ווייסט אַז ער קען נישט אָפּשאַפן

דעם בפירושן דין, לויט וועלכן נישט נאָר אַ געצנדינער, נאָר אַפילו אַ גר פונעם ערשטן דור קען קיין כהן גדול נישט ווערן. (איינע פון די גאָר ווייניקע באַגרענעצונגען פון אַ גרס רעכט, און אויב מיר דערלויבן זיך שוין צוליב קלאָרקייט צו מאַכן אַנאַלאָגיעס מיט דער היינטיקער אַמע־ריקע, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אַ נאַטוראַליזירטער בירגער געניסט דאָרט אַלע רעכט, אַחוץ דעם רעכט אויסגעוויילט צו ווערן צו דעם אַמט פון פרעז־זידענט, פון דער רעפובליקס „כהן גדול״). עס וואָלט געווען פאַלש צו טראַכטן אַז ר׳ מאירס אַפאָריזם האָט געהאַט וועלכע נישט איז פּרעטענזיעס צו קריגן אַ נאָרמאַטיוון ווערט; ער איז בלויז אַן אילוסטראַציע פאַר די אינעווייניקסטע פּראָצעסן און קאָנפליקטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יידישן רעליגיעזן דענקען פון זיין צייט. און פאַר די פּאָלעמישע מעטאָדן, מיט וועלכע עס האָבן זיך דעמאָלט באַנוצט אוניווערסאַליסטן קעגן פּאַרטיקולאַריסטן.

פאַר דעם געדאַנקענגאַנג פון יענע דורות איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש נאָך אַן אַנדער פאַקט: נישט ווייניק פון די תנאים גופא זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס גרים אָדער קינדער און קינדס־קינדער פון גרים. עס וואָלט היינט געווען אַן אומזיסטע טירחה זיך צו נעמען פעסטשטעלן דעם יחוס־בוים פון יעדן תנא אָדער אמורא, און עס קען זיין, אַז די באַצייכענונג פון אייניקע חז״ל אַלס גרים און בני־גרים האָט זיך געשטיצט בלויז אויף קלאַנגען. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַזעלכע קלאַנגען האָבן געפונען זייער פּלאַץ אין די רעקאָרדן פון דער יידישער טראַדיציע, און די רעדאַקטאָרן פון תלמוד האָבן נישט געפילט, אַז זיי דיסקרעדיטירן אין וועלכער נישט איז מאָס יענע חכמים. די קאָמפּילאַטאָרן און איבערשרייבער פונעם נייעם טעס־טאַמענט האָבן נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אויסצושטעלן אַזאַ סדר הדורות, אַז ישו־הנוצרי זאָל קענען זיין אַ „חוטר מגזע ישי״, דוד המלכס אַן אייניקל; די צוזאַמענשטעלער פון תלמוד וואָלטן אויך נישט געדאַרפט קיין סך זיך מיען, ווען זיי וואָלטן עס געוואָלט, כדי צו רעפּרעזענטירן ר׳ עקיבאן אַלס איינעם וואָס שטאַמט, לאָמיר זאָגן, פון עזרא און נחמיה. זיי האָבן געקענט זיין גענעאַלאָגיע אויך פאַרשווייגן. אָבער זיי האָט, ווייזט אויס, אין דער מינדסטער מאָס נישט שאָקירט ווען זיי האָבן געהערט, אַז ר׳ עקיבא שטאַמט גאָר פון גויים און אַז איינער פון זיינע אבות איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי סיסרא. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן די אויסערגעוויינלעכע פאַרערונג, מיט וועלכער יידן האָבן זיך באַצויגן צו ר׳ עקיבא, נישט נאָר ווי צו אַ גרויסן בעל־הלכה, נאָר אויך ווי צו איינעם פון די גרעסטע יידישע פּאָליטישע נאַציאָנאַליסטן און ווי צו אַ מאַרטירער פאַר דער יידישער אמונה. דאָס יידישע פאָלקס־באַוווסטזיין האָט שוין דעמאָלט לייכט געקענט שלום

מאַכן מיט דער פּאָרשטעלונג, אַז דער וואָס איז ראוי געווען אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים און וועגן וועמען משה רבנו אַליין האָט געפרעגט דעם אייבערשטן: „רבונו של עולם, יש לך אדם כזה ואתה נותן תורה על ידי" (מנחות כ"ט), דו האָסט אַזאַ מענטשן און דו גיסט גאָר די תורה דורך מיר? — זאָל נישט זיין קיין „ראַסן־ריינער" ייִד, זאָל גאָר שטאַמען פון סיסרא. קיינער האָט נישט געצוווּנגען די בעלי־התלמוד צו דערציילן, אַז שמעיה און אבטליון שטאַמען אויך פון גרים, און זיי האָבן עס אונדז דאָך דערציילט, און זיי האָבן אויך געקענט אויסמיידן צו פאַרשרייבן דעם ראַסן־יחוס פון ר' מאיר — פון דעם זעלביקן ר' מאיר וואָס לעבט ביזן היינטיקן טאָג אין פאָלקס־זיכרון און אין פאָלקלאָר אַלס דער „בעל־הנס" — און זיי האָבן פונדעסטוועגן פאַרצייכנט אַז ער שטאַמט פון גרים (גטין נ"ו), און אַז זיין אמתער נאָמען איז גאָר געווען מיאשה, און מאיר האָט מען אים גערופן „מפני שהיה מ א י ר עיני חכמים בהלכה", ווייל ער פלעגט ליכטיק מאַכן די אויגן פון חכמים אין הלכה. אַז די דאָזיקע אוניווערסאַליזאַציע פונעם ייִדנטום איז די חכמי־התלמוד נישט אָנגעקומען לייכט, אַז עס האָבן אין פאָלק און אויך אויף די שפּיצן פון פאָלקס־לעבן געווירקט קעגנערישע ענג־נאַציאָנאַליסטישע און, אַזוי צו זאָגן, „ראַסיסטישע" קרעפטן (ווי זיי ווירקן אויך היינט ביי מער ווי איין פאָלק), און אַז קעגן יענע קרעפטן איז געפירט געוואָרן אַ שווערער קאַמף, קען מען זען פון מער ווי איין שטעלע אין תלמוד. אָט ווערט, צום ביישפּיל, דערציילט (יומא ע"א) וועגן אַ כהן־גדול וואָס איז איינמאָל אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און גאַנץ קהל איז אים נאַטירלעך נאָכגעגאַנגען. ווען זיי האָבן אָבער דערזען שמעיה און אבטליון (וואָס האָבן, ווי אַ סך האָבן געמיינט, געשטאַמט פון גרים), האָבן זיי פאַרלאָזן דעם כהן־גדול און אָנגעהויבן נאָכצוגיין די צוויי חכמים. צום סוף זענען שמעיה און אבטליון געקומען נעמען אָפּשייד פונעם כהן־גדול. האָט ער צו זיי אַ זאָג געטאָן: „יבואו בני עממין לשלום" (זאָלן אַריינקומען אין פרידן די זין פון גויים). האָבן זיי אים געענטפערט: „יבואו בני עממין לשלום, שעושים מעשה אהרן, ולא יבוא בן־אַהרן לשלום, שאינו עושה מעשה אַהרן" — יאָ, זאָלן אַריינקומען אין פרידן גויים וואָס האַנדלען ווי אַהרן הכהן האָט געהאַנדלט, און זאָל נישט אַריינקומען אין פרידן איינער וואָס שטאַמט פון אַהרונען (דער אור־כהן־גדול) און האַנדלט נישט ווי אַהרן האָט געהאַנדלט (איז נישט קיין רודף־שלום און באַליידיקט מענטשן). דער תלמוד לאַכט זיך דאָ ביטער אויס פון יחוס, אויך פון ראַסן־יחוס, און שטעלט דעם טראָפּ אויף אייגענע מעשים און אייגענע פאַרדינסטן.

אַזוי אָדער אַנדערש, וויכטיק איז, וואָס זינט ייִדנטום האָט זיך באַפרייט

פון די תקנות וואָס עזרא און נחמיה האָבן איינגעפירט, האָט דער איסור אויף חתונה מיט נישט־יידן איינגאַנצן פאַרלוירן זיין אַמאָליקע „ראַסן"־מאָטיוואַציע און האָט אָנגענומען אַ בלוט־אויסגעשפּראָכענעם ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער. די חתונה־דינים און די חתונה־פּראַקטיק פונעם אַזוי גערופענעם שפּעט־יידנטום — פונעם יידנטום וואָס איז אויסגעפורעמט געוואָרן דורך די פּרושים — קענען בשום אופן נישט צוגעגליכן ווערן צו די ראַסן־געזעצן אין דער היינטיקער דייטשלאַנד און אויך נישט צו די געזעצן וואָס עקזיסטירן נאָך ביז איצטער אין אַ סך פון די אַמעריקאַנער שטאַטן, לויט וועלכע ס'איז אַ פאַרברעכן פאַר אַ ווייסן מענטשן חתונה צו האָבן מיט אַ נעגער (אָדער, ווי די פאָרמולע איז אין איינעם פון יענע שטאַטן, אַזעלכן וואָס איז זיינע אָדערן פליסט מער ווי אַ זעכצנטל פון נעגער־בלוט), כאָטש ביידע צדדים געהערן צו איינער און דער זעלביקער רעליגיע. יידנטום דיסקרימינירט, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן זיווגים, קעגן נישט־יידן אין דעם זעלביקן זינען און אין דער זעלביקער מאָס, אין וועלכע עס ווערט אין דער ספּעטערע דיסקרימינירט קעגן אַנדערשגלויביקע אין „אוניווערסאַליסטישן קריסטנטום" און מצד אַזאַ וועלט־רעליגיע ווי איסלאַם. די קריסטלעכע קירכע האָט פונעם סאַמע אָנהייב פון איר עקזיסטענץ, אַלס אַ קאָנסאָלידירטע אינסטיטוציע, פאַרבאָטן חתונות מיט נישט־קריסטן. אויפן סמך פון געוויסע דערקלערונגען, וואָס ווערן צוגעשריבן די קירכן־פאָטערס, טערטוליאַן און קיפּריאַן, האָט דער ראַט פון עלווירא נאָך אין די יאָרן 300־306 פאַרבאָטן קריסטלעכע מיידלעך חתונה צו האָבן מיט „אומגעטריייע יידן, אפּיקורסים און פּריסטער פון געצנדינערישע קולטן". אין 339 האָט דער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין מיט זיין מאַכט פאַרבאָטן וועלכע נישט איז געמישטע חתונות צווישן קריסטן און יידן, און שפּעטער, אין 388, האָבן די באַרימטע סטאַטוטן פון וואַלענטיניאַן, טעאָדאָסיוס און אַרקאַדיוס דערקלערט אַלע אַזעלכע חתונות פאַר „ניאוף און זנות", און קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון זיי, פאַר „ממזרים". פון דעמאָלט אָן האָבן די צוויי הויפּט־קירכן פון „קלאַסישן" קריסטנטום, די רוימיש־קאַטוילישע און די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, אין פּרינציפּ זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון יענעם איסור (כאָטש אין אינדיווידועלע, זייער זעלטענע, פאַלן גיט דער פּויפּסט אַמאָל אַרויס אַ דערלויבעניש אויף אַ געמישטער חתונה). נאָך מער: די קאַטוילישע קירכע האָט, נאָך דער רעפאָרמאַציע, אויסגעשפּרייט דעם דאָזיקן פאַרבאָט אויך אויף אָפּגעפאַלענע קריסטן. די פּויפּסטן אורבאַן דער אַכטער, קלעמענט דער עלפטער, בענעדיקט דער פערצנטער, פּיוס דער זיבעטער און לעאָ דער דרייצנטער, האָבן אויפן שטרענגסטן אופן פאַרבאָטן קאַטאָליקן חתונה צו האָבן אויך מיט פּראָטעסטאַנטן. און נעמען מיר אַ פאַר־

העלטענישמעסיק יונגע קירכע ווי די „טשוירטש אָוו ענגלאַנד״, געפינען מיר ביי איר, אין דער אַזוי גערופענער „וועסטמינסטער קאָנפעשאָן אָף פעיט״, אַ דערקלערונג, אַז „די וואָס געהערן צו דער אמתער רעפאָרמירטער רעליגיע טאָרן נישט חתונה האָבן מיט אומטרייע, מיט פּאָפּיסטן (קאַטאָליקן) אוז... אַנדערע געצנדינער״. ייִדן ווערן אין יענעם דאָקומענט נישט דערמאָנט, מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס אין ענגלאַנד זענען דעמאָלט אינגאַנצן קיין ייִדן נישט געווען. לויט אַ געזעץ אין אירלאַנד פון 1697 טאָר אַ פּראָטעסטאַנטישע פרוי, וואָס פאַרמאָגט פינף הונדערט פונט און מערער, נישט חתונה האָבן מיט אַ „פּאָפּיסט״, און טוט זי עס יאָ, פאַרלירט זי איר אייגנטום (דאָ האָבן מיר נאָטירלעך צו טאָן מיט ריין עקאָנאָמישע כוונות וואָס שלייערן זיך רעליגיעז), און לויט אַן איירישן געזעץ פון 1745 דאַרף יעדער קאַטוילישער גלח, וואָס כּירט דורך חופּה־וקידושין צווישן אַ פּראָטעסטאַנט און אַ קאַטאָליק, פאַראורטיילט ווערן צום טויט. אַ סך טאָלעראַנטער אויף דעם שטח איז דער איסלאַם, אָבער אויך אַ מוסולמענער טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין „אומגלויביקער״ פרוי, כאָטש לויטן קאָראַן מעג מען מאַכן אַן אויסנאַם פאַר אַן אַזוי גערופענער „קיטובייאַ״, פאַר אַ פרוי וואָס אָנערקענט, הייסט עס, „כתב״, די הייליקע שריפטן (אַ ייִדישע אָדער אַ קריסטלעכע, אָבער נישט קיין געצנדינערישע). אַזעלכע חתונות ווערן ביי מאַכמעדאַנער באַטראַכט פאַר געזעצלעך, אָבער מען באַצײַט זיך צו זיי מיט פאַראַכטונג, באַזונדערס ווען זיי ווערן געשלאָסן אין אַ נישט־מוסולמעניש לאַנד (!), ווו די סכנה פון פרעמדע רעליגיעזע השפּעות איז פיל שטאַרקער איידער אין אַ לאַנד, ווו דער איסלאַם דאָמינירט.

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע ביישפּילן אַלס אילוסטראַציע פאַר דעם ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער פון ייִדישן איסור אויף געמישטע חתונות, וואָס האָט גאָרנישט קיין פאַרבינדונג מיט וועלכע נישט איז מאָטיוון פון ראַסן־פּרעזערוואַציע. און זאָל אין דעם צוזאַמענהאַנג דערמאָנט ווערן, אַז אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן געוויסע רבנישע אויטאָריטעטן פאַרבאָטן אַפילו חתונות צווישן ייִ ד ן און ייִדן. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם באַרימטן מתנגדישן חרם אויף חסידים, אין וועלכן פרומע ייִדן ווערן געוואָרנט קעגן שליסן שידוכים מיט די חסידים, ווייל זייערע טעכטער מיינט מען, ווען די תורה זאָגט: „ארור שוכב עם כל בהמה״ (פאַרשאָלטן זאָל זיין דער וואָס ליגט מיט אַ בהמה). אין דעם פאַל האָט זיך דאָך, זיכער, נישט געהאַנדלט וועגן וועלכן נישט איז ראַסן־מאָטיוו, אָבער די רעליגיעזע מחלוקת האָט צווישן מתנגדים און חסידים אַנגענומען אין ווילנער גאונס צייטן אַזאַ עקסטרעמען כאַראַקטער, אַז ראַסן־כשרע ייִדישע טעכטער פונעם חסידישן צד זענען דער־

קלערט געוואָרן פאַר „בהמות״. צום גליק האָט דער דאָזיקער חרם לאַנג נישט געקענט עקזיסטירן, אָבער ער איז כאַראַקטעריסטיש, אין אַ געוויסער מאָס, פאַר דער שטעלונג פון דעם אַזוי גערופענעם פרושים־יידנטום צו דער פראַגע פון חתונה, וואָס ווערט פון אים באַטראַכט נישט ווי בלויז אַ ציווילער אַקט, נאָר אויך, און פאַר אַלעמען, אַלס אַן אינטימע פאַרבינדונג וואָס פאָדערט אַ געוויסן מינימום פון גייסטיקער און רעליגיעזער האַרמאָניע.

דער אויספיר פון אונדזערע ביזאַהעריקע באַטראַכטונגען איז אַ קלאָ־רער: דער יידישער אתה־בחרתנו־באַגריף האָט, אין אַלגעמיינעם סך־הכל, זיך נישט אויסגעווירקט אין אַ פאַרהייליקונג פון דער יידישער ראַסע. עפּענענדיק אין פרינציפּ ברייט די טויערן פאַר גרים און אָפּשאַפנדיק אַלע עיכובים פאַר דער ביאָלאָגישער אויסמישונג פון גרים מיט יידן־פון־געבורט, האָט דאָס יידנטום געליפערט דער וועלט אַ פּ ר אַ ג מ אַ ט י ש ן ב אַ ווי ז, אַז דאָס, וואָס מיר באַצייכענען אין אונדזער היינטיקן זשאַרגאָן מיטן וואָרט „ראַסע״, איז פאַר אים נישט קיין דבר שבקדושה, נישט קיין פעטיש . . .

VII

די באַציונג צו גרים איז נישט אין יעדן צייט־אָפּשניט, אַפילו אין דער ראָם פון דער תלמודישער עפּאָכע, געווען איינע און די זעלביקע. אויך אין איינעם און דעם זעלביקן דור האָבן געהערשט אין פאַרשיידענע קרייזן פון יידנטום פאַרשיידענע אויפפאַסונגען סיי וועגן די אומות־העולם בכלל און סיי וועגן יענע יחידים פון זיי, וואָס זענען גרייט אָנצונעמען די יידישע אמונה. די אַרומיקע פּאָליטישע אומשטענדן, ווי אויך דער כאַראַקטער פון די סאָ־ציאַלע קאָנטאַקטן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע צייטן צווישן יידן און נישט־יידן, האָבן נאַטירלעך געלייגט זייער שטעמפּל אויף דער ייִדי־שער שטעלונג צו דער נישט־יידישער וועלט. לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, אַזאַ פּרט ווי דער פאַרבאָט צו פאַרקויפן „בהמה גסה״ (גרויסע, וווקסיקע בהמות) צו גויים, וועלכער איז ביי יידן אַ באַשטימטע צייט געווען אין קראַפט. דאָס קען מאַכן דעם איינדרוק פון אַן עקאָנאָמישער דיסקרימינאַציע קעגן מענטשן פון פרעמדע ראַסן, אָבער דער מאָטיוו, ווי מיר האָבן בקבלה, איז גאָר געווען אַ ריין־רעליגיעזער. דאָס איז געווען, נוצנדיק רב אשיס אַן אויס־דרוק, אַ „גזירה משום שאלה״, אַ פאַרבאָט צוליב אַ פראַגע אָדער אַ פאַרדאַכט — אַז דער גוי וועט מיט דער געקויפטער בהמה טאָן אַרבעט אום שבת. רב אשי האָט געזוכט אָפּצושאַפן דעם דאָזיקן פאַרבאָט, ווייל מען מעג אָננעמען, אַז דער גוי קויפט גאָר די בהמה פאַר שחיטה, נישט דווקא פאַר מלאכה (עבודה

זרה ט״ו). דאָס מוז, ווי מיר קענען דאָ זען, נישט הייסן, אַז יענע חכמים וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אַן איסור זענען געווען פּאַרטיקולאַריסטן און רב אשי האָט אין דעם פאַל געהאַנדלט ווי אַן אוניווערסאַליסט. רב אשי האָט געקענט זיין סענסיטיווער (און נאָכגיביקער) צום דרוק פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען איידער אַנדערע חכמים — ווי דאָס איז זיכער געווען הלל הזקן, ווען ער האָט איינגעפירט „פּרוזבול״ — און איז אפשר בכלל אין געוויסע פאַלן געווען מער מקיל ווי אַנדערע. נישט יעדן אויסדרוק פון די חז״ל און אַפילו נישט יעדן דין, אויף וועלכן מען האָט זיך געאייניקט, מוז מען אָננעמען אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטער שטרענגער וועלט־אַנשויונג. פּערזענלעכע מענטאַליטעט, צייטווייליקע אומשטענדן און אומפאַרמיידלעכע אָפּאָרטוניזמען („מפּני דרכי שלום״) האָבן אין אַלע צייטן געהאַט זייער ווירקונג. לויט געוויסע סימנים, האָט, למשל, ביי יידן אַ שטיק צייט עקזיסטירט אַ פאַרבאָט צו פאַרקויפן גויים געווער. איז געקומען דער זעלביקער רב אשי און האָט מתיר געווען עס צו פאַרקויפן צו פּערסער, און דער מאָטיוו איז דאָ, ווי מען קען זען פון זיין דערקלערונג, געווען אַ היסטאָריש־פּאָליטישער, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט וועלכע נישט איז ראַסע־פּרעפערענצן: פּערסער, האָט ער געטענהט, פאַרטיידיקן יידן. אַנדערע פעלקער זענען חשוד, אַז זיי וועלן נוצן דאָס געווער, געקויפט ביי יידן, כדי אַנצופאַלן אויף זיי גופא, אָבער פּערסער זענען, אין יענעם פּעריאָד, געווען יידישע פריינט, און דערפאַר איז נישטאָ קיין פּ אָ ל י ט י ש ע ר מ אָ ט י וו צו דיסקרימינירן קעגן זיי אין האַנדל מיט כלי־זיין.

אַזעלכע פאַקטאָרן האָבן, אָן שום ספק, געווירקט אויך אויף דער באַציִונג צו גרים. אָט זאָגט, למשל, רב חלבו אַז „קשים גרים לישראל כספחת״, אַז גרים זענען אַזוי שווער פאַר יידן ווי אַ בייזע קרעץ. עס קען זיין, אַז ער איז בכלל געווען גענויגט צו אַ געוויסער מאָס פון ראַסן־שאָוויניזם, אָבער עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, ווי אייניקע ווילן אָננעמען, אַז אַזאַ שאַרפער אויסדרוק איז געבוירן געוואָרן אַלס אַן עמאָציאָנעלע רעאַקציע קעגן די מעשים פון געוויסע גרים, און ר׳ חלבו האָט דאָ פּשוט געזינדיקט מיט אַ צו ברייטער גענעראַליזאַציע. הורדוסעס דינאַסטיע, וואָס שטאַמט פון די בני אדום, אויף וועלכע יוחנן הורקנוס האָט אַרויפגעצוווּנגען די יידישע אמונה, איז געווען פאַרהאַסט ביים גאַנצן פאָלק, און האָט מיט אירע מעשים געקענט אַרויסרופן אַ נייגונג צו טראַנספערירן די שנאה צו איר אויף גרים בכלל. אַנטוישונג אין געוויסע גרים, וואָס זענען נישט מקיים די מצוות, וועלכע זיי האָבן גענומען אויף זיך, האָט אייניקע געקענט ברענגען צו אַ געפיל, אַז „הגרים מעכבים את המשיח״ (נדה י״ג), אַז גרים פאַרהאַלטן מיט זייערע מעשים משיחס קר־

מען, אָדער צו נאָך אַ שאַרפערן אויסדרוק קעגן ייִדישע „מיסיאָנערן״: „רעה תבוא למקבלי גרים״ (יבמות ק״ט) — אַלדאָס בייזע זאָל קומען אויף די, וואָס נעמען אָן גרים. דאָס זענען מערסטנטייל עמאָציאָנעלע אויסברוכן, וואָס קערן זיך נישט אָן מיט נאָרמאַטיווע דינים, און עס איז נישטאָ קיין גרונט זיי צו באַטראַכטן פאַר כאַראַקטעריסטיש. אויב, למשל, ר׳ אליעזר בן הורקנוס וויל זאָגן „האוכל פת כותים כאוכל בשר חזיר״ (ווער עס עסט ברויט פון די כותים, אָדער שומרונים, איז גלייך ווי ער וואָלט געגעסן חזיר־פלייש), דאַרף עס נישט הייסן, אַז ער האָט דאָס געמיינט בוכשטעבלעך, אַז זיין כוונה איז טאַקע געווען צו מאַכן פון זיין מימרא אַ געזעץ. וועגן די זעלביקע כותים זאָגט ר׳ שמעון בן גמליאל (קידושין ע״ו) אַרויס גאָר אַן אַנדער מיינונג: „כותים כישראל לכל דבר״ — די שומרונים זענען ייִדן אין אַלע הינזיכטן. יעדער פון די צוויי חכמים האָט דאָ אויסגעדריקט זיינע אַ סוביעקטיווע באַציִונג אָדער, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, זיין פּערזענלעכן „געשמאַק״. וויכטיק איז דאָ די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג־ליניע, וואָס איז מיט דער צייט פאַרקערפּערט געוואָרן אין באַשטימטע און קלאָרע דינים און אין די פּרטים פון פּראָצעדור און ריטואַל. די אַלגעמיינע טענדענץ איז געווען — מקבל צו זיין גרים מיט אָפענע אָרעמס, כאָטש נישט וויינִיקע פון די חכמים האָבן געהאַט זייער גוטן גרונט צו וואָרענען קעגן לייכטזיניקע גרים און קעגן אַזעלכע וואָס נעמען אָן דאָס ייִדנטום מיט זייטיקע פּניות אָדער עגאָיִסטישע כוונות. און רעדנדיק וועגן דער אַלגעמיינער טענדענץ, וואָלט געווען, גלויבן מיר, אַ גרויסע איבערטרייבונג אָנצונעמען, אַז הלל און שמאי האָבן אין זיך פאַרקערפּערט צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן וועגן דעם „אַדרעסאַט״ פון דער ייִדישער אמונה, אַז הלל איז געווען אַן אוניווערסאַליסט און האָט געוואָלט אַריינברענגען וואָס מער גויים „אונטער די פליגלען פון דער שכינה״, בשעת שמאי איז געווען אַ פּאַרטיקולאַריסט אָדער ראַסיסט און האָט בכלל נישט געוואָלט אַז מענטשן פון אַנדערע ראַסן זאָלן זיך מגייר זיין. דער סיפּור־המעשה אין מסכתא שבת, וועגן דעם ווי הלל און שמאי האָבן באַהאַנדלט, יעדער אויף זיין אופן, קאַנדידאַטן אויף זיך מגייר־צו־זיין, אויב מען לייענט אים אויפמערקזאַם, ברענגט אַרויס גאָר אַן אַנדער אונטערשייד צווישן זייערע אויפפאַסונגען. ווען דער גוי קומט צו שמאין און זאָגט אים: „גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה, כשאני עומד על רגל אחת״ (זיי מיך מגייר מיט דער באַדינגונג, אַז דו זאָלסט מיך אויסלערנען די גאַנצע תורה בשעת איך שטיי אויף איין פוס), דאַרף עס נישט הייסן, אַז דער גוי זוכט צו שטעלן דעם ייִדישן חכם אין אַ פאַרלעגנהייט, אָדער אַז ער ווילצלט זיך איבער אים, אָדער אַז ער איז „פויל״ לאַנג צו לערנען די תורה. אין גרונט וויל ער גאָר וויסן,

וואָס איז דער יסוד פון דער ייִדישער אמונה, איר אַלגעמיינער רעגולאַ־טיווער פּרינציפּ; ער פאָדערט פון שמאַין אַ מין קאָנדענסירטע פאָרמולע פון ייִדנטום אָדער, אַזוי צו זאָגן, דעם פילאָזאָפישן הינטערגרונט פון דער גאַנ־צער ייִדישקייט. אָבער שמאַי איז אַ קפדן און ער שטויסט אים אָפּ פון זיך מיט כעס. ער וויל נישט אָנערקענען אַזאַ צוגאַנג צום ייִדנטום און אים שאָ־קירט דאָס פרעגן, אין וואָס עס באַשטייט „זיין קווינטעסענץ"; ער האָט דער־ביי מורא, אַז דער גוי קען אָננעמען דעם אַזוי גערופענעם תמצית פון ייִדנטום און נאָכדעם נישט אָפּהיטן די מצוות מעשיות (אין מיטלאַלטער האָבן מיר גענוג ענלעכע קאָנפליקטן ביי ייִדן, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער באַציִונג צו גרים — אין דער פראַגע פון „עיקרים", די הויפּט־דאָגמעס פון דער ייִדישער רעליגיע; עס זענען געווען גרויסע אויטאָריטעטן אין אונ־דזער טעאָלאָגיע, וועמען עס האָבן שאָקירט סיי דער רמב"ם, וואָס האָט פאָר־מולירט דרייצן עיקרים, און סיי באַזונדערס די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די צאָל עיקרים איז נאָך קלענער. אַלע תרי"ג מצוות, האָבן זיי געטענהט, זענען עיקרים און מען טאָר נישט זוכן קיין „עקסטראַקטן"). הלל אָבער האָט דעם גוי יאָ מגייר געווען, און בשעת יענער איז געשטאַנען אויף איין פוס האָט ער אים אויסגעלייגט די גאַנצע תורה: „וואָס איז דיר פאַרהאַסט, זאָלסטו נישט טאָן דיין חבר" — אָט דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבעריקע איז בלויז אַ פירוש אויף דער מצווה, און דו דאַרפסט איצט יענעם פירוש גיין לערנען.

הלל איז, ווי מען קען זען פון זיין פאָרמולע, אויך נישט געווען גרייט צו באַפרייען דעם גר פון מצוות מעשיות: יענער דאַרף דאָך ערשט גיין לערנען דעם „פירוש". נישט טאָן מענטשן קיין שלעכטס, האָט ער געוווּסט נישט וויי־ניקער פון שמאַי, איז נאָך נישט גענוג פאַר איינעם כדי צו ווערן אַ ייִד. די „שבע מצוות בני נוח", די זיבן מצוות וואָס אַלע מענטשלעכע ברואים זענען מחויב מקיים צו זיין, זענען שוין אין הללס צייטן געווען באַקאַנט, אָבער קיינער פון די חכמים האָט נישט געקענט האַלטן, אַז אַ גוי וואָס איז מקיים יענע מצוות (וואָס זענען אַ מין „נאַטירלעכע רעליגיע" און אַ ספּעציפיקאַציע פון הללס פאָרמולע „וואָס איז דיר פאַרהאַסט, זאָלסטו נישט טאָן דיין חבר") ווערט דורך דעם אַ מיטגליד פון דער ייִדישער רעליגיעזער געמיינדע. ייִדן האָבן שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז ביי די אומות העולם זענען פאַראַן „יראי־אלהים" (גאָט־פאָרכטיקע), אַזעלכע וואָס גלייבן אין גאָט מער אָדער ווייניקער לויט די ייִדישע אויפפאַסונגען און פירן אַ ריין, זיטלעך לעבן, אָבער דער יראַ־אלהים איז פונדעסטוועגן נישט קיין גר. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אויך חסידי אומות העולם, וואָס האָבן אַפילו אַ חלק אין עולם הבא, אָבער דאָס האָט זיי פאַר קיין ייִדן נישט געמאַכט. הללס פאָרמולע פאַר מגייר

זיין איז דעריבער גאָרנישט אַזאַ קלאָרע, ווי אַ סך ווילן אָננעמען. עס איז במעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז הלל זאָל טאַקע פ ר אַ ק ט י ש האָבן אָנגענומען אַ גוי פאַר אַ גר־צדק בלויז אויפן סמך פון דער עטישער פאָרמולע, וואָס יענער האָט אויף זיך מקבל געווען. יענע עטישע פאָרמולע, אָן גלויבן אין גאָט, אין א יי ן גאָט, קען טאַקע זיין, אויך פאַר הללן, אַ הויכער פרינציפ פאַר מענטשלעכע האַנדלונגען, אָבער נאָך נישט קיין רעליגיע; דער „בין אדם למקום״, דעם מענטשנס פליכטן צו גאָט, זענען פאַר הללן געווען נישט פון קיין קלענער באַדייטונג, און ווי וויכטיק עס איז נישט געווען אין זיינע אויגן דער „בין אדם לחברו״, די סאָציאַלע פליכטן צו מיטמענטשן, זענען זיי לחלוטין נישט גענוג כדי צו דערפילן גאָטס ווילן. עס איז אויך אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז הלל זאָל האָבן אָנגענומען אַ גר אָן מילה, און וועגן דעם ווערט אויך אין דעם סיפור־המעשה גאָרנישט נישט דערמאָנט. די גאַנצע אגדה שיינט אונדז דערפאַר צו זיין נישט קיין באַריכט פון אַ מעשה שהיה, נאָר גיכער אַן אָפּקלאַנג פון אַ קאָנפליקט צווישן הלל און שמאי — נישט אויפן שטח פון אוניווערסאַליזם און פאַרטיקולאַריזם, נאָר אין דער פראַגע פון ב אַ ט אָ נ ו נ ג — וואָס איז ווערטפולער אין רעליגיעזן לעבן; די מצוות מעשיות, אָדער די כוונה און די מעשים טובים? שמאי איז געווען מער מחמיר אין ענינים פון ריטואַל, מער „קפדן״, און די פראַגע פון „עיקר״ און „טפל״ האָט אפשר פאַר אים נישט עקזיסטירט אין דער מאָס, אין וועלכער זי האָט געקענט עקזיסטירן פאַר הללן. עס מוז נישט הייסן, אַז הלל איז געווען אַן אַ נ ט י ־ ר י ט ו אַ ל י ס ט. דאָס איז, נאָך אים, אויך ישו הנוצרי נישט געווען. ישו האָט מקיים געווען די מייסטע מצוות מעשיות, אָבער ער האָט זיך פון צייט צו צייט דערלויבט עובר צו זיין אויף אייניקע פון זיי. זיי זענען פאַר אים געווען מער אַן עלעמענט פון ייִדיש־רעליגיעזן פאָלקלאָר און לעבנס־נוסח. ער האָט צו זיי געהאַט אַן אינטימע באַציִונג. זיי האָבן אים נישט ווייניק געוואַרעמט, אָבער קיין אַבסאָלוטן ווערט האָט ער זיי נישט צוגעשריבן. אים האָט אויך געקענט שאָקירן די מעכאַניזאַציע פון די מצוות מעשיות ביי אַ טייל פון זיינע פאָלקס־גענאָסן, ווי דאָס האָט אין די לעצטע דורות שאָקירט, לאָמיר זאָגן, דעם בעל־שם, אָדער ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אָדער דעם קאָצקער רבין. עס וואָלט געווען ריזיקאַליש אָנצונעמען, אַז הללס באַציִונג צו ריטואַליזם איז געווען אינגאַנצן די זעלביקע וואָס ישו הנוצריס, אָבער אַ געוויסע, כאָטש ווייט נישט קיין דרייסטע, טענדענץ צוצושרייבן די מצוות מעשיות אַ רעלאַטיוון ווערט, אין יעדן פאַל זיי נישט אַוועקצושטעלן „אויבנאָן״, האָט עקזיסטירט ביי ייִדן אויך פאַר דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום, און די דאָזיקע טענדענץ, שיינט אונדז, הערט זיך אַרויס

פונעם דיאַלאָג וואָס ווערט צוגעשריבן הללן און דעם גוי וואָס וויל זיך מגייר זיין. הללס פאָרמולע האָט אין זיך אַן עלעמענט פון פּאָלעמיק מיט אַנדערע חכמים פון זיין צייט; זי איז אַ רעאַקציע קעגן איבערבאַטאָנען דעם ווערט פון מצוות מעשיות. פון דער אַנדערער זייט, איז שמאיס אָפּשטויסן דעם גוי נישט דער ווילן צו מאַכן בכיוונדיקע שוועריקייטן פאַר אַ מענטשן פון אַ פרעמד פאָלק אָנצונעמען די יידישע אמונה (נאַציאָנאַלער שאָוויניזם), נאָר גיכער אַ פּראָטעסט קעגן דער אויפפאַסונג, אַז ריטועלע מצוות זענען פון אַ סעקונדאַרן ווערט. דער קאָנפליקט, אין דעם פּונקט, צווישן הלל און שמאי דאַרף גיכער אויסגעטייטשט ווערן אין טערמינען פון „אָרטאָדאָקסיע" און „ליבעראַליזם", איידער אין די טערמינען פון פּאַרטיקולאַריזם און אוניווערסאַליזם.

וויפל האַרבע ווערטער, ווערטלעך און קריטישע באַמערקונגען וועגן גרים מיר זאָלן נישט געפינען אין דער תלמודישער ליטעראַטור (און זיי זענען פאַראַן נישט ווייניק), זענען זיי נישט אימשטאַנד צו פאַרטונקלען מיט זיך די אַלגעמיינע ריכטונג אין יידנטום, וואָס האָט געפירט צו אַ מער אָדער ווייניקער אויסגעשפּראָכענעם אוניווערסאַליזם. אין דער ספערע פון אגדה, אינעם פרייען „קינסטלערישן" שפּיל פון אַסאָציאַציעס און איינפאַלן, האָבן זיך געוויסע חכמי־התלמוד און בעלי־המדרש געקענט „זיך לאָזן ווילגיין" מיט פאָראורטיילן און „אידיאָסינקראַזיעס", אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פעסטצושטעלן אַ ה ל כ ה, האָט מען געמוזט „זיך נעמען אין די הענט", זיך גייסטיק און מאָראַליש דיסציפּלינירן און אַרויסטראָגן אַן אורטייל לויטן וואַכזאַמען רעליגיעזן געוויסן און נישט אויפן גרונט פון די דענק געוווינהייטן און „אימפּרעסיאָניזמען", וואָס זענען אַרויפגעצווונגען געוואָרן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זיינע אָפּטמאָל איבערפלעכלעכע דערפאַרונגען. און די הלכה איז אַ קלאָרע: אַ גוי קען ווערן אַ ייד, און וויל ער עס ווערן מיטן פולן האַרצן און מיט ריינע כוונות, דאַרף מען אים מקבל זיין. דער זעלביקער ר' חלבו וואָס האָט זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז גרים זענען פאַר יידן ווי אַ בייזע קרעץ, ווען עס קומט צו אים אַ גוי און דערקלערט זיין גלויבן אין יידישן גאָט און איז מסכים זיך מל צו זיין און נעמען אויף זיך דעם עול פון מצוות, וואָלט, לויט די אָנגענומענע תקנות פון זיין צייט, נישט געהאַט פּראַקטיש קיין אויסוועג און ער וואָלט אים געמוזט מקבל זיין. ער וואָלט געמוזט מקיים זיין די הלכה, אָדער דעם מנהג וואָס האָט שוין געקראָגן די קראַפט פון אַ הלכה, אָדער זיך אונטערוואַרפן דעם כוח פון פּרעצעדענטן („ראה מעשה ונזכר הלכה"), און אַריינעמען דעם גוי אין דער יידישער געמיינע, און אויב ער האָט טאַקע געהאַט קעגן דעם אַ סוביעקטיוון ווידערווילן, וואָלט ער זיך מסתמא געטרייסט

מיט דער אגדה, לויט וועלכער אַ געוויסע צאָל גויים זענען אויף אַן אייגנאַרטיק מיסטעריעזן אופן אַפילו געשטאַנען ביים באַרג סיני: „אמר לו רב אחא בנו של רבא לרב אשי: גרים מהו? (שבת קמ״ה) — און וועגן גרים וואָס זאָגסטו? דער קויט האָט זיך אָפּגעטאָן פון ייִדן ווייל זיי זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, אָבער גרים זענען דאָך נישט געשטאַנען; דאַרף עס הייסן, אַז זיי בלייבן שמוציק? אמר לו: „אף על פי שהם לא היו, מזלם היה״ — האָט אים רב אשי געענטפערט: כאָטש זיי אַליין זענען דאָרט נישט געווען, איז אָבער זייער מזל דאָרט יאָ געווען; זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, געווען פאַרטראָטן ביים באַרג סיני גייסטיק, דורך זייער שיקזאַל אָדער „שטערן״, און זייער פ י ז י ש ע אָ פּ ו ע ז נ ה ײ ט האָט נישט קיין באַדייטונג. פאַר דער אַלגעמיינער אָריענטאַציע פונעם תלמודישן ייִדנטום איז כאַראַקטעריסטיש נישט ר׳ חלבו, מיט זיין אויפפאַסונג אָדער מימרא, נאָר גיכער אלעזר בן פדת (פסחים פ״ז), וועלכער זעט אין דעם עצם גלות, אין צעשפּרייטן ייִדן איבער פרעמדע לענדער אַ באַשטימטן צוועק פון דער השגחה — צוצוציִען גרים צום ייִדנטום. אלעזר בן פדתס שטעלונג האָט זיך קריסטאַליזירט אין הלכה און מנהג, בשעת ר׳ חלבוס אַפאָריזם איז געבליבן אַ פּריוואַטע אָפּשאַצונג.

דער וויכוח וואָס האָט זיך אַ לענגערע צייט געפירט צווישן די פאַרשיידענע חכמי־התלמוד אין דעם ענין גרים, האָט זיך נישט געדרייט אַרום דער פראַגע, צי דאַרף מען בכלל זיי מקבל זיין אָדער נישט — וועגן דעם זענען שוין צווישן זיי קיין חילוקי־דעות נישט געווען — נאָר הויפּטזעכלעך וועגן דער פּראָצעדור אָדער וועגן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע אַ גוי קען ווערן אַ ייִד. אַזאַ וויכוח איז שוין פאָרגעקומען צווישן די ראשונים פון די תנאים. ר׳ יהושע בן חנניה, למשל, האָט געהאַלטן, אַז „טבל ולא מל, הרי זה גר״ (אַז אויב אַ גוי האָט דורכגעמאַכט די צערעמאָניע פון טבילה, קריגט ער שוין דעם סטאַטוס פון אַ גר, כאָטש אַפילו ער האָט זיך נישט מל געווען); פון דער אַנדערער זייט, האָט ר׳ אליעזר בן הורקנוס געוואָלט גליבן, אַז „מל ולא טבל, הרי זה גר״ (אַ גוי וואָס האָט זיך מל געווען, איז שוין אַ גר, אַפילו אָן טבילה), אָבער סתם חכמים האָבן אָנגענומען — און דאָרט ווו מיר באַגעגענען זיך מיט אַ מיינונג פון אַנאָנימע חכמים איז דאָס די הלכה — אַז „אינו גר עד שימול ויטבול״ (מען קען נישט ווערן קיין גר, סיידן מען מאַכט דורך ביידע, סיי מילה און סיי טבילה). אויך דאָ, אין דער מיינונגס־פאַרשיידנקייט צווישן די צוויי דערמאָנטע תנאים, האָבן מיר צו טאָן נישט מיט אַ חילוק צווישן פּאַרטיקולאַריסטן און אוניווערסאַליסטן, נאָר גיכער צווישן „אָרטאָדאָקסן״ און „ליבעראַלן״. טבילה איז אַ לייכטע זאַך, מילה אַ פּאַרהעלטניסמעסיק שווערע — איז ר׳ יהושע בן חנניה גרייט מוותר צו זיין אויף אַ שווערער אָפּעראַציע

און זיך באַגנוגענען מיט טבילה אַלס סימבאָלישע אָפּקערונג פון גוייִשקייט און באַקערונג צו ייִדישקייט, ווייל, ווי הלל, איז ער שוין נישט געניגט, כאָטש ער גיט זיך מסתּמא וועגן דעם קיין קלאָרן חשבון נישט אָפּ, צוצושרייבן מצוות מעשיות אַן אַבסאָלוטן ווערט, בשעת אַנדערע, די סתם חכמים, זענען קעגנע־ריש צו אַזאַ „רעפאָרם־ייִדנטום" (אין דער גרייטקייט צו באַפרייען פון מילה אַ גר ליגט שוין, זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַ פּאָטענציעלע גרייטקייט צו באַ־פרייען פון דער דאָזיקער מצווה אויך אַ „ראַסן־ייִדן"). אונדז איז נישט קלאָר, ווער עס איז חנניה, יענער סוחר פון יהודה, וועגן וועלכן יוסף פלאַוויוס דער־ציילט, אַז ער האָט פאַרקערט מיט זוטוס, דעם קעניג פון אַדיאַבענאַ. זוטוס' מוטער און פרוי האָבן זיך ביידע מגייר געווען און אויך דער קעניג האָט באַ־שלאָסן דאָס צו טאָן און זיך אויך מל זיין, אָבער גראָד דער ייִד חנניה האָט אים דערפון געפּרוווט אָפּרעדן: „מען קען פירכטן גאָט, האָט ער אים דער־קלערט, אויך אָן מילה; דער עיקר איז אָפּצוהיטן די טראַדיציע פון די ייִדישע אבות און דאָס איז וויכטיקער פון מילה" (אַ נוסח, וואָס דערמאָנט אין אַ גע־וויסער מאָס אָן הללס פאָרמולע). דער סוחר פון יהודה האָט דאָ אויסגעדריקט אַ מיינונג, וואָס איז וואַרשיינלעך שוין נישט איינמאָל אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן פון חכמים און ער האָט דערפון געוווּסט; עס איז זיך שווער פאָרצו־שטעלן, אַז אַ סוחר, נישט קיין „חכם", זאָל נעמען אויף זיין אייגענער אױ־טאָריטעט צו געבן אַזעלכע עצות. דער דאָזיקער וויכוח וועגן דער פּראָצעדור פון זיך מגייר־זיין איז שפּעטער איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער עוואַנגעלי־שער אור־געמיינדע און ער האָט דאָרט, דאַרף מען גלייבן, די זעלביקע באַ־דייטונג וואָס ער האָט געהאַט ביי די חכמים. די אַפּאָסטאָלן וואָס זענען געווען קעגן אַריינגעמען אין דער געמיינדע אַזעלכע, וואָס ווילן זיך נישט מל זיין (און באַגנוגענען זיך, הייסט עס, מיט טבילה), זענען אין תוך געווען נישט ווייניקער אוניווערסאַליסטיש געשטימט איידער פּוילוס, וועלכער פאָדערט אָפּצושאַפן מילה אַלס אַ באַדינגונג צו ווערן אַ מיטגליד אין דער קהילה פון די נוצרים. זיי טאַדלען נישט פּוילוסן און די אַנדערע פאַר זייער מיסיאָנערי־שער אַרבעט אין סיריע, אין גריכנלאַנד, אויף די אינדזלען פונעם מיטללענ־דישן ים. זיי ווילן זיך בלויז נישט אָפּזאָגן פון זייער „אָרטאָדאָקסישן" סטאַנ־דאַרד ביים מקבל זיין גרים...

אין דער זעלביקער צייט האָט אָבער ביי אַ באַדייטנדיקן טייל ייִדן עק־זיסטירט אַ סקעפּטישע און אַפילו אַ קריטישע באַציִונג צו גרים — און זיי האָבן זיך געשטעלט די פראַגע, אין וועלכער מאָס איז די באַקערונג פון אַ גוי צום ייִדנטום אַן עכטער אַקט, און צי מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף אים, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן זיין פּראַקטישער אויפפירונג אַלס אַ מיטגליד פון

דער יידישער געמיינדע. געוויסע יידן האָבן אויך נישט געגלייבט, אַז ווען דער גר וועט געשטעלט ווערן פאַר אַ שווערן נסיון, וועט ער אים ווען אָדער זיין בכוח אויסצוהאַלטן — צי וועט ער פעיק זיין, אויב מען וועט דאַרפן, גיין אויף קידוש־השם. עס זענען דערפאַר געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פאַרזוכן צו קלאַסיפיצירן גרים אין באַשטימטע קאַטעגאָריעס, לויט זייערע כוונות און אינעווייניקסטן ווערט. אין תנא דבי אליהו, למשל, ווערט דורכגעפירט אַן אונטערשייד צווישן „גר כנכרי לכל דבר“ (אַ גר, וואָס איז אין אַלע פּרטים אַ פרעמדער), „גר משול כחמור“ (אַ גר, וואָס איז געגליכן צו חמורן) און „גר כאברהם אבינו“. דער ערשטער טיפּ גר ווערט כאַראַקטעריזירט אויף פאָלגנ־דיקן אופן: „ביי אים אין הויז האָבן זיך געפונען נבלות און טרפות, קריכנדי־קע און אָפּשיילעכע באַשעפעניש, האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן: לאָמיך זיך מגייר זיין און לעבן צווישן זיי, ווייל זייער עסן איז פיין און זיי האָבן ימים־טובים און שבתים, און די אַלע אומריינקייטן וועלן אויסגעמעקט ווערן פון מיין הויז“. איז ער געגאַנגען און האָט זיך מגייר געווען און גאָט האָט געזאָגט צו ישראל: „קינדער מיינע, אַזוי ווי ער האָט אייך ליב, זאָלט איר אים אויך ליב האָבן“. קיין ייד אין פולן זינען איז ער נישט, ווייל געקומען צום יידנטום איז ער בלויז דערפאַר וואָס אַ געוויסער נוסח פון יידישן לעבן איז אים גע־פעלן געוואָרן — אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, געוויסע, פאַרהעלטניס־מעסיק אויבערפלעכלעכע, עלעמענטן פון דער יידישער ציוויליזאַציע — אָבער אים דאַרף מען פונדעסטוועגן נישט נאָר טאָלערירן, נאָר אַפילו מקרב זיין. דער צווייטער טיפּ גר איז געגליכן צו חמור, דעם פאָטער פון שכמען, וואָס האָט זיך מל געווען צוליב אַ פרוי. וועגן אים זאָגט גאָט אַן ישראל: „קינדער מיינע, ער האָט געבעטן ביי אייך רו, איז לאָזט אים אין רו“: קיין ליבע פאַר־דינט ער נישט און צופיל מקרב זיין אים איז נישטאָ קיין גרונט, ווייל ער האָט זיך דאָך מגייר געווען מיט אַ זייטיקער פּניה, אָבער טאָלערירן דאַרף מען אים — מען דאַרף אים געבן „מנוחה“. דער העכסטער טיפּ גר איז אָבער פאַרקער־פּערט אין אברהם אבינו, וועלכער האָט זיך מגייר געווען כדי ער זאָל קענען אַריינקומען „תחת כנפי השכינה“ (אונטער די פליגלען פון דער שכינה). דאָס איז אַן אַקט פון עכטער באַקערונג און דערפאַר איז אברהם נישט נאָר אַ גר, נאָר אויך אַ מגייר, און די אגדה דערציילט אונדז, אַז גאָט האָט אים געשיקט פון לאַנד צו לאַנד, כדי ער זאָל אַנדערע אויך באַקערן צום אמתן גלויבן.

אין דער אומגאַנגס־שפּראַך האָבן אויך עקזיסטירט „גרי אריות“, וואָס זייער פּראָטאָטיפּ זענען געווען די כותים אָדער שומרונים, פון וועמען עס ווערט דערציילט (אין מלכים ב׳ י״ז) אַז דער מלך אשור האָט זיי באַזעצט אין שומרון און די לייבן פלעגן זיי דאָרט פאַרצערן, ביז זיי האָבן אָנגענומען לויט

דעם מלך אשורס באַפעל, „דעם געזעץ פון גאָט פונעם לאַנד". קיין הויכע מיי־
נונג וועגן אַזעלכע גרים האָט דאָס שפּעט־ייִדנטום נישט געקענט האָבן, ווייל
דאָס איז פאַר זיי געווען אַ באַקערונג אויס מורא און אונטער דרוק, נישט מיט
פרייען ווילן. אַן אַנדער נאָמען פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע איז געווען „גרי
מרדכי ואסתר", אַזעלכע וואָס האָבן אָנגענומען די ייִדישע אמונה אין אַ צייט,
ווען ייִדן האָבן געקראָגן אַ געלעגנהייט, ווי נאָך המנס מפּלה, זיך נוקם צו זיין
אין זייערע גוייִשע שונאים. קיין אַכטונג האָבן ביי אַ סך ייִדן נישט געקענט
אַרויסרופן אויך די אַזוי גערופענע „גרי חלומות", אַזעלכע וואָס דער בעל־
החלומות האָט זיי אָנגעזאָגט אין שלאָף, אַז זיי זאָלן זיך מגייר זיין. אויך זיי
זענען געקומען צום ייִדנטום אויס פּחד, אונטער היפּנאָטישן צוואַנג אָדער צו־
ליב אַבערגלויבן, און וועגן די אַלע דריי גרופּן וואָס האָבן אַ זייער דורכזיכ־
טיקע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק, פלעגט ר' נחמיה זאָגן (יבמות כ"ד), אַז
זיי קענען נישט באַטראַכט ווערן פאַר אמתע גרים „עד שיתגירו בזמן הזה",
ביז וואַנען זיי וועלן זיך נאָכאַמאָל מגייר זיין אין אונדזערע טעג. אויף אייני־
קע גרים האָט מען געקוקט ווי אויף אייגנאַרטיקע „הויכשטאַפּלער", מענטשן
וואָס האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן קיין הויכע סאָציאַלע שטעלונג אין זייער
אייגענער, גוייִשער, וועלט, און האָבן געמיינט, אַז ביי ייִדן וועט זיי געלינגען
צו קריגן חשיבות און מאַכט: דאָס זענען די אַזוי גערופענע „גרי שולחן מלכים",
גויִם וואָס זענען גרייט זיך מגייר צו זיין, ווייל זיי האָבן די אַמביציע צו זיצן
ביי אַ „קעניגלעכן טיש". אַ געוויסער סקעפּטיציזם האָט געמוזט עקזיסטירן
אויך בנוגע פיל גרים וואָס האָבן זיך באַקערט צום ייִדנטום אַפילו אָן זייטיקע
כוונות, אָבער זייער רעליגיעזע טראַנספאָרמאַציע איז נישט געווען גענוג ראַ־
דיקאַל. אין תלמוד איז פאַראַן אַ צאָל שטעלן, אין וועלכע גרים ווערן באַשול־
דיקט, אַז זיי זענען נישט גענוג בקי אין מצוות, „ואוחזים מעשי אבותיהם
בידיהם" (און האַלטן זיך נאָך ביי מעשים פון זייערע עלטערן). רבי אליעזר
הגדול ווייזט אָן (בבא מציעא נ"ט), אַז די תורה האָט זעקס און דרייסיק מאָל
געוואָרנט קעגן דעם גר „מפּני שסורו רע", ווייל זיינע געוווינהייטן זענען
שלעכטע און אים איז נישט לייכט זיך צו באַפרייען פון די מידות און מנהגים
פון זיין אַמאָליקער סביבה. אין י ב מ ו ת ווערט אויסגעדריקט די מורא,
אַז אַ גר קען אַמאָל חרטה האָבן אויף זיין באַקערונג און זיך אָפּזאָגן פון ייִדיש־
קייט („יחזור מגרותו") שוין נאָכדעם ווי ער האָט מקדש געווען אַ בת ישראל,
און ר' יוסי (אין ע ב ו ד ה ז ר ה) לאַכט אָפּ פון גרים און פון זייער
מאַנגל אין כאַראַקטער און קוראַזש: אין משיחס צייטן וועלן זיי זיך אַזוי
דערשרעקן פאַר די ליידן פון דער גוג־און־מגוג־מלחמה, אַז זיי וועלן זיך אָפּ־
זאָגן פון מקיים זיין די מצוות. אָבער דער פּראַקטישער אויספיר פון די אַלע

ספקות, אויסצעצונגען און פאַרדאַכטן איז נישט געווען סתם אָפּצושטויסן גויִים און זיי נישט אויפנעמען אין דער ייִדישער געמיינדע; אויפן גרונט פון באַאָ־באַכטונגען און פּסיכאָלאָגישע אָפּשאַצונגען האָט מען בלויז געראָטן אַ געוויסע פאָרזיכטיקייט אין מקבל זיין גרים און געזוכט איינצופירן אַ באַשטימטע פּראָ־צעדור. אין י ב מ ו ת לייענען מיר דערפאַר וועגן אַן עקזאַמען וואָס אַ פרעמדער האָט געדאַרפט דורכגיין כדי זיך מגייר צו זיין. אַ גר וואָס קומט זיך מגייר זיין אין דער איצטיקער צייט זאָגט מען אים: „מה ראית שבאת להתגייר?" — צוליב וואָס ווילסטו זיך מגייר זיין? ווייסטו דען נישט, אַז ייִדן זענען איצטער אָנגעווייטיקט, אָפּגעשטויסן, פאַרטריבן און פאַרצערט, און עס קומען אויף זיי יסורים? ענטפערט ער: „יודע אני ואיני כדאי" (איך ווייס און איך בין נישט ווערט צו זיין אַ ייִד) — איז מען אים מקבל — זיין ענטפער איז אַ באַווייז, אַז ער איז י אָ ווערט! — און מען לערנט אים אויס אַ צאָל לייכטע מצוות און אַ צאָל שווערע מצוות. וואָס דאָס שפּעט־ייִדנ־טום, ערב דעם חורבן, אין דער עפּאָכע פון חורבן און נאָך דעם חורבן, האָט געזוכט אינעם גר, איז געווען פולע אויפריכטיקייט, גרייטקייט אויסצושטיין אַ מאַרטירערישן שיקזאַל און אָננעמען יסורים באהבה, ענדגילטיקע פאַרבונדנ־קייט מיט דער ייִדישער אמונה און מיט דער געמיינדע, וואָס רעפּרעזענטירט די אמונה. מורא געהאַט האָט מען (און די ווירקלעכקייט האָט אַזאַ מורא נישט וויניק געשפּייזט) פאַר לייכטזיניקער באַקערונג צום ייִדנטום, פאַר מאַנגל אין כאַראַקטער מקיים צו זיין די מצוות און אויסצושטיין נסיונות, און פאַר „רעצידיוון" פון געצנדינסט. די ווערטער וואָס דער חומש זאָגט וועגן הגרן „ותלך ותתע במדבר" (און זי איז געגאַנגען און פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דעם מדבר) טייטשן אייניקע בעלי־אגדה אויס אין דעם זינען, אַז כאָטש לעבנ־דיק אין אברהמס הויזגעזינט האָט הגר שוין געגלייבט אין איין און איינציקן גאָט, אָבער ווי באַלד זי איז אָנגעקומען אין דעם מדבר, האָט זי גלייך פאַר־בלאָנדזשעט צוריק אויף די וועגן פון עבודה־זרה. אָט פון אַזאַ הגר־רעצידיוו האָט דאָס ייִדנטום זיך געוואָלט פאַרזיכערן ביים מקבל זיין גרים, און אַזאַ שטעלונג טראָגט, ווייטער אַמאָל איבערגעחזרט, אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, איז רעליגיעז מאָטיווירט און האָט מיט ראַסן־געפילן אָדער ראַסן־פּרינציפּן קיין שום פאַרבינדונג נישט. מען טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די זעלביקע אגדה וואָס האָט אַזוי פיל מאָל געוואָרנט קעגן גרים און גלייך ווי געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, האָט אויך פאַרשטאַנען זייער הויך צו שאַצן אַן אויפריכטיקע באַקערונג צום ייִדנטום. ווי זי האָט דעם בעל־תשובה אַוועקגע־שטעלט אויף אַ פּלאַץ, וווּ אַפילו „צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד" (וווּ פולשטענדיקע צדיקים זענען נישט זוכה צו שטיין), האָט זי אויך, אין אירע

מאָמענטן פון התרוממות־הנפש, אַוועקגעשטעלט דעם עכטן גר, דעם גר־צדק, אויף איין מדרגה מיט יידן, אָדער אַפילו העכער פון יידן. אָט לייענען מיר, צום ביישפּיל, אין ילקוט שמעוני:

„משה האָט געזאָגט צום אויבערשטן: איז דער דאָזיקער גר ביי דיר חשוב ווי אַ לוי? האָט אים גאָט געענטפערט: ער איז אין מיינע אויגן העכער פון אַ לוי, ווייל ער האָט זיך מגייר געווען צוליב מיין נאָמען. עס ווערט דערציילט פון אַ הערש וואָס האָט געוואַקסן אין דעם מדבר און איז אַליין געקומען און זיך אויסגעמישט מיט די שאָף. האָט אים דער פּאַסטוך געגעבן עסן און טרינקען און אַרויסגעוויזן ליבע מער ווי צו זיינע שאָף. האָט מען אים געפרעגט: ווי קומט עס, וואָס דעם הערש ווייזטו אַרויס מער ליבע ווי די שאָף? האָט ער זיי געענטפערט: וויפל מי האָב איך זיך אָנגעמיט מיט מיינע שאָף, אַרויספירנדיק זיי אינדערפרי און צוריקברענגענדיק זיי אין אָוונט, ביז זיי האָבן אויסגעוואַקסן; און אָט איז דער הערש גאָר אויסגעוואַקסן אין דעם מדבר און איז אַליין אַריינגעקומען אין דער טשערעדע — זאָל איך אים נישט באַזונדערס שטאַרק ליב האָבן? אַזוי האָט אויך גאָט געזאָגט: וויפל האָב איך מיך אָנגעמיט אַרום ישראל? איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון מצרים, איך האָב פאַר זיי באַלויכטן דעם וועג, און האָב פאַר זיי אַראָפּגענידערט דעם מן, און האָב זיי אַרומגענומען מיט די וואָלקנס פון כבוד, ביז זיי האָבן אָנגענומען די תורה; און אָט דער גר איז אַליין געקומען — „לפיכך שקול עלי כלוי וישראל", דערפאַר איז ער מיר אַזוי חשוב ווי אַ לוי און ווי אַ ישראל".

אויב די דאָזיקע און ענלעכע אגדות שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם מער באַטאָנטן, אוניווערסאַליסטישן פּראָטעסט קעגן אַנדערע אגדות, וואָס זייער טענדענץ איז צו דיסקרעדיטירן געוויסע טיפן גרים, האָט די הלכה זיך געשטעלט, בדרך כלל, אויפן שטאַנדפּונקט פון חיבת־גרים און האָט ענדגילטיק דורכגעזעצט דעם פּרינציפּ, אַז ראַסן־אָפּשטאַם קען נישט זיין קיין עיכוב פאַר אַריינטרעטן אין אייביקן „ברית" מיט גאָט און פאַר ווערן פולווערטיקע מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע. ר' סעדיה גאון האָט שוין, טיילווייז אויפן גרונט פון אגדה, אָבער דאָך שטייענדיק מיטביידע פיס אויפן באָדן פון הלכה, געקענט זאָגן אין זיין „אמונות ודעות", אַז מיר זענען טאַקע אַן אויסדערוויילט פאָלק, אָבער דאָס קען נישט מיינען, אַז וועלכע נישט איז באַשעפעניש איז גאָטס אַ (ספּעציעלער) ליבלינג: „דער ווערט פון יעדן מענטשן איז גלייך חשוב אין זיינע אויגן". און דער גרעסטער קאָדיפיקאַטאָר פון הלכה, דער רמב"ם, וועלכער האָט דעם „אתה בחרתנו" נישט אָפּגעלייקנט, כאָטש ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז קיין „טעם" פאַר דעם האָט ער נישט, האָט אויסגעשפּרייט דעם באַגריף פון א ו י ס ד ע ר ו וי ל ט ק יי ט אויך אויף נישט־

ייִדן, אויב זיי האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן. פּונקט ווי ער האָט, אין קעגנזאַץ צו ר׳ יהודה הלוי, צוגעשריבן די סגולה פון נבואה אויך די אומות־העולם, אַזוי האָט ער אויך — ווייטער אַמאָל אין קעגנזאַץ צו אַזאַ „עטנאָ־צענטריסט״ ווי דער בעל־הכוזרי, וואָס האָט געוואָלט האַלטן, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר ייִדן — באַהויפּטעט מיט דער גאַנצער אויטאָריטעט פון זיין פּערזענלעכקייט, אַז די „אַדרעסאַטן״ פון דער תורה זענען סיי ייִדן און סיי גרים (און דאָס הייסט, אין פּאָטענציעלן חשבון, דער גאַנצער מענטשלעכער מין). אין זיין ענטפער צו אַ גר־צדק, וועלכער פרעגט ביי אים, צי מעג ער זאָגן אין זיין דאַווענען „אלהינו ואלהי אבותינו״ (אונדזער גאָט און דער גאָט פון אונדזערע עלטערן), שרייבט ער אים, אַז ער מעג זאָגן אַלע תפילות „ככל אזרח מישראל״, ווי יעדער בירגער פון ישראל, ווייל וווּ ער עס האָט זיך מגייר געווען, ביזן סוף פון אַלע דורות, געהערט שוין דערמיט אַליין צו אברהם אבינוס תלמידים, און אַלע אַזעלכע זענען קינדער פון זיין הויזגעזינט. דער גר־צדק מעג, אויב ער וויל, אויך דאַנקען גאָט אין זיין תפילה פאַר האָבן אים אַרויסגעפירט פון מצרים, ווייל זינט ער איז געקומען געוואָרן אונטער די פליגלען פון דער שכינה „אין כאן הפרש בינינו ובינך, וכל הנסים שנעשו כאילו נעשו לנו ולך, וכבר בחר בך הבורא והבדילך מן האומות ונתן לך התורה״ (איז שוין נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אונדז און דיר, און אַלע נסים וואָס זענען געטאָן געוואָרן זענען גלייך ווי געטאָן געוואָרן אי פאַר אונדז, אי פאַר דיר, און דער באַשאַפער האָט דיך שוין אויסדערוויילט און האָט דיך אָפּגעשיידט פון די פעלקער, און האָט דיר געגעבן די תורה). די גייסטיק־מאָראַלישע ביאָגראַפיע פון אַ גוי וואָס האָט זיך באַקערט צום ייִדנטום מאַכט אים, ביים רמב״ם, פאַר אַ גלייכן שותף אין דער קאָלעקטיווער ביאָגראַפיע פונעם ייִדישן פאָלק, אויך אַ שותף צו זיין יחוס. דאָס ייִדישע פאָלק און די ייִדישע רעליגיעזע געמיינדע (כנסת ישראל הייסט ביידע), מיט איין וואָרט, ייִדנטום, איז, אויף אַזאַ אופן, אויב מיר מעגן דאָ נוצן אַנרי בערגסאָנס טערמינאָלאָגיע, גיכער אַן אָפענע איידער אַ געשלאָסענע געזעלשאַפט, אַ קיבוץ וואָס איז אין פּרינציפּ גרייט צו ווערן אומפאַסנדיק, אַבסאָרבירן אין זיך יעדע מענטשלעכע באַשעפעניש, זיך נישט קימערנדיק וועגן זיין ראַסן־שורש.

עס קען נישט זיין אונדזער אויפגאַבע אין דער ראַם פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג צו געבן אַן איבערזיכט פון דער מיטלאַלטערלעכער ייִדישער טעאָלאָגיע און פון אונדזער שפּעטערער ליטעראַטור אין איר באַציִונג צום פּראָבלעם פון אויסדערוויילטקייט. דאָס ייִדנטום איז אויסגעפורעמט געוואָרן

אין זיין מענטאַליטעט, לעבנסשטייגער און רעאַקציעס אויף דער אויסן־וועלט הויפּטזעכלעך דורכן תנ״ך, תלמוד און מדרשים, אָדער, ווי מען מעג עס אַנ־דערש פאָרמולירן, דער תנ״ך, דער תלמוד און מדרשים זענען די רעקאָרדן, וואָס ווייזן און דערציילן ווי אַזוי דאָס ייִדנטום האָט זיך אויסגעפורעמט. סתם ייִדנטום איז פּרושים־ייִדנטום ביז היינטיקן טאָג. מיר האָבן זיך סומך געווען אויפן רמב״ם נאָר פאַרבייגייענדיק, און בלויז דערפאַר, וואָס, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן „מאָדערניזם״, איז ער אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל פאַרן גרעסטן אויטאָריטעט אין הלכה, און גראָד ביי אים איז דער ייִדישער אוניווערסאַליזם געקומען צו אַזאַ קלאָרן אויסדרוק און צו דער מדרגה פון קאַטעגאָרישקייט.

די אַזוי גערופענע „רעזולטאַנטע״ פון דער ייִדישער גייסטיקער געשיכ־טע איז, גלייבן מיר, אַ קלאָרע: גאָט איז איינער, די וועלט איז איינע און דער מענטשלעכער מין איז, אין זיין ש ו ר ש און לעצטן ת כ ל י ת, אַן איינהייט. דערוויל איז דער מענטשלעכער מין צעשפּאָלטן, און אַ מחיצה שטייט צווישן זיינע צוויי טיילן — דעם ייִדישן און דעם אומות־העולמדיקן. די מענטשהייט מוז אָבער פריִער־שפּעטער גובר זיין איר צעשפּאָלטנקייט און ווערן (אין רעליגיעז־מאָראַלישן, נישט גראָד אין עטנישן זינען) איינס, און געשען מוז עס נישט דורך דעם וואָס ייִדן וועלן אָננעמען די יראהס פון די אומות־העולם, נאָר דורכדעם, וואָס די אומות־העולם וועלן אָננעמען די ייִדי־שע תורה. אַנדערש איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַרן אחרית־הימים, אַנדערש וועט גאָט קיינמאָל נישט זען זיין ענדגילטיקן „טריומף״. „אתה בחרתנו״ דאַרף דער־פאַר פאַרשטאַנען ווערן — ווי דער דאָזיקער באַגריף איז אויפגעפאַסט גע־וואָרן דורך דער טיפערער עמפינדונג פונעם פאָלק און האָט געלעבט אין זיי־נע גייסטיקע ראַנגלענישן מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין — נישט אין דעם זינען פון זיין אַן א ו י ס ד ע ר ו וי ל ט ע ר אַ ס ע, נאָר אין זינען פון האָבן אָנגענומען ד י א ו י ס ד ע ר ו וי ל ט ע א מ ו נ ה, וואָס איר איז באַשערט צו ווערן די אמונה פון דער גאַנצער וועלט. אָבער אויך דאָס זאָל זיין דער עכטער זין פון „אתה בחרתנו״, זענען ייִדן, אין די טיפערע שיכטן פון זייער אייגענעם באַוווסטזיין, נישט „סופעריאָר״, און אַנדערע פעלקער נישט „אינפעריאָר״, און זיי שטייען נישט איינע צו די אַנדערע אין די באַ־ציִונגען פון העכערע און נידעריקערע ס ו ב ס ט אַ נ צ ן, נאָר ייִדן זענען פ אָ ר ג ע ש ר י ט ן און די אומות־העולם זענען צ ו ר י ק ג ע ש ט אַ־נ ע ן. ביי ייִדן האָבן זיך די אויגן שוין געעפנט, ביי גויִים נאָך נישט.

צווישן יעקבן און עשון איז אַוודאי און אַוודאי פאַראַן אַ גרויסער אונ־טערשייד; דאָס איז אָבער נישט קיין אָרגאַנישער, נאָר בלויז אַ היסטאָריש־

ביאָגראַפישער און, דאָס הייסט אויך, אַ צייטווייליקער אונטערשייד. עשו איז אַ צושטאַנד, נישט קיין וועזן. יעדער יעקב איז אַ געוועזענער עשו, יעדער עשו איז אַ פּאָטענציעלער יעקב. די גייסטיקע דערוואַכונג, די „ווי־דערגעבורט" איז ביי יעקבֿן פאָרגעקומען פריִער ווי ביי עשון. ער איז דערפאַר דער בכור. ער איז אָבער נישט העכער. און ווען מען וואָלט געמעגט רעדאַגירן אַ פאָלקס קלאַסישע טערמינאָלאָגיע, וואָלט געווען נישט ווייניק גרונט צו כאַראַקטעריזירן די ספּעציפישע ייִדישע שטעלונג אין דער וועלט און צו דער וועלט גיכער אַלס באַוווסטזיין פון בכורה איידער פון בחירה.

1942

תשובה

דער ענגלישער היסטאָריקער ר. טראַווערס הערפאָרד ווערט נישט מיד אויך אין זיינע אַלטע יאָרן צו פאָרשן דעם תלמוד און די מדרשים. אין דעם „היבערט דזשוירנאַל" האָט ער איצט פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלן עסיי וועגן דעם ענין תשובה, ווי ער ווערט אויפגעפאַסט פון די חז"ל. זיין אַלטער טעזיס (דער זין פון זיין גרויסער אַרבעט וועגן דער לערע און מענטאַליטעט פון די פרושים) — אַז דאָס תלמודישע ייִדנטום האָט זייער ווייניק געהאַט וואָס צו לערנען פונעם קריסטנטום — ווערט אין זיין לעצטער אָפּהאַנדלונג נאָך מער באַקרעפטיקט. אַז דער ייִדישער גאָט איז נישט קיין אל קנא ונוקם אין דעם זינען, אין וועלכן די טראַדיציאָנעלע קריסטלעכע קריטיק וויל עס פאַרשטיין, אַז ער איז נישט קיין האַרטער ריכטער אָן חסד און מידת הרחמים, קען מען זען פון דעם, ווי אַזוי דער תלמוד האָט אויפגעפאַסט דעם כוח פון תשובה.

דער תלמוד איז זייער ווייט פון איגנאָרירן אָדער פון אונטערשעצן די אוממאָראַלישע נייגונגען אין מענטשן. פונעם יצר־הרע, פונעם „פרעמדן גאָט" (א ל ז ר, ווי ער ווערט באַצייכנט אין דער מסכתא שבת) איז קיינער נישט פריי. דאָס אויג און דאָס האַרץ זענען, לויט אַן אַלטן מדרש, צוויי געפערלעכע עבירה־„מעקלערס". די נייגונג צום בייזן איז אַן איינגעבוירענע: זי הייבט זיך אָן, אמת, נישט פונעם מאָמענט ווען די נשמה איז באַשאַפן געוואָרן (נישט, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין סנהדרין, „משעת יצירה"), נאָר פונעם מאָמענט ווען דער מענטש קומט אַרויס אויף דער וועלט פון זיין מוטערס טראַכט אַלס בשר־ודם — „משעת יציאה". און פאַרטרייבן דעם יצר־הרע איינמאָל פאַר אַלעמאָל דורך אַ מין קאָנצענטרירטער אָנשטרענגונג פון ווילן איז אוממעגלעך: „יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום" — דעם מענטשנס יצר־הרע ווערט באַנייט, ווי אויפסניי געבוירן, יעדן טאָג, און יעדן טאָג, הייסט עס, מוז מען שטיין קעגן אים אויף דער וואַך. אויף אַ געוויסן שטח פון לעבן איז דער יצר־הרע, אַזוי צו זאָגן, אָרגאַניש שטאַרקער פונעם יצר־טוב: בשעת אַ מענטש ווערט צעהיצט און לאָזט זיך אַוועק טאָן אַן אויסגעלאַסענע זאַך, פאָלגן אים אַלע אברים, און אַז ער גייט טאָן אַ מצווה, פלאָגן זיך אַלע זיינע אברים, ווייל דער יצר־הרע אין אים קעניגט איבער זיינע צוויי הונדערט און אַכט און פערציק אברים און דער יצר־טוב אין אים איז געגליכן צו איינעם וואָס זיצט

געבונדן אין תפיסה (אבות דרבי נתן). אַלס באַזונדערס פּאַרפּירעריש, אַפילו פּאַר די גייסטיק שטאַרקע נאַטורן, ווערט באַטראַכט דער סעקסועלער אינס־טינקט: אַפילו חסיד שבחסידים אין ממנין אותו אַפּיטרופּוס לעריות (דעם פּרו־מען פון די פּרימסטע באַשטימט מען נישט פּאַר אַ משגיח איבער באַציִונגען צווישן מענער און פרויען). די גמרא שעמט זיך נישט צו דערציילן וועגן אַ שווערער איבערלעבונג פון רב עמרם החסיד. קיין נהרדעא, ווו ער האָט גע־לעבט, האָט מען אַמאָל געבראַכט קריגסגעפאַנגענע פרויען. האָט מען זיי אַרויפגעפירט אין רב עמרמס אויבערשטוב און מען האָט פונעם אַריינגאַנג אַוועקגענומען דעם לייטער. האָט רב עמרם גענומען דעם לייטער, וואָס צען מענטשן זענען נישט געווען גענוג אים אויפצוהייבן, און האָט אים איינער אַליין צוריקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ, כדי ער זאָל קענען אַריינקומען צו די געפאַנגענע פרויען. אַפצולאָכן פון בעל־עבירות איז דערפאַר אַ גרויסע לייכט־זיניקייט. ר׳ עקיבא פלעגט שטענדיק אַפּשפעטן פון מענטשן וואָס קענען אין זיך נישט גובר זיין דעם יצר־הרע — האָט ער געקראָגן זיין עונש. דער שטן האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט פאַר אַ שיינער פרוי און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון אַ בוים. האָט דער הייליקער רבי עקיבא זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן אויף שנעל אַרויפצוקלעטערן אויפן בוים. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט נישט קיין קלענערן ווי רבי מאיר, וועלכער פלעגט זיך אויך לוסטיק מאַכן איבער מאַראַלישע שוואַכלינגע. האָט זיך דער שטן אַמאָל פאַרשטעלט פאַר אַ שיינער פרוי אויף יענער זייט טייך. קיין בריק איז נישט געווען, האָט זיך רבי מאיר אָנגעכאַפּט אָן דעם שטריק, וואָס איז געווען איבערגעצויגן אי־בערן טייך און זיך געלאָזט, אַזוי צו זאָגן, „שווימען אין דער לופט״, כדי צו־צוקומען צו דער פרוי אויפן צווייטן ברעג...

אין בראשית רבה ווערט געגעבן אַ צו גלאַטע דעפיניציע פון רשעים און צדיקים: די רשעים געפינען זיך אין רשות פון זייער האַרצן און ביי די צדיקים געפינט זיך דאָס האַרץ אין זייער רשות. בדרך־כלל איז אָבער פּאַר די חכמים און די בעלי־אגדה נישט פאַראַן אַזאַ צדיק וואָס איז נישט עלול נכשל צו ווערן, און עס איז נישט פאַראַן אַזאַ רשע וואָס איז נישט מסוגל צו ווערן דער הער־שער איבער זיין „האַרץ״. דער אונטערשייד צווישן אַ רשע און אַ צדיק איז אַ רעלאַטיווער, נישט קיין אַבסאָלוטער: דער צדיק איז יעדן טאָג אויסגעזעצט צו סכנות, אַז דער יצר־הרע וועט אים גובר זיין, און דער רשע האָט די גע־לעגנהייט יעדן טאָג תשובה צו טאָן און ווערן אַן אָביעקט פאַר גאָטס חסד און ליבע.

הערפאַרד איז דערפאַר גערעכט, ווען ער באַטאָנט אין זיין עסיי די גרוי־סע באַדייטונג פון תשובה אין דער רעליגיעז־עטישער אויפפאַסונג פונעם

תלמוד, וועלכער באַטראַכט נישט זינד און זינדיקע אין פּאַטאַליסטישע טער־מינען. דער מענטש — יעדער מענטש — איז נוטה צו זינדיקן, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זינדיקן איז פאַר וועלכן נישט איז יחיד אַ פּאַראויסבאַשטימ־טער מוז, פון וועלכן ער קען זיך קיינמאָל נישט באַפרייען. די פרייהייט פון מאָראַלישן ווילן איז פאַרן תלמודישן דענקען אַן אַקסיאָמע, אַן ערשטע הנחה, און אַלס מאַטאָ פאַר זיין דערמאָנטער אַרבעט וואָלט הערפאַרד געמעגט אַוועק־שטעלן די אגדה, אַז תשובה איז באַשאַפן געוואָרן פאַר בריאת העולם — דאָס הייסט, אַז אין דעם וועלט־פּלאַן איז לכתחילה אַריינגענומען געוואָרן אי זינד, אי די רייניקונג פון זינד דורך אייגענע מענטשלעכע כוחות.

דעם קלאַסישן ייִדנטום איז דערפאַר פרעמד דער ענין פון פאַרדאַמונג, פון ענדגילטיקער פאַראורטיילונג אין באַציִונג צו רשעים. „אסור לו לאדם שיתפלל על הרשעים, שיסתלקו מן העולם" (עס איז פאַרבאָטן אַ מענטשן תפילה צו טאָן, אַז די רשעים זאָלן אומקומען פון דער וועלט), לייענען מיר אין אַן אַלטן מדרש. אמת, דער בעל־המדרש האָט אין דעם פאַל אַ ספּעציעלן מאָטיוו, וועלכער קער זיך דירעקט מיט פּערזענלעכער תשובה נישט אָן; „שאלמלי סלקו הקדוש ברוך הוא לתרח מן העולם, כשהיה עובד עבודה זרה, לא בא אברהם" — ווייל ווען גאָט וואָלט געוועזן באַזייטיקט תרחן פון דער וועלט, ווען ער האָט געדינט דער עבודה־זרה, וואָלט אברהם אויף דער וועלט נישט געקומען (מדרש הגדול, וירא). דער צוועק פונעם בעל־המדרש איז, אין דעם פאַל, געוועזן בלויז צו באַטאָנען, אַז זינדיקייט און טומאה גייען נישט איבער, אָדער מוזן נישט איבערגיין, ב י ר ו ש ה, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין משפחות, קיין פעלקער, קיין „ראַסן", וואָס זענען פאַראורטיילט אַרויס־צוגעבן פון זיך בעלי־עבירה. די אַלגעמיינע טענדענץ אין תלמוד און אין די מדרשים גייט אָבער אַ סך ווייטער — אין דער באַהויפּטונג, אַז נישט נאָר קען ביי תרחן געבוירן ווערן אַזאַ זון ווי אברהם, נאָר אַז תרח קען אין זיין אייגע־נעם לעבן ווערן אַן אברהם. אָט פאַרטייטשט, למשל, דער ילקוט שמעוני דעם זאַץ פון קהלת „כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" (אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער פון אַ טויטן לייב): „בעולם הזה מי שהוא כלב יכול לעשות ארי, ארי יכול לעשות כלב" (אויף ד ע ר וועלט קען אַ הונט ווערן אַ לייב און אַ לייב קען ווערן אַ הונט) — די הינטישקייט איז אין דעם הונט, אַזוי צו זאָגן, עפּעס „אַקצידענטאַלעס"; ער קען „תשובה טאָן" און ווערן אַ לייב, פּונקט ווי אַ לייב קען נכשל ווערן און זיך אַראָפּלאָזן צו דער נידעריקייט פון אַ הונט. ר' יוחנן, ווי עס גיט איבער אין זיין נאָמען ר' חיא בר אבא (ברכות ל"ד), גייט אַזוי ווייט ווי צו באַהויפּטן, אַז אין אַלע וואָס נביאים האָבן פאַראויסגעזאָגט וועגן דעם גליק פון דער קומענדיקער וועלט, האָבן זיי אין זינען געהאַט בלויז

בעלי־תשובה, און וואָס איז שייך צדיקים גמורים, וואָס האָבן גאָר קיין גרונט נישט תשובה צו טאָן, זענען גאָר אַזעלכע נישט בנמצא.

הערפאָרד איז גענייגט צו גלייבן, אַז דער באַגריף פון תשובה, מיט וועלכן מיר באַגעגענען זיך אין תלמוד, איז אַ פועל־יוצא פון אַ לאַנגער אַנט־וויקלונג אין יידנטום. אין שייכות מיט דעם באַגריף איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם פּראָפעסיאָנעלן כהן און דעם נישט־פּראָפעסיאָנעלן נביא. פאַרן כהן איז אַ חטא געווען אַ ש ו ל ד, נישט קיין ש ו ל ד י ־ ק יי ט — אַ חוב וואָס לאָזט זיך מאַטעריעל באַצאָלן: דער בעל־חוב ברענגט דעם אַנטשפּרעכנדיקן קרבן, לויט די פאָרשריפטן פון דער תורה, און דערמיט נעמט ער פון זיך אַראָפּ די לאַסט פון דעם חוב. דער נביא האָט זיך מיט אַזאַ מעכאַנישער „טראַנסאַקציע" נישט געקענט צופרידנשטעלן. אַפילו אויב ער האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם עצם ריטואַל פון ברענגען קרבנות, אָדער דורכפירן אַנדערע צערעמאָניעס, האָבן זיי פאַר אים געהאַט אַ רעליגיעזן ווערט בלויז על־תנאי — אויב צוזאַמען מיט דער אויסערלעכער האַנדלונג איז אין אים פאַרגעקומען אַן אינערלעכע וואַנדלונג, אויב דער פאַרזינדיקטער האָט באמת חרטה געקראָגן און איז גרייט געוואָרן צו טאָן תשובה. די שפּעטערדי־קע חכמים זענען געווען אין דעם פּרט די יורשים פון די נביאים, נישט פון די כהנים. מחילה און כפּרה האָבן געקענט זיין אַן ענטפער בלויז אויף תשובה — אויף צוריקקערן זיך צו גאָט — נישט אויף אַ קרבן, וועלכער האָט, אין בעסטן פאַל, געקענט זיין בלויז דער סימבאָלישער אויסדרוק פון געוויסנביסן.

הערפאָרדן אינטערעסירט שוין צענדליקער יאָרן די פּראַגע, צי איז דאָס טאַקע אמת וואָס די קאָנווענציאָנעלע קריסטלעכע טעאָלאָגיע טענהט, אַז די יידישע רעליגיע איז אַ ריין צערעמאָניאַלע, נישט, אַזוי צו זאָגן, קיין „געזי־בונגס־רעליגיע". דער תלמודישער בליק אויף חטא און תשובה איז פאַר אים נאָך אַ באַווייז, אַז די דערמאָנטע כאַראַקטעריסטיק פון יידנטום איז אַ גרונט־פאַלשע. תשובה איז אין תלמוד נישט אַ דרויסנדיקער אַקט, נאָר אַן אינעווייי־ניקסטע טראַנספאָרמאַציע, און דערפאַר טאַקע האָבן די חכמים אַזוי שטאַרק געוואָרנט קעגן דער שאַקירנדיקער סטראַטעגיק פון „אחטא ואשוב" — פון באַגיין באַוווסטזיניק אַ זינד מיט דער רעזערוואַציע, אַז תשובה וועט נאָכדעם אויפן חטא מכפּר זיין. אַן טיפן ליידן פאַר דעם פאַרגאַנגענעם און באַגאַנגע־נעם און אַן אויפריכטיקן אַנטשלוס ווייטער אַ באַשטימטע זינד נישט צו באַ־גיין, איז קיין תשובה נישטאָ, און אויף מחילה קען מען נישט האָפן. האָט אָבער דער זינדיקער אויף אַן אמתן דערפילט אַן עקל און חרפּה פאַר זיין טאַט, איז, דוכט זיך, נישטאָ יענער רשע, וואָס גאָט זאָל אים נישט מוחל זיין. אַזאַ תשובה איז בכוח צו צערייסן אַ מענטשנס פּאַרטיקן גזר־דין. אָט געפינען

מיר, למשל, (ראש השנה ט"ז) אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס עס קומט פאַר מיט דער אַזוי גערופענער „תשובת המוחלטים" (דאָס תשובה־טאָן פון ר ש ע י ם ג מ ו ר י ם, וואָס זייער עונש איז שוין באַשטימט געוואָרן): „תשובת המוחלטים מעכבת הפורענות, ואף על פי שנחתם עליהם גזר־דין של פורענות" — כאָטש זייער אורטייל איז שוין געחתמעט, ווערט ער פונדעסט־וועגן בטל, אויב זיי טוען אמתע תשובה. אָט ווערט דערציילט אין דער מסכתא „עבודה־זרה" וועגן אַן עבירה, וואָס רבי אליעזר בן דורדיא איז באַגאַנגען. פאַר געוויסע אויערן קען דער סיפור־המעשה קלינגען פאַרנאָגראַפיש און ס'לוינט נישט אים איבערצודערציילן. וויכטיק איז אָבער די טיפע חרטה, וואָס ער האָט נאָכדעם איבערגעלעבט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט צווישן בערג און טאָלן, און האָט אויסגעשריגן: בערג און טאָלן, בעט אויף מיר רחמים! האָבן זיי אים געענטפערט: ווי קענען מיר בעטן אויף רחמים פאַר דיר, אַז מיר דאַרפן בעטן פאַר אונדז אַליין (ווייל זיי זענען אויך זינדיק). ער האָט זיך נאָכדעם געווענדט צום הימל און ערד, צו דער זון און דער לבנה, צו די שטערן און מזלות און האָט פון אַלעמען געקראָגן דעם זעלביקן ענטפער. האָט ער דענסטמאָל געזאָגט צו זיך אַליין: א י ן ה ד ב ר ת ל ו י א ל א ב י (די זאַך הענגט אָפּ נאָר פון מיר) — ק יי ן ש ו ם פ אַ ר מ י ט ל ע ר, נישט קיין כהן און נישט קיין הייליקער, אַפילו דער גאַנצער אוניווערס קען פאַר מיר קיין רחמים און מחילה נישט אויס־בעטן. בלויז איך אַליין. האָט ער אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די קני און זיך אַזוי פאַרגאַנגען אין וויינען, ביז די נשמה איז פון אים אַרויס. איז באַלד אַרויסגעקומען אַ בת־קול און האָט אָנגעזאָגט: „ר' אליעזר בן דורדיא מזומן לחיי עולם הבא". — גאָט האָט אים מוחל געווען און עס איז אים פאַרזי־כערט עולם־הבא. דער גמרא ווילט זיך צום סוף פונעם סיפור־המעשה, אַלס אַ מוסר־השכל, באַטאָנען אַ דעטאַל: „לא דים לבעלי תשובה שמקבלין אותם אלא שקוראין אותם רבי" — בעלי תשובה איז נישט גענוג וואָס מען נעמט זיי אויף, ווען זיי קערן זיך צוריק, נאָר מען רופט זיי אַפילו „רבי"... אַזאַ סי־פור־המעשה און ענלעכע צו אים וואָס זענען פאַראַן אין תלמוד אין גרויסע צאָלן וואָלט הערפאָרד געקענט נוצן פאַר זיין טעזיס, באַזונדערס דאָרט, ווו ער זוכט צו באַטאָנען, אַז תלמודיש ייִדנטום איז נישט בלויז ריטואַליסטיש, אַז כוונה אין האַנדלונגען איז פאַר זיי געווען פון דער גרעסטער אָדער גאָר איינציקער וויכטיקייט. איך וועל שוין קיינמאָל נישט זיין אַזאַ בקי אין תלמוד און מדרשים, ווי דער אַלטער קריסטלעכער געלערנטער האָט באַוויזן צו זיין, אָבער אויף זיין פּלאַץ וואָלט איך זיך, אַלס בולטע אילוסטראַציע, באַנוצט, פאַר אַלעמען, מיט די ווערטער פון ריש־לקיש: „טובה מרדות אחת בלבו של

אדם יותר ממאה מלקיות״ (איין חרטה־רעוואַלט אין מענטשנס האַרצן איז בעסער פון הונדערט מאָל זיך לאָזן שלאָגן מלקות).

דער נייער טעסטאַמענט האָט אַלזאָ קיין וועזנטלעך נייס אין דער ייִדי־שער אויפפאַסונג פון תשובה און מחילה נישט אַריינגעבראַכט. דער ייִדישער אל קנא ונוקם, וואָס ווערט געשילדערט אַלס אַ שטרענגער מקפיד אויף דער דערפילונג פון קאַלטן געזעץ און ריטואַל, האָט קינען געגעבן אַ „צייכן״ פון מחילה. ראובן און יהודה, קורח, ירבעם, אחאב און אַנדערע זינדיקע ווערן באַשריבן אין תלמוד, אין מדרש און אין אַפּאָקאַליפּטישע שריפטן אַלס בעלי־תשובה, וואָס גאָט האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד. וועגן דוד המלך ווערט באַהויפּטעט (אין מדרש תהלים), אַז עס וואָלטן אים גאָרנישט געגעבן גע־וואָרן אַזוי פיל געלעגנהייטן צו זינדיקן, ווען ער וואָלט לכתחילה נישט באַ־שטימט געוואָרן צו דינען אַלס מוסטער פון אַ בעל־תשובה — כדי צו באַ־ווייזן, אַז ווי זינדיק אַ מענטש זאָל נישט זיין, קען ער זיך צוריקקערן צו גאָט און זיך באַפרייען פון זיין זינדיקייט, און זיינע געזאַנגען זאָלן אין אַלע דורות דינען אַלס תפילות און טרייסט פאַר געבראָכענע הערצער. אמת, דאָס קריסטנ־טום האָט שוין, אַזוי פרי ווי אין די טעג פון פּאַולוס, אַריינגעבראַכט אין דער אויפפאַסונג פון מחילה און כפרה איין נייעם מאָמענט: דאָס בלוט פון ישו הנוצרי, וואָס איז מכפר אויף מענטשלעכע זינד און „דערלייזט״ די נשמה ביי דעם וואָס גלייבט אין אים. דאָס איז אָבער געווען אַן אָפּנייג פון דער נביאי־שער אויפפאַסונג, אַן וועלכע עס האָבן זיך געהאַלטן די חכמי התלמוד, און אַ רעאַקציאָנערער אומקער צום כהנישן: אַנשטאָט דעם אינדיווידועלן פליישׂ־און־בלוט־קרבן פון אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, איז געקומען דער קאָסמישער קרבן פון ישוס פלייש און בלוט אויף צו שטילן גאָטס אַפּעטיט פאַר יורידי־שער גערעכטיקייט, אָדער גאָר זיין גרימצאָרן. אויב מ׳מעג זיך דאָ דערלויבן אַ ווולגאַרן אויסדרוק, וואָלט איך זאָגן, אַז דער פּאַולינישׂ גלויבנדיקער קריסט „שלאָגט מיט קריסטוסן כפרות״: זה כפרתי, זה חליפתי — אַנשטאָט דורכ־צומאַכן אַ חרטה־בונט אין האַרצן...

***

צי זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע זינד, פאַר וועלכע אויך תשובה קען נישט אויספּועלן קיין מחילה? אויב מען זאָל אָננעמען געוויסע טעקסטן אין תלמוד און מדרשים בוכשטעבלעך, זענען אַזעלכע זינד פאַראַן. לויט אַ געוויסן מאמר, ווערט אַ מענטשן פאַרגעבן אַן ערשטע זינד און אַ צווייטע, אָבער נישט אַ דריטע. פאַר געוויסע חטאים (לעסטערונג פון גאָט) קען מען בכלל, לויט אַן אַנדער טעקסט, קיין מחילה נישט קריגן. הערפאַרד מיינט אָבער — און מיט

אַ גוטן גרונט — אַז אַזאַ אויפפאַסונג וואָלט געווען אומגערעכט צו די חכמים. זייער אויסדרוק „אין לו מחילה עולמית״ („אויף אייביק״) איז אַ רעטאָרישע פראַזע, נישט קיין באַהויפּטונג פון אַ פאַקט. מיט אַזאַ פראַזע האָבן זיי געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז די זינד איז אַ צו שווערע, מ׳זאָל מעגן האָפן אויף אַ לייכטער מחילה. הערפאַרד, גלייב איך, איז אויך דאָ גערעכט. מיט תלמודישע טעקסטן דאַרף מען זיך באַגיין זייער פאָרזיכטיק און אונטערשיידן אין זיי צווישן מליצה און נאָרמאַטיווער באַהויפּטונג. אויב מיר געפינען אַ מאמר, לויט וועלכע אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט אַ פלעק אויף זיין בגד, איז „חייב מיתה״, וואָלט דאָס געווען פון אונדזער זייט אַן אומפאַרציילעכע נאַרישקייט, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער וועמען אַזאַ פראַזע ווערט צוגעשריבן, האָט טאַקע ערנסט געמיינט, אַז פאַר אַזאַ אומבאַדייטנדיקער נאַכלעסיקייט קען וועמען עס איז קומען טויט־שטראָף. דאָס איז נישט מער ווי אַ גוזמא פון אַן אויפגערעגטן גייסט, וועלכער האָט געהאַט שטרענגע דעקאָרום־פאָדערונגען צו מיטגלידער פון זיין „צעך״. אין עוואַנגעליום געפינען מיר אַ פראַגע, געשטעלט צו ישו הנוצרי: „וויפל מאָל דאַרף איך פאַרגעבן מיין שונא פאַר טאָן מיר שלעכטס — איין מאָל אָדער זיבן מאָל?״ ישו ענטפערט: „נישט איין מאָל און נישט זיבן מאָל, נאָר זיבן און זיבעציק מאָל״. עס וואָלט געווען משונהדיק דעם דאָזיקן ענטפער אויסצוטייטשן אין דעם זינען, אַז לויט ישון דאַרף מען פאַרגעבן זיבן און זיבעציק מאָל, אָבער בשום אופן נישט אויפן אַכט און זיבעציקסטן מאָל. זיבן און זיבעציק איז פאַר אים געווען דער „רעטאָרישער במקום״ פאַר — אומענדלעך. אויסטייטשן בוכשטעבלעך אַזעלכע אויסדרוקן אין עוואַנגעליום, אין תלמוד, אין די מדרשים וואָלט געווען אומגעפער דאָס זעלבע ווי אָננעמען, אַז ווען האַמלעט שרייט אויס, אַז ער האָט ליב געהאַט אָפעליאַ מער ווי פערציק טויזנט ברידער האָבן זי געקענט ליב האָבן, האָט ער זיין ליבע עקזאַקט אויסגעמאָסטן און געקומען צום שלוס, אַז איין און פערציק טויזנט ברידער וואָלטן זי געקענט ליב האָבן שטאַרקער ווי ער.

בדרך כלל איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ זינד, פאַר וועלכער עס זאָל, לויט די חכמי התלמוד, נישט קענען קומען קיין סליחה און כפרה, אויב דער זינדיקער האָט (אויף דער וועלט!) געטאָן אויפריכטיקע תשובה. מנשה, מעג מען זאָגן, איז געווען דער זינדיקסטער פון אַלע מלכים אין יהודה און ישראל, און אויך זיין תשובה־טאָן האָט געהאָלפן, און זיינע חטאים זענען אים, לויטן תלמוד, פאַרגעבן געוואָרן. ר׳ יוחנן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין סנהדרין, האָט די מחילה וואָס מנשה האָט געקראָגן, באַזונדערס באַטאָנט: „כל האומר מנשה אין לו חלק לעולם־הבא מרפה ידיהם של בעלי־תשובה״ (ווער עס זאָגט,

אַז מנשה האָט נישט קיין חלק אין עולם־הבא, שוואַכט דערמיט אָפּ די הענט פון בעלי־תשובה). יעדער זינדיקער, הייסט עס, האָט אַ גרונט צו גלייבן, אַז אויב מנשה האָט געקענט זיך באַפרייען פון זיין טומאה און קריגן אַ חלק אין גאָטס חסד, זענען די טויערן פון תשובה פאַר קיינעם נישט געשלאָסן. דער תלמוד האָט פאַקטיש אין זיך אַנטהאַלטן די זעלביקע „פריילעכע בשורה" פאַר די דערשראָקענע, איבערלאַסטעטע און אַנטמוטיקטע, וואָס דאָס עוואַנגעליום — בלויז אָן דער פאַרמיטלער וואָס דאָס קריסטנטום האָט נאָכדעם אַוועקגע־שטעלט צווישן מענטש און גאָט (דער קאַטוילישער „כהן") און אָן ישו אַלס אַ בלוט־און־פלייש־קרבן אויפן מזבח פון אַ גאָט, פאַר וועלכן דער פאַרמעל־יורידישער פּרינציפּ, אַז חטא דאַרף „אויסגעקויפט" ווערן דורך אַ קרבן־חטאת, איז שטאַרקער פון זיין ליבע צו דער מענטשהייט. אין דעם זינען איז דער תלמוד, אַזוי צו זאָגן, „עוואַנגעלישער" פונעם קריסטנטום.

***

די ייִדישע אויפפאַסונג פון תשובה האָט אַ נאָענטע שייכות צו אַן אַנדער ענין — צו דעם פּראָבלעם פון אתה־בחרתנו. תשובה איז אַ שטענדיקע פּאָ־טענציעלע קראַפט אין מענטשן — אין יעדן מענטשן, אויך אין יעדן פאָלק און „ראַסע". די אומות־העולם זענען זינדיק, אַ סך זינדיקער פון ישראל. זיי זע־נען אָבער נישט פאַרדאַמט. נישטאָ צווישן זיי אַ פאָלק וואָס איז נישט מסוגל תשובה צו טאָן. דער אונטערשייד אין מאָראַלישן ווערט צווישן ישראל און די אומות איז אַ רעלאַטיווער, נישט קיין אַבסאָלוטער — מען מעג אַפילו זאָגן, אַ פאַראיבערגייענדיקער.

עס איז נישט וויכטיק, צי די חז"ל האָבן דאָס ווען עס איז אויסגעדריקט אין אַזאַ קלאָרער פאָרם. דאָס איז אָבער דער זין פונעם געהויבענעם פלאַץ, וואָס זיי האָבן באַשטימט פאַר תשובה, אָט פאַר יענעם כוח, וואָס איז „באַ־שאַפן געוואָרן פאַר בריאת־העולם"...

1942

שבת

לויט דעם אַלטן מדרש, האָט גאָט אויך דעם זיבעטן טאָג נישט געשאַפן. אויב רו זאָל הייסן גאָרנישט טאָן, אינגאַנצן נישט זיין באַשעפטיקט, פולשטענדיקע פּאַסיוויטעט, האָט דער בורא־עולם אין ד ע ם זינען שבת נישט אָפּגעהיט. זיין „שמירת שבת" איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער האָט אין יענעם טאָג קיין מ ל א כ ה נישט געטאָן. אָבער מלאכה קען נישט אויסשעפּן די אומבאַגרענעצטקייט פון טאָן און שאַפן. זי איז נישט מער ווי אַ טייל פון דער געטלעכער (און מענטשלעכער) אַקטיוויטעט, אַ טייל און אויך אַ געוויסע מדרגה פון אַקטיוויטעט. יעדע מדרגה האָט גאָט פאַרלאָזן דעם זיבעטן טאָג — נישט כדי זיך אָראָפּצולאָזן, חס וחלילה, אויף אַ נידעריקערער מדרגה, און נישט כדי זיך איבערצוגעבן אין רשות פון אַפּאַטישן נישט־טאָן, נאָר כדי זיך און די וועלט אויפצוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה פון שאַפונג. „ויכל אלהים ביום השביעי מ ל א כ ת ו אשר עשה... וישבת ביום השביעי מכל מ ל א כ ת ו אשר עשה" — אַלץ וואָס דער כביכול האָט באַטראַכט פאַר מלאכה, כדי אויסצופורעמען דעם עולם־החומר, האָט ער אָפּגעשטעלט פרייטיק פאַרנאַכט. שבת איז ער געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט אַ נייער אויפגאַבע — מיטן שאַפן פון ש ב ת ג ו פ א. שבת איז אַליין אויך אַ טייל פון דער אור־שאַפונג, און אַז מען וויל מעג מען זאָגן, אַז אין הינטערגרונט פון דער וועלט שטייען נישט קיין זעקס, נאָר זיבן טעג פון מעשה־בראשית. די וועלט וואָלט נישט געווען פאַרענדיקט, ווען איר באַשאַפער וואָלט זיך באַגרענעצט בלויז מיט שאַפן דאָס שטאָפלעכע; כדי זי זאָל האָבן אַ זין און אַ רעכט צו עקזיסטירן, האָט מען איר געדאַרפט געבן אַ מין גייסטיקע איבערסטרוקטור — שבת. יענער מדרש, אויב מיר מעגן אים אויסטייטשן אין אונדזערע היינטיקע טערמינען, האָט דאָ דעם רבונו־של־עולם צוגעשריבן צוויי אַטריבוטן: דעם אַטריבוט פון אַ „בעל־מלאכה" און דעם אַטריבוט פון אַ „קינסטלער".

איך האָב דאָ דערמאָנט דעם אייגנאַרטיקן מדרש נישט צופעליק. אַדאַנק דער טענדענץ פון אונדזער דור צו „פאַרוועלטלעכן" די עלעמענטן פון אונדזער טראַדיציאָנעלער קולטור, האָבן מיר אפשר אַ שיין ביסל איבערבאַטאָנט די באַדייטונג פון שבת אַלס אַ „סאָציאַלע אינסטיטוציע". ווער קען דען אייגנטלעך לייקענען, אַז ייִדן זענען געווען די ערשטע איינצופירן אַן אַבלי־

גאַטאַרישן רו־טאָג צוליב סאָציאַלע צוועקן? אוודאי און אוודאי איז שבת אַ וויכטיק און פּראָגרעסיוו שטיק סאָציאַלע לעגיסלאַציע וואָס איר צוועק איז צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פונעם אַרבעטנדיקן און עקאָנאָמיש נישט־זעלבסט־שטענדיקן מענטשן. שבת איז אויך אַ „זכר ליציאת מצרים״, אַ באַפרייונג פון יענער שקלאַפן־אַרבעט, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק, אַלס די גרעסטע פּייניקונג און דערנידעריקונג. אין אַלטערטום האָט וועגן אַזאַ רע־פאָרם קיין שום אומה ולשון נישט געוווּסט, און אויב אין מיטלאַלטער איז זונטיק געוואָרן אין דער קריסטלעכער מערב־וועלט אַן אַבליגאַטאָרישער רו־טאָג, וועלכער האָט — יעדנפאַלס פּרינציפּיעל — געדאַרפט גאַראַנטירט ווערן יעדן מענטשן, אויך דעם קנעכט, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון ייִדישע רעליגיעזע השפעות. אין דער מוסולמענישער וועלט איז, ליידער, דער דאָזיקער שוץ פו־נעם אַרבעטנדיקן מענטשן נאָך ביז היינט נישט איינגעפירט געוואָרן אין דער גענוגנדיקער מאָס. בקיצור, איך בין נישט מחולק מיט די וואָס זעען אין שבת אַ סאָציאַל־היגיענישע אינסטיטוציע פון ערשטן ראַנג, וואָס איז ביז גאָר נישט לאַנג צוריק נישט איבערגעטראָפן געוואָרן פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג אין אַ צאָל „פּראָגרעסיווע״ לענדער (עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע, אין דער ערשטער פראַנצויזישער רעפּובליק, האָט אַ דע־קרעט איינגעפירט אַ רו־טאָג איין מאָל אין צ ע ן טעג אַנשטאָט איין מאָל אין די טראַדיציאָנעלע ז י ב ן טעג). דער אינהאַלט פונעם ייִדישן שבת ווערט אָבער נישט אויסגעשעפּט אָט דורך דעם סאָציאַלן און, אין אַ געוויסן זינען, פ י ז י אָ ל אָ ג י ש ן אַספּעקט. פיזיאָלאָגיש האָט די אַלטע, די ביבלישע געזעצגעבונג נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן דעם מענטשן און זיין פערד און אָקס, זיין אייזל און קעמל. אויך בהמות האָט אַ ייִד גע־דאַרפט באַפרייען פון אַרבעט אויף שבת, ווייל אויך זיי זענען באַרעכטיקט צו האָבן אַ רו־טאָג, וואָס זאָל באַשיצן זייער געזונט און פּעריאָדיש רעסטאַווירן זייערע כוחות. דער געזעצגעבער האָט אָבער נישט געטראַכט, אַז שבת קען ווערן פאַר די שטוב־בהמות נישט נאָר אַ רו־טאָג, נאָר אויך אַ ה יי ל י ק ע ר טאָג. דעם מענטשן און נאָר דעם מענטשן האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גע־דענקען דעם שבת־טאָג — „לקדשו״, אים צו הייליקן, אין אים אַריינצוטראָגן (און פון אים אַרויסצוציִען) אַזעלכע מאָטיוון, וואָס זאָלן דעם טאָג ד ו ר כ־ג יי ס ט י ק ן. אויב נישט אינגאַנצן אין זיין אורשפּרינגלעכער אידייע, איז זיכער אין זיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג שבת אויפגעפאַסט געוואָרן אַלס אַ טאָג ווען גייסט באַהערשט שטאָף אין אַ סך אַ ברייטערער מאָס ווי אין די וואָכעדיקע טעג.

ערגעץ־ווו אין תלמוד ווערט דערציילט וועגן אַ סכנה וואָס האָט געלוי־

ערט אויף דער וועלט אין די ששת ימי המעשה. דער חומר האָט זיך זיין אייגענע דינאַמיק, און ווילבאַלד גאָט האָט אים אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ געפערלעכן דראַנג צו עקספּאַנסיע. ער האָט געזוכט אַזוי זיך אויסצושפּרייטן, אַז אין דער ספערע פון עקזיסטענץ זאָל שוין פאַר גאָרנישט נישט זיין קיין „פּלאַץ", און ער זאָל בלייבן אויף אייביק דער איינציקער יש, די איינציקע רעאַליטעט. דער כביכול האָט פּלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ בונט פון חומר, וואָס האָט געזוכט מיט זיך צו פאַרפלייצן דאָס גאַנצע „זיין": אומבאַגרענעצטע מאַסן פון נאָך־נישט־געשאַפענעם, בלויז פּאָטענציעלן חומר האָבן זיך מיט אַ ווילדער קראַפט געריסן צו עקזיסטענץ, געזוכט זיך אויסצופורעמען, זיך צו מאַניפעסטירן. יענעם בונט האָט דער בורא־עולם אָפּגעשטעלט. „עד כאן", געזאָגט, מער ווי דעם חומר וואָס ער האָט ביז אַהער געשאַפן, וועט ער נישט דערלויבן צו עקזיסטירן, און כדי צו צאַמען דעם חומרס צעיושעטן דראַנג, האָט ער אויף דער וועלט ג ו ז ר ־ ש ב ת געווען. אויך דער באַגרענעצטער חומר, וואָס גאָט האָט אים דערלויבט אַריינצוגיין אין דער ספערע פון עקזיסטענץ, איז אומגעהייער מאַסיוו, און מיט זיין שווערן געוויכט זוכט ער איינצופירן אַ מין דעספּאָטישע הערשאַפט איבערן מענטשן. דער קעגנגעוויכט אָט צו יענער דיקטאַטור פונעם שטאָפלעכן איז שבת — די ספערע פון פרייען גייסט, וואָס וואַרפט זיך נישט אונטער דער ממשלה פון חומר. אויב מצרים זאָל זיין אַ סימבאָל פון אונטערטעניקייט צום שטאָפלעכן, דאַרף שבת באַטראַכט ווערן אַלס אַ מין קאָסמישע „יציאת מצרים" — אַ פּעריאָדיש־ריטמישער אויסצוג „מעבדות לחרות", יעדע וואָך פון אַ גאַנץ יאָר, פון אייביקייט ביז אייביקייט.

נישט אומזיסט האָט זיך ביי יידן געשאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ נשמה יתירה, וואָס ווייזט אַרויס איר עקזיסטענץ אום שבת. כדי צו באַקעמפן די טיראַנישע הערשאַפט פון חומר און זיך באַפרייען פון די מאַטעריעלע צינזן וואָס דער מענטש איז געצוווּנגען אים צו צאָלן, פאָדערט זיך עפּעס מער ווי די „געוויינלעכע" נשמה, וואָס אָפּערירט מיט אירע באַגרענעצטע קרעפטן אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך. ר' שמעון בן לקיש, ווּלכער האָט אַמאָל אָט אויף דער „איבער־נשמה" אָנגעוויזן, האָט אָבער אין דעם צוזאַמענהאַנג געמאַכט אַ טעות. ביי אים קומט אויס, אַז יעדן ערב־שבת גיט גאָט אַריין אין מענטשן אַ נשמה יתירה און מוצאי־שבת נעמט ער זי פון אים צוריק. אַנדערע חכמים האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויך די נשמה יתירה איז נישט ערגעץ־ווו אויסער דעם מענטשן, עפּעס וואָס קומט יעדע וואָך אַריין אין אים אַלס אַ צייטווייליקער גאַסט. ב כ ו ח איז די נשמה יתירה קעגנוואַרטיק אין מענטשן אויך אין די וואָכעדיקע טעג — זי איז אַ טייל פון זיין וועזן, נישט קיין פרעמד־

אַרטיקער עלעמענט וואָס ווערט אין אים „דעפּאָנירט“ דורך אַ געטלעכער מע־כאַניק — נאָר ב פ ו ע ל קען זי זיך נישט אַרויסווייזן אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, מיט „מלאכה“ אָדער גאָר מיט „פּרקמטיא“ וואָס לעבט פאַראַזיטיש מיטן קאַרגן, געבאַרגענעם ביסל ליכט, וואָס זי קריגט פון „מלאכה“. אין וואָכעדיקע טעג מוז דער מענטש, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, גוזר זיין אויף זיין נשמה יתירה, אַז זי זאָל זיך מצמצם זיין, זיך באַשיידן־שעמעוודיק באַהאַלטן ערגעץ אין אַ פאַר־באָרגענעם ווינקל פון זיין וועזן, ביז ס׳וועט קומען דער מאָמענט פון שבת, ווען ער וועט זי פון דער „גזירה“ באַפרייען און דערמיט ז י ך באַפרייען. אין וואָכעדיקע טעג גייט דער מענטש אַרום ווי מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים, ווי איינער וואָס פרעטענדירט קיין נשמה יתירה נישט צו האָבן. אָן אַ מאַסקע באַווייזט ער זיך, פאַר דער אויסנוועלט, פאַרן חומר, און פאַר זיך אַליין — שבת. אין דעם זינען איז דער שבת נאַטירלעכער ווי אין וואָכעדיקע טעג. און אַט דאָס אפשר האָט דער מדרש געמיינט ווען ער האָט געזאָגט, אין בראשית רבה, „לא דומה אור פניו של אדם כל ימות השבוע כמו שהוא דומה בשבת“ (דאָס ליכט פונעם מענטשנס פּנים אַלע טעג פון דער וואָך איז נישט דאָס זעלבע וואָס אום שבת). ווען דער מענטש (אָדער „דער ייד“) וואָלט לויט זיין עצם וועזן נישט געוווען שבתדיק, וואָלט ער פון זיך קיין שבת נישט געקענט אַרויספּראָדוצירן, אָדער ער וואָלט נישט מסוגל געווען אָנצונעמען פון גאָט שבת אַלס מתנה: אויך אויף אָנצונעמען אַ געשאַנק פאָדערט זיך טאַלאַנט, באַשאַנקענקייט. דאָס וואָכעדיקע איז, פון דעם שטאַנדפּונקט, אַן אייביקע „צביעות“ וואָס דער מענטש אַלס אונטערטאַן פון דער נאַטור מוז אַרויסווייזן, כדי ווי עס איז דורכצוקומען מיט דער ממשלה פון חומר, בשעת דאָס שבת־דיקע אין אים איז דאָס אויפריכטיקע און עכטע, די אויסשטראַלונג פון זיין טיפערער נאַטור — אַט ווי היינע האָט געוואָלט גלייבן, אַז דער בן־מלך וואָס איז דורך כישוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט, אָבער אויף יעדן שבת ווערט ער צוריק אַ בן־מלך, טראָגט נאָר אַ הינטישע מאַסקע, בשעת אין זיין שורש נשמה איז ער געבליבן וואָס ער איז געווען, וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין: אַ פּרינץ.

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין שבת — אין דער אידייע פון שבת און אין זיינע מאַניפעסטאַציעס אין יידישן לעבן און דענקען — אַלץ מער ווערט מען אָנגעפילט מיטן געפיל, אַז אויב סאָציאַל איז שבת אַ ר ע פ אָ ר ם, איז ער מעטאַפיזיש אַ ר ע וו אָ ל ו צ י ע — אַ רעוואָלוציאָנערער ריטם פון אַרויספאָדערונג צום חומר, צו יענעם שטומען מאַסיוו וואָס דריקט אויפן מענטשן און וויל נישט צולאָזן זיין פרייהייט. די הויפּט־אייגנשאַפט פון חומר

איז זיין ש וו ע ר ק ר אַ פּ ט, און ער צווינגט שטענדיק דעם מענטשן צו אים צו ג ר אַ וו י ט י ר ן. שבת איז דער גענִיאַלער פּאַרזוך דעם געזעץ פון שווערקראַפט צו „סוספּענדירן״, אָדער, לכל הפחות, זיך פון אים נישט ווּיסנדיק צו מאַכן, אים מבטל צו זיין. אויס מלאכה, אויס פיקסירט־זיין אויף דער מלאכה־וועלט, אויס אָפּהענגיקייט פון דעם וואָס איז אויסער דיר און בידעריקער פון דיר. אויס זאָרג און דאגה (עס איז אַ מצוה צו דאגהן אין מיטן וואָך, כדי צו מאַכן דעם שבת ז אָ ר ג ל אָ ז). אויס דברי־חול און געבונדנ־קייט צו דברי־חול, אַ מין איבערגאַנג פונעם קעניגרייך פון נויט און קנעכט־שאַפט אין אַ קעניגרייך פון שפע און פרייהייט, פון מי צו „שפּיל״, פון שקלאַ־פעריי אין אַ טיראַנישן שטאַט צו בירגערשאַפט אין אַ רעפּובליק פון גייסט.

די דינאַמיק פון שבת איז זיג, טריוּמף: טריוּמף פון גייסט איבער מאַ־טעריע. שבת קען מען אין יעדן אָרעמען הויזגעזינט פאַרבעטן די מלאכי־השרת, אָפּגעבן זיי „שלום־עליכם״, ווי לאַנג־באַקאַנטע, באַפריינדעטע, אייגענע. דער חומר־טיראַן ציט זיך צוריק, באַהאַלט זיין פּנים, ווי אַ שולדיקער און זינדי־קער. אויף דער סצענע קומט די באַפרייענדיקע, אויסגעחלומטע מלכה. ר׳ חנינה איז נישט געווען דער ערשטער וואָס האָט דערזען איר אָנקומען און גערופן יעדן אויף אַ מין פּראָצעסיע, זי מקבל פּנים זיין: „בואו ונצא לקראת שבת המלכה״; ר׳ ינאי איז נישט געווען דער לעצטער וואָס האָט אין דער מלכה דערזען די כלה: „בואי כלה, בואי כלה!״ — יעדן איינעמס מלכה און יעדן איינעמס כלה: יחוס; מילדע, צאַרטע הערשאַפט פונעם העכערן איבערן בידעריקערן; חסד אָנשטאָט דעספּאָטיזם; האָפענונג, „מאָרגנדיקייט״, לאַקונג און פאַרשפּרעכן. מען דאַרף נאָר אָנצינדן און בענטשן די ליכט: זאַנפטע שטראַלן פון דער מלכה־כלהס אויגן וועלן פון די ליכט אַרויסשיינען. פאַר אַלעמען. פאַר יעדן באַזונדער...

1947

ימים-טובים

פאר א קאנפערענץ פון געקליבענע מענטשן איז אוועקגעשטעלט געווארן די פראגע: ווי אזוי מאכט מען דאס לעבן פון „אנשי שלומנו", וועלט־לעכע יידן, ווייניקער וואכעדיק ווי עס איז היינט; ווי אזוי קען מען „אויספּר־רעמען" פאר זיי ימים־טובים?

איך פארשטיי דאס פּראבלעם. מיר האבן זיך אלע מיטאמאל דערפילט עניים ואביונים. יעדער ליאדע ייִד אין אן אמאליק פארווארפן שטעטל איז געווען רייכער פון אונדז: ער האט פארמאגט אזא אוצר, ווי א יום־טוב. מיר האבן דעם אוצר פארלוירן. אייניקע זאגן: מיר האבן אים פארלוירן אויף דער שיף, אויפן וועג קיין אמעריקע. ארויסגעפארן גבירים, אנגעקומען קבצנים. א קערנדל אמת איז מסתמא אין דער באהויפּטונג פאראן, אבער נישט מער ווי א קערנדל. לאמיר נישט צופיל אידעאליזירן אויך די „אלטע היים". זי איז שוין אויך לאנג נישט דאס, וואס זי איז אמאל געווען. דעם טראדיציע־אויסגעליידיקטן, וואכעדיקן יידן, וואס ווייסט נישט וואס צו טאן מיט זיך אין א יום־טובדיקן טאג, האב איך געזען און גוט געקענט יארן און יארן פאר מיין אנקומען קיין אמעריקע, און אין דער געגנט פון דרום־רוסלאנד, ווו איך האב פארבראכט מיינע קינדער־יארן, האב איך שלום אשס שטעטל שוין נישט געזען. דער פארלוסט פון ימים־טובים איז פאר אונדז נישט קיין פּלוצימדיקע, קאטאסטראפישע געשעעניש. ער האט זיך אנגעפאנגען נישט אין אמעריקע, נישט מיט עמיגראציע; זיין התחלה דארף מען זוכן אין די סאמע אנפאנגען פון דער השכלה־באוועגונג, נאך אין אנהייב פונעם נייַנצנטן יארהונדערט. ימים־טובים שטארבן קיינמאל נישט אפּ מיט אמאל — זייער גסיסה, ווי די גסיסה פון קולטורן, פון ציוויליזאציעס, פון סטילן, דויערט אמאל דורות און דורות. פאר געוויסע שיכטן פונעם יידנטום האט זיך די שקיעה פון ימים־טובים, פון י ו ם ־ ט ו ב ד י ק י י ט ב כ ל ל, אנגעפאנגען שוין זייער לאנג. מיר האבן עס איצט אפשר בולטער דערזען, שארפער דערפילט, אבער דאס פּראבלעם גופא איז נישט ניי. אגב, איז דאס אויך נישט קיין ספּעציפיש־יידיש פּראבלעם.

איך האב א טראכט געטאן וועגן די נעמען פאר ימים־טובים אויף פאר־שיידענע שפּראכן. אויף אונדזער פאלקס־לשון הייסט עס „יום־טוב" — א גוטער טאג, א גאנץ אלגעמיינע, נישט קאנקרעטיזירטע, „אלגעבראישע" בא־

צייכענונג — ווייל וואָס הייסט ג ו ט? דער העברעיִשער נאָמען, יעדנפאַלס איינער פון די העברעיִשע נעמען, איז „חג״ — פייערלעכקייט, אָדער „מועד״ — אַ טאָג, ווען מען פאַרזאַמלט זיך, ווען מענטשן באַהעפטן זיך איינער אָן דעם אַנדערן, אַ „קאָנגרעגאַציע״־באַגריף. אויף דייטש — פייערטאָג, אַ טאָג ווען דער לעבנס־טאָן איז העכער, געשפּאַנטער, „שטרענגער״. אויף ענגליש — האָלידעי, אַ הייליקער טאָג, דער טאָג פון קדושה, פון זיך מתקדש זיין. אויף רוסיש אָבער (טראָץ דער וואָרצלדיקער רעליגיאָזיטעט פונעם רוסישן פאָלק) — „פּראַזדניק״, דער טאָג פון נישט־אַרבעטן, ריכטיקער נאָך, פון ליידיק־גיין, פון פוסט־און־פּאַסטעווען. איך בין צו ווייניק פילאָלאָג, אַז איך זאָל נעמען אויף זיך די אחריות פאַר באַשטימען אויף זיכער, ווי אַזוי אַזאַ וואָרט ווי פּ ר אַ ז ד נ י ק איז אַנטשטאַנען. איך פיל אָבער אין דעם וואָרט אַ מעלאַנכאָלישן אָפּקלאַנג פון דער דורות־לאַנגער געשיכטע פון רוסישער שקלאַפעריי, פון געצוווּנגענער, שווערער, מענטשלעך־אומווירדיקער אַרבעט. פאַר אויסגעמוטשעטע שקלאַפן איז אַ טאָג אָן אַרבעט, אַ טאָג פון לעגאַליזירטן פוסט־און־פּאַסטעווען שוין דערמיט אַליין אַ יום־טוב — אַ גוטער טאָג. מיר שיינט אָבער, אַז אויך פאַר אונדז, פאַר „פריייע״, מאָדערנע ייִדישע מענטשן, איז דער יום־טוב דערגאַנגען צו דער מדרגה פון „פּ ר אַ ז ד נ י ק״, אַז ער האָט דעגענערירט, זיך אויסגעליידיקט פון זיינע אינהאַלטן, געוואָרן סתם אַ טאָג פון ליידיק־גיין און פון... ליידיק־זיין.

און פאַרוואָס עפּעס טראַכטן בלויז וועגן ימים־טובים, אין ענגן, קאַלענדאַרישן זין פון וואָרט? עס איז נישטאָ קיין מער זינלאָזער מאָמענט, ווי אַ מאָמענט פון פייערלעכקייט אינעם לעבן פון אונדזערע „וועלטלעכע״ ייִדן. לאָמיר אַ טראַכט טאָן וועגן דעם ווי אַזוי מיר „פּראַווען״ אונדזערע לוויות. זינלאָז און פאַרמלאָז. מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן, און מען האָט זיך נישט ווו אַהינצוטאָן פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. איז מען מכבד דעם עולם מיט רעדעס, ווי צו אַ באַנקעט. יעדערער רעדט וואָס ער וויל. קיין שום נוסח. קיין שום זאַך, וואָס זאָל שאַפן אַ געהעריקע אַטמאָספער. קיין שום צעמענטירנדיקער עלעמענט. קיין שום אַקט, אין וועלכן אַלע זאָלן אָנטיילנעמען. קיין שום בשותפותדיקייט. אַלע זענען מסתמא פאַראייניקט דורך עפּעס אַן אינעווייניקסטן געפיל, אָבער נישט דורך אַ פאָרם וואָס זאָל די אייניקונג פאַרקערפּערן, פאַרבילדלעכן... „אונדזער טרויער איז אַ הוילער, ווי הויל און נאַקעט עס זענען אונדזערע שמחות״, האָט נישט לאַנג צוריק באַמערקט ש. ניגער. די פראַגע איז אַלזאָ נישט בלויז וועגן שמחות, וועגן ימים־טובים, נאָר אויך וועגן פייערלעכקייט בכלל, וועגן סימבאָלישע פאָרמען, וועגן קינסטלערישן אויסדרוק פון אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער פייערלעכקייט.

אָבער סימבאַליק קען מען נישט באַשטעלן, און קינסטלערישער אויס־דרוק איז נישט דאָס זעלביקע, וואָס דעקאָראַטיווער אויפדרוק. אַ יום־טוב איז קיינמאָל נישט געווען און וועט קיינמאָל נישט זיין בלויז אַ דעקאָרירטער טאָג. דאָס בלויז דעקאָרירטע איז אין גרונט נישט־אמת, נישט־עכט, און פייגנבלעטער זענען נאָך אין אָדם און חוהס צייטן געווען אַ שלעכ־טע שמירה קעגן דער חרפה פון נאַקעטקייט. צו דעקאָראַציע דאַרף מען נאָך האָבן דעם קינסטלער, דעם קינסטלערישן מענטשן, וואָס זאָל זי שעפעריש אויפנעמען און זאָל דורך דער דעקאָראַציע, דורך אירע ווונקען און רמזים, דורך איר סיסטעם פון סימנים, דערזען יענע באַזונדערע ווירק־לעכקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך. פאַר דעם נישט־קינסטלערישן מענטשן איז דעקאָראַציע די גרעסטע טיפשות, אין בעסטן פאַל — קינדערישקייט.

איך זאָג עס אַנטקעגן דעם וואָס מען קען קיין ימים־טובים נישט מאַכן, קיין פייערלעכקייטן נישט פאַבריצירן — אַפילו ווען מען זאָל דערצו באַשעפ־טיקן די בעסטע „אינזשעניערן". איך האָב אַמאָל געלייענט זשיטלאָווסקיס אָן אָפּהאַנדלונג וועגן דער ווידערגעבורט פון ייִדישע ימים־טובים, וועגן — אויב מיין זכרון דינט מיר — אַרויסנעמען די עסטעטישע מאָמענטן פון טראַ־דיציאָנעל ייִדישע חגים ומועדים און מאַכן זיי פאַרן יסוד פון נייע „וועלט־לעכע" ימים־טובים. איך גלייב נישט אַז מען קען דאָס מאַכן, ווייל ווען מען רעדט, ווי זשיטלאָווסקי האָט עס דענסטמאָל געטאָן, וועגן ווידערגע־בורט, קען מען עס נישט „פּלאַנירן", מוז עס ווידער־געבוירן ווערן, מוז עפּעס אין אונדז (נישט אויסער אונדז) אויפשטיין תחית־המתים. ווייל אַ סימבאָל איז נישט קיין אויסגעמוטשטער סימן, ווי אַ טעכנישער שיפער פאַר קאָנפידענציאָנעלע טעלעגראַמען, און אַ צערעמאָניע איז נישט קיין אויסגעטראַכטע האַנדלונג פאַר „פּאָעטיזירונג" פונעם לעבן. אַ סימבאָל איז אַ דערמאָנונג פון אָן אמת, וואָס לעבט אין אונדז, און אַ צערעמאָניע איז אָן אויסדרוק פון באַהעפטונג פאַר די, וואָס פילן און גלייבן, אַז עס איז אין דער וועלט פאַראַן מיט ווען אָדער מיט וואָס זיך צו באַהעפטן. אָן דעם איז אַ סימבאָל נישט מער ווי „שטאָף" — ווי טויטע, גאָר־נישט זאָגנדיקע מאַטעריע — אָט ווי אָנגעצונדענע ליכט אויף די טישן פון אַ בראָדווייער רעסטאָראַן — שטומע און טויבע ליכט אין פאַרגלייך מיט „געבענטשטע" ליכט פון פרייטיק צונאַכט. אָן דעם, אָן דער באַהעפט־באַדער־פעניש און דער באַהעפט־פעיקייט, זענען צערעמאָניעס נישט מער ווי — „פּוילע שטיק". און וואָס איז דען אַ יום־טוב אָן עכטע סימבאָלן און אָן עכטע צערעמאָניעס?

וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, איז נישט די טעכניק פון יום־טוב.

ווער עס האָט די טעכניק פאַרגעסן, קען זיך לייכט אָן איר דערמאָנען, קען זי לייכט נאָכאַמאָל אויסלערנען. מיר האָבן פאַרלוירן עפּעס וויכטיקערס און גרעסערס: די יום־טוב־בילדנדיקע קראַפט, די פעיקייט אויסצושניידן אַ טאָג פון דער וואָך, אַ טאָג פון אַ גאַנץ יאָר און אים — טראַנספאָרמירן, אויפהייבן אים צו יענער מדרגה פון זיין־פּולקייט, צו וועלכער יעדער אַנדערער טאָג וואָלט אויך געקענט דערהייבן ווערן, ווען מענטשן וואָלטן דערצו געהאַט כּוח, ווען מיר וואָלטן נישט געווען געצוווּנגען בדרך־כּלל צו פירן אַ לעבן פון צעשפּליטערטקייט, פון אויבערפלעכלעכקייט, פון... נישט־רעאַליטעט. אַ יום־טוב איז, לויט זיינע אינהאַלטן, נישט אַ וואָכעדיקער טאָג געכפּלט אויף פינף אָדער אויף צען, אָדער אויף הונדערט. דער אונטערשיד צווישן אמתן יום־טוב און וואָך איז נישט בלויז אַ קוואַנטיטאַטיווער (מער גייסט!) נאָר אַ קוואַליטאַטיווער (אַן אַנדער גייסט!). פרייהייט אַנשטאָט נויטווענדיקייט, „שפּיל" אַנשטאָט האַרעוואַניע, אַ בליק אין אייביקייט אַנשטאָט אַ קינעמאַטאָגראַף פון צייטווייליקייטן, גאַנצקייט אַנשטאָט צעשפּליטערטקייט, געשפּאַנטקייט אַנשטאָט יענער „באַלאַנסירטקייט", וועלכע מיר מוזן האָבן פאַר דעם וואָכעדיקן קאַמף פאַר עקסיסטענץ. יעדער מענטש, וואָס לעבט איבער אַן עכטן יום־טוב איז אַ קינסטלער, פון וועמען עס שטראַלט אַרויס אַן אַנדערע, „אמתערע" און רעאַלערע ווירקלעכקייט. אַ בעל־עגלה, וואָס פּראַוועט אַ סדר איז נישט אַ בעסערער, רייכערער און איידעלערער בעל־עגלה, נאָר — נישט מער און נישט ווייניקער ווי — אַ מלך; אַ פּעדערן־פּליקערין ווערט אַ מלכּה, אַ שטיוול־פּוצער — אַ בן־מלך...

אין גרונט, קענען דערפאַר נישט זיין קיין „וועלטלעכע" ימים־טובים. יעדער „וועלטלעכער" אָדער „פאַרוועלטלעכטער" יום־טוב איז אַ סוראָגאַט, ערגעץ־ווו אַ פאַרפעלשונג, אַן אימיטאַציע פון עפּעס וואָס איז עכט און אָריגינעל. ראַציאָנאַליסטן קענען נישט האָבן קיין אמתע ימים־טובים, פּונקט ווי זיי קענען נישט שאַפן קיין עכטע קונסט. יום־טוב איז — מיטאָס, באַפרייענדיקער שפּיל, אָבער שפּיל אין וועלכן מען גלייבט אַז ער איז אמתע טאַט, דערנענטערונג צו רעאַליטעט, צום שורש, צום מקור. עס איז גאַרנישט אָפּצושאַצן יענע „טאַלאַנטן", וואָס אַ פּרימיטיווער שבט האָט געדאַרפט אין זיך פאַרמאָגן, כּדי צו שאַפן אַיין יום־טוב, איין פאַרכּישופטן טאָג. כּדי צו האָבן אַ יום־טוב, מוז דער מענטש זיין אַ „מכשף", אַרויסכּישופן פון זיך אַליין זיין אַנדערן, נישט־ראַציאָנעלן, פרייערן און גלויביקערן איך, און דורך יענעם איך זען די וועלט, באַפרייען אין זיך — „דעם מלך".

קען מען דאָס — מאַכן, פּלאַנירן? קיין „חכמות" וועלן דאָ נישט העלפן.

כדי נאָכאַמאָל צו קריגן ימים־טובים, „פייערלעכקייטן", מוז אַ נײַ פײַערל זיך אין אונדז צעפלאַקערן, מוזן אין אונדז אויפגעוועקט ווערן האַלב־אַטראַפּיר־טע קינסטלערישע קרעפטן, מיטאָס־בילדנדיקע פעיִקייטן, דער טאַלאַנט פון סימבאָליזירן, זעערישקייט — אמונה, אַלץ איינס, צי נײַע אמונה, אָדער באַ־נײַטע אמונה, יעדנפאַלס יענע קראַפט, וואָס שטייט אין הינטערגרונט פון אַלע ביזאַהעריקע ימים־טובים, פון יעדער יום־טובדיקייט.

1937

„נעאָ־קלעריקאַלע געדאַנקען"

מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ טאָג אין פענסילוויייניע, אין אונדזערן אַ יוגנט־קעמפּ. האָב איך דאָרט געטראָפן אַרום 70—80 פּראַקטיפולע יונגע מענטשן, מיט אָפענע, ערלעכע פּנימער, מיט יענער „נישט־אויסגעוואַקסנקייט" און נישט־איבערגעשפּיצטקייט, וועלכע איז אַזוי חנעוודיק אין אַ געוויסן טיפּ אַמעריקאַנער יוגנט.

צוויי מאָל אין דעם מעת־לעת האָב איך ביי זיי בייגעוווינט אַ קליינע צערעמאָניע. איך ווייס נישט, ווער עס האָט דאָס ביי זיי איינגעפירט — מ'זאָגט מיר, אַז ס'איז אַליין געבוירן געוואָרן, „ספּאָנטאַן" — אָבער פאַרן פרישטיק און פאַרנאַכט, פאַר דער וועטשערע, פאַרזאַמלען זיי זיך אַלע אויפן פרייען פעלד און פירן־דורך עפּעס, וואָס קען אויפגעפאַסט ווערן ווי אַ שטיק „ריטואַל". דער „ריטואַל" אין פרימאָרגן באַשטייט אין אויפציִען אויף אַ הויכן סלופּ זייערע צוויי פאָנען, די אַמעריקאַנער און די ייִדישע; פאַרנאַכט — אין דעם אַראָפּציִען פון די פאָנען. בשעת דאָס ווערט געטאָן, שטייען אַלע אין אַ געשלאָסענעם קרייז אַרום דעם סלופּ און שווייגן. נאָכדעם זינגען זיי זייערן אַ הימן. אין דער פרי ווערט נאָך פאַרן הימן מערסטנטיילס איבערגעלייענט אַ קאַפּיטל תנ"ך. דאָס קאַפּיטל וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן איז, צוליב תשעה־באב, געווען — „על נהרות בבל". אַ מיידל האָט עס געלייענט אויף ענגליש (איינפאַך געלייענט, נישט, גאָט זיי דאַנק, „דעקלאַמירט"). ווען ס'איז געקומען צו די לעצטע זאַצן, צו די בני־אדום און דער בת־בבל, ווו עס ווערט זיי געווונטשן אַז עס זאָל זיי באַצאָלט ווערן פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן אונדז געטאָן, און צו דעם באַרימטן „אשרי" — צו דעם נקמה־יישר־כח פון אַ פאַרביטערט האַרץ פאַר יענעם, וואָס וועט אַמאָל זיין אימשטאַנד נעמען בבלס זויג־קינדער און זיי „צעקלאַפּן קעגן דעם פעלדזנשטיין" — האָט זיך דאָס מיידל אויף עטלעכע סעקונדן אָפּגעשטעלט. מיין איינדרוק איז געווען אַז זי האָט זיך געיִשובט מיט זיך, צי זאָל זי לייענען די לעצטע זאַצן אָדער נישט. זי האָט, ווייזט אויס, נישט געקענט פועלן ביי זיך אַרויסצוברענגען פון איר מויל די טויזנטער־יאָרן־אַלטע „וואַנדעטאַ"־פאָרמולע און האָט ביי זיך באַשלאָסן זיך צו באַגיין אָן דעם „זכור" און אָן דעם „אשרי". נאָך די סעקונדן פון אומאַנטשיידנקייט האָט זי מיט אַ שטילער, לאַנגזאַמער באַוועגונג פאַרמאַכט איר תנ"ך. דער עולם האָט זיך אין אַן אויסגעשטרעקטער

ליניע געלאָזט גיין אין עס־צימער און איך האָב נישט באַמערקט, אַז עמעצער זאָל זי פרעגן, פאַרוואָס זי האָט דאָס קאַפּיטל תהלים נישט פאַרענדיקט: ס׳האָט קיינער ביי איר נישט געמאָנט די קלאַסישע פאַרצווייפלונגס־קללה קעגן אדום און בבל...

אַן אָרטאָדאָקס אָדער אַן עבודה־זרהניק פון טראַדיציע וועט אפשר אַזאַ האַנדלונג שאַקירן: אַן אַכצן־יעריק מיידל, אַ „שנעק״ וואָס קען אַפילו נישט איבערלייענען די עטלעכע שורות אין אָריגינאַל, האָט די העזה צו „רעדאַגירן״ דעם תהלים. עס איז אָבער גוט און „פרום״ פון איר זייט, וואָס זי האָט דעם אַלטן טעקסט געשניטן, אויב די ווערטער זענען פאַר איר געווען צו אַכזריות־דיק, אויב זי האָט זיי נישט געקענט אַרויסזאָגן מיטן פולן מויל...

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. וויכטיק איז פאַר מיר דער עצם איינ־פיר פון אַ צערעמאָניע. אונדזער יוגנט דאָ הייבט, ווייזט אויס, אָן צו פילן אַלץ מער און מער אַ באַדערפעניש פאַר פאָרם, פאַר וועלכן נישט איז נוסח, פאַר אַביסל סימבאָליק. דער ראַדיקאַלער ייִד אין אַמעריקע איז יאָרנלאַנג אַרומגעגאַנגען אין נעגליזשע, געפּראַוועט זיינע ימים־טובים (אויף וויפל ער האָט ימים־טובים) אין לויזע פּידזשאַמעס, און ער איז נאָך ביז היינט פעיִק צו שטיין צעכראַסטעט אין די פייערלעכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. דער פיינערער טייל פונעם יונגן דור קען עס, ווייזט אויס, שוין מער נישט איבער־טראָגן, און ער איז דאַנקבאַר ווען עמיצער קומט און טראָגט אַריין אין לעבן אַ סימן פון צערעמאָניאַל. אַפילו נישט־געבענטשטע ליכט, אויב מען צינדט זיי פעריאָדיש אָן און מען שטעלט זיי אַוועק אויפן עס־טיש, שאַפן פאַר איר אָפּטמאָל עפּעס פון אַ יום־טוב אַטמאָספערע. אין אונדזער גרויען לעבן, באַ־טראַכט איך דערפאַר יעדן פראַגמענט פון אַן אַלטן צערעמאָניאַל, אָדער יעדן שטיקל רמז אויף אַ נייעם צערעמאָניאַל, פאַר אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג. איך פאַרשטיי גוט יענעם וואַלד־באַאַמטן, וועגן וועלכן קיפּלינג האָט אונדז אַמאָל דערציילט: ער לעבט אין וואַלד איינער אַליין, אָבער יעדן טאָג טוט ער אָן דעם פאָרמעלן דינער־אַנצוג, איידער ער זעצט זיך צו זיין סאָלאָ־סעודה. ער האָט זיך נישט געוואָלט „באַפרייען״ פון דעם שטיקל צערעמאָניאַל, אַפילו ווען ס׳איז אַרום אים נישט געווען קיינער וואָס זאָל עס זען, אָדער זאָל זיך אין דעם באַטייליקן. עפּעס פון דעם דאָזיקן וואַלד־היטערס מענטאַליטעט וואָלטן מיר געדאַרפט איצטער האָבן אויך אין ארץ־ישראל, צווישן אונדזער אַרבעטער־יוגנט מיט איר האַלב־ניהיליסטישער פאַראַכטונג צו פאָרם, צו נוסח, צו סימבאָלן און אָרנאַמענטן.

**
*

צוזעענדיק פון דער זייט די צערעמאָניע אין דעם פענסילווייניע־קעמפּ, האָט זיך מיר געדוכט אַז פאַר מיר ווערט דורכגעפירט אַ כמו־רעליגיעזער אַקט. פאַנען זענען נישט מער ווי שטיקלעך געפאַרבטער שטאָף. פאַרוואָס־זשע דאַרפן אַלע זיין אַנוועזנדיק בשעת דעם אַרויפציִען די פאַר שטיקער טעקסטיל־סחורה? און פאַרוואָס דאַרף מען עס אַזוי ערנסט און קאָנצענטרירט שווייגן, בשעת דאָס ווערט געטאָן? און פאַרוואָס דאַרף עס נאָכדעם באַגלייט ווערן פון אַ הימן? און וואָס הייסט עס, אַז איינער וואָס האָט פאַרשפּעטיקט צו דער צע־רעמאָניע פילט זיך נאָכדעם „שולדיק״? דאָ זענען פאַראַן אַ ריי סימנים פון אַן „עבודה״־אַקט: דאָס צושרייבן אַ סימבאָלישע באַדייטונג צו שטיקלעך גע־וויינלעכער מאַטעריע; דאָס אויסשניידן אַ געוויסע צאָל פייערלעכע מינוטן פונעם טאָגס געוויינלעכקייטס־שטונדן; דאָס פיקסירן פון דער פאַנטאַזיע אויף עפּעס אומזעבאַרס („אידעאַלן״, באַוועגונגס־צילן), וואָס שטייט הינטער די זעבאַרע סימבאָלן און גיט זיי צו זין און ווערט; דאָס אַרויסרופן אין זיך אַ צושטאַנד פון „אַ נ ד אַ כ ט״, און וואָס איז נישט עקזאַקט דאָס זעלביקע וואָס איך איבערזעץ מיט די ווערטער י ר א ת ה כ ב ו ד אָדער כ ו ו נ ה. אין אַלץ דעם איז פאַראַן עפּעס, וואָס מאַכט עס זייער נאָענט צו דער מדרגה פון תפילה. וואָס עס פעלט אין אַזאַ אַקט, אַז ער זאָל ווערן עכטע תפילה, איז — דאָס ביסעלע ציטער פון אַ מעטאַפיזישער שפּאַנונג, אָדער דאָס וואָס מיר ווילט זיך באַצייכענען אַלס אַ געפיל (אָדער באַוווסטזיין, אָדער ריכטיקער: געפיל פלוס האַלב־העל און האַלב־טונקל באַוווסטזיין פון... טראַנסצענדענ־טאַלע ווערטן). אויב אַזאַ געפיל־באַוווסטזיין אָדער געפיל־אונטערבאַוווסטזיין זאָל אין יענע יונגע מענטשן, וואָס איך האָב באַאָבאַכט זיין — ווי מיר זאָגן אָפט, אין אַ דרימלדיקן צושטאַנד — קען דאָס אַרויסגערופן ווערן, דורך אַן אַנדער סימבאָליק. פאַנען, יעדנפאַלס יענע פאַנען וועלכע מיר נוצן און וואָס יעדע פון זיי איז אַ קינסטלערישע על־תנאי־באַצייכענונג פון אַ היסטאָרישן אָדער פּאָליטישן ציל, זענען נישט אימשטאַנד יענע עמאָציעס אַרויסצורופן, אויפצוּוועקן, אַקטיוו צו מאַכן. די אַמעריקאַנער פאָן, מיטן גאַנצן רעספּעקט וואָס זי פאַרדינט, איז אַ „שבט״־פאָן, טראָץ דעם וואָס זי אַפּעלירט צו די געפילן פון אַזאַ ריזיקן „שבט״, וואָס באַשטייט שוין, כן ירבו, פון אַזוי פיל מיליאָנען נפשות. זי איז אַ סימבאָל פון איינהייט פאַר אַלע וואָס געפינען זיך אין לאַנד, אָבער אויך אַ סימבאָל פון אָפּגרענעצונג לגבי דער איבעריקער וועלט. דאָס זעלביקע איז, נאַטירלעך, אויך די ייִדישע פאָן: זי איז אויך אַ פאַראייניקונג און אָפּגרענעצונג, אָדער פאַרענגונג, אין איינער און דער זעל־ביקער צייט. הינטער ביידע שטייען היסטאָרישע ווערטן, גרויסע, סטימולירנ־דיקע, אָבער אויסער־מעטאַפיזישע, צו דער מערהייט מענטשלעכע ברואים

אין דער וועלט זאָגן זיי גאָרנישט — נישט נאָר פאַקטיש, נאָר אויך אין פּרינציפּ. אין די ווערטפולע עמאָציעס, וואָס זיי רופן אַרויס, איז פאַראַן אויך דער מאָמענט פון ז ע ל ב ס ט ־ א י ז אָ ל אַ צ י ע. גיט צו זיי צו אַ דריטע פאָן, די רויטע, און עס וועט זיך פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק ענדערן. זי איז אויך אַ היסטאָריש־פּאָליטישע קאַמף־פאָן, אין תוך אַ צייטווייליקע. ווען דער קאַמף וועט זיך ענדיקן, וועט מען זי אַוועקלייגן אין אַ מוזעום: זי וועט קיינעם מער נישט סטימולירן. און אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט זיין לעבערלעך זיך צו באַנוצן מיט אַ פאָן, וואָס האָט מיט זיך אַמאָל סימבאָליזירט קלאַסן־קאַמף. פאַר דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער אָדער מעטאַפיזישער דערלעבעניש (אויב עמיצער האָט אין דעם אַן אינטערעס) וועט מען אַלזאָ דאַרפן האָבן אַנדערע סימבאָלישע קעגנשטאַנדן, און איך בין נישט זיכער אַז דאָס מוז זיין דווקא אַ פאָן. מען דאַרף האָבן, כדי אַזאַ דערלעבעניש אַרויסצורופן, אויך אַן אַנדער טעקסט פון אַ הימן. נישט יעדער קאַפּיטל נביאים, אויך נישט יעדער קאַפּיטל תהלים, קען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַזאַ הימן. אונדזערע הייליקע שריפטן זענען פול מיט „היסטאָרישקייט", אונדזער סידור איז ווייט נישט ריין פון „פּאָליטישקייט", און אַ ספּעציעלער „אלהי ציון וירושלים", אויב ער מיינט בכלל עפּעס פאַרן באַוווּסטזיין פון אַ מאָדערנעם ייִדן, מיינט ער, ווייטער אַמאָל, פאַרענגונג, שבט־גייסט, „פּאָליטיק" אויסגעדריקט אין אַ סאַקראַמענטאַלער פאָרמולע. פאַר באַנייטער רעליגיעזער פּראַקטיק וואָלט מען אפשר געדאַרפט האָבן אַ נייעם סידור. ער מוז נישט זיין שפּאָגל־ניי און עס לוינט אין אים אַריינצונעמען אַ סך עלעמענטן פונעם אַלטן; אָבער אַנשטאָט אַ צאָל תפילות און פּיוטים וואָס האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט, וואָלטן געדאַרפט אַריינקומען נייע (אגב, ביי ביאַליקן זענען פאַראַן פירפינף לידער, וואָס אין אַן אַנדער עפּאָכע, מיט מער שעפערישן רעליגיעזן לעבן, וואָלטן זיי, אָן שום ספק, אָנגענומען געוואָרן פאַר תפילות).

אָבער פאַר תפילות דאַרף מען האָבן מתפללים, און פאַר מתפללים דאַרף מען האָבן מעטאַפיזיש לעבעדיקע מענטשן, און כדי דאָס צו זיין אָדער צו ווערן, מוז מען האָבן אינטעלעקטועלן און קינסטלערישן מוט. אַזאַ מוט איז אָבער אַליין שעפערישקייט און מ׳קען אים אין קיינעם נישט אַריינדרשענען...

* * *

אויף אַ געוויסער מדרגה פון קולטור (אָדער גאָר אומקולטור) באַגייט זיך אַ מתפלל אָן אַ סידור.

אין דער חסידישער מעשה האָט משה פּאַסטוך נישט געקענט דאַוונען

פון קיין סידור, ווייל ער איז געווען אומגעלערנט. אַנדערע קענען דאָס היינט נישט טאָן ווייל זיי זענען (אָדער עס דוכט זיך זיי, אַז זיי זענען) איבערגע־לערנט. אָבער אפשר ווען זיך אַמאָל די לעצטערע עפּעס אָפּלערנען פון יענעם עם־הארץ אין בעל־שמס צייטן — עבודה אָן אַ סידור? אפשר וועלן זיי שאַפן פאַר זיך אַ „שטומען" צערעמאָניאַל, לחלוטין אָן ווערטער, בלויז פון סימ־באָלישער ריטמיק? און אפשר קען זיי העלפן מוזיק, „לידער אָהנע וואָרטע"? בעטהאָווענס מוזיק מיט די ווערטער פון שילערס „ליד אָן די פרוידע", איז אין גרונט איינע פון די דערהאַבנסטע תפילות, וואָס זענען ווען עס איז גע־שאַפן געוואָרן. יעדער קיבוץ אויף דער וועלט האָט אַ טענדענץ צו ווערן אַ כאָר (אויב ער האָט נישט אַזאַ טענדענץ, דאַרף מען אים אויפלייזן), און יע־דער כאָר וואָלט געדאַרפט קענען זינגען, און האָבן אַ באַדערפעניש צו זינגען, יענעם שטיק בעטהאָווען אָדער ענלעכע מוזיק — מיט שילערס, אָן שילערס טעקסט, אָדער מיט אייגענע און נייע ווערטער, אָדער גאָר אָן ווערטער אינ־גאַנצן. מוזיק פון דעם סאָרט גיט יעדן גלייך דעם געפיל, אַז זי איז אָדער קען ווערן פאַרשטענדלעך אויך פאַר אַ יאַפּאַנעזער און אַ סיאַמעזער, פאַר אַ זולו און אַ האָטענטאָט, פאַר אַ קאַפּיטאַליסט און אַ פּראָלעטאַריער און ווי די אַלע זיבן זאַכן הייסן אין אונדזערע אומפאַרמיידלעכע סאָציאַל־היסטאָרישע קלאַ־סיפיקאַציעס. אויב אונדזער גאַנצע קולטור זאָל אונטערגיין, און שפּעטער מיט צען טויזנט יאָר זאָל מען געפינען אונטער דער ערד די נאָטן פון אַזאַ מוזיק, און מ׳זאָל זיי קענען איבערלייענען, וועט יענע מוזיק ווערן מיט דער צייט פאַרשטענדלעך און אָנהייבן אינספּירירן דעם מענטשן פון נאָך דעם צווייטן מבול. מיט פאַנען אָדער אָן פאַנען (אָדער גאָר מיט אַנדערע סימבאָלן) וואָלט איך איינגעפירט אין אונדזערע קעמפּס, און נישט נאָר דאָרטן, אומגע־פער אַזאַ „עבודה" פאַרן פרימאָרגן און פאַרן פאַרנאַכט. דאָס וועט נאַטירלעך נישט דערפילן די פונקציעס נישט פון „התקוה" און פון „תחזקנה", נישט פון דעם אַמעריקאַנער הימן און נישט פונעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער ווער הייסט דען אויסשליסן זיי פון אונדזער פּראַקטיק און פון אונדזער לעבנסשטייגער? אויך די „שבט"־לידער האָבן זייער פּלאַץ, און נישט נאָר זיי, נאָר אַפילו, להבדיל... סאָלדאַטסקע לידלעך קענען און דאַרפן, אין געוויסע פּעריאָדן, שפּילן זייער ראָלע. איך וואָלט נאָר וועלן, אַז זיי זאָלן „וויסן" זייער פּלאַץ, און אַז מיר זאָלן געדענקען, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט אויפן אויבן־אָן.

1940

וואָס טוט איצט גאָט? ווו איז ער, אויב ער איז בכלל ערגעץ־ווו פאַראַן? פאַרוואָס שווייגט ער? איז ע ר גאָר אפשר דער דיריזשער הינטער די קוליסן פון דעם דאָזיקן טייוולאָנישן ספעקטאַקל; פון דער מאַוימדיקסטער בלוטצאַפּעניש וואָס אונדזער פּלאַנעט האָט ווען עס איז געזען? איז דאָס זיין האַנט וואָס פירט אָן מיט מיליאָנען קינס, וועלכע שאַנעווען נישט קיין מערדערס, שענדן טעכטער און לאָזן רעגענען מיט באָמבעס אויף גרייזע קעפּ און אויף זויגלינגען אין די וויגעלעך? אָדער איז ער „נייטראַל״? האָט ער זיך „איזאָלירט״ ערגעץ־ווו אין דער אומענדלעכקייט פונעם חלל העולם, און עס גייט אים נישט אָן, וואָס ס׳קומט פאָר אין יענעם פּיצינקן, „פּראָווינציעלן״ ווינקל, וואָס רופט זיך ערד? אָדער ליידט ער גאָר מיט אונדז צוזאַמען, און פאַרגיסט טרערן אויף יעדן אומשולדיקן טראָפּן בלוט, און איז אַליין שוואַך און אומבאַהאָלפן, געשמידט אין קייטן פון שטומער נויטווענדיקייט, אָדער אויסגעזעצט צום כאַאָס פון צופעליקייט?

וואָס טוט איצט גאָט? ווו איז ער, אויב ער איז בכלל ערגעץ־ווו פאַראַן? אין דער פּוריטאַנישער מאַסאַטשוזעטס וואָלט מען אַמאָל באַצאָלט מיטן קאָפּ פאַר אַרויסרעדן אַזעלכע ווערטער. היינט דערלויבט מען זיך אָפּצודרוקן אַזאַ, אָדער כמעט אַזאַ, פראַגע אַלס טיטל פון אַן אַרטיקל אין אַ טעאָלאָגישער צייטשריפט („קריסטשען סענטשורי״).

אָבער ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן: רעווערענד קרעין, אַ מעטאָדיסטישער מגיד פון דעטראָיט, האָט זיך בלויז אויף אַ מינוט אַ שפּיל געטאָן מיט ניהיליסטישע פראַזן. ער איז, חס ושלום, נישט קיין אַפּיקורס און נישט קיין גאָט־לעסטערער. פאַרקערט, ער האַלט זיך גאָר פאַר אַ גרויסן מאמין, און קוקט ער אויף דער היינטיקער וועלט, אויפן פּיין און ליידן פון הונדערטער מיליאָנען גאָטס ברואים, רירט עס נישט אָן זיין אמונה. פאַלט ער נישט אַריין אויף קיין איין מינוט אין צווייפל. פון זיינע פרומע ליפּן וועט זיך קיינמאָל נישט אַרויסרייסן די ציניש קללה פונעם אויפגעטרייסלטן פאַלקסמענטשן — „אַ רוח אין דער וועלטס טאַטן אַריין״. ווייסט ער דאָך, ווער דער וועלטס טאַטע איז, און איז ער דאָך זיכער, אַז יענער באַהאַנדלט זיינע באַשעפענישן פאָטערלעך. ער איז בלויז גרייט צו שטעלן אַפּיקורסישע קשיות, כדי צו געבן אויף זיי אַ פרומען ענטפער: „דע מה שתשיב לאפיקורס״. אָבער זיין אייגע־

נער גלויבן איז פעלדזן־פעסט, און אַ נאַר און אַן עוכר־קריסטנטום איז דער, וואָס מיינט אַז די וועלט איז אַ פאַרלאָזענער יתום. ער, דער מעטאַדיסטישער רעווערענד פון מישיגען, ווייס דעם טיפן סוד פון דער הויה און פון אַלץ וואָס געשעט אין איר — אַט יענעם אַלטן און אייביקן סוד, מיט וועלכן אליפז האָט זיך אַמאָל אַוועקגעלאָזט פון זיין הײמלאַנד תימן אין דעם לאַנד עוץ, כדי דאָרט צו שיטן טרייסט־זאַלץ אויף די ווונדן פון זיין פריינט איוב. און דער סוד איז אַ גאַנץ פּשוטער, און עס ווייס אים נישט — נאַר דער, וואָס וויל אים נישט וויסן: צוויי מאָל צוויי איז פיר; אַז עס רעגנט אין צייט וואַקסט גראָז און די שעפסן ווערן פעט; אַ האָגל פאַרדאַרבט די תבואה; פון נישט וואַשן זיך שפּראָצן אַרויס אויפן פנים פּרישטשעס; ווו עס וואַקסט דער רער־שטאָק פון אויבן, איז פאַראַן אַ זומפּ פון אונטן, און ווו דו זעסט ליידן, זוך חטאים — די פּרישטשעס אויפן פנים פון דער וועלט. אליפז התימני איז דער פּיזי־קער אין טעאָלאָגיע; איר נאַטורוויסנשאַפטלער און אויך איר יוריסט. שכר־ועונש איז אַ נאַטור־געזעץ, אַ געזעץ וואָס גאָט האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער וועלט — פון בראשית ביז... נו, ביזן לעצטן ביז. און זיצט איוב אויף שטויב און אַש, מיט קרעץ אויפן גאַנצן גוף, אַן זין און אַן טעכטער, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט אַ פּרוי וואָס קען נישט פאַרטראָגן זיין פּיין און הייסט אים שילטן גאָט, כדי אַרויסצורופן זיין גרימצאָרן, וועלכער וועט איובן אפשר פאַרניכטן און דערמיט באַפרייען פון עינויים — מעסט אים אליפז התימני אָפּ פונעם באַאַשטן קאָפּ ביז די באַשטויבטע פינגערשפּיצן פון די פיס, און „טרייסט" אים מיטן באַרימטן פסוק:

„מי הוא נקי אבד,
ואיפה ישרים נכחדו?"

(ווו איז דען פאַראַן אַ ריינער, וואָס איז אומגעקומען? און ווו זענען דען יענע גערעכטע, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן?).

איוב ליידט — הייסט עס, אַז ער האָט געזינדיקט. און לייקנט ער זיינע זינד, באַגייט ער ערשט איצטער דעם גרעסטן פאַרברעכן, דעם חטא פון גאָט־לעסטערונג — האָט ער אויסגעטראַכט אויף גאָט אַ בילבול, אַז ער שטראָפט אַן אומשולדיקן, אָדער אַז די בוכהאַלטעריע, כביכול, פון גוטע און שלעכטע מעשים איז ביי אים נישט אין אָרדענונג.

אַן אַלטע, דיסקרעדיטירטע לערע? ס'איז גאָר נישטאָ, דוכט זיך, אַזאַ זאַך אויף דער וועלט. עבודה־זרהס ווערן גאַרנישט אַזוי לייכט פאַרניכטעט און אַבסורדע פרומקייטן האָבן אַ טבע אויפצושטיין תחית־המתים. הערן מיר דאָך היינט פון דעטראָיט די זעלביקע חכמה, מיט וועלכער אַ סעמיטישער

שעיך האָט „מנחם־אבל״ געוועז זיין פריינט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און איז דען רעוורענד קרעין דער איינציקער אליפז אין דער היינטיקער רעליגיעזער וועלט — ביי קריסטן, ביי ייִדן, ביי מאָכמעדאַנער? טוט אַ קראַץ דעם דורכ־שניטלעכן פרומען — אומעטום ווו מענטשן פרומעווען — און איר וועט באַלד אויפדעקן אין אים דעם פאַר־איוב־מענטשן, מיט אַן אויפפאַסונג פון אַ וועלט־רעגירער, אַן אדון עולם, וואָס פירט די וועלט מיטן שכל פון אַ יושרדיקן מלך בשר־ודם...

* * *

דער דעטראַיטער אליפז איז איצט נישט דער איינציקער וואָס וויל אונדז כאַרזיכערן, אַז היטלער איז גאָטס רוט, אַז דורך אים אָדער מיט אים שמייסט אונדז אַלעמען דער רבונו של עולם פאַר אונדזערע זינד. איך האָב די טעג דאָס זעלביקע געהערט פון אַ באַקאַנטן ייִדישן פירער אינעם פאַר־היטלער־דייטשלאַנד. ביידע, דער מעטאָדיסטישער גלח און דער אַמאָליקער ייִדישער פירער, זענען פרום, יעדער אויף זיין אופן; ביידע האָבן זיי געלייענט די נביאים, און ביי ביידע לייגט זיך אויפן שכל, אַז ווי דער אל קנא ונוקם האָט אַמאָל געשטראָפט ישראלן דורך די חיילות פון אשור, אַזוי שטראָפט ער איצט די גאַנצע וועלט פאַר אירע חטאים דורך נאַציישע טאַנקען און עראָפּלאַנען; דורך סאָלדאָטן וואָס שענדן ייִדישע און נישט־ייִדישע טעכטער, קינדער, גרייזן. ביידע פילן זיי נישט, ווי זייער גאָט איז אַליין געוואָרן אַ באַרבאַר. אין פאַר־היסטאָרישע צייטן האָט גאָט געשיקט אויף זינדיקע מענטשן זיין שטראָף, נישט אָנקומענדיק צו דער הילף פון בשר־ודמס. די שטראָף איז געווען אַ די־רעקטע — מן השמים. אַזוי איז געווען דער מבול, אַזוי איז אויך געווען די צעשטערונג פון סדום און עמורה. עס קומט אויס, אַז די קרעפטן פון דער נאַ־טור וואָס געפינען זיך אין זייער באַשאַפערס רשות, זענען פאַר אים נישט גענוג, און אין היסטאָרישע צייטן האָט דער אדון עולם אָנגעהויבן „דינגען גענגסטערס״: אַמאָל אַשור און בבל, אַמאָל מאַנגאָלן אָדער רוים, און איצטער — היטלערן. אין פלאַם פון זיין גערעכטיקייט באַשטראָפט גאָט זינדיקע דורך די הענט פון טויזנט מאָל מער זינדיקע — מאַכט ער בכיוון אַ גרויס פאָלק פאַר ערשטקלאַסיקע רשעים, כדי זיי זאָלן זיך אָפּרעכענען פאַר אים מיט צווייט־קלאַסיקע בעל־עבירהס. ווייל אין פוילן און אין סקאַנדינאַוויע, אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, האָט מען נישט גענוג פראַקטיצירט גאָטס געבאָט פון ליבע, האָט ער פאַרוואַנדלט צענדליקער מיליאָנען דייטשן אין רוצחים און סאַדיסטן און זיי געשיקט „אויסקורירן״ די איבעריקע פעלקער פון זייער ליבע־מאַנגל. ווען אַזעלכעס וואָלט געטאָן אַ מלך בשר־ודם, וואָלטן מיר אים

אַלע באַטראַכט פֿאַר אַ מטורפֿדיקן טיראַן, וואָס פֿאַרפּלייצט די וועלט מיט טומאה און רציחה. „טוט" דאָס אָבער דער רבונו של עולם, דאַרף מען אַרויפֿ־ציִען ס׳ביסל פֿרומקייט אויפֿן פּנים און מאַכן אַ ברכה. יאָ, ברוך דיין אמת...

**
*

די אַלטע באַדערפֿעניש פֿאַר טעאָדיצייע — פֿאַר צידוק־הדין... גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, און איך, פּלוני בן פּלוני, נעם זיך אונ־טער „אויפֿצוקלערן" פֿאַרוואָס און ווי אַזוי ער איז גערעכט. אַמאָל נעמט אויף זיך די ראָלע אַ בעדויִנישער שעיך, אַמאָל אַ נביא, אַמאָל אַ מערב־אייראָפּעיִ־שער פֿילאָזאָף, ווי לייבניץ, אַמאָל אַן אוניווערזיטעטס־געהיימראַט ווי פּאַול־סען. צוויי דורות נאָכאַנאַנד האָט פּאַולסען געקנעלט זיין רעכטפֿערטיקונג פֿון גאָט און פֿונעם סדר־העולם, וואָס האָט שטענדיק געהאַט דעם „חן" פֿון דער אַמאָליקער קאַטוילישער דערקלערונג, פֿאַרוואָס עס עקזיסטירט אָרעמקייט אויף דער וועלט: דער רייכער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו געבן צדקה און זיך פֿאַרזיכערן מיט עולם הבא. אַלץ, הייסט עס, איז געקניפּט און געבונדן איינס מיטן אַנדערן, און אומעטום קען מען זען געטלעכן שכל, יושר און ליבע: האָט דאָך גאָט באַשאַפֿן ווערעמלעך, כדי די פֿייגעלעך זאָלן האָבן וואָס צו עסן און כדי זיי זאָלן האָבן חשק צו זינגען שירה צום זונען־אויפֿגאַנג. עס־האַרצישע ווערעמלעך: זיי האָבן נישט געלערנט קיין תורה אין אַ מיטלאַלטערלעך־קאַ־טוילישער שולע, איז פֿון וואַנען זאָלן זיי פֿאַרשטיין זייער ראָלע אין דער וועלט? דער שכל איז דאָך, ווי, למשל, ביי אַזאַ צידוק־הדין־פֿילאָזאָף, ווי פּראָ־פֿעסאָר פּאַולסען, אַ פּשוטער: שלעכטס איז דער שאָטן־הינטערגרונט אָדער דער „פֿאָן" פֿאַרן גוטן (יעדער מאָלער ווייס און קען אייך געבן צו פֿאַרשטיין דעם אייביקן געזעץ פֿון קאָנטראַסטן אויף זיינע לייוונטן), און, ווי מיר האָבן אַמאָל געהערט פֿון דעם זעלביקן פּאַולסענען, זענען די פּראָקוראָרן און ריכ־טער אין אַטען געווען „די ריכטיקע פּאַסונג" פֿאַר סאָקראַטעסן: אָן זייער רשעותדיק־אידיאַטישן טויט־אורטייל וואָלט מען דאָך נישט געקענט בולט אַרויסזען די מאָראַלישע גבורה און וויזהייט פֿונעם גריכישן פֿילאָזאָף. און אַן אַנדער דייטשער פּילפּול־מייסטער, ווען ס׳איז געגאַנגען אין לעבן צו פֿאַר־פֿעסטיקן זיין מער וועלטלעכע פֿרומקייט און צדוק־הדין־פֿילאָזאָפֿיע, האָט אַפֿילו געהאַט אַ רייך־לאָגישן, כאָטש נישט קיין עקספּערימענטאַלן באַווייז, אַז די וועלט ווי זי איז איז אין אָרדענונג, און אַז דאָס געשען וואָס געשעט אין איר איז נישט ווייניקער אין אָרדענונג: „אויב די וועלט איז אַ זאַך וואָס ס׳וואָלט געווען בעסער ווען זי וואָלט נישט געווען, דאַרף דאָס דאָך הייסן, אַז

אויך אַזאַ געדאַנק וועגן דער וועלט, וואָס איז אַליין אויך אַ שטיק פון דער זעלביקער וועלט, איז אַ געדאַנק וואָס ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען ער וואָלט נישט געדאַכט געוואָרן; ווען אָבער אַ געדאַנק, וואָס דערקלערט אַז די וועלט איז שלעכט, איז אַ שלעכטער געדאַנק, איז עס דאָך אַ סימן, אַז די וועלט איז גאָר גוט" (דוד פרידריך שטראַוס). נישט אומזיסט פלעגט ניטשע טענהן, אַז אַזאַ „באַגרינדעטער" אָפּטימיזם קען טרייבן יעדן פיין-פילנדיקן מענטשן צו זעלבסטמאָרד. ניטשען, טראַכט איך אַמאָל, וואָלט אַ סך נענטער געווען צום האַרצן די גאָטלעסטערישע „פילאָזאָפיע" פונעם אַנעקדאָטישן יִדישן שניידער, וואָס האָט געהאַלטן דעם רבונו של עולם פאַר אַ שלעכטן „בעל מלאכה". ווען דער רב האָט אים אויסגערעדט, פאַרוואָס עס האָט ביי אים געדויערט אויפ־צונייען פאַר אים אַ פּאָר הויזן גאַנצע זעקס וואָכן, בשעת דער ריבונו של עולם האָט אין נישט מער ווי זעקס טעג באַשאַפן די גאַנצע וועלט, איז דער שניידער ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן: „זעט איר דאָך, רבי, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט אַ וועלט וואָס מען באַשאַפט אין איילעניש; אָבער טוט נאָר אַ קוק אויף די פּאָר הויזן וואָס איך האָב אייך געמאַכט, — ס׳איז דאָך אַ מחיה צו קוקן אויף זיי, און ווי קענט איר זיי פאַרגלייכן מיט אַזאַ פּאַרטאַטשעסקע שטיקל אַר־בעט ווי מעשה־בראשית?".

יענער שניידער האָט דעם רב מסתמא טיף שאָקירט (אַ שטרענגערער פון אים וואָלט דעם שניידער אַריינגעלייגט אין חרם, אַ מער סענסיטיווער פון אים וואָלט געריסן קריעה), און אַלע ראַציאָנאַליסטישע גאָט-וועלט-אַדוואָ־קאַטן, פון אליפז התימני ביז רעווערענד קרעין פון דעטראָיט, וואָלטן מסתמא געווען גרייט פאַר אַזאַ ווולגאַריטעט אים דורס צו זיין. און דאָך איז אין דעם הוצפּה־הומאָר פונעם אומצופרידענעם שניידער פאַראַן מער עכטקייט און ער־לעכקייט, ווי אין אַלע צדוק־הדין־טעאָריעס, און ממילא איז ער שוין אויך... רעליגיעזער.

**
*

אין 1755 — דאָס האָט פּאַסירט גראָד אין „טאָג פון אַלע הייליקע" — איז ליסאַבאָן צעשטערט געוואָרן פון אַן ערדציטערניש. עס זענען אין יענעם טאָג אומגעקומען אַרום דרייסיק טויזנט מענטשן, צווישן זיי גרויסע צאָלן בשעתן דאַוונען אין די קירכן. זשאַן־זשאַק רוסאָ האָט אין דער ליסאַבאָנער קאַטאַסטראָפע געוואָלט זען אַ שטראָף פאַר מענטשלעכע זינד: הלמאַי ווילנען מענטשן אין דער ענגשאַפט פון גרויסע שטעט, בשעת די נאַטור האָט געבאָטן, זיי זאָלן לעבן אין איר „מוטערלעכן שויס"? (און דאָס האָט געקנעלט מיט זיינע צייטגענאָסן רוסאָ, אַ שווייצער, וועלכער האָט גוט געוווסט, וויפל שוויי־

צאַרישע דאַרפסמענטשן עס וועלן צעקוועטשט אין דעם „מוטער־שויס״ דורך די גלעטשערס אין די בערג!). ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אַ קלער טאָן, אַז אויב די ערדציטערניש איז אַן עונש פאַר גרויסשטאָטיקייט, וואָלטן שכל און יושר געדאַרפט מחייב זיין דעם אויבערשטן, ער זאָל זי גיכער אָנשיקן אויף פאַריז און לאָנדאָן — אויך אין יענע צייטן גרעסערע שטעט ווי ליסאַבאָן. דאָס זעלבע אומגעפער האָבן געטאָן פאַריזער גלחים: די ערדציטערניש, האָבן זיי געדונערט אין זייערע זונטיק־דרשות, איז אַן עונש מן השמים פאַר די עבירות פון דער ליסאַבאָנער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ גאַנצער דור פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די פאַריזער פאַטערס האָבן געוווסט, אַז קיינער וועט נישט וואַגן צו פרעגן, מיט וואָס זענען די פּאָרטוגעזער אין ליסאַבאָן מער זינדיק איידער פראַנצויזן אין זייער אייגענער הויפּטשטאָט אָדער שפּאַניער אין מאַדריד. אָבער אַדאַנק אי רוסאָן, אי די קאַטוילישע אַלץ־ווייסער פון פאַריז: זיי האָבן אַרויסגערופן מיט זייערע איבונגען אין דער נאַטורס און גאָטס גערעכטיקייט וואָלטערס סאַרקאַזם (זיין דערציילונג „קאַנ־דיד״). וואָלטערס העלד, פּראָפעסאָר פּאַנגלאָס (פון וואָס איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר? יאָ, פון אַ זייער עקזאַקטער וויסנשאַפט, פון „מעטאַפיזיקאָטעאָ־לאָגיקאָקאָסמאָניקאָלאָגיע״) האָט אויך געקאָנט דעמאָנסטרירן אַז אַלץ אין דער וועלט איז צוועקמעסיק איינגעריכט פאַרן גערעכטן און גוטן: „זעט איר דען נישט, אַז די נאָז איז באַשאַפן געוואָרן, כדי ס׳זאָל זיין אויף וואָס צו טראָגן ברילן; אַז וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין פיס, וואָלט נישט געווען אויף וואָס אָנאָנצוטאָן אַ פּאָר זאָקן; אַז די נאַטור פאַרמאָגט שטיינער, כדי עס זאָלן זיין פון וואָס צו בויען פּאַלאַצן, און אַז חזירים זענען באַשאַפן געוואָרן, כדי מיר זאָלן אַ גאַנץ יאָר קענען האָבן אויף אונדזער טיש געריכערטן שינקען?״ אָבער וואָס האָט דען וואָלטער געוואָלט באַווייזן מיט זיין סאַטירישער דערציילונג? איז ער דען געווען אַן אַטעיִסט? ער האָט נאָר פיינט געהאַט די פרומקייט פון שטות און זעלבסט־נאַרעריי. ער האָט נאָר נישט געוואָלט אָננעמען קיין על־פּי־שכל־טעאָדיציייע. אויב נאָר על־פּי־שכל, און על־פּי אונדזער באַגרענעצט־ער־לעכן מענטשלעכן שכל, וואָלט ער זיכער מסכים געווען זיך אונטערצושרייבן אונטער בערטראַנד ראַסעלס אַ חילול־השם־זאַץ: „אין אַזאַ וועלט, פול מיט קעגנזאַץ, קען איך נישט געפינען גאָט; זיכער קען איך דענקען, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ שטיפערישן מעפיסטאָפעל, דערצו נאָך אין צושטאַנד פון אומפאַרגלייכלעכער טייוולישקייט״. אָבער ראַסעל איז סיי־ווי־סיי אַן אַטעיִסט, בשעת וואָלטער איז שוין געווען אַזאַ פרייער און זעלבסטשטענדי־קער גייסט, אַז ער האָט געהאַט דעם מוט צו זיין אַ כופר אין כפירה־בעיקר.

ער איז געווען אַ דעיִסט, אָבער האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגענומען תופס צו זיין און גאָר נאָך אַנדערע אויפצוקלערן דעם כביכולס דרכים...

* * *

עס וואָלט געווען ווילד, אומנאַטירלעך און אפשר די גרעסטע אַנטוישונג פון אונדזער צייט, ווען דאָס, וואָס די וועלט לעבט איצטער דורך, וואָלט ביי קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין באַדערפעניש אין אַ רעליגיעזן חשבון־הנפש. אליפז התימני טאָר אָבער מער נישט זיין אונדזער וועגווייזער. אַן ערדציטערניש און אַ פאַרפלייצונג, אַ מלחמה און אַ פּאָגראָם קענען און דאַרפן אַרויסרופן הרהורי־תשובה, אַ געפיל פון אַלגעמיינער זינדיקייט. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט דער אידייע פון אַ קאָסמישן פּאָליציי־מאַגיסטראַט, וואָס טיילט אויס שכר און עונש פאַר מצוות און עבירות. קיינער האָט קיינמאָל אַזאַ גאָט נישט געקענט דעמאָנסטרירן, קיינער קען דאָס אויך היינט נישט. לויט שכר־ועונש וואָלט היינט, פאַר אַלעמען, געדאַרפט קומען אַן אויסכאַפּעניש אויף בערלין און מינכען, אויף רוים און נעאַפּאָל (און דאָס אפשר אויך נישט, סיידן מען זאָל פריִער שיקן מלאכים, וואָס זאָלן מאַכן, ווי ביי די בכורים אין מצרים, סימנים אויף די טירן, מ'זאָל וויסן וועמען צו שאַנעווען). לויט שכר־ועונש — זאָל מיך דער אוניווערסאַלער גאָט נישט שטראָפן פאַר מיינע „שאָוויניסטישע" רייד — וואָלטן היינט ייִדן געדאַרפט ליידן ווייניקער און נישט מערער, ווי אַנדערע אומות, ווייל כאָטש איך האַלט זיי נישט פאַר צדיקים בני־צדיקים, גלייב איך באמונה שלמה, אַז זיי האָבן געזינדיקט אַ סך ווייניקער פון אַנדערע. דאָס רעליגיעזע דענקען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אָפּזאָגן פון ראַציאָנאַליסטישן צדוק־הדין, פון פאַרטייטשן גאָט און אויסטייטשן זיינע מעשים. נישטאָ קיין וויסנשאַפט פון גאָט און קיין וויסן פון זיינע דרכים, און ווער עס זוכט אין וועלט־געשען אַ מאַניפעסטאַציע פון גאָטס גערעכטיקייט און גוטסקייט, ווער עס זוכט אַן „אות" און אַ „מופת", אַן עמפּירישע, דעמאָנסטרירבאַרע באַשטעטיקונג אַז ע ר איז דאָ און אַז ער איז דער טרעגער פון העכסטן גוטן, וועט דאָס קיינמאָל נישט געפינען, און אויב אַפילו ער וועט טענהן, אַז ער האָט יאָ געפונען — וועט עס זיין בכיוונדיקער אָדער אומבאַוווסטער שקר וכזב. וועט ער וועלן זיין ערלעך מיט זיך, וועט ער מוזן אָדער אינגאַנצן לייקענען גאָטס עקזיסטענץ, אָדער קומען צום שלוס, צו וועלכן עס קומט דער העלד פון דער לאַטייִנישער דראַמע ס י ע ס ט ע ס: „תמיד האָב איך געזאָגט און וועל ווייטער זאָגן, אַז די הימל־געטער עקזיסטירן, אָבער זיי אינטערעסירן זיך נישט מיט דעם, וואָס דער מענטשלעכער מין טוט. וואָלטן זיי געהאַט אַזאַ אינטערעס, וואָלט די גוטע געווען גוט און

די שלעכטע שלעכט״. אַזוי וועט ער מוזן דענקען, אויב ער וויל בלייבן אויפן שטח פון אַ ראַציאָנאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג. פון דער אַנדערער זייט, דער רעליגיעזער מענטש, אויב ער וויל בלייבן וואָס ער איז און האָבן אַ ווערט אין זיינע אייגענע אויגן, דאַרף זיך לערנען דאָס גלויבנדיקע נישט־וויסן, דאָס אַוואַנטוריסטישע פאַרטרויען, אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַרוועו, ביי איובן:

„והחכמה מאין תבוא,
ואי־זה מקום בינה?
ונעלמה מעיני כל חי,
ומעוף השמים נסתרה...
אלהים הבין דרכה,
והוא ידע את מקומה".

(איוב כח: כ, כא, כג)

(„און די וויזהייט — פון וואַנען קומט זי, און ווו איז דער אָרט פון דערקענטעניש? זי איז פאַרבאָרגן פון די אויגן פון אַלעם לעבעדיקן, און פאַרן פויגל פון הימל איז זי פאַרהיט... (נאָר) גאָט ווייס איר וועג, און (נאָר) ער ווייס איר אָרט").

איוב ווערט געטרייסט „אויף שטויב און אַש". ווער האָט אים געטרייסט? נישט די פריינט מיט זייער טעאָלאָגישער לומדות, אויך נישט גאָט אַליין. גאָטס „שטים פונעם שטורעמווינט" האָט איובן גאָרנישט נישט אויפגעקלערט; זי האָט נאָר אויסגעברייטערט דעם שטח פון זיין נישט־וויסן און נישט־פאַרשטיין, געעפנט פאַר אים אומבאַגרענעצטע האָריזאָנטן פון אומבאַגרייפלעכקייט און אומדורכדרינגלעכקייט, געמאַכט פאַר אים דעם סוד פון דער הויה פאַר נאָך אַ גרעסערן סוד. „נפלאות ממני ולא אדע" (דאָס זענען פאַר מיר אומבאַגרייפלעכקייטן און איך פאַרשטיי זיי נישט); טרייסטן טרייסט ער זיך נאָר מיטן באַוווּסטזיין, אַז זיין ליידן איז אַ טראָפּן אין אַן אומענדלעכער מיסטעריע פון זיין און לעבן.

ווער עס זוכט „באַווייזן", „ראיות", וועט זיי קיינמאָל נישט געפינען. ווער עס קען נישט זאָגן צוזאַמען מיטן תהלים־דיכטער „גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירע רע, כי אתה עמדי" (אפילו מיר זאָל אויסקומען צו גיין דורכן טאָל פון טויט־שאָטן, האָב איך נישט מורא פאַרן בייזן, ווייל דו ביסט מיט מיר), דער האָט זיך נישט דערהויבן צו דער גבורה־רעזיגנאַציע פון גלויבן. ראַציאָנעל וועט שטענדיק בלייבן גערעכט איוואַן קאַראַמאַזאָוו: „נישטאָ מיט וואָס צו פאַרענטפערן דאָס טרערל אַפילו פון איין פאַרפייניקט

קינד״. דער פרומער מענטש מוז זיך אויסלערנען נישט זוכן קיין „מופתים״ קיין באַשטעטיקונגען, וואָס ער קען אָנטאַפּן מיט די הענט אָדער אויפפּאַסן מיט זיין שכל. די, וואָס זענען אין דאָסטאָיעווסקיס מאַנאַסטיר אַנטוישט געוואָרן פון דעם, וואָס דער הייליקער זאָסימאַ איז געשטאָרבן און זיין טויטער קערפּער האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין ריח־ניחוח (פון זאָסימאָס קערפּער האָט זיך געטראָגן דער זעלביקער איבלער גערוך, וואָס פון אַלע מתים), זענען ערב־אַטעיִסטן. די וואָס „פאַרזוכן״, פּרובירן אויס גאָט, וואַרטן פון אים אויף אַ „סימן״ — גלייבן נאָך אין אַ מאַנאַטעיִסטישן געטשקע, פון וועלכן זיי מוזן זיך פריִער אָדער שפּעטער אָפּקערן. דער טיפערער, רעליגיעזער מענטש האָט אין דעם שטענדיק געזען די שלאַנג פון אומגלויבן, די סיטרא־אחרא וואָס וויל אַראָפּפירן דעם מענטשן פונעם דרך הישר. נישט אומזיסט ווערט דערציילט אין די ערשטע קאַפּיטלען פון נייעם טעסטאַמענט, ווי דער שטן האָט געזוכט צו פאַרפירן דעם אותו האיש. „אויב דו ביסט גאָטס זון״, האָט ער צו אים געטענהט אין דער מדבר, „באַפעל אַז די דאָזיקע שטיינער זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין לאַבנס ברויט... אויב דו ביסט גאָטס זון, וואַרף זיך אַראָפּ פון דאַנען... שטייט דען נישט געשריבן „כי מלאכיו יצווה לך, לשמרך בכל דרכיך״, (ער וועט פאַר דיר באַפעלן זיינע מלאכים, אַז זיי זאָלן דיך אָפּהיטן אויף אַלע דיינע וועגן) און „על כפים ישאונך, פן תגף באבן רגלך״ (אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן, אַזוי אַז דיין פוס זאָל פון אַ שטיין נישט געשטרויכלט ווערן)? אָבער „גאָטס זון״ איז זיכער אין זיין זונשאַפט און דאָך וואַרט ער נישט אויף קיין דעמאָנסטראַציע פון גאָטס „פאָטערשאַפט״. ער ענטפערט מיט פאַראַכטונג: אַוועק פון מיר, דו פאַרזוכער, דו מסית ומדיח. ווער עס האָט נישט קיין שטומען פאַרטרויען אין גאָט, הענגנדיק אויפן רוימישן קרייץ, אָן וועלכן נישט איז באַוווסטזיין פון זינד; ווער עס קען נישט זינגען „ברכי נפשי״, זיצנדיק אויף שטויב און אַש, אָן אַ דערקלערונג פאַר זיין פּיין און אָן אַ „סימן״ פון אויבן — דער איז, אין לעצטן חשבון, נישט קיין גלויביקער.

דער גאָט־גלייביקער איז דער העראָיִשסטער „צו־להכעיסניק״ אויף דער וועלט. זיין לאָגיק איז אפשר די משונהדיקסטע, די פּאַראַדאָקסאַלסטע, די סאַמע עקשנותדיקע פון אַלע לאָגישע איינשטעלונגען. אָט ווי ביי איובן: „הן יקטלני, לו איחל״ — אפילו ער זאָל מיך שלאַכטן, וועל איך (נאָך אַלץ) האָפן צו אים״. און מיינט איינער, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, קען אים קיינער נישט באַווייזן אַז ער איז אומגערעכט. נאָר מיט רעליגיע האָט יענער איינער זייער ווייניק צו טאָן.

1940

„הלכה און אגדה״*

ביאַליקס „הלכה ואגדה״ איז אַן עסיי מיט אַ מוסר־השכל. זיין צוועק איז געווען נישט בלויז אַנצודייטן די כאַראַקטער־שטריכן פון די דאָזיקע צוויי קלאַסישע זשאַנרן פון אונדזער ליטעראַטור (אין אַ געוויסן זינען, פון ליטעראַטור בכלל), נאָר — אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק — אָנצוּווייזן אויף אַ גרויסער קולטור־געפאַר, וואָס דראָט, ווי ער האָט געזען, דעם מאָדערנעם ייִדנטום. איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיט מיר אַמאָל גערעדט אין אַ פּריוואַטן שמועס וועגן דער סכּנה פון דעזאינטעגראַציע, פאַר וועלכער מיר שטייען שוין אַ היפּשע פּאָר דורות, פון די השכלה־צייטן ביז אונדזערע טעג:

„דאָס לעבן פון אַ פאָלק מוז האָבן זיינעם אַן אייגענעם ריטם. אָן אַ מי־נימום פון ריטם איז בכלל קיין סאָציאַל לעבן נישט פאַראַן, און הערט דער ריטם אויף זיך צו פילן, מוז זיך אָנהייבן צעלאָזנקייט, אינדיווידואַליזם וואָס דערגייט ביז הפקרות, כאַאָס. דער מאָדערנער ייִד, מעג ער זיין אַ נאַציאָנאַליסט, אַ ציוניסט, ווערט אַלץ מער אַטאָם און וואָס ווייניקער אַ טייל פונעם ציבור. עס פעלט אים דער קאָלעקטיווער ריטם, וואָס טיילווייז שטאַרבט ער אָפּ בדרך הטבע און טיילווייז ווערט ער בכיוון דערשטיקט. פרומע ייִדן פילן עס, טאַפּן עס אָן בחוש, און דערפאַר האָבן אַ סך פון זיי, אפשר די מער סענ־סיטיווע, אונדז אַזוי פיינט — אונדז אַלעמען: העברעיִסטן און ייִדישיסטן, ציוניסטן און אויטאָנאָמיסטן און ווי מיר אַלע הייסן דאָרט. זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף „וויראָדקעס״ ** און מיר וואַרפן אויף זיי אָן אַן אימה. אויב אַזוי, מוזן זיי טראַכטן, זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט דער „רוח הזמן״, איז אַ רוח אין אַזאַ זמנס טאַטן אַריין. זיי זענען מסוגל תופס צו זיין, אַז מיר, היינטוועלטיקע ייִדן, קענען האָבן אונדזער אייגענע הלכה, וועלכע זאָל זיין ווייט פון זייער הלכה כרחוק מזרח ממערב. קיין נחת קענען זיי דערפון נישט שעפּן, אָבער משיג זיין קענען זיי עס, אָט ווי יענע ייִדענע אין דאָרף, פון וועלכער אַנ—סקי האָט אונדז אַמאָל דערציילט. זונטיק אין דער פרי

---

* געשריבן אַלס אַריינפיר צו י. י. שוואַרצס ייִדישער איבערזעצונג פון ביאַליקס „הלכה ואגדה״.

** דעגענעראַטן.

וועקט זי איר געשמדטן זון, ער זאָל נישט פאַרשלאָפן דאָס דאַווענען אין דער „גויִישער תּפֿילה‟: זאָל ער כאָטש דינען י ע נ ע ם ג אָ ט. וואָס פֿרומע ייִדן קענען אין אונדז נישט פאַרטראָגן, איז אפֿשר נישט אַזוי אונדזער אַ פּ י־ ק ו ר ס ו ת, ווי אונדזער ה פ ק ר ו ת: אויב מיר זאָלן אַפֿילו האָבן אונ־ דזערע אַן אייגענע הלכה, איז זי נישט קיין ה ל כ ה ל מ ע ש ה. זי איז סתּם אַ טעאָריע, אַ פּרינציפּ, אַן אידעאָלאָגיע אָדער אַ פּראָגראַם, וואָס קער זיך מיטן לעבן און מיט אונדזערע האַנדלונגען ווייניק אָן. און הלכה אָן מעשה איז אַ פֿאַלשע אַסיגנאַציע, אין גרונט גאָר קיין הלכה נישט... אָט נעמט אונ־ דזער געבענטשטע אָדעס. שוין יאָרן און יאָרן אַז מיר פֿירן דאָ, דוכט זיך, אַ מחלוקת לשם שמים: ציוניסטן, סתּם־נאַציאָנאַליסטן און אַסימילאַטאָרן. אָבער וואָס איז דער אונטערשייד צווישן ייִדן פֿון איין מחנה און דער אַנדערער, נישט אין דער פּרעסע, אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין דיסקוסיעס, נאָר אין טאָג־ טעגלעכן לעבן — אין שטוב און אין גאַס, אין מידות און מנהגים, אין אַרבעט און רו, אין פֿאַרגעניגנס און פֿאַרווײַלונגען, אין דער דערציִונג פֿון קינדער? אַחוץ זעלטענע אויסנאַמען, איז צווישן זיי כּמעט קיין חילוק נישטאָ. קיין ע ב ו ד ה, אָן אַ נוסח פֿון פֿליכטן, אָן מקיים זײַן באַשטימטע, קאָנקרעטע „מצוות‟, און — מיך אַרט נישט אויב אייך זאָל מײַן משל שאָקירן — אָן אַ מין קאָלעקטיוון מאַרשירן און, דער עיקר, ק אָ ל ע ק ט י װ ן אָ ט ע מ ע ן, קענען מיר קיין קיום נישט האָבן, מוזן מיר ווערן פּיצלעך שטויב, פּולווערי־ זירט ווערן‟.

איך גיב מסתּמא איבער ביאַליקס רייד נישט וואָרט־געטרײַ, נאָך מער פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ווען מיר האָבן געפֿירט אונדזער שמועס שפּאַ־ צירנדיק אַרום מאַלי פֿאָנטאַן (ווען, ריכטיקער, ער האָט געפֿירט דעם שמועס, זיך לאַזנדיק ווילגיין מיט פּאַראַדאָקסן, פֿרײַע, שפּרינגנדיקע אַסאָציאַציעס און כּלערליי גוטמוטיקע צו־להכעיסן, און איך האָב שווײַגנדיק זיך צוגעהערט צו זײַן חנעוודיק־צעשויבערטן חיתוך־המחשבה). איך גלייב אָבער אַז איך גיב איבער דעם זינען און דעם אַלגעמיינעם קאָלאָריט פֿון דעם וואָס כ׳האָב פֿון אים געהערט אין דעם שמועס און אין אַ סדרה אַנדערע שמועסן, וואָס האָבן סטימולירט מיט זייער נישט־אָרגאַניזירטקייט און מיט זייער אָפּטמאָל קאַ־ פּריזנעם טאָן, אין יענע טעג ווען (ווי כ׳האָב שפּעטער אויסגעפֿונען) ער איז געווען פֿאַרנומען מיט אויספֿורעמען זײַן אָפּהאַנדלונג „הלכה ואגדה‟.

איך געדענק, ווי איך האָב אים אויף איינער פֿון אונדזערע באַגעגענישן דערציילט וואָס עס טוט זיך אין דעם רוסישן אונטערגרונט, וואָס איך האָב געהערט און געזען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע און אויף דער וואָלגאַ אין רעוואָלוציאָנערע קרײַזן. די מלחמה, בין איך געווען איבערצייגט, מוז

זיך ענדיקן מיט אַ רעוואָלוציע אויף אַ גראַנדיעזן מאַסשטאַב און מיטן שטורץ פון מאָנאַרכיזם. ביאַליק האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו מיין אינפּאָר־מאַציע און פלוצים, אין מיטן מיינע רייד, ווי אַרויסגעפּלאַצט:

„מעג איך אייך זאָגן דעם אמת? כ׳האָב מורא פאַר דער רעוואָלוציע. איך בין גרייט יעדן טאָג צו זאָגן „בכל יום אחכה לה אף על פי שתתמהמה״, און דאָך האָב איך מורא פאַר איר, ווי אייניקע יידן, אגב, האָבן מורא געהאַט פאַרן קומען פון משיח אָדער פאַר די חבלי משיח... רוסלאַנד האָט געלעבט עטלעכע הונדערט יאָר מיט איר אייגענעם ריטם. אַ ריטם איז דאָס, אונטער די ראָמאַנאָווס, אַז ימח שמו וזכרו, אָבער דאָך אַ ריטם — אַ ראַם, אַ תחום, אַ סיסטעם פון געזעצן און פון מקיים זיין געזעצן, אַמאָל מאהבה און אַמאָל מיראה. אַן עבודה זרה, וועט איר זאָגן? אַוודאי, און נאָך אַזאַ עבודה־זרה, אָבער אויך עבודה־זרה האָט (אָדער איז) ע ב ו ד ה. וואָס פאַר אַן עבודה ברענגט מיט זיך די רעוואָלוציע, ווייס איך נישט. איך ווייס נישט, צי זי האָט שוין אויסגעאַרבעט איר ה ל כ ה ל מ ע ש ה, אירן אַ נייעם שולחן־ערוך, וואָס זאָל אָנהייבן שאַפן אַ נייעם לעבנס־ריטם. כ׳האָב מורא, אַז די רעוואָלו־ציע איז בלויז „אגדה״, חלום, פּאָעזיע, ברויזנדיקע ליריק, צעבונטעוועטער טעמפּעראַמענט, און אויב דאָס זאָל זיין אמת, וועלן מיר אָנשטאָט ריטם האָבן „סטיכיע״, שווימען איבער אַ צעבושעוועטן ים אָן אַ קאָמפּאַס, סתם אַנאַר־כיע. אונדזער דרויאַנאָוו זאָגט, אַז אויב ס׳וועט אין רוסלאַנד אויסברעכן אַ רעוואָלוציע, וועט זי זיין נישט מער ווי אַ פּאָגראָם: רוסלאַנד וועט זיך אַליין פּאָגראָמירן און וועט נאָך מאַכן אויף דעם אַ פרומען „שהחינו״. אָבער איר קענט דאָך דרויאַנאָוון, מאריך ימים זאָל ער זיין — אַ איפכא־מסתבראניק, וואָס וואָלט זיך גאָר באַליידיקט ווען מען באַציט זיך צו ערנסט צו זיינע צו־להכעיסן. אָבער דאָך, טראַכט איך, איז עפּעס דאָ אין דעם וואָס ער זאָגט. פאַר אַ גוטער, קאָנסטרוקטיווער רעוואָלוציע דאַרף מען האָבן רעוואָלוציאָנערע רעגימענטן מיט אַן אייגענער „יד חזקה״, מיט אַן אייגענעם „חושן־משפּט״, און רוסלאַנד, האָב איך מורא, וועט צושטעלן אָנשטאָט דיסציפּלינירטע רעגי־מענטן — צעכראַסטעטע כאַליאַסטרעס... אָט איר זעט דעם גאָראָדאָוואָי מיטן געלן בערדל און פאַרשמאַלצעווען מונדיר? די וואָס מאַכן די רעוואָלוציע דאַרפן שוין היינט וויסן, וואָס זיי וועלן מיט אים טאָן נאָכן זיג: צי מעג מען אים הרגענען צי ניין, צי דאַרף מען אים פאַרשיקן און וווהין, און וואָס זאָל מען טאָן מיט זיין ווייב און קינדער, מיט זיין וואַנט־זייגער און מיט דער קאַ־נאַרעיקע אין דעם גרינעם שטייגל וואָס הענגט ביי אים לעבן דער איקאָנע. זאָגט זיי, די ווייסע־חברהניקעס, אַז זיי דאַרפן זיך באַצייטנס באַזאָרגן מיט זייער אַן אייגענער מסכתא סנהדרין״.

ביאַליק האָט זיך דערביי אַליין צעלאַכט מיט זיין געשמאַקן, אַנשטעקנ־דיקן, כמעט קינדערשן געלעכטער:

„אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך, כאָטש ס'איז נישט קיין עקספּראָמפּט. כ'האָב עס די טעג אַרויסגעזאָגט דעם „זיידן" (מענדעלע מוכר ספרים) — האָט ער זיך שעלמיש צעכיכיקעט און האָט אָנגעהויבן מיט זיין סאַטירישן ניגון: „ביאַליק שפיקח הוא, מה ראה לשטות זו? אַ מסכתא רעוואָלוציע האָט זיך אים פאַרוואָלט — הערט אַן איינפאַל. האַלט ס'מויל, ביאַליק, די חברה קענען נאָך אייער עצה אָננעמען, וועלן זיי זיך באַלד צעטיילן אויף בית שמאי און בית הלל, און איין רעוואָלוציאָנער וועט אָנהייבן שפּאַלטן דעם אַנדערן דעם קאָפּ און שרייען „הלכה כמותי", און „הורדוס" וועט זיצן ביי זיך אין פּאַלאַץ מיט זיינע פילגשים צדקניות און זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער... וואָס נאָך פאַר אַ טעלערל פונעם הימל האָט זיך אייך פאַרוואָלט?"

„ס'איז געווען אינטערעסאַנט ווי דער אַלטער האָט זיך געבייזערט, אָבער ער האָט שנעל אָפּגעהאַקט: ווענט, זאָגט ער, האָבן אויערן... אָבער פון דער אַנדערער זייט טאָר מען דאָך טאַקע נישט פאַרגעסן, אַז רעוואָלוציע איז מלחמה, און אַ מלחמה פלאַנעוועט מען, און מען דאַרף וויסן אין פאָראויס ווי אַזוי מען מעג און ווי אַזוי מען טאָר נישט פירן מלחמה, וואָס ס'איז מותר און וואָס ס'איז אסור נאָכן זיג. ווי שטייט אין פּסוק? „כי תצא למלחמה". אפשר שטייט דאָרט נישט דאָס, וואָס עס דאַרף שטיין, אָדער וואָס מיר מיינען היינט אַז עס דאַרף שטיין, אָבער עפּעס שטייט דאָך פאָרט — אַ חוק, אַ דין. און דערמאָנט אייך, וואָס חז"ל האָבן שפּעטער אויסגערעכנט אין הלכות מלחמה, און ווי זיי האָבן זיך געמאַטערט אַרום ענין שבת — ווען, אונטער וועלכע אומשטענדן און אין וואָס פאַר אַ מאָס מעג מען מחלל שבת זיין צוליב מלחמה. אַן הלכה — און ווען איך זאָג הלכה, מיין איך שטענדיק הלכה למעשה, טאַקע אויף מקיים צו זיין מיט אַלע פּרטים און דיקדוקים — איז אַ מלחמה סתם באַנדיטסטוואָ, און דאָס זעלבע איז אויך רעוואָלוציע... איר ווייסט וואָס כ'וועל אייך זאָגן? כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס כ'האָב באַגעגנט, זענען מחיהדיקע מענטשן, ערלעכע, וואַרעמע, מיט נשמה יתרהס. אָבער זיי זענען, דוכט זיך, אַלע בעלי־אגדה, נישט קיין בעלי־הלכה — פּאָעטן, רחמנא לצלן. און, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, איך האָב פיינט פּאָעטן".

כ'האָב, געדענק איך, זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. ביאַליק האָט מיין געלעכטער אונטערגעכאַפּט און אים צוגעגעבן, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, מער „פאַרע".

„מילא, נאַרישקייטן, שייך זאָגן — כ'האָב זיי פיינט. אָבער מען קען

לעבן אַ פּאָר דורות אויך אַן זיי, אַן נייער פּאָעזיע. תהלים, אבן גבירול, פּושקין — גלייבט מיר, אַז מ׳קען זיך מיט דעם נישט סמען. וואָס מיר דאַרפן איצטער האָבן, מיר ייִדן, די וועלט בכלל, איז — ישובו של עולם, און דאָס קען מען אַן הלכה, אַן דיסציפּלין, נישט מאַכן. ווער האָט עס ליב סאָלדאַטשינע? אָבער גלייבט מיר, אַ ראָטע סאָלדאַטן וואָס מאַרשירט ריטמיש לויטן קלאַפּן פון אַ באַראַבאַן, איז ערגעץ־ווו אַ בעסערער עלעמענט פאַר ישובו של עולם, ווי אַ לויז רומל גייסטרייכע באַהעמע־מענטשן אויף וואַקלדיקע שטולן אין אַ קאַפע. די אונטערוועלט האַלט נישט פון די עשרת הדיברות, איז דאָס אַ שטענדיקע סכנה פאַר דער געזעלשאַפט. אָבער ס׳איז פאַראַן אויך אַ כלומרשטע „איבערוועלט״ — פּאָעטן, מקובלים, עוואַנגעליסטן — וואָס האַלטן אויך נישט פון די עשרת הדיברות און פון די מצוות וואָס זענען אויף זיי אויפגעבויט. זיי דאַרפן, גלייבן זיי, נישט לערנען קיין גראַמאַטיק; זיי רעדן סיי־ווי־סיי קאָרעקט און לאַגיש, און תרי״ג איז פאַר זיי אַ פּחיתות־הכבוד, ווייל מען מעג זיך אויף זיי סיי־ווי־סיי פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן טאָן בלויז דאָס גוטע און דאָס שיינע. מושטרירן זיי, האָבן זיי זיך איינגערעדט, איז איבעריק. רחמנא ל י ב א ב ע י (גאָט פאַדערט בלויז האַרץ) און ד ע ם שטאָף פאַרמאָגן זיי בשפע. און אין דעם ליגט די געפאַר. אָט האָט ראַסקאָלניקאָוו בפירוש פאַרמאָגט האַרץ, אַ סך האַרץ, אַ גרויס האַרץ, אָבער דער „קאַלעקטיווער פּולס״ האָט אויפגעהערט ביי אים צו קלאַפּן, איז ער אַרויס פון די סאָציאַלע האַלאַבליעס און איז אַוועק הרגענען די אַלטע פּראָצענטניצע, און געבליבן נאָכדעם מיט אַ פייג אין קעשענע און מיט אַן אייביקער ווונד אין דער נשמה. אויב שוין יאָ אַ פּאָעט, אַ בעל־אגדה, איז אַזאַ ווי ר׳ יוסף קאַרא: קבלה — פולע זשמעניעס, אָבער אויך אַ שולחן ערוך... „התגבר כארי״ ווען דו כאַפּסט זיך אויף פון שלאָף? אַן אויסגעצייכנט שטיק אגדה, אָבער אַן נעגלוואַסער און אַן „מודה אני״, האָב איך מורא אַז „דער לייב״ וועט נאָכאַמאָל אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויפן קישן און „פאַרפּאַפן״ די צייט פון קריאת־שמע... און באַזונדערס איז דאָס וויכטיק פאַר ייִדן. איר זאָגט, דער זעלביקער קריזיס פילט זיך אויך ביי די אומות־העולם. ס׳איז מסתמא אמת. אָבער ס׳איז דאָך אַן אונטערשייד. די אומות־העולם האָבן לענדער, מלוכות, אייגענע עקאָנאָמישע סביבות, שפּראַכן, קען דאָרט דער יחיד נישט אַזוי אַטאָמיזירט ווערן. ס׳איז פאַראַן אַן אָביעקטיווער „תחום״ אָדער אַן אָביעקטיווער „עירוב״ וואָס געוועלטיקט איבער אים, און צי ווייסט ער עס אָדער נישט, ער גייט אין שפּאַן, ער אָטעמט־מיט. אָבער מיר (אפשר אמת־פרומע ייִדן אַראָפּגערעכנט) דאַרפן זיך נאָכאַמאָל אויסלערנען „אָטעמען בציבור״, אלא נישט וועלן מיר מיט דער צייט אַלע קראַנק ווערן אויף אַסטמאַ... אין ארץ־ישראל, זאָגט מען, וועט מען

דאָס נישט דאַרפֿן האָבן, יעדנפֿאַלס נישט אין אַזאַ מאָס ווי דאָ און איצט. איך צווייפֿל אין דעם, אָבער כדי אויפֿצובויען ארץ־ישראל, דאַרף מען זיך אויך פֿריִער באַפֿרייען פֿון דער פֿאַרשוווּמענער ציוניסטישער אגדה און אַרויפֿצווינ־גען אויף זיך אַ ציוניסטישע הלכה, אַ הלכה למעשה. ווי ווייט אייגנטלעך קען מען דערגיין מיט חובבי־ציון און, זייט מיר מוחל, מיט חובבי־ציוניזם?"

איידער מיר זענען זיך יענעם טאָג פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו ביאַליקן:

„איצט דאַרף אייער ערשטער הלכה־אַקט זיין אַנצושרייבן אַן אָפּהאַנד־לונג וועגן די שייכותן צווישן הלכה און אגדה, וועגן די דאָזיקע צווײ, לאָמיר זיי אָנרופֿן, זשאַנרן און זייער ראָלע אין מאָדערנעם לעבן".

ער האָט מיר געענטפֿערט מיט אַביסל אַ שעמעוודיקן שמייכל:

„אַ טייל דערפֿון ליגט שוין פֿאַרטיק אין מיין טישקעסטל. אָבער אויף צו פֿאַרענדיקן דאַרף מען האָבן אַביסל וויניקער קאָפּדרייעניש און אַ קאַ־פּיטשקע „סיעתא דשמיא".

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך געקראָגן פֿון אים דעם פֿאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט מיט אַ פֿאַרלאַנג: איבערזעצן דעם עסיי אויף רוסיש. איך האָב אָפּגעלייגט מיין צוריקפֿאָרן קיין מאָסקווע, כדי נאָכצוקומען זיין פֿאַרלאַנג, כאָטש מיר איז נישט געווען קלאָר, אויף וואָס ער האָט דענסטמאָל געדאַרפֿט האָבן אַן איבערזעצונג פֿון זיינער אַ נאָך נישט געדרוקטער זאַך.

***

אַ יאָר שפּעטער, אַ קורצע צייט פֿאַר דער מערץ־רעוואָלוציע, איז ביאַ־ליק געקומען צו־גאַסט קיין מאָסקווע, און אויף זיין קבלת־פּנים אין פּאָליטעכ־נישן מוזעום האָט ער, אָנשטאָט האַלטן אַ רעדע, איבערגעלייענט פֿון פּאַפּיר אויף רוסיש זיין „הלכה ואגדה" (נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט דערלויבט אין יענע צייטן צו רעדן עפֿנטלעך ייִדיש און העברעיִש, אָדער וועלכע נישט איז אַנדערע „פֿרעמדע" שפּראַך). צום קבלת־פּנים זענען גע־קומען אויך די „פּני" פֿון דער רוסישער אינטעליגענציע — געלערנטע, שריפֿט־שטעלער, אַרטיסטן — אויף וועלכע ביאַליק האָט יענעם אָוונט געמאַכט אַ טיפֿן רושם מיט זיין פּערזענלעכקייט און מיט זיין דינאַמישן טאָן, כאָטש די עצם זאַך וואָס מ'האָט אים געהערט פֿאַרלייענען האָט ביי אַ טייל עולם אַרויס־גערופֿן אויסזעצונגען און נאָך מער מיספֿאַרשטענדעניש. אייניקע (צווישן זיי אויך ייִדן) האָבן געקראָגן דעם איינדרוק, אַז ביאַליק רופֿט צוריק צום בית־המדרש, צו אָרטאָדאָקסיע, צום אַלטן ריטואַליזם און פֿאַרמעלער רעליגיע. אַנ־דערע האָבן זיך דערמאָנט אַן טאָלסטאָיס „וואָס איז קונסט?" — און האָבן

אויסגעטייטשט ביאַליקס עסיי אַלס אַ פּאַרזוך פון אַ נייעם „קרייצצוג“ קעגן קינסטלערישער קולטור. ווען דער אָונט האָט זיך פאַרענדיקט, איז צו מיר צוגעקומען די אַרטיסטין אַנדרעיעוואַ, מאַקסים גאָרקיס פרוי, און געבעטן כ׳זאָל זי פאָרשטעלן פאַר ביאַליקן. זי האָט געהאַט אַ שליחות פון איר מאַן, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין פּעטערבורג, צו באַגריסן אין זיין נאָמען „דעם גרויסן מענטשן פון אָדעס“. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר באַגריסונג און אויסגעדריקט איר אייגענע באַגייסטערונג פאַרן פאָרטראַג, האָט ביאַליק זי שטיפעריש אַ פרעג געטאָן:

„אָבער מעג איך אייך פרעגן — וואָס האָט איר אַזעלכעס אַרויסגעטראָגן פון מיין פאָרטראַג? סוף־כל־סוף האָבן אַלע מיינע אילוסטראַציעס, גענומען פון תלמודישער ליטעראַטור, געמוזט קלינגען ווילד־פרעמד אין אייערע אויערן, און די עצם טערמינען: הלכה, אגדה“...

אַ קורצע ווײַלע איז מאַדאַם אַנדרעיעוואַ געשטאַנען ווי אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי אַ שילערין וואָס שטייט פאַר איר עקזאַמענאַטאָר. נאָכדעם האָט זי מיט דער כאַראַקטעריסטישער דרייסטקייט פון אַ צעבאַלעוועטער פרוי, אַביסעלע צו טראַציק דערקלערט:

„פונדעסטוועגן — איך האָב אייך נאָכגעפאָלגט אין אייער לאַבירינט און איך גלייב אַז איך בין אַרויס פון אים בשלום. דער אגדה־מענטש איז אומגעפער דאָס זעלבע וואָס דער „באָסיאַק“ אין גאָרקיס פריִע ווערק, און איר האָט אייער גרונט מורא צו האָבן פאַר דער ממשלה פון דער באָסיאַצקע „סטיכיע“. איך וועל שרייבן גאָרקין וועגן אייער פאָרטראַג: אַביסל וועט ער אויף אייך פאַראיבל האָבן, אָבער ער וועט אייך פאַרשטיין מיט טיפער סימפּאַטיע. דער קולט פונעם „באָסיאַק“ האָט זיך אויך ביי אים, גלייב איך, פאַרענדיקט. כ׳האָב אָבער מורא, אַז אייער הלכה־מענטשן וועט ער נישט אַזוי לייכט אָננעמען. אויף זיין לשון קען ער עס נאָך פאַרטייטשן — „מוזשיק“, און איר ווייסט דאָך ווי ווייניק דער „מוזשיק“ האָט נושא־חן געווען ביי אים — אָדער ער וועט גאָר דעם הלכה־מענטשן אידענטיפיצירן מיטן „מיעשטשאַנין“ (באַלעבעסל), אָט מיט דער פאַנטאַזיעלאָזער שטאָטישער באַשעפעניש, וואָס שאַקירט אים אַזוי מיט זיין פחדנות, הכנעה, קאַרגשאַפט, מאַנגל אין טעמפּעראַמענט און עיפּושדיקן „מאָראַלישן קאָדעקס“. כ׳וואָלט זייער וועלן, גאָרקי זאָל איבערלייענען אייער עסיי. איר שפּאַנט, ווי מיר דוכט זיך, אויף איינע און די זעלביקע רעלסן. איר זוכט, ווי מיר שיינט, אַ מין סינטעז פון הלכה און אגדה. אויך גאָרקי זוכט עס — איר האָט געלייענט זיינע „צוויי נשמות“, וועגן דער סתירה אין דער רוסישער פאָלקס־נאַטור? — אָבער ער וויל זיך איצט איינרעדן, אַז אַזאַ סינטעז האָט זיך אין רוסלאַנד שוין אָנגעהויבן פאַר־

קערפערן. פונעם „באָסיאַק" איז ער אַוועק, דער „מוזשיק" און דער „מיעשטשאַנין" זענען פאַר אים אָפּשטויסנדיק ווי געווען, לייגט ער אַלע האָפענונגען אויפן א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ן אַ ר ב ע ט ע ר. אין זיינע אויגן פאַרמאָגט יענער קינסטלערישע פאַנטאַזיע און טעמפּעראַמענט, אָבער ער איז נישט אַנאַרכיסטיש, לייגט אַליין אַרויף אויף זיך דיסציפּלין, דאָס וואָס איר רופט „הלכה". איך וואָלט זייער וועלן, איר זאָלט אַמאָל מיט גאָרקין האָבן אַ שמועס וועגן די ענינים, כאָטש זיין „קלאַסן־שטאַנדפּונקט" וועט אייך אפשר זיין פרעמד..."

***

איך נעם זיך איצט נישט אונטער צו אורטיילן, אין וועלכער מאָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אַנטוויקלט אויף די וועגן, פאַר וועלכע ביאַליק האָט אויסגעדריקט זיין מורא. וואָס פאַר אַ ראָלע „הלכה" און „אגדה" האָבן אין איר געשפּילט, און אין וועלכע פּראָפּאָרציעס, איז אַ דעליקאַטער און פאַרפּלאָנטערטער ענין. אין די בירגערקריג־יאָרן האָב איך אָבער געהאַט, געדענק איך, נישט ווייניק געלעגנהייטן זיך צו דערמאָנען אָן דער אונטערשיידונגס־ליניע וואָס ביאַליק האָט געצויגן צווישן די דאָזיקע צוויי „סטילן" אָדער ריכטונגען. ווען די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך גענומען איינפירן איר אייגענע געריכטס־סיסטעם — נאָך דעם וואָס זי האָט ליקווידירט די פריערדיקע געזעצגעבונג, יורידישע אינסטיטוציעס און פּראָצעדורן — האָט זי באַשטימט אין אַ סך ערטער פאַר די טריבונאַלן בירגער אָן פאַך־בילדונג און פאַך־דערפאַרונג, ריכטער וואָס זענען מערסטנטייל געווען „בעלי־אגדה", און די איינציקע אינסטרוקציע וואָס זיי האָבן געקראָגן איז געווען: אורטיילט לויט אייער „רעוואָלוציאָנאָרע פּראַוואָסאָזנאַניע" (רעוואָלוציאָנערער רעכט־באַוווסטזיין). דער שטאַט, הייסט דאָס, איז געווען גרייט זיך צו פאַרלאָזן אויפן „געוויסן" און דער „אינטויציע" פון בירגער, וואָס זענען געווען דורכגענומען אָדער גאָר „באַנומען" מיט דער „אגדה" פון דער רעוואָלוציע. די פּראַקטיק האָט אָבער מיט דער צייט באַוויזן, אַז „געוויסן" איז אָפטמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קנאה־שנאה און בלינדע נקמה, און אינטויציע — אין פאָראורטיילן און ווילקיר. ביסלעכווייז האָט זיך די סאָוועטישע מלוכה געמוזט אומקערן צו די עלעמענטן פון „הלכה" און אויסאַרבעטן אירן אַן עקזאַקטן קאָדעקס פון געזעצן און פּראָצעדור, וועלכער לאָזט זיך נישט „פריי" אינטערפּרעטירן אָדער מיסאינטערפּרעטירן, לויט דעם ריכטערס אינדיווידועלן „געוויסן" אָדער „גוסט". אויפבויען און אויפהאַלטן אַ שטאַט אויף בלויז אגדה איז אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט. אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, אין איר שטרעבן צו דער

מדרגה פון אָרגאַנישער געמיינשאַפט, מוז אָנקומען צו הלכה. זי קען אָדער דאַרף אין געוויסע מאָמענטן אָפּשאַפן אַלטע, אָפּגעלעבטע הלכות, אָבער זי קען קיין קיום נישט האָבן אויב זי שאַפט נישט מיט דער צייט אירע אָן איי־גענע משנה און אָן אייגענע גמרא. אַנאַרכיזם — טראָץ דער קראַפט פון זיי־נע עטישע און עסטעטישע תשוקות — איז דערפאַר ביז היינט געבליבן אַ גאָבעלע וויזיע אָן פלייש, אָן ביינער, אָן בלוט.

אין 1920, ווען די רוסישע איבערזעצונג פון „הלכה ואגדה״ איז שוין געווען אָפּגעדרוקט און האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס אין אייניקע נישט־יידישע ליטעראַרישע קרייזן, איז מיר אויסגעקומען דיסקוטירן ביאַליקס גע־דאַנקענגאַנג מיט אַן אָנגעזעענעם געלערנטן (ער איז נאָך, דוכט זיך, איצט פאַרבונדן מיט אַ וויכטיקער אַקאַדעמישער אינסטיטוציע אין רוסלאַנד און ס׳איז אפשר גלייכער, כ׳זאָל זיין נאָמען נישט אָנרופן).

„דענקט איר נישט״, האָט ער מיך אַמאָל אַ פרעג געטאָן, „אַז ביאַליקס עסיי איז פאַרמאַסקירטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן קריסטנטום?״

עס איז נישט וויכטיק וואָס איך האָב אים דענסטמאָל געענטפערט, אָבער ווי איך זע די זאַך היינט, איז ביאַליקס עסיי, אין איינעם פון זיינע אַספּעקטן, נישט קיין פאַרמאַסקירטע, נאָר דירעקטע „פּראָפּאַגאַנדע״ קעגן אַ געוויסן סאָרט קריסטנטום.

אויב קריסטנטום זאָל זיין דאָס, וואָס די וועלט האָט געקראָגן בירושה פונעם אַפּאָסטאָל פּאַולוס, איז ביאַליק זיכער זיינער אַ שאַרפער קעגנער. פּאַולוס איז דער טיפישער, ריכטיקער, דער עקסטרעמער בעל־אגדה: אמונה איז אַלץ, מעשים זענען גאָרנישט, און אויב מעשים האָבן נישט קיין באַדיי־טונג אָדער זיי פירן נישט צו גאולה, דאַרף מען אויך קיין ה ל כ ה ל מ ע ש ה נישט האָבן. דער „שליח צו די גוים״ האָט דערפאַר אַרויסגע־רופן קעגן זיך אַזוי פיל ביטערקייט אין זיין יידישער סביבה. אמת, אויך ישו הנוצרי איז געווען הויפּטזעכלעך אַ בעל־אגדה, אָבער אויף וויפל מיר מעגן אורטיילן וועגן אים לויט די פאַרוואָלקנטע און סתירותפולע מקורות וואָס מיר פאַרמאָגן, האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען אָפּצושאַפן די הלכה, דינים און מנהגים, צערעמאָניעס, מצוות מעשיות. ער האָט זיי אפשר נישט גענוג אָקצעפּטירט (נוצנדיק אחד־העמס טערמינען, האָבן אויך „נביאים״ געלייגט אויף זיי אַ סך ווייניקער געוויכט ווי „כוהנים״), אָבער ער האָט זיי נישט געהאַלטן פאַר איבעריק אָדער גאָר פאַר שעדלעך. זיין קעגנערשאַפט צו די פרושים איז אין דער קאָנווענציאָנעלער קריסטלעכער ליטעראַטור אַ שיין ביסל איבערגעטריבן. ער איז אַליין אין נישט קיין קליינער מאָס אַ פרושי. אָבער קריטיק פון אַ באַשטימטן טיפּ פרושים, ריכטיקער פון אַ דעגענערירטער פרו־

שים־מענטאַליטעט, הייבט זיך נישט אָן מיט ישון. די חכמי התלמוד האָבן מיט ביטערקייט גערעדט וועגן דעם „חסיד שוטה", דעם סימבאָל פון פּאַר־בײַנערטער פּרושים־פּרומקייט, וועגן אײנעם וואָס זעט־צו ווי אַ פּרוי טרינקט זיך אין טײַך און ער וויל זי נישט ראַטעווען, כדי ער זאָל זי נישט מוזן זען אַ נאַקעטע, אָדער, לויט אַ נוסח אין תלמוד ירושלמי, וועגן אײנעם וואָס לאָזט אַ קינד אומקומען און ער לויפט נישט עס ראַטעווען ווײַל ער האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוטאָן די תפילין. אין דעם פאַל האָט זיך די הלכה, אַזוי צו זאָגן, אײַנגעאָנצן „עמאַנסיפּירט" פון דער אגדה — ליבע צום נאָענטסטן, רחמים, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יענעמס לעבן — אָבער דורך אַזאַ „עמאַנסיפּאַציע" איז זי געוואָרן טעמפּ־פאָרמעל און, דער עיקר, מעכאַ־ניש. דער פּראָטעסט קעגן הלכה, אַלס אַ צוועק אין זיך אַליין, אין אַ געוויסן זינען קעגן דער פאַרהייליקונג פון „מיטלען" אויפן חשבון פונעם „צוועק" אָדער גאָר קעגן דעם כאַראַקטער פונעם צוועק, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בײַ אונדז אויך אין די שפּעטערע פּעריאָדן. ווען רבנו בחיי הדיין מאַכט אַן אונטערשייד צווישן „מצוות האיברים" און „מצוות הלבבות", איז ער אויך אַ קעגנער פון אַ פּרושים־נוסח, וואָס איז געוואָרן גייסטלאָז, און ווען אַ מקובל אין מיטלאַלטער רעדט וועגן אַ געוויסן טיפּ פאַרגליווערטן הלכה־ייִדן ווי וועגן מאַלפּעס, וואָס מ'דאַרף אויף זיי מאַכן אַ ברכה „ברוך משנה הבריות", הייסט דאָס נישט אַז ער וויל אָפּשאַפן בכלל די פונקציע פון הלכה. צוריקגייענדיק צו ישון, דאַרף מען געדענקען, אַז ער איז נישט געווען קיין „יוצא־דופן" אין דער ייִדישער סביבה פון זײַן צײַט אויך דענסטמאָל, ווען ער איז, לויט דער וואָנגעלישער טראַדיציע, אָנגעפאַלן אויף אַן אַנדער פּרושים־טיפּ — אויף „צבועים" און „חנפים". רבי יהודה הנשיא און ר' אלעזר דער אמורא האָבן גענוצט אַ זייער שאַרפן אויסדרוק „מכת פּרושים", מיינענדיק אַזעלכע וואָס זענען זיך בכיוון פּאָרמעל סומך אויפן דין, כדי פּאַקטיש דעם דין צו פאַרלעצן: געבן, למשל, אַן אָרעמען מענטשן וואָס פאַרמאָגט 199 דינרים אַ נדבה פון איין דינר (האָבנדיק דערבײַ אין זינען אַז ווער עס האָט צוויי הונדערט דינרים טאָר נישט קריגן קיין שטיצע פון דער צדקה־פּושקע), און ר' חנינא און ר' יוחנן באַצייכענען אַזאַ פּרושי אַלס אַ „רשע ערום" (אַ כיטרער רשע, וואָס נוצט אויס דעם דין פאַר אַ בייזוויליקן אָדער גאָר סאַ־דיסטישן צוועק). ווען די וואָנגעלישע קריטיק פון פּרושימטום וואָלט זיך גע־האַלטן בלויז אין אַזעלכע תחומים, וואָלט מסתמא דער ריס צווישן די בעלי־אגדה פונעם ישו־טיפּ און אַנדערע ייִדן געווען נישט טראַגישער, ווי עס איז געווען דער ריס צווישן חסידים און דעם אַזוי גערופענעם רבנישן ייִדנטום אין אַכצנטן יאָרהונדערט. אויך דער בעל־שם און אַנדערע אבות פון דער חסידי־

שער באַוועגונג האָבן „איבעראַקצענטירט“ דעם ווערט פון „אגדה“; אָבער וואָס ס'איז שייך „הלכה“, האָבן זיי זי נישט געזוכט אָפּצושאַפן. זיי האָבן זי בלויז, אין אַ געוויסן זינען, „אונטעראַקצענטירט“. אַן ערנסטע געפאַר, מיט וועלכער עס קענען נישט געמאַכט ווערן קיין שום קאָמפּראָמיסן, האָט דאָס יידנטום פאַר זיך דערזען אין פּאַולוסן און אין דער קרייז וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען קריסטאַליזירן אַרום אים. און די דאָזיקע געפאַר איז באַשטאַנען נישט אין דעם וואָס פּאַולוס זאָל האָבן געשטעלט די הלכה מיט אַ פּאָר שטאַפּל נידעריקער, ווי זי איז געשטאַנען אין די אויגן פון אַנדערע יידן, און אויך אפשר נישט אין דעם וואָס ער זאָל געווען זיין גרייט באַשטימטע הלכות אַפילו אינגאַנצן אָפּצושאַפן און איינפירן אויף זייער אָרט נייע. ענלעכע טענדענצן האָבן זיך, סוף־כל־סוף, נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן אין דעם תחום פונעם פּרושים־לעבן גופא. ווער זענען אייגנטלעך געווען די תלמידים, וואָס זענען געקומען צו רבי אלעזר בן הורקנוס אים טרייסטן, ווען עס איז ביי אים געשטאָרבן זיינע אַ שקלאַפנפרוי? ער האָט זייערע טרייסטווערטער נישט אָנגענומען, ווייל זיי זענען געווען קעגן דין: ער האָט זיי דערמאָנט, אַז „אין מקבלין תנחומין על העבדים מפני שהעבדים כבהמה“ (מ'איז נישט מקבל קיין טרייסט פאַר שקלאַפן ווייל שקלאַפן זענען געגליכן צו בהמות“, און ווען אַ בהמה פאַלט אַוועק, זאָגט מען דעם וואָס האָט געליטן דעם פאַרלוסט: „המקום ימלא חסרונך“, דער אויבערשטער זאָל דיר אויספילן דיין מאַנגל, דו זאָלסט, הייסט עס, קריגן אַ נייע בהמה אויף איר פּלאַץ). אָבער שוין זשע האָט ר' אלעזר וועגן אַזאַ דין געדאַרפט דערמאָנען? האָבן די תלמידים אַזאַ הלכה געקענט פאַרגעסן, אָדער שיקט זיך עס אַז זיי האָבן פון איר נישט געוווסט? זייער באַזוך מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ מין ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ צ י ע: דאָס סאָציאַלע געוויסן פון די תלמידים האָט שוין, ווייזט אויס, מער נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַ בהמה־סטאַטוס פאַר אַ קנעכט, און זיי האָבן געזוכט אַ וועג ווי איינצופירן אַ נ יי ע ה ל כ ה. אַזאַ נייע הלכה האָט טאַקע — דער ווייל פאַר זיך אַליין, אפשר נישט האָבנדיק גענוג כוח זי אַרויפצוצווינגען אויף קהל בכלל — איינגעפירט ר' גמליאל דיבנה: „חיבה יתירה הראה ר' גמליאל לטבי עבדו הנכרי, שבמותו קבל עליו תנחומין, כאילו היה אחד מקרוביו“ (אַ באַזונדערס גרויסע ליבשאַפט האָט ר' גמליאל אַרויסגעוויזן צו זיין נישט־יידישן שקלאַף טבי, וואָס ווען יענער איז געשטאָרבן האָט ער מקבל געווען פאַר אים טרייסט־ווערטער, גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין קרוב). ר' גמליאל איז שוין געווען באַזעלט מיט אַ נייער „אגדה“ — אַבסאָלוטע גלייכווערטיקייט פון אַלע מענטשלעכע ברואים — און יענע „אגדה“ האָט זיך אין זיין אייגענעם לעבן שוין אָנגעפאַנגען צו פאַרקערפּערן אין אַ נייער

„הלכה". אַזעלכע „עקסטראַוואַגאַנצן" וואָלטן סיי די חכמים און סיי דאָס פֿאָלק מסתמא געוועזן טאָלערירט אויך ביי די עוואַנגעלישע ייִדן, ווי מ'האָט, למשל, טאָלערירט ר' טרפון און ר' עקיבא, ווען זיי האָבן געזאָגט „אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם" (ווען מיר וואָלטן געווען אין סנהדרין, וואָלט קיינמאָל קיין מענטש נישט הינגעריכטעט געוואָרן). סיי ר' טרפון און סיי ר' עקיבא האָבן גוט געוווסט די הלכה, אַז פֿאַר געוויסע פֿאַרברעכנס איז דער סנהדרין מחוייב פֿאַראורטיילן צום טויט, אָבער זיי זענען שוין געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אַ נייער „אגדה": דאָס לעבן פֿון אַ יחיד, פֿון יעדן יחיד איז אַזוי הייליק, אַז ס'איז גאָרנישט פֿאַראַן אַזאַ פֿאַרברעכן פֿאַר וועלכן מ'מעג פֿאַראורטיילן צו טויטשטראָף. זיי זענען שוין אפשר געווען ביי זיך אינעווייניק גרייט — נישט צו האַנדלען קעגן דין, נאָר איינפֿירן אַ נייעם דין, אַלס אַן אַלגעמיינע נאָרמע, אָפּשאַפֿן איין הלכה און איינפֿירן אויף איר אָרט אַן אַנדערע. מיט פּאַולוסן איז געווען אַנדערש: נישט וואָס ער איז געווען איבערקלייבעריש אין הלכות, נאָר ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן בטל צו מאַכן דעם עלעמענט פֿון הלכה בכלל. נישטאָ קיין דינים, קיין מצוות און קיין אָבליגאַטאָרישע מנהגים — עס איז פֿאַראַן בלויז די משיח־אגדה; נישטאָ קיין מעשים טובים וואָס האָבן אַ שייכות צו וועלט־דערלייזונג — עס איז פֿאַראַן בלויז אמונה; נישטאָ מער קיין תורה — עס איז פֿאַראַן בלויז גאָטס גנאָד (חסד); נישטאָ מער קיין פֿליכטן — פֿון היינט אָן און ביזן לעצטן „אחרית הימים" איז פֿאַראַן בלויז ליבע. ייִדן האָבן מיט אַלע זייערע חושים דערפֿילט, אַז דאָ קלייבט זיך אויף זיי אַ גרויסע סכנה, פֿאַר זייער קיום אַלס פֿאָלק, פֿאַרן ריטם פֿון זייער סאָציאַלן לעבן, פֿאַר זייערע רעליגיעזע אַספּיראַציעס אין וועלכע „תיקון העולם" און „ישובו של עולם" האָבן פֿאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ — און נישט נאָר פֿאַר זיי אַליין, נאָר פֿאַר דער וועלט בכלל.

זיי האָבן דערזען די סכנה פֿון אגדה וואָס וויל **פּרינציפּיעל** זיך נישט פֿאַרקערפּערן אין וועלכער נישט איז הלכה. אַזאַ סכנה פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק, פֿאַר אונדזער גייסטיקן און היסטאָרישן שיקזאַל, פֿאַר דער וועלט בכלל, האָט אין אונדזער דור, און אין זיינע טערמינען, דערפֿילט אויך ביאַליק. מיט דער ערנסטקייט פֿון יענעם געפֿיל איז דורכגעדרונגען זיין עסיי, פֿון וועלכן עס לאָזט זיך מאַכן נישט ווייניק פּועל־יוצאס פֿאַר אַ צאָל ספּעציפֿישע פֿראַגן פֿון אונדזער קעגנוואַרט.

1943

צוויי בריוו צו א. מענעס

ערשטער בריוו

אייער בריוו איז שטאַרק אָנרעגנדיק, און דאָך (און אפשר גאָר דערפאַר) ווייס איך נישט פון וואָס אָנצופאַנגען מיין ענטפער. דערביי איז מיר אויך ווייט נישט קלאָר, וואָס עס מאַטערט אייך איצטער אַממערסטן — די פראַגע פון אונדזער רעליגיעזער ירידה אָדער גאָר דאָס פּראָבלעם פון יידישן קיום, פון אונדזער המשך אַלס פאָלק מיט זיין אייגענער ציוויליזאַציע, מיט זיין אייגענעם, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אינסטרומענט אינעם וועלט־אָרקעסטער. און צוליב וואָס, וואָלט זיך מיר וועלן אייך פרעגן, דאַרפט איר האָבן, זייט איר גרייט צו מאָנען פון זיך און פון אַנדערע — הלכה?

איך פיל אַרויס פון אייער בריוו (און איך ווייס דאָס אויך פון אונדזערן אַ לענגערן שמועס), אַז דעם מאַנגל פון הלכה, פון מ צ ו ו ת מ ע ש י ו ת, באַטראַכט איר פאַר אַ סאָציאַל־קולטורעלן אומגליק ביי יעדן פאָלק און אויך, אפשר ספּעציעל, ביי יידן. ערגעץ־ווו בין איך גרייט, ווי איר ווייסט, מיט אייך מסכים צו זיין; אָבער מיר וואָלטן פריער צווישן זיך געדאַרפט קלאָר מאַכן, וואָס עס דאַרף איצט זיין אין אונדזער לעבן די הויפּט־שליחות פון הלכה, וואָס איז דער ע י ק ר צוליב וועלכן עס בענקט זיך אייך אַזוי נאָך אַ באַשטימטן קאָדעקס פאַר האַנדלונגען, צערעמאָניעס, מנהגים.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז אין אונדזער דור האָט הלכה — אין איר אַלגעמיינעם זין און נישט ספּעציעל אין קאָנטעקסט פון יידישן לעבן — אינגאַנצן פאַרלוירן איר קראַפט און השפּעה. אַנטשולדיקט מיר וואָס איך געברויך דעם באַגריף „הלכה" אַזוי לויז, אָבער אין לעבן פון יענע לענדער, ווו מחמת זייער פּאָליטישן רעזשים ווערט דאָס גאַנצע לעבן רעגימענטירט, איז פאַראַן גענוג „הלכה", און מיליאָנען מענטשן זענען אירע פאַרשריפטן מקיים, פאַר אַלעמען, אויס מורא. נישט נאָך אַזאַ „הלכה", ווייס איך, בענקט זיך אייך. „מצוות" וואָס מ'מוז מקיים זיין אונטער דעם דראָען פון אַ בייטש, פון טורמע אָדער פון אַ תליה, זענען נישט קיין אמתע מצוות.

אויך אַן אַ טאָטאַליטאַרן פּאָליטישן רעזשים זענען פאַראַן אומעטום קאָנווענ־ציאָנעלע מנהגים און אַפילו ריטואַלן, וואָס די מערהייט פון אונדז מוז נאָכ־קומען מחמת סאָציאַלן צוואַנג און וואָס מיר זענען מקיים כמעט אויטאָמאַ־טיש. דאָס איז אויך אַ שטיק הלכה, אַפילו לויט די באַגריפן פון אונדזערע אַמאָליקע חכמים (דערמאָנט אייך אַן אַזעלכע תלמודישע אויסדרוקן ווי „צא וראה מה הציבור נוהג" אָדער „פוק חזי מאי עמא דבר"). קיין גרויסן קול־טור־ווערט האָט זי אָבער נישט און אַמאָל מוז מען גאָר אַזאַ סיסטעם פון מנהגים באַקעמפן. אין דער רבנישער ליטעראַטור פון 16טן און 17טן יאָר־הונדערט, אין ליטע און אין פּוילן, באַגעגענען מיר זיך מיט אַזעלכע אויס־דרוקן ווי „מנהגי שטות", און דער גרעסטער בעל־הלכה פון נאָך חתימת־התלמוד, דער רמב״ם, האָט זיך אַפילו דערלויבט אַזאַ „שטיפּעריי", ווי אָנצו־ווייזן אַז די ווערטער „מנהג" און „גהנם" (גי־הנום) באַשטייען פון איינע און די זעלביקע אותיות. די בינען־שטאַטן און די מוראַשקעס־שטאַטן זענען אַזוי שטרענג שולחן־ערוכדיק לויט זייער דיסציפּלין און לעבנס־ריטם, אַז קיין שום מענטשלעכע געזעלשאַפט קען צו אַזאַ מדרגה נישט דערגיין, אָבער זייער „הלכה" איז אונדז כלל נישט צום האַרצן, ווייל זי האָט יענע ברואים פאַר־וואַנדלט כמעט אין אויטאָמאַטן. ווען מיר רעדן הייַנט פון הלכה, האָבן מיר אין זינען נישט די „מצוות" פון אַ פּאָליציי־שטאַט אָדער פון אַ קירכן־אינק־וויזיציע, נישט פון „קאָנדיציאָנירטע רעפלעקסן", וואָס כאַראַקטעריזירן די גולמדיקייט פון אַ לעבעדיקן נפש און נישט יענע „אידעאַלע פּאַרגליווערט־קייט", וואָס מיר קענען באַאָבאַכטן אין געוויסע טיילן פון דער אָרגאַנישער וועלט און וואָס מיר ווייסן, אַז זי האָט ביי זי אָפּגעשטעלט די מעגלעכקייט פון יעדער ווייטערער אַנטוויקלונג. די הלכה פון וועלכער איך רעדט איז אַ סיסטעם פון געזעצן, צערעמאָניאַלן און סימבאָלן, וואָס כאָטש זיי ווערן גע־שאַפן פונעם כלל, איז דער יחיד גרייט זיי אָנצונעמען און זיך צו זיי אונ־טערוואַרפן מיטן אייגענעם ווילן, אויס פרייהייט און אַלס אַ סטימול פאַר שעפערישן לעבן. דאָס איז אין גרונט געווען דער זין פון הלכה ביי ייִדן. אין אירע שעפערישע פּעריאָדן האָט זי אַפּעלירט נישט צום טשערעדע־עלעמענט אינעם מענטשן, נאָר צו זיין פרייען אינדיווידועלן ווילן, צו זיין פאַרשטע־לונגס־קראַפט און געוויסן, צו זיין פאַטישן געפיל און צו זיין טיפער עמאָ־ציע פון פרייוויליקער שייכות צום כלל. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַזאַ גרויסער טייל פון אונדזער הלכה איז פאָרמולירט געוואָרן אין דורות ווען מיר האָבן שוין נישט פאַרמאָגט קיין שטאַטלעכע אָרגאַניזאַציע אינעם אָנגע־נומענעם זינען פון וואָרט, און „אָרויפגעצוווּנגען" איז דאָס געוואָרן פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי ח כ מ י ם — הויפּטזעכלעך, הייסט דאָס, פון אַ מאָראַלי־

שער אויטאָריטעט. אָבער אַ זאַ הלכה קען מען נישט, ווי איר פאַרשטייט אַליין, קינסטלעך „מאַכן“, און דאָרט ווו זי האָט עקזיסטירט און מחמת באַ־שטימטע סיבות פאַרלוירן איר השפעה, קען מען זי נישט רעסטאַווּרירן אין איר אַמאָליקער קראַפט בלויז דורך אַנטשלוס, אָדער דורך אונדזער באַגרייפן אַז מיט הלכה איז אונדזער לעבן געווען פעסטער, סאָלידער, רייכער און זינ־פולער ווי עס איז איצט.

פון הלכה, בין איך געניייגט צו גלייבן, דאַרף מען הנאה האָבן, אָדער זי האָט אינגאַנצן קיין זינען נישט. נאָר אונדזער אויבערפלעכלעכע השכלה האָט זיך איינגערעדט (דאָס זעלביקע האָט זיך די השכלה אין אירע פאַרשיידענע וואַריאַציעס איינגערעדט אויך ביי די אומות־העולם), אַז דאָס רעליגיעזע הלכה־לעבן באַשטייט פון סתם „גזירות“ און „חומרות“, וואָס דער־שטיקן אין כלל און אין יחיד זיין לעבנס־לוסט און לעבנס־פעיִקייטן. אויך דער רעליגיעזער אַסקעט וואָלט אונדז געקענט זייער אַ סך דערציילן וועגן זיינע — פּאַראַדאָקסאַלע? — הנאות און זיך באַרימען אַז זיי זענען אָן אַן ערך אינטענסיווער, סטימולירנדיקער, און גיבן אים אַ סך אַ שאַרפערן געפיל פון „איך־זיין“ איידער עס פאַרמאָגן אין זיך די וואָס „לאָזן זיך ווילגיין“.

דער עקסטרעמער אַסקעט איז אפשר אַ שלעכטער ביישפּיל, ווייל ער לעבט אויך נאָך זיינער אַן אייגענער, נישט בלויז לויט אַ קאָלעקטיווער הלכה. אָבער הלכה בדרך־כלל — צוגעשניטן צום שיעור־קומה פונעם אַזוי גערופע־נעם דורכשניטלעכן מענטשן — האָט אין איר וועזן אַפּעלירט נישט בלויז צום געפיל פון געהאָרכזאַמקייט, נאָר אויך צו דער אַלגעמיינער וויזיע־קראַפט און דערלעבעניש־קראַפט סיי פונעם כלל און סיי פונעם יחיד. איך קען זיך איצט נישט דערמאָנען עקזאַקט ווו דאָס שטייט, אָבער אין מיינע אויערן קלינגט אַ מדרש וועגן דעם אונטערשייד צווישן צדיקים און רשעים. „רשע בחייו חשוב כמת“, דער רשע איז (אויך) בשעת ער לעבט געגליכן צו אַ מת, ווייל ער זעט ווי די זון גייט־אויף און ער מאַכט נישט די ברכה „יוצר אור“, און ער זעט ווי די זון פאַרגייט און מאַכט נישט די ברכה „מעריב ערבים“, און ער עסט און טרינקט און בענטשט נישט; אָבער צדיקים מאַכן אַ ברכה אויף יעדער זאַך, וואָס זיי עסן, אָדער טרינקען, אָדער זעען, אָדער הערן. וואָס איז אייגנטלעך דער זין פון אַזאַ כאַראַקטעריסטיק? דאָס עצם אַרויס־רעדן פון מויל אַזאַ ברכה ווי „יוצר אור“ אָדער „מעריב ערבים“ מאַכט נאָך נישט פונעם צדיק קיין לעבעדיקן מענטשן, און דאָס נישט־אַרויסרעדן אַ באַ־שטימטע צאָל ווערטער מאַכט נאָך נישט דעם רשע פאַר קיין „מת“. דער אונ־טערשייד ליגט דאָ נאַטירלעך ערגעץ אַנדערש: דער „רשע“ איז גייסטיק אַזוי טויט אַז ער פילט נישט קיין באַדערפעניש צו מאַכן די ברכה און

פון איר הנאה צו האָבן — אַזוי טויט אַז ער פילט נישט די מיסטעריע פון זונאויפגאַנג און פון זונאונטערגאַנג, פון אַ שטיקל ברויט און פון אַביסל וואַסער, אין זייער אייביקער פאַרבינדונג מיט דער וועלט־טאָטאַליטעט און מיט גאָט אין יענער טאָטאַליטעט. ער איז „טויט" ווייל ער זעט אין דעם וווּנדערלעכן דאָס געוויינלעכע, אין די אויסשטראַלונגען פון אייביקייט דאָס אַלטעגלעכע, אין יעדער דערשיינונג בלויז איר לאַנגווייליקע חיצוניות און נישט די קראַפט וואָס „באַהאַלט זיך" הינטער איר. נישט יעדן מענטשן און אין יעדן צושטאַנד קען מען זאָגן „של נעליך" (נעם אַראָפּ דיינע שיך) אויס ערפורכט; כדי מקיים צו זיין אַזאַ שטיק „הלכה", דאַרף ער זיין פעיִק צו ז ע ן מיט מער דורכדרינגענדיקע אויגן ווי ער זעט. עליזאַבעט בראַונינג האָט דאָס תופס געווען אויף איר אופן, ווען עס האָבן זיך ביי איר אַרויסגע־ריסן די ווערטער:

> "Earth' crammed with heaven,
> And every common bush afire with God;
> But only *he who sees, takes off his shoes.*"

אין יעדן הלכה־סיסטעם פאַרנעמט די ברכה אַ זייער חשובן פּלאַץ, אָבער דער גאַנצער זין פון אַ ברכה איז דער באַגלייטנדיקער געפיל אָדער די „זע־אונג", אַז די זאַך אָדער די דערשיינונג אויף וועלכער מ'מאַכט די ברכה, איז נישט קיין צופעליקע און נישט קיין איזאָלירטע, אַז אויף מיליאָנען אומזע־באַרע וועגן איז זי פאַרבונדן מיט אַ פאַרבאָרגענער זינרייכקייט. אָן אַזאַ גע־פיל און אָן אַ שטרעבן, כאָטש אויף אַ בלאַסן אופן, צו קומען אין אַ טיילווייזער באַהעפטונג מיט יענער זינרייכקייט, וואָלט קיין שום ברכה (און מעג איך נאָך צוגעבן? — קיין שום לירישע פּאָעזיע) נישט געקענט אַנטשטיין. ווען די וועלט וואָלט פאַר אונדז אַלעמען געווען „געוויינלעך", אַבסאָלוט „נאַטירלעך", טריוויאַל, וואָלטן מיר אַלע, לויטן נוסח פונעם פּרי־עצ־ציטירטן מדרש, געווען „רשעים". אַ ברכה, אַפילו ווען זי איז נישט קיין ספּעציפישע, קיין באַזונדערס־אַקצענטירטע, ווי, לאָמיר זאָגן אַ „שהכל ברכה", איז, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן, דאָס א ו י פ נ ע מ ע ן פ ו ן א נ ס, דאָס באַוווסטזיין אַז ווי קלאָר און עקזאַקט מיר זאָלן נישט פאָרמולירן די געזעצמעסיקייט פון אַלץ וואָס עס געשעט אַרום אונדז, זענען מיר נישט אַריינגעשטעלט אין קיין וועלט פון באַנאַליטעטן, און אַלץ וואָס ס'איז נישט באַנאַל איז אויף אַ געוויסן שטח פון גייסטיקן לעבן „אַ נס". דאָס „נאַטיר־לעכסטע" וואָלט געווען דער ג אָ ר נ י ש ט, דאָס נישט־עקזיסטירן און נישט־לעבן, די אַבסאָלוטע אָפּוועזנקייט פון וועלכע נישט איז זאַכן, דערשיי־

נונגען, ברואים. אַט אין דעם זינען פֿאַרשטיי איך די ווערטער פֿון וואַלט וויטמען — "As to me, I know of nothing else but miracles," אָדער די עצה פֿון אַן ענגלישן עסייִסט: „געפֿינט עפּעס וואָס ס'איז נישט קיין וווּנדער, וועט איר דענסטמאָל האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו וווּנדערן".

צוליב וואָס אייגנטלעך שטעל איך זיך אַזוי לאַנג אָפּ אויפֿן כאַראַקטער פֿון הלכה, איגנאָרירנדיק דערווייל אַנדערע, זייער וויכטיקע און אָנרעגנדיקע, מאָמענטן, וואָס איר האָט אין אייער בריוו אַרויסגעבראַכט? ווייל מיר דוכט זיך, אַז איר אַליין זייט, אַזוי צו זאָגן, אויף דעם הלכה־מאָמענט ספּעציפֿיש קאָנצענטרירט, און מיר ווילט זיך באַזונדערס אָקצענטירן, אַז ווערטפֿולע הלכה איז בלויז די יעניקע, הינטער וועלכער עס שטייט אַ באַשטימטע אַגדה. איך זייט מסכים, ווי איך פֿאַרשטיי, מיט ביאַליקן, אַז סתם אגדה, ווי דערהויבן זי זאָל נישט זיין, איז פּרוכטלאָז, נישט עפֿעקטיוו אָדער אפֿשר גאָר אויך פֿאַרפֿירעריש, אויב זי מאַניפֿעסטירט זיך נישט אין הלכה, אין אָפּגעוויגענער און אָפּגעמאָסטענער הלכה למעשה. איך וואָרף אַזאַ שטאַנדפּונקט נישט אָפּ. יענער ענגלענדער וואָס האָט אַמאָל דערקלערט דעם בישאָף, אַז ער באַטראַכט עס פֿאַר אַ פּחיתות הכבוד ווען מ'וויל אַרויפֿצווינגען אויף אים אַ רעליגיעזן קאָדעקס פֿון מאָראַלישע געזעצן, ווייל ער איז אַ דזשענטעלמען, און דער ריבונו של עולם מעג זיך אויף אַ דזשענטעלמענס פֿאַרלאָזן, אַז אויך אָן געזעצן וועט ער שטענדיק האַנדלען ערלעך און ערנהאַפֿטיק, האָט געמאַכט אַ פֿאַלשן פּסיכאָלאָגישן חשבון. אַחוץ גוטע כוונות וואָס אַ „דזשענטעלמען" זאָל פֿאַרמאָגן אין זיין שורש־נשמה מוז ער נאָך האָבן אויף זיך אַ באַשטימטע דיסציפּלין און קאָאָרדינירן זיין לעבן מיט אַ באַשטימטן סאָציאַלן ריטם — דאָס וואָס מיר פֿאַרשטייען, סימבאָליש גערעדט, אונטערן באַגריף הלכה. אָבער הלכה, גלייב איך, מוז פֿון ערגעץ־ווו קריגן אַ סאַנקציע; זי איז נישט זעלבסטשטענדיק, זי איז נישט ביכולת זיך צו שטיצן אויף זיך אַליין אָדער זיך דערנערן פֿון אייגענע שפּייכלער. איך קען זיך דאָ נישט אונטערנעמען דאָס צו באַווייזן, אָבער איך נעם אָן און גלייב, אַז, אַזוי צו זאָגן, „כראָנאָלאָגיש" קומט הלכה נאָך אגדה, סיי אין רעליגיעזן און סיי אין סאָציאַלן און מלוכה־לעבן. דער שטאַט מיט זיינע געזעצן און דיסציפּלין, מיט זיין הלכה, איז נאַטירלעך נישט קיין רעזולטאַט פֿון אַ „סאָציאַלן קאָנטראַקט" אין דעם פּשטנישן זינען פֿון וואָרט, אַז אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָבן זיך יחידים פֿאַרזאַמלט און האָבן צילבאַוווּסט געשלאָסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך צו שאַפֿן אַ מלוכה. אָבער די מלוכה, אַפֿילו די סאַמע פּרימיטיווע און דעספּאָטישע, האָט געקענט אַנטשטיין בלויז דענסטמאָל, ווען פֿאַרן באַוווּסטזיין אָדער דער פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט פֿון יחידים און משפּחות האָט שוין

פאַרגעשוועבט, לאָמיר זאָגן אין אַ פאַרנעפלטער פאָרם, די וויזיע פון אָרגאַניזירטן שטאָטלעכן לעבן, ווען עס האָט שוין אין זיי געלעבט די א ג ד ה פון אַ נייעם און העכערן טיפ סאָציאַלן אָרגאַניזם, איך גלייב אַז איך וועל זיך מאַכן קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, אויב איך וועל פאַרזוכן דאָס צו איַלוסטרירן אויף דעם געביט פון עטיש־רעליגיעזן לעבן. וואָס איז „ואהבת לרעך כמוך״ (ליב דעם נאָענטן ווי זיך אַליין) — הלכה אָדער אגדה? געזאָגט געוואָרן איז עס אין אַן אימפּעראַטיווער פאָרם, גראַמאַטיקאַליש קלינגט דאָס ווי אַ באַפעל, ווי אַ מצווה, און דאָך איז דאָס אין תוך ריינסטע אגדה. די טענדענץ פון הלכה איז קאָנקרעטקייט, עקזאַקטקייט, לויט איר וועזן איז זי נאָרמאַטיוו, און אירע פאָרמולעס זענען אַזעלכע, אַז מ׳קען שטענדיק פעסטשטעלן צי (און אין וועלכער מאָס) מ׳האָט אירע פאָרשריפטן מקיים געווען אָדער נישט. „ואהבת לרעך כמוך״ קען נישט געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון אַזעלכע פאָרשריפטן, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין אָביעקטיווער, זעבאַרער מאָסשטאַב, לויטן וועלכן מ׳זאָל קענען מעסטן „ליבע״ — שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז אויב מ׳נעמט דעם דאָזיקן זאַץ בוכשטעבלעך, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אומדערגרייכבאָרן אידעאַל, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דעם רוב מנין פון דער מענטשהייט. דער דאָזיקער אידעאַל, די אַפעלאַציע צו אַ געוויסער דינאַמיק אין דעם מענטשנס וועזן, איז לויט זיין כאַראַקטער און אינהאַלט וויזיאָנעריש: דאָס איז אַ וויזיע פון מעטאַפיזישער איַדענטישקייט פון „איך״ און „נישט־איך״, פון גלייכווערדיקייט פון אַלע מענטשלעכע ברואים, אין „עולם העליון״ אויב נישט אין „עולם התחתון״, און דערפאַר איז דאָס אין תוך, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, ריינע אגדה. אָבער אָן דעם דאָזיקן שטיק אגדה וואָלט נישט געווען אין דעם סיסטעם פון רעליגיע קיין פלאַץ פאַר הונדערטער הלכות, און אַלע מצוות וואָס האָבן צו טאָן מיט „בין אדם לחברו״ וואָלטן געהאָנגען אין דער לופטן. די געזעצן פון לקט, שכחה און פאה זענען טיפּישע הלכה, אָבער זייער סאַנקציע ליגט נישט אין זיי אַליין אָדער אין וועלכער נישט איז אַנדערער, מער כוללדיקער הלכה, נאָר אין אַזאַ נישט קאָנקרעטער „צעשווומענער״ אגדה ווי „ואהבת לרעך כמוך״.

אין דעם זינען באַטראַכט איך אויך די ערשטע פון די עשרת הדיברות פאַר אגדה, נישט פאַר הלכה. „אנכי ה׳ אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״ (איך בין דער האַר, דיין גאָט, וואָס כ׳האָב דיך אַרויסגעפירט פון מצרים, פונעם הויז פון קנעכטשאַפט) איז נישט קיין באַפעל, קיין פאָרשריפט, קיין קאָנקרעטע נאָרמע פאַר טאַט און האַנדלונג. דאָס איז גיכער אַן אַ נ ט פ ל ע ק ו נ ג, אַן אַלגעמיינע קאָסמיש־רעליגיעזע דערלעבעניש, די אויפציטערנדיקע וויזיע פונעם אַבסאָלוט, פון אַן אייביקן און הייליקן וועזן,

וואָס האָט זיך היסטאָריש מאַניפעסטירט אין דער באַפרייונג פון אַ פאַרשקלאַפּט פאָלק און האָט דערמיט אַרויסגעוויזן איינעם פון זיינע אַטריבוטן — גערעכטיקייט אָדער ליבע צום אונטערדריקטן. נישט אומזיסט איז דער דאָזיקער זאַץ דערגאַנגען צו אונדז אַלס די ערשטע „דיברה״. די ערשטע „דיברה״ וואָס טראָגט אין זיך די סאַנקציע פאַר אַלע איבעריקע דיברות און (פּאָטענציעל) פאַר הונדערטער דינים, פאַר די מצוות עשה און לא־תעשה וואָס זאָלן שפּעטער אויפגעבויט ווערן אויפן יסוד פון גרונט־געבאָטן, קען אַליין קיין געזעץ, קיין ה ל כ ה, נישט זיין. זי איז הוילע תפיסה, זעונג, „באַגעגעניש״ מיט דער אורקראַפט און מיטן אור־אמת פון אַלץ וואָס עקזיסטירט און געשעט.

ביאַליק האָט צוליב פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס דאַרפן אייך זיין פאַרשטענדלעך, אַ שיין ביסל איבערבאַטאָנט דעם ווערט פון הלכה. עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו פאַרקלענערן איר באַדייטונג, אָבער ווי וויכטיק איר פונקציע זאָל נישט זיין און ווי צעשטויבט דאָס גאַנצע סאָציאַל־גייסטיק לעבן פון אַ פאָלק זאָל נישט ווערן מחמת מאַנגל אין הלכה, וויל איך, אַז איר זאָלט מסכים זיין מיט מיר, אַז הינטער יעדן קאָדעקס פון הלכה מוז שטיין אַ באַשטימטע אויפפאַסונג אָדער וויזיע פון דער וועלט־טאָטאַליטעט — אַן אגדה אָדער אַ סיסטעם פון אגדה, פון וועלכער די הלכה דאַרף שעפּן איר יניקה, קריגן איר סאַנקציע; פון וועלכער זי דאַרף אינספּירירט ווערן; דורך וועלכער זי קומט אין באַרירונג מיט דעם וואָס מיר ווילן באַטראַכטן אַלס איבערהיסטאָריש, אַלס אַבסאָלוט.

איצט פאַרשטייט איר, גלויב איך, וווהין איך האָב געצילט און געוואָלט דערפירן: איר מאָנט פאַר אונדזער לעבן הלכה, גלייך ווי אגדה וואָלטן מיר שוין (אָדער נאָך) פאַרמאָגט. אָבער ווו איז אונדזער אגדה, אונדזער אַלגעמיינע וועלט־ און לעבן־עמפּינדונג, אונדזער — ערשטע דיברה? האָבן מיר זי, לעבט זי אין אונדז, האָבן מיר פאַר איר אַ נאָמען? ווען איך זאָג דאָ „מיר״, „אונדז״, מיין איך נאַטירלעך א נ ש י ש ל ו מ נ ו, ווייל אויף וויפל עס זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט עכט־פרומע ייִדן, וואָס טראָגן אין זיך די לחלוחיתדיקע „עקשנות״ פון אונדזער רעליגיעזער טראַדיציע, פרעגן זיי נישט די קשיות וואָס איר פרעגט און וואַרטן נישט אויף מיר, איך זאָל זייערע שאלות פּסקענען. ווען איר רעדט אָבער וועגן א ו נ ד ז ע ר עולם, וועגן יענע שיכטן פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס מיר ביידע ווילן זיך איינרעדן אַז מיר קענען האָבן אויף זיי אַ השפּעה, און אין תחום פון ז יי ע ר לעבן בענקט זיך אייך נאָך „אַ רענעסאַנס פון הלכה־ייִדישקייט״, ווי איר דריקט זיך אויס אין אייער בריוו, זענט איר מיר פאַר אַלעמען שולדיק אַן ענטפער אויף דער פראַ־

גע, וואָס איך האָב שוין, דוכט זיך, פּריִער געפרעגט: אויף וואָס דאַרפט איר דעם הלכה־רענעסאַנס האָבן אָדער — אַנדערש גערעדט — צוליב וועלכער אגדה ווילט איר האָבן הלכה?

הלכה האָט (מיר וואָלט זיך אַפילו ריזיקירן און זאָגן: דרך אגב) דער־פילט אין משך פון דורות אויך אַן אַנדער שליחות, נישט קיין רעליגיעזע. אין ספּעציפישן זינען פון דעם וואָרט — זי האָט סטימולירט אונדזער קיום אַלס פאָלק, געשאַפן באַדינגונגען פאַר אונדזער המשך, אָפּגעהיט אונדז פון גייס־טיקע „צוג־לופטן", פון פאַטאַלע „פאַרקילונגען", פון אַטאָמיזירט ווערן, פון קאָלעקטיוון אונטערגאַנג. אָבער איר „בראשית", איר אינעווייניקסטע טרייב־קראַפט, איז געווען אַ דורך און דורך רעליגיעזע. איר הויפּט־צוועק איז נישט געווען דינען די היסטאָרישע צוועקן פונעם יידישן פאָלק אַלס אַ באַזונדערער סאָציאַלער אָדער עטנישער אָרגאַניזם, נאָר דערפילן גאָטס ווילן, אָדער שאַפן אַזעלכע „היגיענישע" באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס זאָל לייכטער זיין זיך צו באַהעפטן מיט גאָטס אויסשטראַלונגען אין דעם „עולם התחתון". איר הויפּט־פּאַטאָס איז געווען עבודת־הבורא, נישט עבודת האומה, און דורך איר איינציקאַרטיקן סיסטעם פון דינען גאָט האָט זי (מעג מען זאָגן „ממילא") געדינט אויך דעם פאָלק אַלס אַזעלכן. וועט עס איצט זיין אַ בלבול אויף אייך, אויב איך זאָל זאָגן, אַז ווען איר רעדט וועגן הלכה, זענט איר הויפּטזעכלעך פאַראינטערעסירט אין עבודת־האומה, און נישט — רעדנדיק אין אונדזערע קלאַסישע טערמינען — אין עבודת־הבורא? אַז איר זוכט אויפצולעבן אין אונדזער לעבן די הלכה נישט לשמה, צוליב איר גופא און צוליב אַ באַשטימטער רעליגיעזער אגדה הינטער איר, נאָר אַלס אַ קרדום לחפור בו, אַלס אַן אינסטרומענט וואָס קען צונוץ קומען אין אויפ־האַלטן דעם ווייטערדיקן קיום פון אונדזער פאָלק? אויב איך מאַך נישט קיין טעות, און דאָס איז טאַקע אייער הויפּט־מיין, ווייס איך ערשט דעמאָלט נישט וואָס צו טאָן מיט דעם פּראָבלעם וואָס איר האָט אָוועקגעשטעלט. איך בין גענוג „נאַציאָנאַליסט" כדי צו פאַרשטיין אייער זאָרג פאַר אונדזער צוקונפט, און טיילן אייער עצבות ווען איר קוקט זיך צו צו דער דעזאינטעגראַציע פון יידישן לעבן. איך בין אָבער, האָב איך מורא, נישט גענוג „נאַציאָנאַליסט", כ'זאָל זיך קענען פאָרשטעלן, אַז אָן אַ רעליגיעזער אגדה, אָן אַ וויזיע פון איבערנאַציאָנאַלע און איבערהיסטאָרישע ווערטן, אָן (אויב איך מעג דאָ נוצן אַזאַ וואָרט) אַ מעטאַפיזישן רענעסאַנס, אָדער רעדנדיק טראַדיציאָנעלער, אָן אַ נייער דערוואַכונג פון אמונה, זאָלן מיר האָבן כוח אַריינצוטאָן אונדזער קאָפּ אין יאָך פון הלכה — פון דער אַלטער, צי פון אַ רעפאָרמירטער, צי פון אינגאַנצן אַ נייער — בלויז אָדער הויפּטזעכלעך, כדי אָפּצוהיטן אונדזער לעבן אַלס פאָלק, צוליב נאַציאָנאַליזם.

איך ווייס, אַז נאַציאָנאַליזם איז אין אונדזער דור אַ גרויסע קראַפט (מעג איך אויסזאָגן דעם אמת? אין מיינע אויגן, אַ צו גרויסע און אָפטמאָל אַ גייסט־פּיינטלעכע, רישעותדיקע קראַפט); איך גלייב אָבער נישט, אַז אין לעבן פון אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק ווי מיר זענען, קען אויפסניי אונ־דזער ווילן צו המשך, אונדזער שטרעבן אָפּצוהיטן וואָס ס׳איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזער קאָלעקטיוון פּרצוף פּנים, סובלימירט ווערן צו דער מדרגה פון אַזאַ הויכן ציל, פון אַזאַ עיקר־אגדה, אַז מ׳זאָל אויף איר יסוד קענען ווידער־אויפבויען אַ סיסטעם פון הלכה, און יענע הלכה זאָל מען טאַקע בפּועל ממש מקיים זיין. מיר זענען אפשר „צו אַלט״ פאַר נאַציאָנאַליזם פון אַזאַ היקף און אַזאַ אינטענסיווקייט, און דערפאַר טאַקע בין איך אַזאַ פאַרעקשנטער ציוניסט: אין ציוניזם זע איך די הבטחה, אַז מיר קענען מיט דער צייט פּטור ווערן פון דער קיום־ און המשך־פראַגע, ווערן אפשר מער נאַציאָנאַל, אָבער אַ סך ווייני־קער נאַציאָנאַליסטיש, אין זינען פון יעדן טאָג טאָפּן ביי זיך דעם דופק און זיך פרעגן, צי הייבט זיך שוין ביי אונדז נישט אָן גסיסה. און ווען דאָס וואָלט יאָ מעגלעך געווען, אַז נאַציאָנאַליזם זאָל ביי אונדז פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון רעליגיע, אויספילן אין אונדז דעם חלל וואָס איז אַמאָל געווען אָנגעפילט מיט רעליגיעזע אינהאַלטן, אַ ל ײ ן ו ו ע ר ן אַ ר ע ל י ג י ע, וואָלט איך דערין געזען אַ געפאַר פון פעטישיזם, פון „אָהנען־קולט״, פון . . . עבודה זרה.

אפשר האָב איך אייך שלעכט פאַרשטאַנען, וויל איך אייך בעטן איר זאָלט זיך מאַכן מער פאַרשטענדלעך. דערווייל דערלויבט מיר צום שלוס נאָכאַמאָל ברענגען צום אויסדרוק מיין אַלגעמיינעם געפיל, אַז כאָטש ס׳איז אמת אַז אונדז פעלט אין לעבן הלכה, איז אָבער אונדזער גרעסערער אומ־גליק דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער אגדה אַלס רעליגיעזן הינטער־גרונט פון לעבן, און אָן אגדה — פון וואַנען זאָל זיך נעמען הלכה?

אגדה איז ווייט נישט שטענדיק דאָס וואָס איר באַצייכנט אין אייער בריוו אַלס „פּרפּראות לחכמה״ (אַ צוביים אָדער אַ פּריפּראַווע צו חכמה); אויף אַ געוויסן שטח — ווען זי איז „וויזיאָנעריש״ — איז זי די חכמה גופא, די איינציקע חכמה וואָס איז דערגרייכבאַר פאַרן מענטשלעכן מין, און, אַחוץ דעם, נישט בלויז אַן אָרנאַמענט פאַר דער הלכה, נאָר אַ ק ל י מ אַ ט וואָס אין אים און אַדאַנק אים קען הלכה געבוירן ווערן, וואַקסן און ברענגען אירע רייכע פּרוכט.

האָבן מיר איצט, קענען מיר היינט האָבן אַ ז אַ אגדה?

צווייטער בריוו

מעג איך אייך דערמאָנען די מעשה מיט משה פאַסטוך?

דער בעל־שם האָט אַמאָל באַשלאָסן זיך אָוועקצולאָזן אויף אַ מלחמה קעגן שבתי־צבי און יעקב פראַנק. דעם פאַלשן משיח האָט ער געוואָלט מתקן זיין, ווייל ער האָט אויף אים רחמנות געהאַט און אויך געפילט, אַז אין אים שטעקט אַ „ניצוץ״, און יעקב פראַנקן האָט ער געזוכט פשוט צו „באַצווינגען״. האָט מען אים מגלה געווען פון אויבן, אַז פאַר אַזאַ שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, דאַרף ער זיך פאַראייניקן מיט נאָך צוויי — מיט רב מאיר פּרעמישליאַנער און מיט איינעם, וואָס רופט זיך משה פאַסטוך. האָבן זיך דער בעל־שם און רב מאיר צוזאַמען אַוועקגעלאָזן זוכן דעם אומבאַקאַנטן פאַסטוך. זיי זענען געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן אים געפונען ווייט אין די בערג. ווען זיי זענען אַהין געקומען, איז משה געשטאַנען ביים ברעג פון אַ גרוב און מיט אַלע כוחות אויסגעשריען: „גאָטעניו, מיט וואָס קען איך דיר דינען? וואָלסטו געהאַט שאָף וואָלט איך זיי געפּאַשעט אומזיסט״. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען פון איין זייט גרוב צו דער אַנדערער און דער־ביי אויסגערופן: „דאָס אַלץ טו איך צוליב דעם השם יתברך״. דער בעל־שם האָט שפּעטער געזאָגט, אַז דעם פאַסטוכס עבודה איז גרעסער פון זיין עבודה. ווי די לעגענדע דערציילט, איז משה פאַסטוך געווען אַ פולשטענדיקער עם־הארץ, און לויט דעם באַקאַנטן מאמר חז״ל, האָט ער, הייסט עס, קיין „חסיד״ נישט געקענט זיין. דער בעל־שם האָט זיך ערשט נאָכדעם גענומען אים לער־נען ייִדישקייט: דערציילן וועגן חורבן בית־המקדש, וועגן גלות ישראל, וועגן דער שכינה וואָס איז אַליין אין גלות, און אַפילו אים פּראָסט־פּשוט ווייזן דעם אלף־בית.

צוליב וואָס אייגנטלעך האָב איך אייך דאָ איבערדערציילט די חסידישע מעשה? ווייל איך האַלט זיך אַלץ, אויף נאָך אייער צווייטן בריוו, ביי מיי־נעם — אַז אגדה קומט פאַר הלכה, און אַז אויב עס איז אונדז, ייִדן, באַשערט אַ רעליגיעזע ווידערגעבורט נאָך אין אונדזער דור, קען זי זיך אָנפאַנגען נאָר פון אגדה און ערשט נאָכדעם איבערגיין צו הלכה. משה פאַסטוך האָט גע־גאַרט נאָך הלכה, נאָך עבודה, נאָך מצוות מעשיות, כאָטש ער האָט דעם שולחן ערוך נישט געקענט און דעם באַגריף וועגן תרי״ג מצוות נישט געהאַט. עפּעס האָט אין אים אָבער געלעבט, וואָס האָט געזוכט זיך צו מאַניפעסטירן אין טאַט און האַנדלונג, אין תפילה און צערעמאָניאַל, אין קרבן, אין עפּעס נאָר־מאַטיוון, און אַזוי ווי גאָט האָט נישט קיין טשערעדעס שאָף ער זאָל זיי קענען פּאַשען אומזיסט, האָט ער זיך געשאַפן זיינע אַן אייגענע הלכה —

שפּרינגען פון איין זייט גרוב צו דער אַנדערער, „צוליב דעם השם יתברך״. אַט דאָס ריין סוביעקטיווע, וואָס האָט אין אים ווייברירט אפשר אָן אַ נאָמען און אָן אַ פאָרמולע און האָט איבערגעפּילט זיין הארץ מיט דבקות, אַט מיט דעם וואָס מיטאַלטערלעכע מיסטיקער פלעגן אָנרופן אויף זייער לשון "Adhesio Dei" איז געווען זיין אגדה. מיטן כוח פון אַזאַ אגדה האָט דאָס שפּרינגען איבערן גרוב באַקומען זין און אינהאַלט, געוואָרן — אין קאָנ־טעקסט פון זיין לעבן — אַ רעליגיעזער אַקט, אַ מין ליטורגיע.

איך גלייב אַז איר וועט מיך נישט שלעכט פאַרשטיין. עס האַנדלט זיך נישט, לויט מיין מיינונג, וועגן דעם, אַז עס זאָל פאַר אונדז (אָדער אין אונדז) אויפפלאַמען אַ שפּאָגל נייע אגדה, שלא ידעו אבותינו. איך ווייס נישט דעם אַדרעס פון אַזאַ דאָרנבוש, וואָס ביי זיין אייביקן פייער זאָלן מיר דערהערן מפּי הגבורה אַ שטים, וואָס קיינער האָט זי נאָך פאַר אונדז נישט געהערט. די „אַנטפּלעקונגען״ וואָס זענען שוין געמאַכט געוואָרן פאַר אונדז, יידן, פאַרן מענטשלעכן מין בכלל, זענען, ס'קען זיין, גענוג אויף פאַר קומענדיקע דורות, און קיין נייע דאַרף מען נישט האָבן. עס זענען אָבער פאַראַן אמתן (דאָס איז אפשר נישט חל בלויז אויף ראַציאָנאַלע אמתן, פון אַ ריין וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער), וואָס כדי זיי זאָלן ווערןווירקזאַם, מוזן זיי, אַזוי צו זאָגן, „ווידעראַנטפּלעקט״ ווערן. אַ מענטש וואָס האָט זיך אין אַ באַשטימטן פּע־ריאָד באַוווסטזיניק אָפּגעזאָגט פון זיין אמונה און רעליגיעזער טראַדיציע, אָדער וואָס זי איז אים אויסגעלאָשן צי אַטראָפירט געוואָרן, און ער ווערט נאָך אַ צאָל „אפּיקורסישע״ יאָרן אַ בעל־תשובה, געפינט נישט אויס אין די מייסטע פאַלן אַפילו קיין רמז אויף אַ נייעם אמת. ער קערט זיך אום, ווי מיר ווייסן פון נישט ווייניק פאַלן, צוליב דיזעלביקע אמתן, פון וועלכע ער האָט געוווסט אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן זיך אָבער פאַר אים, אין אַ געוויסן זינען, „ווידעראַנטפּלעקט״ — אָדער אפשר גאָר האָבן זיי זיך פאַר אים צום ערשטן מאָל אוממיטלבאַר אַנטפּלעקט, ווייל פריִער זענען זיי געווען בלויז אַ טייל פון אַ פאָלקס אָדער אַ גרופּעס ירושה, וואָס קיינער האָט אים נישט געפרעגט צי וויל ער זי גאָר ירשענען.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל זיך מאַכן פאַרשטענדלעך. ליבע צווישן מאַן און פרוי איז אַלט ווי די וועלט, און אַפילו די סובלימירטע עראָ־טישע ליבע וואָס באַטראַכט זיך פאַר נישט געפענטעט פונעם אַלגעמיין־זאָאָ־לאָגישן סעקסועלן אינסטינקט, איז שוין אויך נישט קיין נייע דערשיינונג, יעדנפאַלס טויזנטער יאָרן אַלט. אַזאַ ליבע, ווען זי איבערוועלטיקט אַ מאַן אָדער אַ פרוי, טראָגט אין זיך, מעג מען זאָגן, אירן אָן „אמת״ — קאָלאַרירט מיט זיך די גאַנצע אַרומיקע ווירקלעכקייט, גיט צו דעם לעבן אַ באַזונדער

טעם און זין. זי איז אָבער אין יעדן אינדיווידועלן פאַל אַ נייע, זעלבסטשטענדיקע „אַנטפּלעקונג“, כאָטש טעאָרעטיש קען דער „בעל־דבר“ פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס ס׳האָט זיך אים אַנטפּלעקט, האָט זיך פאַר זיין געבורט מיליאָנען מאָל שוין מאַניפעסטירט.

איך נעם זיך נישט אונטער צו פאָרמולירן אין מיין קורצן בריוו, וואָס ע׳ס איז געווען, אין זינען פון גרונט־אידייען, דער אינהאַלט פון חסידות. איך גלייב אָבער, אַז קיין איינער פון די באַשאַפער פון דער חסידישער באַוועגונג האָט נישט פאַרמאָגט קיין „אָריגינעלע“ אידייע, נישט תופס געווען קיין איין לחלוטין נייעם אמת. אַלץ אָדער כמעט אַלץ וואָס מקובלים און חסידים האָבן געפּרעדיקט און דורכגעלעבט, קען מען, אין תוך, געפינען אין דער רעליגיעזער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט. ניי איז אין חסידות געווען נישט דער אינהאַלט פון אמונה, נאָר די אַ ק צ ע נ ט י ר ו נ ג פון געוויסע אידייען, דאָס פיקסירט ווערן אויף זיי; און ניי איז געווען די קראַפט, מיט וועלכער אַלטע אידייען האָבן אָנגערירט אין י׳דן זייערע גייסטיקע סטרונעס. אָט פון דעם שטאַנדפונקט, מיין איך, אַז אויב אַפילו מיר זאָלן לחלוטין נישט דאַרפן האָבן קיין נייע אגדה, מוז די אַלטע אגדה מיט אירע אידייען אויפסניי רעפּרעזענטירט ווערן — נישט אין זינען פון בלויז ב אַ ג ר י פ ן, נאָר אין דעם זינען, אַז מיר זאָלן פון איר ווידעראַמאָל אָ נ ג ע ג ר י פ ן ווערן.

ווי איר זעט, ליבער פריינט, בין איך אפשר אַ סך הילפלאָזער פון אייך. ווייל איר זענט גרייט אָנצופאַנגען פון הלכה, זענט איר פעי׳ק (אָדער איר האָט די געבענטשטע אילוזיע, אַז איר זענט פעי׳ק) שוין אָנצוצייכענען אַ פראָגראַם, אַ מין אורח חיים פאַר י׳דישע מענטשן אויך פון אונדזער דור. מיך אָבער האָט איר אַ געוויסן גרונט חושד צו זיין, אַז איך זיץ פאַסיוו, כמעט פאַטאַליסטיש, און וואַרט אויף אַ נס מן השמים, אויף אַ מין „רעוועלאַציע“ פאַר אונדזער דור. אויב איר זענט מיך טאַקע אין דעם חושד, איז אין דעם פאַראַן אַ געוויסער קערן פון אמת. דאָס פראָבלעם — ווי איך זע עס — ווי זאָל איך זיך אין מיין הילפלאָזיקייט אויסדריקן? — א י ז אַ ז ע ־ פ ר אָ ב ל ע ם, כ׳האָב שיר־שיר נישט אָנגעשריבן „אַן אָקוליסטיש פראָבלעם“. מיך פאַרפאָלגט אָפטמאָל אַ זאַץ, וואָס כ׳האָב שוין אַמאָל געלייענט ביי אַן ענגלישן נאַטור־וויסנשאַפטלער (ב. א. האַוואַרד): „אַ מענטש, זאָגט ער, „איז אַזאַ מין גוף וואָס, אין דורכשניט, אַנטהאַלט ער אין זיך גענוג וואַסער אָנצופילן אַ צען־גאַלאָן־פעסל; גענוג פעטס פאַר זיבן סטאַנדאַרד־זייפלעך; קאַרבאָן פאַר צוויי טויזענט און צוויי הונדערט קעפּלעך פון שוועבעלעך; אייזן פאַר איין טשוואָק פון אַ מיטעלער גרויס; גענוג קאַלך אויף אויסצוקאַלעכן אַ הינער־שטאַל און קליינע קוואַנטיטעטן פון מאַגנעזיום און שוועבל“. דער

אַמעריקאַנער היימיש־געבאַקענער (און גאַנץ קליינשטעטלדיקער) אַפּיקורס, קלאַרענס דאַראָו, האָט אַמאָל — איך ווייס נישט ווען און אויף צו־להכעיס — אויסגערעכנט, אַז אין שיקאַגאָ קאָסטן די אַלע פּראָדוקטן אויפֿן לאַחדים־מאַרק 96 סענט. איר שטויסט זיך מסתמא אָן, צוליב וואָס איך ברענג דאָ די דאָזיקע פּריוואַליטעטן: זיי האָבן אַ שייכות צו דעם, וואָס איך האָב פּרוּער געזוכט צו באַצייכענען אַלס „דאָס זע־פּראָבלעם". אויב דער לאָמטערן זאָל ביי אונדזער דור בלייבן שטיין (אָדער בלייבן אָנגעשטעלט) ווי ער איז, אויב מיר זאָלן נישט ווערן „זעעוודיקער", ווי מיר זענען, וועלן מיר האָבן אַלץ מער יצר־הרע צו באַטראַכטן איינער דעם אַנדערן און די גאַנצע וועלט אַלץ מער אָדער ווייניקער אין טערמינען פון די דערמאָנטע „פּקחים", און דעמאָלט האָט לחלוטין נישט קיין זינען צו דענקען וועגן רעליגיע, אגדהשער אָדער הלכהשער. איר געקענקט, מסתמא, איינס פון ווערעסאַיעווס ערשטע ווערק („מעמואַרן פון אַ דאָקטאָר"). ווען ער האָט אין זיינע יונגע סטודענטן־יאָרן אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַנאַטאָמישן טעאַטער אויף טויטע מענטשלעכע קערפּערס, האָט ער אַנגעפאַנגען אויסצומיידן דאָס מיידל, אין וועלכן ער איז געווען פאַרליבט. די אַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ נייגונג צו קוקן מיט אויגן פון אַן אַנאַטאָמיקער אויף יעדער מענטשלעכער געשטאַלט, און זיין געליבטע איז פאַר אים נישט געווען קיין אויסנאַם. זי איז פאַר אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בינטל פלייש, אָרגאַנען, אָדערן, נערוון, קאַנאַלן, צעלן, און ער האָט נישט געקענט איבערטראַגן איר „אַנטגייסטונג". נאָך לאַנגע חדשים האָט ער ערשט צוריקגעקראָגן זיין פּרוּערדיקע „זע־קראַפט", ווערעסאַיעוו דערציילט אונדז (לויט אייגענער דערפאַרונג, גלייב איך), אפשר וועגן אַן עקסטרעמען פאַל, אָבער אין אַ ווייניקער עקסטרעמער מאָס האָט זיך די נייגונג צו זען די גאַנצע וועלט אין אַזעלכע טערמינען אַנטוויקלט, אין די לעצטע דורות, ביי אומגעהייער גרויסע צאָלן פון דער ווייסער מענטשהייט. דאָס איז נאַטירלעך נישט קיין ספּעציעל ייִדיש פּראָבלעם, נאָר אַן אַלגעמיינס. מיר, ייִדן, זענען אָבער נישט ווייניקער פון אַנדערע, אין דער מערב־וועלט, קרבנות פון אָט דער דאָזיקער דיספּאָזיציע, און אפשר האָט דאָס גאָר געוויסע שיכטן ייִדן אַנגערירט אַ סך מער ווי די זעלביקע שיכטן ביי די אומות־העולם. עס קען זיין, אַז אויך די פעיִקייט פון עכטן קינסטלערישן גענוס, פון אמתן פאַרלירן־זיך אין קונסט, ווערט ביי אונדז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט אַדאַנק דער דאָזיקער „אויגן־קראַנקייט". עס זענען געווען עפּאָכעס („פּרימיטיווע") אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע, ווען אַלץ אַרום איז אָדער געווען גייסט אָדער עס האָט פאַרמאָגט אין זיך גייסט אַלס זעלבסטשטענדיקע קראַפט. אונדזערע אויגן האָבן אַמאָל אַלץ באַזעלט — נישט נאָר, ווי מיר

זעען אין אַלטן פֿאָלקלאָר און אין פּרימיטיווע רעליגיעס, חיות, פֿייגל, פֿיש, פֿלאַנצן, נאָר אַפֿילו די וועלט פֿון ד ו מ ם. אין אונדזער נאַטור־וויסנשאַפֿט־לעך אָריענטירטער עפּאָכע ליידן מיר אָבער פֿון דער טענדענץ אַלץ צו אַנט־זעלן, אַלץ צו אַנטגייסטיקן.

איך האָב נישט לאַנג צוריק אַרויסגערופֿן אין אַ קליינער געזעלשאַפֿט פֿון „אפּיקורסים אויף אפּיקורסות", אַ סך האַרציקן געלעכטער מיטן סיפּור־המעשה וועגן דעם „עדות זאָגן" פֿון צוויי סאָוועטישע פּילאָטן, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער יאַראָסלאַווסקי האָט אַמאָל געלאָזט אָפּדרוקן. די צוויי פֿליִער האָבן געמלדט „באַשטעטיקט", אַז עס איז קיין גאָט אויף דער וועלט נישטאָ: זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין זייער עראָפּלאַן, איך געדענק שוין אַליין נישט, אויף וועלכער אומגלייבלעכער הויך, און האָבן פֿון זייער פֿלי־מאַשין לאַנג געקוקט דורך אַ מעכטיקן טעלעסקאָפּ, אָבער זיי האָבן אַרום און אַרום... ק יי נ ע ם נישט געזען. אפֿשר טאָר מען גאָר פֿון יענע צוויי עדות אַזוי שטאַרק נישט אָפּלאַכן. מער ווי אַן אחד מששים אָט פֿון דער פּי־לאָטן־אַרגומענטאַציע לעבט, האָב איך מורא, אין יעדן אָרום אונדז — אָפּט־מאָל קעגן אונדזער ווילן. אפֿשר דערפֿאַר זענען מיר, מיט אַלע אונדזערע חכמות און פּקחותן, אַזוי הילפֿלאָז אין לייזן אונדזערע עלעמענטאַרע סאָציאַ־לע פּראָבלעמען. כדי זיי צו לייזן דאַרף מען האָבן נישט בלויז קלוגע „סאָ־ציאַלע אינזשעניִרן", טעכנאָקראַטן, נאָר אויך — און פֿאַר אַלעמען — אַ באַ־שטימטן וו ע ר ט ־ ג ע פֿ י ל, אַן איבערצייגנדיקע עמפּינדונג פֿון מענטש־לעכער ח ש י ב ו ת. און איך בין גענייגט אַלץ מער צו דענקען, אַז אויב דער אינדיווידועלער בשר־ודם האָט נישט דאָס וואָס מיר ווילט זיך באַצייכענען אַלס קאָסמישע חשיבות — אויב אין דער „סטראַטאָספֿערע" קען מען טאַקע ק יי נ ע ם נישט געפֿינען — קען ער אויך קיין סאָציאַלע חשיבות נישט קריגן (אָט דאָ ליגט אפֿשר דער טראַגישער פּאַראַדאָקס פֿונעם מאָדערנעם, באַזונ־דערס מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם). עס איז פֿאַראַן אַ סיפּור־המעשׂה וועגן אַן אינדישן פֿילאָזאָף, וועלכער זאָל האָבן באַזוכט סאָקראַטעסן. דער גריכישער חכם האָט געזאָגט דעם גאַסט, אַז זיין לעבנס־ווערק באַשטייט אין פֿאָרשן דאָס מענטשלעכע לעבן. האָט דער הינדו אַ שמייכל געטאָן און אים אָנגעוויזן, אַז קיינער קען נישט תופֿס זיין דאָס מענטשלעכע, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט תופֿס געווען דאָס געטלעכע. וואָס איך וויל דורך דעם דאָזיקן סיפּור־המעשׂה באַהויפּטן, איז אייך זיכער פֿאַרשטענדלעך. איר האָט אָנגעפֿאַנגען פֿונעם „מענטשלעכן", פֿונעם סאָציאַלן, ניין — פֿון נאָך אַ שמאָלערן היקף: פֿונעם ספּעציפֿיש־ייִדישן מאָמענט, און איר ווילט אים מאַכן פֿאַרן אויסגאַנג־פּונקט אויפֿן וועג צום אַלגעמיין־רעליגיעזן. איז דאָס די מעטאָדע פֿון מן הקל אל

הכבד? כ׳האָב מורא, אַז פּונקט פֿאַרקערט, אַז עס איז אוממעגלעך צו דער־גרייכן דאָס „לייכטערע״, אַזוי לאַנג ווי מ׳האָט נישט געשאַפֿן קיין נייעם קאָנטאַקט מיטן „שווערערן״, און פֿון טויזנטער הלכות קען קיין איין אגדה נישט אַרויסקומען, אויב זי האָט לכתחילה שוין אין זיי נישט געלעבט אַלס זייער „סאַנקציע״ און באַוועגנדיקע קראַפֿט.

עס האַנדלט זיך אַלזאָ וועגן אַ נייעם (אָדער באַנייטן) אַלגעמיינעם לעבנס־געפֿיל, אָט וועגן דעם, דוכט זיך, וואָס איר האָט אין זינען אין אייער צווייטן בריוו, ווען איר זאָגט אַז „מיר מוזן קודם־כל ווידער זיך אויסלערנען צו פֿאַרשטיין דעם טייטש פֿונעם וואָרט ק ד ו ש ה״. איך מיין, אַז אַן אַזאַ לעבנס־געפֿיל, וואָס הענגט אָפּ, אויף מיין אָרעמען לשון, פֿון אַ באַשטימטן ט אַ ל אַ נ ט צ ו ז ע ן, קען נישט זיין קיין ג ל ו י ב ן און קיין מעטאַ־פֿיזיש פֿ אַ ר ט ר ו י ע ן, אָן וועלכע רעליגיע האָט נישט קיין ממשות און איז נישט בכוח צו אינטעגרירן דעם מענטשן מיט דער וועלט. עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס אויף לאַטיין — וואָס אָרעמער איינער איז אין זיינע אויס־דרוק־פֿעיִקייטן, אַלץ מער לשונות נוצט ער — איז „פֿידעס״ (גלויבן) און „פֿידוציא״ (צוטרוי) פֿון איינעם און דעם זעלביקן שורש. ווייל גלויבן אין רעליגיעזן זינען איז פֿאַרבונדן אויך מיט פֿאַרטרויען, מיט אַ „לירישער אי־בערצייגונג״, אַז דער מענטש מיט זיינע ווערטן און אידעאַלן, מיט זיין געפֿיל פֿון גערעכטיקייט און דראַנג צו אייביקייט, בקיצור, מיט אַלע זיינע מעטאַ־פֿיזישע באַדערפֿענישן, איז אַן אַנגעלייגטער „בן־בית״ אין קאָסמישן לעבן. אָבער פֿאַר אַזאַ אמונה דאַרף מען פֿעיִק זיין צו קוקן אויפֿן גאַנצן לעבן און אויף דער גאַנצערווירקלעכקייט אין מערער ווי אין איין דימענסיע, זיי אויפֿ־פֿאַסן אין זייערע, אַזוי צו זאָגן, פֿאַראַלעלע באַדייטונגען. מקובלים האָבן ביי אונדז באַטראַכט אויף אַזאַ אופֿן נישט נאָר די עמפּירישע ווירקלעכקייט, נאָר אַפֿילו די תורה. ווען מיר לייענען אין זוהר (בהעלותך, בלק): „רק טפּשין בעלמא לא מסתכלין אלא בההוא לבושא דאיהו סיפור דאורייתא ולא מסתכלין במה דאיהו תחות ההוא לבושא״, ווו דאָס וואָרט פֿון דער תורה גופֿא ווערט באַטראַכט נישט נאָר אין זיין קאָנקרעטער, אַזוי צו זאָגן, פֿיזיקאַלישער באַ־דייטונג, נאָר אויך אין זיין מיסטעריעזער דימענסיע, אַלס לשום פֿון עפּעס וואָס איז הינטער אים פֿאַרבאָרגן, ווערט דאָ אָנגעווענדט אויף דער תורה אַ מעטאָדע, וואָס די קבלה ווענדט אָן מיט איר ספּעציפֿישער זעעוודיקייט אויף דער וועלט בכלל. און נאָר מיט אַזאַ זעעוודיקייט קען מען זיך מתגבר זיין אויף די מיליאָנען סתירות אין אונדזער וועלט פֿון דערשיינונגען און אין עצם דענקען, און קריגן אַ געוויסע „פֿאַראַנקערונג״ אין אומענדלעכן אָקעאַן פֿון ז יי ן, לעבן, עקזיסטירן.

און פון וואָס, ליבער פריינט, מיר וואָלטן געדאַרפט אָנפאַנגען — פונעם עיקר צווישן אַלע עיקרים, אָדער ריכטיקער, פון א מ ו נ ה ב ע י ק ר. אָבער דאָס איז נישט אונדזער פּראָבלעם ספּעציעל אַלס ייִדן.

דאָס אויסער־ייִדישע אָדער דאָס איבער־ייִדישע איז געשטאַנען, גלייב איך, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אויך ביים וויגעלע פון ייִדנטום. נישט אומזיסט דערציילט ביי אונדז די אגדה, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן לכתחילה אין זיבעציק לשונות, פאַר אַלע אומות־העולם, און נישט אין ארץ־ישראל, נאָר אין דער מדבר (אין „נאָ מענס לענד") כדי עס זאָל פאַר קיינעם נישט זיין קיין תירוץ, אַז דאָס איז אַ לאָקאַלע תורה — פאַר אַ שבט, אָדער פאַר אַ פאָלק, נישט פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין. ייִדנטום, מעג מען זאָגן, איז געוואָרן ייִדנטום (אַ פאָלקס־רעליגיע) דערפאַר וואָס אַנדערע אומות האָבן עס נישט געוואָלט אָננעמען, אָבער זיין אָריגינעלער זין, זיין שעפערישע טרייב־קראַפט, ווי פיל בעלי־אגדה האָבן דאָס שוין אויף זייער אופן געפילט און אין זייערע טערמינען אויסגעדריקט, זענען געווען איבער־נאַציאָנאַלע.

איך האָב געגעבן אַ שפּרונג פון איין אַספּעקט צו דעם אַנדערן (אונדזערע ביידנס בריוו זענען נישט זייער סיסטעמאַטיש, און אפשר איז דאָס בעסער אַזוי...), ווייל איך וויל, אַז איר זאָלט איינזען אין מיין אַרגומענטאַציע עפּעס וואָס איך באַטראַכט פאַר וויכטיק: מיר זענען — דערווייל — נישט מחולק וועגן די שלוסן וואָס מיר דאַרפן ציִען פון אונדזערע מחשבות, נאָר בלויז וועגן דעם אויסגאַנג־פּונקט. וויפל איר זאָלט נישט באַטאָנען, אין אייער צווייטן בריוו, אַז אייך אינטערעסירט אין דער ערשטער ריי דאָס אַלגעמיין־רעליגיעזע, און ערשט נאָכדעם דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע, איז דאָך דער פּונקט פון וועלכן איר הייבט אינערלעך אָן... דאָס פּינטעלע ייִד. דאַרף איך אייך נישט זאָגן, ווי וויכטיק עס איז פאַר מיר דאָס דאָזיקע „פּינטעלע" אַליין פאַר זיך. איך קען עס אָבער בשום אופן נישט אַוועקשטעלן אין צענטער פון דער ר ע ל י ג י ע ז ע ר וו ע ל ט. עס איז אין יעדן פון אונדז זיכער פאַראַן נישט ווייניק ייִדישער קאָלעקטיווער עגאָצענטריזם (און איך באַטראַכט יענע אַרום אונדז וואָס עס פעלט זיי דער נאַטירלעכער מינימום פון יענעם עגאָצענטריזם פאַר גייסטיק און מאָראַליש קראַנק, נישט פאַר ייִדן פון אַ העכערער מדרגה). אונדזער אָריענטאַציע אין רעליגיע, אין אַ ספערע וואָס איך באַטראַכט אַלס איבערהיסטאָריש, טאָר אָבער פון יענעם עגאָצענטריזם נישט דיקטירט ווערן. מיין קריטעריום פון אַ רעליגיעזן אמת, ווי פון יעדן אַנדערן אמת, איז אַ גאַנץ פשוטער: צי איז ער אין זיין וועזן, אין דער פּאָטענץ, לכל הפחות, „אַ דבר השוה לכל נפש", אָדער ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּריוואַט־אמת. רעליגיע, באַזונדערס מאָנאָטעיִסטישע רעליגיע, איז לויט איר עצם נאַ־

טור עקספּאַנסיוו, און נאָר שווערע היסטאָרישע אומשטענדן צווינגען זי — ווי עס איז אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער געווען דער פֿאַל מיט ייִדישער רעליגיע — זיך צו באַהאַלטן אין אַ נאַציאָנאַלער קליפּה. דער דראַנג צו עקספּאַנסיע קען האָבן אַ דערפֿאָלג, אָדער ליידן מיסדערפֿאָלגן און זיך בעל־כּרחו אָפּשטעלן אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט, אָבער אין פּרינציפּ איז יעדע עכטע רעליגיאָזיטעט מיסיאָנעריש און קען נישט שלום מאַכן מיט נאַציאָנאַלע אָדער ראַסן־גרענעצן. מיין פֿראַגע איז דערפֿאַר, ווי אַזוי קענען מיר אין אונדזערע צייטן פֿאָרמולירן אונדזער אגדה און אויף איר יסוד אונדזערע אַ הלכה, אַז — פֿון אונדזער שטאַנדפּונקט — זאָלן זיי קענען באַטראַכט ווערן אַלס אוניווערסאַל, אַזוי אַז מיר זאָלן גרייט זיין זיי „רעקאָמענדירן" נישט נאָר פֿאַר אונדזער פֿלייש־און־בלוט, פֿאַר ייִדן, נאָר פֿאַר דער וועלט. די וועלט מעג זיך פֿון אונדז אויסלאַכן, אָדער אַפֿילו אונדז נישט וועלן באַמערקן; נישט דאָס איז, יעדנפֿאַלס מעטאָדאָלאָגיש, דער עיקר. דער עיקר איז, אַז לויט אונדזער איבערצייגונג, וועלט־באַנעם און געשמאַק, זאָלן מיר אונדזער סכעמע פֿון רעליגיעזן דענקען און לעבן מעגן באַטראַכטן אַלס אוניווערסאַל, אַלס אַזעלכע וואָס דאַרף אַפּעלירן צו אַן ענגלענדער און צו אַ כינעזער, צו אַ פּערס און צו אַ האָטענטאָט. אין קאַנאַדע וווינען אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן עטלעכע טויזנט דוכאָבאָרן. אויף מיין באַזוך אין איינעם פֿון זייערע ישובים האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער גרויסער שילד איבער זייער פֿאַרזאַמלונג־הויז: „די אוניווערסאַלע פֿאַראייניקונג פֿון קריסטלעכער ברודערשאַפֿט". אַזאַ נאָמען מעג פֿאַר געוויסע אויערן קלינגען באָמבאַסטיש: מ׳שטיינס געזאָגט, ווי אוניווערסאַל יענע פֿאַראייניקונג איז. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן זייער סעקטע די באָלשעוויקעס שוין לאַנג חרוב געמאַכט, און אין קאַנאַדע האָט זייער געמיינדע אין משך פֿון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט נישט צוגעקראָגן, דוכט זיך, קיין איין נייעם מענטשן. דאָס איז אַ גאַנץ קליינינקע רוסישע סעקטע, און דאָך — פֿרעגט נאָר די סעקטאַנטן גופא — וועלן זיי אייך זאָגן מיט פֿולער איבערצייגונג, אַז דאָס וואָס זיי פּרעדיקן, איז אוניווערסאַל, און זייער שטילע אַמביציע און האָפֿענונג איז, אַז מיט דער צייט וועט די גאַנצע וועלט אָננעמען סיי זייער אגדה און סיי זייער הלכה.

ווי איר זעט, שטייען מיר נאָך אַלץ אין אונדזער דיסקוסיע ביים אָנהייב, אפֿשר אַפֿילו נאָך פֿאַרן אָנהייב. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס מיין שולד. „איך האַלט אייך" ביים אָנהייב און לאָז אייך נישט ווייטער גיין. איך וויל, אַז מיר זאָלן זיך ביידע — על תּנאַי, אויף דערוויל — באַפֿרייען, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך, פֿון אַלע אונדזערע היסטאָריש־ייִדישע לאָיאַליטעטן

און נאַטירלעכע קאָלעקטיווע זעלבסט־פֿאַרליבטקייטן, כדי אָנצוצייכענען, אויב מיר האָבן דערצו כוח, אונדזערע עיקרי־אמונה און דעם כאַראַקטער פֿון יענע מעשים וואָס מוזן פֿון יענע עיקרים פֿאָלגן. וועגן יידנטום אַלס עפּעס ספּעציפֿישעס, וועגן יידישקייט און וועגן המשך און קיום, לאָמיר דערווייל נישט טראַכטן. די דאָזיקע פֿראַגן וועלן — ווער ווייסט — אפֿשר פֿאַרענטפֿערט ווערן ממילא, אומדירעקט, אַלס רעזולטאַט פֿון גייסטיקער באַנייונג, וואָס האָט זיך גאָר אַזעלכע צילן ספּעציעל נישט געשטעלט.

1944

מאַרטין לוטער

"If we wish to find a scapegoat on whose shoulders we may lay the miseries which Germany has brought upon the world, I am more and more convinced that the worst evil genius of that country is not Hitler ir Bismarck or Frederick the Great, but Martin Luther."

Dean William Ralph Inge

אין אַ ריי שטעט אין דייטשלאַנד קלייבט מען זיך איצטער צו פייערן דעם פירהונדערטסטן יאָרצייט פון מאַרטין לוטערס טויט. אונטער די היינטיקע אומשטענדן וועלן מסתמא די פייערונגען דורכגיין מיט אַ סך ווייניקער פּאָמפּע ווי דאָס וואָלט געווען מיט עטלעכע יאָר פריִער, און אויף אַ קלענערן פאַרנעם, ווי מ'האָט אין דער זעלביקער דייטשלאַנד געפייערט אין 1883 דעם רעפאָרמאַטאָרס פירהונדערטסטן געבוירנטאָג. עס וועלן זיך אָבער אויך איצטער געפינען נישט ווייניק דייטשע געלערנטע און גייסטלעכע (און צו זיי אויך אַ צאָל פּאָליטיקער), וואָס וועלן זוכן אויסצונוצן די געלעגנהייט און דערמאָנען דער וועלט, אַז דאָס דייטשע פאָלק האָט פאַר דער וועלט אויך גרויסע גייסטיקע און מאָראַלישע פאַרדינסטן, אַז די זכות־אבות פון די היינטיקע דייטשן דאַרף זיי בײשטיין אין אַ צייט פון נויט און דערנידערונג, און אַז ספּעציעל איירּאָפּע טאָר נישט פאַרגעסן דעם גרויסן בייטראָג וואָס דייטשלאַנד האָט אַמאָל געמאַכט צו איר קולטור מיט דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג און ספּעציעל מיט דער פיגור פון מאַרטין לוטער.

איך האָב אויבן געבראַכט עטלעכע שורות פון אַן אַרטיקל, וואָס דין אינדזש האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט און געגרינדעט זיין „דריט רייך". איך בין נישט זיכער, צי דער ענגלישער טעאָלאָג וואָלט היינט איבערגעחזרט זיינע ווערטער, אַז לוטער איז געווען אַ מער רשעותדיקע און נידערטרעכטיקע פיגור איידער היטלער. היטלער, ווייסן מיר שוין איצטער, איז אין אַ געוויסן זינען אַן איינמאָליקע און „אומפאַרגלייכלעכע" דערשיינונג. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין און וואָס פאַר אַ מאָסשטאַב מיר זאָלן נישט אָנווענדן פאַר מאַכן היסטאָרישע פאַרגלייכן, מוז קלאָר זיין פאַר יעדן איינעם וואָס האָט מיט אָפענע אויגן אַביסל שטודירט די געשיכטע פון דער דייטשער רעפאָרמאַציע,

אַז לוטער האָט שוין, צוריק מיט פיר יאָרהונדערטער, געטראָגן אין זיך דעם „עיבור" פונעם מאָדערנעם נאַציזם.

פון אויבן־אויף קען זיך דוכטן (און נישט ווייניק געבילדעטע און באַזונדערס האַלב־געבילדעטע האָבן טאַקע מיט אַזאַ „דוכטעניש" געלעבט), אַז לוטער האָט מיט זיין רעפאָרמאַטאָרישער טאַט אַריינגעבראַכט אַ נייעם, פרייען גייסט — דעם באַגריף פון דער עמאַנסיפירטער און אויטאָנאָמער פערזענלעכקייט; אַז אים איז געלונגען, אין זיין צייט, אַפּצורייניקן די לופט אין אַ גרויסן טייל אייראָפּע פון דער טומאה, מיט וועלכער דער מיטאַלטערלעכער קאַטאָליציזם האָט זי פאַרפּעסטעט. ווען מען לייענט לוטערס ביאָגראַפיע, איז בפירוש שווער אים נישט צו זיין דאַנקבאַר פאַר די באַרימטע פינף־און־ניינציק טעזיסן וואָס ער האָט אין 1517 צוגענאָגלט צו דער קירכן־טיר אין וויטענבערג. אין קאָנטעקסט פון יענער עפּאָכע איז דאָס, אָן שום ספק, געווען אַ רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד איז אייראָפּע געווען פאַרפלייצט פון וואַנדערנדיקע אַגענטן וואָס דער פּויפּסט האָט אַרויסגעשיקט צו פאַרקויפן שטיקער עולם־הבא פאַר מזומנים. אין רוים האָט מען געדאַרפט געלט אויפצובויען די גראַנדיאָזע פּעטער־קאַטעדראַלע, און טויזנטער און טויזנטער מענטשן, רייכע און אָרעמע, האָט מען איינגערעדט אַז פאַר אַ באַשטימטער סומע קען מען זיך באַפרייען פון אַלע זינד און זיך פאַרזיכערן מיט „גאולה" פון אייביקע ליידן און מיט אַ פיינעם פּלאַץ אין גן־עדן. אָרעמע לייט האָבן נישט זעלטן פאַרקויפט דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כדי זיך איינצושאַפן אַ „אינדולגענציע": האַלט דאָך דער פּויפּסט אין זיינע הענט די שליסלען צום גן־עדן און ער איז אויטאָריזירט צו האַנדלען מיט שטיקער אייביקייט־„ריעל־עסטעיט". כדי צו דערקלערן די האַנדלונג פונעם פּויפּסט פאַר פּשוטן שווינדל און פאַר אַ גראָבער פאַרלעצונג פון וועלכן נישט איז עכטן רעליגיעזן באַגריף, האָט מען זיכער געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך מוט און אַ געוויסע גרייטקייט אויף מסירות־נפש. אמת, לוטער איז נישט געווען דער ערשטער וואָס האָט דערפילט דעם עקל פאַר דער דאָזיקער גראָב־פּרימיטיווער פאָרעם פון עבודה־זרה. יאָהאַן וועסעל האָט מיט אַ דור פאַר אים אויסגעדריקט אויף אַ ראַדיקאַלן אופן זיין קעגנערשאַפט צו דער פּויפּסט־אינסטיטוציע („אַלע מענטשן געהערן צו גאָטס כהונה", און קיין איין מענטש, הייסט עס, קען נישט האָבן די אויטאָריטעט פון אַ מין כהן גדול), און נאָך פאַר וועסעלן האָט, אין דער זעלביקער דייטשלאַנד, יאָהאַן רוקאַרט — וועלכער איז, אגב, געשטאָרבן אַ מאַרטירער־טויט, אַלס אַן „אפיקורס", פון די הענט פון דער קאַטוילישער קירכע — געהאַט דעם מוט צו דערקלערן עפנטלעך, אַז „די אינדולגענציע איז ווערטלאָז". גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן זענען

אין די פאַרשיידענע דייטשע פּראָווינצן געווען פאַר לוטערן, און גרעסערע פון לוטערן. לוטערס באַדייטונג פאַר דער געשיכטע באַשטייט אין דעם, וואָס בשעת כמעט אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער פּויפּסטלעכער שליטה זענען באַזיגט געוואָרן און אַ סך האָבן אויסגעהויכט זייער לעבן אויף דער תליה און אויפן שייטערהויפן, איז לוטער געווען דער רעוואָלוציאָנער וואָס האָט ג ע ז י ג ט. און געזיגט האָט ער — יעדנפאַלס אין אַ גרויסן טייל פון דייטשלאַנד און, שפּעטער, אין סקאַנדינאַוויע און אַ צאָל אַנדערע לענדער — נישט דערפאַר וואָס ער איז געווען גייסטיק שטאַרקער פון זיינע פאַרגייער, נאָר ווייל ער האָט צוגעקראָגן מעכטיקע שותפים אין זיין קאַמף קעגן רוים: די פירשטן, די וועלטלעכע מאַכט, אין אַ צאָל דייטשע שטאַטן. אַן דער שטיצע מצד די פירשטן וואָלט פון לוטערן געוואָרן דאָס, וואָס ס'איז געוואָרן פון אַ צאָל אַנדערע בונטאַרן און אפּיקורסים, וועמען די קאַטוילישע שררות האָבן אַן באַזונדערע צערעמאָניעס פּשוט אָפּגעראַמט פונעם וועג. אָבער אין זיינע יאָרן האָט שוין אַ צאָל גרעסערע און קלענערע דייטשע מלכים גע־האַט אַן אינטערעס אין דורכפירן אַן אָפּשפּאַלטונג פון רוים, אין באַפרייען זיך פונעם פּויפּסטס דיקטאַטור. דער חשבון איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער: ס'איז גלייכער, אַז די געלטער וואָס רוים נעמט אַרויס פון זייערע לענדער (דורכן פאַרקויף פון אינדולגענציעס, דורך איינמאַנען מעשר און אַנדערע קירך־שטייערן, דורך ספּעציעלע מתנות און ירושות) זאָלן בלייבן אין דער היים — אויב נישט ביים פאָלק גופא, איז אין דער מלוכה־קאַסע אָדער אין די קעשענעס פון די פירשטן. עס „לוינט זיך" בעסער, אַז נישט דער פּויפּסט זאָל באַשטימען גלחים און בישאָפן, נאָר דער פירשט. זעלטן ווען אַ רעלי־גיעזער רעפאָרמאַטאָר האָט געפונען, כמעט פון זיינע ערשטע שריט, אַזוי פיל מעכטיקע פּראָטעקציע „אין די הויכע פענצטער", ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט לוטערן. אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון פּרינצן, וואָס האָבן שוין פאַר זיך דערזען די מעגלעכקייט, מיט דער הילף פון אַ פייערדיקן פּראָפּאַגאַנדיסט, צו מאַכן אַ סוף אין זייערע לענדער צו רוימס הערשאַפט, אין וועלכער זיי פערזענלעך האָבן שוין לאַנג קיין אמתע אמונה נישט געהאַט.

פאַקטיש האָט לוטער, אַלס סטראַטעגיקער, אויסגענוצט אין זיין קאַמף קעגן רוים דריי פאַקטאָרן: די געלט־גייציקייט פון דייטשע פּרינצן; די שרייענ־דיקע קאָרופּציע פון דער קאַטוילישער קירך, וואָס האָט זיך אין זיינע יאָרן אַראָפּגעלאָזן צו דער נידעריקסטער און וולגאַרסטער מדרגה פון אַ געלט־זויגערין; און די רעליגיעז־קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וואָס אָנגעהויבן ברויזן אין די מאַסן, ספּעציעל צווישן פּויערים. די גרויסע פּויע־

רים־בונטן אין 1525־1524 זענען געווען אָנגעהויכט מיטן גייסט פון אַ פרי־מיטיוון קאָמוניזם, אָבער צוזאַמען מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָבן די פויערים אַרויסגעשטעלט אויך פאָדערונגען פון רעליגיעזער עמאַנסיפּאַציע: די אָנערקענונג, אַז די מקורות פון אינספּיראַציע, פון „רוח־הקודש״, זענען צוגענגלעך צו יעדן מענטשן, און דאָס איינפירן פון אַ פּרינציפּ, אַז אַ גייסט־לעכער דאַרף פרייוויליק געוויילט ווערן פון דער געמיינדע גופא, נישט אַרויפ־געצוווּנגען ווערן אויף איר פון אויבן — פונעם פויפּסט אָדער פון די בישאָפן. די פויערים־רעוואָלוציע איז פּאַקטיש געטראָגן געוואָרן פון אַ סך אַ ראַדי־קאַלערן גייסט, פון אַ סך אַ טיפערער לײַדנשאַפט פאַר באַנײַונג און איבער־בוי פון לעבן, ווי לוטערן האָט זיך ווען עס איז געחלומט. די אַנאַבאַפּטיסטן, די „ענטוזיאַסטן״ און אַנדערע מיטגלידער פון צוואָרפענע, ספּאָנטאַן געשאַ־פענע סעקטעס (וואָס האָבן נישט געקענט נישט קיין גריכיש, נישט קיין לאַ־טײַן און נישט קיין העברעיִש, און האָבן מיט שווערקייטן געלייענט די ביבל אין אָרעמע און שפּראַכלעך פאַרקריפּלטע „היימיש־געבאַקענע״ איבערזעצונ־גען) זענען געווען אַ סך מער אַנטי־קאַטויליש און רעפאָרמאַטאָריש, ווי לוטער איז פעיִק געווען צו זײַן. לוטער האָט דאָס געוווּסט און האָט מיט זײַן פּרע־דיקער־טאַלאַנט נישט ווייניק אויסגענוצט — ריכטיקער עקספּלואַטירט — די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די מאַסן, האָבנדיק דערבײַ אין זינען, אַז ס׳וועט אים געלינגען צו קריגן אַזאַ שליטה איבער זייערע געמיטער, אַז ס׳וועט אים נישט אָנקומען שווער אויך אײַנצוצאַמען זייער סאָציאַלן ראַדי־קאַליזם. פּראָטעקציע פון אויבן (פון די פּרינצן), שטיצע פון אונטן (פון פויערים, פון וועבער און אַנדערע בעלי־מלאכה) — דאָס איז געווען זײַן טאָפּלטע סטראַטעגיק.

וואָס ס׳איז שייך טעאָלאָגיע, האָט לוטער זיכער זײַנע פאַרדינסטן אין באַקעמפן דעם פאַרשטײנערטן און פאַרבײַנערטן ריטואַליזם פון דער דעמאָל־טיקער קאַטוילישער קירך, אין אַרײַנהאַמערן אין די קעפּ פון מיליאָנען מענטשן, אַז דאָס אָפּהיטן פון באַשטימטע צערעמאָניעס (אין די מייסטע פאַלן אָן כוונה) ברענגט קיינעם נישט נענטער צו גאָט. אין דער זעלביקער צײַט האָט ער אָבער, ווי זײַן פאָרגייער אויף דער שוועל פון קריסטנטום, דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס, אַרײַנגעבראַכט די דעמאָראַליזאַציע פון **פ ל י כ ט ל אָ ז י ק ײ ט.** ער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די צוויי פאַרשיידענע קאַ־טעגאָריעס פון „מצוות מעשיות״ — צווישן ריטואַליסטישע מצוות און די מצוות שבין אדם לחברו. דעם פּאַולינישן געדאַנק, אַז דער מענטש איז לויט זײַן עצם נאַטור קאָרופּט, זינדיק און פאַראורטיילט אויף זינדיקייט, און דער־פאַר האָט נישט קיין זין צו מאַכן אַפילו אַ פאַרזוך צו לעבן לויט אַ באַשטימ־

טער הלכה (זיך לאָזן פירן און קאָנטראָלירן פון אַ „שולחן ערוך״), האָט לוטער אַסימילירט אין אַ פאַטאַלער מאָס. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, אַז „מעשים טובים״ אָן אמונה, אָבער אָן אמונה וועלכע איז רעגיסטרירט אין באַוווסטזיין, זענען אין תוך און אין לעצטן חשבון מער עכטע אמונה (כאָטש פאַרשלייערטע און פאַרוואָלקנטע) איידער אמונה אָן „מעשים טובים״. „גלויב אין גאָטס חסד און טו וואָס דיר גלוסט זיך״ — אַ קריסטלעכער מאמר פון אייניקע „קדמונים״ — קען האָבן צוויי באַדייטונגען: א) ווער ער גלייבט מיט דער טאָטאַליטעט פון זיין נשמה אין גאָטס חסד, ווערט אין אַ גרויסער מאָס אומפעיִק צו זינדיקן און דערפאַר מעג ער טאָן וואָס עס גלוסט זיך אים; ב) אמונה אין גאָטס גנאָד וועט דיך „ראַטעווען״, טראָץ דעם וואָס דו וועסט פירן אַ זינדיק לעבן. לוטער מיט זיין עטישן פעסימיזם האָט פאַקטיש אָנגענומען די צווייטע אויסטייטשונג: בעל כרחך ביסטו אַ זינדיקער, אָבער אויב דו וועסט האָבן אמונה אין גאָטס סליחה ומחילה און אין זיין גאולה־מאַכט, וועסטו „געראַטעוועט״ ווערן, נישט קוקנדיק אויף דיינע עבירות. פון דעם שטאַנדפונקט איז לוטער (ווי אַ צאָל אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע רעפאָרמאַטאָרן און טעאָלאָגן) אַריינגעפאַלן אין נישט קיין קלענערער מאָראַלישער טומאה, ווי דער רוימישער קאַטאָליציזם פון זיין צייט, וועלכן ער האָט באַקעמפט. זיין טעאָלאָגיע האָט ער אויפגעבויט אויף אינדולגענציע אַלס פּרינציפּ, כאָטש די אינדולגענציע וואָס לוטער האָט „פאַרקויפט״ איז אַ סחורה פון אַ העכערער און נאָבעלערער קוואַליטעט, ווי די רוימיש־קאַטוילישע: אַנשטאָט צדקה תציל ממות (צדקה נישט פאַר מיטמענטשן, נאָר פאַר דער קירך) — אמונה תציל ממות. מעשים זענען גאָרנישט, אמונה איז אַלץ. דער פּראַקטישער פועל־יוצא פון אַזאַ לערע איז אין די מייסטע פאַלן געווען אַ רויִנירנדיקער: אמונה איז סאָציאַל צו גאָרנישט נישט מחייב; כאָטש בייזקייט, פליכטלאָזיקייט, הפקרות זענען עבירות, אָבער, ערשטנס, זענען זיי אומפאַרמיידלעך און, צווייטנס, ווערן זיי, אַזוי־צו־זאָגן, ליקווידירט, אָדער פאַרברענט דורכן פייער פון אמונה.

לוטערס בייטראָג צום רעליגיעזן לעבן איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אָן אינטעלעקטועלער (די באַפרייונג פון אַ צאָל קאַטוילישע פאַרשטעלונגען וואָס „לייגן זיך נישט אויפן שכל״), אפשר אין אַ גרעסערער מאָל אָן עסטעטישער (דאָס אַריינברענגען די ביבל אין אַ גוטער איבערזעצונג אין מיליאָנען דייטשע הייזער און די אַנטוויקלונג פון אַ פיינערן חוש פאַר רעליגיעזער מוזיק און פאָעזיע). מאָראַליש אָבער האָט ער דאָס רעליגיעזע לעבן נישט נאָר נישט אויפגעהויבן, נאָר גיכער גאָר דעגראַדירט. ס׳איז אויך נישט אמת, אַז ער האָט שטאַרק אויסגעברייטערט די גייסטיקע אויטאָנאָמיע פונעם יחיד, זיין

עמאַנסיפּאַציע און פרייהייט. אין איינער און דער זעלביקער צייט האָט ער פּאַר מיליאָנען דייטשן אָפּגעשאַפט די אויטאָריטעט פונעם פּויפּסט און איינגעפירט אויף איר פּלאַץ אַ נייע אויטאָריטעט, אַ נייע שררה איבער רעליגיעזן און געמיט־לעבן: דעם ש ט אַ ט, אָדער דעם פירשט וואָס האָט אין זיין צייט אין זיך פאַרקערפּערט דעם שטאַט. פאַר יענע דייטשן וואָס האָבן אָנגענומען די רעפאָרמאַציע האָט ער אָפּגעשאַפט דעם וואַטיקאַן אַלס אַ באַשטימטע אינסטיטוציע אין רוים, אָבער נישט דעם וואַטיקאַן־ב אַ ג ר י ף, נישט דעם באַגריף פון אַ צוואַנג־אַפּיטרופּסות אויף מענטשלעכן דענקען און גלויבן. אַנשטאָט איין וואַטיקאַן — צען, צוואַנציק נייע וואַטיקאַנען: אַזוי פיל וואַטיקאַנען וויפל עס זענען פאַראַן פּראָטעסטאַנטישע מלכים. די פאָלקסטימלעכע סעקטאַנטן האָבן געוואָלט גלייבן, אַז יעדער קריסט האָט דאָס רעכט אויסצוטייטשן די ביבל לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד און געוויסן, און אַז גלויבן איז אַן אַקט פון אינדיווידועלער פרייהייט. די אמתע רעפאָרמאַטאָרן, לויט זייערע נייגונגען און גייסטיקער דינאַמיק, זענען געווען יענע „עמך״־בונטאַרן, וואָס האָבן זיך מיט קיין גרויסער לומדות און מיט קיין ליטעראַרישע פעיִקייטן נישט געקענט באַרימען — נישט לוטער, ווייל פאַקטיש האָט לוטער פאַרוואַנדלט יעדן מלכל אין זיין מלוכהלע אין אַ זעלבסטשטענדיקן פּויפּסט, וואָס מעג און דאַרף רעגירן איבער די מוחות און נשמות פון זיינע אונטערטאַנען. Cujus regio, ejus religio (וועמענס הערשאַפט, דעמס רעליגיע), איז אַ טאָטאַליטאַרער פּרינציפּ, וואָס לוטער האָט איינגעפירט מיט זיין רעפאָרמאַציע. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרבאָטן אַפילו זיך אָפּצושפּאַלטן פון רוים אָן דעם פירשטס הסכמה. צי די באַפעלקערונג פון אַ שטאַט זאָל בלייבן רוימיש־קאַטויליש אָדער זי זאָל ווערן פּראָטעסטאַנטיש (לוטעראַניש) הענגט אָפּ פון פירשטס באַשלוס. ער קען באַשליסן פאַר זיינע אונטערטאַנען און זיי דאַרפן אויספאָלגן זיין באַפעל. גלחים דאַרפן זיין פון אויבן־באַשטימטע, נישט קיין געוויילטע (רעליגיעזע „גאָו״־לייטערס, אויב מ׳זאָל נוצן היטלערס טערמינאָלאָגיע), און באַשטימען דאַרף זיי דער וועלטלעכער הערשער, דער קעניג, דער אימפּעראַטאָר, דער „עלעקטאָר״, דער פּרינץ. ווי טאָטאַליטאַר לוטערס דענקען איז געווען, קען מען זען פונעם שטיק „ליבעראַליזם״ וואָס ער האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן: אַ געמיינדע האָט אַ רעכט נישט צו אָנערקענען דעם גלח, וואָס מ׳האָט פאַר איר באַשטימט, אָבער דעמאָלט דאַרף זי אויסוואַנדערן אין אַן אַנדער שטאַט. אַזוי לאַנג די „אונטערטאַנען״ בלייבן לעבן אויף דער טעריטאָריע פון זייער פירשט, טאָר דעם הערשערס ווילן נישט פאַרלעצט ווערן.

די פאַרהייליקונג פונעם שטאַט, מ׳מעג זאָגן אַפילו זיין פ אַ ר ג ע ט ע־

ר ו נ ג, איז אין דײַטשלאַנד געװען לוטערס אויפטו. דעם פּ י ר ע ר־פּרינציפּ אַלס אַ קריסטאַליזירטע לערע (װעלכע די קאַטוילישע קירך, מיט איר גאַנצער דעגראַדאַציע, צו װעלכער זי האָט זיך אין יענעם דור אַראָפּגעקײַקלט, האָט נישט געקענט אָננעמען, װײַל זי איז אויפגעבויט אויף אַן אוניװערסאַלטעאָקראַטישן מיטאָס) האָט צום ערשטן מאָל אין דער דײַטשער געשיכטע אײַנגעפירט לוטערס רעפאָרמאַציע.

לוטער איז דערפאַר אין דער דײַטשער געשיכטע נישט נאָר אַ רעליגיעזע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע דערשײַנונג, און זעלטן װען אַ גרינדער פון אַ נײַער רעליגיע אָדער אַן איבערטײַטשער פון אַן אַלטער רעליגיע האָט אַזוי פאַרפלעקט זײַן לעבן לדורי־דורות, װי דאָס האָט געטאָן לוטער מיט זײַן שטעלונג צו דער פּויערים־רעװאָלוציע. װען פּויערים האָבן אים געפרעגט: „װאָס זאָלן מיר טאָן, װען די שררות הערן נישט אויף אונדז צו אונטערדריקן?" — האָט ער נישט קײן סך געטראַכט און זײ געענטפערט: „װען די הערשער זענען שלעכט און אומגערעכט, הײסט עס נישט אַז מ׳מעג קעגן זײ רעװאָלטירן; פאַר אײַך זענען אָפן דרײַ אַנדערע װעגן: איר דאַרפט זיך מתװדה זײַן אויף אײַערע זינד; איר דאַרפט מיט געבראָכענע הערצער בעטן גאָט, ער זאָל זיך פאַר אײַך אָננעמען קעגן די הערשער װאָס אונטערדריקן אײַך; און איר דאַרפט אײַערע מײַלער מאַכן פאַר אָרגאַנען פון קריסטוסעס גײַסט. אָט דאָס זענען אײַערע קריסטלעכע ,רעכט׳ ". מען טאָר דאָ נישט מאַכן קײן טעות. לוטערס עצה צו די פּויערים האָט גאָרנישט נישט צו טאָן מיט קריסטלעכן פּאַציפיזם, מיט דער אידײע פון נישט־באַקעמפן דאָס בײזע מיטן בײזן אַדער געװאַלט מיט געװאַלד. ער איז נישט געװען קײן דײַטשער גאַנדי, אַדער טאָלסטאָי, אָדער קאַגאַװאַ, מיט אַ לערע פון גײַסטיקן, אָנשטאָט פיזישן װידערשטאַנד. „פּאַציפיזם" האָט ער געפּרעדיקט בלויז צו אײן צד — צו די אונטערדריקטע, נישט צו די אונטערדריקער — צו די אומשולדיקע, נישט צו די שולדיקע. פאַר די פּרינצן און די פּריצים האָט ער קײן דירעקט מוסר־װאָרט נישט פאַרמאָגט. אין פאַרהעלטענישמעסיק רויִקע צײַטן האָט ער זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס צו באַהויפּטן, אַז אַ קלוגער פּרינץ איז אַ "Rara Avis", אַ זעלטענער פויגל, און אַ פרומער פירשט — אַ נאָך גרעסערע זעלטנקײט, אָבער פונדעסטװעגן איז מען מחויב צו זײַן געהאָרכזאַם צום נישט־קלוגן און נישט־פרומען הערשער, װײַל מאַכט טראָגט אין זיך אויך דעם עלעמענט פון רעכט. אָבער װען עס איז געקומען צו אַ העפטיקן סאָציאַלן קאַמף און לוטער האָט פאַר די אונטערדריקטע פּויערים געפּרעדיקט „עװאַנגעלישע הכנעה", האָט ער די הערשער גערופן נישט צו תשובה, נאָר צו אַ בלוטיקער שטראָף־עקספּעדיציע:

„באַהאַנדלט זיי, די בונטאָװשטשיקעס, ווי משוגענע הינט. שמייסט זיי, די דאָזיקע מנוולים. דער וואָס וועט זיי דער ערשטער אָנכאַפּן ביים גאָרגל (דאָס הייסט אַפילו, ווען ער איז נישט דירעקט פּראָוואַצירט) טוט דאָס בעס־טע. עס איז גוט און גערעכט, אַז אַלע זאָלן, נישט וואַרטנדיק אויף אַ קלאָרן באַפעל, אָנפאַלן אויף זיי״.

לוטער האָט פאַקטיש אַרויסגעלאָזן אַ רוף פאַר אַ מאַסן־פּאָגראָם אויף די רעוואָלוציאָנערע פּויערים. ער האָט געגעבן די רעליגיעזע סאַנקציע פאַר דער גרויסער בלוטבאָד, אין וועלכער דער פּויערים־אויפשטאַנד איז דערטרונקען געוואָרן. ער איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אויסראָטן די יונגע, עקאָ־נאָמישע און רעליגיעזע, דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך טראַגיש געריסן צום לעבן פון די טיפענישן פון דייטשן פאָלק, צוריק מיט פיר יאָרהונדערטער. דעם גייסטיקן יסוד פאַרן טאָטאַליטאַרן שטאַט אין דייטשלאַנד האָט געלייגט לוטער, דער רעפאָרמאַטאָר און „באַפרייער פון קריסטלעכן געמיט״. אויב די לעבן־געבליבענע פּויערישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אים נאָכדעם געשטעמפּלט מיטן נאָמען „דאָקטאָר ליגנער״ אָנשטאָט „דאָקטאָר לוטער״ (האָבן זיי דאָך אין זייער תמימות פריִער געגלייבט, אַז די רעפאָרמאַציע טראָגט מיט זיך אויך סאָציאַלע באַפרייונג), און אויב דער טראַגישער העלד פון דער דייטשער דראַמע, טאָמאַס מינצער, האָט אים באַצייכנט אַלס דעם „שקלאַף פון די פּרינצן״, האָבן זיי געוווּסט פאַרוואָס זיי טוען עס. די דייטשע געשיכטע איז אָבער שפּעטער — אמת, מיט געוויסע הפסקות און זיגזאַגן — געגאַנגען מער אויף לוטערס וועג, ווי אויפן וועג פון טאָמאַס מינצער. לוטער איז, אין מער ווי אין איין זין דער סימבאָל פון דייטשלאַנדס קללה, פון איר סאָציאַל־מאָ־ראַלישן שלים־מזל.

און ס׳איז אפשר נישטאָ וואָס זיך צו חידושן, וואָס נאָך לוטערן איז אין דייטשלאַנד איבערגעבליבן בירושה אַן אייגנטימלעך־דייטשער סאָרט אַנטי־סעמיטיזם. זיין שטעלונג צו ייִדן פאָדערט נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ ספּעצ־יעלע (און ווי איך בין געניגט צו גלייבן, אַ פּסיכאָאַנאַליטישע) אויספאָר־שונג. ס׳איז נישט אינגאַנצן דורכגעפאָרשט געוואָרן זיין איבערגאַנג פון ייִדן־פּאָלעראַנץ צו ייִדן־האַס. אין די ערשטע פאַר יאָר פון זיין קאַמף קעגן דער קאַטוילישער קירך, האָט ער באַקעמפט אויך איר טראַדיציאָנעלן אַנטיסעמי־טיזם און די פאַרפאָלגונגען קעגן ייִדן, וואָס זענען געווען אין משך פון יאָר־הונדערטער כאַראַקטעריסטיש פאַר כמעט אַלע קאַטוילישע שטאַטן. האָט ער דאָך אויסגעשריען מיט גרויסן פּאַטאָס אין זיינעם אַ פּאַמפלעט „ישו איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד״: „אונדזערע טיפּשים און אייזלקעפּ, אונדזערע גלחים, בישאָפן, סאָפיסטן און מאָנאַכן האָבן באַהאַנדלט די ייִדן אויף אַזאַ אופן, אַז

ווען עמעצער האָט געוואָלט ווערן אַן אמתער קריסט, וואָלט פאַר אים גלייכער געווען, ער זאָל זיך מגייר זיין אויף אַ ייִדן". אָדער: „ווען איך וואָלט געווען אַ ייִד, און וואָלט געזען וואָס פאַר אַ טומטומים און פלאַפּלער עס פירן אָן און רעגירן איבער דער קריסטלעכער וועלט, וואָלט איך ליבער געוואָלט ווערן אַ חזיר איידער אַ קריסט. זיי האָבן באַהאַנדלט ייִדן ווי הינט, נישט ווי מענטשן, און האָבן נישט געוואָלט געדענקען אַז ייִדן זענען נאָענטע קרובים, בלוט־ברידער פון אונדזער דערלייזער. אויב מיר זאָלן זיך אָנהייבן באַרימען מיט סגולות פון שטאַם, דאַרף מען זיך דערמאָנען אַז קריסטוס געהערט מערער צו זיי ווי צו אונדז. צו קיין שום אַנדער פאָלק האָט גאָט נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל לייטזעליקייט, ווי צו ייִדן, ווען ער האָט זיי אָנפאַרטרויט דאָס הייליקע וואָרט".

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן מיר פון דעם זעלביקן מויל געהערט גאָר אַנדערע „ניגונים". ישוס בלוט־ברידער זענען מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ שטאַם, וואָס איז פאַר אונדז אַ לאַסט, אַ פּעסט און אַ קללה". ער האָט זיך אַפילו נישט געפוילט אַרויסצוקומען מיט אַ קאָנקרעטער פּראָגראַם, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען דאָס פאָלק, וואָס גאָט „האָט אים אָנפאַרטרויט דאָס הייליקע וואָרט". זייערע בתי־מדרשים דאַרף מען פאַרברענען; אַלע זייערע העברעיִשע ביכער — אַפילו דעם תנ"ך און סידורים — דאַרף מען פאַרניכטן; די געטאָס דאַרפן אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד און זייערע איינוווינער איז אַ מצווה צו צווינגען, זיי זאָלן לעבן ווי ציגיינער, אָן היימען און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ; ייִדישן מסחר און ספּעציעל „די גיפטיקע פּראָפעסיע פון ייִדישע דאָקטוירים" דאַרף מען עוקר מן השורש זיין; מען טאָר זיי קיין שום באַשעפטיקונג נישט געבן, אַחוץ צוואַנג־אַרבעט פון דעם נידעריקסטן טיפּ און אומווירדיקן כאַראַקטער". און איז דאָס אַלץ נאָך וויניק, האָט ער נאָך געוואָלט זיי דראָען, אַז מען וועט ביי זיי אויסשניידן די צונגען פון זייערע העלדזער, אויב זיי וועלן נישט אָננעמען דעם קריסטלעכן באַווייז (!), אַז גאָט איז דריי, און נישט איינס".

געווּג. און לאָמיר נישט פרעגן צופיל פאַרוואָס און ווי אַזוי לוטער איז „מיט אַמאָל" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטיסעמיט, כמעט מיט אַלע שטריכן פון אַ מאָדערנעם נאַצי (אַחוץ זיין גרייטקייט צו באַקערן ייִדן צום קריסטנטום: אַ ירושה פון קאַטוילישן אוניווערסאַליזם...). עס איז אפשר געווּג צו נעמען אין באַטראַכט צוויי מאָמענטן.

ערשטנס האָט לוטער אין אָנפאַנג געגלייבט, אַז זיין קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם וועט באַוועגן דייטשן ייִדן אים אָנצונעמען אַלס לערער, אַז עס וועט זיך ביי זיי אָנפאַנגען אַ „נאַטירלעכער" דראַנג צום קריסטנטום אין אַ

„גערייניקטן“ נוסח. ער האָט זיך שנעל איבערצייגט אין זיין טעות. ייִדן זענען געבליבן די זעלביקע „עקשנים“ וואָס פריִער. זיי האָבן אים אַנטוישט, אָפּגענאַרט, כמעט „פאַרראַטן“: אין אַ קריסטלעכן שטאַט, האָט לוטער געוואָלט גלייבן, דאַרפן אַלע אונטערטאַנען זיין קריסטן; ייִדן, הייסט עס, זענען מורדים במלכות דערמיט וואָס זיי פאַרבלייבן ייִדן. און אַ מורד־במלכות איז אין לוטערס אויגן געווען דאָס זעלביקע, אויב נישט ערגער, ווי אַ כופר־בעיקר.

און צווייטנס — וואָס ס'איז אפשר נאָך וויכטיקער — אין יענע סעקטאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל סאַדיסטישן פאַנאַטיזם באַקעמפט, האָט ער דערזען בולטע סימנים פון ייִדישקייט, פון אַלט־טעסטאַמענטלעכקייט, פון „געפעלשטן קריסטנטום“. דער גלויבן פון די פאָלקסימלעכע סעקטאַנטן, אַז גאָטס געזעץ איז העכער פון אַלע געזעצן, וואָס בשר־ודמס האָבן איינגעפירט; זייער לײַדנשאַפטלעך שטרעבן צו באַפרייען די געזעלשאַפט, דעם שטאַט, פון זינד און הייליקן דאָס לעבן נישט נאָר מיט „אמונה“, נאָר אויך, און דער עיקר, מיט „מעשים טובים“; זייער חלום פון מענטשלעכער גלייכקייט און פון אַ רעליגיעז לעבן וואָס איז אויפגעבויט נישט אויף אויסערלעכער אויטאָריטעט; זייער אַנטי־טאָטאַליטאַרישקייט און דאָס נישט וועלן אָנערקענען דעם עקזיסטירנדיקן שטאַט אַלס דעם העכסטן מקור פון פליכט און סאַנקציע, און זייער ברענענדיקע איבערצייגונג, אַז ס'איז גאָטס געבאָט אַקטיוו צו באַקעמפן אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג — דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען אין שרייענדיקער סתירה צו דער קריסטלעכער פּאַסיוויטעט, צו וועלכער ער האָט גערופן אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע. דער „ייִדישער גייסט“ אין דייטשטום דאַרף באַקעמפט ווערן. ייִדן, סתם־ייִדן, זענען, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, טרעגער פון יענער רעבעלירנדיקער דעמאָקראַטיע וואָס וויל זיך דורכזעצן דורך דעם פויערים־אויפשטאַנד. דאָס איז פאַר לוטערן געווען גענוג.

היטלער איז אַ "Luther Redivivus", לוטער אין אַ נייעם גילגול. איך געדענק שוין נישט דעם נאָמען פון יענעם נאַצי, וואָס האָט דאָס געזאָגט נאָך אין 1933. ס'איז נישט לייכט צו באַווייזן, אַז ער איז געווען אומגערעכט...

1946

וויליאַם טעמפּל — אַ קריסטלעכער בעל־הלכה

אויב עמעצער אין ענגלאַנד האָט אין אונדזערע טעג פֿאַרדינט דעם טיטול „אחד מחסידי אומות העולם״, איז דאָס, אָן ספק, געווען וויליאַם טעמפּל, דער ערצבישאָף פֿון קענטערבורי.

ייִדן, נישט נאָר ענגלישע, האָבן זייער באַזונדערע סיבה צו טרויערן אויף זיין טויט. זייער ווייניק ענגלענדער האָבן מיט אַזוי פֿיל עכטן פּאַטאָס, מיט אַזאַ ברענענדיקער איבערצייגונג און געפֿיל פֿון שולד, פֿאַרטיידיקט ייִדישע אינטערעסן און ייִדישן כבוד, ווי דאָס האָט געטאָן „דער פּרינץ פֿון דער ענג־לישער קירך״. זיין אויפֿטרעטן אַלס מוכיח קעגן די מעכטיקע מלוכות און, פֿאַר אַלעמען, קעגן דער פּאַסיוויטעט פֿון זיין אייגענער רעגירונג, ווען עס זענען דערגאַנגען צו אים די ערשטע ידיעות וועגן היטלערס פֿאַרניכטונג־עקספּעדיציעס אויף אייראָפּעיִשע ייִדן, וועט אויף לאַנגע יאָרן בלייבן אפֿשר דער וויכטיקסטער דאָקומענט, אין וועלכן ענגליש געוויסן איז געקומען צום אויסדרוק. ער האָט אויך נישט געשפּאָרט קיין שאַרפֿע ווערטער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ענגלאַנדס זינד בנוגע ארץ־ישראל, וועגן דער אומפֿאַר־געבלעכער עוולה פֿון פֿאַרמאַכן פֿאַר ייִדן די טויערן פֿון זייער היימלאַנד. נישט שטענדיק האָט זיין שטראָפֿנדיק וואָרט פּראַקטיש געווירקט אויף די האַנד־לונגען פֿון דער רעגירונג. אין ברייטע קרייזן פֿון דער ענגלישער געזעלשאַפֿט איז אָבער שטענדיק נאָך זיינער אַ שטראָף־רעדע אין לאָרדן־הויז געבליבן אַ נאָגנדיקער געפֿיל פֿון מאָראַלישער פּחדנות, פֿון עבודה־זרה צו באַקוועמלעכ־קייט און צייטווייליקער צוועקמעסיקייט — פֿון זינד.

נישט אומזיסט האָט ער אַרויסגערופֿן צו זיך אַזוי פֿיל האַס אין די פֿאַ־שיסטישע לענדער. ער איז געווען איינער פֿון די גאָר ערשטע ענגלענדער וואָס האָבן געפֿאָדערט ענערגישע האַנדלונג קעגן מלחמה־אַגרעסאָרן. אין 1935 (ווען ער האָט נאָך פֿאַרנומען דעם ווייניקער הויכן פּאָסטן פֿונעם ערצבישאָף פֿון יאָרק) האָט ער נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם פֿאַרברעכערישן לייכט־זין, וואָס ענגלאַנד האָט אַרויסגעוויזן צו איטאַליעס אָנפֿאַל אויף עטיאָפּיע. ער האָט אָנגערופֿן די זאַך מיט איר פּשוטן נאָמען: גזלה און רציחה אין מיטן העלן טאָג. „מצד ענגלאַנד, מצד אַלע פֿעלקער וואָס גייען אַריין אין פֿעלקער־בונד, אָנצווענדן מאַכט קעגן אַן אַגרעסיווער מלוכה איז נישט דאָס זעלביקע וואָס אָנפֿאַנגען אַ מלחמה; דאָס איז פּונקט אַזוי ווייניק מלחמה, ווי ווען דער

פּאַליציסט באַנוצט זיך מיט זיין געווער קעגן אַ באַנדע גענגסטערס וואָס וויל פאַרכאַפּן אַ גאַס אין אונדזערער אַ שטאָט". ער האָט שטרענג געוואָרנט טשעמבערלענען קעגן זיינע אילוזיעס פון 1938, ווען יענער האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז דורך נאָכגעבן היטלערן אַ טייל פון זיינע אַפּעטיטן, וועט אים געלינגען צו שאַפן אַ סטאַבילן שלום פאַר אייראָפּע. דאָס, וואָס דער פעל־קער־בונד האָט קאַפּיטולירט, פּשוט נישט דערפילט זיין שליחות, סיי בשעת יאַפּאַן איז אָנגעפאַלן אויף כינע, סיי ווען איטאַליע האָט פאַרכאַפּט עטיאָפּיע, און באַזונדערס ווען היטלער האָט „אויף אַ פרידלעכן אופן" פאַרניכטעט די זעלבסטשטענדיקייט פון טשעכאָסלאָוואַקיע — איז פאַר אים געווען אַ דער־שיטערנדיקער אָנזאָג פון אומקום אויס פחדנות. און ער האָט ענגלענדער שטרענג געוואָרנט קעגן די פּועל־יוצאס פון זייער מאָראַלישער גלייכגיל־טיקייט.

אַ גרויסן פריינט האָט אין דעם ערצבישאָף פאַרלוירן אויך די אַרבע־טער־באַוועגונג. די דערקלערונג (אין 1942) אַז ענגלאַנדס אומגליק איז דאָס וואָס זי איז „אַ לאַנד פון צוויי נאַציעס, פון אַ רייכער און אַן אָרעמער", איז נישט געווען קיין עפּיזאָד אין זיין לעבן. נישט צופעליק איז ער אין משך פון גאַנצע זעכצן יאָר געווען דער פּרעזידענט פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט פאַר בילדונג און דערציִונג, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין לאָרדן־הויז האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסן אָן דער פראַקציע פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי. די קאָנסערוואַטיווע קרייזן אין ענגלאַנד זענען געווען נישט ווייניק שאָקירט, וואָס ווען מ'האָט אים צוריק מיט יאָרן „געקרוינט" פאַר ערצבישאָף פון יאָרק, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זיין דרשה געווידמעט דער פליכט וואָס שנע־לער אָפּצושאַפן די „סלאַמס" אין די אַרבעטער־געגנטן און איינצופירן פאַר יעדן גלייכע געלעגנהייטן פאַר בילדונג און דערציִונג. עס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר ענגלאַנד, וואָס זיינע אויסגעשפּראָכן־ליבעראַלע און פּראָ־סאָציאַליסטישע נייגונגען האָבן אים נישט געשטערט, יאָרן שפּעטער, צו באַשטייגן דעם טראָן פון דעם העכסטן ווירדנטרעגער אין דער אַנגליקאַני־שער קירך, ווערן דער ערצבישאָף פון קענטערבערי...

**
*

איז וויליאַם טעמפּל געווען אויך אַ באַדייטנדיקער, אָריגינעלער טעאָלאָג? זאָלן אויף דעם ענטפערן פּראָפעסיאָנעלע טעאָלאָגן — און נישט קיין ייִדישע. אין זינען פון לומדות האָט ער זיך אפשר נישט געקענט פאַרמעסטן מיט בישאָף גאָר; אין קראַפט פון אויסדרוק און אין אייגנאַרטיקער ליטעראַרישער עלעגאַנץ קען ער זיך, גלייב איך, נישט פאַרגלייכן מיט דין אינדזש. זיין

באַדייטונג פאַר ענגלאַנד איז אָבער אַ צאָל יאָרן געלעגן נישט אויפן שטח פון ליטעראַטור אָדער טעאָלאָגישן שאַרפזין. זיין בייטראָג איז געווען הויפט־זעכלעך אַ סאָציאַלער — דער ערנסטער פאַרזוך אָנצווענדן די הויפּט־פּרינציפּן פון קריסטנטום, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען, אויף דער ספערע פון „בין אדם לחברו" און אין די באַציִונגען צווישן בירגער און שטאַט. אויב קריסטנטום אַנטהאַלט אין זיך אַן אמת, דעם אייביקן און אוניווערסאַלן אמת, ווי זיינע אַנהענגער ווילן גלייבן, מוז זיך זיין אינהאַלט מאַניפעסטירן אויך אין דער געשיכטע; עס קען נישט זיין איין אמת פאַר חיי־עולם און אַ צווייטער, גלייכבאַרעכטיקטער, אמת, פאַר חיי־שעה. רעליגיע איז לערע, אָבער נישט סתם אינטעלעקטועלע לערע, וואָס אַז מ׳איז זי בלויז תופס איז מען שוין קעגן איר יוצא. דאָס איז אַ לערע וואָס אַפּעלירט נישט בלויז צו אונדזער פאַרשטאַנד, ווי דאָס טוט מאַטעמאַטיק אָדער נאַטור־וויסנשאַפט (אויך דער אופן, אויף וועלכן זי אַפּעלירט צו אונדזער פאַרשטאַנד, איז פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער), נאָר אין דער זעלביקער צייט, אַ סך מערער, צו אונדזער פאַנטאַזיע און וו י ל ן — און ווילן אין אונדז געגעבן געוואָרן אַז ער זאָל, לכל־הפחות, ז ו כ ן זיך צו פאַרווירקלעכן אין רעאַלן לעבן. די דאָזיקע פאַרזאַצן שעפן אויס, מעג מען זאָגן, וויליאַם טעמפּלס גאַנצע „פילאָסאָפיע". איז דאָס ניי? אַלט ווי די וועלט, אַלט יעדנפאַלס ווי רעליגיע גופא. איז עס דען נישט באַנאַל? זיכער: „באַנאַל" ווי אַלע גרויסע אמתן, וואָס מ׳דאַרף פאַרמאָגן אַ סך אייגענע, אָריגינעלע קראַפט, כדי צו זוכן און געפינען אַ וועג זיי פּראַקטיש דורכצוזעצן. דעם עלעמענט פון אַזאַ קראַפט האָט טעמפּל פאַרמאָגט, און פון דעם האָט זיך אייגנטלעך גענומען זיין גייסטיקער שיעור־קומה.

זיין וועג איז גאָר נישט געווען אַזאַ לייכטער און גלאַטער, ווי עס קען זיך אויסווייזן פון אויבן־אויף. זיינע „באַנאַלע" אמתן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף פעלדזן־ווענט פון אַלטע טעאָלאָגישע בנינים. גרעסערע אויטאָריטעטן פון אים האָבן באַהויפּטעט און „באַוויזן" אַז קריסטנטום איז נישט אַ נייע הלכה, נישט קיין תורת־חיים אין סאָציאַל־היסטאָרישן זין פון וואָרט; אַז „גאָטס קעניגרייך" איז נישט עפּעס וואָס קען און דאַרף אויפגעבויט ווערן אַלס אַ סאָציאַלער בנין; אַז דאָס איז בלויז אַן אינעווייניקסטער צושטאַנד פונעם יחיד, אין דער ספערע פון „בין אדם למקום", און אַז די קירך דאַרף זיך נישט מישן אין וועלטלעכע סתירות און קאָנפליקטן. האָט דען ישו אַליין נישט געזאָגט, „גיב דעם קיסר וואָס דעם קיסר קומט און גיב גאָט וואָס גאָט קומט"? איז ער דען נישט געווען נייטראַל ווען אַ מענטש פון פאָלק האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ בקשה: „זאָג מיין ברודער, אַז ער זאָל מיר צוטיילן דעם חלק ירושה וואָס ס׳קומט מיר"? און האָט ער אים דען נישט געענט־

פערט: „ווער האָט מיך אָוועקגעשטעלט איבער אייך פאַר אַ שופט און פאַר אַ צעטיילער?" און האָט דען שפּעטער פּאָולוס נישט געלערנט זיינע נאָכפאָלגער אַז זיי זאָלן רעספּעקטירן מלכות, ווייל יעדע מלכות איז פון גאָט, אַז זיי זאָלן תפילה טאָן פאַרן געזונט פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן און צאָלן זייערע שטייערן? האָט דען פּאָולוס ווען עס איז געפּאָדערט אַפילו די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי? וואָס איז קריסטנטום — בלויז אַן אמונה וואָס פאַרזיכערט דעם גלויבנדיקן זיינע ש"י עולמות אין דער אייביקייט אָדער אויך אַ הלכה למעשה, אויך אַ לערע וואָס דאַרף ענדערן דאָס פּנים פון דער וועלט? אָט אויף דער פראַגע האָט טעמפּל נאָך צוריק מיט יאָרן זיך אַליין געדאַרפט געבן אַ תשובה. אייניקע פון זיינע לערער האָבן זיך באַקוועם געמאַכט און געפּרעדיקט דעם... אומענדלעכן מאָראַטאָריום. „גאָטס קעניגרייך" דאַרף טאַקע אויף אַ באַשטימטן אופן זיך מאַניפעסטירן אין קאָנקרעטע מענטשלעכע באַציִונגען, אָבער וואָס איז די איילעניש? דאָס קעניגרייך וועט קומען ווען די וועלט וועט פאַר אים רייף ווערן, און מ'טאָר נישט דוחק זיין דעם „קץ". האָט דאָך נאָך אויגוסטינוס געזאָגט: “Deus patiens quia aeternus” (גאָט קען וואַרטן, ער פאַרמאָגט דאָך די אייביקייט). און פון אַנדערע האָט ער געהערט, אַז די „פריילעכע בשורה" איז געבראַכט געוואָרן דעם פּרט, נישט דעם כלל, און פאַרן פּרט עקזיסטירט בלויז די פליכט פון אהבת־הבורא, אַן געזעצן, אָן אַ באַשטימטן שולחן ערוך פאַר איינצלנע סאָציאַלע פאַלן אָדער סיטואַציעס — אָט ווי דער זעלביקער אויגוסטינוס זאָל האָבן אַמאָל געלערנט: „האָב ליב גאָט און טו וואָס דיר ווילט זיך". און וויפל מאָל האָט מען אים ציטירט קלאַרענדאָן דעם היסטאָריקער, מיט זיין באַהויפּטונג, אַז אין די גרויסע קריזיסן וואָס ענגלאַנד האָט דורכגעלעבט זענען צווישן געבילדעטן עולם די גייסטלעכע געווען אַמווייניקסטן פּעיִק צו אורטיילן וועגן פּאָליטישע ענינים, און — נאָך מער — אַז דאָס איז פאַר זיי נישט קיין באַליידיקונג, ווייל עס איז נאַטירלעך אַז זיי זאָלן זיין ווייניקער באַהאַוונט אין הוויות־העולם, פּונקט ווי עס איז נאַטירלעך אַז אַרמיי־אָפיצירן זאָלן זיין לאַ־יצלח־דיקע פאַרמערס? פון מער ווי איין זייט האָט ער יאָרנלאַנג געהערט אַז בלויז רעוואָלוציאָנערע סעקטאַנטן, אָפּנייגער אָדער „אפּיקורסים" ווילן אָפּווישן די מחיצות צווישן רעליגיע און פּאָליטיק, אָבער די קירך דאַרף געדענקען איר „יענזייטיקע אויפגאַבע" און אין פּאָליטיק זיך אינגאַנצן נישט מישן.

אָבער אויף טעמפּלען האָבן די אַלע טעאָריעס קיין רושם נישט געמאַכט. ער האָט ווי אָפּגעמאַכט מיט זיך, אַז אויב זיין אַ גייסטלעכער הייסט זיין אַ פאַכמאַן, אַ פּראָפעסיאָנעלער „ספּעציאַליסט" אין אַ באַשטימטער, שאַרף אָפּגעגרענעצטער ספערע פון לעבן, און אַז אַלס אַזעלכער טאָר ער זיך אין

אַנדערע ספערן נישט מישן, קען דאָס נישט זיין זיין לעבנס־„קאַריערע״. אויב רעליגיע נעמט נישט אַרום די טאָטאַליטעט פון לעבן, קען זי איר שליחות נישט דערפילן — עס איז נישט וויכטיק צי ער האָט ווען עס איז אַזאַ פראַגע גענוצט אָדער נישט. פאַקטיש איז דאָס געווען די אידייע וואָס האָט אין אים געלעבט.

און מיטן כוח פון אָט דער איבערצייגונג האָט ער זיך, אַזוי צו זאָגן, געשריבן זיין אייגענעם פירוש צו די צוויי טעסטאַמענטן און צו דער קריסט־לעכער טראַדיציע, ווו פאַולוס אין אים געווען אומבאַקוועם, האָט ער אים איגנאָרירט אָדער פאַרשוויגן — סוף־כל־סוף איז דאָך דער אַפּאָסטאָל צו די געצנדינער געווען נישט מער ווי אַ טעאָלאָג, און נישט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען „מפּי הגבורה״. אָבער ישו גופא? דאַרף מען אַנדערש לייענען וואָס ער האָט געזאָגט, דאַרף מען עס פאַרשטיין אין גייסט פון זיין פערזענלעכקייט, נישט אַרויסרייסן עס פונעם אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פון זיין לערע, פונעם ריטם פון זיין דענקען און פילן. אויב ישו האָט נישט געוואָלט זיין קיין שופט איבער צוויי ברידער ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ירושה, איז דאָס כלל נישט קיין באַווייז, אַז ער איז געווען „פּאָליטיש נייט־ראַל״ אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט, אָדער גאָר גלייכגילטיק; אַז אים האָט נישט געאַרט אויב איין ברודער וועט באַעוולהן דעם צווייטן. אים איז גאָר „נישט אָנגעשטאַנען״ צו זיין אַ בורר אין אַ געלט־סכסוך און ער האָט געהאַלטן אַז זיי, די צוויי ברידער, דאַרף אויך נישט „אָנשטיין״ זיך לכתחילה אַריינצולאָזן אין אַזאַ מחלוקת. ער האָט ביידע ברידער געוואָלט דערהויבן צו זיין מדרגה, צו דער הויך פון זיין „הומאָר״, פון זיין „ביטול״־באַציִונג צו אייגנטום־פראַגן בכלל: „זעט, היט אייך (ביידע) אָפּ פון געלט־גיריקייט, ווייל דעם מענטשנס לעבן הענגט נישט אָפּ פון אָנזאַמלען אַ סך קנינים״ (לוקאַס XII, 14). ווער עס היט אָפּ דעם „לא תחמוד״, קען גאָר פאַר קיין נסיון נישט געשטעלט ווערן ביים פונאַנדערטיילן אַ ירושה. עס איז אָבער אַ גראָבער פע־לער צו דענקען, אַז ווייל ישו איז געווען גרייט צו פּרעדיקן אין אינדיווידועלע פאַלן זיין „הייליקן ציניזם״ אין באַציִונג צו וועלטלעכע גיטער, איז ער געווען גלייכגילטיק אָדער „נייטראַל״ צו סאָציאַלער אונטערדריקונג, צו אָרעמקייט און עקספּלואַטאַציע.

די אַנגליקאַנישע קירך איז, אין געוויסע פּרטים, מער קאַטויליש ווי פּראָטעסטאַנטיש, און וויליאַם טעמפּל האָט נישט איינמאָל געזוכט שטיצע פאַר זיין אויפפאַסונג פון קריסטנטום ביי אַלטע קאַטוילישע אויטאָריטעטן. מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן פלעגט ער, למשל, ציטירן טאָמאַס אַקווינאַס „היתר אויף גנבה״: אויב איינער גנבעט מחמת אמתער נויט, איז דאָס נישט

קיין חטא, „עס איז געזעצלעך פּאַר אַ מאַן צו באַפרידיקן זיין אייגענע באַ־דערפעניש מיט יענעמס אייגנטום, דורך נעמען עס פאַר זיך אָדער אָפן אָדער אין געהיים, ווייל, שטרענג גערעדט, איז דאָס נישט קיין גנבה און נישט קיין גזלה". די קאַלוויניסטישע רעפאָרמער האָט, ווי ס'איז באַקאַנט, אַזאַ צוגאַנג אומגעהויער אויפגערעגט — איז דאָס דען נישט אַ רוף צו פאַרלעצן די עשרת הדברות? דער „לא תגנוב" איז פאַר פּוריטאַנער געווען אַן אַבסאָלוטער געבאָט, וואָס דערלאָזט נישט קיין שום אויסנאַמען. די אַכטע דיבור, פלעגן פּוריטאַנער טענהן, איז אַ דירעקטער באַווייז אַז פּריוואַט־אייגנטום איז אומ־באַרירבאַר, שטיצט זיך אויף אַ געטלעכער סאַנקציע, אָבער וויליאַם טעמפּל האָט זיך געלאָזט בעסער איבערצייגן פונעם הייליקן אַמבראָז און פון גראַ־ציאַן, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז נישט קיין קדושה, נאָר גיכער אַ לעגיטימע פּשרה מיטן מענטשנס זינדיקן צושטאַנד, אָדער עס איז, אין די ווערטער פון טאָמאַס אַקווינאַס, „אַ רעכט צו אַדמיניסטרירן און פאַר־נאַנדערטיילן, אָבער נישט אַ רעכט צו האַלטן עס אויסשליסלעך פאַר אייגענער הנאה". די פּראָטעסטאַנטישע רעפאָרמאַציע האָט כמעט אין אַלע לענדער געכשרט דעם יונגן קאַפּיטאַליזם, צוגעגרייט די אידעאָלאָגישע באַזע פאַר זיין עקזיסטענץ און עקספּאַנסיע, געפונען אַ היתר אויך פאַר דעם מאַ־דערנעם וווכערניק, דעם באַנקיר. אין דעם, ווי אויך אין צוגעבן דעם שטאַט דעם שיין און די סאַנקציע פון הייליקייט (גלייך ווי דער מענטש איז באַ־שאַפן געוואָרן פאַרן שטאַט, און נישט דער שטאַט פאַרן מענטשן), איז באַ־שטאַנען איר גרויסער חטא, צו וועלכן דער מיטלאַלטערלעכער קאַטויליציזם מיט אַלע זיינע חסרונות און אכזריותן האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזן. טעמפּל איז דערפאַר געווען גרייט גיכער זיך צו לערנען פון די סכאָלאַסטיקער, פאַר וועלכע ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז „ווער עס פאַרמאָגט גענוג צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן און פונדעסטוועגן הערט ער נישט אויף זיך צו באַמיען אַריינצוקריגן מער רייכטום, צי כדי צו דערגרייכן אַ העכערע סאָציאַלע פּאָ־זיציע, צי כדי ער זאָל שפּעטער קענען לעבן אָן טאָן אַן אַרבעט, צי כדי זיינע זין זאָלן ווערן מענער פון עשירות און חשיבות, ווערט געטריבן און גערייצט פון פאַרשאָלטענעם גייץ, פון נידעריקער תאווה און גאווה".

פּראַגמאַטיש איז לחלוטין נישט וויכטיק צו פסקענען, ווער עס איז היס־טאָריש־טעאָלאָגיש גערעכט — צי וויליאַם טעמפּל און אַזעלכע ווי ער, אָדער די קריסטלעכע אַדוואָקאַטן פון סאָציאַלער גלייכגילטיקייט און נייטראַליטעט. די רייכע קריסטלעכע טראַדיציע (און ליטעראַטור) איז פול מיט ווידער־שפּרוכן, און יעדער קען פון איר אַרויסנעמען דאָס, וואָס האַרמאָנירט מיט זיין געוויסן, מיט זיין אוממיטלבאַרן רעליגיעזן דערלעבעניש. אויב „עכט"

קריסטנטום זאָל באַשטיין אין אַ מין „מן־הצד״־שטעלונג צו מענטשלעכע לײַדן, צו אונטערדריקונג, צו סאָציאַלע קאָנפליקטן און ראַנגלענישן, וואָלט טעמפל געמוזט ביי זיך פועלן אַז ער איז נישט קיין קריסט. ער איז געבליבן אַ קריסטלעכער גייסטלעכער און פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין אַ גרויסער קירך — ווייל ער איז מיט זיך געווען זיכער, אַז קריסטנטום פאָדערט אין יע־דער עפּאָכע „הלכה״, קאָנקרעטע מ צ ו ו ת מ ע ש י ו ת, אויפן שטח פון סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציִונגען, און אַז אין אונדזער דור איז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ווי זי שטייט און גייט, אַן אומפאַרציילעכע פאַרלעצונג פונעם קריסטלעכן פּרינציפּ.

***

דאָס הייסט נישט, אַז טעמפל האָט געזען די מעגלעכקייט ווען עס איז איינצופירן אין תחום פון מענטשלעכער געשיכטע אַן עולם שכולו טוב, אַן אַבסאָלוט־האַרמאָנישע געזעלשאַפט. ווי יעדער אָרטאָדאָקסישער קריסט, האָט ער געגלייבט — אויף זיין אופן — אין חטא הקדמון, אין דער אורזינדיקייט פונעם מענטשלעכן מין און פון יעדן מענטשלעכן פּרט באַזונדער. אַ „מלכות שמים״ אויף ד ע ר וועלט איז אויך פאַר אים געווען אַן אוטאָפּישער אי־דעאַל: יעדער מענטש איז עגאָ־צענטריש און ער וועט זיך פון זיין עגאָ־צענ־טריזם פ ו ל ש ט ע נ ד י ק קיינמאָל נישט קאָנען אויסקורירן. דאָס האָט אים אָבער קיינמאָל נישט געטריבן צו עקסטרעמען פּעסימיזם אָדער מאָראַ־לישן פאַטאַליזם. ער האָט געוווּסט, אַז צוזאַמען מיט זיין אומפאַרמיידלעכן עגאָ־צענטריזם פאַרמאָגט דער מענטש אין זיך אַ דינאַמישן כוח, וואָס פירט אים אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון אידענטיפיקאַציע מיט אַנדערע ברואים, פון סימפּאַטיע, קאָאָפּעראַציע, ליבע. יענעם דינאַמישן כוח צו קולטיווירן איז די אויפגאַבע פון רעליגיע, און כאָטש מיר זענען פאַראור־טיילט קיינמאָל צום „אידעאַלן ברעג״ נישט צוצוקומען, איז אָבער מעגלעך אַ פּראָצעס פון באַוועגן זיך און זיך צו אים דערנענטערן. ער איז אין דעם פּרט נישט געווען ווייט פון גאַנדיס לאָגיק: אַבסאָלוטע הייליקייט, פולשטענ־דיקע מאָראַלישע האַרמאָניע איז דאָס זעלבע וואָס אַ געאָמעטרישע ליניע. קיינער האָט נאָך אַזאַ ליניע נישט געזען; זי איז בלויז אַן אידעאַלע, און יעדע ליניע וואָס מיר פירן דורך מיט אונדזער בליישטיפט אויף פּאַפּיר האָט שוין נישט נאָר לענג, נאָר אויך אַ געוויסע ברייט און דערמיט אַליין איז זי שוין אַ פיזישע ליניע. די געאָמעטרישע ליניע האָט אָבער אַ רעגולאַטיוון ווערט און אַזאַ ווערט האָט אויך דער אידעאַל פון מאָראַלישער האַרמאָניע: אַדאַנק אים ווייסן מיר די ריכטונג, אין וועלכער מיר דאַרפן זיך באַוועגן. פאַרשלאָגן

וואָס ער האָט געמאַכט (וועגן אַן אַגראַר־רעפאָרם, וועגן צוויי רו־טעג אַ וואָך פאַר אַלע אַרבעטער, וועגן באַזאָרגן די מאַסן מיט געראַמע און היגיענישע וווינונגען דורך מלוכה־סובסידיעס, וועגן באַצאָלטע וואַקאַציעס, וועגן דער אָפּשאַפונג פון קינדער־אַרבעט און ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַלגעמיינער און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, וועגן נאַרהאַפטיקע און אומזיסטע מאָלצייטן אין אַלע ענגלישע פאָלקסשולן, וועגן נאַציאָנאַלן קאָנטראָל איבער דער קרעדיט־סיסטעם אאַז״וו) דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן אין ליכט פון אַזאַ באַוועגונג אין דער ריכטונג צו אַן אומדערגרייכבאַרן אידעאַל. נישט פאַנטאַסטישער אָפּטי־מיזם, נישט צינישער פעסימיזם און נישט דעם עקסטרעם־איינזייטיקן מיסטי־קערס גלייכגילטיקייט צום סאָציאַלן און היסטאָרישן — בלויז פליכט, ברע־נענדיקע פליכט, אין יעדן דור צו מאַכן דאָס לעבן בעסער, שענער, ווירדיקער און אַזוי נאָענט צום אומדערגרייכבאַרן אידעאַל, ווי נאָר מעגלעך.

איז ער געווען אַ סאָציאַליסט? איך ווייס נישט, צי ער האָט זיך ווען עס איז אַזוי באַצייכנט. אָבער וואָס איז דען דער אונטערשייד? אויב סאָציאַ־ליזם זאָל הייסן דאָס שטרעבן, צי דורך אַ רעוואָלוציע צי דורך אַ צאָל בהדרגה־דיקע רעפאָרמען, אין אַ באַשטימטן צייטפּונקט פון דער געשיכטע צו האָבן געלייזט אַלע פּראָבלעמען, האָבן געבראַכט גליק און האַרמאָניע דעם מענטש־לעכן מין בכלל און יעדן מענטשלעכן פּרט באַזונדער — אַ מין ענדגילטיקער צושטאַנד פון משיחישער פאַרווירקלעכונג — איז ער זיכער קיין סאָציאַליסט נישט געווען. אויב אָבער סאָציאַליזם איז אַ פּראָטעסט קעגן קאַפּיטאַליסטי־שער צעשטויבונג פון דער געזעלשאַפט, קעגן דער אַנטווערטונג פונעם מענטשן, קעגן דעם וואָס אַ לאַנד באַשטייט נאָך אַלץ אין אונדזערע צייטן „פון צוויי נאַציעס, איינע אַ רייכע און איינע אַן אָרעמע“, האָט ענגלאַנד אינעם ערצבי־שאָף פון קענטערבורי פאַרלוירן אַ טיף איבערצייגטן, קעמפנדיקן סאָציאַליסט.

1944

אין אַ סימפּאָזיום וועגן דער נעגער־פראַגע אין אַמעריקע גיט קלעיר לוס איר גוטע עצה די נעגער, נישט צו דערוואַרטן די ישועה פון קאָמוניזם. אין גרונט, גלייבט זי, אַז פון אַ ברייטערן פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז גאָרנישט פאַראַן קיין אונטערשייד צווישן קאָמוניזם און קאַפּיטאַליזם:ביידע זענען זיי מאַטעריאַליסטיש, שטיצן זיך אויפן חומר, אויף נאַקעטער מאַכט, און ביידע זענען זיי אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון די טיפערע וואָרצלען פון דעם וועלט־וועזן. די גאולה פאַר נעגער קען קומען בלויז פון רעליגיע, פון קריסטנטום. און כאָטש מאַדאַם לוס זאָגט עס נישט בפירוש, איז קלאָר אַז זי מיינט דאָ אַ באַשטימטן סאָרט קריסטנטום, יענעם סאָרט צו וועלכן זי איז, נאָך אַ נשמה־קריזיס, צוריק מיט עטלעכע יאָר באַקערט געוואָרן: קאַטאָליציזם.

וועל איך זיך דאָ נישט אָננעמען די קריוודע פון קאָמוניזם. אויב קאָמוניזם, ווי איך גלייב, איז נישט גוט פאַר ווייסע, קען ער נישט זיין קיין רפואה אויך פאַר קאָלירטע. איך בין זיכער, אַז אַ קאָמוניסטישער רעזשים אין אַמעריקע וואָלט די נעגער געגעבן אַבסאָלוטע גלייכקייט, אָבער דאָס איז פון יענע ישועות נאָך וועלכע אַ נאָרמאַלער מענטש לעכצט נישט: די גלייכקייט פון אַרעסטאַנטן אין אַ תפיסה. אָבער פאַרוואָס זאָלן זיך נעגער דאַרפן היינט אָנכאַפּן מיט אַ נייעם ברען אָן קריסטנטום — אַלץ איינס צו אָן מאַדאַם לוס׳ היינטיק קריסטנטום אָדער אין פּראָטעסטאַנטיזם? אגב, זענען נעגער אין אַמעריקע נישט ווייניקער קריסטלעך פון דער ווייסער באַפעלקערונג, און עס קען גריילעך זיין, אַז וואָס ס׳איז שייך כוונה און פאַלקסטימלעכער עקזאַלטירטער פרומקייט, קען מען דאָס אָפטער זען ביי נעגער איידער ביי ווייסע. מאַדאַם לוס ווייסט דאָס נישט ווייניקער פון אַנדערע. זי וויל אָבער גלייבן, אַז אין זייער קאַמף פאַר גלייכקייט דאַרפן די נעגער זיך שטיצן אויף רעליגיע, פאַרבינדן זייערע האָפענונגען מיט קריסטנטום. קריסטנטום אָנערקענט, דערמאָנט זי אונדז, אַז דער מענטשלעכער קערפּער איז דער היכל פון רוח־הקודש — איז ווי אַזוי קען אַזאַ רעליגיע זיך נישט אָננעמען פאַר אַ ראַסע, וואָס אירע מענטשן האָבן די זעלביקע קערפּערס און די זעלביקע נשמות ווי אַנדערע?

זייער קלאָר און איינפאַך. אין פּרינציפּ קען מען דאָ גאָרנישט אויסזעצן.

קריסטנטום איז, פונעם אָנפאַנג אָן, אַן אוניווערסאַלע, אַ קאָסמאָפּאָליטישע אמונה. קיינער האָט דאָס קיינמאָל נישט געלייקנט. קיינער וועט דאָס אויך אין דער צוקונפט נישט לייקענען. אַן אינטעליגענטער נעגער ווייס, אַז אין גאָטס אויגן איז, לויט דער קריסטלעכער אמונה, נישט פאַראַן קיין ברעקל אונטערשייד צווישן „אַ יידן און אַ העלענער", צווישן אַ ווייסן און אַ קאָלירטן. ער ווייס אָבער אויך — און אויב ער ווייס דאָס נישט אַליין, איז פאַראַן ווער עס זאָל דאָס אים דערציילן — אַז קריסטנטום איז נישט בלויז אַ לערע (אַט ווי מאַטעמאַטיק, אָדער פיזיק, אָדער אַ פילאָסאָפיש סיסטעם איז אַ לערע), נאָר אויך אַ היסטאָרישער פּראָצעס, אַן אינסטיטוציע, אַ לעבעדיקע טראַדיציע, אַ מין ציוויליזאַציע. ער פאַרשטייט אויך, אַז וויכטיק איז נישט נאָר דער פּרינציפּ פון אַ לערע, נאָר אויך די פּראַקטישע אויספירן וואָס אירע לערער און נאָכפאָלגער ציִען פון איר אַרויס. און ווען ער טראַכט זיך אַריין אין קריסטנטום (נישט נאָר אין זיין געשיכטע, נאָר אויך אין זיינע גרונט־אידייען), קען ער זיך לייכט איבערצייגן אַז גלייכקייט איז דאָרט מער אַ מעטאַפיזישע אַבסטראַקציע איידער אַ קאָנקרעטע סאָציאַלע אידייע.

פרעגט פאַולוסן, דעם אייגנטלעכן גרינדער פון קריסטנטום, וועט ער עס אייך אַליין זאָגן. אין זיין ערשטן בריוו צו די קאָרינטיער, זאָגט ער זיך אַרויס וועגן שקלאַפעריי מיט אַזאַ קלאָרקייט, וואָס קען ביי קיינעם קיין צווייפל נישט אַרויסרופן: יעדער מענטש זאָל בלייבן אין זיין „באַרוף" אָדער דינסט, אין וועלכן ער געפינט זיך; אויב דו ביסט לויט דיין „באַרוף" אַ שקלאַף, זאָלסטו אויף דעם נישט פאַראיבל האָבן, כאָטש „אויב דו האָסט אַ געלעגנהייט צו ווערן פריי, זאָלסטו דאָס אויסקלייבן". מ'דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז פאַולוס רעדט דאָ נישט צו סתם קנעכט, נאָר צו אַזעלכע וואָס זענען שוין מיטגלידער פון דער וואַנגעלישער געמיינדע, „אויסגעלייזטע" דורך ישוס בלוט. אויב דער שקלאַף האָט אַ געלעגנהייט, מיט דעם הסכם פון זיין (קריסטלעכן) האַר, צו קריגן דעם סטאַטוס פון אַ פרייען מענטשן, זאָל ער זיך דערמיט באַנוצן. אָבער קעמפן פאַר זיין סטאַטוס, רעוואָלטירן קעגן דעם האַר וואָס ער „געהערט" צו אים, רעוואָלטירן נישט נאָר מיט געוועהר אָדער פיזישער קראַפט, נאָר אַפילו דורך פּאַסיוון ווידערשטאַנד (וואָס וואָלט זיכער נישט געווען קיין פאַרלעצונג פונעם פריִען קריסטנטומס פּאַציפיסטישע פּרינציפּן), טאָר ער נישט. עס איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם צוזאַמענהאַנג פאַולוסעס בריוו צו פילעמאָנען, אין וועלכן ער בעט זיך ביי אים — ביי אַ קריסט! — אַז ער זאָל נישט באַשטראָפן אונעסימאָסן (אַ שקלאַף, אויך אַ קריסט, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין האַר און ער האָט זיך צו אים אומגעקערט). פאַולוס וויל ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זיין „פאַרזינדיקטן" קנעכט

באַהאַנדלען ווי אַ חבר און אַ ברודער „סיי אין פלייש און סיי אין גאָט", אָבער אין דעם זעלביקן צאַרטן בריוו איז ער מסכים, אַז פילעמאָן זאָל האַלטן אונעסימאָסן אין קנעכטשאַפט „אויף אייביק". דער קריסטלעכער שקלאַף האָט נישט קיין ר ע כ ט זיך צו באַפרייען קעגן דעם ווילן פונעם האַר, אָבער דער קריסטלעכער האַר האָט אויך נישט קיין פ ל י כ ט זיין שקלאַף צו באַפרייען. אַזאַ שטעלונג צו דעם וויכטיקסטן סאָציאַלן פּראָבלעם פון יענער עפּאָכע איז ביי פּאַולוסן נישט געווען קיין צופעליקייט. יעדער מענטש איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, יעדער „גלויביקער" איז טאַקע פּאַרזיכערט מיט עולם־הבא, אַלץ איינס צי ער איז אַ ייִד אָדער אַן ערל, אַ ווייסער צי אַ שוואַרצער, אַ האַר אָדער אַ קנעכט, אַ מאַן אָדער אַ פרוי; אין די ש"י עולמות איז יעדער גליי‍ך, אָבער אין אונדזער עולם־התחתון טאָר די אומגלייכקייט נישט באַקעמפט ווערן, טאָר מען נישט זוכן צו צעטרייסלען די זיילן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. עס איז נאָך ביז היינט נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָס ישו האָט געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט: „גיט דעם קיסר וואָס ס׳איז דעם קיסרס און גאָט וואָס ס׳איז גאָטס". פּאַולוס האָט אָבער גאַנץ קלאָר געמאַכט פאַר זיינע נאָכפאָלגער, אַז דער קיסר טאָר נישט באַקעמפט ווערן. אין אונטערשייד פון ישו איז פּאַולוס געווען אַ פולבאַרעכטיקטער רוימישער בירגער (ביי געוויסע געלעגנהייטן האָט ער אַפילו דערפון גערעדט מיט שטאָלץ), און די אימפּעריע האָט ער א נ ג ע נ ו מ ע ן אויך רעליגיעז — נישט בלויז ווי איינער, וואָס מאַכט שלום מיט אַ טרויע־ריקן אָדער טראַגישן פאַקט, בלויז ווייל ער האָט נישט קיין כוח אים צו באַ־זייטיקן. אין זיין בריוו צו די רוימער געפינען מיר אַ שאַקירנדיקע רעליגיעזע סאַנקציע פאַר דער מלוכה־מאַכט: „יעדער מענטש זאָל זיך אונטערוואַרפן די אויטאָריטעטן וואָס שטייען איבער אים. עס איז נישט פאַראַן קיין מאַכט סיידן (באַשטימט) פון גאָט. דער וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער מאַכט ווייזט, דערפאַר, אַרויס ווידערשטאַנד צו דעם, וואָס גאָט האָט באַשטימט". און איז דאָס נאָך ווייניק, גיט אונדז נאָך פּאַולוס ווייטער צו פאַרשטיין, אַז די גוטע האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר די הערשער; נאָר די בייזוויליקע דאַרפן פאַר זיי מורא האָבן. „נישט אומזיסט טראָגט די מאַכט אַ שווערד; זי איז גאָטס דינער (דיאַקאָנאָס), און זי איז זיך נוקם מיט צאָרן אָן דעם, וואָס טוט שלעכטס". אַזעלכע ווערטער קלינגען כמעט אומפאַרשטענדלעך ביי אַ גרינדער פון אַ רעליגיע וואָס באַטראַכט אַלע מענטשן פאַר גאָטס קינדער, אין אַ צייט ווען רוימישע סטאָיקער („געצנדינער", נישט קיין קריסטן) האָבן שוין אין דער אימפּעריע געזען רשעות און טומאה. נאָך אומפאַרשטענדלעכער קלינגען אַזעלכע ווערטער אין דעם מויל פון אַ ייִדן, וואָס האָט געדאַרפט רעאַ־

גירן מיט ספּעציפישער ביטערקייט אויף דער טיראַניי פון אַ קאַיוס קאַליגולאַ אָדער נעראָן קיסר, וואָס האָט אַליין דורכגעלעבט די רוימישע רציחות אין זיין אייגן לאַנד. דאָס האָט אויף פּאַולוסן נישט געווירקט. פאַר אים איז געווען וויכטיק, וואָס אין דער אייביקייט זענען שקלאַפן, אונטערדריקטע און באַליידיקטע, נישט ווייניקער פריי ווי אַנדערע. אויף ד ע ר וועלט איז מען מחויב צו געבן דעם קיסר נישט נאָר די שטייערן און די צינזן וואָס קומען אים, נאָר, ווי ער דריקט זיך אויס אין דעם זעלביקן רוימער־בריוו, אויך די „יראה" און דעם „כבוד" וואָס עס קומט דער מאַכט. וואָס ס'איז שייך דעם שקלאַף, דאַרף ער דינען זיין האַר נישט נאָר מיט „פאַרכט און ציטער", נאָר אויך מיט דער „תמימות פון זיין האַרצן" און מיט דער „גאַנצער נשמה". מיט אָט דעם אַנטיסאָציאַלן, טיף־אוממאָראַלישן און אין גרונט אַנטירעליגיעזן גיפט האָט פּאַולוס אויף אַ סך, אַ סך דורות אַנגעפילט דאָס קריסטנטום וואָס ער האָט געשאַפן.

ווער עס וויל מעג באַהויפּטן, אַז דאָס דאָזיקע אָפּשטויסנדיקע פּאַוליניִשע קריסטנטום האָט מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער נאַטור ווי ישו פון נצרת קיין שום שייכות נישט. אָבער דער גרינדער פון קריסטנטום איז נישט ישו, נאָר פּאַולוס, און פון ישוס דרשות אַליין וואָלט מסתמא קיין באַזונדערע אמונה, קיין קירך, קיין נייע אינסטיטוציאָנעלע רעליגיע נישט אַרויסגעקומען. די „קאָפּיראַיט" פאַר דעם וואָס ס'איז אין דער וועלט באַקאַנט אַלס קריסטנטום געהערט פּאַולוסן, פּעטרוסן, נישט ישון, טראָצדעם וואָס זיי האָבן דעם לעצטן געשטעלט אין צענטער פון זייער לערע און פון זייער נייעם ריטואַל.

און איז דען דאָס היסטאָרישע קריסטנטום געווען בלויז גלייכגילטיק צו אַזאַ דערשיינונג ווי שקלאַפעריי? י ו ס ט י נ ו ס, איינער פון די גאַר־גאַר פאַרהייליקטע אין דער קריסטלעכער קירך, רעדט וועגן קריסטלעכע שקלאַפן פון קריסטלעכע הערשער ווי וועגן אַ נאַטירלעכער דערשיינונג, און אַ ט ע־נ אַ ג אָ ר אַ ס — איינער פון די אבות פון דער קירך! — פאַרטיידיקט אין זיינער אַן אַפּאָלאָגעטישער שריפט דאָס קריסטנטום קעגן דעם פאַרדאַכט, אַז עס זוכט צו באַפרייען די שקלאַפן, מיט אַ דערקלערונג: „אויך מיר פאַרמאָגן שקלאַפן". זיי זענען נישט געווען די איינציקע, און איך ברענג דאָ נישט אַרויס קיין אינדיווידועלע פאַלן. ווען דאָס קריסטנטום איז פון אַ פאַרפאָלגטער סעקטע געוואָרן די הערשנדיקע שטאַטס־רעליגיע פון רוים, האָט עס דעם סטאַטוס פון די שקלאַפן נישט געענדערט, אויך נישט געשטרעבט צו ענדערן. די זעלביקע געזעצגעבונג וואָס האָט עקזיסטירט אין דער געצנדינערישער רוים איז געבליבן גילטיק אויך אין דער קריסטלעכער רוים. דער קאַטוילישער קאָנציל וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַנגראַ (אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 324

האָט זיך נישט געשעמט אָנצונעמען דעם פּאָלגנדיקן ציניִשן באַשלוס: „ווער עס פּרעדיקט, אונטער דעם אויסריייד פון ליבע צום מיטמענטשן, אַז דער שקלאַף דאַרף האָבן פאַר זיין האַר ווייניקער דרך־ארץ, אָדער, אַז ער זאָל פאַרנאַכלעסיקן זיינע דינסט־פליכטן, אָנשטאָט דעם וואָס ער זאָל אים דינען מיט ליבע און אָפּפערדיי, דער זאָל געשטעלט ווערן אונטערן חרם". דאַרף מען זיך וווּנדערן, ווען מען לייענט ביי וועסטערמאַרקן, אין זיין „אָרידזשין ענד דעוועלאָפּמענט אָוו מאָראַל איידיאַס", אַ גאַנץ פיינע רשימה פון גלחים, אַבאַטן, מאָנאַסטירן, בישאָפן און אַפילו אַזעלכע וואָס זענען קאַנאָניזירט געוואָרן אין דער קירך אַלס קדושים („מאַרטירער"), וואָס האָבן געוועלטיקט איבער גרויסע צאָלן שקלאַפן? מיר רעדן שוין נישט פון יענע קאַנאָנישע געזעצן אין מיטלאַלטער, לויט וועלכע אַ פרוי, וואָס מ'האָט געפונען שולדיק אין סעקסועלע באַציִונגען מיט אַ קריסטלעכן גלח, איז פאַרקויפט געוואָרן אין שקלאַפעריי, און אויב עס איז פון אַזאַ טריפהנעם זיווג געבוירן געוואָרן אַ קינד, האָט מען עס געמאַכט פאַר אַ שקלאַף. אין פאַרשיידענע פעריאָדן האָט די קירך נישט נאָר טאָלערירט, נאָר דירעקט דערמוטיקט שקלאַפעריי. כאַראַקטעריסטיש איז דער באַשלוס פון די קאַטוילישע „אַנשי כנסת הגדולה" אין עפּאַאָן, וואָס פאַרבאָט די הויפּטן פון די מאָנאַסטירן צו באַפרייען קנעכט, וואָס די מאָנאַכן האָבן באַקומען (פון גאָטספאַרכטיקע קריסטן, נאָטירלעך) אַלס מתנה. „עס וואָלט געווען נישט יושרדיק", לייענען מיר אין יענעם באַשלוס, „אַז די קנעכט זאָלן אַרומגיין ליידיק און די מאָנאַכן זאָלן זיך פּלאָגן מיט פעלד־אַרבעטן". אין שפּעטערן מיטלאַלטער האָט נאָך דער פּויפּסט ניקאָלאַוס דער פינפטער אויסדריקלעך געגעבן זיין הסכמה, אַז די פּאָרטוגעזער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט שקלאַפן־האַנדל (אין זיין באַרימטער „בולע" פון 1454, וואָס האָט געגעבן אַ רעליגיעזע סאַנקציע פאַר אַלע ברוטאַליטעטן און רציחות, פון פּאָרטוגעזער און שפּאַניער, פראַנצויזן, ענגלענדער און האָלענדער אין אַפריקע). ביזן זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן נאָך די מייסטע פּויפּסטן געהאַלטן שקלאַפן אַלס הויז־דינער און אַלס אַ מקור פון הכנסה.

אין אַלגעמיין איז אין דער פראַגע נישט געווען קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן אָרטאָדאָקסישן אָדער קאַטוילישן קריסטנטום און דעם פּראָטעסטאַנטישן. די רעפאָרמאַציע האָט דעם סטאַטוס פון קנעכט אין ערגעץ נישט געענדערט. דער שקלאַפן־האַנדל אין דער קאָלאָניאַלער אַמעריקע און, שפּעטער, שוין נאָך דער רעוואָלוציע, איז געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון פּראָטעסטאַנטן. די פּלאַנטאַטאָרן אין אונדזערע דרומדיקע שטאַטן זענען געווען מייסטנס פּראָטעסטאַנטן, און יענע אַמעריקאַנער וואָס דיקענס האָט

אַמאָל, אויף זיין באַזוך דאָ אין לאַנד, געמוסרט פאַר זייער באַהאַנדלונג פון די נעגער און וואָס האָבן אים אָפגעענטפערט מיט דער טרויעריק־באַרימטער פראַגע: „וואָס, איר גלייבט נישט אין דער ביבל?״ — זענען געווען פראָטעס־טאַנטן (צום שבח פון דער קאַטוילישער וועלט מעג דאָ געזאָגט ווערן, אַז די „ווייסנשאַפטלעכע״ ראַסן־טעאָריעס וואָס האָבן געכשרט היטלערן און נאַציזם זענען, אין זייער גרעסטן טייל, אַ פּראָדוקט פון פּראָטעסטאַנטישער „ציווי־ליזאַציע״).

און מעג איך דאָ צוגעבן אַ מין פּערזענלעכע נאָטע? אין מעטאָדיסטישע קירכן האָבן מער ווי איינמאָל אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די הימנען פון דזשאָן ניוטאָן. צוויי פון זיינע הימנען:

How sweet the name of Jesus
Sounds in a believer's ears

און

Glorious things of Thee are spoken,
Zion, city of our God

— פאַרנעמען אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ אין דעם מעטאָדיסטישן סדר־התפילה. ווען איך האָב לעצטנס, גאַנץ צופעליק, זיך אָנגעשטויסן אויף ניוטאָנס ביאָ־גראַפיע, האָב איך זיך דערוווּסט אַז דער דאָזיקער פּראָטעסטאַנטישער תפילה־פאַרפאַסער איז יאָרנלאַנג געווען אַ סקיפּער פון אַ שיף, וואָס האָט געפירט פון אַפריקע נעגער אין אַמעריקאַנער שקלאַפעריי. דאָס האָט נישט געשטערט דער מעטאָדיסטישער קירך צו מאַכן זיינע לידער אַ טייל פון איר אָפיציעלן גאָטעסדינסט: אין חרם האָט מען אים נישט אַריינגעלייגט. און אין אונדזערע טעג? פרעגט די פּראָטעסטאַנטישע בורן אין דרום־אַפריקע וועגן דער באַ־האַנדלונג פון די מיליאָנען נעגער אין זייער לאַנד, וועלן זיי אייך ענטפערן מיט פרומע פסוקים: די נעגער שטאַמען נישט פון שמן און נישט פון יפתן, נאָר פון חמן, און אויף זיי העַנגט אַן אייביקע קללה, אָדער — די ברכה פון אברהם אבינו איז אויף זיי נישט חל, ווייל זיי שטאַמען פון הגרן וואָס אברהם אַליין האָט פאַרטריבן אין דעם מדבר. רעוואָלטן קעגן אומפרייהייט און אומ־גלייכקייט, קאַמפן פאַר דער ווערדע פון שוואַכע, אָרעמע און אונטערדריקטע, זענען אין דער קריסטלעכער וועלט פאָרגעקומען מייסטנס מצד „אַפּיקורסים״, סכיזמאַטיקער, אָפּנויגערישע סעקטעס — נישט פונעם עטאַבלירטן, רעספּעק־טאַבעלן קריסטנטום, וואָס האָט יענע „אַפּיקורסים״ געשמידט אין קייטן, גע־האַנגען אויף סלופּעס, פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס. לאַטייניש קאַ־טאָליציזם, גריכישער קאַטאָליציזם, פּראָטעסטאַנטיזם — קיין וועזנטלעכער

אונטערשייד אין ענין „מענטשלעכקייט" איז צווישן זיי נישט פאַראַן. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין דער וועלט פון „קריסטלעכער ציוויליזאַציע" האָט פראַנקרייך אָפּגעשאַפט דעם שקלאַפנהאַנדל ערשט אין 1830, ענגלאַנד אין 1838 און האָלאַנד אין 1854; וואָס „קרעפּאַסטניקעס" זענען באַפרייט געוואָרן אין רוסלאַנד ערשט אין 1861, בערך אַ טויזנט יאָר זינט דאָס קריסטנטום איז אַהין אָנגעקומען, און וואָס — „גאָד בלעס אַמעריקאַ"! — אין מאָדאַם לוסעס אייגענער מדינה, אויפגעבויט פון פוריטאַנישע „עולי־רגל", זענען נאָך פאַראַן אַלטע נעגער וואָס זענען אַמאָל אַליין געווען שקלאַפן. אַזוי פיל הונדערטער יאָרן האָט זי וועלט פון „קריסטלעכער ציוויליזאַציע" געדאַרפט וואַרטן, כדי ריין פאָרמעל און האַלב־היפּאָקריטיש „אויסצוגעפינען", אַז עס זענען נישטאָ קיין מענטשן וואָס טראָגן נישט אויף זיך דעם צלם אלהים? און וועט עס זיין אַ גרויסע אַפּיקורסות צו באַהויפּטן, אַז די אַלע שקלאַפן־עמאַנסיפּאַציעס וואָס מיר האָבן דערמאָנט און וואָס זענען נאָך הלכה למעשה נישט גאַנץ דורכגעפירט געוואָרן, זענען געקומען נישט אַדאַנק דעם אינסטיטוציאָנעלן קריסטנטום, נאָר אָן אים און אָפטמאָל טראָץ און קעגן אים?

אָט דאָס זענען „מחשבות־זרות" וואָס אַ דענקנדיקן נעגער איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו פאַרטרייבן פון זיך, ווען מען אַפּעלירט צו אים אין נאָמען פון קריסטנטום און מען וויל, ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דער ישועה וואָס די „קריסטלעכע ציוויליזאַציע" וועט אים ברענגען. און איז אַזאַ נעגער נישט נאָר אַ דענקענדיקער, נאָר אויך אַ מער געבילדעטער מענטש, וועט ער אפשר אַ טראַכט טאָן, אַז אויפן היסטאָרישן קריסטנטום ליגט די קללה פון אַ משונה־דיקער דאָגמע, אַז פאַר דער דערלייזונג פון דער מענטשלעכער נשמה אין דער אייביקייט איז וויכטיק בלויז „גלויבן" — גלויבן אין דעם קרבן פון ישו הנוצרי אַלס די כפרה פון אַלע מענטשלעכע ברואים פון אָנהייב פון די דורות און ביז צו זייער סוף — אַז מעשים טובים קענען די גאולה קיינעם נישט ברענגען, אַז קיין געזעצן, קיין „הלכה" פאַר מענטשלעכער טאָג־טעגלעכער אויפפירונג דאַרף מען נישט האָבן, ווייל דער מענטש איז לויט זיין נאַטור זינדיק און מוז בלייבן זינדיק, און עולם־הבא און לייטזעליקייט אין גאָטס אויגן קריגט מען נישט דורך טאָטן, דורך „מצוות", נאָר אַלס אַ פרייע, אומפאַרדינטע מתנה פאַר גלויבן אין דעם קריסטלעכן מלך המשיח, און פאַר טועם זיין פון צייט צו צייט זיין געטלעך לייב און זיין געטלעך בלוט, פאַר אַ ווילדער מיסטעריע פון „גאָט־פרעסעריי". אַזוי לאַנג ווי די קריסטלעכע מענטאַליטעט וועט זיך נישט באַפרייען פון יענעם טשאַד, וואָס זיין רויך, געדרויך און וויי־רויך ציִען זיך פון פּאַולוסן דורך אויגוסטינען און טאָמאַס פון אַקווינאָ ביז אַזעלכע „באַפרייענדיקע" רעפאָרמאַטאָרן ווי לוטער און קאַלווין, און פון

זיי ביז צו די הויפּט־טיפּן פון היינטיקער קריסטלעכער רעליגיאָזיטעט, קען קריסטנטום קיין גואל נישט זיין, מוז עס אַליין נאָך וואַרטן אויף דער גאולה פון דער חשכות, אין וועלכער עס האָט זיך אַריינמאַנעווורירט. אָבער דאָ קומען מיר אַריין אין קיניגרייך פון טעאָלאָגיע און דאָגמאַטיק, וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

און דערווייל? דערנענטערט זיך יענע וועלט, וואָס איז היסטאָריש דערצויגן געוואָרן אויפן קריסטנטום, צום סוף פון איר צווייטן יאָרטויזנט. און ווי זעט זי אויס נאָך די דאָזיקע צוויי טויזנט יאָר „דערלייזונג"? יעדער טומטום קען דאָס אָפּמאָלן מיט אַ בליישטיפט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר: אויפן ברעג פון איין ים שטייט עמיצער מיט דער אַטאָמישער באָמבע אין דער האַנט, און ביי אַן אַנדער ים שטייט אַ צווייטער עמיצער מיט זיין אַטאָמישער באָמבע אין דער האַנט. ניינצן יאָרהונדערטן פון קריסטלעכער ציוויליזאַציע האָבן גאָרנישט באַוויזן זיי אויסצולערנען אַן אַנדער סיסטעם פון „סיגנאַליזאַציע". מ'קען אַפילו נישט זאָגן, אַז איינער פון זיי איז דוד און דער אַנדערער איז גלית. קוקט מען זיך איין אין די פּנימער, זעט מען גאָר: קין קעגן — קין.

איך וויל זיך נישט אונטערנעמען שילדערן, וואָס עס טוט דער „ייִדישער" גאָט, דער גאָט וואָס פאָדערט נישט נאָר אמונה, נאָר אויך הלכה למעשה, מצוות מעשיות געבויט אויפן יסוד פון אמונה און געשפייזט פון אמונה — קוקנדיק אויף אַזאַ סצענע. אַמאָל אָבער דאַכט זיך מיר (זינדיקער מענטש וואָס איך בין, מיט מיינע עבודה־זרה־פאַנטאַזיעס), אַז די אַמאָליקע גריכישע געטער זיצן נאָך היינט אויף זייער באַרג אָלימפּוס, קוקן זיך צו צו אַ וועלט וואָס איז אַמאָל „דערלייזט" געוואָרן אויף אַן אַנדער באַרג, אויף דער גולגולתא, און לאַכן, לאַכן, לאַכן זייער „האָמערישן" געלעכטער.

מאַדאַם לוס האָט אַ גוט אויער. הערט זי נישט יענעם געלעכטער?

1949

טאָלעראַנץ

וואָס הייסט טאָלעראַנץ, ספּעציעל רעליגיעזע טאָלעראַנץ?

דעם דאָזיקן באַגריף מוז מען, גלייב איך, נאָכאַמאָל דעפֿינירן — בפֿרט ביי אונדז, ייִדן, און ספּעציעל דאָ, אין אַמעריקע.

אין קיין שום אַנדער לאַנד איז מען זיך, דוכט זיך, נישט מתעסק אַזוי פֿיל מיטן ענין טאָלעראַנץ, און אין ערגעץ, שיינט מיר, איז דער באַגריף נישט אַזוי פֿאַרשוועמען און אָפּטמאָל אַפֿילו בכיוונדיק פֿאַרדרייט, ווי אין אַמעריקע. עס זענען פֿאַראַן גרויסע שטעט אין אונדזער מדינה, וווּ צוויי דריטל צייט און ענערגיע פֿון אונדזערע רבנים גייען אַוועק אויף פֿאַבריצירן רעליגיעזע טאָלעראַנץ: ווער קען עס שוין היינט איבערציילן די צאָל „גוד־וויל״־קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך ביי אונדז די לעצטע יאָרן אַזוי אָנגעפּרוכפּערט? אָבער פֿרעגט איינעם פֿון דער אַרמיי „גוד־וויל״־ראַבאַיס, וואָס הייסט עס אַזוינס טאָלעראַנץ, וועט ער מסתמא אויסווייכן צו געבן אַ דירעקטן און קלאָרן ענטפֿער. אין האַרצן פֿילט ער אפֿשר אַליין, אַז זאָגן זאָגט ער טאָלעראַנץ, נאָר מיינען מיינט ער גאָר — ג ל יי כ ג י ל ט י ק יי ט. טאָלעראַנץ איז פֿאַר אים אויך אַ מין אינטעלעקטועלער וואָפֿנשטילשטאַנד: לאָמיר צווישן זיך אָפּמאַכן, אַז דו, גלח, וועסט קיינמאָל נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט אויף מיין רעליגיע, וועל איך, רב, אין ערגעץ נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט אויף דיין רעליגיע. בקיצור, טאָלעראַנץ הייסט ביי אונדז אַן אָפּמאַך נישט צו קריטיקירן. דער פֿאַרשטאָרבענער לואי מאַרשאַל האָט זיך דערפֿאַר צוריק מיט אַ צאָל יאָרן געהאַלטן פֿאַר באַרעכטיקט זיך אויסצובייזערן אויף אַ פּראָטעסטאַנטישן מיטגליד פֿון אַ „גוד־וויל״־קאָמיטעט, הלמאַי יענער האָט זיך דערלויבט צו פּרעדיקן קריסטנטום אין אַ ייִדישן קלוב: אויף מאַרשאַלס לשון — און נישט נאָר אויף זיינעם — האָט עס געהייסן אַ פֿאַרלעצונג פֿונעם טאָלעראַנץ־קאָנטראַקט...

אָבער אויב דאָס איז טאָלעראַנץ, איז עס דאָס זעלבע וואָס גלייכגילטיקייט, און דעמאָלט מעג מען שטעלן די פֿראַגע, צי קען גאָר אַן אמת־רעליגיעזער מענטש זיין טאָלעראַנט. „טאָלעראַנט״ אין זינען פֿון אינדיפֿערענץ קען זיין אַ נישט־גלייביקער, אַן אַטעיִסט: פֿאַר אים זענען אַלע רעליגיעס ווילדע נאַרישקייטן, פֿון איינעם און דעם זעלביקן ווערט. „טאָלעראַנט״ איז געווען היינעס פּרינציפּ. זי האָט זיך איינגעהערט אין טעאָלאָגישן וויכוח צווישן

דעם רב און דעם גלח, און ווען מ׳האָט זי נאָכדעם געפרעגט, ווער, לויט איר מיינונג, עס איז גערעכט, האָט זי קיין סך נישט געדאַרפט טראַכטן: לויט איר פּרינצעסישן איינדרוק, שטינקען זיי ביידע. אָבער וואָס הייסט טאָלעראַנץ, ווען עס רעדן וועגן דעם רבנים און גלחים? קען עס הייסן, מעג עס הייסן, אַז דער פאַרטרעטער פון איין רעליגיע זאָל נישט טאָרן קריטיקירן וועלכע נישט איז אַנדערע רעליגיע? פאַרוואָס זאָל ער נישט קריטיקירן? פאַרוואָס זאָל ער נישט פאַרשטעלן זיין רעליגיע אַלס אמתער, העכער, מער אינספּי־רירט, אַלס דעם אייגציק אינספּירירטן גלויבן? איז עס דען נישט זיין פ ל י כ ט צו באַקעמפן פאַלשע אמונות, אמונות וועלכע ער האַלט פאַר פאַלש?

מיין שכן איז אַ קאַטאָליק. גלייבט ער, אַז דער רבונו של עולם האָט איבערגעגעבן „די שליסלען" דעם רוימישן פּויפּסט; גלייבט ער אַז אַ גלח איז אַ מוסמך אויף צו פאַרגעבן זינד; איז ער זיכער, אַז אויף יענער וועלט וועט מען מיך ברענען און בראָטן אין גיהנום, אויב איך וועל אַוועקגיין פון דער וועלט אַ „נישט־געראַטעוועטער". אויב מיר זענען גוטע פריינט, האָט ער אויף מיר רחמנות; אָבער אויב מיר זענען טאַקע אמתע ידידים, האָב איך אויף אים אויך רחמנות, הלמאַי ער גלייבט, מילד גערעדט, אין אַזאַ משונה־דיקן גאָט. דאַרף איך זיין „טאָלעראַנט" צו זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען? איז עס נישט מיין פליכט אים צו עפענען די אויגן אויף די לעפּישע דאָגמעס, וואָס מ׳האָט אין אים אַריינגערעדט? האָט מען נישט געטאָרט קריטיקירן — גייסטיק, אינטעלעקטועל — די מאָרמאָנען פאַר זייער פיל־ווייבעריי אַלס אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע? און אויב אַ רעווערענד אַ פּראַ־אדם פּרעדיקט אַ טעאָריע, אַז די ערד איז פלאַטשיק ווי אַ טעלער, און ווער עס זאָגט אַז זי איז קיילעכיק איז אַ כופר־בעיקר, בין איך מחויב אַ גאַנץ לעבן זיך איינצו־האַלטן און קיינמאָל נישט זאָגן זיינע חסידים, אַז זייער רבי איז אַ שוטה־בן־פּיקהאַלץ? אָט געדענק איך אין רוסלאַנד אַ קליינינקע סעקטע (די בעזסמערט־ניקעס), וועלכע האָט זיך איינגערעדט אַז דער מענטש איז לויט זיין נאַטור פ י ז י ש א ו מ ש ט ע ר ב ל ע ך, און שטאַרבן שטאַרבט מען נאָר דער־פאַר וואָס מען גלייבט נישט אין ה ש א ר ו ת ה ג ו ף, און אַלס באַוויז פלעגן זיי, דערמאָן איך זיך, דעמאָנסטרירן זייער פירער, וועלכער איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי יוחנן דער טויפער, וואָס איז געבוירן גע־וואָרן אין עין־כרם פאַר ישו הנוצרי און וואָס אין משך פון קרוב צוויי טויזנט יאָר קען דער מלאך־המות קיין שליטה אויף אים נישט קריגן — בין איך מחויב אויך אַזאַ גלויבן צו „טאָלערירן"? און אָט געדענק איך אַן אַנדער רו־סישע סעקטע, די „סקאָפּצי", די קאַסטראַטן פון זיין ליבן נאָמענס וועגן, מיט זייער פאַנאַטישער אמונה, אַז גאָט אייגציקער ווילן איז אַז אַלע זכרים זאָלן

זיך אַנטזכרן און מאַכן אַ סוף פֿון דער זינדיקער וועלט — האָט מען אויך אַזאַ סעקטע געדאַרפֿט „טאָלערירן”, נישט אָנרירן איר כבוד, נישט אַרויסברענגען די אַבנאָרמאַליטעט פֿון אירע נאָכפֿאָלגער? און טאָר מען טאַקע נישט קריטיקירן אַ רעליגיע וואָס האָט, ווי אין אינדיע, פֿאַראורטיילט צענדליקער מיליאָנען מענטשן אויף אַ סטאַטוס פֿון „אומבאַרירבאַרע”, וואָס גיט אַן אלמנה אַן עצה־טובה אַז זי זאָל זיך לאָזן פֿאַרברענען, כּדי נאָכצופֿאָלגן איר מאַן, איר האַר און באַשיצער, אויף יענער וועלט?

שוין עטלעכע דורות ווי דאָס „ליבעראַלע” ייִדנטום טראָגט זיך אַרום איבער דער וועלט מיט לעסינגס מעשה, וועגן וועלכער מען וואָלט געקענט זאָגן אַז זי האָט שוין אַ לאַנגע באָרד, ווען מיר וואָלטן נישט געוווּסט אַז די האָר פֿון דער באָרד זענען שוין לאַנג אויסגעקראָכן. דער גרויסער דייטשער הומאַניסט האָט גראָד אויפֿן געביט פֿון טעאָלאָגישן דענקען אַרויסגעוויזן נישט ווייניק פֿלאַכקייט. ווער עס וויל נעמען ערנסט זיין משל מיט די דריי רינגען (אין זיין פּיעסע „נתן דער חכם”) דאַרף פֿון אים מאַכן איין פּועל־יוצא: אַלע דריי רעליגיעס זענען גלייך אמת און גלייך אינספּירירט, און דערפֿאַר דאַרף מיך נישט אַרן, אויב עמיצער בייט איין רינג אויף אַן אַנדערן, אויב ער גייט איבער פֿון ייִדנטום צו קריסטנטום אָדער פֿון קריסטנטום צו ייִדנטום; און דערפֿאַר דאַרף קיינער אַפֿילו קיין קרעכץ נישט טאָן, אויב אַלע ייִדן און אַלע קריסטן זאָלן אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן ווערן מאַכמעדאַנער. אויב מען זאָל טאַקע באמת מאַכן פֿון לעסינגס דריי־רינגען־געשיכטע דעם לאָגישן פּועל־יוצא, דאַרף מען דערגיין צו אַזאַ משונהדיקער מדרגה פֿון „טאָלעראַנץ”, אַז אויב מאָרגן זאָלן אַלע ייִדן זיך אויסשמדן, דאַרף מען קיין קריעה נישט רייסן און קיין שבעה נישט זיצן: וואָס האָט דען דאָ אַזוינס פּאַסירט? מענטשן האָבן איבערגעביטן זייער עכטן רינג אויף אַן אַנדערן, נישט ווייניקער עכטן. האָבן זיי, אין ערגסטן פֿאַל, געבראָכן אַ געוווינהייט — צי לוינט דען צוליב דעם מרעיש עולמות זיין? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס יעדנפֿאַלס מיט טאָלעראַנץ? אויב דו ווייסט, אַז יענעמס אמונה אָדער איבערצייגונג איז פּונקט אַזוי אמת, ווי דיין אייגענע — דאַרף מען דאָך צו טאָלעראַנץ גאָרנישט אָנקומען.

אמתע טאָלעראַנץ — נישט יענע, פֿון וועלכער עס רעדן אין אַמעריקע אונדזערע „גוד־וויל”־רבנים און „גוד־וויל”־גבירים — איז דער היפּוך פֿון איגנאָרירן מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן אָדער גלויבנס־פֿאַרשיידנהייטן, דער היפּוך פֿון זיין גלייכגילטיק צו יענעמס איבערצייגונגען אָדער אמונות. טאָלעראַנץ איז אין גרונט נישט מער ווי אַ מעטאָדע פֿון באַהאַנדלען אַנדערש גלויביקע, אָבער נישט די גלויבנס גופֿא. דאָס, אין וואָס

איך גלייב, איז דאָס איינציק־ריכטיקע, און איך באַטראַכט עס אַלס מיין חוב דיר, דעם פאַרבלאָנדזשעטן און אָפּגענאַרטן, עפענען די אויגן און דיך באַקערן צו מיין גלויבן. אָבער אַזוי לאַנג ווי מיר איז נישט געלונגען דיך צו איבערצייגן אָדער אויפוועקן אין דיר דיינע פעיִקייטן צו זען העל און ריכטיק, איז עס מיין פליכט דיך און דיינע אומות צו טאָלערירן — באַטראַכטן דיך אַלס *מאָראַליש* נישט נידעריקער פון מיר, אַלס אַ מענטשן וואָס האָט ליב דעם אמת, נאָר אויפן וועג צום אמת איז ער פון עמיצן אָדער פון עפּעס, קעגן זיין ווילן, פאַרפירט געוואָרן; דיך נישט צו באַשטראָפן פאַר זיין צייטווייליק בלינד צום עכטן אמת; דיך נישט אַוועקשטעלן סאָציאַל, פּאָליטיש אָדער עקאָנאָמיש אויף אַ נידעריקערער מדרגה ווי די, אויף וועלכער איך געפין זיך. אָבער אַזאַ טאָלעראַנץ שליסט נישט אויס מיין רעכט און מיין פליכט צו „אַטאַקירן" די פאַלשע אָנשויונגען אָדער אמונות פון מיין מיטמענטשן; שליסט נישט אויס אויך מיין האָפענונג, אַז היות *מיין* גלויבן איז דער ריכטיקער, וועט מיין אַנדערש גלויביקער מיטמענטש פריִער אָדער שפּעטער „דערזען ליכט" און זיך מגייר זיין אויף מיין אמונה. עכטע טאָלעראַנץ שליסט נישט אויס קיין מיסיאָנערישקייט; פאַרקערט, אין אַ געוויסן זינען *פאָדערט* זי גאָר מיסיאָנערישקייט. טאָלערירן הייסט טיף רעספּעקטירן דעם מיטמענטשן, גלייבן אַז *אין זיין שורש*, אין זיין דורשט נאָך אמת און אין זיין נאַטירלעכער פעיִקייט תופס צו זיין דעם אמת און אים פאַרווירקלעכן אין לעבן, איז ער מער אָדער ווייניקער „מיין גלייכן". זיין צייטווייליקע פאַרבלענדעניש (יעדע פאַרבלענדעניש דאַרף, באַזונדערס פון אַ רעליגיעזן מענטשן, באַטראַכט ווערן אַלס אַ צייטווייליקע) בין איך דערפאַר מחויב צו טאָלערירן, אָבער מיט דעם אינהאַלט פון זיינע פאַלשע אידייען, אויפפאַסונגען און אמונות טאָר איך בשום אופן נישט שלום מאַכן — עס איז מיין פליכט, מיט גייסטיקע מיטלען, זיי עוקר מן השורש צו זיין. אין דעם זינען איז יעדער עכטער רעליגיעזער גלויבן (ווי אויך יעדער טיף־דורכגעלעבטער פּאָליטישער גלויבן), לויט זיין נאַטור, אַגרעסיוו, מיליטאַנטיש, *מיסיאָנעריש*.

1938

ניטשע אין קאַמף קעגן יידנטום

"Ich will alle Antisemiten erschiessen lassen (Nietzsche, Brief an Overbeck).

I

אַדאַנק אַ שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ציטונג, זענען צו אונדז דערגאַנגען די דרייסיק פונקטן, וואָס דער נאַצי־„פילאָזאָף" אַלפרעד ראָזענבערג האָט אויסגעאַרבעט פאַרן „רעליגיעזן אויפשוואונג פונעם דייטשן פאָלק". דער יסוד פון דער היטלעריסטישער רעליגיע, ווי מען קען זען פון יענעם דאָקומענט, איז ראַדיקאַלער אַנטיסעמיטיזם, פאַראַכטונג צום קריסטנ־טום, גלויבן אין דער פּראָווידענציעלער מיסיע פונעם דייטשן פאָלק, פאַרהער־לעכונג פון דער שווערד אַלס דעם סימבאָל פון פאָלקס־ערע, און קאַמף פאַרן „נאַטירלעכן רעכט" פונעם גערמאַנענטום צו הערשן איבער דער וועלט. דעם פלאַץ פונעם „דערלייזער" וועט, אַנשטאָט ישו־הנוצרי, ווי דער זעלביקער ראָזענבערג באַטאָנט אינעם פאַרוואָרט צו זיין רעליגיעזער פּלאַטפאָרם, פאַר־נעמען היטלער, וועמענס אַנקומען און באַפרייענדיקע טאַט עס זאָל האָבן פאַר־אויסגעזאָגט נאָך צוריק מיט זעכציק יאָר פרידריך ניטשע. ניטשע ווערט אויך אין ראָזענבערגס לעצטן דאָקומענט פאַרגעשטעלט, ווי דער מפנה־דרך פאַרן טעווטאָנישן משיח, ווי אַ מין יוחנן המטביל אין דער הייליקער דראַמע פון נאַציזם. היטלערס הויף־פילאָזאָף איז אין דעם פאַל נישט קיין אויסנאַם. פאַר־בעם סאַמע אָנהייב אָן האָבן נאַצישע „אינטעלעקטואַלן" דערקלערט ניטשען פאַרן נביא פונעם דריטן רייך.

איז אַז מען וויל, קען מען פרעגן: וועמען אַרט עס? דער פאַקט, וואָס היטלעריסטן האָבן „עקספּראָפּריאירט" ניטשען, ווילן מאַכן פון אים אַן אי־קאָנע פאַר נאַצישער עבודה־זרה, איז נישט זייער גרעסטער פאַרברעכן. באַ־מערקט מען אָבער פון צייט צו צייט, אַז דער נאַצישער בילבול קלעפּט זיך צו אויך צו נישט־זייער־גלייכן. די לעצטע פאַר יאָר שטויסט מען זיך אָן אויך אין ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע שריפטן אויף דער זעלביקער פאַלשער אויסטייטשונג פון ניטשעס אידעאַלן און ניטשעס פּערזענלעכקייט. אַנדערע גיבן נאָך דעם פילאָזאָף צו אַ שותף. וואַגנער, זאָגן זיי, האָט צוגעגרייט דעם

באַדן פאַרן היטלעריזם אין דער קונסט, ניטשע — אין דער פילאָזאָפיע און דיכטונג.

אָבער האָט טאַקע ניטשע וועלכע נישט איז שייכות צו יענעם זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם, וואָס בושעוועט איצט איבער אייראָפּע? נאַטירלעך, עס איז אַ ריין „אַקאַדעמישע" פראַגע, נישט מער ווי אַ פראַגע פון היסטאָרישן אמת, און זאָל מען היינט יענעם אמת פעסטשטעלן מיט דער מאַקסימאַלסטער קלאָרקייט, וועט זיך אין דערווירקלעכקייט גאָרנישט ענדערן. מען טאָר אָבער נישט זיין גלייכגילטיק צו דעם פאַקט, וואָס אין דער פּראָגרעסיווער וועלט און צווישן אמת־זוכנדיקע מענטשן בירגערט זיך ביסלעכווייז איין אַ היסטאָרישער ליגן. ניטשע איז היינט אַ פאַרגעסענער פילאָזאָף (זיין ליטעראַרישער תחית־המתים וועט אפשר קומען מיט דער צייט), מען לייענט אים איצט ווייניק, מען שטודירט אים איצט נאָך ווייניקער, און אין זיין „נאַכלאַס", גראָד אין זיינע נישט־געאָרדנטע באַמערקונגען, אין וועלכע דער רייפער ניטשע האָט געשמועסט מיט זיך אַליין פאַר זיין פאַטאַלן קראַנק ווערן, פוילן זיך אַמאָל אַריינצוקוקן אַפילו פאַרשער. איז עס דערפאַר דער חוב פון יעדן איינעם, פאַר וועמען ניטשעס נאָמען מיינט עפּעס אין דער גייסטיקער ביאָגראַפיע פון דער מאָדערנער אייראָפּע, צו העלפן מיט וואָס ער קען, כדי צו באַזייטיקן — אַ חילול־השם.

ווייל אויב נאַציזם איז דייטשער פּאַטריאָטיזם, איז ניטשע, דער זעלבסטשטענדיקער ניטשע, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון דעם וואַגנערישן מוזיק־כישוף און פון זיין פערזענלעכער פריינטשאַפט מיט וואַגנערן — קיינמאָל קיין פּאַטריאָט נישט געווען. פליכט־געפיל האָט אים אין זיין יוגנט געבראַכט אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה מיט וואָס ער האָט געקענט, אָבער דער דייטשער זיג איז פאַר אים געווען די גרעסטע אַנטוישונג. ער איז נישט געווען קיין דעפעטיסט; ער האָט, נאַטירלעך, נישט געגאַרט נאָך אַ מפּלה פון זיין פאָטערלאַנד; ער האָט אָבער נישט געקענט אַריבערטראָגן די זאַטקייט און זעלבסטצופרידנקייט פון די זיגער, פונעם רוב מנין פונעם דייטשן פאָלק, די פאַרליבטקייט אין זיך אַליין, וואָס מען האָט געקענט איבערלייענען אויפן פנים פון יעדער דייטשער באַלעבאָסטע, ווען זי האָט געבאַקן איר זונטיק־קוכן. ער איז אַנטלאָפן פון ביירעיט, פון די מוזיקאַלישע וואַגנער־פייערונגען, ווייל אויך דאָרט, און אפשר ע ר ש ט דאָרט, האָט ער דערפילט דעם אָפּשטויסנדיקן גערוך פון ווייררויך, וואָס דייטשן האָבן געריכערט צו זיך אַליין. אומעטום, ווו ער איז געגאַנגען, האָט ער געהערט אַרום זיך דאָס יובלען פון עולה־לגדולה זיין. דייטשלאַנד איז געוואָרן אויף אַן אמתן אַ „רייך", אַן אימפּעריע. קיין ענטור־

זיאַזם האָט עס אָבער ביי אים נישט אַרויסגערופן: וואָס קומט אַרויס פון דער „אימפּעריע", אַז דער דייטשער מענטש אַליין זעט אויס אַזוי „נישט־אימפּע־ריאַל"? ער האָט געזען אין דעם דייטש דעם זעלביקן קנעכט, וואָס ער האָט געקענט פון פריִער, אַביסל אַנדערש געשלייערט. דער דייטשער מענטש, האָט ער שפּעטער באַהויפּט, איז איצט, נ אָ ך ד ע ם ז י ג, מער קנעכט און מער פּחדן, ווי ער איז געווען פאַר דעם זיג:

„די קלײנקייט און די דלותדיקע געבונדנקייט פון דער דייטשער נשמה איז גאָרנישט געווען קיין פּועל־יוצא פונעם פאַקט, וואָס דייטשן האָבן גע־לעבט אין קליינע מלוכהלעך. ווייסן מיר דאָך פון שטאָלצע און זעלבסטהער־לעכע מענטשן אין קליינע שטאָטן. אַן אימפּעריע איז נישט ביכולת צו מאַכן די נשמה פרייער און מענלעכער. ווער עס טראָגט אין זיין נשמה דעם שקלאַ־פישן באַפעל „דו זאָלסט און מוזט קניִען", און זיין קאָפּ בייגט זיך אויטאָמאַ־טיש פאַר ערן־טיטלען, פאַר אָרדנס און מעדאַלן, און פאַר אַ „גנעדיקן" קוק פון אויבן אַראָפּ, דער וועט אין אַן „אימפּעריע" זיך נאָך טיפער בוקן, דער וועט פאַר אַ גרויסן הערשער פונעם פאָטערלאַנד אָפּלעקן דעם שטויב פונעם באָדן נאָך מיט מער כוונה ווי ער האָט עס פריִער געטאָן פאַר דעם קליינעם הערשער" *.

אַ פּאַראַלעל צו ניטשען, אין דעם פּרט, קען מען געפינען אין דער גרי־כישער ליטעראַטור־געשיכטע. אין דער קלאַסישער גריכנלאַנד האָט זיך געפו־נען אַ קינסטלער, דער געקרוינטער נאַציאָנאַלער קינסטלער פון זיין דור, ווע־מען עס האָט געעקלט פונעם נאַציאָנאַליסטישן יובל־געפיל, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט זיין פאָלק נאָך דער זיגרייכער מלחמה קעגן די פּערסער. עסכילאָס האָט וואַרשיינלעך אויף ז יי ן אופן געזען די טעמפּע זעלבסט־פאַרגעטע־רונג, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין פּאַטריאָטישן פאָלק, און אַנשטאָט זיך צו פרייען מיט די זיגער, האָט ער גאָר אין זיין טראַגעדיע „די פּערסן" גע־טרויערט מיט די באַזיגטע. ניטשע האָט, אמת, נישט געפּראָוועט קיין אבלות נאָך דער פראַנצויזישער מפּלה — אַזוי אַלטרויִסטיש־סענטימענטאַל איז ער קיינמאָל נישט געווען — אָבער דער דייטשער זיג גופא איז אין זיינע אויגן געווען אַ נידערלאַגע, אַ ירידה פון דייטשן גייסט, אַן אַראָפּזינקען אין דער טומאה פון ענג־נאַציאָנאַליזם.

ווייניקער פון וועלכן נישט איז אַנדערן קינסטלער אָדער פילאָזאָף אין דייטשלאַנד איז ניטשע געווען געניגט אַנצונעמען די אויפפאַסונג פון דיי־טשער סופּעריאָריטעט. ביי זיך איז ער געווען זיכער, אַז ווען מען וואָלט אים

* Zu "Voelker und Vaterlaender," Aus dem Nachlass.

פאַר דער געבורט געפּרעגט, אין וועלכן לאַנד און אין וועלכן היסטאָרישן פּע־ריאָד ער וויל קומען אויף דער וועלט, וואָלט ער אַנגעוויזן אויף דער אַמאָלי־קער קלאַסישער גריכנלאַנד. ווייל יענע קולטור־אידעאַלן, וועלכע ניטשע האָט געוואָלט אַריינברענגען אין דייטשלאַנד און אין אייראָפּע בכלל, זענען, לויט זיין אויפפאַסונג, געווען גריכישע, „העלעניש" אידעאַלן: די אידעאַלן פון טראַגישע העלדן, פון פּעסימיסטן, וואָס זענען גובר אין זיך די קאָסמישע מרה־שחורה דורך די גרויסע אמתן פון עסטעטישע „ליגנס" — די פרייע אויטאָ־נאָמע פערזענלעכקייט. און דאָס, וואָס ער האָט אַנגערופן מיטן נאָמען „דאָס גריכישע", האָט ער אין דייטשלאַנד, ג ר אָ ד א י ן ד י י ט ש ל אַ נ ד, נישט געפונען: צו באַלעבאַטיש פאַרקנעפּלט, צו נישט אָרגיאַסטיש איז פאַר אים געווען דער דייטשער נוסח, אַז ער זאָל קענען מיט אים שלום מאַכן. נאָך מער: ווען ער האָט געזוכט אין אייראָפּע די יורשים פון דער אַמאָליקער גרי־כישער קולטור, פון דער איינציקער, ווי ער האָט געגלייבט, אמת־הומאַניס־טישער קולטור, וואָס די מענטשהייט האָט ביז אַהער אַרויסגעבראַכט, האָט ער זיי געפונען אין אַנדערע לענדער און גראָד נישט אין די נאָרדישע. אויב עס איז נאָך פאַרבליבן אין אייראָפּע עפּעס פונעם אַמאָליקן פרייהייטלעכן גריכן־גייסט, פון דער פעיִקייט צו פערזענלעכער אויטאָנאָמיע, פון דעם טאַ־לאַנט אַרויסצוברענגען אייגענעם, אינדיווידועלן, נישט קיין „טשערעדע"־סטיל, דאַרף מען עס, ווי ער האָט געגלייבט, זוכן נישט ביי די גערמאַנען, נאָר אין די דרום־לענדער, ביי די לאַטיינישע פעלקער, נעענטער צום מיטללענדישן ים. געקרעכט אָדער אומגערעכט, צי ער האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די „אייביקע ווערטן" פון דער גריכישער קולטור, אָדער ער האָט אין איר אַריינגעטייטשט, ווי אַ סך קריטיקער באַהויפּטן, זיינע אייגענע טרוימען און פיבערהאַפטיקע וויזיעס, אָבער אין דער אַטמאָספערע פון אַן אתה־בחרתנו־דייטשלאַנד האָט ער זיך געפילט ווי אין דער פרעמד — ביי זיך אין דער היים אין אַ גייסטיקן „גלות". נאָר אַן עקסטרעמע פאַרביטערונג קעגן דעם דייטשן ענג־נאַציאָנאַליזם האָט אים געקענט ברענגען צו עקסצעסן פון געדאַנק און וואָרט, צו אַ באַ־הויפּטונג, למשל, אַז „דער דייטש מוז זיין מ ע ר פון אַ דייטש, כדי צו זיין ניצלעך פאַר אַנדערע פעלקער, כדי, לכל־הפחות, מ'זאָל אים קענען דולדן". אַראָפּגערעכנט סאָציאַליסטן, איז ניטשע געווען אין די זיבעציקער יאָרן אפשר דער א יי נ צ י ק ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט א י ן ד יי ט ש ל אַ נ ד. ער האָט שוין דעמאָלט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע פּלאַ־פּלערייען, וואָס האָבן צו טאָן מיט ראַסן־האָס, און מיט אַ באַזונדערער הנאה פלעגט ער זיך רייצן מיט דייטשע ראַסן־פּעטישיסטן, וועלנדיק באַווייזן, אַז ביסמאַרק זעט אויס ווי אַ סלאַוו, נישט ווי אַ גערמאַן; אַז נאָר רוסלאַנד וועט

אפשר מיט דער צייט אַרויספירן אייראָפּע פונעם גייסטיקן זומפּ, אין וועלכן זי איז געבליבן שטעקן; אַז ער אַליין שטאַמט גאָר פון פּאָליאַקן און איז זייער שטאָלץ מיט זיין יחוס, און אַז אין די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער האָט אייראָפּע אַרויסגעבראַכט בלויז איין מאַן פון אַ גרויסן פאָרנעם, איז ער געווען האַלב־איטאַליענער און האַלב־פראַנצויז — נאַפּאָלעאָן. מען מוז נישט נעמען ערנסט אַלע יוצא־דופן־באַהויפּטונגען, וואָס ניטשע פלעגט אַזוי אָפט מאַכן ווי אויף צו להכעיס. איך בין נישט זיכער, אַז ער האָט טאַקע באמת געגלייבט, אַז „אַלץ, וואָס עס האָט אין דייטשלאַנד פאַרמאָגט מענלעך, איבערשטראָמענדיק בלוט, איז אַוועק קיין אויסלאַנד, און פון אויסלאַנד קומט צוריק אַן אויסגעבעסערטער טיפּ, אָפּטמאָל אַדאַנק דעם בייגעמיש פון סלאַוויש בלוט". אָבער נאַפּאָלעאָנס פערזענלעכקייט איז פאַר אים געווען אַן עכטע און טיפע איבערלעבעניש, און נישט ווייל יענער איז געווען אַ באַגאַבטער סאָלדאַט און אַ „הערשער־נאַטור", נאָר ווייל ער האָט אין אים געזען דעם מפנה־דרך פאַר דעם אַל־אייראָפּעיִשן „נאַציאָנאַליזם", דעם נביא פון — פּאַן־אייראָפּע.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז — אין דייטשלאַנד, יעדנפאַלס — דער באַגריף פון פּאַן־אייראָפּע אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך ניטשען. גראָד דייטשלאַנדס זיג האָט אין אים אַרויסגערופן דעם געפיל, אַז מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו די קליינלעכע, לאָקאַלע פּאַטריאָטיזמען. דער אינדיווידואום קען זיך נישט אויסשיילן אין זיין פולן אויטאָנאָמען וווקס מחמת די פּראָווינציעלע טשערעדע־קולטורן פון די איינצלנע שטאַטן. אייראָפּע, האָט ער געגלייבט, מוז ווערן אַן איינהייט, פריִער אַ פּאָליטישע און מיט דער צייט אַ קולטורעלע, כדי „דאָס גריכישע" זאָל אין איר קריגן אַ תיקון, כדי דער יחיד זאָל זיך קענען אָנהייבן אַנטוויקלען אַלס יחיד, לויט זיינע אייגענע, אינעווייניקסטע געזעצן און נישט לויט דער קאָמאַנדע פון אַ גרויען, לאַנגווייליקן „כלל". דייטשן, די גערמאַנישע פעלקער בכלל, האָבן אויפגעלעבט איין וויכטיקע מידה־טובה פונעם קלאַסישן גריכנטום: פרייהייט פון רעליגיעזן געוויסן. אַפילו אין די סאַמע סאַרקאַסטישע מאָמענטן פון זיין „אַנטי־דייטשטום" האָט ניטשע ערנסט אָפּגעשאַצט די דייטשע רעליגיעזע רעפאָרמאַציע, וועלכע האָט יענע פרייהייט כלומרשט פּראָקלאַמירט. אין דעם זין זענען די לאַטייניש פעלקער, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט אייגנאַרטיקע סימפּאַטיעס (ווייל זיי זענען נענטער צום „גריכנטום"), נידעריקער פון די דייטשן. דער דייטש האָט אָבער נאָך אַלץ קיין חוש נישט פאַר „אַלגעמיינע פרייהייט פון גייסט און פון געשמאַק", און גראָד די לאַטייניש פעלקער, כאָטש אַזוי געבונדן פון קאַטוילישן גייסטיקן צוואַנג, האָבן געלאָזט מער פלאַץ, אויב נישט

פאַר דעם אינדיווידועלן דענקען, איז פאַר אינדיווידועלן נוסח און סטיל. וואָס אייראָפּע מוז איצט האָבן, איז, דערפאַר, אַ סינטעזע פון לאַטייניַשער גע־שמאַקס־פרייהייט, פון גערמאַנישער געוויסנס־פרייהייט און פון די „באַרבאַ־רישע" אָרגיאַזמען פון די סלאַווישע פעלקער. ערשט אַזאַ סינטעז־אייראָפּע קען ווערן דער פלאַץ פון אַ באַנייטער, עכטער קולטור, פאַר פרייהייטלעכער אַנטוויקלונג פון דער איינצלנער פערזענלעכקייט. אַזאַ אייראָפּע — האָט ער געגלייבט — מ ו ז אַנטשטיין. די אייראָפּעיִשע פעלקער מוזן זיך באַפרייען פון זייערע קליינשטעטלדיקייטן, אויב מיר ווילן באַזייטיקן די סכנה פון קליי־נע נאַציאָנאַלע טשערעדעס, וואָס זענען גרייט מלחמה צו האַלטן איינע מיט דער אַנדערער, כדי נאָכן זיג אַריינצופאַלן אין טעמפּער זעלבסטצופרידנקייט: „די קליין־שטאַטן פון אייראָפּע, און ווען איך זאָג קליין־שטאַטן, מיין איך אויך א י מ פ ע ר י ע ס, מוזן אין אַ קורצער צייט דערזען די אוממעגלעכ־קייט אַפילו פון זייער ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ אַלס באַזונדערע אָרגאַ־ניזמען", און וואָס פריִער זיי וועלן זיך צוזאַמענמישן אין איין פּאָליטישן אָר־גאַניזם, אַלץ מער האָפענונג וועט זיין פאַרן שיקזאַל פונעם אייראָפּעיִשן קאָנ־טינענט, פון דער וועלט בכלל. נאַפּאָלעאָן אַלס טרעגער פון אַן אינטערנאַ־ציאָנאַליזירנדיקער קראַפט איז פאַר אים געווען דער אַנזאָג פון דער נייער אייראָפּע, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט. עס איז דאָ נישט וויכטיק, צי נאַפּאָלעאָן האָט באַוווסטזיניק, אינטעלעקטועל פאַרמאָגט די דאָזיקע אידייע, ווי ניטשע האָט זי אויסגעדריקט; וויכטיק איז, וואָס אין נאַפּאָלעאָנען האָט ער געזען דעם סימפּטאָם, די „בלינדע אינסטינקטיווע טענדענץ" צו אַ מין אייראָפּעיִשן „קאָסמאָפּאָליטישן נאַציאָנאַליזם".

אַז דייטשן זענען אַ באַזונדערע, ריינע, נאָך דערצו אַ סופּעריאָרע ראַסע, און אַז זיי זענען באַרופן צו דערפילן אַ וועלט־היסטאָרישע מיסיע — וועגן דעם געפינען מיר ביי ניטשען אַפילו קיין זכר נישט, טראָצדעם וואָס זיינע ווערק זענען אַזוי פול מיט סתירות. עס איז אויך לחלוטין נישטאָ קיין גרונט צו מיינען, אַז ניטשע האָט די נאַציס געגעבן אידעאָלאָגישן שטאָף פאַר זייער אַנטיסעמיטיזם. קיין ראַסן־מחיצה צווישן זיך און ייִדן האָט ער קיינמאָל נישט געפילט: „איך האָב אַ כלל", פלעגט ער אָפט זאָגן, „קיינמאָל נישט האָבן צו טאָן מיט מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ר אַ ס ן ־ ש ווי נ ד ל". אמת, אין זיינע ייִנגערע יאָרן, בשעת ער איז נאָך געווען באַצויבערט פון וואַג־נערס פערזענלעכקייט און פאַרשיכורט פון זיין מוזיק, האָט ער זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון זיין עלטערן פריינטס פּאַטאָלאָגישער באַציִונג צו ייִדן. פריינטשאַפט מיט וואַגנערן האָט אַרויפגעלייגט באַשטימטע פליכטן, און צווישן זיי איז אויך געווען די פליכט זיך צו „דיסטאַנצירן" פון ייִדן. ניטשעס

בריוו פון באַזעל קיין טריבשען, ווו וואַגנער האָט אַ צאָל יאָרן זיך אויפגע־האַלטן, זענען בכיוון אַנטיסעמיטיש געפּאַרבט. כדי, ווי זיין שוועסטער, עלי־זאַבעט פערסטער־ניטשע, איז זיך מודה פאַר אים, צו פאַרשאַפן זיין פריינט אַביסל נחת־רוח. אין יענעם פעריאָד איז דער יונגער ניטשע געווען שקלאַפיש פאַרליבט אין דעם דייטשן קאָמפּאָזיטאָר, און כדי נישט אַראָפּצופאַלן ביי אים אין די אויגן, האָט ער אַפילו — קעגן זיין בעסערן פאַרשטאַנד און אייגענעם ווילן — צוריקגעוויזן די איינלאַדונג פונעם פרייבורגער פּראָפעסאָר מענדעל־סאָן, אַ געלערנטער פון ייִדישן אָפּשטאַם, פון משה מענדעלסאָנס גזע, מיטצו־מאַכן מיט אים אַ שטודיר־רייזע קיין גריכנלאַנד, וועלכע האָט אים, נאָטיר־לעך, זייער אינטערעסירט. גאָר אַן אַנדער באַציִונג צו ייִדן אינעם אוממיטל־באַרן פאַרקער זעען מיר אָבער ניטשען נאָך זיין רעוואָלט קעגן וואַגנערן, נאָך דעם וואָס ער האָט זיך באַפרייט פון יענעמס „כישוף־גיפט״. וואַגנערס ייִדנ־האָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָבן צו יענעם רע־וואָלט געבראַכט. אין שפּעטערע יאָרן האָט ניטשע נישט איינמאָל באַמערקט, אַז וואַגנער איז פאַר אים אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, אַז ער קען נישט תופס זיין ווי אַזוי דער הימלישער יובעל אין זיין מייסטערזינגער־אוווערטיורע און דער טיפער מיטלייד מיט מענטשן, וואָס מען פילט אין דעם גלאָקן־שפּיל פון זיין פאַרסיוואַל, קענען זיך פאַרן מיט פאַראַכטונג און גיהנום־שנאה צו גאַנצע גרופּן געמאַטערטע מענטשן. יעדנפאַלס, נאָך זיין „עמאַנסיפּאַציע״ פון וואַג־נערן, הערט ניטשע אויף זיך צו „דיסטאַנצירן״ פון ייִדן. דאָס ווערט, אגב, זייער רייך אילוסטרירט אין אַן אינטערעסאַנטער שריפט, וואָס אַ דייטשער ניטשע־פאַרשער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אין שוועדן *.

אין בריוו צו געאָרג בראַנדעס, צום „אינטערנאַציאָנאַלן ייִדן״, מיט וועמען עס האָט אים יאָרן נאָכאַנאַנד פאַרבונדן אויפריכטיקע פריינטשאַפט, וויזט ער אָן אויפן קולטור־שאַנטאַזש, וואָס אַנטיסעמיטן טרייבן אין דייטש־לאַנד: „דער אומגליק פון דער דייטשער געשיכטס־שרייבונג און טעאָלאָגיע איז פאַן־טרייטשקעס אַנטיסעמיטיזם״. ווען זיין שוואָגער, פאַן פערסטער, לאָזט זיך אַוועק אויף אַ לענגערער צייט קיין אַרגענטינע צוליב עפּעס אַן אי־דיאָטישער אַוואַנטורע, דערקלערט ניטשע מיט שמחה צו זיינע נאָענטע: „ס׳איז געוואָרן ריינער אין הויז, מען פילט מער נישט דעם גערוך פון זיין ווולגאַרן אַנטיסעמיטיזם״. און פרעגט מען אים אַ מיינונג וועגן דייטשער פּאָעזיע, דער־קלערט ער מיט דער עקסטרעמער דרייסטקייט, וואָס איז פאַר אים כאַראַקטע־ריסטיש, אַז דייטשלאַנד האָט ביז אַהער אַרויסגעבראַכט בלויז צוויי גרויסע

* Richard Maxmilian Lonsbach: Friedrich Nietzche und die Juden, Berman-Fischer Verlag Stockholm.

דיכטער: געטע און היינע. ער געדענקט היינען אויף אויסנווייניק, ציטירט אים אָפט אין שמועסן מיט פריינט און האָט אַ באַזונדערע הנאה פון די „פריוואַ־ליטעטן״, וואָס היינע דערלויבט זיך אויפן חשבון פונעם דייטשן פיליסטער, באַאַמטן, אָפיצער, אָדער „צאָפּ־געלערנטן״.

אין זיין דערמאָנטער שריפט וועגן לאַנסבאַך אָן אויף ניטשעס צווייבריוו צו דעם פאַרלעגער פריש, וואָס איז אין זיין צייט געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, אין וועל־כע ער פאָדערט, מען זאָל אים אויפהערן צו שיקן די העפטן פון דער „אַנטי־סעמיטישער קאָרעספּאָנדענץ״. און ווייזן אים פריינט אָן אויף שלעכטע מידות, מיט וועלכע יידן צייכענען זיך אויס, לויט זייער מיינונג, זוכט ער נישט צו לייקענען די פאַקטן גופא. ער שטעלט זיי נאָר אַוועק אין אַן אַנדער ליכט:

„נישט־אָנגענעמע, אָפילו געפערלעכע אייגנשאַפטן האָט יעדעס פאָלק און יעדער מענטש. עס איז אַן אכזריות צו פאַרלאַנגען, אַז בלויז דער ייד זאָל זיין אַן אויסנאַם... אַחוץ דעם וואָלט איך וועלן וויסן, וויפל חסרונות דאַרף מען אין אַלגעמיינעם סך־הכל מוחל זיין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ פאָלק, וואָס, נישט אָן דער שולד פון אונדז אַלעמען, האָט צווישן אַלע פעלקער, דורכ־געמאַכט די אַממערסטן ליידנספולע געשיכטע, און וואָס מיר דאַרפן אים זיין דאַנקבאַר פאַר דעם איידלסטן מענטשן (קריסטוס), פאַר דעם ריינסטן חכם (שפינאָזאַ), פאַר דעם מעכטיקסטן בוך און פאַר דעםווירקונגספולסטן זיטנ־געזעץ אין דער וועלט״.

ווייל ער האָט וועגן יידן נישט קיין בייזע מחשבות, דערלויבט זיך ניטשע פון צייט צו צייט אָפט אָנצווייזן אויף געוויסע מאָנירלאָזיקייטן, מיט וועלכע זיי זענען באַלאַסטעט, און אויף זייער יצר־הרע פאַרן „לייכטן ריוחל״. ער האַלט אָבער פאַר נייטיק אין דער זעלביקער צייט צו באַטאָנען, אַז צו זייערע אייגנשאַפטן געהערן „טאַקטקראַפט, העכערע אינטעליגענץ, גייסט־און־ווילן־קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן, פון דור צו דור, אָנגעזאַמלט אין זייער לאַנגער ליידנסשול״, און אַז גראַד די דאָזיקע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן רופן אַרויס ביי שאַרלאַטאַנען און לאַ־יוצלחס קנאה און שנאה און אַ נידערטרעכטיק שטרעבן צו פאַרוואַנדלען יידן אין אַ כפרה־הינדל פאַר אַלע אומגליקן.

לאַנסבאַך דערמאָנט אָן אַ ריי פּערזענלעכע פריינטשאַפטן מיט יידן, וואָס ניטשע האָט געשלאָסן אין די יאָרן פון זיינע וואַנדערונגען. פון אַ באַזונדע־רער פּסיכאָלאָגישער וויכטיקייט איז זיין אינטימע פריינטשאַפט מיט פּאָול לאַנצקין. פאַר דעם דאָזיקן פיינפילנדיקן אונגאַרישן יידן האָט זיך ניטשע, אין אַ זומער־נאַכט אין איטאַליע, געקלאָגט אויף זיינע קערפּערלעכע מיחושים און אויף זיין „נשמה־נויט״, און אים אָנפאַרטרויט דעם סוד, אַז ער קלייבט

זיך באַגיין זעלבסטמאָרד. די „ראַסן־מחיצה" צווישן דעם „אַריער" און דעם „סעמיט" האָט אים נישט געשטערט זיך אויסצוגיסן פאַר אים דאָס האַרץ אויף אַן אופן, אויף וועלכן ער האָט עס מיט קיין איינעם פון זיינע מיוחסדיקע דייטשע פריינט נישט געטאָן. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז ניטשעס פאַרקער מיט אַן אַנדער ייִדן, דעם עסטרייכישן נאַטור־וויסנשאַפטלער פּאַנעט. מיט אים דיסקוטירט ער לאַנגע שעהן די ייִדישע פּראָבלעם, פאַר וועלכער ניטשע זעט, אויף זיין פּאַראַדאָקסאַלן אופן, צוויי פּאַראַלעלע לייזונגען. דייטשע ייִדן, מיינט ער, דאַרפן בלייבן אין דייטשלאַנד און זיך אַסימילירן מיט דעם מערהייטס־פאָלק. ראַסן־געמיש, האַלט ער, איז אין געוויסע סיטואַציעס אַ געזונטע זאַך פאַר אַלע צדדים, און עס וואָלט געווען באַזונדערס ווינטשנס־ווערט, ווען אין דייטשן אָרגאַניזם קומט אַריין אַביסל מער ייִדיש בלוט, פון איין זייט, און „אַרגיאַסטיש" רוסיש בלוט, פון דער אַנדערער זייט. אין דער זעלביקער צייט גיט ער זיין ייִדישן פריינט צו פאַרשטיין, אַז אַנדערע ייִדישע גרופּן דאַרפן זוכן אַ וועג פאַר ראַסן־פאַרייִנגערונג אין ארץ־ישראל. אין די אַכציקער יאָרן, איידער עס איז נאָך געווען אויף דער וועלט אַ פּאָליטיש־ציוניסטישע באַוועגונג, טראַכט שוין ניטשע וועגן דעם, אַז עס וואָלט געווען כדאַי צו העלפן אַ טייל ייִדן ווידער־אויפצובויען פאַר זיך זייער אַמאָליקע היים, ווו זייער געניוס וועט זיך נאָכאַמאָל קענען אַרויסווייזן אין זיין גאַנצער קראַפט.

וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט אַנטיסעמיטיזם, באַזונדערס אין זיין נאַציסטישן נוסח — מיט אַ לערע פון ייִדישער ראַסן־אינפעריאָריטעט, מיט אַ באַגריף פון „ראַסן־שענדונג"? ווייניק דערשיינונגען האָבן ניטשען אַזוי געשראָקן, ווי דער וווּקס פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. אין ייִדנסהאַס, אַלס פּאָליטישער לאָזונג, האָט ער געזען פאַר דייטשלאַנד און פאַר גאַנץ אייראָפּע די גרעסטע קולטור־סכנה, די סכנה פונעם „עבד כי ימלוך". אַלע אומבאַגאַבטע, פּוילע, טויגעניכטסן, אומזיסט־עסערס, לאָ־יוצלחס, גייסט־לאָזע און גייסט־האָסער זוכן פאַר זיך, ווי ער האָט שוין דעמאָלט באַמערקט, אַ „תיקון" אין אַנטיסעמיטיזם: „קאַמף קעגן ייִדן", לייענען מיר אינעם עלפטן באַנד פון זיינע שריפטן, „איז שטענדיק געווען אַ צייכן פון די שלעכטערע, פון קנאה־אויפגעפרעסענע און פחדנותדיקע נאַטורן, און ווער עס נעמט איצט אַנטייל אין אַזאַ קאַמף, מוז אין זיך טראָגן אַ גוט שטיק גרוביאַנישע מענטאַליטעט" („פּעבעלהאַפטע געזינונג"). אין אויפוואַכנדיקן ראַסן־אַנטיסעמיטיזם האָט ניטשע געזען, פאַר אַלעמען, דאָס שטרעבן פון די נידעריקע המון־מענטשן זיך צו קאָמפּענסירן פאַר זייער אומפעיִקייט מיט אַ ביליקן יחוס־עצמו, מיט אַ מעטריקע, וואָס דאַרף זיי געבן אומפאַרדינטע פּריווילעגיעס און אַ פּיקטיוו־

אַריסטאָקראַטיש באַוווּסטזיין, און אים האָט דערפאַר געעקלט פון דער מעג־לעכקייט פון אַ באַרבאַרישער „אינוואַזיע פון אינעווייניק".

מאַכן אייראָפּע „יִידנריין" — אַזאַ לאָזונג האָט זיך שוין געהערט אין די אַכציקער יאָרן, אין „פעלקישע" קרייזן, סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין עסט־רייך. צו ניטשען האָט זיך אָבער דער לאָזונג קיינמאָל נישט צוגעקלעפּט. יִידן — צוזאַמען מיט פראַנצויזן, איטאַליענער און סלאַוון — זענען פאַר אים גע־ווען אַ וויכטיקער עלעמענט פאַר דער אויסבילדונג פון אַ ניי „אייראָפּעיִש פאָלק". צו לאַנג האָבן די יִידן געלעבט און געווירקט אין אייראָפּע, אַז מען זאָל זיי באַטראַכטן פאַר אַ „פרעמדן" אַזיאַטישן עלעמענט. ניטשע גלייבט אַפילו, אַז גראָד יִידן, טראָץ זייער אַזיאַטישן אָפּשטאַם, האָבן אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעראַטעוועט אייראָפּע פון בלייבן שטעקן אין גייסטיקן „אָריענטאַ־ליזם". נישט רעכענענדיק די אַראַבער (אויך סעמיטן!), זענען די יִידן אין אייראָפּעיִשן מיטלאַלטער געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויפגעלעבט און אויפגעהאַלטן דעם פלאַם פונעם קלאַסיש־גריכישן גייסט, בשעת די קאַטוילי־שע קירכע האָט געהאַלטן דעם גאַנצן קאָנטינענט אין די קייטן פון אַן „אָריענ־טאַלישער רעליגיע". די זעלביקע יִידן, הייסט עס, וואָס האָבן — מיט דער הילף פון קריסטנטום — אָריענטאַליזירט די אייראָפּעיִשע פעלקער, האָבן זיי נאָכדעם צוריק „אָקצידענטאַליזירט", און זיי טראָגן אין זיך גענוג נישט אויס־געשעפּטע כוחות, כדי זיך מיטצובאַטייליקן אינעם שאַפן פון אַ נייער מערב־קולטור.

II

נישט קעגן יִידן האָט ניטשע געצילט זיינע פיילן, נאָר קעגן יִידנ־טום, קעגן אַ געוויסער גייסט־טענדענץ, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַריינגע־טראָגן אין לעבן פון דער וועלט. ניטשעס „אַנטיסעמיטיזם" איז נישט יִידן־האַס, נאָר אַן אייגנאַרטיקער יִידנטום־האַס. ער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק אין ספּעציפישן זינען פון וואָרט, אָדער מיט עקאָנאָמיק, מיט געזעצגעבונג אָדער סאָציאַלע דיסקרימינאַציעס. זיין „אַנטיסעמיטיזם" איז אַ היסטאָריש־פילאָסאָפישער, אַ מאָראַליש־מעטאַפיזישער, דערצו אָנגע־הויכט מיט דער גאַנצער טראַגיק פון סתירה אין זיינע נשמה־שפּאַנונגען. (אַזאַ „אַנטיסעמיטיזם" איז מסוגל אָנצונעמען אויך אַ באַשטימטער טיפּ יִיד: מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, למשל, האָט אין זיינע „ניטשעאַנישע" יאָרן, מיט ווײַ־ניקער גראַציע און טאַלאַנט, גערופן יִידן תשובה צו טאָן פאַר זייערע „זינד", פאַר שאַפן, ווי ער האָט געפילט, אַן אינסטינקט־פיינטלעכע, לעבן־שטיקנדיקע, אין קייטן־שמידנדיקע אַסקעטישע רעליגיע, אין וועלכער ער האָט געוואָלט זען אַ מין „חילול הטבע").

אַ גאַנץ לעבן האָט זיך ניטשע געראַנגלט צווישן „צוויי זעלן אין זייך ברוסט”: צווישן ח ס ד און ג ב ו ר ה.ביידע האָבן זיי פאַר אים פאַרמאָגט אַן אומגעהייער שטאַרקן כוח־משיכה, ביידע האָבן זיי אין אים אַרויסגערופן שפּאַנונגען, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט באַהערשן. די פיגור פונעם נוצרי (די סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון חסד), וואָס האָט אין אים אַ גאַנץ לעבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג און אַ מין כורעים־שטימונג, האָט אים אָבער אין דער זעלביקער צייט געגעבן דעם געפיל, אַז גרויס און פאַרערונגסווערט ווי זי איז, איז זי אָבער אַן אָפּנייג פון דער ליניע, וואָס די „נאַטור” האָט פאַר אונדז אָנגעצייכנט — אַז אין „גריכנטום”, אין דער אייביקער אומשולדיקייט פון די אינסטינקטן, אין דער „הייליקייט” פון די ליידנשאַפטן, און אין גבורה, וואָס ווייס נישט פון קיין דין און פון קיין דיין, וואָס פאַרפלייצט די וועלט מיט איר ווולקאַנישקייט און אומגעצוימטקייט און לאָזט זיך נישט „פאַרווייכלעכן” און „פאַרווייבלעכן” פון מיטלייד און קראַנקן געוויסן, ליגט אַן אייביקער גרונט־„אמת”. ווען ער וואָלט געקענט שטעלן דעם רבונו־של־עולם אַן אולטימאַטום, וואָלט ער פון אים געפאָדערט: מאַך אַזוי, אַז איך זאָל גלייכצייטיק זיין אי אַ פראַנציסקוס פון אַסיזי, אי אַ נאַפּאָלעאָן, און איך זאָל צווישן זיי נישט פילן קיין סתירה און קיין גרענעץ. אָבער קיין רבונו־של־עולם, האָט ער „געוווּסט”, איז נישטאָ, און אויב ער זאָל יאָ זיין, וועט ער קיין אולטימאַטום נישט אָננעמען. דער וועג צו „גרויס־זיין” ליגט אָ ד ע ר אויף דער ליניע פון אַ פראַנציסקוס אָ ד ע ר אויף דער ליניע פון אַ נאַפּאָלעאָן, און דינען קען מען (רעדנדיק אין יידישע טערמינען) אָדער דער מוטערלעכער שכינה אָדער דעם „אל צבאות”. עס איז נישט קיין צופאַל, עס איז סימבאָליש פאַר זיין גאַנצן שיקזאַל, אַז ווען ער איז אַראָפּ פון זינען, האָט ער זיך געחתמעט אויף אַ צעטעלע: „דער געקרייציקטער דיאָניס”. די צוויי פיגורן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין זיין וואַנזין אידענטיפיצירט, זענען געווען דער טראַגישער גריכישער גאָט (גבורה) און דער געקרייציקטער אויף דער תליה (חסד), און מיט דער „לאָגיק” פון אַן אומלאָגישן צושטאַנד האָט ער די צוויי פיגורן פאַרוואַנדלט אין איינער, אין אַ סינטעז־געשטאַלט, אין... אַ ניטשע וואָס איז „דערלייזט געוואָרן” פון זיינע שפּאַלטונגען און געוואָרן איינס. אַ סימבאָליש־ביאָגראַפישן אויסדרוק פאַר דעם דאָזיקן פאַטאַלן קאָנפליקט אין זיין נשמה קען מען זען שוין אין זיינע יוגנט־יאָרן: ער נעמט אָנטייל אין דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה אַלס פרייוויליקער (אין יענע יאָרן איז ער געווען אַ שווייצאַרישער בירגער און מיליטער־פליכט איז אויף אים נישט חל געווען), נישט אַלס סאָלדאַט, נאָר אַלס סאַניטאַר, אַלס „אַ באַרעמהאַרציקער ברודער”. אויפן שלאַכטפעלד איז ער נישט די קעמפנדיקע „בלאָנדע בעסטיע”, נאָר די־

מיטליידנדיקע „קריסטלעכע נאָנע״, וואָס העלפֿט פֿאַרווונדעטע און טרייסט געפֿאַלענע. זיין באַציִונג צו ייִדנטום־קריסטנטום איז אַלע יאָרן געווען אַן „אַמ־ביוואַלענטע״, אַ צווייפּאַכע, אַ ווידערשפּרוכלעכע: טיפֿע פֿאַרערונג, וואָס דערגייט ביז עקזאַלטאַציע, און אין דער זעלביקער צייט קאַנוווּלסירנדיקע אָנ־שטרענגונגען זיך צו באַפֿרייען פֿון אַ מין מיסטעריעזן לבנה־שיין־היפּנאָז. און אָט אין דער „פֿיינטלעכקייט״ צום ייִדנטום, סיי אין זיין אָריגינעלן, און סיי, נאָך מער, אין זיין עוואַנגעלישן לבוש, האָבן זיך עס די נאַצישע „פֿילאָזאָפֿן״ אָנגעכאַפּט, כדי צו קענען פּראָקלאַמירן ניטשען פֿאַרן נביא פֿון דער דייטשער „דערלייזונג״.

אָבער וואָס האָט צו טאָן מיט נאַציזם ניטשעס טראַגישע צעריסנקייט, די פֿאַרצווייפֿלונג צו וועלכער עס האָט אים געטריבן דער „פֿאַקט״, אַז גבורה און חסד זענען ווי אַנטיטעזן, אַז איינס קען לעבן נישט צוזאַמען מיטן צווייטן, נאָר אויפֿן חשבון פֿונעם צווייטן? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט זיין טרוים פֿונעם איבערמענטש (וועלכן ער האָט אין אַ היסטערישער מינוט באַ־צייכנט אַלס די „בלאָנדע בעסטיע״) מיט דער נאַצישער פּראָגראַם פֿון אַן אי־בער־זשאַנדאַרם און איבער־הענקער?

עס זענען געווען צייטן, ווען געוויסע נאַצישע אידעאָלאָגן האָבן צביעות־דיק געשאַנעוועט דעם נייעם טעסטאַמענט אַלס אַ פּראָדוקט פֿון „אַרישער שאַפֿונג״, כדי זיי זאָלן קענען לייכטער גיסן עמערס שמוץ אויפֿן תנ״ך. אָבער ווען האָט ניטשע זיך דערלויבט אַ וווּלגאַר וואָרט וועגן דעם „ספר הספרים״? קיין גרעסערן יראת־הכבוד פֿאַרן אַלט־העברעיִשן געניוס דאַרף מען נישט זוכן, ווי אין די פֿאָלגנדיקע ניטשע־שורות:

„אין ייִדישן אַלטן טעסטאַמענט, אינעם בוך פֿון געטלעכער גערעכטי־קייט, זענען פֿאַראַן מענטשן, זאַכן און רעדן אין אַזאַ גרויסן סטיל, אַז די גרי־כישע און אינדישע ליטעראַטורן קענען זיך מיט זייער סטיל נישט איבערנע־מען. מיט שרעק און ערפֿורכט שטייט מען פֿאַר די דאָזיקע אומגעהייערע דאָ־קומענטן פֿון דעם, וואָס דער מענטש איז אַמאָל געווען, און עס שווימען אומ־פֿאַרמיידלעך אויף טרויעריקע געדאַנקען וועגן דער אַלטער אַזיע און איר האַלב־אינדזל אייראָפּע, וואָס וויל פֿאַררעכנט ווערן קעגן אַזיע אַלס דער „פּראָגרעס פֿונעם מענטשן״... דער געשמאַק פֿאַרן אַלטן טעסטאַמענט איז דער פּראָביר־שטיין פֿון „גרויס״ און „קליין״.

צו דער דאָזיקער טעמע, צו דער פֿאַרהערלעכונג פֿונעם תנ״ך, קערט זיך ניטשע אום אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן. דעם קינסטלערישן ווערט פֿון דער אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור שטעלט ער אומגעהייער הויך: „בכלל איז די פֿייערלעכקייט פֿונעם טויט, די פֿאַרהייליקונג פֿון דער ליידנשאַפֿט אויף דער

ערד, אפשר אין ערגעץ נאָך ביז אַהער נישט געשילדערט געוואָרן שענער, ווי פון געוויסע ייִדן אין אַלטן טעסטאַמענט; אויך די גריכן וואָלטן געמעגט גיין צו זיי אין שול אַריין". נאָך מער, ניטשע — טראָץ די אומצייטיקע פאַראורטיילן, מיט וועלכע זיין סביבה איז געווען אָנגעזאַפּט — געפינט אַ גוט וואָרט אַפילו פאַרן שפּעטערדיקן, תלמודישן ייִדנטום: „דער פּרושים־גייסט", לייענען מיר אין זיינע באַמערקונגען צו „יענזייטס פאָן גוטס און בעזע", „איז נישט קיין דעגענעראַציע איגעם גוטן מענטשן; להיפּוך, אַ גוט שטיק דערפון איז גאָר די באַדינגונג פון יעדן גוט־זיין". ייִדן איז דערפאַר געלונגען אין משך פון דער צייט צו אַנטוויקלען אין זיך אַזעלכע מידות אין באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש און אין פאַמיליען־לעבן, אַזוי פיל אויפריכטיקע גרייטקייט נישט ווי צו טאָן און בייהילפיק צו זיין, אַז אין דער רוימישער אימפּעריע האָט מען געגאַפט אויף זיי און נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען אַזאַ מענטאַליטעט נעמט זיך. די טראַגישע פראַגע פאַר ניטשען איז אָבער געווען אַן אַנדערע — צי איז גוטסקייט גופא ג ו ט? צי ליגט אין איר דער העכסטער לעבנסווערט? צי זענען די ייִדישע מידות די „ריכטיקע", די וואָס זענען מסוגל צו פירן דעם מענטשלעכן מין צו אַ העכערער עוואָלוציע־שטופע, צום טראַגיש־העלדישן איבערמענטשן? און בלויז ווען ער האָט געשטעלט די פראַגע אויף אָט־דעם שטח און זיך געענטפערט, אַז דאָס ייִדישע מיטליידן מיטן אָרעמען און שוואַכן מאַכט י ע ד ן אָרעם און שוואַך, אַז דאָס הויך־שעצן יענע מענטשלעכע נשמה איז אַ מניעה פאַרן וווקס פון אַריסטאָקראַטישע נאַטורן און אַ מין פאַרלעצונג פון דער נאַטורס ווילן, האָט ער זיך געפילט אַלס אַנטי־ייִד און אַנטי־קריסט. אמת, דעם דאָזיקן אַנטי־ייִדישן און אַנטי־קריסטלעכן געמיט־צושטאַנד האָט ער אין זיך בכיוון אָפּט אַרויסגערופן (דער מיטאָס פונעם איבערמענטשן איז געוואָרן פאַר אים כמעט אַ כראָנישע חולאת), אָבער אויך דעמאָלט פלעגט ער באַטאָנען מיטן טיפסטן יראת־הכבוד דעם ברייטן היקף און די אומגעהייערע טיפן פון דער ייִדישער גייסטיקער שאַפונג. אמת, ייִדנטום — באַזונדערס אין זיין עוואַנגעלישן גילגול — איז געווען דער ערשטער גרויסער א ו י פ ש ט אַ נ ד פ ו ן ד י ק נ ע כ ט, אָבער וויפל העראָיִזם און העכסטע קונסט האָבן די דאָזיקע קנעכט אַריינגעטראָגן, לויט זיין מיינונג, אין זייער בונט!" „די ייִדן, אַ פאָלק וועגן וועלכן טאַציטוס און די גאַנצע אַנטיקע וועלט זאָגט, אַז עס איז געבוירן געוואָרן פאַר שקלאַפעריי, אַ פאָלק, וואָס זאָגט און גלייבט וועגן זיך, אַז עס איז „דאָס אויסדערוויילטע צווישן די פעלקער", די ייִדן האָבן עס באַוויזן יענע וווּנדער־קונסט פון ראַדיקאַל ענדערן די ווערטן, אַדאַנק וועלכע דאָס לעבן אויף דער ערד האָט אויף אַ פּאָר טויזנט יאָר באַקומען אַ נייעם און געפערלעכן ר יי ץ".

אַדאַנק ייִדן, מיינט ער, איז „רייך", „הערשעריש", „געוואַלט־טרייבעריש" געוואָרן דאָס זעלבע וואָס „גאָטלאָז", „זינדיק", „שענדלעך", און „אָרעם" איז געוואָרן דער סינאָנים פאַר „פריינט", „הייליק", „נאָבל". ווייל די ייִדן זענען געווען שוואַך, פאַרפאָלגט, דערנידעריקט און פאַרשקלאַפט, האָבן זיי זייער עצם שוואַכקייט פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם טיפּ גבורה, זייער שקלאַפעריי אין אַ נייעם טיפּ הערשאַפט — דורך זייער געניאַלן איבערקערן די לוחות פון לעבנס־ווערטן פון אויבן־אַראָפּ. קריסטנטום איז אין דער וועלט־געשיכטע געווען די ייִדישע נקמה, אַ פּראָדוקט פון ייִדישן האַס קעגן אַ פיינטלעכער און אונטערדריקנדיקער וועלט. דורכן קריסטנטום זענען ייִדן ווי געוואָרן די הערשער איבער די געמיטער פון צענדליקער גרויסע פעלקער. ניטשע מיינט אָבער נישט, אַז ייִדן האָבן בלויז די פעלקער אָנגעשטעקט מיט דעם נייעם גייסט, כדי אויף אַ סובטילן אופן זיך נוקם צו זיין אָן זיי, און אַליין זענען זיי געבליבן „אימון". זייער געפיל פון קריוודע און באַליידיקונג האָבן זיי טראַנספאָרמירט אויך פאַר זיך אַליין אין נייע, העכערע ווערטן; די סובלימאַציע פון זייער האַס איז געוואָרן אַ נייע, אַלץ־אומפאַסנדיקע, פאַרפלייצנדיקע עמאָציע — ליבע, מיטלייד. מיט דעם דאָזיקן איידעלן גיפט האָבן זיי פאַרשיכורט, און אויף דורות און דורות באַצויבערט אי זיך, אי די אומות־העולם. קיין שום אַנדער פאָלק קען זיך דערפאַר נישט באַרימען מיט אַזאַ גייסטיקן טריִומף אין דער געשיכטע, ווי ייִדן. ניטשע וויל אָבער גלייבן, אַז מיטן גרעסטן דרך־ארץ פאַר דער געניאַליטעט, וואָס האָט צו אַזאַ טריִומף געבראַכט, דאַרף מען די ייִדיש־קריסטלעכע ווערט־לוחות באַטראַכטן פאַר אַ געפאַר, פאַר דער גרעסטער קולטור־געפאַר. אין דעם באַשטייט אייגנטלעך זיין קעגנערשאַפט צום ייִדנטום, וועלכע ער וואָלט בשום־אופן נישט מסכים געווען צו באַצייכענען אַלס אַנטיסעמיטיזם.

ווער עס האָט אַן אויער פאַר ניטשעס אייגנאַרטיקער שפּראַך, דער ווייסט, אַז „ייִדישער גייסט" איז ביי אים געווען אַ סימבאָל פאַר עפּעס אַלגעמיינעס, פאַר אַ געוויסער טענדענץ אין דער מענטשלעכער נאַטור בכלל. פאַרוואָס איז ייִדן, אַ שקלאַפן־פאָלק, געלונגען צו היפּנאָטיזירן מיט זייער לערע אַזוי פיל „הערן־פעלקער"? פאַרוואָס האָבן זיך די „הערן־פעלקער", די געזינטערע, שטאַרקערע און „אַריסטאָקראַטישע" טיילן פון דער מענטשהייט — געלאָזט פאַרגיפטן? ווו זענען געווען זייערע אינסטינקטן, דאָס נאַטורמעסיקע און נאַטורקרעפטיקע אין זיי? מיט וואָס פאַר אַ כישוף האָבן ייִדן מצליח געווען צו מאַכן זיי גייסטיק־אונטערטעניק? פאַרוואָס, אין אַנדערע ווערטער, האָט זיך דאָס „ווערנס־פרעמדע" קריסטנטום — צוגעקלעפּט צו זיי? ניטשע ווייסט, אַז פונקט ווי פריסטער וואָלטן נישט געקענט „אַריינגאַרן" אַ פּרימיטיוון שבט

אין דער סכעמע פון זייערער אַ רעליגיעזער אויפפאַסונג, ווען די מענטשן פונעם שבט וואָלטן נישט געהאַט קיין אינעווייניקסטע באַדערפעניש „אַריינ־גענאַרט״ צו ווערן, וואָלטן אויך ייִדן נישט געווען בכוח צו „פאַרייִדישן״ דורכן קריסטנטום אַ געוויסן טייל פון די פעלקער, ווען יענע וואָלטן נישט געווען אַ י נ ע ר ל ע ך מסוגל אָנצונעמען זייער לערע, ווען זיי וואָלטן אַליין נישט געווען, אין אַ געוויסן זינען, „ייִדיש״. דער „ייִדישער גייסט״ איז אַן אוניווערסאַלע נשמה־טענדענץ, אַ פּאָטענציעלע ליניע אין אַלע ראַסן און פעלקער, נאָר אויף ייִדן איז, אַזוי צו זאָגן, געפאַלן דער גורל יענע ליניע קלאָר און רייצנדיק אַרויסצוברענגען. די וועלט, איז ניטשעס גענייגט געווען צו גלייבן, דאַרף זיך פון יענער ליניע באַפרייען, אָבער נישט ווי פון עפּעס וואָס איז לחלוטין פרעמד זייער שורש־נשמה, נאָר ווי פון אַ שטיק אייגנס און אָרגאַ־נישעס. „ייִדנטום״ איז פאַר די אומות־העולם געקומען נישט פון דרויסן, נאָר פון זיך אַליין — פון דעם „ווידערנאַטירלעכן״ וואָס לעבט בכוח אומע־טום און אין יעדערן; „ייִדנטום״ איז אַ טייל, איינע פון די מאַניפעסטאַציעס פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט ־ ב י אָ ג ר אַ פ י ע. אַז ניטשע האָט אַזוי גע־גלייבט, קען מען זען פון זיין „פּראַקטישער פּראָגראַם״ פאַר דער צוקונפט פון אייראָפּע. די נייע אייראָפּעיִשע קולטור דאַרף זיין, לויט זיינע דערוואַרטונ־גען, אַ נישט־ייִדישע, אַ נישט־קריסטלעכע, אַ פרייע פונעם צוויי־טויזנט־יאָ־ריקן היפּנאָז און צויבער; אָבער עס איז נישטאָ קיין באַשטימטע ראַסע, וואָס זי און נאָר זי אַליין איז באַרופן צו שאַפן יענע קולטור, וואָס וועט מער נישט טראָגן אויף זיך די ייִדיש־קריסטלעכע קייטן. אַלץ איינס, צי האָט ער וועגן אַזאַ קולטור געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג אָדער בלויז אַ פאַרנעפּלטע אָנונג — וויכטיק איז דאָס וואָס ייִדן, אָט די זעלביקע ייִדן וואָס פון „זייער״ גייסט דאַרף מען זיך עמאַנסיפּירן, האָבן, לויט זיין אויפפאַסונג, געדאַרפט זיין מיט־בויער פון דער נייער אייראָפּע, אויך פון אַ נייער דייטשלאַנד. ניטשע האָט אין דעם קיין סתירה נישט געזען. אין תוך האָט ער נישט געגלייבט, אַז וועל־כער נישט איז מענטש איז אויף אייביק געבונדן אַן אַ באַשטימטער ליניע, אויף וועלכער דער געניוס פון זיין ראַסע האָט זיך אַמאָל מאַניפעסטירט.

וואָס ניטשע האָט געזוכט אין אייראָפּע, איז נישט געווען אַ ראַסע אָדער אַ פאָלק, וואָס זיין „פעלקישקייט״ זאָל ווערן דער יסוד פון אַ נייער קולטור, נאָר אַ גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, מיט גרויסן שעפערישן ווילן. אָבער אין יענער אַריסטאָקראַטיע האָט ער געזען עלעמענטן פון פאַרשיידענע אייראָ־פּעיִשע פעלקער, און צווישן זיי אויך ייִדן. אויף וויפל די דערוואַרטונגען פון דעם דאָזיקן באַגאַבטן טרוימער האָבן געהאַט אַ יסוד אָדער נישט, וויפל עס איז אין זיי געווען „רוח־נבואה״ און וויפל „רעדן פון היץ״, אָדער טראַגישע

קאָנוווּלסיעס דורך וועלכע עס האָבן צו דער וועלט גערעדט אַלע קולטור־קריי־ זיסן פון די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטן — איז אַן אַנדער פראַגע. מיט נאַציזם יעדנפאַלס און מיט אַנטיסעמיטיזם, אינעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט, קער זיך ניטשע לחלוטין נישט אָן.

1942.

איבער־שטאַטלעך און אונטער־שטאַטלעך

איבסען האָט עס אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו אַ פריינט: אַ יידישע מלוכה? ווער דאַרף זי האָבן? די וועלט? אָבער וויפיל מלוכות זענען דען פאַראַן, אַז עס זאָל זיך עמיצן גלוסטן צו האָבן נאָך איינע? פינף און זעכציק זאָל זיין וויפיל, ווייל דאָס רומל איז זעקס און זעכציק? מען זאָגט, יידן גלייבן, אַז זיי דאַרפן האָבן אַן אייגענע מלוכה — נישט פאַר דער וועלטס טובה וועגן, נאָר פאַר זיך גופא, פאַר זייערע אינטערעסן און נאַציאָנאַלן פּרעס־טיזש. איז עס זייער טרויעריק, האָט איבסען געמיינט, אויב יידן גאַרן טאַקע נאָך אַן אייגענער מלוכה. קרוב צו צוויי טויזנט יאָר איז אין דער וועלט גע־וועזן, לכל־הפּחות, איין נאָבעל, אַריסטאָקראַטיש פאָלק — יידן. אַלע פעלקער האָבן פאַרמאָגט אייגענע לענדער, רעגירונגען, מלוכות, און זענען געוועזן פאַר־טאָן אין אומעסטעטישע נידערטרעכטיקייטן. דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט זיך נישט דערנידעריקט צו אייגענער פּאָליציי, צו אַן אייגענער אַרמיי, טור־מעס, קאַטאָרגעס, תּליונים, ברוטאַלע מלחמות, און צו אַן אייגענער קאָרופּ־ציע, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט שטאַטלעכן לעבן, זענען געוועזן יידן. ווילן זיי איצט אויך ווערן „מיט לייטן גלייך״ — דעגענערירן צו פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם. פאַר איבסענען איז ציוניזם, באַזונדערס פּאָליטישער ציוניזם, געוועזן אַ ירידה, אַן אומווירדיק בענקען נאָך נחות־דרגאַדיקייט: אַן אַרטיסט, אַ באַהעמע־נאַטור, האָט באַשלאָסן חתונה האָבן, טאַקע מיט חופּה־וקידושין, קויפן זיך אַן אייגענע שטוב, מיט אַ פאַרצוימטן הויף, מיט אַ גלעקלביים טויער, זיך איינשאַפן אַ קאַץ, און אַוועקשטעלן ביים אַריינגאַנג אַ הונט פאַר אַ שומר פון זיין באַלעבאַטישקייט.

איבסען האָט געהאַט דעם געפיל, אַז דער לעצטער אַריסטאָקראַט וועט נעלם ווערן פון דער וועלט, אויב דער פּאָליטישער ציוניזם וועט פאַרווירק־לעכט ווערן.

ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט איינער פון אונדזערע קדמונים? „צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם ישראל שפּזרם בין האומות״. איז איבסען געווען ברוגז, הלמאַי יידן ווילן זיך פון דער דאָזיקער „צדקה״ פרייוויליק אָפּזאָגן און ווערן פּראָסטע בשר־ודמס.

**
*

דעם זעלביקן „אַריסטאָקראַטישן" מאָטיוו האָב איך אַמאָל געהערט פון אַ רוסיפיצירטן ייִדן. דער פאַרשטאָרבענער ספּעציאַליסט פון סלאַוואָפילי־שער ליטעראַטור, גערשענזאָן, איז אַרויסגעקומען אין 1917 מיט זיין אַטאַקע אויף דעם נהיה־כּכל־הגויימדיקן ציוניזם, מיט זיין באַצייכענונג פון ציוניזם ווי די ערגסטע און עקסטרעמסטע „אַסימילאַציע", אָדער ריכטי־קער, אַלס פּאַראַט קעגן דעם זינען פון דער ייִדישער געשיכטע. אמת, ווען דער מיסטיש־געשטימטער גערשענזאָן האָט אין זיין אָפּהאַנדלונג פּרובירט דעפינירן דעם באַהאַלטענעם, „פּראָווידענציעלן" זינען פון ייִדישן עקזיסטירן, איז אַרויסגעקומען... זינלאָזיקייט. אָבער אַ פּאַראַדאָקסאַלער מיסטיקער שרעקט זיך אויך פאַר דעם נישט: ערשט זינלאָזיקייט, אַבסאָלוטע תּכלית־לאָזיקייט, איז דער העכסטער זין פון מענטשלעכן אַרומגיין אין אונדזער זינדיקער וועלט. ייִדן זענען עס לכתחילה באַשטימט געוואָרן צו זיין די פּיאָנערן פון „לעבן אָן תּכלית" — דאָס איז אייגנטלעך זייער מיסיע, און דער צוועק פון זייער באַזונדערער עקזיסטענץ אַלס גרופּע באַשטייט טאַקע אין דעם, אַז אַלע אַנ־דערע פעלקער זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ משל פון דער כּנסת־ישראל און מאַכן זייער לעבן... צוועקלאָז. גערשענזאָן האָט אַפילו געמיינט, אַז דאָס, וואָס מי־ליאָנען רוסישע סאָלדאַטן האָבן אין 1917 דעזערטירט פונעם פראָנט, איז אַ זייער וויכטיקע גייסטיקע געשעעניש אין דער וועלט־געשיכטע. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז רוסן זענען זיך „מגייר", אַז דורך דעם באָלשעוויזם ווערן רוסן ייִדן: זיי ווילן פאַרניכטן זייער שטאַטלעכקייט, זייער טעריטאָריאַליש־קייט, זייער נאַציאָנאַל־פּאָליטישע ציוויליזאַציע און אָנהייבן צו לעבן ווי ייִדן — קינסטלעריש־זינלאָז, אַרטיסטיש־פריי, נישט צוגעבונדן צו „באַלעבאַטישקייטן". ער איז טאַקע צוליב דעם געווען גרייט צו באַגריסן דעם אויפבּרויז פון דער באָלשעוויסטישער אַנאַרכיע: „ייִדנטום" זיגט; רוסן זענען דאָס ערשטע פאָלק, וואָס לאָזט זיך גיין אויף דעם ייִדישן וועג...

אין 1922, שוין נאָכדעם וואָס דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרענדיקט און די סאָוועטישע מלוכה איז געוואָרן מלוכהדיקער און תּכלית־שטרעביקער פון פיל אַנדערע מלוכות, האָב איך באַגעגנט גערשענזאָנען אין דער בערלינער עמיגראַציע (ער איז דאָרט געווען בלויז צו־גאַסט; ער איז געווען איינער פון די גאָר וויניקע נישט־קאָמוניסטישע רוסישע שריפטשטע־לער, וואָס איז געשטאָרבן אַלס טאָלערירטער בירגער פונעם סאָוועטן־פאַר־באַנד). איך בין געווען גענוג טאַקטלאָז אים צו דערמאָנען, אַז די אַמאָליקע רוסישע דעזערטירן, — פון וועלכע ער האָט געשעפּט אַזוי פיל נחת, ווייל זיי זאָלן האָבן סוף־כּל־סוף דערפילט, אַז אַ מלוכה איז נאַרישער און פּוסטער פאַר־נעם גרעסטן הבל־הבלים, — זענען איצט זייער דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן אין

דער רויטער אַרמיי און אַז די „יידיש״־אַנאַרכיסטישע, הפקר־פּעטרושקע־סטי־כיע איז קריסטאַליזירט געוואָרן אין אַ פּרעה־מלך־מצרים־רעזשים מיט מאַרק־כיסטישע שיר־המעלותן אויף די שפּיצן פון די נייע פּיראַמידן. האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ. ער האָט זיך, האָט עס געהייסן, אָפּגענאַרט אין די רוסן: זיי זענען נאָך אויך נישט מסוגל זיך „מגייר״ צו זיין, אָבער דאָס איז דאָך נישט קיין באַווייז, אַז דערפאַר דאַרפן זיך יידן „שמדן״ און זיך אָוועקלאָזן אויף אַזאַ גויישן וועג ווי ציוניזם.

***

ווער נאָך האָט זיך ביי אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך נישט אָפּזאָגן פון אונדזער מיסיע, פון דער אַריסטאָקראַטישקייט פון יידישן שיקזאַל און וועזן?

נישט קיין קלענערער ווי ג אַ נ ד י. יידן זענען אַ גייסטיקע געמיינ־שאַפט — נאָר וואָס דאַרפן זיי האָבן אַזאַ גשמיותדיקע זאַך ווי אַ לאַנד, אַ מלוכה? ציון איז נישט קיין טעריטאָריאַלער און נישט קיין פּאָליטישער באַ־גריף, נאָר אַ גייסטיקער. ציון איז א ו מ ע ט ו ם וווּ עס געפינט זיך אַפילו איין ייד, אויב ער בלייבט נאָר געטריי זיין טראַדיציע, זיין ירושה און וועזן — צוליב וואָס זשע דאַרפן יידן האָבן אַן ע ר ד י ש ע ציון? האָט אונדז דער נביא פון יונג־אינדיע, אין אַ זייער שווערער מינוט פון אונדזער לעבן, געגעבן אַן עצה, מיר זאָלן בעסער קולטיווירן אונדזער י ר ו ש ל י ם ש ל מ ע ל ה, אָט יענע „מלכות שמים״ (גאָטס קעניגרייך), פון וועלכער עס רעדט זיך אין די עוואַנגעלישע ספרים — וואָס איז נישט דאָ און נישט דאָרט, נאָר אומעטום, וואָס עקזיסטירט נישט אין נעכטן, נישט אין היינט און נישט אין מאָרגן, נאָר אין דער אייביקייט, ווייל אינעווייניק און נישט אינדרויסן. וואָלט גאַנדי געווען מער באַהאַוונט אין אייראָפּעישער פילאָזאָפישער ליטע־ראַטור, וואָלט ער אונדז מסתמא אין דעם פאַל ציטירט שפּינאָזאַן. אַלע מלחמות און מחלוקתן צווישן מענטשן נעמען זיך, ווי ער האָט געגלייבט, דערפון וואָס זיי קענען זיך נישט צעטיילן מיט די ע נ ד ל ע כ ק יי ט ן, מיט דער באַ־גרענעצטער צאָל זאַכן, וואָס האָבן זייערע פעסטע גרענעצן; וואָלטן זיך מענטשן אינטערעסירט מיט דער איין און איינציקער א ו מ ע נ ד ל ע כ ק יי ט, וואָלטן אַלע געלעבט בשלום, ווייל גראָד אומענדלעכקייט איז אַ קנין, וואָס יעדער קען אים האָבן א י נ ג אַ נ ץ פאַר זיך און דעם אַנדערנס פאַרמעגן זאָל אַפילו אויף אַ האָר דערפון נישט געמינערט ווערן...

האָט עס מיך אויף גאַנדי פאַדראָסן מער ווי אויף וועמען נישט איז אַנ־

דערש. איבסען? נאָך אַלעמען האָט ער זיך זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט באַפרייען פון ליטעראַטור־קאָקעטסטוואָ, פונעם צו־להכעיסדיקן פּאַראַדאָקס, פון אָריגינאַלעריי. גערשענזאָן האָט זיך אין זיין פריִער יוגנט אָפּגעריסן פון וואָרצל־פאַרבינדונגען און קאָנקרעטע סביבה־צוגעבונדנקייטן און זיך געלאָזט שווימען אין דעם תכליתלאָזן אַבסטראַקציע־נעפּל פון צעשוווימענעם סלאַוואַפילישן מיסטיציזם. אָבער גאַנדי — טראָץ זיין עכטער רעליגיאָזיטעט און שורשדיקן מיסטיציזם — איז אויך אַ גרויסער סאָציאַלער קעמפּער, אַ מיליטאַנטער פּאַטריאָט און מאַסן־רעפאָרמער. צענדליקער יאָרן, אַז ער גופא קעמפּט פאַר... „ענדלעכקייטן", פאַר אַן אינדיע־של־מטה. פאַרוואָס פאַרשטייט ע ר אונדז נישט? אויב יידן פאַרמאָגן „יידנטום", פאַרמאָגן גאַנדיס פאָלקסגעבאָסן „הינדויזם", און — זאָל מיר מיין אייגענע משפחה מוחל זיין — אַ מער „ספּיריטואַליזירטע", אַ טיפערע, אַ מער התפשטות־הגשמיותדיקע קולטור איידער די יידישע. וואָס וואָלט געווען, ווען איינער קומט צו גיין צום פירער פון דער אינדישער פרייהייטס־באַוועגונג און גיט אים אַן עצה, נישט צו קעמפן פאַר אינדיעס פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע, לאָזן אָפּרייסן פונעם לאַנד איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער, נישט פאָדערן קיין מלוכה־זעלבסטשטענדיקייט, נאָר קולטיווירן די „אינעווייניקסטע" אינדיע; ווען איינער קומט און פּאַראַפראַזירט גאַנדין: „אינדיע איז, ווי ציון, אומעטום, ווו עס געפינט זיך אַפילו איין הינדו, אויב ער איז נאָר געטריי זיין טראַדיציע, זיין שיקזאַל און זיין וועזן"?

אָבער גאַנדי פאָדערט דווקא אַ גרויסן, פאַראייניקטן, אינטעגראַלן שטאַט...

***

איך געדענק נישט, אַז טאָלסטאָי זאָל האָבן ווען עס איז אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן ציוניזם, אָבער אַלץ איינס: ווער איז נאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געווען אַזאַ אַנטי־מלוכהניק ווי ער?

און פונדעסטוועגן האָט ער נישט איינמאָל אויסגענוצט דעם מלוכה־אַפּאַראַט פאַר זיינע צוועקן — אמת פאַר צוועקן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נאָבעלע. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געווען זייער פאַרזאָרגט אַרום דער פראַגע פון זיין ליטעראַרישער ירושה. ער האָט געהאַט זיין גוטן גרונט מורא צו האָבן, אַז נאָך זיין טויט וועט די פאַמיליע זוכן צו געווינען גרויסע פּראָפיטן פון זיינע ווערק און אַז דערפאַר וועלן זיי נישט זיין צוגענגלעך צום אָרעמען פאָלק.

האָט דער אַנאַרכיסטישער אַפּאָסטאָל פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געטראַכט און געטראַכט, ביז ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ תּרופה. ער האָט געהיים אָפּגערעדט מיט זיין סעקרעטאַר און מיט אַ נאָטאַריוס, זיך צו באַגעגענען אין וואַלד, און דאָרט האָבן זיי עס אַלע דריי, אָן דעם וויסן פון דער טאָלסטאָי־פאַמיליע, פאַרפאַסט אַן אָפיציעלע צוואה, די באַרימטע צוואה, לויט וועלכער אַלע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן איידער ער איז געוואָרן אַ „בעל־תשובה", געהערן די יורשים, און אַלע איבעריקע — „דעם פאָלק", מיטן תּנאי, הייסט עס, אַז זיי זאָלן אַרויסגעגעבן און פאַרקויפט ווערן אָן פּראָפיטן.

אָבער וואָס הייסט אַ צוואה, אַן אָ פ י צ י ע ל ע צוואה, מיט אַ געשווירענעם עדות און אַ נאָטאַריוס?

דאָס איז געווען אַ דראָונג זיינע יורשים מיט „סאַנקציעס" פון דער מלוכה־מאַכט. אויב זיי זאָלן דאָך פּרובירן אַרויסצוקריגן ריווח פון זיינע ווערק פונעם לעצטן פעריאָד, וועט זיך, אויפן סמך פון זיין צוואה, אַנטקעגנשטעלן די מלוכה — אָט די זעלביקע מלוכה, וואָס ער האָט אַזוי קרעפטיק נישט אָנערקענט — מיט אַלע אירע מאַכט־מיטלען: מיט פּאָליציי, מיט געריכט, מיט טורמע.

אומקאָנסעקווענץ? ניין, דאָס מוז זיין דער שיקזאַל פון אַלע אַנטי־מלוכהניקעס, פון אַלע די וואָס אַ מלוכה איז „נידעריקער פון זייער מענטשלעכער ווערדע".

**
*

אַ ל ב ע ר ט א י י נ ש ט י י ן איז די טעג געקומען צו אונדזערער אַן אונטערנעמונג. האָט ער געזאָגט עטלעכע פּראָסטע, נאָבעלע און האַרציקע ווערטער פאַר אונדזער ישוב אין ארץ־ישראל. ער וויל זען דעם ישוב וואַקסן, בליִען; ער וויל אים זען וואָס גרעסער, עקאָנאָמיש־קרעפטיקער, סאָציאַל קאָנסאָלידירטער. אָבער גרינדן אַ י י ד י ש ע מ ל ו כ ה איז אויך אין זיינע אויגן אַ „מלאכה בזויה", אַ שטיק „גויִישקייט". אַן אייגענע אַרמיי, אַן אייגענער פּלאַט, פּאָליציי, טורמעס, גרענעצן — דאָס פּאַסט זיך נישט פאַר ייִדן. ייִדן זענען, לויט זיין מיינונג, שוין אַרויסגעוואַקסן פון יענעם פעריאָד, ווען אַזאַ שטיק פּאָליטישער געצנדינסט און גראָבע חמריות האָט נאָך אַפּעלירט צו די געפילן און באַגריפן פונעם פאָלק. וואָס טויג אונדז אַ מלוכה, ווען מיר פאַרמאָגן אַזאַ טראַדיציע, ווי די נביאישע? נאַטירלעך, אויב מען וועט אונדז צ ו י נג ע ן ווערן אַ מלוכהשע נאַציע, איז באַין ברירה וועלן מיר מוזן נעמען אויף זיך די גזירה, אָבער שטרעבן דערצו, פרייוויליק אָננעמען אַ מלוכה אָנבאָט דאַרף אונדז נישט אָנשטיין.

איינשטיין, הייסט עס, וואָלט אויך וועלן ראַטעווען אונדזער כבוד, אונדזער היסטאָריש־גייסטיקן יחוס: ווערן אַ פּאָליטישע נאַציע, ווי אַלע „פּלעבעיער"? נישט כדאַי.

אָבער, אויב שטאַטלעכקייט איז אַזאַ מיאוסער ענין, אַז מיר, ייִדן, טאָרן זיך שוין איצטער נישט מטמא זיין מיט אים, פאַרוואָס בלויז האָבן אין זינען אונדזער אייגענע ריינקייט? פאַרוואָס טאַקע נישט נעמען אויף זיך די מיסיע פון אַנטשטאַטלעכן די גאַנצע וועלט? פאַרוואָס פילט נישט אין דעם פאַל אַזאַ אינטערנאַציאָנאַליסט און הומאַניסט ווי איינשטיין, אַז וואָס ער איז גרייט איצט צו פּרעדיקן איז — אַן אפשר מאָדערניזירטע אתה־בחרתנו־טעאָריע, ייִדישער ראַסן־סנאָביזם? איר, גויים זייט נאָך היסטאָרישע שנעקעס, נאָך ווייט פונעם בר־מצווה־פּעריאָד — איז פאַר אייך נאַטירלעך זיך נאָך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע עבודה־זרה־ענינים; מיר, ייִדן, האָבן שוין לאַנג־לאַנג צוריק „גראַדויִרט", און פאַר אַן „עם־סגולה" פּאַסט גאָרנישט זיך אומצוקערן איצטער צו אַ קינדערישן אָדער שקצישן פּעריאָד פון ציוויליזאַציע אָדער אפשר גאָר „אומציוויליזאַציע" — איז נישט דאָס דער נישט־פאָרמולירטער זין פון איינשטיינס ווערטער?

ראַטן ווייצמאַנען, אַז ער זאָל זיך נישט באַמיִען צו גרינדן אַ ייִדישע מלוכה? יאָ, איינשטיין האָט פולשטענדיק רעכט דאָס צו טאָן, אָבער אונטער איין באַדינג: אויב ער איז גרייט צו גיין צו רוזוועלטן און ראַטן אים, ער זאָל זיך באַמיִען די אַמעריקאַנישע מלוכה צו פאַרניכטן; אויב ער איז גרייט צו בעטן טשעמבערלענען, ער זאָל בעסער וואָס פריִער זען ליקווידירן די ענגלישע מלוכה.

נישטאָ קיין מיוחסים אויף דער וועלט; עס טאָרן נישט זיין פעלקער־מיוחסים און פשוטע „עמך"־פעלקער.

***

נו, גוט, ייִדן וועלן זיך אָפּזאָגן פון אַן אייגענער מלוכה אין ארץ־ישראל. וואָס וועט דענסטמאָל זיין? וועלן זיי דאָרט לעבן אין אַ נישט־ייִדישער מלוכה, וועט די „כנסת־ישראל" אַלס גאַנצע בלייבן געטריי „איר וועזן און איר טראַדיציע". אָבער יעדער אינדיווידועלער ייִד וועט דאָך מיט דער מלוכה האָבן צו טאָן, לעבן אין איר אַטמאָספערע, אין איר השפעה־קרייז, זיך אויף איר אָריענטירן, איר אַפּאַראַט נוצן. נו, גוט, וועלן נישט זיין קיין ייִדישע טורמעס — אָבער אינדיווידועלע ייִדן וועלן האָבן שטעלעס אין דער פּאָליציי, דינען און זיך דערדינען אין דער אַרמיי, זיין אויפזעערס אין די טורמעס, זיך

באַטייליקן אין דער שמירה פון די גרענעצן (פון פרעמדע, נישט, חס־וחלילה, פון ייִדישע גרענעצן). און ווען מען קעגן זיי דיסקרימינירן און מען וועט זיי צו אַזעלכע באַשעפּטיקונגען נישט צולאָזן, וועלן זיי דאָך פאַרשרייען די וועלט מיט פּראָטעסטן, הלמאַי מען קריוודעט זיי, און איינשטיין אַליין וועט דענסט־מאָל לאָזן הערן זיין שטימע קעגן דער פאַרלעצונג פון גלייכבאַרעכטיקונג. וואָס זשע איז שוין דאָ מאָראַליש דער אונטערשייד? און ווייסט דען נישט איינשטיין, אַז פאַר דער עמאַנסיפּאַציע האָבן ייִדן נישט אַריסטאָקראַטיש איגנאָרירט די מלוכה, נאָר גאַנץ פלעגבעיש זי „אונטערגעקויפט", געראַטע־ וועט אָדער פאַרלייכטערט זייער עקזיסטענץ דורך כאַבאַר (איך ווייס שוין נישט, וואָס איז „נאָבעלער" — זיין אַליין אַ זינדיקע מלוכה, אָדער לעבן אין שטענדיקן שרעק פאַר דער מלוכה און זיך בזיונדיק אויסקויפן פון אירע גזירות), און פון זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פּאָליטישע עמאַנסי־ פּאַציע, האָבן מיר אומעטום, ווו עס איז נאָר געווען די מינדעסטע געלעגנ־ הייט, געקלעטערט אויפן לייטער פון דער מלוכהשער עבודה־זרה? איז איינ־ שטיין גרייט צו זאָגן, אַז בלומען דאַרף נישט אַנשטיין (ווייל ער איז אַ ייִד) צו זיין דער פּרעמיער פון פראַנקרייך, אַז ראַטענאַו האָט נישט געטאָרט זיין קיין פירנדיקער שטאַטסמאַן אין דייטשלאַנד, ביקאָנספילד אין ענגלאַנד, טראָצ־ קי אין רוסלאַנד, און בראַנדייס טאָר זיך נישט דערנידעריקן צו זיין אַ מיט־ גליד אין אַמעריקאַנער העכסטן געריכט?

די גאַנצע קאָנצעפּציע פון ייִדישן אַנטי־מלוכה־אַריסטאָקראַטיזם איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ שטיק אומבאַגרינדעטע גאווה.

1938

וועגן „יִדישן פּאַראַזיטיזם״

(רעדע געהאַלטן ביים צוזאַמענפאָר פון יִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דעטראָיט, אין מאַי 1940)

איך בין ווייט פון צו זיין אַ פאַכמאַן אין עקאָנאָמישע ענינים און איך וועל זיך דערפאַר היטן פון געבן קאָנקרעטע עצות, ווי אַזוי אויסצובעסערן און מאַכן זיכערער דיווירטשאַפטלעכע מערכה פון די פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן. איך וועל זיך באַגרענעצן מיט עטלעכע באַמערקונגען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס וועלן האָבן מער צו טאָן מיט דער סאָציאַל־קולטורעלער זייט פון יִדישן עקאָנאָמישן לעבן, איידער מיט עקאָנאָמישע פראַגן אין קאָנקרעטן, פּראַקטישן זין פון וואָרט.

מיר ווייסן אַלע, ווי געפערלעך עס איז איצטער פאַר אונדזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אומעטום, אַפילו אין אַמעריקע, די ווייט־פאַרצווייגטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט דאָ געשפייזט סיי פון היטלעריסטישע מקורות און סיי פון היימישער רעאַקציע. קיינמאָל, אין די לעצטע דורות, האָט דער שונא־ישראל־העצער נישט גענוצט אַזוי ענערגיש אַלע זיינע קרעפטן, כדי צו פאַרמיאוסן דעם יִדישן נאָמען און דאָס יִדישע פּנים פאַר דער נישט־יִדישער באַפעלקערונג פון אַלע קלאַסן און שיכטן, ווי אין אונדזערע טעג. עס איז פאַר קיינעם פון אונדז נישט קיין נייעס, אַז אינעם מבול פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור און פון די טויזנטער צורר־היהודים־רעדעס, מיט וועלכע דער שונא פאַרפלייצט איצט אַזוי פיל לענדער, פאַרנעמט אַ זייער וויכטיקן פּלאַץ די אַלטע באַשולדיקונג, אַז אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער וועלט שפילן מיר, יִדן, אַ ראָלע פון פּאַראַזיטן. ווייל די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען זענען איצטער אומעטום אַזוי שאַרף און פאַרפלאָנטערט, און דעם מענטשן מיט דורכשניטלעכער אינטעליגענץ און בילדונג איז גאַנץ שווער זיך אין זיי צו אָריענטירן, ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער די געפאַר, אַז די דערמאָנטע אַנטיסעמיטישע אָנקלאַגע זאָל זיך צוקלעפּן אַפילו צו אַזעלכע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זענען ביז אַהער געווען פאַרהעלטעניסמעסיק ריין פון יִדנהאַס. אויף אונדז ליגט דערפאַר אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע — צוזאַמען מיט אונדזערע פּראָגרעסיווע און קלאָרער דענקענדיקע נישט־יִדישע מיטבירגער פירן אַן ענערגישע קאָנטער־אַטאַקע קעגן דער טאָג־

טעגלעכער קאַנאַנאַדע פון אַנטיסעמיטישע לאַזונגען. אָבער ווען איך פרעג זיך, צי זענען מיר גופא, מיר ייִדן, גענוג צוגעגרייט, אינטעלעקטועל און מאָראַליש, צו אַזאַ קאָנטער־אַטאַקע, מוז איך מיר געבן אַ זייער מעלאַנכאָלישן ענטפער. מיר זענען נישט גענוג צוגעגרייט, שוואַך באַוואָפנט פאַר דעם, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס, ביודעים און בלא יודעים, זענען פילע פון אונדז גופא אין אַ באַדייטנדער מאָס אָנגעשטעקט מיטן גייסט פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער „פילאָסאָפיע". צווישן אונדז אַליין איז גאַנץ פּאָפּולער די מיינונג, אַז ייִדן שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין פּאַראַזיטישן אויסוווּקס אויפן אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט, אַז אַ גאָר־גאָר גרויסער פּראָצענט פון אונדז זענען פאַרנומען מיט לופט־פּרנסות, אין אומפּראָדוקטיווע און אַפילו דעסטרוקטיווע באַשעפטיקונגען, און על־פּי יושר קומט אונדז נישט דער חלק פון דער וועלטס חיונה, וואָס פאַלט אַריין אין אונדזערע הענט. און אָט דאָס איז דאָס פּראָבלעם, אויף וועלכן מיר ווילט זיך פיקסירן אייער אויפמערקזאַמקייט: מיר ליידן נישט נאָר פון האַס, וואָס אַנדערע פילן צו אונדז, נאָר אויך פון זעלבסט־פאַראַכטונג. גרויסע צאָלן ייִדן, אין אַלע לענדער, טראָגן זיך אַרום מיט אַ שפּלות־קאָמפּלעקס און זיי זענען גרייט צו באַטראַכטן כמעט אַלע אַנדערע פעלקער פאַר העכער אין זינען פון ווירטשאַפטלעכער מאָראַליטעט. און אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן זיך נישט באַפרייט פון דעם דאָזיקן שפלות־קאָמפּלעקס, ווי קען מען דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן מיט אַן אָפן פּנים און מיט אַ באַוווּסטזיין פון אונדזער גלייכווערטיקייט באַקעמפן אָדער העלפן באַקעמפן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע?

סימנים פון דער דאָזיקער זעלבסט־טאַדלונג און זעלבסט־פאַראַכטונג קענען מיר זען נאָך אין אונדזער השכלה־ליטעראַטור. דער אַמאָליקער משכיל האָט, צוזאַמען מיט געוויסע עלעמענטן פון דער אַזוי גערופענער אַלגעמיינער, דאָס הייסט, נישט־ייִדישער קולטור, איינגעזאַפּט אין זיך אויך אַ באַשטימטע דאָזע פון פאַראַכטנדיקער באַציִונג צו ייִדן און צו זייער פּלאַץ אין עקאָנאָמישן לעבן. די ייִדישע העכערע בורזשואַזיע איז די לעצטע פאַר דורות געווען גרייט אַרויסצוהעלפן דעם פּראָצעס פון ייִדישער פּראָלעטאַריזאַציע און דער פאַרשפּרייטונג פון לאַנדווירטשאַפט צווישן ייִדן נישט צוליב וועלכע נישט איז נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, אויך נישט נאָר כדי צו שטעלן אויף די פיס די דעקלאַסירטע עלעמענטן פונעם ייִדישן פאָלק, נאָר אויך, און אפשר הויפּטזעכלעך, כדי אַביסל אָפּצווישן דערמיט פון ייִדן דעם פלעק פון „פאַראַזיטיזם". פון אַן אַנטיסעמיטישן אָדער כמו־אַנטיסעמיטישן בליק אויף דער ייִדישער ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן, איז אַלע יאָרן געווען נישט פריי אויך דער ייִדישער סאָציאַליזם. נישט יעדער ייִדישער סאָציאַליסט האָט גע־

לייענט קאַרל מאַרקסעס ווערק „צור יודענפראַגע", אין וועלכן ייִדנטום ווערט אידענטיפיצירט מיט קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, מיט געלט־גיריקייט און וווּכער־אינסטינקטן, מיט אומפּאַרדינטע רווחים, אָבער עפּעס פונעם גייסט פון יענעם שאַקירנדיקן באַשולדיקונגס־אַקט איז פאַראַן אין די אויפפאַסונגען פונעם דורכשניטלעכן ייִדישן סאָציאַליסט, אָדער אפשר ריכטיקער, ייִד־סאָציאַליסט. דאָס מוז כלל נישט הייסן, אַז אַזאַ נישט־צאַרטע און אומגערעכטע באַציִונג צו ייִדן און ייִדנטום איז די מאָנאָפּאָל בלויז פון מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. רוסישע נאַראָדאָוואָלצעס האָבן מיט מאַרקסיזם גאָרנישט נישט געהאַט צו טאָן און זייער אומאיבערטראָפענער הומאַניזם וואָלט געדאַרפט אין זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פולשטענדיקע אימוניטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם, און דאָך זענען זיי אַמאָל שטאַרק געשטרויכלט געוואָרן אין זייער באַציִונג צו ייִדן. ווען זיי האָבן אין זייער צייט אַרויסגעגעבן (און דוכט זיך, אויך פאַרשפּרייט) זייער באַרימטע פּראָקלאַמאַציע צו די פּויערים, אין וועלכער די לעצטע זענען גערופן געוואָרן צו „צינדן די פּריצישע הייזער, ראַבעווען די פּאַמעשטשיקעס און שלאָגן ייִדן", איז דאָס נישט געווען, ווי אייניקע ווילן עס אויסטייטשן, בלויז אַ שטיק דעמאַגאָגישע סטראַטעגיק — צוצוגעווינען די פּויערים צו איניציאַטיווע און אַקטיוויטעט דורך אָנפאַנגען פון אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ פּאָפּולערן מאָטיוו אין רוסישן פאָלקס־לעבן. זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געפּועלט ביי זיך אַזאַ פּראָקלאַמאַציע אַרויסצוגעבן, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט דעם באַגריף אָדער, לכל־הפחות, אַן עטוואָס פאַרנעפּלטע פאַרשטעלונג, אַז ייִדן, ייִדן אַלס אַזעלכע, זענען אַן עקספּלואַטירנדיקער, „בלוט־זויגערישער" עלעמענט. יענע גרופּן, וואָס האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם אַגראַר־פּראָבלעם, פאַר וועמען דער פּויער איז געווען דער פּאָטענציעלער הויפּט־טרעגער פון זייערע אידייען, זענען בכלל געווען גענייגט צו באַטראַכטן דעם ייִדן אַלס די פאַרקערפּערונג פונעם שטאָט־מענטשן און פון שטאָטישער עקספּלואַטאַציע. דערפאַר איז אויך טאָלסטאָי מיט זיין אַגראַר־אַנאַרכיסטישן אוטאָפּיזם ווייט נישט געווען ריין פון אַנטיסעמיטישע רעאַקציעס און באַזונדערס... פון האַלב־אַנטיסעמיטישע „פאַרשווייגונגען". צו אָפט האָט דורך אים גערעדט דער פּויער מיט זיין ענגן סאָציאַל־עקאָנאָמישן האָריזאָנט, מיט זיינע פּרימיטיווע באַגריפן פון נוצן און שאָדן אין עקאָנאָמישע שייכותן, און מיט זיין אַלטן האַס צום שטאָטישן מענטשן און באַזונדערס צום ייִדן, ווי צום עקאָנאָמישן „כישוף־מאַכער" אָדער „פּאָקוסניק". אונטער פאַרשיידענע ליטעראַרישע איינפלוסן, אין אַ געוויסער מאָס אויך דורך באַשטימטע נוסחאות פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, זענען איינצלנע גיפטיקע טראָפּן פון ייִדנהאַס אַריינגעדרונגען אין באַוווסטזיין אויך פון אַ צאָל ייִדן, און איז ביי זיי פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין אַ טענדענץ צו זעלבסטהאַס אָדער זעלבסט־פאַראור־טיילונג.

אויך דער ציוניזם איז אין דעם פונקט נישט געווען אינגאַנצן קיין אויס־נאַם. פאַרקערט, אין געוויסע פעריאָדן איז ביי אייניקע וואָרטפירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג די טענדענץ צו שפּילן דעם פּראָקוראָר קעגן יידישן כלל געווען נאָך שטאַרקער ווי ביי אַנדערע. וויפל מאָל האָב איך אין מיין ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט געהערט דעם בראַווירנדיקן זאַץ, אַז „מ׳קען נישט זיין קיין גוטער ציוניסט, נישט זייענדיק פריער כאָטש — אַ שטיקל אַנ־טיסעמיט" (וויפל מאָל, האָב איך מורא זיך מודה צו זיין, האָב איך אַליין אַזאַ אָדער ענלעכן זאַץ גענוצט)! רמזים אויף אַזאַ זעלבסטהאַס געפינען מיר שוין ביי „ראשונים"; אין פאַרשיידענע נוסחאות און מיט אַ שטאַרקערן אָדער שוואַ־כערן אַקצענט באַגעגנט מען אַזאַ קטיגור־טאָן אויך ביי סירקינען און ביי באָ־ראָכאָוון; מיט אַ סליחה־ומחילה־טאָן האָט וועגן אונדזער שרעקלעכער זינדי־קייט גערעדט און געשריבן א. ד. גאָרדאָן, און מיט אַ דאָסטאָיעווסקי־ריטם פון אַ מין נאַציאָנאַל־מאַזאָכיזם האָט זיך אַליין און אונדז אַלעמען געשמיסן מלקות י. ח. ברענער. ביז היינטיקן טאָג איז אין ציוניסטישע אַרבעטער־קרייזן, ריכטיקער, אין רייען, וואָס אָריענטירן זיך אויף סאָציאַליסטישן און אַרבע־טער־ציוניזם, באַזונדערס פּאָפּולער דער באַגריף וועגן שיבת־ציון ווי וועגן אַ מין תשובה־פּראָצעס, ווי וועגן אַ רייניקונגס־שפּרונג פון עקאָנאָמישער טומאה אין אַ וועלט פון עקאָנאָמישער טהרה און קדושה. אין אונדזער טערמינאָלאָגיע פאַרנעמט שוין יאָרנלאַנג אַ באַזונדערס בכבודיקן פּלאַץ אַזאַ טערמין ווי „דת העבודה" (די רעליגיע פון אַרבעט), מיט דער פּראָקוראָרישער אימפּליקאַציע, אַז ווער עס טוט נישט קיין „פּראָדוקטיווע" פיזישע אַרבעט, פירט פאַקטיש אַ פּאַראַזיטיש לעבן.

און קומען מיר אין באַרירונג מיט דער נישט־יידישער וועלט און ווערט דאָרט אָנגעשטעלט די פראַגע פון דער יידישער ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן, ווערן מיר מערסטנטייל אַפּאָלאָגעטיש, הייבן מיר זיך אָן צו פאַרענט־פערן און זוכן אין דער געשיכטע „מילדערנדע אומשטענדן" פאַר אונדזער קאָרופּציע. דעמאָלט זענען מיר זיך סומך אויפן תנ״ך, אין וועלכן מ׳קען זען באַשיימפערלעך, אַז געבוירן געוואָרן זענען מיר גאָר ווילע, ערלעכע מענטשן — אַקערבויער און בעל־מלאכות — אַז דער טיפּישער סוחר, און דערמיט שוין אויך דער עקספּלואַטאַטאָר, איז אין אַלטערטום גאָר געווען דער כ נ ע נ י און נישט דער ייד, אַז אין הלכות־קאָמערץ זענען יידן געווען טויגעניכטסן אין פאַרגלייך מיט די גריכן, און אַזוי ווייטער. מיר לייקענען נישט דעם פאַקט פון אונדזער איצטיקער דעמאָראַליזאַציע; מיר באַשטעטיקן אַפילו אין אַ

גרויסער מאָס די אַנטיסעמיטישע הנחה, אַז מיר זענען ווירטשאַפטלעך אַ נישט־סימפּאַטישער, נישט־ניצלעכער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט, נאָר, ווי זיצנדיק אויף דער אָנקלאַגע־באַנק, זוכן מיר צו באַווייזן, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער ביטערער גלות, אונדזער היסטאָרישע רעכטלאָזיקייט און רדיפות. אונדזערע אַפּאָלאָגעטישע טענות זענען אַליין פאַר זיך טאַקע אמתע, נישט קיין אויסגעטראַכטע און נישט קיין איבערגעטריבענע. די חשיבות פון פיזי־שער אַרבעט פאַרנעמט נישט, דוכט זיך, אין קיין שום רעליגיעזער ליטעראַ־טור (אפשר מיט דער אויסנאַם פון דער אַלט־כינעזישער) אַזאַ גרויסן פּלאַץ ווי אין דער ייִדישער. אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן הויכשאַצן די פּונק־ציע פון יגיע־כפּים, וועלכע איז אין דער גריכישער ציוויליזאַציע באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ נידעריקע און הויפּטזעכלעך שקלאַפישע, האָבן מיר געענוג גרונט אָנצווייזן מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ אויף דעם תלמוד, וועלכער איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ ייִדישן לעבנסשטייגער און אַ קריסטאַליזאַציע פון סאָ־ציאַלע ווערטשאַצונגען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פון אונ־דזער פאָלקסלעבן. ווען איך לייען אין פּרקי אבות אַזאַ זאַך, ווי „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות“, אָדער „כל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה וגוררת עוון“; ווען איך זע ווי איינער פון די חז״ל פּסקנט, אַז „אין בעלי אומניות רשאים לעמוד מפני תלמידי חכמים, בשעה שהם עסוקים במלאכתם“ (בעל־מלאכהס, בשעת זיי זענען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט, טאָרן זיך נישט אויפשטעלן כדי אָפּצוגעבן כבוד תלמידי חכמים); ווען לויט איין תלמודישן אַפאָריזם איז מלאכה וויכטיקער פון זכות אבות און לויט אַן אַנדערן אַ פ י ל ו פ ו ן י ר א ת ש מ י ם; ווען איך דערמאָן זיך אָן דער שאַרפער וואָרע־נונג צו עלטערן, אַז אויב זיי לערנען נישט זייערע זין קיין מלאכה, איז דאָס גלייך ווי זיי וואָלטן זיי געלערנט ג ז ל ה; און ווען איך שטויס מיך אָן אָן די באַרימטע ווערטער, וואָס רב האָט געזאָגט צו רב כהנא — „פשוט נבלה בשוק וטול שכר, ואל תאמר כהן אני ואדם גדול אני וגנאי הוא לי“ (שינד אָפּ אַ נבלה אין מאַרק און קריג באַצאָלט, און זאָג נישט: אַ כהן בין איך, אַ גרויסער מענטש בין איך און דאָס איז פאַר מיר אַ חרפה צו טאָן) — דרינג איך דערפון אַרויס נישט בלויז דעם פאַקט, אַז אין אַלטערטום און אין פריִען מיטלאַלטער זענען ייִדן געווען מערסטנטייל אַ פאָלק פון יגיע־כפּימניקעס (דאָס זענען דאָך געווען אין זייער רוב מנין אויך אַנדערע פעלקער, ווייל זיי האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט), נאָר אַז ייִדן זענען געווען פּיאָנערן אינעם פּראָצעס פון אַראָפּנעמען די סאָציאַלע מינדערווערטיקייט פון פיזי־שער אַרבעט. קעגן דעם קוק אין קלאַסישן גריכנטום אויפן קנעכט, דעם טי־פּישן טרעגער פון פיזישער אַרבעט, ווי אויף אַ באַשעפעניש, וואָס דאַרף נישט

באַטראַכט ווערן פאַר אַ „יורידישער פּערזאָן", געפינען מיר ביי ייִדן די תלמוד־
דישע וואָרנונג, אַז אויב איינער וועט טענהן: „איך בין אַ מיוחס, איך שטאַם
פון אַ וויכטיקער משפחה, און מיר פּאַסט נישט זיך מבזה צו זיין און טאָן אַ
מלאכה", דאַרף מען אים ענטפערן, „שוטה, כבר קדמך יוצרך, שעשה מלאכה
קודם שבאת לעולם" (שוטה וואָס דו ביסט, דער רבונו של עולם האָט שוין
געשאַפן פאַר דיר אַ מוסטער, ווייל ער האָט געטאָן די מלאכה איידער דו
ביסט געקומען אויף דער וועלט — זיך מטריח געווען צו באַשאַפן אַ וועלט).
מיט אַזאַ קלאַסיש ייִדישן קוק אויף דער באַדייטונג און ווערדע פון פיזישער
אַרבעט, מעג טאַקע יעדער ייִד שטאָלצירן אַפילו ווען עס האַנדלט זיך נישט
וועגן זיך פאַרענטפערן אָדער „זיך־אויסשטעלן" פאַר אַנדערע. איך האָב אויך
גאָרנישט קעגן דעם, וואָס מיר סטאַרען זיך געבן פאַרשטיין אַנדערע, אַז
אַפילו אין שפּעטערע דורות האָבן ייִדן אַרויסגעוויזן אַ נאַטירלעכע נייגונג
צו אַקערבוי און מלאכה און אַז דאָס איבערגיין צו פרנסות, וועלכע אַ סך פון
אונדז שטעמפּלען אַלס „נישט־פּראָדוקטיווע", איז אין אַ סך אַ גרעסערער
מאָס דער חטא פון אונדזערע פאַרפאָלגער איידער אונדזער אייגענע זינד.
אין דעם איז זיכער פאַראַן אַ סך אמת. אין שפּעטן מיטלאַלטער איז קריסטן
געווען פאַרבאָטן צו זיין וווכערער און ייִדן איז דאָס געווען דערלויבט, און
נאָך מער — די מלוכה האָט זיי אָפטמאָל אַפילו דערמוטיקט זיך ווידמענען
דער דאָזיקער פּראָפעסיע. כדי צו באַגרייפן פאַרוואָס ייִדן האָבן זיך אין אַ ריי
אייראָפּעיִשע לענדער באַזייטיקט פון לאַנדווירטשאַפט, איז גענוג זיך צו דער־
מאָנען אָן די פעאָדאַלע געזעצן און באַציִונגען: דער פויער איז דעמאָלט גע־
ווען דער „לאַנדקנעכט" פונעם פּריץ, כדי צו בלייבן אויפן לאַנד האָט ער גע־
דאַרפט שווערן טרייהייט צום פעאָדאַל „אין נאָמען פון ישו, פון גאָטס מו־
טער און דעם הייליקן גייסט", און אַחוץ דעם האָט ער נאָך געדאַרפט צאָלן
יעדעס יאָר אַ מין מעשר פון זיין הכנסה נישט דירעקט דער מלוכה, נאָר דער
קאַטוילישער קירכע. אין יענע צייטן איז פאַר ייִדן זיין אַ פויער געווען דאָס
זעלביקע וואָס אַ צושטאַנד פון שמד אָדער דינען עבודה־זרה. דאָס איז זיכער
נישט די איינציקע סיבה פון אונדזער דע־אַגראַריזאַציע אין מיטלאַלטער, אָבער
עס לוינט צו דערמאָנען סיי פאַר אונדז אַליין און סיי פאַר דער אַרומיקער
נישט־ייִדישער סביבה אָן אַזעלכע און ענלעכע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען
דערצו, אַז מיר זאָלן אין משך פון אַזוי פיל דורות נישט פאַרנעמען קיין
פּלאַץ אין דער אַגראַרער ווירטשאַפט. אויף וויפל עס ווערט געפירט ביי אונדז
אַזאַ אויפקלערונגס־אַרבעט, האָב איך קעגן איר גאָרנישט, אויב דאָס ווערט
געטאָן געוויסנהאַפט, אָן גוזמאות. קעגן וואָס איך פיל אַלץ מער און מער אָן
אינעווייניקסטע באַדערפעניש צו פּראָטעסטירן, איז נישט די דאָזיקע אויפ־

קלערונג, נאָר די פּאָפּולערע אויפפאַסונג, אַז כאָטש נישט צוליב אונדזער אייגענער שולד, זענען מיר דאָך פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן — דער גלות האָט אונדז פאַרוואַנדלט — אין אַ מין פאָלק פון ווירטשאַפטלעכע אויסוואורפן.

איך בין כלל וכלל נישט פאַרליבט אין דער איצטיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידן אין דער וועלט. אָבער קיין אויסוואורפן זענען מיר נישט, און מיט וואָס מיליאָנען יידן זאָלן זיך נישט באַשעפטיקן, זענען זיי ווייט פון צו זיין סתם פּאַראַזיטן אויפן אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט. איך וועל זיך מוזן אָפּשטעלן אויף צוויי טעמים: אויף איינעם — קורץ, אויף דער אַנדערן לענגער, כדי זיך פאַרשטענדלעך צו מאַכן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן טעם בין איך באַזונדערס דאַנקבאַר יעקב לעשטשינסקין און ד״ר יחזקאל קויפמאַן. ביידע האָבן זיי אונדז באַוויזן מיט פאַקטן און ציפערן אין דער האַנט, אַז די גאַנצע מעשה וועגן יידישע נישט־פּראָדוקטיווע פּרנסות איז, אין אונדזער צייט, אין אַ גרויסער מאָס אַ ליגן אָדער אַ מיספאַרשטענדעניש... איך וועל אייך נישט מיד מאַכן מיט סטאַ־טיסטישע טאַבעלן, אָבער איך וואָלט יעדן פון די דעלעגאַטן געראָטן זיך פּער־זענלעך צו באַקענען מיט די מאַטעריאַלן, וואָס די פריער דערמאָנטע צוויי פאָרשער האָבן דורכגעזיפּט און פאַראַרבעט. פאַר די מייסטע פון אייך וועט זיין גענוג איבערצולייענען יחזקאל קויפמאַנס אַ קורצע אָפּהאַנדלונג „די באַשעפטיקונגס־סטרוקטור פון יידן״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער מאָנאַטשריפט „מאזנים״. איר וועט דאָרט זען, ווי אומדערוואַרטעט גרויס עס איז די צאָל פון יידישע האַרעפּאַשניקעס אין די מייסטע לענדער מיט אַ יידי־שער מאַסן־באַפעלקערונג; ווי באַדייטנדיק עס איז אין אייניקע לענדער דער יידישער יגיע־כפּים־אָנטייל אין אינדוסטריע. דער אָנטייל אין אַגריקולטור איז, נאַטירלעך, אַ סך קלענער ווי ביי די אומות העולם, אָבער ער איז — ביזן אָנפאַנג פון דער איצטיקער מלחמה, מיט איר קאַטאַסטראָפאַלער אַרויס־שטויסונג פון יידן גראָד פון די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע פּרנסות — אַ סך גרעסער ווי די מייסטע פון אונדז שטעלן זיך פאָר, גרעסער ווי ער איז געווען צוריק מיט צוויי־דריי דורות.

פאַר מיין צוועק איז אָבער וויכטיקער דער צווייטער טעם וועלכן איך וועל דערווייל פאָרמולירן דורך אַ פראַגע: אין וועלכער מאָס און אין וואָס פאַר אַ זינען זענען די אַזוי גערופענע נישט־פּראָדוקטיווע פּרנסות טאַקע באמת „נישט־פּראָדוקטיוו״, סאָציאַל אומנייטיק אָדער גאָר שעדלעך?

פּרימיטיווע פּויערים־פּסיכאָלאָגיע, די טעאָרעטישע און, באַזונדערס, די פּראָפּאַגאַנדיסטישע גוזמאות פונעם ענג־פּראָלעטאַרישן קלאַסן־סאָציאַליזם און, פון דער אַנדערער זייט, געוויסע נוסחאות פון רעליגיעז־אַנאַרכיסטישער

ראָמאַנטיק, האָבן געשטעלט צופיל דעם טראָפּ אויף פּראָדוצענטן־אַרבעט: ווער עס פּראָדוצירט נישט קיין זאַכן, וואָס האָבן אַ לענג, אַ ברייט און אַ גרעב, וואָס מען קאָן זיי אָנטאָפּן מיט די הענט און נאָכדעם נוצן אָדער פאַרנוצן אין דער פאָרם פון שפּייז, בגדים, וווינונגען אאַז״וו. — דער איז אַ פּוסטעפּאַס־ניק און אומזיסט־עסער. איך האָב בכיוון געברויכט דעם אויסדרוק פּראָדוצענטן־אַרבעט און נישט פּראָדוקטיווע אַרבעט, ווייל לויט דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איך וויל פאַרשלאָגן (און איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון ווערטער), מוז נישט יעדע פּראָדוקטיווע אַרבעט זיין אויך אַן אַרבעט פון „מאַכן זאַכן״, אָדער אַרויסציִען זיי פון דער ערדס געדערים אָדער גענערירן זיי פון פיזישער דינאַמיק. אונ־טער אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט דאַרף מען פאַרשטיין יעדע באַשעפטיקונג, וואָס באַפרידיקט מענטשלעכע באַדערפענישן, וואָס ברענגט צו סאָציאַל־ניצלעכע רעזולטאַטן. דער פּראָדוצענט, דער „זאַכן־מאַכער״, איז נישט דער איינציקער פונקציאָנער פון דער געזעלשאַפט, וואָס „פּראָדוצירט״ הנאה אָדער נוצן. ער איז דאָס אפשר געווען אין דער אַמאָליקער געזעלשאַפט מיט איר איינזייטיק־פּרימיטיוון און מאָנאָטאָנעם לעבנס־סטאַנדאַרד. ער קאָן עס נישט זיין און ער איז עס נישט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט מיט איר וואַריעטעט פון באַ־דערפענישן און מיט די שוין איצטער ריזיק אויסגעוואַקסענע מעגלעכקייטן יענע באַדערפענישן צו באַפרידיקן. אַ סך נישט־פּראָדוצירנדיקע פּרנסות מוזן דערפאַר באַטראַכט ווערן פאַר פּראָדוקטיווע.

אין טאָלסטאָיס לעבן איז געווען אַ פעריאָד פון אַ באַזונדערער באַגייס־טערונג מיט די דרשות פון באָנדאַריאָוו. באָנדאַריאָוו איז געווען אַ פאָלקס־מענטש מיט עקסטרעמע, האַרטע פּרינציפּן, און ער האָט אומעטום געפּרעדיקט די פליכט פון יעדן מענטשן נישט נאָר צו טאָן פיזישע, פּראָדוצירנדיקע אַר־בעט בכלל, נאָר ספּעציעל אַגריקולטורעלע אַרבעט, און אַפילו נישט סתם אַג־ריקולטורעלע, נאָר דאָס, וואָס ער האָט באַצייכנט אַלס „כליעבני טרוד״, „ברויט־אַרבעט״ — אַקערן און זייען און שניידן, כדי צו קאָנען עסן כשר, „אייגן״ ברויט. אויב אַ פאַרמער זאָל פּראָדוצירן בלויז באַנאַנעס אָדער עפּל אָדער אָראַנזשן, וואָלט ער, לויט באָנדאַריאָוון נאָך נישט יוצא געווען, וואָלט ער נאָך אַלץ געווען אַ „דאַרמאָיעד״, אַן אומזיסט־עסער. ער האָט געוואָלט, אַז יעדער מענטש זאָל זיין בפועל־ממש... אַ מוציא לחם מן הארץ — לחם און נישט קיין „לוקסוס־זאַכן״. אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט זיך טאָלסטאָי געפונען אונטער דער השפּעה אויך פון אַן אַלטן שוועד, אַ „פילאָזאָף״, וואָס איז אויסגעציירט געוואָרן אויף זיינע אייגענע הייוון. אויך יענער האָט געפּאָדערט, אַז יעדער מענטש זאָל אַליין, מיט די אייגענע הענט,

פראָדוצירן די „זערנעס" פאַר זיין שפייז. אָבער וואָס פאַר אַ שפּע פון לעבן יענער שוועד האָט זיך פאַרגעשטעלט, קען מען זען דערפון, וואָס ער האָט שאַרף געמוסרט טאָלסטאָיען פאַר טרינקען טיי: דערפאַר, וואָס איר לאָזט זיך דאָ וווילגיין מיט טיי־טרינקען, פלאַנצט דער כינעזישער פויער אויף זיין שטיקל באָדן בלויז דעם דאָזיקן אומנייטיקן פּראָדוקט און עס בלייבט אים נישט קיין פּלאַץ צו קולטיווירן רייז פאַר זיך און זיין פאַמיליע, אַזוי אַז עס קומט אים אויס כראָניש צו הונגערן (מיט דעם סאָרט מוסר־זאָגן האָט ער געזוכט צו לייזן דעם עקאָנאָמישן פּראָבלעם פון ראַסן און לענדער). טאָלסטאָי איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ באַזונדערס גרויסער התלהבות וואָס יענער „פילאָזאָף" האָט זיך אָפּגעזאָגט, אויף אַ באַזוך ביי אים, פון אַ גלאָז מילך: „מיין מאַמע איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און די קו, וואָס איר מעלקט דאָ, איז עמיצן אַנדערש מאַמע". איך ציטיר דאָ די דאָזיקע טשיקאַווע טעאָריעס, כדי צו באַטאָנען צו וועלכע משונהדיקע עקסטרעמען און אַבסורדן מען קען דער־גיין מיט דער אויפפאַסונג פון אוממיטלבאַרער פּראָדוקציע אַלס דעם איינ־ציקן מאַסשטאַב פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער ניצלעכקייט.

אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן, נאַטירלעך, אַזעלכע עקס־טראַוואַגאַנצן ווי די, מיט וועלכע טאָלסטאָי האָט זיך צייטנווייז געשפּילט, קיין פּלאַץ נישט פאַרנומען. די צילן, וואָס דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם האָלט פאַר זיינע נאָכפאָלגער, איז נישט באַשרענקונג פון באַדערפענישן, נאָר, פאַרקערט, זייער שטענדיקע פאַרמערונג און אויסברייטונג. די מצווה פון נע־מען אין מויל אַריין בלויז דאָס, וואָס די אייגענע פאַר הענט האָבן פּראָדו־צירט, איז אים דערפאַר שטענדיק געווען פרעמד, ווייל די עקאָנאָמישע שפּע, פון וועלכער ער טרוימט, פאָדערט אַן אַלץ מער פאַרצווייגטע און דיפערענ־צירטע פאַרטיילונג פון אַרבעט. פאַר אים זענען דערפאַר אַלע פונקציעס פון פּראָדוצענטן גלייך אין זייער סאָציאַלן ווערט. אָבער, ווי עס איז שוין אָנגע־וויזן געוואָרן, האָט ער יאָרנלאַנג מיט עקשנותדיק־דאָגמאַטישער איינזייטי־קייט אַקצענטירט דעם ווערט פונעם פּראָדוצענט און דעם רעלאַטיוון אומ־ווערט אָדער אפילו די פּאַראַזיטישקייט פון דעם, וואָס שטייט צווישן דעם פּראָדוצענט און דעם קאָנסומענט, אָדער פון דעם, וואָס זיינע פונקציעס האָבן נישט צו טאָן דירעקט מיט שאַפן עקאָנאָמישע „גיטער" אין קאָנקרעט־קענג־שטענדלעכן זין פון וואָרט. אָבער לויט אַזאַ ווערטשאַצונג, האָב איך מורא, קען זיך שוין באַלד אָנהייבן לייגן אויפן שכל, אַז דער מאַן, וואָס שטעלט יעדן פאַרטאָג אַוועק ביי דער טיר פון מיין וווינונג אַ פלעשל מילך, איז אַ „פּאַראַזיט" (ער פּראָדוצירט נישט, ער איז בלויז אַ פאַרמיטלער צווישן דער מילך־פירמע און מיר), בשעת די קרוין פונעם „פּראָדוצענט" און פונעם „ניצ־

לעכן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט", דאַרף מען גאָר אָנטאָן אויפן קאָפּ פון איר מאַיעסטעט, דער קו...

אין דעם פונקט איז בערנאַרד שאָ אַ סך גערעכטער פונעם רוסישן אַפּאָסטאָל, גערעכטער אויך פון אַ סך סאָציאַליסטישע פּשטנים און מוכיחים. „ווען אַ דאָרף־סטאָליאַר", לייענען מיר אין שאָס אַן אָפּהאַנדלונג, „מאַכט דעם פּאַרמער אַ פּלויט צו פאַרשפּאַרן פאַר די בהמות דעם וועג צום ווייץ־פעלד, האָט ער אין די הענט עפּעס סאָלידעס, וואָס ער קען באַטראַכטן פאַר זיין אייגנס ביז דער פּאַרמער וועט אים פאַר דעם באַצאָלן; אָבער ווען דאָס דאָרפישע יינגל מאַכט אַ רעש מיטן מויל, כדי צו פאַרטרייבן די פייגל פון דעם זעלבן פעלד, קען ער גאָרנישט נישט ווייזן, כאָטש דער רעש איז פונקט אַזוי נוצלעך ווי דער פלויט". דאָס דאָזיקע יינגל, הייסט עס, פּראָדוצירט עקאָנאָמיש־נוצלעכע רעזולטאַטן, כאָטש ער איז נישט קיין פּראָדוצענט פון קיין זאַך, ווי דער סטאָליאַר איז. „די הויזדינערין", לייענען מיר אין דעם זעלבן עסיי, „שאַפט אויך נישט עפּעס ס ו ב ס ט אַ נ צ י ע ל ע ס, און אַמאָל צעברעכט זי גאָר זאַכן", אָבער קיינער האָט נישט קיין גרונט נישט צו אָנערקענען איר פונקציע פאַר אַ ניצלעכער, און וואָס־וואָס קיין פּאַראַזיט איז זי נישט.

און קיין פּאַראַזיטן זענען נישט מיליאָנען מענטשן אין יעדן לאַנד, וואָס פּאַרמערן נישט אַפילו מיט קיין כזית דעם סכום עקאָנאָמישע גיטער, אויב זיי דערפילן אַנדערע פונקציעס, וואָס מאַכן דאָס לעבן פון זייערע מיטמענטשן באַקוועמער, שענער, געזונטער, אינטערעסאַנטער אָדער מער קאָמפּאָרטאַבל. קיין פּאַראַזיט איז אויך נישט דער יידישער קרעמער (איך נעם אַ טיפּישע יידישע פּראָפעסיע, אויף וועלכער פּרעמדע און אייגענע האָבן געוואָרפן אַזוי פיל שמוץ), אויב ער האַנדלט נישט מיט קיין גענבעטער סחורה, גיט אַ ריכטיקע וואָג און נוצט נישט אויס די אומדערפאַרנקייט פונעם קונה.

אין פּרינציפּ איז נישט פאַראַן קיין מאָראַלישער ווערט־אונטערשייד צווישן אַ קרעמער, וואָס אָפּערירט מיט זיין אייגענעם געוועלבל, און אַ גע־דונגענעם פאַרקויפער אין אַ פּראָלעטאַריש־קאָאָפּעראַטיווער אָדער סאָוועטי־שער מלוכה־קראָם (כאָטש עס קען, נאַטירלעך, זיין אַ געוויסער ווערט־אונ־טערשייד צווישן אינדיווידועלער און נאַציאָנאַלער ק ר ע מ ע ר יי). ביידע זענען זיי באַשעפטיקט אין דיסטריבוציע, אָן וועלכער מיר קענען זיך נישט באַגיין, און ביידע קענען זיי כשר פאַרדינען זייער ברויט, אויב זיי באַדינען אונדז ווי געהעריק. איך קען נישט גיין נאָך מיין פונט צוקער דירעקט צום קובאַנער פּראָדוצענט, נאָך מיין פונט טיי דירעקט צום כינעזישן פּלאַנטאַטאָר, און פאַרן קיין טולאַ זיך איינשאַפן אַ סאַמאָוואַר דירעקט פונעם בעל־

מלאכה וואָס פּראָדוצירט אים. כּדי איך זאָל קענען באַפרידיקן מיינע באַ־רעכטיקטע הצטרכותן, מוז איינער אַרבעטן אין טראַנספּאָרט, אַן אַנדערער אין אימפּאָרט, אַ דריטער אין קרעמעריי אאַז״וו. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געהאַמערט אין די קעפּ, אַז די „קראַסניע קופּצי״ (די „רויטע סוחרים״, דאָס הייסט די וואָס זענען באַשעפטיקט אין סאָוועטיש־מלוכהשן האַנדל און דיסטריבוציע־אַפּאַראַט) דערפילן אַ גרויסע עקאָנאָמישע פונקציע. אָבער „רויטע סוחרים״ אַפילו פון אַן אמת סאָציאַליסטישער ווירט־שאַפט זענען אויך סוחרים, כאָטש זיי אַרבעטן נישט פאַר פּראָפיטן, נאָר פאַר שכירות, און אַ קרעמער וואָס שטעלט מיר צו פרישן קעז און פוטער, און ברויט, איז אַ סך אַ ניצלעכערער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, ווי אַן אַר־בעטער וואָס פּראָדוצירט, לאָמיר זאָגן, טשוינגס־גאַם אָדער לאַליפּאַפּס (איך רעד שוין נישט פון אַזעלכע פּראָדוצענטן, וואָס פאַרמערן אונדזער סכום פון „עקאָנאָמישע גיטער״ דורך מאַכן באָמבעס, קאַנאָנען, מאַשינען־ביקסן. גיי־לאַטינעס).

ווער זשע איז אייגנטלעך אַ פּאַראַזיט? קיין איין און איינציקער מענטש, וואָס איז באַשעפטיקט מיט עפּעס אַזוינס, פון וואָס זיינע מיטמענטשן האָבן נוצן אָדער הנאה, אויב ער כיטרעוועט נישט אַרויס דערפון פאַר זיך אַ הכנסה, וואָס איז נישט אין פּראָפּאָרציע צו זיין ביישטייער אין צום אַלגעמיינעם עקאָ־נאָמישן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט. אין אַמאָליקן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, למשל, זענען אין די קאַפע־הייזער געזעסן פּראָפעסיאָנאַלן אַזעלכע, וואָס זייער איינציקע עובֿדה איז געווען צו דערציילן מעשיות — אויסגעטראַכטע, פאַר־פלאָנטערטע, לאַבירינטרייכע און פאַנטאַזיעפולע מעשיות. טערקן, אָרעמע און רייכע, האָבן ליב געהאַט זופּן שוואַרצן קאַפע, צובייסן מיט ראַכאַט־לוקום, לאַנגזאַם רויכערן די נאַרגילע און הערן מעשיות. פאַר דערציילן אַ מעשה פלעגט זיך דער פּראָפעסיאָנאַל הייסן באַצאָלן און דערפון האָט ער געלעבט. איז ער געווען אַ פּאַראַזיט אָדער אַ „פּראָדוקטיווער״ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט? לויט מיין הנחה — אַ פּראָדוקטיווער מענטש (אויב איך בין ברוגז אויף אייניקע פון זיי, איז בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך פאַר־נומען אויך מיט „ספּעקולאַציע״: עס זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פלעגן אָפּרעדן מיטן עולם אַז זיי דאַרפן באַקומען, לאָמיר זאָגן, אַ פּיאַסטער פון אַ קאָפּ, אָבער נאָך אַ שטונדע דערציילן, פונקט דעמאָלט ווען די צוהערער זענען געווען באַזונדערס געשפּאַנט, ערבֿ דעם קלימאַקס, גראָד ווען עס דאַרף געשעפן ווערן אַ נייע סיטואַציע, כּדי דער בן־מלך זאָל זיך נאָכאַמאָל קענען באַגעגענען מיט דער בת־מלכּה, פלעגן זיי דערקלערן אַ שוויג־שטרייק: אָדער איר גיט מיר אַ הוספה, אָדער איך לאָז אייך איבער אין מיטן דער מעשה).

עס קען זיין, אַז מענטשן מיט לאַנגע בערד דאַרפן נישט פאַרברענגען זייער צייט אַזוי קינדעריש — כאָטש פערזענלעך ווייס איך נישט פאַרוואָס. איך ווייס נישט ווו עס ליגט דאָ דער חטא, און פאַר אַ שיין דערציילטער בבא־מעשה בין איך נאָך איצט אויך גרייט נישט נאָר זיך צו לאָזן זיך עפּעס קאָסטן, נאָר אַפילו גיין עטלעכע מייל צופוס. אין יעדן פאַל, אַזוי לאַנג ווי יענע טערקן האָבן געהאַט אַזאַ באַדערפעניש — און זייער באַדערפעניש צו הערן מעשיות איז געווען, דאַרף מען געדענקען, זייער אַן אינטענסיווע — האָט יענער „לופט־מענטש“ דערפילט אַ פונקציע וואָס איז געווען נישט ווייניקער נוצלעך פון דער פונקציע פון אַ טערקישן פּראָלעטאַריער, וואָס פּראָדוצירט, לאָמיר זאָגן, כאַלוואַ.

איך ווייס, אַז איך בין מחוייב צו טאָן אַ ניצלעכע אַרבעט, כדי נישט צו בלייבן אַ בעל־חוב דער געזעלשאַפט און נישט צו לעבן אויף איר חשבון. אָבער אַ בעל־חוב בין איך נישט נאָר לגבי דעם פּאַרמער און אַ פּאָר אַנדערע פּראָדוצענטן, וואָס באַזאָרגן מיך מיט שפּייז, בגדים און אַ וווינונג. פאַר מיר טוען וויכטיקע און ניצלעכע אַרבעט הונדערטער אַנדערע מענטשן, וואָס פּראָדוצירן לחלוטין גאָרנישט. דער מילך־מאַן, דער גראָסער וואָס שטעלט מיר יעדן פרימאָרגן צו פרישע זעמל; דער „עקסטערמינייטאָר“, וואָס דערלאָזט נישט אַז אין מיין וווינונג זאָל זיך פּריה־ורביהן ברואים וואָס נאָר גאָט ווייס צוליב וואָס ער האָט זיי באַשאַפן; דער עלעוועיטאָרמאַן, דער באָס־דרייווער און דער סאָבוועי־ קאָנדוקטאָר; דער צושטעלער פון האַנטיכער אין מיין ביוראָ; דער קעלנער אין רעסטאָראַן; דער שערער, דער שטיוול־פּוצער, דער ראַדיאָ־אַנאָנסירער, דער דאָקטאָר און דער דענטיסט, די קראַנקן־שוועסטער וואָס איז אַרום מיר געגאַנגען אין שפּיטאָל, דער פּולמאַן־קאַר־פּאָרטער וואָס מאַכט מיר מיין בעט; עטלעכע צענדליק קאָרעספּאָנדענטן פון דער טאָג־צייטונג וואָס איך לייען; מיין זונס זעקס לערער אין זיין שולע; דער בריווטרעגער און דער טעלעגראַמען־טרעגער, די טעלעפאָן־אָפּעראַטאָרין, הונדערטער אַרטיסטן אין טעאַטערס און אין קינאָ צוזאַמען מיט די „אַשערס“ וואָס ווייזן מיר אָן מיין פּלאַץ; דער פּאָליסמאַן, דער פייערלעשער, דער בוכהענדלער, דער פלאָריסט, דער ביבליאָטעקאַר, דער „גאַיד“ אין אַ פרעמדער מדינה, דער פּילאָט און אויך די „האָוסטעס“ פונעם אַעראָפּלאַן, וואָס איז מיך בלויז מכבד מיט וואַרעמער קאַווע ווען עס ווערט קילער אין דער הויך; דער שיף־מאַטראָס און דער צוג־קאָנדוקטאָר, דער פאַרזיכערונגס־אַגענט (וועלכן מען וועט אַמאָל נישט דאַרפן, ווייל מען וועט איינפירן נאַציאָנאַלע און אָבליגאַטאָריש־אויטאָמאַטישע פאַרזיכערונג פאַר יעדן, אָבער דערווייל — אַ דאַנק אים פאַרן איינרעדן, פאַרן דערמאָנען און פאַרן איינמאָנען די פּרעמיעס); דער אויפ־

זעער פונעם מוזעום און זיינע אַרויסהעלפער, און אויך דער באַאַמטער פונעם ר'יעל־עסטעיט־אָפיס וואָס פאַרשפאַרט מיר עטלעכע טעג צייט, ווען איך זוך אַ נייע דירה (אין גרונט איז ער אַ מעקלער און דער באַלעבאָס זיינער איז אַ מעקלער, אָבער מיר איז שווער אָן אים אויסצוקומען). אויף וויקענדס פאָר איך פון צייט צו צייט אַרויס אין דאָרף, צו אַ פאַרמער, וואָס אונדזערע ווירט־שאַפטס־מאָראַל־פּוריסטן האַלטן אים נישט פאַר קיין פאַרמער און שפעטן פון אים אָפּ — ער פּראָדוצירט גאָרנישט און אַפילו מילך קויפט ער פאַר זיך און פאַר זיינע געסט פון אַ שטאָטישער פירמע — אָבער איך ווייס, אַז ער און זיין פרוי זענען פאַרט אַרבעטס־מענטשן, אַז זיי האָרעווען שווער כדי זייערע געסט, פון וועלכע זיי לעבן, זאָל זיי באַקוועם און אנגענעם. די איינציקע פרנסה ביי ייִדן, וועלכע איך באַטראַכט אין פּרינציפּ פאַר אַן איבעריקע, איז בלויז שדכנות. אָבער, ערשטנס, איז קיינער נישט מחויב אָנצונעמען מיין אָפּשאַצונג (קיינער באַצאָלט דאָך נישט קיין שדכן, אויב ער האָט פון אים נישט קיין נוצן), און, צווייטנס, נאָר קליינשטעטלדיקע ייִדישע מיידלעך אין רוסלאַנד האָבן געמיינט, אַז ביי גויים איז יעדער בחור אַ ראָמעאָ און יעדעס מיידל אַ דזשוליעטאַ. ביי די אומות־העולם, אַמעריקע אַריינגערעכנט, איז שדכנות אויך אַ גאַנץ פּאָפּולערע באַשעפטיקונג. וואָס נאָך בלייבט אונדז אי־בער פון די אַזוי גערופענע ספּעציפישע ייִדישע פרנסות? כלי־קודש? איז נאָך אויך אַ פראַגע, צי דער קלעריקאַלער צעך איז ביי אונדז אַ גרעסערער ווי ביי אַנדערע פעלקער. ביי די קאַטוילישע און גריכיש־אָרטאָדאָקסישע אומות מיט זייערע מאָנאַכן, נאָנעס, „אַלטיטשקע" און נע־ונדניקעס לשם שמים, איז דער דאָזיקער צעך נישט קלענער, נאָר אפשר גאָר גרעסער ווי ביי אונדז (אגב, אין טיבעט איז יעדער פינפטער זכר אַ כלי־קודש־מענטש).

איך האָב מורא, מ'וועט מיך באַשולדיקן אַז איך נעם אָן ערנסטן ענין און מאַך פון אים אַ שאַרזש. איך מיין אָבער, אַז ס'איז אפשר גאָרנישט אַזאַ קרומע זאַך ווי טאָקע גוט־גוט אָפּשפּעטן פון אַ פאַלשער אויפפאַסונג, וואָס אַנטוויקלט אין אונדז שעדלעכע אינפעריאָריטעט־געפילן לגבי אונדזערע נישט־ייִדישע שכנים. איך בין ווייט פון צו האַלטן אַלע ייִדן פאַר צדיקים, און מיר זענען באַקאַנט צופיל טעמים, צוליב וועלכע מ'מוז באַטראַכטן אונדזער היינ־טיקע עקאָנאָמישע מערכה פאַר אַ נישט־זיכערער און אָנגעלאָדענער מיט גע־פאַרן (איך באַטראַכט היינט נישט דעם ענין פון שטאַנדפּונקט פון די גרויסע ענדערונגען וואָס מיר מוזן אפשר דורכפירן אין אונדזער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור צוליב ר יי ן - פּ ר אַ ק ט י ש ע מאָטיוון), אָבער דאָס וואָס כ'האָב געזוכט צו באַטאָנען, איז בלויז איין זאַך: אַז מיר זענען, אַלס אַן עקאָ־נאָמישער טיפּ, נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער; אַז

א ו נ ט ע ר ד י ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן פ ו ן ד ע ר א י צ ט י ק ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט דערפילן מיר ווירטשאַפטלעכע פונקציעס, וואָס זענען סאָציאַל נישט ווייניקער ניצלעך ווי די פונקציעס פון אַנדערע פעלקער; אַז זאָל זיך קיינער נישט אונטערנעמען אונדז איינרעדן, אַז אַזוי פיל יאָרהונדערטער איז די וועלט געווען אַ נאַר און האָט אונדז געקאָרמעט אומזיסט. און ווייטער: איך בין נישט שטאָלץ מיטן אַמאָליקן יידישן שענקער, אָבער איך וויל אַז מיין רוסישער שכן זאָל זיך אויך שעמען מיטן באַלעבאָס פון זיין „קאַבאַק״, מיין ענגלישער שכן — מיטן אייגנטימער פון זיין „פּאַב״ און מיין אַמעריקאַנער שכן — מיט זיין סאַלון־קיפּער. איך האָב געזען אין דער סאַוט אייניקע העסלעכעביישפּילן פון דעם אופן ווי יידישע „קאָסטאָמער־פּעדלער״ באַהאַנדלען זייערע נעגער־קליענטן און איך האָב זיך געשעמט פ אַ ר ז י ך, אָבער איך וויל זיך נישט שעמען פאַר סאָדעגערער אַנגלאָ־זאַקסישן דזשענטלמאַן, ווען איך זע ווי ער באַהאַנדלט נאָך היינט זיינע נעגער־אַרבעטער אויף די פּלאַנטאַציע־פעלדער. מיר איז נישט לייכט דן זיין לכף־זכות דעם אַמאָליקן אוקראַינער יידישן ישובניק, וואָס האָט גענומען אין אַרענדע די קירך און האָט זי אָפּטמאָל זונטיק נישט געלאָזט עפענען פאַר די פּויערים, אויב מ׳האָט אים נישט באַצאָלט, אָבער איך וועל קוקן יעדן אוקראַינער גלייך אין פּנים אַריין, אויב ער פאַרגעסט אַז ע ר דאַרף זיך אויך שעמען מיט זיין קריסטלעכן פּריץ, מיטן „באַלעבאָס״ פון דער קירך, וואָס האָט זי דעם יידן אַוועקגעגעבן אין אַרענדע, צוליב פּראָפיטן.

דאַרף מען נאָך דעם אַלעמען נאָך שטעלן די פראַגע, צי און ווי אַזוי אַזאַ מאָראַליש „לויזער״ בליק אויף יידישע עקאָנאָמישע טעטיקייטן גראַמט זיך מיט אונדזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע? זאָלן מיר אויפהערן אין אונדזער ארץ־ישראל־אַרבעט, אין אונדזער גאַנצער באַוועגונג, צו שטעלן דעם טראָפּ אויף יגיע־כפּים, אויף דעם פּרימאַט פון אַגריקולטור, אויף פּראָדוצירנדיקע באַשעפטיקונגען, אויף דעם וואָס מיר באַצייכענען שוין נישט פון נעכטן אָן מיטן נאָמען „חלוציות״? איר פאַרשטייט מסתמא אַליין, אַז איך שלאָג דאָ נישט פאָר קיין רעוויזיע, קיין „אומוווערטונג פון ווערטן״, ביי וועלכע מיר האַלטן זיך שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר. דער ציוניזם — נישט נאָר דער סאָציאַליסטישער, נאָר אויך דער סתם־ציוניזם — איז מחוייב אויך ווייטער צו פאָדערן פון מאָדערנע יידן, אַז זיי זאָלן זיך, אַזוי צו זאָגן, „איבערבויען״ עקאָנאָמיש, אַז זיי זאָלן קולטיווירן אין זיך און אַרום זיך אַנדערע ווירטשאַפטלעכע כוחות און טוגענדן, ווי די אויף וועלכע זיי זענען אויסגעכאָוועט געוואָרן. און דער טעם דערצו, דאַרף דאָך יעדער וויסן, איז אָן אומגעהייער איינפאַכער: אָנגענומען, אַז סאָרווערוי איז, ווי איך האָלט, אַ גאַנץ כשרע,

פראָדוקטיווע (כאָטש נישט קיין פּראָדוצירנדיקע) פרנסה, אָבער די ווירט־שאַפט פון אַ גאַנץ פאָלק, אויב עס וויל מאַכן עקאָנאָמישן שבת פאַר זיך, אויספורעמען פון זיך אַ גאַנצע געזעלשאַפט און נישט זיין בלויז (כאָטש אַפילו אַ ניצלעכער) צוגאָב אָדער „אַריינגאָב" אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, קען זיך נישט שטיצן בלויז אויף סאַרוועריי. סאַרווערס האָבן אַ זין בלויז דאָרטן, ווו עס איז פאַראַן וועמען צו סערווירן. נעמט מען זיך אויפבויען אַ ניי לאַנד, אַ נייע זעלבסטשטענדיקע געזעלשאַפט, אַ פאָלק מיט אַ מער אָדער ווייניקער אינטעגראַלער עקאָנאָמיק, מען מוז לכתחילה טראַכטן וועגן אַ ברייטערער וואַריעטעט פון פּראָפעסיעס און מ'מוז פאַר אַלעמען שאַפן דאָס בראשיתדיקע פון יעדן נאָרמאַלן מענטשלעכן צוזאַמענזיין. דאָס בראשיתדיקע איז נאַטיר־לעך אַגריקולטור, און נאָכדעם מלאכה און טעכנאָלאָגיזירטע אינדוסטריע, און אין געוויסע פאַלן (אין זייער אַ גרויסער מאָס אויך אין אונדזער פאַל) איז דאָס אויסטריקענען זומפּן אָדער אויסהאַקן וועלדער אַליין פאַר זיך נאָך נישט קיין פּראָדוקציע; דאָס איז אָבער יענע פּיאָנערישע אַרבעט אין אַ סך קאָלאָניזאַציע־געביטן, וואָס שאַפט די פאָרבאַדינגונגען פאַר פּראָדוצירנדיקער און נאָכדעם, מיט דער צייט, אויך פאַר סתם פּראָדוקטיווער אַרבעט. מיר זע־נען קעגן דעם, אַז אַכציק פּראָצענט ייִדן וואָס ווילן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל זאָלן ווערן קרעמער — נישט דערפאַר, וואָס קרעמעריי איז אין תוך אַ פּאַראַזיטישע באַשעפטיקונג, נאָר ווייל מען דאַרף זיי דאָרט אין אַזעלכע צאָלן נישט האָבן; ווייל זיי וועלן נישט האָבן וועמען צו פאַרקויפן און צו באַ־דינען; ווייל מיר מוזן דאָרט ערשט שאַפן באַדינגונגען פאַר קרעמעריי (אינדי־ווידועלער, קאָאָפּעראַטיווער אָדער מלוכהשער); און ווייל אַזעלכע באַדינגונ־גען קען שאַפן אויף אַ נאָרמאַלן אופן נאָר אַ קלאַס פון אַקערבויער, פון בעלי־מלאכהס און פון אינדוסטריעלע אַרבעטער. אין ארץ־ישראל מוזן מיר באַ־שטיין אויפן פּרינציפּ פון וואָס מער פּראָדוצענטן, אויף אַ ראַדיקאַלער פּראָ־פעסיאָנעלער אומשיכטונג און — אין אַ געוויסן זין און פאַר אַ באַשטימטן פּעריאָד — אויף אַ באַזונדערן קולט פון יגיע־כפּים. דער טעם דאָ איז אַ גאַנץ בולטער און דורכזיכטיקער: מיר האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן דאָרט אַ ג אַ נ צ ע וו ע ל ט אין אַ לאָקאַלן זעיר־אנפּין. ווען איך לייען אַזאַ ארץ־ישראל־דערציילונג ווי „באר חפרנו" (מיר האָבן געגראָבן אַ ברונעם) מיט איר דערגרייכונגס־ענטוזיאַזם, וואָס קלינגט אפשר נאַיִוו און אומבאַגרינדעט־באַרימעריש פאַר אַ פרעמד אויער, פאַרשטיי איך זייער גוט די באַרעכטיקונג פאַר יענעם ענטוזיאַזם — נישט דערפאַר וואָס דאָס איז פּראָדוקטיווע אַרבעט, און אָנצאַפּן גאַזאָלין פאַר מיין אויטאָמאָביל, אָדער מיר פאַרקויפן אַ פלעשל סאָדע־וואַסער, ווען איך ווער פאַרברענט פון דאָרשט, זאָל זיין אַ „פּאַראַזיטי־

שע" באַשעפטיקונג, נאָר ווייל ברונעם־גרעבער פעלן אונדז און אַנדערע פונק־ציאָנערן האָבן מיר געוווג, ווייל ברונעם־גרעבער דאַרפן מיר האָבן אין לאַנד פ א ר דעם גאַזאָלין־פאַרקויפער אָדער דעם קרעמער.

מיר איז נאַטירלעך ווייט נישט פרעמד דער געדאַנק פון אַ ייִדישן עקאָ־נאָמישן איבערבוי אויך אין חוץ־לאָרץ. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז מיר זאָלן צופיל רעפּרעזענטירט אין איין גרופּע פּראָפעסיעס און צו ווייניק אין אַנדערע גרופּן, און אַז דאָס איז פאַר אונדז נישט געזונט, אין געוויסע לענדער אַפילו געפערלעך. עס קען זיין, אַז אויך אין אַמעריקע מוזן מיר זיך — צוליב ריין פּראַקטישע טעמים — עקאָנאָמיש אומשיכטן, און איך וועל זיין דאַנק־באַר יעדן איינעם, וואָס איז בכוח נישט בלויז צו זיין אַ מוכיח און פּאַכען מיט דער מוסר־בייטש איבער ייִדישע קעפּ, נאָר אויך קאָנקרעט אָנצווייזן, ווי אַזוי, למשל, ייִדן זאָלן דאָ, אין דער ראַם פון דער איצטיקער געזעלשאַפט און אונטער די הייַנטיקע באַדינגונגען פון דעזאָריענטירטן קאַפּיטאַליזם, ווערן אין גרויסע צאָלן פּאַרמערס, קוילן־גרעבער און מעטאַל־אַרבעטער. איך בין צו ווייניק עקאָנאָמיסט, אַז איך זאָל קענען האָבן אַ פעסטע מיינונג, צי דאָס איז איצטער מעגלעך אָדער אוממעגלעך. אויב דאָס זאָל זיין אוממעגלעך ביז די גאַנצע סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט וועט דורכמאַכן געווי־סע פונדאַמענטאַלע ענדערונגען, איז דער מוסר־זאָגער נישט מער ווי אַ לועג לרש. אויב דאָס זאָל יאָ זיין מעגלעך און אויב מען דאַרף עס טאָקע, ווי איך בין געניגט צו מיינען, אַז מען דאַרף עס, כדי מיר זאָלן נישט אַרויסגעשטויסן ווערן פון דער עקאָנאָמישער ראַם בכלל, וועלן מיר באַגריסן יעדן קאָנסטרוק־טיוון פּלאַן, וואָס איז עלול אונדז צו פירן צו אַ בעסערער און סטאַבילערער לאַגע. אָבער פאַר אַלעמען לאָמיר אויפהערן אַרומצוגייַן איבער דער וועלט מיטן געפיל פון אַ הויקער אויפן רוקן (ווען דער הויקער איז פאַקטיש אַ בייזע אויסטראַכטעניש), און לאָמיר אויפהערן מיט אונדזערע טעאָריעס און מיט אונדזער טערמינאָלאָגיע דערמוטיקן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אונדזער ווירטשאַפטלעכע מערכה קען זיין אַ קראַנקע, אַ דורכגעלעכער־טע, אַפילו אַ געפערלעכע. זי איז אָבער נישט קיין ספּעציפיש־אוממאָראַלישע, און וואָס זי זאָל נישט זיין, איז זי אַזעלכע, אַז געמאָסטן מיט די סטאַנדאַרדן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, טאָר זי בשום־אופן נישט געשטעמפּלט ווערן אַלס אַ פּאַראַזיטישע.

1942

אַ בריוו קיין אינדיע

איך ווייס נישט ווי אייך צו אַדרעסירן. אַמאָליקע יאָרן וואָלט איך אייך גערופן „מאַהאַטמאַ" (גרויסע נשמה) — אַ נאָמען מיט וועלכן מיליאָנען פון אייערע פאָלקסגענאָסן האָבן אייך געקרוינט. איך ווייס אָבער, אַז איר האָט פאַרבאָטן דאָס דאָזיקע וואָרט אָנצווענדן אויף אייך, און אין אַ מינוט פון פּראָטעסט און אויפרעגונג האָט איר דערקלערט, אַז איר זייט נישט מער ווי אַ „גאַסנקערער". איך וואָג אייך אויך נישט אָנצורופן לערער. אויף אייער נאָמען האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן ביי טאָלסטאָיען אין זיין „בריוו צו אַ הינדו"; איך פאָלג נאָך אייער טעטיקייט זינט 1914; אין מיין זכרון האָבן זיך טיף איינגעקריצט אַלע דאַטן און פּרטים פון אייער ליידנס־וועג — פון אייערע אַרעסטן און געריכטס־פּראָצעסן, פון אייערע נדרים און תעניתים, פון אייערע זיגן און פון יענע צייטווייליקע נידערלאַגן, וועלכע האָבן קיינמאָל אייער אמונה נישט געבראָכן; איך האָב געלייענט אין די שפּראַכן וואָס זענען מיר צוגענגלעך אַלץ וואָס איר האָט געשריבן. עס איז אָבער נישט אייער שולד, אויב טראָץ דעם וואָס איך בין אין געוויסע פּעריאָדן אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז אין די טיפענישן פון מיין וועזן דורך אייער לערע און לעבנס־קונסט, בין איך נאָך וויט פון צו זיין אייערער אַ תלמיד אָדער נאָכפאָלגער. איר ווייסט, ווי אומגעהייער שווער עס איז אייך נאָכצו־פאָלגן מיט אויפריכטיקייט און לעצטער קאָנסעקווענץ אין אינדיע גופא, אין אַ לאַנד וווּ ראַסע און קולטור־געשיכטע האָבן געשאַפן פאַרבאַדינגונגען פאַר דער אַקלימאַטיזאַציע פון אייערע אידייען; פיל שווערער איז עס איז די מערב־לענדער, באַזונדערס פאַר מענטשן פון מיין דור און לאַנד־אָפּשטאַם, וואָס זע־נען אויפגעוואַקסן אין דער טעמפּעראַטור פון דער העראָאישער און מאָראַליש־קאָנפליקטנרייכער רוסישער רעוואָלוציע. מיר איז אָבער נישט שווער אייך אָנצורופן ב ר ו ד ע ר, שוין צוליב דעם אַליין וואָס איך געהער צו אַ פאָלק וואָס האָט נאָך צוריק מיט טויזנטער יאָרן, דורך זיינע נביאים, אַרויסגע־שטראַלט פון זיך די אידייע פון גאָטס אוניווערסאַלער פאָטערשאַפט און פון דער אומפאַרניכטבאַרער ברודערשאַפט פון אַלע יענע וועזנס וועמען גאָט האָט באַשאַפן „אין זיין פורעם און געשטאַלט".

אָבער איידער איך וועל איבערגיין צום אייגנטלעכן צוועק פון מיין בריוו און צו מיין פאָדערונג, וועלכע וועט אפשר קלינגען ווי אַן אַרויספאָדערונג,

דערלויבט מיר אייך אָפּצוגעבן מזל־טוב מיט דעם גרויסן זיג וואָס איר האָט צוריק מיט עטלעכע חדשים אָפּגעהאַלטן אין אייער קאַמף פאַר מענטשלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. איך האָב דערמיט אין זינען דעם מאַניפעסט פונעם יונגן מאַהאַראַדזשאַ אין דעם שטאַט טראַוואַנקאָר, דורך וועלכן עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע רעליגיעזע און סאָציאַלע דיסקרימינאַציעס קעגן די גרויסע צאָלן „אומבאַרירבאַרע" פון יענער געגנט. מיר צווייפלען דאָ נישט אין די נאָבעלע כוונות פונעם פּראָגרעסיוון הערשער פון טראַוואַנקאָר און מיר גלייבן, אַז ער האָט יענע באַן־ברעכנדיקע רעפאָרם פּראָקלאַמירט מיט דער פולער קראַפט פון זיין אויפגעוואַכטן געוויסן. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז דער מאַהאַראַדזשאַ וואָלט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו פאַראייביקן זיין נאָמען מיט דער דאָזיקער גרויסער געשעעניש אין דער געשיכטע פון אינדיע, ווען איר וואָלט אין משך פון יאָרן נישט צוגעגרייט דערצו דעם באָדן; ווען איר וואָלט, פון איין זייט, נישט סטימולירט די „אומבאַרירבאַרע" גופא פאַר אַ קאַמף פאַר זייער מענטשלעכער ווערדע, און, פון דער אַנדערער זייט, נישט געוועקט דעם געוויסן אין טויזנטער הערצער פון די העכערע און פּריווילעגירטע קאַסטן.

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז אין די אַלע יאָרן זייט איר נישט געווען דער איינציקער אַדוואָקאַט פאַר דער באַפרייונג פון די מיליאָנען „טמאים". עס קען זיין, אַז ראַבינדראַנאַט טאַגאָר האָט געגעבן אַ פּיל קרעפטיקערן ליטעראַרישן אויסדרוק דעם מאָראַלישן רעוואָלט קעגן דער טויזנט־יעריקער מחיצה, וואָס האָט עקזיסטירט אין אינדיע צווישן מענטשן און מענטש, און איך ווייס פון אַ ריי באַדייטנדיקע מענער און פרויען ביי אייך אין לאַנד וואָס זענען געגאַנגען אַ סך ווייטער און גראַדליניקער ווי איר אין זייערע עגאַליטאַרע שטרעבונגען. מיר האָבן אָבער אַ גרונט אַרויפצושטעלן דעם אָנהייב פון דער גרויסער רעפאָרם, מיט וועלכן טראַוואַנקאָר וועט איצטער שטאָלצירן, פאַר אַלעמען, אויף אייער חשבון. אַלע ריין־אינטעלעקטועלע אַרגומענטן פאַר דער גלייכשטעלונג פון די אומבאַרירבאַרע און אַלע טעאָלאָגישע באַווייזן און טעקסט־קריטישע פאָרשונגען, מיט וועלכע אַ סך פון די פּראָגרעסיווע הינדוס האָבן זיך באַשעפטיקט, זענען בלאָס אין פאַרגלייך מיט דער קורצער דערקלערונג וואָס איר האָט אַמאָל געמאַכט: „איך וואָלט נישט וועלן נאָכאַמאָל געבוירן ווערן, נאָר אויב עס איז מיר באַשערט נאָכאַמאָל צו קומען אויף דער וועלט, זאָל עס זיין צווישן די אומבאַרירבאַרע"; און איך גלייב אַז נאָך ווירקזאַמער איז געווען דער מוט וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן אין „דירעקטער אַקציע", ווען איר האָט אַדאָפּטירט אַ קינד פון די אומבאַרירבאַרע און עס געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון אייער פאַמיליע. איך מיין, אַז דער דאָזיקער פּער־

זענלעכער ביישפּיל פון פּראַקטישן דורכברעכן קאַנאַניזירטע היסטאָרישע וואונט האָט עס אַנגעשטעקט הונדערטער אַנדערע זין פון די העכערע קאַסטן מיטן נאָבעלן טראָץ אַנצופאַנגען טאָן עפנטלעך יענע „נידעריקע" אַרבעטן, אויף וועלכע מ'האָט אַמאָל פאַראורטיילט אין אינדיע די פּאַריאַס און דערמיט אַליין אָפּווישן פון זיי דעם חותם פון „נידעריקייט". דער דאָזיקער ביישפּיל האָט אויך צוגעגעבן די „אומבאַרירבאַרע" זעלבסט־רעספּעקט און מאָראַלישן קוראַזש און געמאַכט זיי פעיִקער און קאַמפּסלוסטיקער פאַר די בלוטלאָזע אויפשטאַנדן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך מערער מאָל אויסגעצייכנט. אויב מ'האָט געדאַרפט האָבן אין אונדזער צייט אַ קאָנקרעטן באַווייז, אַז נישט נאָר העראָאִישע אויסנאַם־נאַטורן, נאָר אויך מאַסן פּראָסטע און אומגעבילדעטע מענטשן זענען פעיִק, אונטער געוויסע באַדינגונגען, צו זיין „אַגרעסיוו", נישט אָנקומענדיק צו געוואַלט־מיטלען, און אַז די סיסטעם פון פּאַסיווער רעזיס־טענץ קען אויך געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, אָפּהאַלטן גרויסע זיגן, איז דער פּאַסיפיסטישער קאַמף פון די „אומבאַרירבאַרע" זיכער איינער פון די אַממערסטן איבערצייגנדיקע באַווייזן. עס איז אויך פון גרויסער היסטאָרי־שער וויכטיקייט דער פאַקט, וואָס אויב די צוויי מיליאָן געוועזענע „אומבאַ־רירבאַרע" פון טראַוואַנקאָר וועלן פון איצטער אָן געניסן דאָס רעכט צו באַ־זוכן די טעמפּלען און דאַווענען צוזאַמען מיט די העכערע קאַסטן, דאָס רעכט צו נוצן די געמיינדע־ברונעמער און די עפנטלעכע שאָסייען און צו דערציִען זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן, איז עס אַ פּועל־יוצא בלויז פון אַן אינעווייניקסטער עוואָלוציע, פון אַ גייסטיקער באַנייונג און פאַריונגונג פון אינדיע גופא, אַן וועלכן עס איז דרוק מצד דעם אייראָפּעיִשן „ציוויליזאַטאָר". איך געדענק אַז עס איז יאָרן און יאָרן געווען אייער אַמביציע נישט אויסצו־נוצן די ענגלישע הערשאַפט פאַר רעפאָרמען פונעם אינעווייניקסטן לעבן פו־נעם אינדישן פאָלק. איר וואָלט זיך בשום אופן נישט צופרידנגעשטעלט מיט אַ רעפאָרם, וואָס קומט פון אויבן אָדער פון דרויסן. איר האָט געוואָרט אויף אַן אָנזאַמלונג פון קאַמף־ענערגיע אין די טיפענישן פון די דעגראַדירטע מאַסן גופא און אויף דער דערוואַכונג פון תשובה־געפילן ביי די העכערע קאַסטן, און איך בין גליקלעך וואָס איר האָט זיך דערוואַרט, וואָס איר האָט זוכה געווען נאָך אין אייערע יאָרן צו זען דאָס ערשטע גרינענדיקע גערעטעניש אויף דעם האַרטן פעלד וואָס איר האָט פאַראַקערט און פאַרזייט. אָן ענגלישער אינטער־ווענציע, אָן דרוק פון דרויסן, האָט טראַוואַנקאָר געמאַכט די רעוואָלוציאָנירנ־דיקע התחלה. איך בין זיכער אַז דער ביישפּיל פון טראַוואַנקאָר וועט אין גיכן אָנהייבן ווירקן אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון אייער גרויס לאַנד, און

אַלע זעכציק מיליאָן אומבאַרירבאַרע וועלן נאָך אין אונדזער דור צוריקקריגן זייערע נאַטירלעכע רעכט, וועלכע מ׳האָט אַזוי אומנאַטירלעך פאַרלעצט.

די פון אונדז אין אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס האָבן אַלע יאָרן געהאַט ברידערלעכע סימפּאַטיעס מיט דער אומדערטרעגלעכער לאַגע פון די „אומבאַרירבאַרע״, זענען לאַנג געווען געשטערט אין זייערע האָפענונגען דורך די אייגנאַרטיקע טעאָלאָגישע אַספּעקטן פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם. מיר האָבן געוווּסט אַז די אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע הינדוסן און צווישן זיי, ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן, אויך מענטשן פרייע פון ענגע עגאָיסטישע קאַסטן אינטערעסן, אַנטשליסן זיך נישט צו גיין אויפן וועג פון עמאַנסיפּאַציע צוליב אַ באַשטימטער דאָגמע פון דער הינדואיסטישער רעליגיעזער לערע. לויט יענער דאָגמע זאָלן די מיטגלידער פון די נידעריקע קאַסטן זיין באַשטראָפטע, „פון גאָט פאַראורטיילטע״. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָבן אָרטאָדאָקסישע הינדוסן געזוכט צו לייזן דורך אַ באַשטימטער אינטערפּרעטאַציע פון דער קאַסטן־צעטיילונג דאָס פּראָבלעם פון ט ע אָ ד י צ ײ ע, פון צידוק־הדין — דאָס פּראָבלעם וואָס האָט אַמאָל געמאַטערט דעם אַנאָנימען דיכטער פון אונדזער א י ו ב, וועלכער האָט קיין ראַציאָנאַלע לייזונג פאַר אים נישט געפונען. די אונטערדריקטע קאַסטן ליידן, לויט יענער אויפפאַסונג, פאַר זינד וואָס זיי זענען באַגאַנגען אין אַן אַנדער גילגול אָדער אין אַנדערע גילגולים; זיי זענען נאָכאַמאָל געקומען אויף ד ע ר וועלט כדי אָפּצוקומען פאַר זייערע זינד, זיך רייניקן, דורכצוגיין דעם פּעריאָד פון זייער „קאַרמאַ״, און אין אַן אַנדער גילגול קענען זיי, אויב זיי וועלן דערצו זוכה זיין, נתעלה ווערן און אַריינגעבוירן ווערן אין אַ העכערער קאַסטע. עמאַנסיפּירן אַן אומבאַרירבאַרן איז דערפאַר דאָס זעלביקע וואָס העלפן אַ באַשטראָפטן, נישט דורכצוגיין דעם ציקלוס פון דעם עונש וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן — זיך איינמישן אין די פּלענער פון דער אַלערהעכסטער ה ש ג ח ה.

איך בין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, לחלוטין נישט קאָמפּעטענט צו אורטיילן, אויף וויפל אַזאַ דאָגמע אָדער טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונג איז אַן אָרגאַנישער טייל פון הינדואיזם און אויף וויפל עס האָבן געהאַט גרונט יענע „אומבאַרירבאַרע״ וואָס האָבן פאַראַיאָרן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איבערגיין צום קריסטנטום אָדער צום איסלאַם, כדי זיך צו באַפרייען פון אַ רעליגיע, וואָס דיסקרימינירט נישט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך מ ע ט אַ פ י ז י ש קעגן אַזאַ גרויסער צאָל פון אירע נאָכפאָלגער. מיר איז דערפאַר נישט אינגאַנצן קלאָר ווי אַזוי אָרטאָדאָקסישע הינדוס וועלן קאָנען האַרמאָניזירן זייער רעליגיעזע אינטעגריטעט מיט דער אידייע פון עמאַנסיפּאַציע פאַר די אומבאַרירבאַרע. עס האָט מיך אָבער זייער געפרייט, ווען עס איז מיר נישט לאַנג

צוריק אַריינגעפאַלן אין די הענט איינע פון די פובליקאַציעס פונעם ס ע נ־ ט ר אַ ל ה י נ ד ו ק אַ ל ע ד ז ש אין בענאַרעס („ען אַדוואַנסד טעקסט־ בוק אָוו הינדו רעלידזשיאָן ענד עטיקס"), אין וועלכער איך האָב געפונען אַ סימפּטאָמאַטיש נייע אויסטייטשונג פונעם קאַרמאַ־באַגריף. לויט יענער אויס־ טייטשונג קומט אויס אַז ס'איז אַ גרויסער פעלער צו זאָגן וועגן אַ ליידנדיקן וואָס מאַכט דורך זיין ק אַ ר מ אַ, אַז אויב איך העלף אים, שטער איך דעם פאַרלויף פון זיין קאַרמאַ; ווייל די וואָס דענקען אַזוי פאַרגעסן אַז אויב מיר זענען אימשטאַנד צו העלפן אַ מענטשן, איז דאָס אַליין אַ באַווייז אַז די ק אַ ר מ אַ אונטער וועלכער ער ליידט איז שוין אויסגעשעפּט, און אַז אויב מיר זאָגן זיך אָפּ צו העלפן אַ מענטשן זינדיקן מיר און גרייטן זיך אַליין צו אַ שלעכטע ק אַ ר מ אַ אין דער צוקונפט, אין איינעם פון אונדזערע גילגולים. איך געדענק אין דער זעלבער צייט, אַז אויך איר האָט נאָך מיט יאָרן צוריק זייער קלאָר באַטאָנט א יי ע ר איבערצייגונג, אַז די איצטיקע קאַסטן־ סיסטעם אין אינדיע איז נישט קיין אומספּאַרירבאַרער טייל פון הינדואיזם. עס איז נישט די אויפגאַבע פון אַ פרעמדן צו פסקענען שאלות וועגן אַן אַל־ טער און מאָנומענטאַלער רעליגיעזער סיסטעם פון אַן אַנדער פאָלק. איך זע אָבער געוויסע סימנים אין איצטיקן גייסטיקן לעבן פון אינדיע, וואָס שטאַרקן מיין האָפענונג אַז פאַר דער פולשטענדיקער עמאַנסיפּאַציע פון די אומבאַריר־ באַרע וועט נישט נייטיק זיין נישט קיין צעשטערונג פון דער רעליגיעזער סיסטעם און נישט קיין קינסטלעכע רעפאָרם אינעם וועזן פון דער הינדואיס־ טישער לערע. ייִדן האָבן אַמאָל בוכשטעבלעך געגלייבט אין דער ביבלישער נאָרמע פון „שן תחת שן, עין תחת עין"; די שפּעטערדיקע תלמודישע אויס־ טייטשונג, אַז מיט יענער פאָרמולע מיינט מען מ אַ ט ע ר י ע ל ע ק אָ מ־ פּ ע נ ס אַ צ י ע פאַר אַ צאָן אָדער פאַר אַן אויג, האָט דאָס רעליגיעזע ייִדנטום נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַרשטאַרקט. ענלעכע אָרגאַנישע אַנטוויק־ לונגס־פּראָצעסן שטעל איך מיר פאָר אויך אין דעם רעליגיעזן לעבן פון אינדיע.

אָבער — און דאָ גיי איך איבער צום פּראַקטישן צוועק פון מיין בריוו — מעג איך אייך איצטער דערמאָנען, אַז „אומבאַרירבאַרע" זענען פאַראַן נישט נאָר אין אינדיע? נישט אומעטום, נאַטירלעך, אין אַזעלכע גרויסע צאָלן און נישט פּינקטלעך מיט דעם זעלבן סטאַטוס, אָבער דאָך „אומבאַרירבאַרע": מענטשן וואָס ווערן פאַרפאָלגט, באַליידיקט, אויסגעהונגערט און אָפּטמאָל אויך אויסגעשאָכטן בלויז דערפאַר, וואָס זיי געהערן צו אַן אַנדער עטנישער גרופּע אָדער זיי וואָגן צו דינען גאָט אויף זייער אייגענעם אופן.

מיליאָנען אַזעלכע „אומבאַרירבאַרע" זענען נאָך פאַראַן אין דעם לאַנד, פון וואַנען איך שרייב אייך מיין בריוו: איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז די עמאַנסי־

פּאַציע פון נעגער איז נאָך פּראַקטיש אין אַמעריקע נישט דורכגעפירט געוואָרן, אַזוי פיל יאָרן נאָך אברהם לינקאָלנס טויט. און מיליאָן „אומבאַריבאַרע" זענען צעשפּרייט איבער אונדזער גאַנצן פּלאַנעט, אויף אַלע פינף קאָנטינענטן, אין צענדליקער לענדער: דאָס זענען די מיליאָנען פון מיינע פאַרפייניקטע יידישע פאָלקס־גענאָסן. עס איז אַ זייער צווייפלהאַפטע הנאה און נישט שטענדיק אַ ווירדיקע אויפגאַבע צו דעמאָנסטרירן די אייגענע וווּנדן און זוכן מיטלייד און סימפּאַטיע. אָבער צו אייך זענען מסתמא דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם מבול פון פאַרפאָלגונגען, וואָס דראָט צו פאַרניכטן גרויסע קיבוצים פון אונדזער פאָלק אין לענדער, ווו זיי ווױנען שוין פילע הונדערטער יאָרן, אין לענדער וווהין די ערשטע ייִדן זענען אָנגעקומען נאָך פאַר זייערע איצטיקע הערשער, אין געגנטן וואָס זיי האָבן אָנגעזאַפּט מיט זייער שווייס, מיט זייערע טרערן און בלוט. נאָך טויזנט יאָר דייטש־ייִדישן צוזאַמענלעבן געפינען זיך איצט די פאַרבליבענע פיר הונדערט טויזנט דייטשע ייִדן אין אַ צושטאַנד פון באַשפּיגענע און פאַרמוטשעטע, און זייער לאַגע איז נאָך טראַגישער צוליב זיין באַוווּסטזיין, אַז זיי און זייערע עלטערן האָבן אַזויפיל בייגעטראָגן צום ווּקס און דער באַרייכערונג פונעם לאַנד, סיי אין ווירטשאַפטלעכן און סיי אין גייסטיקן זין, און אַז זיי האָבן ביז נישט לאַנג צוריק געהערט צו די בעסער־סיטויִרטע און העכערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס זעלבע אומגעפער קומט איצט פאַר אין פוילן און אין רומעניע און (דערווייל), אין אַ ווייניקער קאַטאַסטראָפישער מאָס, אין אַ לאַנגער ריי אַנדערע לענדער. אָנטרעכטונג, שוצלאָזיקייט, נומערוס קלאַוזוס און נומערוס נולוס אין די אוניווערזיטעטן, באַזונדערע בענק און אַ דעגראַדירנדיקער סטאַטוס פאַר ייִדישע קינדער אין די עפנטלעכע שולן, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער באָיקאָט, טאָלערירטע און נישט זעלטן דערמוטיקטע פיזישע אַטאַקעס און מאָרד־אַקטן, אַ לינטש־סיסטעם וואָס אַנטיסעמיטישע רעגירונגען ווילן אַפילו נישט באַקעמפן, פאַרשפּאַרטע טירן און פאַרזיגלטע טויערן פאַר ייִדן וואָס ווילן איינוואַנדערן אין נייע לענדער — אָט דאָס איז אונדזער שיקזאַל אין אַ גרויסן טייל פון דער וועלט, דער שיקזאַל פון מיליאָנען מיטגלידער פון אַן אַלטער און קולטור־רייכער ראַסע. אינדיע איז וויט פון די טיפע ייִדישע טרערן־טאָלן, אינדיע איז פאַרנומען מיט אירע אייגענע גרויסע זאָרגן און נאָך נישט געלייזטע פּראָבלעמען, מיטן שיקזאַל פון אַ פינפט־חלק פון מענטשלעכן מין; אָבער איך בין זיכער אַז אויך צו אייך האָבן זיך דערטראָגן ידיעות וועגן דער קין־לופט וואָס מיליאָנען פון מיינע ברידער און שוועסטער מוזן אָטעמען אין אייראָפּע, אין צפון־אַפריקע, אין געוויסע טיילן פון דער אַזיאַטישער וועלט.

ווילן מיר זיך באַפרייען פון אונדזער תוכחה, פון אונדזער

צושטאַנד פון „אומבאַרירבאַרקייט”. זוכן מיר ברויט, אַרבעט, פרייע לופט, זיכערקייט און מענטשלעכע ווערדע; ווילן מיר דאָס אַלץ דערגרייכן דורך אָפּשאַפן די אַנאָמאַליע אויף וועלכער די געשיכטע האָט אונדז פאַראורטיילט, דורך מאַכן אַ סוף צו אונדזער היימלאָזיקייט און באָדנלאָזיקייט. עס איז שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — זייט די בעסטע זין און טעכטער פון מיין פאָלק גיבן אַוועק זייער גאַנצע ענערגיע, דעם פּאַטאָס פון זייער נשמה, פאַרן אויפבוי פון אַ יִידישן נאַציאָנאַלן צענטער, פאַר דער ווידעראויפשטעלונג פון אונדזער אַמאָליקער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. מיר מוזן האָבן אַ לאַנד פאַר די מיליאָנען פאַרוואָגלטע יִידן, מיר מוזן האָבן ד אָ ס לאַנד, דאָס וויגעלע פון אונדזער געשיכטע, פאַר דער באַנייונג און פאַריונגערונג פון אונדזער גאַנצן לעבן אין גייסט פון יענער ציוויליזאַציע, וואָס מיר האָבן דאָרט אַמאָל געשאַפן. דאָס איז נישט בלויז אַן עקאָנאָמישע, נישט בלויז אַ פּאָליטישע פראַגע, און צווישן די וואָס קערן זיך איצט אום אין זייער אַמאָליקן פאָטערלאַנד זענען פאַראַן נישט נאָר פליכטלינגע, געטריבן פון פרעמדע קרעפטן, נאָר אויך עולי־רגל, אינספּירירטע פון אינעווייניקסטע היסטאָרישע קרעפטן — מענטשן וואָס זוכן די לעצטע אויפריכטיקייט און אינטעגריטעט אין אַ נייעם, אייגענעם סביבה־לעבן. יִידנטום איז נישט בלויז אַ רעליגיע, נישט בלויז אַ סיסטעם פון אַבסטראַקטן דענקען, נישט בלויז אַ סכום פון מנהגים און צערעמאָניעס. יִידנטום איז אויך, און אפשר פאַר אַלעמען, אַן אייגנאַרטיקע דינאַמיק פון לעבן, טאַט, מאַניפעסטאַציע און שעפערישקייט, און די דאָזיקע דינאַמיק איז אָפּטמאָל אין אונדז „אַרעסטירט”, ווייל מיר לעבן אומעטום אין פרעמדע סביבות, אונטער פרעמדע קולטור־השפעות, אין באַדינגונגען פון שטענדיקער צופּאַסונג צו דער ציוויליזאַציע פון אונדזערע שטאַרקערע שכנים, אין אַ צושטאַנד פון מימיקרי וואָס באַדראָט אונדזער גייסט. דער ציוניזם איז דערפאַר אַ באַוועגונג נישט נאָר פאַר הונגערנדיקע און פאַרפאָלגטע; אַלץ מער און מער אידענטיפיצירן זיך מיט אים נאָך פרייהייט לעכצנדיקע יִידן אויך אין יענע לענדער, וועלכע זענען פריי פון גראָבן אַנטיסעמיטיזם און באַטראַכטן אונדז נישט אַלס „טמאים”. יענע יִידן ווייסן — ווי אייער גרויסער פּאַטריאָט לאַדזשפּאַט ראַי האָט עס אַמאָל געזאָגט — אַז קייטן זענען קייטן, אַפילו ווען זיי זענען באַגילדעט. איר פּערזענלעך האָט אַמאָל געלעבט אין דער פרעמד, אין דעם קליינעם אינדיאַנער גלות פון דרום־אַפריקע, און איר ווייסט ווי געפּענטעט עס איז די גייסטיקע און מאָראַלישע ענערגיע פון אַ נאַציאָנאַלער אָדער ראַסן־גרופּע, ווען זי לעבט אַלס מינאָריטעט, אין אַ נישט־אייגענער סביבה. איך גלייב, אַז איר וועט עס נישט אויפפאַסן אַלס אַ מאַטעריאַליסטישן לעבנס־בליק, אויב איך וועל אייך אין דעם

צוזאַמענהאַנג ציטירן די ווערטער פון דעם גרויסן העברעיִשן דיכטער פון אונדזער צייט, ח. נ. ביאַליק: „יעדעס פאָלק האָט אַזויפיל ה י מ ל איבערן קאָפּ וויפל עס פאַרמאָגט ב אָ ד ן אונטער די פיס".

באַדנהונגעריק און הימלדורשטיק, זענען די לעצטע יאָרן טויזנטער און טויזנטער פון מיינע ברידער צוריקגעגאַנגען אין פאַרוויסטן לאַנד פון אונדזערע אבות. איר אין אינדיע ווייסט, ווי אַזוי אַ לאַנד קען פאַרוויסט און דעגענערירט ווערן. מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער בקי אין אינדישער געשיכטע, כדי צו וויסן אַז אייער לאַנד איז אַמאָל געווען רייכער, אַנטוויקלטער, ציוויליזירטער ווי עס איז איצט. די אויסגראָבונגען אין מאָהענדזשאָ דאַרו האָבן שוין קלאָר באַוויזן, אַז 3500 יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערא האָט אין אייער לאַנד עקזיסטירט אַ הויכע ציוויליזאַציע, מיט גרויסע שטעט, מיט אינדוסטריען, מיט באַקוועמע היימען. ווען אַלעקסאַנדער דעם גרויסנס חיילות האָבן פאַרכאַפּט טיילן פון אינדיע צוריק מיט העכער צוויי און צוואַנציק יאָרהונדערטן, האָט מען דאָרט געפונען, ווי דער היסטאָריקער מעגאַסטהענעס דערציילט, אַ פאָלק וואָס איז געווען ציוויליזירט און אַרטיסטיש נישט ווייניקער פונעם גריכישן פאָלק פון יענער צייט. אויך אין ארץ־ישראל האָט אַמאָל עקזיסטירט אַ העכערע ציוויליזאַציע ווי די, וואָס מיר האָבן דאָרט געפונען אין אונדזער דור, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַהין זיך אומצוקערן. עדות זענען די רעשטן פון טעראַסן אויף די בערג, די פּראַכטפולע אויסגעגראָבענע בתי־מדרשים אין כפר־נחום און בית־אלפא, די סימנים פון דער אַמאָליקער אירינאַציע־סיסטעם. יאָרהונדערטן פון אונדזער אָפּוועזנהייט, דער בייזער גייסט פון מלחמות און אונטערדריקונג וואָס האָט זיך דורות־לאַנג געטראָגן איבער אונדזער לאַנד, האָבן עס קראַנק און אָרעם געמאַכט, האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שטעמפּל פון פאַריתומטקייט, דעם שלייער פון אלמנה־שאַפט. דאָס האָט נישט אַנטמוטיקט אונדזערע פּיאָנערן. אומעטום אין לאַנד וווּ מ'האָט זיי נאָר געגעבן די מינימאַלסטע געלעגנהייט, האָבן זיי אויפגעבויט נייע און פּראָספּערירנדיקע דערפער און שטעט; וווּ די ערד איז געווען זומפּיק, האָבן זיי זי אויסגעטריקנט; וווּ זי איז געווען פאַרשמאַכט פון דורשט, האָבן זיי געצוווּנגען וואַסער אַרויפצוקומען פון די פאַרבאָרגענע טיפענישן, און האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט דער קללה פון מאַלאַריע, האָבן זיי זי פאַרטריבן. נאַקעט זענען געוואָרן די בערג פון יהודה און גליל נאָך אין די צייטן פון די רוימישע מלחמות — באַפרייען איצט אונדזערע יונגע זין דאָס לאַנד פון זיין חרפּה פון נאַקעטקייט, און אין פילע ערטער ווו מ'האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געזען בלויז שטיין און פעלדז, זענען שוין ווי אויפגעשטאַנענע תחית־המתים די אַמאָליקע גרינע וועלדער פון ייִדנלאַנד. אין אַ פאַרהעלטניס־

מעסיק קורצער צייט האָבן מיר אַנטוויקלט אַ ייִדישע לאַנדווירטשאַפט און אַ ייִדישע אינדוסטריע און געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַ נייער און גרעסערער ייִדישער מאַסן־איינוואַנדערונג. מיר האָבן צום אָנפאַנג פון אונדזער אויפבוי־אַרבעט געהאַט אונדזערע קולטור־שוועריקייטן, אונדזער פּראָבלעם פון שלעכטע געוווינהייטן און פון פאַלשע באַגריפן וועגן פיזישער אַרבעט. אַמאָל אַ פאָלק פון לאַנדווירטן און בעלי־מלאכות, זענען מיר נאָכדעם, אויף די וועגן פון אונדזערע וואַנדערונגען, פאַרוואַנדלט געוואָרן הויפּטזעכלעך אין אַ פאָלק פון הענדלער. מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער נאַטור, זיך אָפּגעוווינט פון געזונטער און ריינינקענדיקער האַנט־אַרבעט און אָנגעהויבן צו קוקן מיט אַן אומבאַרעכטיקטער, כמעט זינדיקער פאַראַכטונג אויף די אַזוי גערופענע „ני־דעריקע" סאָציאַלע פונקציעס. דער רעליגיעזער קולט פון געלערזאַמקייט איז ביי אונדז ליידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּסעוודאָ־אַריסטאָקראַטיזם און פיל פון אונדז האָבן אויפגעהערט צו פאַרשטיין דעם מאָראַלישן און עסטעטישן ווערט פון פּראָסטער אַרבעט. אייך זענען באַקאַנט יענע פּאַראַדאָקסאַלע וועגן, אויף וועלכע אַ פאָלק דערגייט צו אַזאַ קאָרופּטער סקאַלע פון ווערטן: מיט דעם דאָזיקן לומדישן פּסעוודאָ־אַריסטאָקראַטיזם וועט איר נאָך אין איבּדיע אויך דאַרפן פירן אַ לאַנגן און שווערן קאַמף, און מיר פאַרשטייען דעם „צו־להכעיס" אין דעם טיטל „גאַסן־קערער", וואָס איר האָט זיך גענומען. אין ארץ־ישראל און דורך ארץ־ישראל באַפרייען מיר זיך אַלץ מער און מער פון דעם דאָזיקן מאָראַלישן הויקער, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף אונדזער אָרגאַניזם אין די יאָרהונדערטן פון אומגעזונטער אַנטוויקלונג. מיר האָבן אומגעקערט דער פיזישער אַרבעט די חשיבות וואָס זי פאַרדינט, די הייליקייט וואָס זי טראָגט אין זיך. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די עכט־ייִדישע און טיף־מענטשלעכע באַגריפן פון אונדזערע תלמודישע חכמים, וועלכע האָבן אונדז געלערנט אַז „דער וואָס איז נהנה פון זיין מי איז גרעסער פון דעם וואָס איז בלויז אַ ירא־שמים" און אַז „ווער עס לערנט נישט זיין זון קיין מלאכה איז געגליכן צו אַזעלכן וואָס לערנט אים רויבעריי". דורך דער ווידער־דערקענונג פון חשיבות פון אַרבעט זענען פילע פון אונדז געקומען צום באַגריף פון אַבּסאָלוטער גלייכקייט און אַרבעט און אין געניסן פון דער פּרוכט פון אַרבעט, און דאָרט ווו עס האָבן אַמאָל עקזיסטירט געמיינדן, געגרינדעט אויפן פּרינציפּ פון „שלי שלך ושלך שלי" (מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס), וואָס זענען אייך באַקאַנט פון דער פּרי־עוואַנגעלישער געשיכטע אונטערן נאָמען א י ס יי ם, זענען אין אונדזערע יאָרן ווידער אַנטשטאַנען גרויסע דערפער אויפגעבויט אויפן יסוד פון פרייוויליקן קאָמוניזם. מ'האָט מיר מערערע מאָל איבערגעגעבן אַז אין געוויסע קרייזן אין אינדיע, צו וועלכע עס איז דערגאַנ־

געז אַביסל אינפֿאָרמאַציע וועגן אונדזערע קאָמונעס אין ארץ־ישׂראל, האָט מען זיך געשאַפֿן אַ פֿאָרשטעלונג אַז דאָס זענען געפֿערלעכע נעסטן פֿון וואָל־גאַרן מאַטעריאַליזם און גאָטלאָזיקייט. עס וואָלט מיך פֿאַרפֿירט צו ווייט, ווען איך וואָלט אין דער ראַם פֿון מיין בריוו געוואָלט דערקלערן פֿאַרוואָס איך באַטראַכט זייער איר־רעליגיאָזיטעט פֿאַר עכטער רעליגיע. איר וועט מיך אָבער פֿאַרשטיין בלויז פֿון אַ ווונק. דערמאָנט אייך אָן אייער גרויסן מיסטיקער ראַ־מאַקרישנאַ. גראָד ער איז אַרויסגעקומען מיטן לאָזונג אַז „רעליגיע איז נישט פֿאַר ליידיקע מאָגנס״, און גראָד זיין תּלמיד, דער פֿלאַמענדיקער וויוועקאַ־נאַדאַ, איז עס געווען דער, וואָס האָט ביי אייך דערקלערט: „אַזוי לאַנג ווי אין מיין לאַנד וועט נאָך בלייבן כאָטש איין הונגעריקער, וועט מיין איינציקע רעליגיע זיין אים מפֿרנס צו זיין״. איך גלייב, אַז איר זייט איצט תּופֿס דעם הינטערגרונט פֿון דעם „מאַטעריאַליזם״, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס אונדזער סאָציאַלער פֿאַרזוך אין ארץ־ישׂראל...

און קעגן אָט דער דאָזיקער באַוועגונג פֿון ייִדישן רענעסאַנס האָבן זיך לעצטנס מאָביליזירט אַראַבישע שונאים פֿון אונדזער פֿאָלק און, ווי מיר זענען איבערצייגט, שונאים פֿון זייער אייגענעם אַראַבישן פֿאָלק. אַלע אָביעקטיווע באַאָבאַכטער וואָס זענען געווען אין ארץ־ישׂראל און אַלע ערלעכע פֿאָרשער וואָס האָבן דאָרט שטודירט די לאַגע זענען כּמעט איינשטימיק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אונדזער ווערק האָט דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג קיין שאָדן נישט געבראַכט, אַז גרויסע שיכטן פֿון יענער באַפֿעלקערונג האָבן בלויז פּראָפֿיטירט פֿון דער ייִדישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע — עקאָנאָמיש, סאָציאַל, קולטורעל. אויב איר זאָלט זיך נעמען די צייט און די מי זיך צו באַקענען מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן, וועט איר אַליין איינזען, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג האָט זיך באַדייטנ־דיק געהעכערט אַדאַנק די פֿרידלעכע און פּראָגרעסיווע מעטאָדן פֿונעם ייִדישן אויפֿבוי, אַז אין דער נייער געשיכטע פֿון דער וועלט איז עס דער ערשטער ביישפּיל פֿון אַ קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט נישט קיין אימפּעריאַליסטישע כּוונות, קיין בייזן ווילן צו באַהערשן וועלכן נישט איז טייל פֿון דער באַפֿעל־קערונג. די איצטיקע אַראַבישע פֿירער ווייסן אַליין גאַנץ גוט, אַז אַזאַ סכּנה דראָט נישט דעם אַראַבישן פֿאָלק מצד דעם ציוניזם. זיי האָבן אָבער זייער גרונט מורא צו האָבן אַז דורך דעם ציוניזם און זיין השפּעה אויף די אַראַבי־שע מאַסן וועט פֿאַרשנעלערט ווערן אין ארץ־ישׂראל דער פּראָצעס פֿון עקאָ־נאָמישער און סאָציאַלער זעלבסט־באַפֿרייונג, אַז זייערע ענגע עגאָיסטישע אינטערעסן פֿון אַ הערשנדיקער קאַסטע שטייען איצט אין קאָן. האָבן זיי אָנ־געצונדן דאָס ווילדע פֿייער פֿון נאַציאָנאַלן האַס און רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם,

האָבן זיי געשיקט אָרעמע, אומגליקלעכע און אומוויסנדיקע מענטשן צו פאַרניכטן ייִדיש האָב און גוטס, אויסצורייסןביימער וואָס ייִדן האָבן פאַרפלאַנצט, אָנצוצינדן ייִדישע הייזער, מאָרדן ייִדישע מענער און פרויען, ייִדישע זקנים און קינדער, אַוועקלייגן באָמבעס אין שולן און אין קינדער־גערטנער, שיסן ייִדישע קראַנקנשוועסטער וואָס באַהאַנדלען אויך אַראַבישע פּאַציענטן אין די שפּיטאָלן. איך בין זיכער, אַז איר האָט געהערט וועגן דער כוואַליע פון אַנטי־ייִדישן טעראָר וואָס האָט זיך געטראָגן אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד איבער די ייִדישע ישובים אין ארץ־ישראל, און מסתמא דערגייען צו אייך די ידיעות. אַז די אַראַבישע פירערשאַפט גרייט זיך דעם טעראָר צו באַנייען כדי צו דערגרייכן איר ציל: אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע ייִדישע אייַנוואַנדערונג, ליקווידירן דעם ציוניזם. **פאַרוואָס זשע**, וואַג איך אייך צו פרעגן, **האָט איר די גאַנצע צייט געשוויגן? פאַרוואָס שווייגט איר איצטער?**

איך ווייס וואָס פאַר אַ קליינעם פּלאַץ די ייִדנפראַגע פאַרנעמט און מוז אפשר פאַרנעמען אינעם באַוווסטזיין פון פּאָליטיש־דענקנדיקע מענטשן אין אינדיע. איך ווייס אויך ווי אומגעהייער עס זענען אייערע אייגענע פּראָבלעמען און אייערע אייגענע זאָרגן. אָבער יענע דראַמע וואָס שפּילט זיך איצטער אָפּ אין ארץ־ישראל האָט אירע דירעקטע און אומדירעקטע ווירקונגען אויך אין אינדיע. אין אייערע מוסולמענישע געמיינדן ווערט די לעצטע צייט געפירט אַ שעדלעכע, דורך־און־דורך ליגנערישע העץ־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדנטום און ציוניזם. די זייער נישט איבערקלייבערישע אַגענטן פון דער איצטיקער אַראַבישער פירערשאַפט פאַרשפּרייטן אין אינדיע, דורך וואָרט און שריפט, בייזוויליק אויסגעטראַכטע ליגנס וועגן דער ייִדישער געפאַר פאַר אַ מוסולמעניש פאָלק, וועגן ייִדישע כוונות צו פאַרניכטן אָדער צו פאַרשוועכן מוסולמענישע קירכן און הייליקטימער. צווישן די צענדליקער מיליאָנען מוסולמענער פון אייער לאַנד ווערט געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון ייִדנהאַס, און גלייבט מיר, אַז נישט נאָר דערפאַר וואָס דאָס רירט אָן די אינטערעסן פון מיין פאָלק, האַלט איך עס פאַר מיין חוב אייך צו וואָרענען קעגן יענער פּראָוואָקאַטאָרישער פּראָפּאַגאַנדע. ייִדנהאַס איז געפערלעכער סם, סם נישט נאָר פאַר די געהאַסטע, נאָר אויך פאַר די האַסער גופא, און אויך אין די אינטערעסן פון אייער לאַנד און אייער פאָלק וואָלט איך נישט וועלן, אַז יענע מיקראָבן, וואָס פרעסן אויף דאָס גייסטיקע געזונט פון אַזויפיל אייראָפּעיִשע פעלקער, זאָלן איצט פאַרפּעסטען די לופט פון אינדיע. איך געפין נישט קיין דערקלערונג, פאַרוואָס איר האָט ביז אַהער נישט באַמערקט די דאָזיקע מאָראַלישע געפאַר פון אָנצינדן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און בלינדן האַס אין די הערצער פון אייערע

מוסולמענישע מיטבירגער, פאַרוואָס איר האָט נישט רעאַגירט וועגן דעם גיפט, וואָס אַראַבישע שאָוויניסטישע אַגיטאַטאָרן פאַרשפּרייטן ביי אייך, און וואָס האָט אָנגעהויבן צו פויזען אויך אין די רייען פון דעם אינדישן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס. איר שווייגט, אייער תלמיד און טיילווייזער אָפּאָנענט נערו שווייגט, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז אייער פּאָעטעסע און נאָבעלע קעמפערין פאַר אַלץ וואָס איז גרויס־מענטשלעך, פרוי נאַידו, געווען די איינציקע וואָס האָט אויפגעהויבן איר שטים אין די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק.

זאָל אייער קלאָרע און מוטיקע שטים זיך לאָזן הערן — פון אונדזערט־וועגן, פון אייערטוועגן, פאַר די אינטערעסן פונעם גאַנצן אויפוואַכנדיקן מזרח, אין וועמעס שויס מיר קערן זיך איצט צוריק. טוט וואָס איר קענט, כדי אָפּצושטעלן די גיפטיקע ייִדנהאַס־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מיליאָנען אינדישע מוסולמענער. ווען הינדוס און מוסולמענער האָבן געמאַכט איינע אויף די אַנדערע מאָרד־אַטאַקעס ביי אייך אין דער היים, האָט איר אַלס פּראָטעסט קעגן ברודער־האַס און פסעוודאָ־פרומקייט גוזר תענית געווען אויף זיך. איך געדענק די שטרענגע פייערלעכקייט פון אייער דריי־וואָכיקן תענית, איך געדענק אויך ווי דאָס דאָזיקע אייגנאַרטיק־„דיקטאַטאָרישע" מיטל וואָס איר האָט אָנגעווענדט האָט געווירקט: די צוויי רעליגיעזע געמיינדעס האָבן שלום געמאַכט אונטערן דרוק פון אייער תפילה און פאַסטן. איך בין נישט אַזוי נאַיִוו און עגאָצענטריש זיך פאָרצושטעלן, אַז איר דאַרפט און אַז איר קענט מיט דערזעלביקער ליידנשאַפט פּראָטעסטירן קעגן דער אַטאַקע אויפן ייִדישן ווערק און אויף דער ייִדישער צוקונפט אין ארץ־ישראל. עס איז אָבער נישט מיין זאַך, אייך אָנצוווייזן, מיט וועלכע מיטלען איר וואָלט געקענט באַאיינפלוסן די מוסולמענישע עפנטלעכע מיינונג אין אינדיע און באַזונדערס די פירערשאַפט פון אייער נאַציאָנאַלן קאָנגרעס. טוט וואָס איר קענט, כדי אָפּצושטעלן די העצע קעגן ייִדן, פאַר וועלכער דער איסלאַם ווערט אויסגענוצט אַזוי ציניש און פאַרשוועכעריש. איך ווייס וואָס פאַר אַ גרויסן דרך־ארץ איר האָט פאַרן איסלאַם און פאַר זיינע נאָכפאָלגער. איר האָט אָבער אייער גאַנץ לעבן באַוויזן דעם מוט און די פעיִקייטן צו באַקעמפן רעליגיעזע צביעות, פאַר אַלעמען צביעות אין הינדואיסטישן רעליגיעזן לעבן. אַלס אַן אויספּרובירטער פריינט פון די מוסולמענער האָט איר דאָס באַזונדערע רעכט צו דערהייבן אייער שטימע קעגן עקספּלואַטאַציע פון איסלאַם און זיינע אינסטיטוציעס פאַר אומווירדיקע צוועקן.

מעג איך אייך דערמאָנען ווי אַזוי אַן אייראָפּעיִשער באַאָבאַכטער פון אינדיע האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט די רעאַקציע פון אַ הינדו צו דער געווינלעכער מיסיאָנערישער פּרעדיגט פון קריסטנטום? זיין ערשטער ענטפער

אויף אַ מיסיאָנערישער דרשה איז: „קריסטיאַניטי איז נאָט טרו”; זיין צווייטער ענטפער איז: „קריסטיאַניטי אי נאָט ניו”; זיין דריטער ענטפער איז: „קריסטיאַניטי איז נאָט יו”. ער דערזעט, הייסט עס, דעם אמת אין קריסנטטום און אין דער זעלבער צייט טאַפּט ער אָן דעם ליגן אינעם ק ר י ס ט. דאָס קען מען זאָגן, אין דער אָדער אַנדער מאָס, וועגן יעדער רעליגיע און אַסך פון אירע אָפיציעלע טרעגער, אויך וועגן דעם איסלאַם און וועגן די וואָס מאַכן פון יענער נאָבעלער לערע אַן אינסטרומענט פאַר גאָטווירדיקע און אַנטי־סאָציאַלע צוועקן. איר זייט דער מאַן אין אינדיע וואָס קען יענע פאַרפירערישע עקספּלואַטאַטאָרן פון איסלאַם וואַרפן אין פּנים אַריין די באַשולדיקונג: „איסלאַם איז נאָט יו”.

וועלן מיר דערהערן אייער שטים, די שטים פון דער נייער, יונגער אינדיע?

1937

גאַנדי און די ייִדן־פּראַגע

אין זיין אַרטיקל וועגן דער ייִדן־פּראַגע, אויף וועלכן אַ טייל פון דער ייִדישער עפנטלעכקייט האָט לאַנג און מיט אומגעדולד געוואַרט, איז דער גייסטיקער פירער פון „יונג־אינדיע" אַרויסגעקומען קעגן אונדז מיט צוויי ערנסטע באַשולדיקונגען. ער באַקלאָגט זיך אויף אונדז, פאַרוואָס מיר צייגן נישט אַרויס דעם העלדישן גייסט פון מיליטאַנטן פּאַסיפיזם אין לענדער וווּ מיר ווערן פאַרפאָלגט, און ספּעציעל אין דייטשלאַנד. פון דער אַנדערער זייט, פאַרדריסט אים הלמאַי מיר פירן אָן אַן „אַגרעסיוו־נאַציאָנאַליסטישע, כמעט אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק" אין ארץ־ישראל, און מיר „זוכן צוצונעמען" ביי די אַראַבער זייער פאָטערלאַנד.

גאַנדיס ערשטע באַשולדיקונג איז גאַנץ נאַטירלעך און איז אין פולן איינקלאַנג מיט זיין גאַנצער וועלט אַנשויונג. זיין טעמפּעראַמענט קען נישט שלום מאַכן מיט פּאַסיוויטעט, און זיינע עטיש־רעליגיעזע איבערצייגונגען דיקטירן אים די פליכט פון העראָישן ווידערשטאַנד לויט דעם אינדישן פּרינ־ציפּ פון „סאַטיאַגראַהאַ".

די צענטראַלע אידייע פון „סאַטיאַגראַהאַ" איז נישט, ווי אייניקע דענ־קען, אַ סטראַטעגישע מעטאָדע וואָס גאַנדי זאָל האָבן „דערפונדן", כדי צו לייזן וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן אין דער אייגנאַרטיקער אינדישער סיטואַ־ציע. ער האָט זיין לערע געפּרעדיקט נאָך צוריק מיט יאָרן אַלס אַן אוניווער־סאַלן אידעאַל, וועלכער קען אין זיין הויפּט־וועזן אַנגעווענדט ווערן פון אַלע באַליידיקטע און אונטערדריקטע, אַלץ איינס וועגן וואָס פאַר אַ לאַנד עס זאָל זיך נישט האַנדלען און וואָס פאַר אַ ספּעציפישע היסטאָרישע סיטואַציע עס זאָל דאָרט נישט הערשן. פּערזענלעך פיל איך, אַז קאַמפן, סיי פון יחידים און סיי פון גרופּן, לויט דעם „סאַטיאַגראַהאַ"־פּרינציפּ — שוין נישט רעדנדיק וועגן זיינע ריין־מאָראַלישע און רעליגיעזע אַספּעקטן — קענען זיין אויך זייער עפעקטיוו און געקרוינט ווערן מיט גרויסע פּראַקטישע זיגן. איך מוז אָבער אין דער זעלביקער צייט געדענקען, אַז כדי אָנצווווענדן גאַנדיס קאַמף־מעטאָ־דע אין דער סאָציאַלער און פּאָליטישער ווירקלעכקייט, איז נישט גענוג זי אָנ־צונעמען בלויז אינטעלעקטועל. זי מוז אויך עמאָציאָנעל אַסימילירט ווערן. מ׳מוז אין יענער מעטאָדע גלייבן מיט דער גאַנצער טאָטאַליטעט פון דער מענטשלעכער נשמה, כדי זי זאָל קענען ווערן פּראַקטיש־

עפעקטיוו. אַזאַ גלויבן פֿאַרמאָגן נישט די דייטשע ייִדן. פֿאַר אמונה אין דעם פּרינציפּ פֿון „סאַטיאַגראַהאַ" פֿאָדערט זיך, אַזוי צו זאָגן, אַ ספּעציעלע „דיס־פּאָזיציע", וואָס ייִדן אין דייטשלאַנד האָבן, מחמת פֿאַרשידענע סיבות, אין זיך נישט אַנטוויקלט. די ציוויליזאַציע, אין וועלכער דייטשע ייִדן האָבן גע־לעבט אין משך פֿון אַ סך דורות און צו וועלכער זיי האָבן מיט אַזוי פֿיל טאַ־לאַנט און ענערגיע געמאַכט זייער בייטראַג, האָט זיי נישט צוגעגרייט צום פּאַטאָס פֿון „סאַטיאַגראַהאַ". זיי זענען דערפֿאַר איצטער נישט מסוגל זיך צו פֿאַרטיידיקן. די פֿאַרטיידיקונגס־מעטאָדן וואָס זענען אָנגענומען אין דער מערב־וועלט קענען די דייטשע ייִדן, אונטער די איצטיקע באַדינגונגען, נישט אָנ־ווענדן. זיי קענען אויך נישט פּראַקטיצירן די מעטאָדע פֿון פּאַסיוון ווידער־שטאַנד, ווייל עס פֿעלט זיי יענער טיפֿ העראָיזם, וואָס נאָר אמונה און ספּעצ־יפֿישע אימאַגינאַטיווע קרעפֿטן זענען בכוח צו אַנטוויקלען. ווען גאַנדי באַ־שולדיקט די דייטשע ייִדן, אַז זיי פֿעלט יענע מענטאַליטעט, וואָס, לויט זיין אָפּשאַצונג, איז זי די איינציקע אמת־העראָישע, בין איך גרייט מיט אים מסכים צו זיין, אָבער מיט איין תנאי וואָס ער איז, גלייב איך, מחויב אָנצונעמען: אַז די באַשולדיקונג זאָל חל זיין אויך אויף מיליאָנען נישט־ייִדישע בירגער אין דייטשלאַנד, וואָס טראָגן אויף זיך דעם יאָך פֿונעם היטלער־רע־זשים מיט הילפֿלאָז האָס און ווייזן נישט אַרויס קיין גרעסערע טאַלאַנטן פֿאַר „סאַטיאַגראַהאַ"־מעטאָדן איידער די ייִדן; אויף מיליאָנען איטאַליענער וואָס אָטעמען שוין יאָרן און יאָרן די פֿאַרפּעסטעטע לופֿט פֿון זייער אייגענעם דעס־פּאָטיזם; אויף צענדליקער מיליאָנען רוסן וואָס האָבן אויסגעשעפּט זייערע כוחות אין אַ בלוטיקן בירגער־קריג און געפֿינען נישט דעם וועג צו דער גאַנ־דישער קאַמף־מעטאָדע קעגן אַ נייער פֿאָרם פֿון אויטאָקראַטיע; אויף הונדער־טער מיליאָנען כינעזער, וואָס מיט זייער מיליטערישן ווידערשטאַנד העלפֿן זיי דעם יאַפּאַנישן מיליטאַריזם צו פֿאַרוויסטן זייער לאַנד — ווען זיי וואָלטן גאָר געדאַרפֿט זיך אָנוועקלאָזן אויפֿן וועג פֿון מיליטאַנטישן פּאַסיפֿיזם.

עס איז אמת, אַז פֿון ייִדן און ספּעציעל פֿון דייטשע ייִדן מעג מען פֿאָ־דערן — ווי גאַנדי טוט עס — אַז זיי זאָלן ווערן אין דער מערב־וועלט די פּיאָנערן פֿון נייע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלן קאַמף, אַז זיי זאָלן זיין די ערשטע אָנ־צונעמען די אמונה און די סטראַטעגיק פֿון „סאַטיאַגראַהאַ". גאַנדי וויל, אַז דייטשע ייִדן זאָלן זיין די מפּני־דרך פֿאַר אַ גייסטיקער אָפּענסיווע קעגן זייער רשעותדיקער רעגירונג. ער האָט זיינעם אָן ערנסטן גרונט צו גלייבן, אַז די אומפֿאַרגלייכלעכע דערנידעריקונגען, צו וועלכע די דייטשע ייִדן זענען אויס־געזעצט, וואָלטן זיי באַדאַרפֿט ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלן האַנדלען העראָי־שער און אַרויסווייזן גרעסערע פֿעיקייטן פֿאַר גייסטיקער „אַוואַנטורע" איידער

זייערע שכנים. איך פרעג נישט אָפּ דעם געדאַנק וואָס ליגט אין יסוד פון גאַנ־דיס פאָדערונג, אַז ס'איז פאַראַן אַ געוויסע קעגנזייטיקע שייכות צווישן פּיין און דער מאָראַלישער רעאַקציע אויף פּיין. ער וואָלט אָבער אויך געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, אַז ווען ליידן און דערנידעריקונג שרייטן אַריבער אַ געוויסע גרענעץ, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַנשטאָט יענעם העראָיזם וואָס ער פּרעדיקט, זאָל גאָר די רעאַקציע זיין אַ געפיל פון טאָטאַלער הילפלאָזיקייט און יאוש. דאָס איז באַזונדערס אמת ווען די באַטרעפנדיקע גרופּע איז היס־טאָריש און פּסיכאָלאָגיש גאָרנישט צוגעגרייט צו אַזאַ קאַטאַסטראָפע, ווי די וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן דייטשן ייִדנטום, און זי קוקט אויף איר ווי אויף אַ פּלוצימדיקער, אומדערוואַרטעטער געשעעניש. דער נביא פון „יונג־אינדיע" האָט אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן אַ פאַרדריסלעכן מאַנגל פון פּסיכאָ־לאָגישער פאַרשטענדעניש.

גאַנדי וואָלט אויך געדאַרפט פאַרשטיין, ווי שווערער עס איז צו פּריי־דיקן „סאַטיאַגראַהאַ" פאַר ייִדן אין דייטשלאַנד איידער פאַר די מאַסן אין אינדיע, אַפילו פאַר די נידעריקסטע קאַסטן פון די „אומבאַרירבאַרע". ווייסן מיר דאָך די חסרונות פון ענגלישער הערשאַפט און אַדמיניסטראַציע אין אינ־דיע. מען דאַרף זיך אָבער שטאַרק היטן פון פאַרגלייכן די לאַגע פון די אינדי־שע מאַסן היינט, אָדער אַפילו צוריק מיט צוואַנציק יאָר, מיט דער איצטיקער לאַגע פון דייטשע ייִדן. אין די אַלע יאָרן, וואָס דער אינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט אָנגעפירט זיין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם לאַנד, האָבן דאָרט עקזיסטירט צענדליקער ל ע ג אַ ל ע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן געגעבן אויסדרוק פאַר די נויטן און די פּאָליטישע תביעות פונעם פאָלק. די ענגלישע רעגירונג האָט קיינמאָל נישט אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון דער אונטערדריקטער באַפעלקערונג אין אינדיע צו לעבן, צו אַרבעטן און צו פאַר־דינען איר ברויט; זי האָט אויך נישט אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון אינדישע אונטערטאַנען צו פאַרנעמען אַפילו פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונגס־פּאָסטנס. די ברוטאַלסטע בריטישע אַדמיניסטראַציע אין אינדיע האָט געוווסט און גע־דענקט, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ פאָלק פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן, וואָס לעבן אין זייער לאַנד קאָמפּאַקט און קאָנצענטרירט. צוזאַמען מיט גאַנדי האָט זי פאַרשטאַנען, ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז „ווען מיר, אינ־דיער, וואָלטן פּעזיק געוועזן בלויז צו שפּייען בציבור, וואָלט דערפון געוואָרן אַ טייך, גרויס גענוג, אַז עס זאָלן אין אים דערטרונקען ווערן 300.000 ענגלענ־דער", פּאַקטיש אַלע ענגלענדער וואָס געפינען זיך אין אינדיע און רעגירן זי.

ווען „סאַטיאַגראַהאַ" זאָל פּראַקטיצירט ווערן פון אַן אָרגאַניזירטער גרו־פּע וואָס האָט הינטער זיך די סימפּאַטיעס פון אַזאַ ריזיקער באַפעלקערונג,

וואָלט דאָס געווען אַזאַ גרויסע פּאָטענציעלע קראַפט, וועגן וועלכער דייטשע ייִדן קענען אַפילו נישט טרוימען (דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז אַפילו ווען אינדיער וואָלטן וועלן אַנטלויפן פון אינדיע און וואָלטן האָבן ווּהין צו לויפן, וואָלט ענגלאַנד געווען ביז גאָר פאַראינטערעסירט, אַז זיי זאָלן בלייבן אין לאַנד — פּונקט דער היפּוך פון דער שטעלונג וואָס דער נאַצי־רעזשים האָט אָנגענומען אין באַצוג צו ייִדן). און מעג איך נאָך עפּעס צוגעבן? איך וועל זיך באַנוצן מיט די ווערטער פון איינעם פון גאַנדיס מיטאַרבעטער און תּלמידים, וואָס האָט געמאַכט די פאָלגנדיקע דערקלערונג, ווען איבער אים האָט געהאָנגען אַ שווערער תּפיסה־אורטייל: „מיר מעגן דאַנקען אונדזערע גליקלעכע שטערן, וואָס אונדז קומט אויס צו קעמפן קעגן ענגלענדער און נישט קעגן אַן אַנדער פאָלק, ווייל די ענגלענדער פאַרמאָגן אין זיך אַן ע פּ ע ס, צו וועלכן מ׳קען אַפּעלירן“.

דער זעלביקער ענגלישער ריכטער וואָס האָט אַמאָל פאַראורטיילט גאַנדין אויף אַ תּפיסה־טערמין, האָט געפונען פאַר מעגלעך (און אויך פאַר נישט באַשטראָפבאַר) צו דערקלערן בשעת דעם אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין, אַז בלויז דאָס געזעץ פאַרשיקט גאַנדין אין תּפיסה, ווייל ע ר פּ ע ר ז ע נ ל ע ך באַציט זיך צו אים ווי צו אַ „גרויסן פּאַטריאָט און אַ גרויסן פירער“, און „אַפילו די וואָס זענען מיט זיינע אידייען אָדער מעטאָדן נישט מסכּים, קוקן אויף אים ווי אויף אַ מאַן פון גרויסע אידעאַלן, פון נאָביליטעט און קדושה“. אין דער זעלביקער צייט האָט איינער פון די פּראָמינענטסטע ענגלישע מיסיאָנערן אין אינדיע פאַרגליכן דעם גאַנדי־פּראָצעס צום משפּט אויף ישו־הנוצרי און סאָקראַטעס, און דער ענגלישער בישאָף פון מאַדראַס איז אַרויסגעקומען מיט אַ גילוי־דעת פאַר דער גאַנצער וועלט: „איך מוז אָפן אָנערקענען, כאָטש עס איז פאַר מיר אַ גרויסער ווייטיק דאָס צו זאָגן, אַז איך זע אין גאַנדי דעם גערולדיקן מאַרטירער פאַר דער זאַך פון יושר און חסד, אַן עכטערן פאַרטרעטער פונעם געקרייציקטן משיח איידער עס זענען די מענער, וואָס האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה און באַצייכענען זיך אַלס קריסטן“.

ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק האָב איך אין אַמעריקע באַגעגנט אַן ענגלענדער — זיין נאָמען דאַרף גאַנדין זיין באַקאַנט — אַן אַמאָליקן אַרמיי־אָפיציר אין אינדיע און איצטער אַ מיטגליד פון פאַרלאַמענט, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן נישט קיין דורכשניטלעכן מאָראַלישן קוראַזש, ווען ער האָט זיך, מיט יאָרן צוריק, אַנטזאָגט אויסצופירן אַ באַפעל צו אַרעסטירן גאַנדי, וויסנדיק, נאַטירלעך, זייער גוט, וואָס פאַר אַן עונש עס קומט אים פאַר אַזאַ פאַרלעצונג פון מיליטער־דיסציפּלין. קיין שטראָף האָט ער פונדעסטוועגן, ווי איך ווייס, נישט געקראָגן, און מ׳האָט אים בלויז געגעבן די געלעגנהייט צו

רעזיגנירן פון דער אַרמיי. און יענער מאַן, דאַרף מען האָבן אין אַכט, איז נישט קיין פּאַציפיסט, אויך נישט קיין סאָציאַליסט, און אין פּאַרלאַמענט פאַר־טרעט ער די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי. אַפילו אין די טרויעריק באַרימטע טעג פון גענעראַל דאַיערס אַדמיניסטראַציע אין אינדיע האָט דאָרט נישט געהערשט בעסטיאַליטעט און יענע „מאָראַלישע אַנעסטעזיע״, וואָס זענען כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער הייַנטיקער דייטשלאַנד. אַ יידישער גאַנדי אין דייטשלאַנד, ווען אַזעלכער זאָל זיך באַווייזן אויף דער סצענע, וואָלט געקענט „פונקציאָנירן״ נישט מער ווי פינף מינוט, ביז דער ערשטער געסטאַפּאָ־אַגענט, וואָס וועט אים אויסגעפינען, וועט אים אַוועקפירן — אַפילו נישט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָר גלייך צו דער גיליאָטינע.

אויב גאַנדי פאָדערט העראָיזם פון זיין אייגענעם פאָלק, פאָדערט ער פון דייטשע יידן אַ מדרגה פון סופּער־העראָיזם, וואָס האָט גאָרנישט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע. דער פאַרגלייך וואָס גאַנדי מאַכט צווישן דער לאַגע אין אינדיע און דער לאַגע פון דייטשע יידן אַנטהאַלט אין זיך אַן עלעמענט פון אומגערעכטיקייט, אין וועלכער ער איז נכשל געוואָרן טראָץ זיינע בעסטע כוונות.

אָבער אויב גאַנדי פאָדערט פון אונדז סופּער־העראָיזם אין דייטשלאַנד, האָט ער צו אונדז אַ תביעה, אַז אין ארץ־ישראל זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון די עלעמענטאַרסטע רעכט, וואָס דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי דער קנין פון יעדן פאָלק. ווען ער פרעגט, הלמאי מיר מאַכן נישט אונדזער היים אין לענדער וווּ מיר זענען געבוירן געוואָרן און וווּ מיר ציִען אונדזער חיונה — „ווי אַלע אַנ־דערע פעלקער פון דער וועלט״ — באַווייזט ער בלויז, אַז ער האָט זיך קיינ־מאָל ערנסט נישט פאַרטראַכט וועגן דער אומגעווייינלעכער דראַמע פון דער איינציקאַרטיקער יידישער געשיכטע. אין משך פון אַ סך דורות האָבן יידן גע־לעבט אין דער פרעמד, און עס איז כלל נישט קיין צופאַל, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן געלעבט אין אַזויפיל לענדער און מיט אַזויפיל פעלקער, זענען זיי דאָרט נישט געוואָרן געווענונג איינגעוואָרצלט, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן צו פילן ווי אין „שטיפמוטער־לענדער״. גאַנדי וואָלט געדאַרפט וויסן וועגן די פאַרשידענע פאַרזוכן, וואָס יידן האָבן געמאַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט צו פאַרוואַנדלען זייערע ווינלענדער אין אמתע היימען — אָנפאַנגענדיק פון בבל און אַלעקסאַנדריע פון מצרים און ענדיקנדיק מיט דער מאָדערנער דייטש־לאַנד. די גרויסע בייטראַגן, וואָס יידן האָבן געמאַכט צום קולטורעלן אויפ־שוונג פון יענע לענדער און צו זייער עקאָנאָמישן וווקס זענען גענוג באַווייז, אַז זיי האָבן דאָרט געזוכט צו שלאָגן וואָרצלען, אָבער צו אָפט זענען זייערע באַמיִונגען געווען אומזיסט. גאַנדיס פראַגע קלינגט ווי אַ באַשולדיקונג: זי

מאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי מיר וואָלטן בכיוון זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן צוזאַמענגעוואַקסן מיט וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד אַחוץ ארץ־ישראל. אויב עס זאָל זיין אמת, אַז מיר האָבן זיך אַליין פּאַראורטיילט אויף אַן אייביקן סטאַטוס פון פרעמדע אין אַלע אונדזערע וווין־לענדער, וואָלט אַזאַ אויסער־געוויינלעכער פענאָמען אין דער מענטשלעכער געשיכטע געדאַרפט אַרויסרופן ביי גאַנדין גרויסע פאַרוווּנדערונג, און ער וואָלט זיך געדאַרפט שטעלן אַן אַנדער פראַגע: צי טראָגן נישט ייִדן אין זיך אַזעלכע נאָך־נישט־רעאַליזירטע קרעפטן, וואָס זענען מסוגל זיך צו מאַניפעסטירן בלויז אין אַ ייִדישער ט ע־ר י ט אָ ר י ע ל ע ר ס ב י ב ה.

איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז היסטאָרישע רעכט דאַרפן שטענדיק באַטראַכט ווערן אַלס אַבסאָלוט גילטיק. ווען אין ארץ־ישראל וואָלטן היינט געלעבט בלויז אַראַבער און זיי וואָלטן זיך דאָרט געפונען אין אַזעלכע גרויסע צאָלן, אַז עס וואָלט אין לאַנד נישט געווען לחלוטין קיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע אויפנאַם־פעיקייט פאַר נייע תושבים, וואָלטן אונדזערע היסטאָרישע רעכט איצט נישט געקענט האָבן קיין מאָראַלישן ווערט און קיין פּראַקטישע באַדיי־טונג. אָבער דאָס לאַנד איז אונטערבאַפעלקערט, ווייט נישט גענוג קולטיווירט, און מיר האָבן נישט קיין גרונט צו צווייפלען אין די באַגרינדעטע באַהויפּטונ־גען פון עקספּערטן — ייִדישע און נישט־ייִדישע — אַז עס איז ביכולת אַריינ־צונעמען אין זיך עטלעכע מאָל אַזויפיל מענטשן וויפל עס געפינען זיך שוין דאָרט. אין אַנדערע ווערטער: עס איז דאָרט פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ פּאָטענציע־לער ייִדישער מערהייט, נישט אָנרירנדיק דערביי די אוממיטלבאַרע אינטערעסן פון דער היינטיקער אַראַבישער מערהייט. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף ערנסט גענומען ווערן אין באַטראַכט דער פאַקט, אַז ארץ־ישראל איז דאָס וויגעלע און די „לאַבאָראַטאָריע" פון דער גאַנצער ייִדישער ציוויליזאַציע און אַז די פאַרבינדונג פונעם ייִדישן פאָלק מיט יענעם לאַנד איז נישט בלויז אַן „אַרכעאָלאָגישע", ווי, לאָמיר זאָגן, די פאַרבינדונג צווישן די אונגאַרן און דעם אַמאָליקן מאַנגאָלישן סעקטאָר אין אַזיע, פון וועלכן זיי זאָלן האָבן אַרויס־געקומען. האָט דאָך ביי ייִדן ארץ־ישראל געשפּילט אויך אין די צוויי טויזנט יאָר פון זייער צעשפּרייטונג די ראָלע פון אַ גראַוויטאַציע־צענטער — רעלי־גיעז־דאָגמאַטיש, עמאָציאָנעל, קולטורעל־פּסיכאָלאָגיש, און דורך דער משיח־האָפענונג און דעם גלויבן אין גאולה, אויך פּאָליטיש — בשעת פאַר אַראַבער איז דאָס דאָזיקע לאַנד, אין אַ געוויסן זינען, אַ „צופעליקער" געאָגראַפישער פּונקט, פאַר וועלכן זיי האָבן אַפילו נישט קיין ס פּ ע צ י ע ל ן נ אָ מ ע ן: ביזן היינטיקן טאָג איז פאַר זיי ארץ־ישראל נישט מער ווי „דרום־סיריע".

דאַרף מען נאָך זוכן אַנדערע באַווייזן פאַר דער מאָראַלישער גילטיקייט

פון דער ייִדישער תביעה אויף ארץ־ישראל? אין מזרח־אייראָפּע דערציילט מען אַן אַנעקדאָט (דער משל איז נישט אינגאַנצן געגליכן צו דעם נמשל, און דאָך ליגט אין דעם אַ געוויסער מוסר־השכל), וועגן אַ גנב, וועמען דער ריכטער האָט שאַרף געמוסרט פאַר זיין פאַרלעצונג פון געזעץ: „ווייסטו דען נישט, אַז עס איז פאַרבאָטן צו נעמען זאַכן וואָס געהערן צו אַנדערע מענטשן?" דער גנב האָט אָבער אַוועקגעשטעלט פאַרן בית־דין אַן אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע דילעמע: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז אויף וואָס פאַר אַ זאַך איך האָב נאָר אַ קוק געטאָן, האָט מען שוין אויף איר געזאָגט אַז זי געהערט צו עמיצן אַנדערש?" אַבסאָלוטע אָרעמקייט, אין אַ וועלט וואָס איז פול מיט רייכטימער, גיט אַ אַ נאַטירלעך רעכט, און נישט בלויז אַ רעכט, נאָר אויך אַ פליכט, די, וואָס געבוירט און שיקזאַל האָבן זיי שלעכט באַהאַנדלט, צו מאָנען ז יי ע ר ח ל ק, און פאַר אַלעמען אויפן חשבון פון אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן צופיל: מער ווי זיי באַדאַרפן אָדער זיי קענען נוצן (אַפילו אַזאַ דאָגמאַטיש גלויבנדיקער קריסט ווי טאָמאַס פון אַקווינאָ האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אָנגענומען און אים אויף זיין אופן באַגרינדעט). מ'קען נישט זאָגן צו ייִדן: „די וועלט איז שוין פאַנאַנדערגעטיילט; אייניקע האָבן געקראָגן מערער און די אַנדערע ווייניקער, אָבער פאַר אייך איז שוין גאָרנישט נישט געבליבן, און קיינער איז נישט מחויב זיך מיט אייך צו טיילן, כאָטש איינער פאַרמאָגט פעלדער וואָס ער קען נישט אָדער ער וויל נישט באַאַרבעטן, און אַן אַנדערער פאַרמאָגט פאַבריקן, ווו ער לאָזט די מאַשינען זשאַווערן פון אומטעטיקייט". גאַנדי גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, וואָס פאַר אַ פעלער ער מאַכט ווען ער סאַנקציאָנירט אויף אַן אומדירעקטן אופן די אַבסאָלוטע אומפאַרלעצלעכקייט פון פּריוואַט־אייגנטום, וואָס על־פּי יושר דאַרף עס רעגולירט ווערן לויט אַ ברייטערן, אַלגעמיין־מענטשלעכן אָדער אינטערנאַציאָנאַליסטישן פּרינציפּ. כאָטש ער איז נישט קיין סאָציאַליסט אין אייגנעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט, וועט גאַנדי פונדעסטוועגן מודה זיין, אַז די אייגנטום־שייכותן צווישן די אינדיווידועלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט וועלן מוזן אויף אַ באַשטימטן אופן געענדערט ווערן, כדי מ'זאָל קענען דערגרייכן כאָטש אַ מינימום פון סאָציאַלן יושר. דערפון וואָלט ער געדאַרפט מאַכן דעם לאָגישן פועל־יוצא, אַז דער זעלביקער קריטעריום פון יושר — די פליכט צו פאַרזיכערן אַ לעבנס־מינימום פאַר יעדער באַשעפעניש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלהים — דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויך אין דער באַהאַנדלונג פון קאָלעקטיווע אייגהייטן: פון יעדן פאָלק, פון יעדער ראַסע, פון יעדן שבט. בענדזשאַמין פרענקלין (נישט קיין סאָציאַליסט און אויך נישט

קיין אינטערנאַציאָנאַליסט אינעם היינטיקן זינען פון וואָרט) האָט אַמאָל גע־געבן אויסדרוק דעם דאָזיקן איינפאַכן געדאַנק אין אַ בריוו צו ראָבערט מאָריס:

„אַלץ וואָס עס ווערט באַצייכנט אַלס אייגנטום, אַחוץ דעם פרימיטיוון מענטשנס צייטווייליקן געצעלט, זיין פייל־און־בויגן, זיין צינדהאָלץ און אַנ־דערע קליינע קעגנשטאַנדן, וואָס זענען אַבסאָלוט נייטיק פאַר זיין עקזיסטענץ און דערנערונג, איז אין מיינע אויגן נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון געזעל־שאַפטלעכן הסכם (נישט אויפגעבויט, הייסט דאָס, אויף אַבסאָלוטן רעכט). די געזעלשאַפט האָט דערפאַר אַ רעכט צו רעגולירן דעם טראַנספער פון אייגנ־טום, אויך צו באַגרענעצן די קוואַנטיטעט פון אייגנטום און זיין געברויך. אַלע קנינים וואָס זענען נייטיק פאַרן מענטשן, כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פונעם יחיד און דעם ביאָלאָגישן המשך פון זיין גרופּע, געהערן צו דער ספערע פון זיין „נאַטירלעך רעכט", און קיינער טאָר דאָס פון אים נישט צונעמען. אָבער אַלע קנינים, וואָס זענען נישט נייטיק פאַר די דאָזיקע צילן, זענען דאָס אייגנטום פון דער געזעלשאַפט. דורך אירע געזעצן האָט זי געשאַפן אייגנטום־רעכט, וואָס באַציִען זיך אויף זיי, און דערפאַר מעג זי, דורך אַנדערע געזעצן, יענע רעכט אָפּשאַפן, אויב די אינטערעסן פון אַלגעמיינעם ווילזיין זאָלן דאָס פאָדערן. ווער עס געפעלט נישט אַ ציווילע געזעלשאַפט, באַזירט אויף אַזעל־כע באַדינגונגען, זאָל ער זיך פון איר צוריקציִען און לעבן צווישן ווילדע. ווער עס איז נישט גרייט צו מאַכן זיין בייטראַג צו שטיצן די געזעלשאַפט, האָט נישט קיין רעכט אויף אירע בענעפיטן".

וואָלט זיך גאַנדי גענומען די טירחה צו באַטראַכטן דעם דאָזיקן עלעמענ־טאַרן אמת אין זיין שייכות צו דער היינטיקערווירקלעכקייט, וואָלט ער אויך נישט געווען געשריבן אין אַזאַ כמעט פאַראַכטנדיקן טאָן וועגן דער מאַנדאַטן־סיסטעם. פון אַ ריין יורידישן שטאַנדפּונקט איז נישט שווער מיט אים מסכים צו זיין, „אַז די מאַנדאַטן האָבן נישט קיין אַנדער סאַנקציע, אַחוץ דער סאַנק־ציע פון דער לעצטער מלחמה". דאָס הייסט אָבער נישט, פונדעסטוועגן, אַז די אידייע וואָס ליגט אינעם יסוד פון די מאַנדאַטן און אַפילו די קאָנקרעטע מאַנדאַטן־סיסטעם, ווי זי איז פּראַקטיצירט געוואָרן די לעצטע צוואַנציק יאָר, איז בלויז אַ פּראָדוקט פון דער מלחמה. הינטער דער מאַנדאַטן־סיסטעם שטייט די אידייע, וואָס האָט געפונען אַ טיילווייזע פאַרקערפּערונג אין דער קאָנסטי־טוציע פונעם פעלקערבונד, אַז געגנטן ווו די באַפעלקערונג איז נאָך נישט גע־נוג רייף פאַר זעלבסטרעגירונג אָדער ווו לאָקאַלע אינטערעסן דאַרפן סובאָר־דינירט ווערן צו מער אַלגעמיינע אינטערעסן, זאָלן אַדמיניסטרירט ווערן דורך אינטערנאַציאָנאַלע כוחות. פּ אָ ט ע נ צ י ע ל, יעדנפאַלס, האָט דאָס אַ גרויסע הומאַניטאַרע באַדייטונג. דאָס איז אַ פּרעלודיע צו יענער „ציווילער

געזעלשאַפט״, פון וועלכער פרענקלין האָט געשריבן אין אַכצנטן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ וועג צו אַ ראַציאָנאַלערן, מער יושרדיקן און מער אינטערנאַציאָנאַליסטישן קאָנטראָל פון דער וועלטס רייכטימער. איך ווייס, מיט וויפל חסרונות דער פעלקער־בונד איז באַלאָדן און ווי גרויס עס איז אין די לעצטע יאָרן געווען זיין נידערלאַגע, וואָס האָט געבראַכט ליידן און אומגליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער ווער עס האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער אַרבעט פונעם פעלקער־בונד אין אַדמיניסטרירן די מאַנדאַטן־לענדער (נישט רעכענענדיק, נאַטירלעך, די געגנטן אונטער דער מאַנדאַטן־השגחה פון יאַפּאַן, וועלכע האָט זיך ציניש אויסגעלאַכט פונעם פעלקער־בונדס קאָנטראָל אַפילו דענסטמאָל, ווען אירע פאַרטרעטער זענען נאָך געזעסן אין זשענעוואַ), מוז צוגעבן, אַז די מאַנדאַטן־סיסטעם איז אַ שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די אויטאָקראַטישע קאָלאָניאַלע רעזשימען פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויך פון דער קעגנוואַרט. דער פאַקט וואָס אַ מאַנדאַטן־רעגירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך צו דער פּערמאַנענטער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, אין וועלכער נישט קיין קליינע צאָל מיטגלידער פאַרטרעט רעגירונגען, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין קאָלאָניעס און פאַרוואַלטן אויך נישט קיין מאַנדאַטן־טעריטאָריעס, איז שוין אַליין אַ שריט פאָרויס אין דער ריכטונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם און העכערע הומאַניטאַרע סטאַנדאַרדן.

עס איז זייער צו באַדויערן, וואָס גאַנדי איז צוגעגאַנגען צו דער ייִדנפראַגע אָן יענער פונדאַמענטאַלער ערנסטקייט און אָן יענער ליידנשאַפטלעכקייט אין זוכן דעם אמת, וואָס זענען געוויינלעך אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין באַהאַנדלונג פון פּראָבלעמען. ער האָט דערפאַר נישט באַמערקט די טיפערע אימפּליקאַציעס פון דער מאַנדאַטן־סיסטעם (און זאָל דערביי דערמאָנט ווערן, אַז ייִדן האָבן זייער וויניק גרונט צו זיין צופרידן מיט דעם אופן ווי דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט ווערט פון ענגלאַנד דורכגעפירט). ער האָט דערפאַר אויך נישט תופס געווען די אומפאַרגלייכלעכע טראַגעדיע פון ייִדישער עקזיסטענץ, און עס לייגט זיך אים סיי אויפן שכל און סיי אויפן געוויסן, אַז ער מעג באַרעכטיקן דעם פאַקט, וואָס פינף אַראַבישע שטאַטן פאָדערן איצט אין לאָנדאָן די גרינדונג פון אַ זעקסטן אַראַבישן שטאַט (ערב דער עטאַבלירונג פון אַנדערע צוויי זעלבסטשטענדיקע אַראַבישע מלוכות, אין סיריע און דעם לבנון), און אין דער זעלבער צייט צו שטעמפּלען אַלס אַן עוולה דעם אומקער פון ייִדן אין זייער אַלטער היים. גאַנדי האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי ער פאַרטיידיקט אַ פּריווילעגירטע לאַגע פאַר אַראַבער: עס קומט ביי אים אויס, אַז פאַר אַראַבער טאָר אין ערגעץ נישט געשאַפן ווערן קיין מינדערהייטססטאַטוס, בשעת אים איז גוט באַקאַנט, אַז צענדליקער מיליאָנען דייטשן,

טשעכן, רוסן, פּאָליאַקן, אירלענדער, איטאַליענער און אַנדערע לעבן אין אַ כּך לענדער אַלס עטנישע מינדערהייטן, און די ייִדן זענען אַ מינדערהייט אַר־מעטום אויפֿן ערד־קוגל.

מיט מיין גאַנץ דרך־ארץ פֿאַר גאַנדי פֿיל איך פֿונדעסטוועגן, אַז אין דעם פֿאַל האָט ער פֿאַרראַטן זיין אינעווייניקסטן „איך". איך קען זיך נישט באַ־פֿרייען פֿונעם פֿאַרדאַכט, אַז אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן דעם ארץ־ישׂראל פּראָבלעם, האָט זיך גאַנדי דערלויבט אַרונטערצופֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון דער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געפֿירט אין אינדיע פֿון פֿאַנאַטישע פּאַן־איסלאַמיסטן. זיין נאַטירלעך און לויבנסווערט שטרעבן צו אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט מיט די מוסולמענער, אין פֿראַגן פֿון אינדישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט אים, וואַרשיינלעך, פֿאַרפֿירט — אים בלינד גע־מאַכט צו וויכטיקע רעאַליטעטן, און צוגענומען ביי אים יענע קלאָרקייט פֿון אַנאַליז, וואָס איז אַ טייל פֿון זיין מאָראַלישן וועזן. צוריק מיט יאָרן איז ער, מחמת דער זעלביקער סיבה, באַגאַנגען די עוולה פֿון פֿאַרטיידיקן דעם קאַלי פֿאַט — אַ רעליגיעז־אימפּעריאַליסטישע אינסטיטוציע, וואָס איז כּלל נישט אין איינקלאַנג מיט זיינע אַלגעמיינע אַנשויונגען. גאַנדי איז דענסטמאָל גע־ווען אומגערעכט. ער איז אויך אומגערעכט אין אונדזער פֿאַל. און מיר דוכט, אַז דער מקור פֿון זיין אומגערעכט־זיין איז איינער און דער זעלבער.

איך ווייס, אַז דאָס איז אַן ערנסטע באַשולדיקונג, יעדנפֿאַלס, אַן ערנס־טער חשד. אָבער אַזאַ אַנקלאַגע, ספּעציעל ווען זי קומט פֿון אַ ייִדן, איז נישט קיין סימן פֿון מאַנגל אין פֿאַרערונג. העלדן־קולט איז ביי ייִדן שטענדיק גע־ווען באַגלייט מיט רעזערוואַציעס. מיר פֿאַרערן משה רבנו, אונדזער ערשטן נביא און באַפֿרייער. מיר פֿאַרגעסן אָבער נישט, אַז אויך ער איז געווען זינ־דיק — אַזוי זינדיק, אַז גאָט האָט אים נישט דערלויבט אַריינצוקומען אין דעם פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד, און צו קבֿורה איז ער געקומען אויף די איינזאַ־מע הויכן פֿונעם באַרג נבֿו.

1945

גאַנדיס ענטפֿער

איך וויל פֿאַר אַלעמען זאָגן, אַז איך האָב נישט געשריבן מיין אַר־טיקל צוליב קריטיק. איך האָב אים געשריבן מחמת אַ דרינגענדיקער בקשה מצד ייִדישע פֿריינט און קאָרעספּאָנדענטן. ווען איך האָב באַשלאָסן צו שרייבן, האָב איך דאָס נישט געקענט טאָן אויף אַן אַנדער אופֿן.

שרייבנדיק, האָב איך נישט געהאַפּט, אַז די ייִדן וועלן זיך תיכף ומיד באַקערן צו מיין אויפפאַסונג. איך וואָלט זיך צופרידנגעשטעלט, אַפּילו ווען איין ייִד וואָלט דורך מיר געוואָרן אינגאַנצן איבערצייגט און באַקערט.

איך האָב אויך נישט געשריבן מיין אַרטיקל בלויז פאַר היינט. איך בין גענוג בעל־גאווה צו גלייבן, אַז אייניקע פון מיינע שריפטן וועלן מיך איבער־לעבן און וועלן ברענגען נוצן פאַר יענע צילן, צוליב וועלכע איך האָב זיי געשריבן. איך האָב נישט קיין געפיל פון אַנטוישונג, ווען איך ווייס, אַז מיין שרייבן האָט (ביז אַהער), אויף וויפל איך ווייס, נישט באַקערט קיין איינ־ציקן ייִדן.

האָבנדיק געלייענט גרינבערגס ענטפער מער ווי איין מאָל, מוז איך זאָגן, אַז איך זע נישט קיין סיבה, צוליב וועלכער איך זאָל דאַרפן ענדערן די מיי־נונג, וואָס איך האָב אויסגעדריקט אין מיין אַרטיקל. עס איז העכסט וואָר־שיינלעך, אַז, ווי דער שרייבער זאָגט, „אַ ייִדישער גאַנדי אין דייטשלאַנד, ווען אַזעלכער וואָלט זיך באַוויזן, וואָלט געקענט פונקציאָנירן נישט מער ווי פינף מינוט, און ער וואָלט גלייך אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער גיליאָטינע". דאָס נעמט אָבער נישט צו דעם אמת פון מיין אַרגומענט און שוואַכט נישט אָפּ מיין אמונה אין דער ווירקזאַמקייט פון אַהימסאַ (נישט צו באַקעמפן דאָס בייזע מיט בייזן)...

מיין גרונט־פּרינציפּ איז, אַז אַהימסאַ איז נאָך מער ווירקזאַם, ווען זי שטויסט זיך אָן אויף דער גרעסטער הימסאַ (געוואַלט). אויף אַן אמתן ווערט איר ווערט אויספּרובירט נ אָ ר אין אַזעלכע פאַלן. ס'איז נישט קיין מוז, אַז די ליידנדיקע זאָלן זען דעם רעזולטאַט אין זייער אייגענעם לעבן. זיי דאַרפן האָבן אמונה, אַז אויב זייער קולט וועט אויסשטיין די נסיונות, איז דער רע־זולטאַט אַ געזיכערטער. די מעטאָדע פון געוואַלט גיט נישט קיין גרעסערע גאַראַנטיע איידער די מעטאָדע פון נישט־געוואַלט. זי גאַראַנטירט אָן אָן ערך ווייניקער, ווייל עס פעלט אין איר דער גלויבן, וואָס לעבט אין דער נשמה פון דעם אַנהענגער פון אַהימסאַ.

דער שרייבער באַהויפּטעט, אַז איך בין צוגעגאַנגען צו דער ייִדנפראַגע „אָן יענער פונדאַמענטאַלער ערנסטקייט און ליידנשאַפטלעכן דורשט נאָך אמת, וואָס זענען בדרך כלל אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין באַהאַנדלונג פון פּראָבלעמען". אַלץ וואָס איך קען אויף דעם ענטפערן, איז, אַז אויף וויפל איך ווייס, האָט נישט געפעלט נישט קיין ערנסטקייט און נישט קיין ליידנ־שאַפט פאַרן אמת, ווען איך האָב מיין אַרטיקל געשריבן. די צווייטע באַשול־דיקונג פונעם שרייבער איז אַ שווערערע. ער דענקט, אַז מיין אייפער פאַר הינ־דו־מוסולמענישער אחדות האָט מיך געמאַכט פּאַרטייאיש צו דער אַראַבישער

פּרעזענטאַציע פון דער פּראַגע, ספּעציעל ווי יענע פּרעזענטאַציע איז באַטאַנט אין אינדיע. איך האָב אָפּט געזאָגט, אַז איך וואָלט נישט פאַרקויפט דעם אמת צוליב אינדיעס באַפרייונג. נאָך ווייניקער בין איך דאָס גרייט צו טאָן כדי צו געווינען מוסולמענישע פריינטשאַפט. דער שרייבער דענקט, אַז איך בין אומ־געדעכט אין דער קאַליפאַט־פּראַגע. אויך היינט, ווען איך קוק אויף צוריק, האָב איך לחלוטין נישט קיין חרטה פאַר האָבן געשטיצט די קאַליפאַט־באַוועגונג. איך ווייס, אַז דאָס וואָס איך בלייב געטריי מיינער אַ שטעלונג פון צו־ריק מיט יאָרן איז נישט קיין באַווייז, אַז יענע שטעלונג איז געווען אַ ריכ־טיקע. ס׳איז אָבער וויכטיק, אַז יעדער וואָס האָט אין דער זאַך אַן אינטערעס זאָל וויסן ווי אַזוי איך באַטראַכט היינט מיינע האַנדלונגען פון 1919 און 1920.

איך האָב אַ פּיינפול באַוווסטזיין פונעם פאַקט, אַז דאָס וואָס איך שרייב דאָ וועט נישט צופרידנשטעלן נישט דעם שרייבער און נישט מיינע אַנדערע יידישע פריינט. איך ווינטש אָבער מיט מיין גאַנצן האַרצן, אַז צו די רדיפות אויף יידן זאָל קומען אַ סוף און אַז די פּראַגע פון ארץ־ישראל זאָל געניסן אַ לייזונג, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלע פאַראינטערעסירטע צדדים *.

---

* ביידע אַרטיקלען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „האַרידזשאַן", אַ וואָכנשריפט וואָס איז יאָרנלאַנג רעדאַגירט געוואָרן פון גאַנדי, דעם 22סטן יוני, 1939 (נומער 16, באַנד 7).

אַ טאָג אין לייפּציג

מיר האָבן פאַר זיך כמעט דעם גאַנצן טאָג פריי — האָט ביאַליק אַ זאָג געטאָן צו מיר, ווען מיר האָבן איינגעאָרדנט די זאַכן אין אונדזערע האָטעל־צימערן — חברה זענען פאַרנומען און ביז זיבן אַזייגער וועט אונדז קיינער נישט טשעפּען. קענען מיר זיך דערלויבן אַ שטיף־טאָן.

אין אַ זוניקן יאַנואַר־טאָג זענען מיר דענסטמאָל (אין 1924) צוזאַמען אָנגעקומען פון בערלין קיין לייפּציג. אין אָוונט האָבן מיר דאָרט ביידע געדאַרפט אויפטרעטן אויף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג, אָדער ריכטיקער, ביאַליק האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע און מיין עובֿדה האָט געזאָלט זיין איבערזעצן וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, פון זיין קאַלירפולן העברעיִש אויף מיין וואַסערדיקן דייטש.

דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר דער קאָפּ יענעם טאָג נישט געליגן ביי „אַ שטיף־טאָן", ווייל איך האָב ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט באַזונדערס געליטן פון „אימתא דציבורא", און איך האָב זיך אינעווייניק געמאַכט שאַרפע פאַרווורפן, הלמאַי איך האָב מסכים געווען צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע אויפגאַבע. קיין „רעפּעטיציע", האָב איך געוווסט, קענען מיר נישט מאַכן, ווייל ביאַליק האָט געטענהט, אַז, ערשטנס, האָט ער בכלל נישט וואָס צו זאָגן, און צווייטנס, טאָמער האָט ער עפּעס יאָ וועט עס אפשר „אַרויספּלאַצן" פון אים, מעשה עקספּראָמט, בשעת דעם רעדן גופא.

— אָבער וואָס מיינט איר — האָב איך נייגעריק אַ פרעג געטאָן — ווען איר זאָגט אַ שטיף־טאָן?

— אַ פיינער שטיפער זייט איר — האָט זיך ביאַליק צעלאַכט — איר ווילט שטיפן מיט אַ פריִער אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם, מיט אַ סדר־היום... וואָס זייט איר, אַ ליטוואַק? איך מיין סתם זיך לאָזן ווילגיין, „וואַיעוועז", ווי מ'פלעגט זאָגן אין אוקראַיִנע, „זבורדען", אָפּלאָזן די לייצעס... אין יעדן פון אונדז לעבט דאָך אַ שטיק הפקר־יונג...

אויסגעלאָזט האָט זיך אין יענעם טאָג אונדזער „הפקרות" דערמיט, וואָס פון עלף אין דער פרי ביז זיבן אָוונט זענען מיר צוועקלאָז אַרומגעגאַנגען איבער די לייפּציגער צענטראַלע גאַסן, באַזוכט צוויי רעסטאָראַנען און עטלעכע קאַפעס, געהערט אַ ווינער אָרקעסטער בשעת דעם מיטאָג־עסן און אַ טירינגער כאָר בשעת דעם טיי־טרינקען, און, דער עיקר, געשמועסט, געשמועסט,

ווי אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַן אַ באַשטימטער טעמע, איבערשפּרינגענ־
די פון איין ענין צום אַנדערן, אָן מורא פאַר פּאַראַדאָקסן, אָן אימה פאַר באַ־
נאַליטעטן, אָן פּחד פאַר ווילדע אַבסורדן.

**
*

בשעת דעם מיטאָג־עסן האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם קליינעם, פּינק־
יעריקן מיידעלע, וואָס איז אונדז מיטגעפאָרן יענעם פרימאָרגן אין איין
קופּע. ביאַליק האָט זיך אין דעם קליינעם, בלאָנדן באַשעפעניש בוכשטעבלעך
פאַרליבט, און אים האָט ווי געטאָן, וואָס ער קען נישט גענוג פאָלקסטימלעכן,
קינדערישן דייטש, כדי מיט דעם קינד זיך אונטערהאַלטן. דאָס דייטשע מיי־
דעלע האָט געטאַנצט אין דעם ענגן קופּע, און געזונגען, און אויסדערציילט
אַלע קינדער־גאָרטן־מעשׂיות וואָס ס׳האָט נאָר געדענקט. ווען עס האָט פון
מאָל צו מאָל, קעגן דער מוטערס מילדע פּראָטעסטן, אַרויסגענומען פון אַן
עלעגאַנט קעסטעלע שטיקלעך שאָקאָלאַד און צוקערקעס, האָט עס די נאַשע־
רייען מיט וועלכע עס האָט זיך אַליין מכבד געווען באַזונגען מיט אַ האַלבער
סטראָפע פון אַ קאַבאַרע־לידל, וואָס ווער ווייסט אויף וועלכע וועגן עס איז
פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין קינדער־צימער פון אַ קולטורעלער מיטלשטאַנד־
פאַמיליע:

"...Und das haben die Maedchen so gerne,
Die im Stuebchen und die im Salom..."

די מוטער האָט אי געלאַכט און אי זיך געבייזערט, זיך געבעטן ביים
קינד אַ זאַ לידל נישט צו זינגען, אָבער די קליינע עלזאַ האָט נישט פאַר־
שטאַנען, פאַרוואָס זי טאָר אַזעלכע אומשולדיקע ווערטער נישט אַרויסבררענגען
פונעם מויל. זי איז מסתמא זיכער געווען, אַז דאָס וואָס די מיידלעך האָבן
אַזוי האָלד, איז שאָקאָלאַד אָדער צוקערקעס...

ביאַליק האָט זיך נישט געקענט אָפּליבן פון דער „נאָרדישער" שיינקייט
פון דעם קליינעם פרויען־באַשעפעניש:

— פאַר האָבן אַזאַ קינד אין הויז בין איך גרייט מוחל צו זיין אַלע
עולם הזהס. אויב איר ווילט, אַפילו עולם הבאס. ווען מיר זענען געזעסן אין
קופּע, איז מיר דורכן קאָפּ דורכגעלאָפן אַ משוגענער געדאַנק. וואָס וואָלט,
אַ שטייגער, געווען, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ווען די מוטער טוט אַ זאָג
צו מיר: „איך זע, מיין ליבער הער, אַז אייך געפעלט שטאַרק מיין קינד: אַזוי
ווי איך האָב נאָך צוויי קינדער אין דער היים, נעמט אייך מיין עלזאַ צו זיך,

און איך בין זיכער, אַז זי וועט ביי אייך זיין גליקלעך״. ווי געפעלט אייך
אַזאַ משוגעת? איך האָב מיר אַפילו פאָרגעשטעלט, ווי איך ברענג זי קיין
בערלין צו מיר אַהיים און זאָג אָן מיין פרוי אַ פריילעכע בשורה: „אָט האָבן
מיר, מאַניעטשקע, למזל ולברכה, אַ קינד, און לאָמיר עס מחנך זיין לתורה
ולחופה ולמעשים טובים״. אַי, ס׳אַ שיקסעלע? איז וואָס? אין אַ יאָר אַרום
וועט עלזאַ פאַרגעסן איר פיצל טעווטאָנישע פאַרגאַנגענהייט, און איך וועל
זי אויסלערנען זינגען זמירות יעדן פרייטיק־צו־נאַכט. פון דער קליינינקער
דייטשקע קען נאָך אויסוואַקסן מיט דער צייט אַ שרה בת טובים, אַ „לוד־
מירער מויד״, און וואָס נישט? דער גאַנצער ענין ראַסע, בלוט, ביאָלאָגישע
ירושה, פון וועלכע מ׳רעדט און מ׳שרייבט איצט אַזויפיל אין דייטשלאַנד,
איז נישט נאָר עבודה־זרה, נאָר די גרעסטע אידיאָטסטווע, וואָס מ׳האָט אין
אונדזערע צייטן אויסגעטראַכט. „ביאָלאָגיש״ איז פושקין געווען אַן אַפריקאַ־
נער, און דאָס האָט אים נישט געשטערט צו ווערן דער נאַציאָנאַלער דיכטער
פון רוסלאַנד; און ווער וועט עס זאָגן אויף נאַפּאָלעאָנען אַז ער איז נישט גע־
ווען קיין פראַנצויז, כאָטש אַלע ווייסן אַז זיין ביאָלאָגישער יחוס איז גאָר
געווען אַן איטאַליעניש ער? ווען טאָטערן וואָלטן געכאַפּט דעם ווילנער גאון,
ווען ער איז געווען אַ קליין קינד, און אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט ערגעץ־
ווו אין די מדבריות פון אַפריקע, און ער וואָלט דאָרט אויסגעכאָוועט געוואָרן,
וועט איר מיר איינרעדן, אַז ער וואָלט נאָכדעם געווען אַ ייִד? עפּעס פאַר־
נעפּלטס און אומפאַרשטענדלעכס וואָלט אפשר פון צייט צו צייט אַ ציטער
געטאָן אין אים — מסתמא איז פאַראַן אַ מין קאַנאַלעכל, דורך וועלכן אַ
דערשטיקטע שטים זוכט זיך צו לאָזן הערן פון דור צו דור; אינגאַנצן אָפּליי־
קענען דעם ענין ג ז ע קען מען נישט — אָבער וואָס פאַר אַ האַפּט האָט
עס אין פאַרגלייך מיט סביבה, סאָציאַלן היפּנאָז, דערציִונג, שפּראַך, קולטור
אָדער אומקולטור? נעמט די קליינע עלזאַ צו מיר אין הויז, און זאָל מאַניע־
טשקע אָנהייבן בענטשן ליכט יעדן פרייטיק פאַר נאַכט און זאָגן „גאָט פון
אברהם״ יעדן שבת־צו־נאַכט, און זאָל פאַניע שאַרגאָראָדסקי * אַריינגיין צו
איר יעדן טאָג אויף אַ שעה צייט מיט אירע העברעיִשע לערנביכלעך, וועט זי
מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ בת ישראל מיט אַלע פּיטשעווקעס, און זי וועט
מיינען, אַז ראַוויניצקי איז אירער אַ זיידע... און ווייסט איר גאָר, וואָס איך
וועל אייך זאָגן? איך הייב זיך אָן חושד זיין, אַז איך וואָלט גאָר געקענט אַליין
הייראַטן מיט אַ „שיקסע״, אַפילו מיט אַ „שיקסעשער״ דערציִונג און באַוווסט־

---

* ד״ר פ. שאַרגאָראָדסקי ז״ל, אין יענע יאָרן אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָג, אַ פּאַרפּאַסערין
פון העברעיִשע טעקסט־ביכער.

זיין. וואָס, איר וועט מיר איינרעדן, אַז צוריק מיט יאָרן, ווען איך באַגעגן מאַניטשקע אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט, אָדער אַזוי ווי זי איז אין אירע מיידלשע יאָרן „געשטאַנען און געגאַנגען", און זי איז גאָר אַ שיקסע בת ערל, וואָלט איך זיך פאַר דעם אָפּגעשטעלט, און איך וואָלט געזאָגט: פּע, חיים נחמן, ווי קומט דאָס צו דיר? און ווו איז עפּעס קיום היהדות?

ער האָט זיך דערביי ברייט און געשמאַק צעלאַכט:

„ווי געפעלט אייך אַזאַ פאַנטאַזיע — מאַניטשקע אַ שיקסע? שוין, דוכט זיך, לייכטער זיך פאַרצושטעלן דעם ליובאַוויטשער רבין פאַר אַ קאָזאַק. אַז מען רעדט, דערעדט מען זיך צו די גרעסטע נאַרישקייטן. עס דערמאָנט מיר אַביסל אָן יענעם ייִדן וואָס זאָגט: „קוקט נישט, וואָס איך בין איצטער נישט שיין; ווען איך בין געבוירן געוואָרן, בין איך געווען, קיין עין־הרע, אַ פאַלנער קראַסאַוועץ, נאָר די אַם האָט מיך פאַרביטן". וואָס איך מיין צו זאָגן איז, אַז ווען עס וואָלט געקענט געמאָלט זיין אַ גויִשער „תינוק שנשבה לבין היהודים", וואָלט ער מיט דער צייט געווען מער ייִד, ווי אַ ייִדישער „תינוק שנשבה לבין העכו"ם". איר געדענקט דאָך גערשענזאָנען? אַ כערסאָנער אָדער אַ קעשענע־ווער ייִדיש ייִנגל, און טוט נאָר אַ קוק: ער איז דער ספּעציאַליסט אויף סלאַ־וואָפילישער ליטעראַטור, און נישט בלויז, אַזוי צו זאָגן, אַ וויסנשאַפטלעכער ספּעציאַליסט, נאָר אויך דער וואָס האָט זיך אויפן אינטימסטן אופן איינגע־לעבט אין דער אַלטער רוסלאַנד. מיט חכמה, מיט קונצן און מיט באַלעזנקייט אַליין קען מען נישט אָנשרייבן אַזאַ בוך, ווי „גריבאָיעדאָווס מאָסקווע". איך געדענק, ווי איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגן לעוויטאַנען, אַז זעלטן ווען אַ רוסישער מאָלער האָט אַזוי רוסיש געמאָלן די רוסישע לאַנדשאַפט ווי ער. איך בין אַ קנאַפּער מבין אויף פּייזאַזש — אויף וויפל איך אינטערעסיר זיך מיט פּלאַסטישער קונסט, איז מיר אַמנאָענטסטן דער סקולפּטאָר און דער פּאָרטרע־טיסט — אָבער איך זע דאָך ווי דער ייִד לעוויטאַן האָט זיך טיף איינגעוועבט אינעם רוסישן קינסטלערישן באַוווסטזיין, און מיר ווייסן דאָך ווי אַזעלכע עכט־רוסישע שרייבער ווי טשעכאָוו און בונין האָבן געהאַלטן, אַז לעוויטאַן איז זיי אַ נאָענטער „קרוב". אויף לעוויטאַנען איז מקויים געוואָרן „הרואה ניר נאה או אילן נאה, ואומר מה נאה ניר זה, מה נאה אילן זה, הרי זה מתחייב בנפשו", אָבער דערזען דעם ניר נאה און דעם אילן נאה „אין אַ פרעמד לאַנד", דערזען אַזוי, אַז עס זאָל איינגעבאַקן ווערן אין דער נשמה און אַרויס־רופן אַ מין דבקות, קען מען נאָר דורך סביבה, דערציִונג, קולטור, לשון, סאָ־ציאַלן היפּנאָז...

„איך האָב די טעג געלייענט אייערן אַ מאמר וועגן „מזרח און מערב", אין וועלכן איר גיט מיר אַ פאַרציע פאַר מיין מגידות וועגן אַסימילאַציע און

אַסימילאַנטן. אין גרונט, גלייב איך, זייט איר גערעכט. ס׳איז דאָ אַ סאָרט אַסימילאַציע, וואָס ליגט „אויף יענער זייט" פון מאָראַלישן אורטייל, אויף וועלכער מ׳קען נישט אָנווענדן דעם באַגריף „פאַרראַט". לעוויטאַן איז נישט קיין „בוגד" און גערשענזאָן איז נישט קיין גייסטיקער „משומד" — זיי זענען ביידע גיכער „מומרים", פאַרביטענע, געענדערטע, נישט מיט זייער אייגענעם ווילן, נישט לויט באַשלוס — אַט ווי איינער, לאָמיר זאָגן, פאַרקילט זיך, און אַן אַנדערער ווערט אָפּגעבערענט פון דער זון אין אַ טראָפּיש לאַנד. איר זייט מסתמא גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז מ׳קען זיין אַן אַסימילירטער ייִד און אַן ערלעכער, ערנהאַפטער מענטש, און אויב איך האָב אויף אייך פאַראיבל, איז עס נישט ווייל עס איז נישט אמת, נאָר ווייל — ווו שטייט עס געשריבן, אַז איר זייט ש ט ע נ ד י ק מחויב מיט אַלע אמתן אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט? ס׳איז פשוט נישט פּעדאַגאָגיש ה יי נ ט אַזאַ אמת צו פּרע־דיקן, ווייל דאָס קען אָנגענומען ווערן אַלס הכשר פאַר נידעריקע ברואים צו מאַכן פון אַסימילאַציע אַ קרדום לחפור בו, אַלס אַ היתר אויף פשוטן שמד. אָבער די געפאַר פון, אַזוי צו זאָגן, „ערלעכער" אַסימילאַציע ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, און דערפאַר, גוטער־ברודער, דאַרף מען זיך אַזוי צואײַלן מיטן ענין ארץ־ישראל...

„אָבער וווהין בין איך פאַרקראָכן? נאָכאַמאָל אַריינגעפאַלן אין מגידות. מיר האָבן דאָך געשמועסט וועגן דער קליינער עלזאַ, מיט די בלויע שטיפּנ־דיקע אייגעלעך, מיט די בלאָנדע לאָקן און מיט איר קינדיש־חיהשער איבער־צייגונג, אַז שאָקאָלאַד, און גראָד שאָקאָלאַד, איז דאָס וואָס „די מעדכען האָבן זאָ גערנע". דאָס דאָזיקע קליינע באַשעפעניש גייט מיר נישט אַראָפּ פון דער מחשבה. אפשר איז עלזאַ גאָר נישט אַזוי רייצנדיק, ווי מיר דוכט זיך? אפשר איז דאָס בלויז דער נאָגנדיקער, נישט־געשטילטער הונגער נאָך אַ קינד, און עלזאַ איז בלויז אַ סימבאָל, אַ שאַרפע, עונשדיקע דערמאָנונג? איר ווייסט דאָך, די לעצטע צייט האָבן מיר אַ פּאָר דייטשע ייִדן געדולט אַ קאָפּ מיטן נאָבעל־פּרייז. לייענען קענען זיי מיך נישט, אָבער „זיי ווייסן", אַז מיר קומט איצט דער נאָבעל־פּרייז. זיי דרייען מיר אַ קאָפּ טאָג און נאָכט, גלייך ווי די זאַך ליגט ביי זיי אין די הענט אָדער גאָר ביי מיר אין די הענט. אָבער זאָל מיר יענע דייטשע מאַמע אָוועקגעבן עלזאַ, בין איך אייך מוחל זיבן און זיבע־ציק נאָבעל־פּרייזן מיט אַלע ש״י עולמות לאחר מאה ועשרים, און זאָל קלויז־נער קרוינען פאַרן גרעסטן העברעיִשן דיכטער דאַליצקין, אָדער איוב ממינסק — וועמען אַרט עס?... אָבער, למען השם, דערציילט עס נישט אויסשקינען. ער דאַרף, דוכט זיך, אין גיכן קומען קיין אייראָפּע. נאָך מיין באַזוך, צוריק מיט יאָרן, אין ארץ־ישראל האָט ער אויפגעהויבן אַ גאַנצע סומאַטאָכע. אַ

נבלה בישראל האָב איך אָפּגעטאָן. כ׳האָב דאָרט פאַרגעלעזן פאַר אַן עולם מײַן „מאחורי הגדר". סטייטש, האָט ער מרעיש עולמות געווען, דער נאַציאָ־נאַלער דיכטער פאָרט קיין ארץ־ישראל און האָט דאָרט נישט וואָס צו זאָגן, נאָר דערציילן אַ מעשה פון מאַרינקע, פון אַ שיקסע? מענדעלע מוכר ספרים איז געוואָרן אסור בהנאה ווייל ער האָט געהאַט אַ זון אַ משומד (אַנדערע ייִדן האָבן, כידוע, אַרויסגענומען אַ קוויטל ביים רבונו־של־עולם, אַז מיט זייע־רע זין און טעכטער קען אַזוינס קיינמאָל נישט פּאַסירן), און מיך דאַרף מען דורס זיין, ווייל כ׳האָב מיט זיך „געבראַכט אַ שיקסע" קיין ארץ־ישראל. אָבער ווער האָט ביי אוסישקינען אָדער ביי עמעצן אַנדערש געבעטן אַ דיפּלאָם פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער? גיט מיר נישט קיין דיפּלאָמען און לאָזט מיך זיין אַ פרייער מענטש. באַלד ווערט מען זאָגן, אַז איך ניס נישט אָדער שנייץ נישט די נאָז, ווי עס פּאַסט פאַרן „משורר לאומי".

די קעלנערין איז צוגעקומען צו אונדזער טיש פרעגן, צי מיר ווילן וויין אָדער ביר פאַר אונדזער מאָלצייט.

— זאָל זיין וויין — האָט ביאַליק געפּסקנט — אַז שטיפן זאָל זיין גע־שטיפט. אָבער מיט איין באַדינגונג: א י ך צאָל. דער „משורר לאומי" האָט אַ שם־רע פון אַ קמצן. ס׳איז אמת. אָבער וואָס קען מען טאָן? ווען איך בעט אויס ביים רבונו־של־עולם ראָטשילדס עשירות, פּרוגס דוואָריאַנסקע ברייטע האַנט, דעם ווילנער גאונס קדושה און פּושקינס טאַלאַנט, וואָלט איך דאָך צער־פלאַצט געוואָרן פון מעלות... אָבער וויי־ווי־סיי, לאָמיר טרינקען לחיים... צום געזונט פון דער קליינער עליזאַ...

ביאַליק האָט, ווייזט אויס, געכאַפּט אויף מיין פּנים אַ שמייכל:

— עפּעס טראַכט איר איצט וועגן מיר, גנב שבגנבים, וואָס איר ווילט נישט אויסזאָגן, אָדער איר האָט זיך דערמאָנט אַן עפּעס קאָמישעס. לאָמיך טרעפן: איר האָט זיך דערמאָנט אַן שלום־עליכמס „ווען איך בין ראָטשילד". וויפיקער פון ראָטשילדס עשירות איז פאַר ביאַליקס אַפּעטיט נישט גענוג?

איך האָב זיך טאַקע דענסטמאָל דערמאָנט אַן שלום־עליכמען, אָבער נישט אַן זיין מלמד וואָס גאַרט צו ווערן אַ ראָטשילד, נאָר אַן טביה דעם מילכיקן. ווען טביה וויל זיך נישט אָפּשטעלן רעדן מיט האַדלען, ווייל זי איז אַוועק מיט פעדקאַ דעם „פיסאַר", וואָס איז אַזוי ענלעך מיטן פּנים און מיט דער „רובאַשקע" צו מאַקסים גאָרקי, פאַלט ער אַריין, פאַרנדיק אין דער שטיל־קייט פונעם זומער־אָוונט, אין קאָסמאָפּאָליטישע, אוניווערסאַליסטישע מחש־בות: צוליב וואָס האָט בכלל גאָט באַשאַפן אַ געשפּאָלטענע וועלט — ייִד, גוי, מיין אמונה, דיין אמונה? וואָלט דען נישט גלייכער געווען ווען אַלע זענען איינס?

ביאַליק האָט זיך צעלאַכט און מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— אַ דאַנק פאַרן פאַרגלייך. איך נעם דאָס אָן פאַר אַ קאָמפּלימענט. ווען שלום־עליכם וואָלט שטענדיק געהאַלטן בײַ טביהס חכמה, וואָלט ער געווען אַ סך אַ גרעסערער שרײַבער ווי ער איז געווען. זײַן אומגליק איז געווען, וואָס חכמה אַליין איז אים געווען ווייניק: ער האָט נאָך געוואָלט „חכמות", און דערפאַר איז ער אַזוי אָפט געווען דאָס, וואָס, ווי איר דערציילט מיר, אייער בעסאַראַביער ייִדן רופן „אַ כאַכמאַטש". טביה האָט פאַרשטאַנען דעם סוד פון ריטם: אי מען דאַרף זיך איבערבעטן מיט אַ טאָכטער אַ משומדת, אי מען דאַרף פון צייט צו צייט זיך אַריבערקלייבן אויף אַ ווײַל אין אַ ספערע, ווו „די אַלע זאַכן האָבן קיין אָפּגעריבענעם פּיאַטאַק נישט ווערט", זיך, אַזוי צו זאָגן, אַ באַד טאָן אין דער לופט פון אוניווערסאַליזם. ס'איז נישטאָ קיין סתירה צווישן די צוויי צושטאַנדן. דערפאַר זאָג איך אַז ס'איז אַ ריטם אַזעלכער. אַ ייִד וואָס איז נישט פעיִק פון צייט צו צייט אויף „התפשטות הלאומיות" און אויף נאָכדעם אומקערן זיך צו זײַן שורש, צו זײַן סביבה און סביבה־גייסט, צו זײַן שבט, אויב איר ווילט, איז אַ קראַנקע באַשעפעניש... אָט דערציילט איר מיר די לעצטע צייט אַ סך וועגן דײַטשן אַנטיסעמיטיזם, און איך הער שוין פון פאַרשידענע זײַטן, אַז שנאת ישראל איז אַ באַקטעריע אין דײַטשן בלוט, וואָס מען וועט זי שוין קיינמאָל נישט קענען אַרויסטרײַבן. עס קומט אויס, אַז מששת ימי בראשית אַפּערירט אַזאַ מין נאַטור־געזעץ, אַז דײַטש און ייִד זאָלן זיך זײַן פאַרהאַסט. אָבער גאַנץ דײַטשלאַנד זינגט פונדעסטוועגן היינעס לידער ווי אייגענע, און א י ך האָב שוין גייסטיק אַדאָפּטירט די קליינע עלזאַ. אין „לעצטן חשבון" איז מסתמא נישטאָ קיין מחיצה אויך צווישן דײַטש און ייִד. מיר איז די טעג געקומען אויף דער מחשבה, אַז אין ייִדישן פאָלקלאָר — סיידן איך בין זיך טועה — האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט קיין ספּעציעלער האַס צו דײַטשן, אָט ווי, למשל, ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט האַס צו טאָטערן אין רוסישן פאָלקלאָר. פון די קינדער־יאָרן איז בײַ מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ לידל, וואָס איר האָט עס אפשר אויך געהערט:

אויפן הויכן באַרג,
אויפן גרינעם גראָז,
שטייען אַ פּאָר דײַטשן
מיט די לאַנגע בייטשן.
הויכע מענער זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגן זיי.
אָבי המלך!
דאָס האַרץ איז מיר פריילעך.

פריילעך זאָלן מיר זיין,
טרינקען וועלן מיר חיין,
קרעפּלעך וועלן מיר עסן,
און אין אונדזער לעבעדיקן גאָט
וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן".

— איך ווייס נישט, ווי אַזוי אַזאַ לידל איז געבוירן געוואָרן, און איך פאַרשטיי נישט, וואָס ס'איז די סמיכות הפרשיות צווישן די „פּאָר דייטשן בּיַם די לאַנגע בייטשן" און „אָבי המלך", אָבער וואָס־וואָס קיין האָס צו דייטשן און קיין מורא פאַר זיי איז אין דעם לידל נישטאָ. דער מזמור איז מסתמא אין מיין וואָלינער געגנט נישט געשאַפן געוואָרן. פריילעכקייט האָבן מיר דאָרט געהאַט ווייניק און וויין נאָך ווייניקער. אָבער וואָס איז דען דער אונטערשייד? רופט צו די קעלנערין... נאָך אַ גלעזל וויין... פאַר עלזאַס גע־זונט..."

**
*

אין שפּעטערן נאָכמיטאָג, בשעת מיר האָבן געזופּט טיי אין אַ קליינעם, אָבער זייער עלעגאַנטן קאַפע, איז דער שמועס אַרויפגעקומען אויף אַחד־העמען.

אחד־העם איז נישט לאַנג צוריק געווען אויף אַ באַזוך אין דייטשלאַנד, און אין האַמבורג (לעבן פראַנקפורט אַם מאַין) האָט ער זיך באַגעגנט, נאָך אַ לאַנגער און פיינלעכער הפסקה, מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז שוין אַ גוטע פּאָר יאָר געווען פאַרהייראַט צו אַ רוס (צום שרייבער אָסאָרגין). אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט ביאַליק משפּיע געווען אויף אחד־העמען, ער זאָל אַראָפּנעמען דעם חרם פון זיין טאָכטער און זיך מיט איר איבערבעטן. ביאַליק איז יעדנפאַלס געווען מער ווי צופרידן, וואָס אחד־העם האָט אויפגעהערט צו פייניקן אי זיך, אי די טאָכטער מיט זיין „באַיקאָט".

— איך האָב דעם איינדרוק — האָט זיך ביאַליק צו מיר געווענדעט מיט אַ שלעכט פאַרבאַהאַלטענעם פאָרוואורף אין דער שטים — אַז איר זייט אַ שטיק אַפּיקורס אויף אחד־העמען. איך האָב דאָס נישט געלייענט, אָבער מ'האָט מיר איבערגעגעבן וועגן אייער הקדמה צו אַ באַנד אחד־העמס עסייען אין אַ רוסישער איבערזעצונג, אַז זיין שיעור־קומה קומט דאָרט אַרויס ביי אייך נישט זייער הויך. איך גלייב, אַז איר האָט אים נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט.

— מיט אייך וועגן אחד־העמען איז מיר נישט לייכט צו רעדן — האָב איך האַלב־אַפּאָלאָגעטיש געענטפערט — פונקט ווי מיר וואָלט געווען שווער

צו רעדן מיט איינעם וועגן די מעלות און חסרונות פון זיין ערשטער געליבטער. אַחוץ דעם, איך האָב אחד־העמען קיינמאָל נישט באַגעגנט, כ'האָב אים בלויז געלייענט, און עס קען זיין אַז אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אים זעט מען אי אַ גרעסערע, אי אַן אינטערעסאַנטערע פיגור. אין אייערע גענאַמלטע שריפטן וואָלט איך יעדנפאַלס אייער ליד וועגן אחד־העמען נישט אַריינגענומען. ס'איז נישט קיין פּאָעזיע, ס'איז גיכער אַ פייערלעכער „אַדרעס" פאַר אַ באַנקעט, אָדער אַן אָדע אין דערזשאַווינס סטיל — בקיצור, רעטאָריק. אָבער עס איז נישט מיין זאַך צו אַנאַליזירן א יי ע ר סוביעקטיווע באַציִונג צו איינעם וואָס איר האָט אים געקרוינט פאַר אייער לערער. אויף אַ באַשטימטן פּעריאָד פון אייער לעבן איז אחד־העם, מחמת סיבות אויף וועלכע ס'איז נישט מיין עסק היינט זיך אָפּצושטעלן, מסתמא געווען פאַר אייך אי אַ גרויסע, אי אַן אינטימע דערלעבעניש. פאַר מיר איז ער בלויז אַ גוטער שרייבער, אַ סטיליסט, אַן ערשטקלאַסיקער (און אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — דער ערשטער) עסיי־אַרכיטעקט. זיין ווערט איז — ער וואָלט זיך מסתמא אויף אַזאַ קאָמפּלימענט זייער געבייזערט — הויפּטזעכלעך אַן עסטעטישער. אָבער אַ דענקער, אַ פילאָזאָף! דער קרייז פון זיינע אידייען איז אַן אומגעהייער שמאָלער, און וואָס איז דער פּאַטאָס, דער ברען־פּונקט פון זיין וועלט־אַנשויונג? נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם. זיין האַריזאָנט איז קיום האומה, און מיר האָבן דאָך צווישן זיך אָפּגערעדט (אפשר אויף אומוועגן, אפשר אויף שטום־לשון), אַז נאַציאָנאַליזם געהערט צו די רעלאַטיווע און ציטווייליקע ווערטן, נישט, אַזוי צו זאָגן, צו די אַבסאָלוטע. נאַציעס וועלן מסתמא עקזיסטירן אייביק, אָבער נאַציאָנאַליטעטן־קריוודעס — און די דאָזיקע קריוודעס וועלן דאָך מיט דער צייט באַזייטיקט ווערן — און נאַציאָנאַליזם אַלס אַן אידעאַל, אַלס סאָציאַלע דינאַמיק, וועלן אַוועקגעטראָגן ווערן אין אַרכעאָלאָגישן מוזעאום. אַ פילאָזאָף איז, פאַר אַלעמען, אַ מעטאַפיזיקער, און ביי אחד־העמען זע איך גאָרנישט, ער זאָל האָבן וועלכע נישט איז עכטע מעטאַפיזישע באַדערפענישן. איז דאָך ביי אים רעכט, אַז דער גלויבן אין אינדיווידועלער אומשטערבלעכקייט איז ביי יידן אַנטשטאַנען שפּעט, און בלויז אַלס אַ רעאַקציע אויף דער פּאָליטישער צעשפּליטערונג פון יידן אַלס נאַציע. ווען יידן, הייסט עס ביי אים, זענען נאָך געווען אַ נאָרמאַלע פאָלק מיט נאָרמאַלע פעלקער גלייך, מיט אַן אייגן לאַנד און אייגענער מלוכהשאַפט, האָט דער אינדיווידועלער ייד קיין עולם־הבא — קיין תחית המתים אָדער קיין השארות־הנפש — נישט געדאַרפט האָבן. זיין „אייביקייט" האָט ער געזען אין כלל, אין קיבוץ, אין פאָלק, וועמענס עקזיסטענץ און צוקונפט איז געווען אַ זיכערע. די אמונה אין אומשטערבלעכקייט, קומט ביי אים אויס, איז גאָר געווען אַ מין גייסטי־

קע ירידה, אַן אַראָפּגיין פונעם דרך־הישר... דאָס איז אַ שטיק פּאָזיטיוויזם, אַ נישט זייער פּרוכטבאַרער געדאַנק אַ לאַ אָגיוסט קאָנט, אַנגעווענדט אויף יידישער געשיכטע. דאָס איז אַן אַפּלייקענונג פונעם אינדיווידואומס אייגנ־ווערט, פונעם פּרטס „עולם מלא". פילאָזאָפיש באַפּרוכפּערן אונדזער דענקען קען מען נישט מיט אַזעלכע אידייען, אויך נישט מיט אחד־העמס עלעגאַנט פאַרמאַסקירטן אַטעיזם.

ביאַליק האָט זיך ווי אַנגעבלאָזן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. ער האָט אויף אַ פּאָר מינוט פאַרמאַכט די אויגן און איך האָב נישט געוווּסט, צי עס שלעפערט אים פון די פּאָר גלעזלעך ווײַן און פון דעם ליקער וואָס מ'האָט אונדז סערווירט צו דער טיי (סוף־סוף, איז ער דאָך צו שאַרפע משקאות נישט געווען שטאַרק צוגעוווינט), אָדער ער קלערט עפּעס איבער אין זיך און פאַר זיך. מיר האָט אָנגעהויבן באַנג צו טאָן, הלמאַי איך האָב מיר דערלויבט אַ מין מיעוט הדמות פון דעם, וועמען ער האָט יאָרנלאַנג עפּנטלעך באַטראַכט פאַר זיין רבין. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך אין זיינע אויגן דערזען אַ קליין, ברוגז פייערל:

— וועגן אחד־העמען וועל איך היינט מיט אייך נישט רעדן. כ'האָב מורא אַז איר האָט אין אים קיינמאָל נישט דערפילט דאָס נישט־דערזאָגטע. עס זענען פאַראַן שרייבער — אין גרונט פּיפּיקע קאַליקעס — וואָס „זאָגן אַריבער"; אחד־העמס איז געווען באַשיידן, שעמעוודיק, „קאַרג" אויף אויסדרוק, כדי אים תופס צו זיין, גוטער ברודער, דאַרף מען האָבן אַן אויער, און מיר דוכט זיך, אַז איר פאַרמאָגט עס נישט. אָבער לאָמיר לאָזן אחד־העמען אַן אַ זייט. איר האָט מיך אַרויפגעבראַכט אויף אַנדערע מחשבות. כ'האָב שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט מיט אייך שמועסן וועגן דעם, און ס'איז אַלץ נישט אויסגעקומען. איר זייט די לעצטע צייט, פּיל איך, „געכאַפּט אין דער מעשה". איר זייט נישט דער איינציקער. כ'זע, ווי עס פאַרשפּרייט זיך ביי אונדז ביסלעכווייז אַ מין עפּידעמיע, אַ קראַנקער און פּרוכטלאָזער גוסט פאַר „לא מעלמא הדין", אַ מין געפיל פון אוניווערסאַלער שוואַכקייט, וואָס מוז אָנקומען צו גאָטס שלייקעס — זייט מיר מוחל — אויף אונטערהאַלטן די תחתונים. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר אַז דאָס איז מידקייט, מידקייט פון לעבן, פון קאָנקרעטן שטראָם פון לעבן. נאָרדוי וואָלט מסתמא לאַנג נישט געטראַכט און וואָלט עס געשטעמפּלט מיטן אַלטן שטעמפּל — „ענטאַרטונג", דעגענעראַציע. איך וועל נישט זיין אַזוי דאָקטאָריש־ברוטאַל און גראָב, ווי ער, אָבער איך דערמאָן זיך איצט אַן אַ יידן, אַ גרויסן חובב־ייִן, וואָס מיט דער צייט האָבן אים אַלע וויינען אויפגעהערט סטימולירן. ער האָט פּשוט פאַרלוירן דעם געשמאַק פאַר ווייַן, און חברה לצים האָבן אָנגעהויבן אויף אים זאָגן, אַז ער וואָלט איצט וועלן אַ פּאָר

גלעזלעך „יין המשומר“ אויף ד ע ר וועלט. ס׳איז אַ שלעכטער סימן. קיין יין המשומר איז אויף יענער וועלט אויך נישטאָ, און אויף ד ע ר וועלט אוודאי נישט. מ׳דאַרף קענען טרינקען פון פּשוטע, ערדישע וויינען, און פילן אין זיי אַ טעם און הנאה האָבן פון זיי. און מ׳דאַרף אויך אויפהערן קוקן מיט אַ שפּאַקטיוו אין די הימלען — אפשר האָט זיך דאָרט הינטער די וואָלקנס באַהאַלטן אַן אב הרחמן, וואָס שפּילט זיך מיט אונדז אין „בלינדזעקייט“, אָדער אַ מין קאָסמישע מוטער רחל מיט פּאַטשיילכל אין דער האַנט, גרייט אָפּצווישן אונדזערע טרערן... אגב, זאָגט מיר נאָר, צוליב וואָס האָט איר זיך אָפּגעשוירן די האָר כמעט ביזן הוילן שאַרבן, אַזוי אַז ס׳איז פון זיי כמעט קיין זכר נישט געבליבן? ווען איר טראָגט אייערע האָר לאַנג און געדיכט און האַלט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, דוכט זיך מיר אויס, אַז איר רעדט מיט אַ באַס ווי אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם“. אָן די האָר, מיט אַ גלאַטן קאָפּ, העלפט אייך נישט דער פּאַפּיראָס, און ס׳איז מאָדנע צו קוקן ווי איר טרינקט „משקה“. איך קריג פון אייך די אילוזיע אָדער חצי־אילוזיע פון אַ ק י נ ד, וואָס דאַרף האָבן אַ מאַמע. אַ מאַמע דאַרף האָבן עלזאַ, אַ מאַמע א ו ן אַ טאַטן — אָט אַזאַ טאַטן ווי איך — אָבער נישט איר. איר זייט אַ דערוואַקסענער מענטש, טראָגט זשע אייערע האָר און וואַרט נישט, עמיצער זאָל אייך אַ גלעט טאָן איבערן נאַקעטן קעפּל. נישטאָ ווער, גוטער־ברודער. אָט אין אַזאַ וועלט האָבן מיר זיך אַריינגעפּאַקט, און ס׳וועט שוין נישט העלפן קיין וועלטן־רעדאַקטאָריי.

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, נאָכאַמאָל נייגעריק אַ קוק געטאָן אויף מיין כמעט נאַקעטן קאָפּ, און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האַלט איר פון שניאורן? איך פרעג וועגן אים, ווייל איך האָב שוין יענעם וועלט־טאַטע־מאָטיוו אויך ביי אים געפונען: „איפה אבא? השיבו לי את אבא“. אַ קרעפּטיקער, אַ געוואַלטיקער טאַלאַנט. אַן אומבאַקוועמער מענטש, זאָגט איר?

— ניין, איך האָב גאָרנישט געזאָגט.

— האָט אַן אַנדערער געזאָגט. אָבער דאָס נעמט זיך דערפון וואָס ער איז אַ וואָלקאַנישע נאַטור. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ באַקוועמען וואָלקאַן? אַ סטעפּ איז אָפטמאָל באַקוועם, אַ טאָל אַמאָל נאָך באַקוועמער, אָבער אַ וואָלקאַן? כ׳האָב נישט לאַנג צוריק געהערט פון אים אַ נאַרישקייט. ער קען נישט, זאָגט ער, גענוג העברעיש. ווען ער פאַרמאָגט מיין העברעיש, וואָלט ער געווען, מיינט ער, אַ סך אַ גרעסערער פּאָעט. נאַרישקייטן. מ׳האָט אַנומלטן, אין בערלין, געפרעגט שמריה לעווינען, צי איך קען דייטש. ווייסט איר וואָס ער האָט געענטפערט? אַ מענטש קען קענען דייטש, אָבער העברעיש קען קיין

דייטש נישט קענען, קונקט ווי אַ דייטש קען קיין העברעיִש נישט קענען. ביאַליק א י ז העברעיִש, און ווי אַזוי זאָל ער קענען דייטש? שניאור מיינט אויך, אַז איך בין עפּעס אַ ספּעציעלער מיוחס ביי העברעיִש, אַז העברעיִש פּאָלגט מיך מער ווי אַן אַנדערן. אָבער אין גרונט, דאַרף איך א י ם אפשר מקנא זיין מיט זיין „נישט־קענען". דער אונטערשייד צווישן אונדז, האָב איך מורא, איז וואָס איך בין ביי העברעיִש „כיוצר ביד החומר" — העברעיִש טוט מיט מיר וואָס עס וויל און איך מוז זיך לאָזן — און ביי שניאורן איז העב־רעיִש „כחומר ביד היוצר". העברעיִש איז אָפּטמאָל ביי מיר אין דער בחינה פון „והיא תמשול בו", ביי שניאורן איז די בחינה אַן אַנדערע, אַ נאָרמאַלע־רע: „והוא ימשול בה"... איז וואָס אייגנטלעך האָבן מיר גערעדט? יאָ, אויך ביי שניאורן רייסט זיך דורך פון צייט צו צייט דער מאָטיוו פונעם יתומל וואָס גאַרט נאָך אַ טאַטן און וויל מיינען, אַז אַ טאַטע איז טאַקע דאָ, אַז ער האָט זיך בלויז ערגעץ באַהאַלטן און קען זיך יעדע מינוט באַווייזן. און אַלץ, דאַכט זיך מיר, נעמט זיך פון שוואַכע נערוון, פון אַ מין מיחוש אינעם חוט־השדרה, און פון אַן איינרעדעניש, אַז ס'איז טאַקע פאַראַן אַ טעלערל פונעם הימל און אַז מיר זענען ראוי פון יענעם טעלערל, לכל הפחות, אַ לעק צו טאָן. אָבער ראוי אָדער נישט ראוי, דאָס טעלערל איז נישט בנמצא, און ס'איז נישטאָ פון וועמען עס צו מאָנען... יִדן זענען אין דעם פּרט די רייפסטע מענטשן מיט דער רייפסטער אמונה. די וועלט איז פול מיט זאַכן, אויף וועלכע מ'דאַרף מאַכן אַ ברכה. אָבער אויף וואָס באַציט זיך אַ ברכה? אויף אַן עפּל, אויף אַ טעלער לאָקשן מיט מילך, אויף אַ קיסר, אויף אַ מאַלפּע, אויף אַ דונער. אָבער ס'איז נישטאָ קיין ברכה אויפן פאַל, טאָמער מאַכט זיך און מ'דערזעט אַ מלאך. אָט האָט איר, למשל, טענות צו אחד־העמען הלמאַי ער באַציט זיך, לויט אייער מיינונג, מיט אַזאַ גרינגשעצונג צום ענין אומשטערבלעכקייט, אינדיווידוע־לער אומשטערבלעכקייט. איך פאַרשטיי, אַז ווען יעדער יאַנקל און גימפּל וואָלט געווען זיכער מיט זיינער אַן אייגענער אייביקייט אין עפּעס אַן איבער־נאַטירלעכער וועלט, וואָלט ער לייכטער זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער נאַ־טירלעכער וועלט, מיט דעם עולם התחתון. רבי דוב מעזעריטשער, דוכט זיך, האָט אַמאָל געגעבן זיינע תלמידים אַ משל. לאָמיר זיך פאַרשטעלן, האָט ער אַמאָל געזאָגט, אַז אַ ווילדער מענטש פון די גאָר־גאָר ווייטע מרחקים, ווו מענטשן גייען נאָך אַרום נאַקעט, פאַלט אַריין צו אונדז אין שטעטל און ער זעט ווי אַ שניידער נעמט אַ גאַנץ שטיקל שטאָף און צעשניידט עס מיט דער שער אויף שטיקלעך. ער וואָלט מסתמא אויף זיין פּרא־אדמדיקן לשון אָנגע־הויבן שרייען, אַז דער שניידער טוט אַ שלעכטע זאַך — ער נעמט דאָס וואָס ס'איז ג אַ נ ץ און באַרויבט עס פון זיין פאָרם, פון זיין שלימות, פון זיין

„נשמה“. אים קומט גאָרנישט אויף דער מחשבה, אַז דאָס צעשניידן פונעם שטאָף איז גאָר אַ תיקון פאַר אים, אַז דער שניידער טוט עס, כדי ער זאָל פונעם שטאָף מאַכן אַ שיינעם מלבוש. דער נמשל איז דאָך קלאָר. דער רבונו־של־עולם איז, כביכול, אַ שניידער, און מיר זענען שטיקלעך שטאָף און אַזוי ווייטער, און פון ד ע ם איז געדרונגען — אומשטערבלעכקייט. אָבער וואָס טוט מען, אַז קיין „שניידער“ איז נישטאָ און פונעם שטאָף ווערט נישט קיין שיינער מלבוש, נאָר פשוט ער ווערט פאַרשטויבט, און אויסגעריבן, און צע־פוילט, און צעפּאַלט זיך אויף שטיקער, און אַדיע די פינף־זעקס אַרשין אָדער די הונדערט און פופציק פונט נאַטור־מאַנופאַקטור?... איז וואָס איז דער פועל־יוצא? איר געדענקט וואָס איר האָט מיר אַמאָל דערציילט פון אַ יידן וואָס האָט געדאַרפט געבן כינין זיינעם אַ קליינעם קינד? די מוטער האָט דעם קינד גע־זוכט איינצורעדן, אַז די רפואה איז נישט ביטער, געוואָלט דעם פּראָשעק אויסמישן מיט זיסער וואַסער, אָבער דער פאָטער האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט אויף די קני און אים שטרענג אָנגעזאָגט: „ס׳איז כינע, ס׳איז ביטער, נעם איין און וויין נישט, אלא נישט כאַפּסטו פּעטש“. אָט אַזוי דאַרפן מיר אַלע האַנדלען מיט זיך: נישטאָ קיין זיסער כינין.

— איר טראַכט מסתמא פאַר זיך, אַז דאָס זענען אַלץ פּראָפּאַנע געדאַנ־קען, און איר ווילט וויסן וווהין איך ציל. ס׳אַ סך צו רעדן, און דאָ איז אַ לייפּציגער קאַפע און נישט יעדער שמוציקער טראַקטיר, אין וועלכן דאָסטאָ־יעווסקי לאָזט זיצן איוואַן קאַראַמאַזאָוון און פירן אַ צען־שטונדיקן שמועס מיט זיין ברודער אַליאָשאַ. איר געדענקט דאָך איוואַן קאַראַמאַזאָווס פּועל־יוצא. אויב מען גיט אים נישט דאָס טעלערל פונעם הימל, און אויב „דאָרט“ זיצט נישט אין זיין קאָסמישן וואַרשטאַט „אַ שניידער“ וואָס איז גרייט אָפּ־צוגעבן אַ כשרן שניידערשן חשבון און דערקלערן, צוליב וואָס ער נעמט שטאָף און צעשניידט אים מיט דער שער, לוינט אים, איוואַנען, נישט „דאָס גאַנצע געשעפט“, איז דאָס געבוירן ווערן געוווען אַ מקח־שטוף. ווי דריקט ער זיך דאָרט אויס? ער איז גרייט אָפּצוגעבן די איינטריטס־קאַרטע צו אַזאַ ספּעק־טאַקל. אָבער עס שטייט אין ערגעץ נישט קיין קאַסע, און ס׳איז נישטאָ קיין קאַסירער, וועמען מ׳זאָל די איינטריטס־קאַרטע קענען צוריקגעבן, און ער וועט קיינעם נישט אָפּטאָן אויף טערקיש, אויב ער וועט זיך פון דעם ספּעקטאַקל צוריקציִען. אויף יעדן איוואַן קאַראַמאַזאָוו וואָס ברוגזט זיך אויף דעם נישט־עקזיסטירנדיקן רעזשיסאָר פונעם ספּעקטאַקל, און דרייט מיט דער נאָז, און טראַכט פון אַ מיתה משונה, ווערן געבוירן פופציק מיליאָן קינדער, הונגערי־קע און גיריקע פון דער ערשטער מינוט, און — עולם כמנהגו נוהג...

— די רוסישע ליטעראַטור האָט איינגעפירט אַ מין נייעם ספּאָרט —

זיך בונטעווען קעגן גאָט. יעדער ביאַלאַגישער לא־יוצלח, יעדער נעווראַסטע־ביקער, יעדער גראַמאַטנער רוס וואָס האָט פאַר זיך געזען דעם עיפּוש פון פאַ־ליטישער שקלאַפעריי, פון אָרעמקייט און דחקות, פון איזדיעקעווען זיך אי־בערן אָרעמען מענטשן, און האָט קיין כוח נישט געהאַט צו ווערן אַ רעוואָלו־ציאָנער קעגן צאַר, איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער קעגן גאָט. אַ גרויסע חכמה און אַ גרויסע גבורה: שטיין איינער אַליין אין וואַלד און דראָען מיט דער פויסט אין הימל אַריין; אָט־אָט וועל איך דיך.. וואָס ווערסטו? ווען ווערסטו? און וועמען ווערסטו?... מיך אַליין האָט עס אויך אַמאָל אָנגעשטעקט. אָנגעהויבן זוכן סימנים פון יידישן בונט... אַז מ׳זוכט געפינט מען. איר ווייסט דאָך — „מתי מדבר״ און „שמים, בקשו רחמים עלי״. אין גרונט, גוטע לידער, איך שעם זיך נישט מיט זיי, אָבער נעמען טויט־ערנסט דעם מאָטיוו פון מרידה, פון בויען באַריקאַדעס קעגן דעם „אדון־עולם אשר מלך״, מאַכן דאָס פאַר אַ לעבנס־מאָטיוו? און ס׳איז אויך ליגן, אַז דער דאַזיקער גייסט פון מרידה שטאַמט נאָך פון גריכנלאַנד, פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און דראַמע. וואָס האָט, למשל, פּראָמעטעוס צו טאָן מיט רוסישע בונטאָווושטשיקעס און מיט יידן וואָס ווען מיט זיי זיך מיט־בונטעווען? אין גרונט, האָט פּראָמעטעוס געזוכט עוסק צו זיין „בישובו של עולם״ — געבן מענטשן דעם באַגריף פון צייט, אויסלערנען זיי ציילן, געבן זיי פייער, אַוועקלייגן דעם יסוד פון ערדי־שער ציוויליזאַציע. דער גאַנצער פּראָמעטעוס־מיטאָס איז אַ מין פאַרגייסטי־קונג פונעם מענטשנס קאַמף מיט דער נאַטור. דאָס איז רעאַליזם. ווייל מיט דער נאַטור לאָזט זיך קעמפן. אין גרונט וויל זי גאָר, מ׳זאָל זי באַקעמפן, מ׳זאָל מיט שכל, מיט מי, מיט עקספּערימענטן, מיט זעלבסט־אָפּפערונג „אויס־נאַרן״ ביי איר אירע סודות. קאַמף קעגן דער נאַטור איז נאַטירלעך, נישט ווידער־נאַטירלעך; דער קאַמף גופא איז אַ טייל פון איר וועזן. זי „וויל״ פונעם מענטשן באַצוווּנגען ווערן, אָט ווי אַ פרוי וויל אַמאָל באַצוווּנגען ווערן פון אַ מאַן... אַז מ׳פירט דורך אַ טונעל דורך אַ קייט פון ריזן־בערג, איז מען דער־מיט נישט „מאַנס״ די נאַטור; דאָס בויערן דעם טונעל איז אַליין אַ שטיק נאַ־טור... איך פאַרשטיי שוין גיכער די איינפאַכע, טיפע פרומקייט פון דעם, וואָס פרעגט נישט קיין קשיות, חקירהט נישט, איז אַלץ מקבל באהבה. יענעם איז וויכטיק בלויז איין זאַך — צי איז דאָ אַ גאָט, אָדער נישט. איז ער דאָ (און פאַר אים עקזיסטירט ער דאָך), איז אַלץ אין אָרדענונג, איז דענסטמאָל — ווי שטייט עס דאָרט ביי מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי? — נישט פאַראַן אין דער וועלט קיין לאָך און ס׳איז נישטאָ ווהין און וווּ־אַרום אַרויסצופאַלן. אַזעלכע פרומע נשמות — און כ׳האָב געקענט פון זיי אַ צאָל עקזעמפּליאַרן — זענען טאַקע „הוד שבתפארת״. איך האָב זיי אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט באַ־

זינגען. אָבער ווי אַזוי ווערט מען אַזאַ „פרומער לעקיש״? רוסן האָבן פֿאַר דעם זייערס אַ וואָרט — „בלאַזשעני״. הונגעריק און דאָרשטיק, נאַקעט און באָרוועס, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, בייזע הינט רייסן אים, שלעכטע יינגלעך שלאָגן אים, און ער גייט אַרום איבער דער וועלט מיט אַ שמייכל. ער איז אַ „בלאַזשעני״, אַ גליקלעכער, אַ זעליקער. פּונקט ווי עס איז פֿאַראַן אהבת חנם, אַזוי זענען אַזעלכע אין אַ צושטאַנד פֿון אמונת חנם, פֿון אמונה שאינה תלויה בדבר. ברענג אַזאַ איינעם זשמעניעס מיט באַווייזן פֿאַר זיין אמונה, וועט ער אַפּילו זיך אויף זיי נישט אומקוקן. אויף כּפּרות דאַרף ער זיי האָבן. „ענוי־עולם״ האָב איך זיי אַמאָל אָנגערופֿן, אָבער זייער ענווות איז פֿול מיט גדלות: עס שטייט זיי גאָרנישט אָן צו האָבן אַ באַווייז פֿאַר זייער אמונה. אויף זיי קען מען באמת זאָגן וואָס מען דערציילט וועגן חסידים פֿון אַ גע־וויסן רבין. מופֿתים האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אונטער די טישן, נאָר קיי־נער האָט זיך נישט מטריח געווען זיך אָנצובייגן און זיי אויפֿהייבן: אַ מופֿת — אויך מיר אַ מציאה... אָבער וואָס קומט דערפֿון אַרויס? דיכטעריש קען מען אַמאָל מיט זיי אויף אַ האַלבער שעה זיך אידענטיפֿיצירן, אָבער לעבן מיט זיי, זיין זיי, ווער קען עס? קען איך? קענט איר?... נאָש בראָט וויל פֿאַרשטיין, זען, אָנטאַפּן, אַריינקוקן און זען דאָס קערנדל, אָדער גאָר אָפּשיילן די ציבעלע, איין קליפּה נאָך דער אַנדערער, איין קליפּה פֿון דער אַנדע־רער, און זיך נאָכדעם איבערצייגן, אַז אַחוץ קליפּה איז אין אַ ציבעלע גאָרנישט נישט פֿאַראַן.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַן אחד משׂשׂים פֿון אַ היסטערישן געלעכטער און מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער די קני:

— איר זעט, צו וואָס מיר האָבן זיך דעררעדט? ביי רב דוב מעזעריטשער איז גאָט געגליכן צו אַ דאַמסקי שניידער (רעדט ער דאָך וועגן שיינע מלבו־שים, און וואָס קען זיך נאָך פֿאַרגלייכן מיט פּרויען־קליידער?), און ביי מיר איז די וועלט געגליכן צו אַ ציבעלע. וווּלגאַר, אַ? ס׳קען זיין. אָבער זאָגט מיר נישט, איך בעט אייך, אַז איך בין „העכער״ פֿון אַזעלכע געדאַנקען, אַז דאָס אַלץ איז אין סתירה צו מיינע לידער. וואָס זענען לידער? באַשטראַלטע ליגנס...

איך האָב אים אָנגעוויזן אויפֿן זייגער: עס ווערט שפּעט און מיר דאַרפֿן זיך קלייבן צוריק אין האָטעל. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט זיך נישט רירן פֿונעם אָרט ביז איך וועל אים עפּעס נישט זאָגן:

— איך האָב אייך אָנגעמגידעוועט אַ גאַנצן קאָרב און איר מאַכט זיך נישט וויסנדיק. זאָגט מיר, אַז כ׳האָב גערעדט שטותערייען, וווּלגאַריטעטן, משׂכּילישע חכמות, אָבער עפּעס מוז איך דאָך פֿון אייך הערן. איך ווייס, אַז

איר זייט מיט מיר אומצופרידן — איז וואָס זשע שעמט איר זיך? זאָגט, וואָס איר האָט צו זאָגן מיט אַ פולן מויל און אָן צערעמאָניעס.

איך האָב אים געפאָלגט:

— אין אייערע „באַשטראַלטע ליגנס״ איז פאַראַן אַ סך, אַ סך מערער אמת, ווי אין אייערע אמתן.

***

שפּעט ביינאַכט בין איך אַריינגעגאַנגען אויף אַ ווילע אין ביאַליקס צימער, אויסצוגעפינען צי ער וועט זיין גרייט צו פאָרן מיט מיר צוריק קיין בערלין מיטן ערשטן מאָרגן־צוג.

ער האָט מיך נישט גלייך געלאָזט אַרויסגיין. זיך געקלאָגט אויף מידקייט פון דער פאַרזאַמלונג, אויף דאָרשט און אויף דער פּאָליציי־שעה וואָס מאַכט אוממעגלעך פאַר אַ מענטשן עפּעס טועם צו זיין נאָך מיטנאַכט. טראָץ זיין מידקייט איז ער געוועז אויפגעלייגט צום ריידן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער נאָכאַמאָל דערמאָנט עלזאָן:

— מיר זענען ביידע צוויי שלים־מזלניקעס. פאַרוואָס האָבן מיר נישט גענומען ביי עלזאָס מוטער דעם אַדרעס? איך וואָלט דער קליינער וועלן עפּעס צושיקן אַ קליינע מתנה. נישט קיין שאָקאָלאַד, נאָר עפּעס אַזוינס וואָס זי האָט נישט. כ׳וואָלט שוין עפּעס צוגעטראַכט...

— כ׳האָב בשעת דעם ריידן היינט אָוונט אַ פּאָר מאָל זיך דערמאָנט אָן עלזאָן, און איר ווייסט, צו וואָס פאַר אַן אויספיר איך בין געקומען? ווען מיין היינטיקע ווילדע פאַנטאַזיע וואָלט מקויים געוואָרן און די מוטער וואָלט געווען גרייט מיר אָוועקצוגעבן עלזאָן, וואָלט איך זי מסתמא נישט גענומען. נאַרישקייטן, אַן איינרעדעניש — איך וואָלט מסתמא ס׳גאַנצע לעבן געדענקט, אַז דאָס קינד איז נישט מיינס, אַז עלזאָ איז גאָר — אַ נדבה, איר פאַרשטייט, אַ קינד — אַ נדבה?... און איך האָב בטבע פיינט נדבות, בעטלעריי. אפשר דערפאַר בין איך אַ קמצן, כאָטש מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל יאָרן האָבן איך עס אַזוינס געהאַט אין מיין לעבן, ווען כ׳האָב געקענט אויספירן נישט צו זיין קיין קמצן? מיין קמצנות נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס כ׳האָב אַ גאַנץ לעבן מורא פאַר בעטל־ברויט... אָבער נאָך נעמען אַ קינד פאַר אַ נדבה? ניין, מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס. עלזאָ איז פאַר מיר ווי אַ שיינע לאַנדשאַפט. דורכגעפאָרן, פאַרצויבערט געוואָרן פון דער לאַנדשאַפט; איך וועל זיך מסתמא נישט איינמאָל דערמאָנען אָן איר שיינקייט, זיך פאַרבענקען נאָך איר, אָבער דאָס הייסט נישט אַז איך בין גרייט צו ווערן אין דער לאַנדשאַפט אַ תושב... שיין און פרעמד.

ער איז שטיל געבליבן אויף אַ מינוט, זיך ווי פּאַרקוקט אויפן ביליקן יעגער־בילד וואָס ס׳האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט פונעם האָטעל־צימער און נאָכדעם פאַרגעזעצט:

„איך האָב היינט בייטאָג, דוכט זיך, גערעדט אויך וועגן אומשטערב־לעכקייט. מילא, צי אחד־העם איז גערעכט מיט זיין אויסטייטשונג פון דער רעליגיאָנס געשיכטע, אָדער נישט, איז אפשר נישט וויכטיק. אָבער עפּעס אַ פאַרשאָלטענע תקופה צו המשך, צו אומענדלעכן המשך איז וואַרשיינלעך שטענדיק אין אונדז פאַראַן. דאָס האָבן קינדער און דאָס וו ע ל ן האָבן קינדער איז מסתמא אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער תשוקה. ווי זאָגט רחל צו יעקבן? „הבה לי בנים, ואם אין מתה אנכי״. אָדער נאָך קלאָרער: ווי בענטשט מען רבקהן? „אחותנו, את היי לאלפי רבבה״. די ברכה איז נישט, אַז זי זאָל ה אָ ב ן צענדליקער טויזנטער קינדער, נאָר אַז זי גופא זאָל ז יי ן צענדליקער טויזנטער... „היי״... זי זאָל לעבן אין זיי, זי זאָל זיך אַליין פאַרפילפאַכן און ווערן טויזנטער, מיריאַדן. דער ייִדישער, דער סעמיטישער דראַנג נאָך אייביקייט... אָבער ווי קען מען לעבן, ז יי ן, אין אַ געשענקט קינד, ווי קען אַ פרעמד קינד ווערן ד יי ן המשך? אגב, וואָס איז דער מקור פונעם דייטשן וואָרט „קינד״?

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין נישט זיכער וואָס ס׳איז די עטי־מאָלאָגיע פונעם וואָרט, אָבער איך בין גענייגט צו גלייבן, אַז דאָס איז אַנגלאָ־זאַקסיש און אַז דאָס מיינט „מיר״, אַ באַשעפעניש פונעם זעלבן מ י ן וואָס דו ביסט.

ביאַליק איז אויפגעשפּרונגען, אין כעס... אויף דער דייטשער שפּראַך:

— אַ נאַריש וואָרט, גאָר נאַריש, אויב אייער השערה איז אַ ריכטיקע. דאָס רוסישע וואָרט „דיטיאַ״ גיט אויך נישט איבער דאָס וואָס ס׳איז באַזונ־דערס ווערטפול אינעם באַגריף „קינד״, כאָטש איך וויס נישט, פון וואַנען דאָס וואָרט קומט. אַ קינד איז „ילד״, „ילדה״. העברעיִש ווייסט וואָס עס רעדט: „ילד״, „ילדה״. דאָס שפּעט העברעיִשע „תינוק״, „תינוקת״, איז אויך נאַריש, נישט ווייניקער נאַריש פונעם דייטשן „קינד״. „תינוק״ איז אין גרונט אַ מין זאָאָלאָגישער אויסדרוק: אַ באַשעפעניש וואָס זויגט פון דער ברוסט. אַ קעלבל, להבדיל, איז אויך אַ „תינוק״. אָבער „ילד״ איז טאַקע אייגנס, דיינס, דו אַליין. „ילד״, „ילד״ (קמץ יוד, חולם למד), „הוליד״ — דאָס באַשעפעניש וואָס איז פון דיר ג ע ב ו י ר ן געוואָרן, נישט געפונען אונטערגעוואָרפן הינטער דער טיר, נישט געקויפט, נישט געקראָגן אַ מתנה, נאָר געבוירן גע־וואָרן... באמת וואָלט מען גאָר אויף העברעיִש דעם געבורטסטאָג גערדאַרפט

רופן „מולד״: היינט איז דער מ ו ל ד פון מיין טאָכטער; דער מ ו ל ד פונעם י ל ד אָדער דער י ל ד ה...

ער האָט זיך מיטאַמאָל ברייט און הויך צעלאַכט, נאָכדעם מיך אָנגענומען ביים לאַץ, אַ צוויי־דריי מאָל גוט אַ טרייסל געטאָן און אויסגעשריגן:

„איצט פאַרשטייט איר שוין, שלים־מזל וואָס איר זייט, פאַרוואָס איך וואָלט עלזאַן נישט גענומען, ווען מען שענקט זי מיר? על־פּי פילאָלאָגיע איז עס זינלאָז, על־פּי פילאָלאָגיע...״

ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

אַ האָטעל־דינער האָט אָנגעקלאַפּט אָן טיר. ער איז געקומען אונדז דערמאָנען, אַז ס׳איז שוין זייער שפּעט, אַז אַלע אַרום שלאָפן שוין, און מיר ריידן צו הויך...

1945

מיט ראָמען ראָלאַן

די ערשטע וואָכן פון 1924 איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין פּאַריז. אין מיין נאָטיץ־ביכל איז געווען פאַרשריבן, צווישן אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב באַדאַרפט באַזאָרגן אויף מיין פּאַריזער באַזוך: „זיך זען, אויב מעגלעך, מיט ראָמען ראָלאַן". קאָלעגן אין בערלין וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס אינעם מאָדערנעם העברעיִשן שול־וועזן האָבן געזוכט מיר איינצורעדן, אַז דורך דעם באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער וועט אפשר געלינגען צו קריגן השפעה אין די מאָסקווער „הויכע פענצטער", אַז אפשר וועט ער באַווייזן צו באַוועגן די סאָוועטישע רעגירונג אָראָפּצונעמען דעם חרם פון העברעיִש. פערזענלעך האָב איך זיך צום ענין באַצויגן זייער סקעפּטיש. אָבער — פון דער אַנדערער זייט, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס קען מען דאָ פאַרלירן? אם לא יועיל, לא יזיק. אויב אַפילו ראָלאַן אַליין זאָל זיך באַקענען מיט אַן ענין, וועלכן ער האָט מסתמא נישט דעם מינדסטן באַגריף, קען דאָס אויך אַמאָל צונוץ קומען.

אַ רוסישער פריינט, אַן אַלטער תושב אין פּאַריז מיט ברייטע פאַרבינדונגען, האָט פאַר מיר לייכט אַראַנזשירט אַ באַגעגעניש מיט ראָלאַנען.

ער האָט מיך אויפגענומען אין אָוונט אין אַ רעלאַטיוו באַשיידענעם האָטעל־אַפּאַרטאַמענט (זיין אייגענע וווינונג איז, דוכט זיך, דענסטמאָל געווען אונטער רעמאָנט און ער האָט זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן אין אַ האָטעל). אויף זיין ספּק שרייבטיש, ספק טיי־טיש איז געלעגן אַ קליין פּאַפּירל, אַ מין דערמאָנונג וועגן מיין באַזוך, און ער האָט פאַר מיר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל איבערגעלייענט וואָס דאָרט איז געווען אויפגעשריבן: „אַ רוסישער עמיגרע, פון די ווייסע, וווינט אין דייטשלאַנד, וויל מיט דיר דיסקוטירן רעליגיע, אָדער ביבל, אָדער גאָר די שפּראַך פון דער ביבל". ער האָט געוואָלט וויסן, צי דאָס וואָס ס'איז ביי אים פאַרשריבן, איז קאָרעקט. איך האָב מיר גענומען עטלעכע מינוט צו קאָרעגירן מיין „לעגיטימאַציע". מיט די ווייסע, האָב איך אים דערקלערט, האָב איך לחלוטין גאָרנישט צו טאָן; פאַר דעניקינען איז אַזאַ איינער ווי איך פּסול, פאַר וראַנגעלן טריף, און ווען באַלאַכאָוויטש פּאַקט מיך וואָלט ער מיך אויפגעהאַנגען; „דער רוס" איז, אַחוץ דעם, אַ ייִד, און דאָס פּראָבלעם איז נישט רעליגיע און נישט אַפילו די ביבל אַן און פאַר זיך, נאָר דאָס רעכט

פון ייִדן אין רוסלאַנד, אויב זיי זאָלן עס וועלן, צו דערציִען זייערע קינדער אויף העברעיִש.

ראָלאַן האָט לאַנגזאַם מיט אַ בליישטיפט עפּעס קאָרעגירט אויף זיין צעטעלע:

„ווי עס קומט נאָר צו רוסישע ענינים, פאַלט מען גלייך אַריין אין טער־תים. אַמאָל איז עס געווען איינפאַך: פאַרן צאַר, קעגן צאַר. היינט זענען פאַראַן אַזויפיל ניואַנסן, אַז ס'איז זיך שווער צו אָריענטירן. חוץ דעם, איז שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז רוסלאַנד איז נישט אינגאַנצן רוסלאַנד, אַז זי איז אַ ריזיקער בבל אָדער אַ נייער רוים, מיט פאַרשידענע שפּראַכן, קולטן, ראַסן, שבטים. האָט מען ביי אייך שוין ענדגילטיק געפּסקנט וואָס עס זענען אוקראַיִנער — רוסן, האַלב־רוסן אָדער גאָר קיין רוסן נישט? צוריק מיט אַ פּאָר חדשים איז ביי מיר געווען צו גאַסט אַן אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער אַליין קען גאָר זיין לשון נישט. ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט פראַנצויזיש און דייטש; רוסיש, זאָגט ער, איז זיין מוטער־שפּראַך, קיין אוקראַיִניש קען ער נישט, אָבער לאָזט אים נאָר, וועט ער אויפ־רייסן גאַנץ מאָסקווע מיט דינאַמיט צוליב אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליזם. אָבער לאָמיר דערווייל לאָזן רוסלאַנד אין אַ זייט. איר וווינט איצט אין בערלין — וואָס האָט איר צו דערציילן פון דייטשלאַנד? און אַנטשולדיקט פאַר מיין עגאָצענטריזם: איר האָט דאָרט אפשר געזען די אויפפירונג פון מיינער אַ פּיעסע?"

איך האָב אים דערציילט אַז זיין אַנטי־אימפּעריאַליסטישע פּיעסע „די צייט וועט קומען" ווערט איצט אויפגעפירט אין בערלין מיט גרויסן דערפאָלג. ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אַן אויפ־פירונג, און עס האָט מיך געפרייט צו זען, ווי ביי דייטשן נעמט אַזוי שטאַרק אויס, נאָך דער מלחמה, אַ פראַנצויזישער שרייבער. נאַטירלעך, צווישן דייטשן זענען פאַראַן אויך ציניקער, באַזונדערס צווישן די יונגע. בשעת די אַלטע בורזש־פרוי אין דער פּיעסע האָט געענטפערט דעם ענגלישן גענעראַל מיט אַ רעטשיטאַטיוו פון ישעיה הנביא, מיטן „והיה באחרית הימים", האָט לעבן מיר אַ מיידל זיך שטאַרק צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן צו איר בחור: „ישעיה הנביא איז געווען אַ גרויסער פּראָווינציאַל", און דער בחור האָט אַ דריי געטאָן די בלאָנדע וואָנצעס און מיט אַ וווּליווגערישער פאַראַכטונג איר אָפּגע־ענטפערט: ניין, נישט בלויז אַ פּראָווינציאַל, נאָר אַ פאַר־קריסטלעכער נאָר איס קריסטי, דער אָפּשטויסנדיקסטער טיפּ פון אַלע נאַראָנים".

ראָלאַן האָט זיך אויפגעהויבן פונעם שטול און זיך פריינטלעך אַ בייזער געטאָן:

„איך בעט אייך, גענעראַליזירט נישט. די יוגנט אין דייטשלאַנד איז קראַנק. וואָס דען זאָל זי זיין נאָך אַזאַ אָנשטרענגונג און נאָך אַזאַ מפּלה? אָבער פון איר קראַנק־זיין מוז כּלל נישט אַרויסקומען אַ נייע סאָציאַלע משוגעת. עס קען זיין, אַז אין ערגעץ אין אייראָפּע איז דער באָדן איצט נישט אַזוי רייף פאַר אַ הומאַניטאַרער און פּאַסיפיסטישער ציוויליזאַציע, ווי אין דייטשלאַנד, טראָץ די עקלהאַפטע לערעס וואָס מען האַלט דאָרט אין פאַר־שפּרייטן. און אַחוץ דעם — טוט אַ קוק אויף פּאַריז, אויף פראַנקרייך. איז אונדזער יוגנט דאָ געזונט? נאָך אַ פּאָר אַזעלכע זיגן, און עס וועט גאָרנישט בלייבן פון אונדזער וויטאַליטעט. אַ זיג איז פאַר אַ פאָלק נישט ווייניקער געפערלעך ווי אַ נידערלאַגע... אגב, איז דאָס אמת וואָס מען דערציילט מיר וועגן דייטשלאַנד, אַז די גרויסע שטעט זענען דאָרט פאַרפלייצט פון פּראָס־טיטוציע?"

איך האָב אים דערציילט וואָס איך האָב געוווּסט — איינדרוקן און באַ־אָבאַכטונגען פון אַ נישט־פאָרשער. בערלין איז אין יענער צייט אין דעם פּונקט געווען מאוימדיק. אַ סך מער דעמאָראַליזירט איז, ווי מיר האָט זיך געדוכט, דער בירגערלעכער עלעמענט איידער דער פּראָלעטאַרישער. פילע פרויען און טעכטער פונעם פּאַראַרעמטן מיטלקלאַס זענען אַרויס בוכשטעבלעך „אויף דער גאַס".

„טרויעריק, זייער טרויעריק", האָט ראָלאַן געברומט צו זיך אַליין. „אָבער דאָס איז מלחמה, און דאָס איז אָרבעטסלאָזיקייט. איך האָב דעם ענין נישט שטודירט, אָבער מיר דוכט אויך, אַז די פרויען פונעם בירגערטום האָבן אַ שוואַכערע רעזיסטענץ ווי אַרבעטער־פרויען. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס זיי איז שווערער איבערצוטראָגן ליידן, הונגער, ענגשאַפט, און דער עיקר דעם מאַנגל אין אָנשטענדיקער הלבשה. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, פראַנק־רייך קען אין דער זאַך נישט זיין קיין מוסר־זאָגער. מ י ר ווייסן דאָ א ו נ ד ז ע ר חרפּה, אָבער ביי פראַנצויזישע פרויען איז די זאַך מער „אויס־געעדעלט". „אַ מעטרעסע" איז ביי אונדז אין געוויסע קרייזן כּמעט אַ רעס־פּעקטאַבעלער באַרוף. אין פּאַריז האָבן מיר פרויען וואָס האַלטן צו צוויי ווױ־נונגען — איינע פאַר איין „געליבטן" און די צווייטע פאַר אַן אַנדער „גע־ליבטן". אין רוסלאַנד, זאָגט מען מיר, איז די דאָזיקע פּראָפעסיע ליקווידירט. דאָס וווּנדערט מיך נישט. ס'איז נישט נאָר דער געזעצלעכער פאַרבאָט, און נישט נאָר בעסערע פּאָליציי־השגחה. די גאַנצע גייסטיקע טעמפּעראַטור שיינט דאָרט צו זיין אַ העכערע, ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע. דער אָרעמסטער פון די אָרעמע האָט געקראָגן אַ געפיל פון זעלבסט־רעספּעקט. אָבער איר קענט אייער לאַנד בעסער — נישט אמת?"

איך האָב צוגעגעבן, אַז אַלץ איינס ווי איינער זאָל זיך נישט באַציִען צו דער רעוואָלוציע בכלל, מוז ער מודה זיין, אַז אַ געוויסער סאָרט קאָרופּציע הייבט אָן אין רוסלאַנד צו פאַרשווינדן, פון זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן. די באַפעלקערונג איז דאָרט סענסיטיווער ווי אין אַנדערע לענדער צו אַ בירגערס מקור פון הכנסה. און אַחוץ דעם, ווערט דאָרט אַלץ שווערער און שווערער פאַר אַ מענטשן צו באַהאַלטן פון וואַנען ער ציט זיין חיונה. עקאָנאָמיש איז יעדן בירגערס לעבן כמעט אָן אָפּן בוך.

אַ קעלנער האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. ער האָט אַריינגעטראָגן אַ טישל מיט קאַפּע און „כיבוד״. ראַלאַן האָט אים דערמאָנט אַז מאָרגן קומט צו אים צום מיטאָג־ברויט אַ כינעזישער געלערנטער וואָס עסט נישט קיין פלייש. ער האָט אים געבעטן באַזאָרגן אַ וועגעטאַרישע מאָלצייט פאַרביידע.

ערשט ביים קאַפּע און צובייסן האָבן מיר אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן איך בין געקומען אים זען.

אַלץ וואָס כ׳האָב אים דערציילט האָט פאַר אים געקלונגען אויסטערליש. וועגן יידיש האָט ער אַמאָל געהערט; ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז אויף דעם לשון איז פאַראַן אַזאַ גרויסע ליטעראַטור. ער האָט עפּעס געלייענט פון יידישע שרייבער, אָבער זיין איינדרוק איז געווען אַז ס׳איז געווען אָן איבערזעצונג פון דייטש אָדער גאָר פון אַ סלאַווישער שפּראַך. אַז אויף העברעיִש איז פאַראַן אַ מאָדערנע וועלטלעכע ליטעראַטור, האָט ער אויך נישט געוווּסט, כאָטש פריינט האָבן אים אַמאָל געבראַכט אַ פּאָר שלעכטע איבערזעצונגען פון ביאַליק. ער האָט געמיינט, אַז עס זענען פאַראַן אַ פּאָר „טשודאַקעס״, וואָס לאָזן זיך פון צייט צו צייט וווילגיין מיט שרייבן העברעיִשע פּאָעזיע. יאָ, האָט ער זיך דערמאָנט, אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן יידישע קאָלאָניעס און דאָרט זוכט מען צו קולטיווירן העברעיִש, אָבער די אמתע קולטור־שפּראַך, האָט ער געמיינט, איז דאָרט דייטש: איז דאָך הערצל געווען אַ דייטשער שריפטשטעלער. ווען איך האָב אים דערציילט אַז אין מזרח־אייראָפּע האָבן מיר די לעצטע יאָרן געפירט אַ קאַמף פאַר אייגענע שולן, מיט יידיש אָדער העברעיִש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך, און אַז אַזעלכע שולן עקזיסטירן דאָרט, האָט ער געעפנט מויל און אויערן: ער האָט עס פשוט נישט געקענט תופס זיין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, און אַ מינוט שפּעטער זיך אומגעקערט מיט אַ מיטליעריקער דאַמע. ער האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר מיר, אָנרופנדיק זי בלויז ביים ערשטן נאָמען (ער האָט אפשר אָנגענומען, אַז איך ווייס פון פריִער ווער זי איז). אַזוי אַז מיר איז נישט קלאָר געוואָרן וואָס און וויאַזוי זי האָט זיך מיט אים אָנגעקערט. ראַלאַן

האָט איר אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פאַר אַן אַנטדעקונג ער האָט נאָר־וואָס געמאַכט:

„שטעלט אייך פאָר פּאַריז. אויף איין גאַס איז פאַראַן אַ געמיינדע־שולע, לערנט מען דאָרט אַריטמעטיק און די געשיכטע פון פראַנקרייך אויף פראַנצויזיש; אָבער אויף דער אַנדערער גאַס, לאָמיר זאָגן, אין דער געמיינדע־שולע נומער צוויי, לערנט מען די זעלבע לימודים און אין די זעלבע שטונדן אויף טערקיש, צי אויף יאַפּאַניש, צי אויף כינעזיש. און עס האַנדלט זיך נישט וועגן קינדער פון אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, נאָר וועגן בירגער פונעם לאַנד. אומגלויבלעך, אומגלויבלעך! אויף וואָס דאַרף מען דאָס האָבן? פאַרוואָס זאָלן אַלע קינדער אין וואַרשע נישט לערנען אַלצדינג אויף פּויליש? און ווי אַזוי האָט פּוילן מסכים געווען אויף אַזאַ זאַך? און אויף וואָס דאַרפן די סאָוועטן האָבן אַזאַ מישעניגנע? מוזן טאַקע קאַלמיקן אין זייערע סטעפּעס אויף אייביק בלייבן קאַלמיקן? פאַרוואָס ווילן זיי נישט זיין קיין רוסן? איך האָב געהערט און געלייענט וועגן אויטאָנאָמע רעכט פאַר געוויסע פּראָווינצן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — גוט, דאָס איז דעצענטראַליזאַציע; אַזאַ ריזיק לאַנד ווי רוסלאַנד קען נישט רעגירט ווערן אין אַלע פּרטים פון מאָסקווע, אָבער נאָך וואָס דאַרפן זיי דאָרט האָבן אַזויפיל שפּראַכן? איך האָב געמיינט, אַז נאָר אין אינדיע איז פאַראַן אַזאַ צעריסנקייט, און מיך וווּנדערט אויף לעניגען, וואָס אַנשטאָט אָפּצושאָפן מחיצות צווישן איין טייל באַפעלקערונג און דעם אַנדערן, זוכט ער גאָר מחיצות צו פאַראייביקן... עס וווּנדערט מיך אויך אויף ייִדן: פאַרוואָס ווילן ז י י זיך אויסטיילן, איזאָלירן? זענען ייִדן דען נישט קיין רוסן — אין רוסלאַנד, מיין איך? איך פאַרשטיי, אַז אונטערן צאַר, אין די דורות פון רדיפות, האָבן ייִדן געהאַט אַ באַדערפעניש צו מאַכן ,אויס דער נויט אַ טוגענד', און אַלס פּראָטעסט זיך פאַרטיפן אין זיך, אין זייער פאַרגאַנגענהייט, אין ,אייגנס', אָבער איצטער, נאָך דער רעוואָלוציע, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט צונויפגיסן זייער קולטור מיט רוסלאַנדס, ווערן איינס מיטן לאַנד?"...

„איך ווייס אַז ייִדן טראָגן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן נישט. ווען איך באַגעגן אַ טיפּישן ייִדן, רעדן צו מיר אַרויס פון זיינע אויגן גאַנצע דורות, און די עצבות פון זייערע אויגן איז נישט בלויז אַ פּראָדוקט פון טויזנט־יאָריקע רדיפות... עס איז גיכער דער טרויער פון מענטשן וואָס ווייסן עפּעס אַ גרויסן סוד, אָדער זענען דיספּאָנירט אַזאַ סוד תופס צו זיין. אפשר איז דאָס גאָר קיין טרויער נישט אין אַנגענומענעם זינען פון וואָרט. דער וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן אַנטפּלעקונג, שאַפט דעם איינדרוק פון עצבות. אַ ן אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג, זאָג איך, נישט קיין דערפינדונג. אַ דערפינדער קען זיין פריילעך, אַמאָל אויך וווּלגאַר פריילעך: ער איז אַ בר־מזל און דער

בר־מזל איז שטענדיק אַ בעל־גאווה. דער אַנטפּלעקער אָבער האָט אַנגערירט דעם זוים פון אייביקייט, און נאָך אַזאַ דערפאַרונג בלייבט ביי אים אויף שטענדיק אַ מין מונטערער, וויזיאָנערישער טרויער, אַ טרויער וואָס איז דער היפּוך פון דעפּרעסיע. טרויעריק אין דעם זינען איז מסתמא געווען משה נאָך דעם נס מיטן דאָרנבוש, וואָס האָט געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן. נאָך טרויעריקער איז געווען שפּינאָזאַ, דער גרעסטער ייד — אַמאָל טראַכט איך, דער גרעסטער מענטש, פון וועלכן מיר ווייסן. דער יידישער חרם אויף שפּינאָזאַן איז די פּאַטאַלסטע מיספאַרשטענדעניש אין דער געשיכטע פון גייסטיקן לעבן, פּאַטאַלער ווי ישוס קרייציקונג. עס איז צייט, אַז רבנים זאָלן זיך צוזאַמענפאָרן קיין האַג און טאַקע דאָרט אויפן פּלאַץ בעטן מחילה ביי שפּינאָזאַס גייסט. ווען איך וואָלט געווען נישט בלויז אַ ליבהאָבער פון מוזיק, נאָר טאַקע אַן עכטער מוזיקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָלט איך אָנגעשריבן אַ שפּינאָזאַ־סימפאָניע, אַ מין "Amor-Dei" - ניגון ס'וועט קלינגען פאַר אייך אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַנדערע האָבן מיר געזאָגט אַז ס'איז אַן אַבסורד, אָבער איך האַלט מיך ביי מיינעם: די וועלט וואַרט אויף אַ גרויסן מוזיקאַלישן גייסט וואָס זאָל אָנשרייבן נאָטן צו שפּינאָזאַס „עטיק"... אָבער מיר דערווייטערן זיך פון אונדזער טעמע. דער ייד טראָגט אין זיך משהן, טראָגט אין זיך שפּינאָזאַן, און אָט דעם זיכערן קאָסמישן געפיל, דעם געפיל פון אייביקער ריטמישער געזעצלעכקייט, פון אַ גאַנצקייט פון וועלכער קיינער קען נישט אַרויספאַלן, ווייל ס'איז גאָר נישטאָ וווּהין אַרויסצופאַלן, קענען יידן איבערטראָגן אין אַנדערע פעלקער, זיי דערמיט באַרייכערן. אפשר איז דאָס זייער עובדה אין דער וועלט..."

„מ'האָט מיר נישט לאַנג צוריק צוגעשיקט פון דייטשלאַנד אַ נייע קליינע שריפט וועגן שפּינאָזאַן, כ'געדענק נישט דעם שרייבער... וויל ער דאָרט באַווייזן, אַז שפּינאָזאַס „אַל־גאָטהייט" איז גאָטלאָזיקייט, אַז דער „גאָט־באַטרונקענער מאַן" איז גאָר געווען דער גרעסטער אַטעיִסט, און ער האָט זיך בלויז באַנוצט מיט קאַטוליש־סכאָלאַסטישע טערמינען ווי מיט לבושים פאַר דער טיפסטער כפירה וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. נאַרישקייטן, נאַרישקייטן. אין שפּינאָזאַס וועלט איז „יאָ־גאָט" און „נישט־גאָט" אַ פּוסטע עטימאָלאָגישע פראַגע, זיין און נישט־זיין האָט גאָר ביי אים אַן אַנדער זין... מיר האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט צו פאַרשטיין זיין שפּראַך, פּונקט ווי מיר זענען נאָך עם־הארצים ווען מיר לייענען בודיסטישע ליטעראַטור, אָדער כינעזישע. צי אויף כינעזיש איז פאַראַן אַ וואָרט פאַר „גאָט" אָדער נישט, איז אַ פּוסטע פילאָלאָגישע פּראָפעסאָרן־פראַגע. אָפּטמאָל ווילט זיך מיר אויסשרייען: „נו, און אַז כ'וועל שוין באַווייזן מיט אַבסאָלוטער קלאָרקייט, אַז

ס'איז נישטאָ קיין גאָט, איז וואָס? איז מיין באַווייזן אַ ראיה אַז ער איז טאַקע נישטאָ?"

די דאַמע האָט זיך צעלאַכט:

„כ'האָב עס שוין אַזויפיל מאָל געהערט פון אייך, און איך פאַרשטיי עס נאָך אַלץ נישט. מיין מוח איז אַ קינדערישער: דאָ איז דאָ, נישטאָ איז נישטאָ".

„און מיין מוח", האָט ער צו איר גלייך געענטפערט אין טאָן פון אַן אַלטן פאַרדרוס, „איז נישט קיין גענייאַלער, נישט קיין איבערמענטשלעכער. און דאָך ווייס איך, אַז וואָס כ'האָב געזאָגט איז נישט סתם קיין צו־להכעיס. מאָרגן וועט ביי מיר זיין אַ כינעזער, וועט איר זען, ווי ער וועט עס יאָ פאַר־שטיין. און אַ ייִד, פיל איך, דאַרף אויך זיין מסוגל דאָס תופס צו זיין. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס שפינאָזאַ איז געווען אַ ייִד".

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן שפּעט און איך האָב זיך אומגעקערט צו מיין „מיסיע". עס איז נישט וויכטיק, וואָס פאַר דערקלערונגען איך האָב ראַלאַנען געגעבן און אויף וועלכע סתירות אין זיין אייגענער אַרגומענטאַציע איך האָב אים אָנגעוויזן. ער האָט צום סוף מודה געווען, אַז ער האָט דעם ענין ביז צו זיין לאָגישן סוף נישט דורכגעטראַכט: ייִדן זענען אפשר אַן אויסנאַם, ייִדן דאַרפן אפשר זוכן זייער אייגנאַרטיקייט אָפּצוהיטן אַ סך מער ווי אַנדערע, און דער וועג פאַר דעם — ווער ווייס? — איז טאַקע אפשר ציוניזם, כאָטש אים איז שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי מאַכט מען עס. פראַנצויזישע ייִדן קען ער בשום אופן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זיי זאָלן ווען עס איז זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. נאָך שווערער איז פאַר אים צו זען ד ײ ט ש ל אַ נ ד אָן ייִדן אָדער ייִדן אָן דייטשלאַנד. אַ ייִד אין דייטשלאַנד, מיינט ער, איז, טראָץ אַנטיסעמיטיזם, מער אין דער היים, ווי אין וועלכן נישט איז אַנדערן אייראָ־פעיִשן לאַנד. „און דאָך: ווער ווייס? אַ זייטיקער קען אפשר נישט באַגרייפן, וואָס ס'קומט פאָר אין דער גאָר־גאָר אינטימער ספערע פון אַ ייִדישער נשמה".

„אינטערוועניִרן" אין מאָסקווע האָט ער זיך סוף־כל־סוף אָפּגעזאָגט. ערשטנס, איבערטרייבט מען שטאַרק זיין השפּעה אין סאָוועטישע קרייזן. דער־צו איז ער נישט געגנוג באַקאַנט מיט דער לאַגע, און דאָס איינציקע וואָס ער וואָלט געקענט אַהין שרייבן, איז — אַז צי מען דאַרף יאָ העברעיִש צי נישט, אָבער אויב עס זענען דאָ ייִדן וואָס זאָגן אַז זיי דאַרפן דאָס, איז דאָס אַן אַלגעמיינע פראַגע פון פרייהייט, און גייסטיקע פרייהייט דאַרף מען יעדן געבן, „אַלץ איינס צי מיר אימפּאָנירט איר אינהאַלט אָדער נישט".

„לאָמיר רעדן אָפן. אַזאַ אַרגומענטאַציע וועט ה ײ נ ט אין מאָסקווע אויף קיינעם קיין רושם נישט מאַכן. אַ צייט וועט קומען, ווען מ'וועט דאָס אויך דאָרט אָנהייבן פאַרשטיין. היינט וועט דאָס אויפגעפּאַסט ווערן אַלס

„בורזשואַזער הומאַניזם״, און פון אַ געוויסן סאָרט פאַרצייטיקן ליבעראַליזם וויל איך מיך אַליין אָפּגרענעצן. און דאָס ביסל איינפלוס וואָס איך פאַרמאָג אפשר יאָ, וויל איך אויסנוצן פאַר אַ פּאָר אינדיווידועלע פאַלן וואָס האָבן צו טאָן מיט פּיקוח־נפש. העברעיִש איז אַן אוראַלטע שפּראַך פון אַ מעכטיק פאָלק, זי קען זיכער וואַרטן נאָך עטלעכע יאָר... אָבער אַ יחיד קען נישט וואַרטן, און ווען ער איז אין סכנה און איך קען אים העלפן, איז דאָס מיין ערשטע פליכט״.

איך האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. איך געדענק, אַז איך בין נישט געווען שטאַרק אַנטוישט — איך האָב זיך צו מיין „מיסיע״ פון אָנפאַנג אָן באַצויגן סקעפּטיש. ראָלאַן האָט אָבער וואַרשיינלעך געהאַט דעם געפיל, אַז אַט לאָזט ער אַרויס פון זיין הײם אַ מענטשן „מיט ליידיקן״.

„ווייסט איר וואָס?״ — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן, שוין שטייענדיק ביי דער טיר — „אפשר וועט איר מאַכן אַ פּרווו מיט אַן אַנדער פראַנצויז? אַנאַטאָל פראַנס, האָב איך דעם איינדרוק, איז אין מאָסקווע מער אָנגעלייגט ווי איך. פאַרוואָס, ווייס איך נישט. אים, אגב, וועט אפשר פּסיכאָלאָגיש זיין באַקוועמער זיך צו ווענדן וועגן אַזאַ ענין צו זיינע רוסישע פאַרערער. ער איז אַן אַנטיקוואַר, און העברעיִש איז, פאַר אַלעמען, אַ קאָסטבאַרער אַנטיק. זעט זיך מיט פראַנסן און מישט אַריין אין אייער שמועס וואָס מער לאַטיין: דאָס וואַרעמט אים. זאָגט אים אַ פּאָר פראַזן אויף העברעיִש — דער קלאַנג, ווייס איך, וועט אים זיין אָנגענעם. און, דער עיקר, רעדט הויך, שרייט, ווייל דער אַלטער איז לעצטנס היפּש טויבלעך און ער פּרווט דערפון מאַכן אַ סוד. די סכנה איז אַז ער וועט אויף אַלץ שאָקלען מיטן קאָפּ, און איר וועט מיינען אַז ער האָט אַלץ געהערט און איז אויף אַלץ מסכים. אפשר איז גלייכער, אים פריִער אָנצושרייבן אַ בריוו? אויב איר האָט אַ שיינעם כתב, שרייבט מיט דער האַנט: ער האָט ליב געצאַצקעטע אותיות״.

שטאַרק דערמוטיקט פון ראָלאַנס ווערטער בין איך נישט געווען: צו אַנאַטאָל פראַנסן בין איך שוין נישט געגאַנגען.

חברים האָבן מיך דערפאַר געטאַדלט. ביי זיך בין איך אַלע יאָרן געווען זיכער, אַז „די זאַך״ האָט דערפון גאָרנישט נישט פאַרלוירן...

1945

ווענן דעם ענין מלכות

(אַ בריוו קיין ארץ-ישראל)

אונדזער ביידנס אַ פּערזענלעכער פריינט, שרייבט איר, וועלכער האָט זיך מיט מיר געזען אין אייראָפּע, האָט אייך דערציילט, אַז ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן די פּאָר ענגלישע אָפיצירן וואָס אונדזערע טעראָריסטן האָבן עפּנטלעך אָפּגעשמיסן אין תל־אביבער זאָאָלאָגישן גאָרטן, זאָל איך זיך האָבן אויסגעדריקט: „מעשה כוליגאַנעס״. איר ווילט נישט גלייבן, באַמערקט איר אין אייער בריוו, אַז איך האָב דאָ אַזאַ שאַרפן אויסדרוק גענוצט, און אייך וועט פרייען, אויב איך וועל דאָס אָפּלייקענען. „איך וויל דאָס נישט גלייבן, ווייל אויב קיין אַנדער אַטעסטאַט האָט איר נישט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַרן ייִדישן כבוד, פאַרן כבוד פון מענטשן בכלל, וואָלט דאָס געווען אַ סימן, אַז יענער פונק פון ריטערלעכקייט וואָס איך האָב אין אייך געקענט און וואָס כ׳בין געווען זיכער, אַז ער איז אין אייך אין די אַלע יאָרן נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, איז שוין מער נישטאָ. וואָרים ווי קענט איר שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַן ענגלישער מיליטערישער געריכט מ ע ג פאַראורטיילן ייִדישע קעמפער צו עפנטלעכע שמיץ, נאָר ייִדן טאָרן אויף אַזאַ אורטייל נישט רעאַגירן, און אויב זיי לאָזן פילן אַ פּאָר ענגלענדער דעם טעם פון דער זעלביקער מעדיצין, וואָס זיי האָבן מיט געוואָלט איינגעגעבן ייִדן, איז דאָס אַ פאַרברעכן אָדער מעשה כוליגאַנעס? ווו איז אייער ייִדישער שטאָלץ, ווו איז אייער געפיל פאַר גערעכטיקייט, און ווו איז אייער דרך־ארץ פאַר מענטשלעכער חשיבות, פאַר דער הייליקייט אָדער פאַר דער אומבאַרירבאַרקייט פונעם מענטשלעכן גוף? אויב ס׳איז אמת, וואָס מען דערציילט מיר פון אייך, האָט מיט אייך געטראָפן איינס פון די צוויי: אָדער איר זייט צוריק אַריינגעפאַלן אין דער מענטאַליטעט פון אַ גלות־ייִדן, וואָס איז גרייט מקבל צו זיין באהבה און מיט שקלאַפישער הכנעה כל מיני קלעפּ און בזיונות, אָדער איר האָט טאַקע אויף אַן אמתן אָנגענומען יענע עוואַנגעלישע מאָראַל (מיט וועלכער, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, איר האָט ביי מער ווי איין געלעגנהייט „קאָקעטירט״), וואָס לויט איר קען אויסקומען, אַז אויב ענגלענדער שמייסן דיך איבער איין העלפט פונעם קערפּער, דאַרפסטו אונטערשטעלן די אַנדערע העלפט און זיך בעטן ביי זיי: נאָט, שמייסט ווײַ־

טער. איך לעב שוין יאָרן אין ארץ־ישראל, איך קען גוט דעם ישוב — אַלע זיינע שיכטן — און איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז אַפילו יענע צווישן אונדז וואָס האָבן קיינמאָל נישט קיין גוט וואָרט פאַר די „טעראָריסטן“, ווי די ציוניסטישע נאַטשאַלסטוואָ באַצייכנט אונדזערע קנאים, האָבן זיך אין יענעם טאָג געפרייט, און פון אַ סך פון זיי האָב איך געהערט: ‚בראַוואָ! ווילע חברה! איצט וועלן ענגלענדער וויסן, ווי אַזוי צו געבן שמיץ יידישע בחורים׳“.

עס קען זיין, אַז מיט מיין איצטיקן בריוו וועט אונדזער קאָרעספּאָנדענץ זיך נישט פאַרענדיקן. ווייל איך אייך דערפאַר עפּעס בעטן: אויב איר ווילט מיך מוסרן, אָדער אפילו מיך „מאַכן מיט דער בלאָטע“, טוט עס; זאָגט אויף מיר פּערזענלעך וואָס אייך ווילט זיך, וואָס עס דיקטירן אייך אייער געוויסן און געשמאַק. אָבער, למען־השם, שילט מיך נישט אין טאָטנס־טאָטן אַריין. דער גלות־ייִד, וואָס איר האָט אים דערמאָנט אין אייער בריוו, איז פאַר מיר נישט קיין פרעמדע און נישט קיין זייטיקע באַשעפעניש. איך טראַכט שוין אַ סך יאָרן נישט, אַז מיין ציוניזם לייגט אויף מיר אַרויף אַ פליכט אים צו פאַראַכטן, אָדער זיך פון אים מאָראַליש און עסטעטיש שאַרף צו „דיסטאַנצירן“. דער היפּוך פון „גלות־ייִד“ איז, לאָמיר אָננעמען, „פּאַטערלאַנד־גוי“; האָב איך שוין אַ סך מאָל זיי אָוועקגעשטעלט איינעם לעבן צווייטן, אָדער איינעם קעגן צווייטן, און זיך גוט־גוט אַריינגעקוקט אין זייערע פּרצופים, און גאָרנישט שטענדיק האָט דער צווייטער אויסגעזען חנעוודיקער אָדער מיט מער צלם אלהים ווי דער ערשטער. דער „גלות־ייִד“ איז יעדנפאַלס מיינער אַ לייבלעכער קרוב (איך האָב גאָרנישט קיין נעענטערע קרובים), און עס זענען פאַראַן קריטישע סיטואַציעס, ווען איך קען גאָר ביי קיינעם נישט זוכן אַ געוויסן שוץ און אָנהאַלט, ווי נאָר ביי אים. איך האַלט נישט פון קיין איקאָנעס, אָבער — איר מעגט דאָס אויסזאָגן דעם „משגיח על הכשרות“ און זאָל ער דאָס פאַרצייכענען אין זיין פּנקס — איבער מיין בעט הענגט אַ „פּאָרטרעט פונעם גלות־ייִדן“, און ווען ס׳וועט קומען דער טאָג און איך וועל זוכה זיין זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, וועל איך יענעם פּאָרטרעט (ווי אַ „שמירה“, וואָס, איך פיל, אַז איך וועל זי דאַרפן האָבן אויך דאָרט) נישט פאַרגעסן מיטצונעמען.

און איצט, לאָמיר פּרובירן איבערצוגיין צום עצם ענין. אונדזער פריינט האָט מיך ריכטיק ציטירט. „מעשה כוליגאַנעס“ איז טאַקע געווען דער אויסדרוק וואָס איך האָב באַנוצט, און — זאָל איך אייך נאָך מער אַנטוישן? — איך האָב דערויף נישט קיין חרטה. איך האָף, אַז איר וועט מיך נישט מיספאַרשטיין. איך זאָג נישט אויף אונדזערע טעראָריסטן, אַז זיי זענען — אין זייער וועזן, אין זייער שורש־נשמה — כוליגאַנעס, אָבער באַשטימטע האַנד־

לונגען פון זייער זייט זענען, לויט זייער כאַראַקטער, כוליגאַניש. אויב איך זאָלט באַגיין אַ גרויסע עוולה אָחן איך זאָל זי באַצייכענען אַלס „רישעות״, וועט דאָס זיין נישט דאָס זעלבע, וואָס ווען איך זאָל אייך, חס וחלילה, באַצייכענען אַלס ר ש ע. און דערמאָנט מיר נישט, אַז זיי זענען גרויסע אידעאַליסטן. איך צווייפל נישט אין דעם, אָבער איך ווייס וויפל רציחה, וואַנדאַליזם און סאַדיזם עס האָבן אין מיין דור אַרויסגעוויזן כל מיני אידעאַליסטן, און אויס אידעאַליסטישע מאָטיוון. איך וויל אייך דערביי פאַרזיכערן, אַז אויף וויפל איך מעג זיין מיין אייגענער שופט, בין איך היינט נישט ווייניקער סענסיטיוו צו דער הייליקייט אָדער אומבאַרירבאַרקייט פונעם מענטשלעכן קערפּער, ווי איך בין געווען אַמאָל, און וואָס ס׳איז שייך ריטערלעכקייט — מילא: דאָס איז אַ מיטלאַלטערלעך־פעאָדאַלער באַגריף, וועלכן איך בין נישט מחויב אַריינצונעמען אין מיין שולחן־ערוך. שיקאַגאָער גענגסטערס זענען, גלייבט מיר, מענטשלעכער (כ׳מיין טאָקע ה ו מ אַ נ י ט אַ ר ע ר) פון יענע באַנדעס אייראָפּעיִשע ריטער, וואָס האָבן אין מיטלאַלטער דורכגעפירט קרייצצוגן און האָבן פאַראומרייניקט אַ האַלבע וועלט מיט זייער גזלה, רציחה, און פאַרגוואַלדיקונגען פון שוצלאָזע פרויען. די צוויי לענדער אין אייראָפּע, ווו מ׳האָט זיך אין אונדזערע יאָרן באַרימט, אַז אין זיי זענען נאָך אָפּגעהיט געוואָרן געוויסע עלעמענטן פון דעם אַמאָליקן ריטערלעכן נוסח, זענען אונגאַרן און שפּאַניע. גלייבט זשע מיר בנאמנות, אַז אויב ריטערלעכקייט אַפּעלירט צו אייך דערפאַר וואָס דאָס שיינט צו זיין אַ מין אַקצענטירטער געפיל פאַר מענטשלעכער חשיבות, וועט איר זיך פילן אַ סך בעסער און געהייבענער אין דער פּראָזאַישער פּיטסבורג אָדער אין דער בירגערלעכער מילוואָקי, איידער אין דער פּאַטעטישער מאַדריד און אין דער גאַלאַנטער בודאַפּעשט. איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז איך האָב זיך אין דעם פּונקט נישט געענדערט: אויך אין מיינע יונגע יאָרן וואָלט איך נישט אַרויסגערופן אויף אַ דועל אַ צווייטן בחור פאַר אַ באַליידיקונג אָדער פאַר „קאָנקורענץ״ אין ליבע, און ווען איך וואָלט דאָס יאָ געטאָן, וואָלט מען מיך, אין מיין סביבה, פּשוט „באַשטעקט מיט פעדערן״. עס זענען אויך פאַראַן געוויסע באַגריפן פון „גערעכטיקייט״, וועלכע זענען פאַר מיר אָפּשטויסנדיק. יענע אָרעמע פרוי, וואָס האָט אין די טעג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געזאָגט דער רייכער פאַריזער דאַמע: „ביז אַהער האָב איך ביי דיר געוואַשן די פּאָדלאָגעס, אָבער פון היינט אָן און ווייטער וועסטו וואַשן ביי מיר די פּאָדלאָגעס, ווייל די רעוואָלוציע איז סוף־כל־סוף געקומען און איצטער זענען אַ ל ע ג ל יי ך״ — האָט אַרויסגעוויזן אַ פּערווערזע פאַרשטעלונג אי פון גלייכקייט און אי פון גערעכטיקייט. ווען איך וואָלט איצטער אין אַמעריקע געווען פּאַרדס שטיוול־פּוצער און וואָלט

געהאַלטן, אַז נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט פאַרד געצוווּנגען זיין צו ווערן מיין שטיוול־פוצער, אסור צי איך וואָלט זיך געמעגט באַרימען מיט מיין „ריטערלעכקייט” אָדער מיט מיין געפיל פאַר גלייכקייט און גערעכ־טיקייט.

איר זעט, ווי איך גיי אַרום־און־אַרום, גלייך ווי איך האָב מורא צוצוגיין דירעקט צו דער טעמע גופא — צום ענין שמיץ. עס קען זיין, אַז כ'האָב טאַקע „מורא”, ווייל דאָ ווערט גלייך אויפגעוויקלט פאַר מיר אַ קאַפּיטל „קולטור־געשיכטע”, וואָס קען אָנוואַרפן אַן אימה נישט בלויז אויף אַזעלכע ווי איך. איך ווייס, אַז היינט — אין מערץ, 1947 — שמועסט מען נאָך אין אַ באַ־שטימטער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס האָט צו טאָן מיט דער פאָרמולירונג פון מענטשלעכע רעכט, וועגן דעם צי מ'זאָל אַריינשטעלן אויך דאָס רעכט פון נישט־געשמיסן־צו־ווערן, אָדער, רעדנדיק אין העברערט ספּענסערס לשון, דאָס רעכט אויף ”physical integrity“. איך ווייס נישט, ווער עס זענען דאָרט די קעגנער פון אַ פאַרבאָט אויף קערפּערלעכער שטראָף, אָבער איך וועל זיך נישט חידושן, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ספקות וועגן דעם האָבן נישט נאָר די דעלעגאַטן פון עטיאָפּיע און סאַאודי־אַראַביע, נאָר אויך פון אַזעלכע מדינות ווי ענגלאַנד. דער רעקאָרד פון ענגלאַנד איז אין דעם פּרט גאָרנישט קיין געהויבענער, און מ'דאַרף אפשר אויף אַ מינוט אַ טראַכט טאָן, אַז אַ פאַלקס היינטיקע יוסטיץ דאַרף געמשפּט ווערן אין אַל־געמיינעם קאָנטעקסט פון זיין געשיכטע אָדער פון זיין גייסטיקער ביאָגראַ־פיע. געבן שמיץ לויטן אורטייל פון געריכט איז אין ענגלאַנד פּראַקטיצירט געוואָרן אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער. עס זענען דאָרט געווען צייטן, ווען אין דעם הייליקן טאָג פון ישוס תחית־המתים פלעגט מען צונויפנעמען אַלע פרויען וואָס האָבן געבוירן אומגעזעצלעכע קינדער און אויך די מענער וואָס מ'האָט אָנגענומען אַז זיי זענען די פאָטערס פון די „ממזרים”, און זיי געגעבן שמיץ „בפני עם ועדה”. אונטער דער הערשאַפט פון הענרי דעם אַכטן (ווען מ'האָט אין ענגלאַנד איינגעפירט דעם באַקאַנטן „וויפּינג אַקט”) פלעגט מען נעמען פאַרברעכער — און אַ פאַרברעכער איז אין יענע יאָרן געווען אויך יעדער „וועיגראַנט”, יעדער נע־ונדניק, אָן אַ באַשטימטן וווין־פּלאַץ און אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג — צובינדן זיי צום עק פון אַ וואָגן, פירן זיי נאַקעטערהייט איבער דער גאַנצער שטאָט און אויפן וועג זיי שמייסן איבערן לייב, און כדי די שמיץ זאָלן זיין אמתע, נישט קיין געפעלשטע, איז געשאַפן געוואָרן אַ יורידישע פאָרמולע, וואָס סדום וואָלט זי מסתמא אָנגענומען מיט גרויס התלהבות: ”till the body shall be bloody“.

יאָ, שפּעטער האָט די גוטהאַרציקע קעניגין עליזאַבעט איינגעפירט אַ „לי־

בעראַלע״ רעפאָרם; צו דער עקזעקוציע דאַרף מען דעם פאַרברעכער אויסטאָן בלויז האַלב־נאַקעט, ביזן גאַרטל, כדי אים נישט „צו פאַרשעמען״. איך דער־מאָן זיך איצטער נישט, אין וועלכער ענגלישער כראָניק מיר איז דאָס אַמאָל אויסגעקומען צו לייענען, אָבער איך געדענק וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן אַ ריכטער און זיין גאַלאַנטן סטיל נאָך דעם וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פסק, בפרהסיא אָפּצושמייסן אַ זינדיקע פרוי: „תלין, איך באַפעל דיר צו זיין באַזונדערס אויפמערקזאַם צו דער דאַזיקער דאַמע; שמייס זי, ביז בלוט וועט ביי איר אָנהייבן צו שפריצן; ס׳איז איצטער קריסטמעס, אין דרויסן איז פראָסטיק, און דער דאַמע וועט זיין זייער קאַלט ווען מען וועט זי אויס־טאָן נאַקעט; זע זשע, אַז דו זאָלסט מיט דיינע שמיץ איר גוט אָנוואַרעמען די פלייצעס״. אָבער נאָך וואָס ציטירן אַלטע כראָניקעס און פאַרצייטיקע ענגלענדער? אויך אין דער מאָדערנער ענגלאַנד זענען שמיץ נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן, און ערשט צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט דאָרט דער „קאָורט אָוו קרימינעל אַפּיל״ געפסקנט אַז פאַר אַ גזלה־אַקט אין וועלכן דער רויבער נוצט געוואַלד, מעג דער ריכטער פאַראָרדענען, אַחוץ אַנדערע שטראָפן, אויך שמיץ. מיר איז נישט באַקאַנט, אַז אין דער ענגלישער געזעצגעבונג זאָל אויף דעם שטח האָבן פאָרגעקומען אַ פרינציפיעלע ענדערונג. ביז היינטיקן טאָג, גלייב איך, מעגן נאָך לערער און אַפיטרופסים — וואָס די רעכט פון עלטערן ווערן טיילווייז טראַנספערירט צו זיי — אָנווענדן, ווי דאָס געזעץ זאָגט "reasonable corporal punishment" ד״ה שמייסן יאָ, אָבער מיט אַ טאַלק, מיט איינזעעניש, מיט אַביסל חסד. („ליבעראַלע״ מלמדים פלעגן אַמאָל זאָגן: שלאָגן — יאָ, אָבער נישט קאַטעוועז).

איך האָב דאָ געבראַכט ביישפילן פון ענגלאַנד, אָבער איך גלייב נישט, אַז זי איז אין דעם פרט אַן אויסנאַם. אין אַ צאָל אַנדערע אייראָפעיִשע לענ־דער — אויך „ציוויליזירטע״, אויך „קריסטלעכע״ לענדער — פלעגט מען טאָן דאָס זעלביקע וואָס אין ענגלאַנד, נאָך מיט אַ צוגאָב: די ריכטער זענען אין אַ פאָר אַנדערע לענדער געווען „מהדרין מן המהדרין״ און זיי פלעגן נאָך באַפעלן צו שיטן זאַלץ אויף דעם רוקן, ווען די ווונדן האָבן אָנגעהויבן בלוטן.

און איז דען אומעטום קערפערלעכע באַשטראָפונג באַשטאַנען בלויז אין שמיץ? ביי גנבים און פאַלשמינצער פלעגט מען אַמאָל אָפּהאַקן אָדער אָפּזעגן די הענט; ביי די וואָס האָבן פאַלש געשוואָרן — פלעגט מען אויס־שניידן די צונגען, ביי שפיאָנען — אויסשטעכן די אויגן. אַנדערש גערעדט, מ׳פלעגט באַרויבן יעדן איינעם פון די אָרגאַנען, מיט וועלכע ער האָט געזינ־דיקט, זיינע „סירסורי דעבירה״. פאַר מאַנס זיין אַ פרוי, פלעגט מען קאַס־טרירן, כאָטש ווען מ׳האָט געכאַפט אַ פרוי ביי אַ סעקסועלער עבירה, איז זי

אָפּגעקומען „בלויז" מיט אָפּשניידן ביי איר די נאָז. דער באַגריף, וואָס איז אַמאָל קאָנקרעט־בילדלעך פאַרקערפּערט געוואָרן אין דעם יידישן געזעץ פון „שן תחת שן, עין תחת עין", שפּילט אין דער גאַנצער וועלט־יוריספּרודענץ אַ סך, אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, ווי „די דרשה פונעם באַרג", אָדער הללס אַלטרויסטישע פאָרמולע, און, קוקנדיק אויף צוריק, זענען אין אייניקע לענדער שמיץ געקומען גאָר אַלס אַ „הומאַניטאַרע" רעפאָרם — אַנשטאָט טויט־שטראָף, אָדער פאַרקריפּלונג, אָדער קאַסטראַציע. (אַן אָפּקלאַנג פון אַזאַ הור־מאַניטאַרן בליק אויף שמיץ געפינען מיר, אגב, אין תלמוד: „מלקות במקום מיתה עומדות"). דאָס רעכטבאַוווסטזיין פון דער „ציוויליזירטער" וועלט האָט זיך נאָך ווייט־ווייט נישט באַפרייט פון דער דאָזיקער שמיץ־מענטאַליטעט. צום שבח פאַר די זעלביקע ענגלענדער, וואָס האָבן ביז היינט נישט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די דאָזיקע באַרבאַרישע שטראָף־מעטאָדע, דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער ערשטער ערנסטער פּראָטעסט קעגן דער פאַרשוועכונג פון מענטשלעכער ווערדע דורך געבן עפנטלעכע שמיץ, איז געקומען טאַקע פון זיי. אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר אַ נייער קרימינעלער געזעצגעבונג האָבן אַמאָל אַנטוויקלט די קוועיקערס. אין ענגלאַנד גופא האָט די באַוועגונג קיין דערפאָלג נישט געהאַט, אָבער ווען די זעלביקע קוועיקערס זענען נאָכדעם אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, איז זיי געלונגען, קעגן די פּראָטעסטן מצד די זייער „פרומע" פּוריטאַנער, אָפּצושאַפן דעם שאַנדקלאָץ סיי אין פּענסיל־וויניע און סיי אין מערב־דזשוירזי. און פונדעסטוועגן? דריטהאַלבן הונדערט יאָר נאָך דער דאָזיקער קוועיקער־רעפאָרם מעג מען נאָך אַלץ אין אַמעריקע שמייסן אין מער ווי איין שטאָט — אין אַלאַבאַמאַ און אין לואיזיאַנאַ, אין אַרקאַנסאַ און אין טענעסי, אין טעקסאַס און אין ווירדזשיניע. אַזוי טיף איינגעוואָרצלט איז נאָך אין אונדז דער שלעגער, דער שמייסער, דער באַליידיקער און דער דערנידעריקער . . .

און מיר קענען ליידער נישט זאָגן, אַז יידנטום איז אין דער ספערע אין גאַנצן ריין. די תורה האָט אַ קלאָרן באַגריף פון „בן הכות", ווען דער ריכטער דאַרף אָוועקלייגן און שמייסן: ארבעים יכנו — פערציק שמיץ דאַרף דער פאַרברעכער קריגן. אמת, די תורה האָט דאָ ערגעץ־ווו אין זינען די מענטשלעכע חשיבות אויך פון דעם וואָס דאַרף געשמיסן ווערן. זי וואָרנט זייער שטרענג קעגן געבן מער ווי פערציק שמיץ, ווייל אויב מערער וועט דער געשמיסענער פאַרשעמט אָדער באַליידיקט ווערן („ונקלה אחיך לעיניך"), כאָטש ביז היינטיקן טאָג קען איך נישט באַגרייפן — זאָלן מיר למדנים מוחל זיין מיין עם־הארצות — מיט וואָס זענען איין־און־פערציק שמיץ אַ באַליידיקונג און פערציק שמיץ, אָדער לויט אַ שפּעטערדיקער תקנה, בלויז ניין־און־

דרייסיק, אַן עונש וואָס נעמט נישט צו ביים מענטשן זיין ווערדע. דער תלמוד האָט געזוכט דעם ענין צו ליבעראַליזירן אָדער הומאַניזירן. האָבן חכמים מתקן געווען, אַז פאַרן שמייסן דאַרף מען דעם פאַרברעכער בודק זיין, זען צי איז ער געזונט גענוג, ער זאָל קענען אַריבערטראָגן די צאָל שמיץ. אויב ער איז אַ שוואַכער, דאַרף מען דעם עונש פאַרקלענערן, און אַפילו בשעת דעם עצם שמייסן, אויב מ׳זעט, אַז מ׳האָט איבערגעשאַצט דעם באַשטראָפטנס כוחות, איז מען מחוייב די מלקות אָפּצושטעלן. אַ יישר־כוח די חז״ל פאַר זייער ליבעראַליזם, אָבער וואָס האָבן זייערע תקנות צו טון מיט מענטשלעכער ח ש י ב ו ת ? דאָס זענען תקנות פון „צער־בעלי־חיים״, פון אָפּוועגן און אָפּמעסטן פיזישן ווייטיק און פון רחמנות האָבן, אָבער נישט פון אָפּהיטן מענטשלעכן כ ב ו ד. און ווי איז געגאַנגען ביי אונדז די אַנטוויקלונג אויף דעם שטח נאָך די חכמי־התלמוד? פון זייער טרוקענעם אויסרעכענען אַלע חטאים פאַר וועלכע עס קומט צו באַשטראָפן מיט מלקות (קוקט אַריין אין דער מסכתא מכות) ביז דער „משנה תורה״ זענען אַוועקגעגאַנגען אַ שיין ביסל דורות, אָבער אויך דער רמב״ם פרעגט נישט אָפּ קיין איינעם פון די 207 פאַלן, ווען בית־דין דאַרף נוצן די רצועה.

ווי איר זעט, האָב איך זיך געלאָזט „ווילגיין״ מיט (מסתמא צופיל) היס־טאָרישע און יורידישע אַסאָסיאַציעס, און איך בין מסופק, צי האָב איך צו זיי געדאַרפט אָנקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער טעמע. איך מיין, אַז איר האָט נישט געקראָגן פון מיינע ווערטער דעם איינדרוק, אַז וויל „שמיץ״ אָדער „מלקות״ האָבן אַ לאַנגע געשיכטע און נישט ווייניק וואָרצלען אַפילו אין א ו נ ד ז ע ר רעליגיעזער טראַדיציע, דאַרף מען זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ אויב אַזאַ „גערעכטיקייט״ ווערט נאָך פּראַקטיצירט, אָדער אַז ספּעציעל אין ארץ־ישראל מעג, לויט מיין מיינונג, דאָס מיליטער שמייסן יידן, און מיר דאַרפן עס מקבל זיין אָן ביטערניש און אָן פּראָטעסט. איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט נעמען אין אַכט עטלעכע באַמערקונגען:

א) לויט די געזעצן וואָס הערשן אין ארץ־ישראל מעג אַ געריכט (נישט נאָר אַ מיליטערישער, נאָר אויך אַ ציווילער) פאַראורטיילן דעם וואָס ער האָלט פאַר אַ פאַרברעכער צו אַ באַשטימטער צאָל שמיץ. דער אורטייל פונעם מיליטערישן געריכט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אונדזערע עקסטרעמיסטן דעם באַקאַנטן נקמה־אַקט, מוז נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ בכיוונדיקער דיסקרימינאַציע קעגן יידן אָדער פאַר אַ ס פּ ע צ י פ י ש ע ר באַליידיקונג פון יידן. דער געזעץ מאַכט דאָ נישט קיין אונטערשייד צווישן יידן, אַראַבער און אַנדערע איינוווינער פונעם לאַנד.

ב) איך האָב נישט דעם איינדרוק, אַז די מענטשן פונעם אירגון אָדער

פון שטערן־גרופּע זענען שטאַרק שאָקירט פון דעם, וואָס אַזעלכע געזעצן ווערן נאָך פּראַקטיצירט אין ארץ־ישראל. זיי פאַרדריסט נישט די שמיץ־יוסטיץ אַליין פאַר זיך, נאָר דער פאַקט, וואָס מ׳האָט געשמיסן זייערע מענטשן, ווייל זיי האַלטן אַז די ענגלישע אַרמיי האָט בכלל נישט קיין יוריסדיקציע איבער ארץ־ישראל. דאָס שמייסן קען נישט זיין, לויט זייער מיינונג, געזעצלעך, ווייל די עצם אַנוועזנהייט פון ענגלישע אויטאָריטעטן אין ארץ־ישראל איז אומגעזעצלעך. די „עקסטרעמיסטן״ האָבן מיט זייער גאַנצער מענטאַליטעט און מיט זייערע האַנדלונגען — נישט נאָר בנוגע די ענגלענדער, נאָר אויך בנוגע ייִדן — נאָך נישט באַוויזן, אַז ווען זיי וואָלטן געהאַט דעם מלוכה־אַפּאַראַט אין זייערע הענט, וואָלטן זיי נישט געגעבן יענע וואָס זיי באַטראַכטן פאַר פאַרברעכער אַפּילו מער פון די „געזעצלעכע״ ל״ט מלקות. פון זייער זייט איז דאָס נישט אַ קאַמף פאַר אַ רעפאָרם פון דער געזעצגעבונג, נאָר אַ נקמה־אַקט פון איין „אַרמיי״ קעגן אַ געוויסער האַנדלונג פון אַן אַנדערער, פון דער פיינטלעכער אַרמיי. אונטער דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע איז דאָס געווען נישט דער ערשטער פאַל, ווען מ׳האָט עמעצן אויסגעטיילט שמיץ לויט אַ געריכט־אורטייל, און מיר האָבן אין פריערדיקע פאַלן נישט געהערט פון יענעם קרייז קיין פּראָטעסטן קעגן דער „פאַרלעצונג פון מענטשלעכער חשיבות״.

ג) אין אָנפאַנג פונעם יאָרהונדערט האָט אַ צאַרישער גובערנאַטאָר באַפוילן צו שמייסן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, אין ווילנע. אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער פון הירש לעקערט. ווייל איך איצט דאָ נישט אַריינגיין אין דער פראַגע, צי איז דאָס געווען דער ריכטיקער ענטפער אָדער נישט. איך נעם זיך נישט אונטער אויפסניי צו דיסקוטירן דאָס אַמאָליקע פּראָבלעם פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, צי איז אינדיווידועלער טעראָר מותר אָדער אסור. אָבער הירש לעקערט האָט נישט געזוכט קיין געלעגנהייט אָפּצושמייסן בפרהסיא דעם ווילנער גובערנאַטאָר — שמיץ תחת שמיץ — און נישט נאָר דערפאַר וואָס דאָס איז אין יענע צייטן און אין יענע פאַרהעלטענישן געווען אוממעגלעך. ער האָט געשאָסן, נישט געשמיסן — נישט אָנגעווענדט די זעלביקע „יוסטיץ״, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן עקל און ברענענדיקן צאָרן — און מיט אָפּפייערן זיין שאָס האָט ער אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן דעם וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס פאַרשוועכונג פון מענטשלעכער חשיבות.

ד) איך האָב דאָ נישט געמיינט, נאַטירלעך, צו זאָגן, אַז בדרך־כלל איז גלייכער צו שיסן איידער צו שמייסן (כאָטש פון שטאַנדפּונקט פון דעם וואָס איר רופט אָן „ריטערלעכקייט״ לאָזט זיך זאָגן אַ להבדיל צווישן די צוויי

אַקטן), אָבער — און דאָ קום איך צום עיקר — אָפּגעפּייערט זיין שאָס האָט ער נישט סתם אין אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַר־בונדן מיטן מאַכט־אַפּאַראַט פון דער צאַרישער רעגירונג, נאָר ספּעציעל אין דעם, וואָס האָט דעם שמיץ־באַפעל אַרויסגעגעבן. איך בין שטאַרק מסופק, צי ווען הירש לעקערט וואָלט באַגעגנט אין גאַס איינעם פון יענע אונטערגעאָר־דנטע באַאַמטע וואָס האָבן פיזיש דורכגעפירט דאָס שמייסן פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וואָלט ער זיך גלייך געכאַפּט צו זיין רעוואָלווער. די אמתע אחריות פאַר דער באַליידיקונג האָט געטראָגן נישט דער, וואָס האָט געגעבן די שמיץ (אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן און אפשר אויס טעמפּקייט און אומוויסנקייט), נאָר דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם פסק, דעם באַפעל. אין אים און נאָר אין אים האָט דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער געוואָלט צילן, און נישט סתם אין איינעם, וואָס טראָגט אַ פּאָליציייִשע אוניפאָרם און פּאָלי־צייִישע שטיוול.

אַזוי איז אויך געווען דער פאַל מיט ווערא זאַסוליטש. ווען דער רעוואָ־לוציאָנער יעמעליאַנאָוו האָט געקראָגן שמיץ לויטן באַפעל פונעם טרויעריק־באַרימטן גענעראַל טרעפּאָוו, דעם דעמאָלטיקן קאָמענדאַנט פון פּעטערבורג, האָט זי געזוכט און געפונען אַ געלעגנהייט אָפּצופּייערן איר שאָס אין דעם, וואָס איז געווען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שמיץ, אין טרעפּאָוון גופא, און נישט אין אַן אַנדער גענעראַל, און נישט אַפילו אין יענעם פּאָליציסט אָדער סאָלדאַט מיט וועמענס הענט טרעפּאָוו האָט דורכגעפירט זיין אורטייל. נאָכאַמאָל: דאָס הייסט נישט, אַז איך נעם אָן ווערא זאַסוליטשס רעוואָלו־ציאָנערע עטיק און אַז כ׳וואָלט וועלן זען אַזאַ עטיק אָנגעווענדט אין יעדער ענלעכער סיטואַציע. ווי כ׳האָב שוין באַמערקט, דיסקוטיר איך דאָ נישט די פראַגע פון אינדיווידועלן טעראָר, וואָס האָט אַמאָל פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין רוסישן רעוואָלוציאָנערן דענקען און אין די מיינונג־פאַרשיידנהייטן פון די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּן. ל ש י ט ת ה — איז ווערא זאַסוליטש געווען גערעכט. איר טעראָר־אַקט איז געווען, אין די טערמינען פון א י ר וועלט־אַנשויאונג, אַ פולשטענדיק עטישע טאַט, נישט קיין שטיק הפקרות. זיך אומקערנדיק צו אונדזער פאַל, אין ארץ־ישראל — וועמען האָבן אונדזערע טעראָריסטן אָפּגעשמיסן? נישט די ריכטער, און נישט אַפילו די פיזישע שמייסער, נאָר מענטשן וואָס האָבן מיט דער זאַך אינגאַנצן נישט געהאַט צו טאָן. זיי האָבן יענע ענגלישע אָפיצערן, וואָס האָבן געקראָגן מלקות אין זאַלאָגישן גאָרטן, נישט אויסגעפאָרשט; זיי האָבן ביי זיי נישט אויסגע־פונען, צי זענען זיי פ ע ר ז ע נ ל ע ך פאַר אַזעלכע אורטיילן, פאַר אַזעלכע שטראָפן, אָדער נישט. די לאָגיק איז דאָ געווען אַ גאַנץ איינפאַכע: שמייסט

איר אונדזערע „אָפּיצערן", וועלן מיר שמייסן אייערע אָפּיצערן. מיט אַ קאַמף קעגן באַרבאַרישער יוסטיץ אַלס אַזעלכער האָט דאָס גאָרנישט נישט צו טאָן. לויט דער זעלביקער לאָגיק איז יעדער ענגלענדער, וואָס דינט אין דער אַרמיי, פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס די אַרמיי, אָדער טיילן פון דער אַרמיי, אָדער אַ באַשטימטער גענעראַל, אָדער יעדער איינצלנער מיליטערישער ריכטער, טוט, אַלץ איינס צי האָט ער אַ שייכות צו יענער טאָט אָדער נישט. און אָט דאָ, פאַר אַלעמען, ליגט יענער פאַרברעכן, וואָס איך האָב באַצייכנט אַלס „מעשה כוליגאַנעס". עס איז קלאָר, דוכט זיך מיר, פון דעם וואָס כ'האָב ביז אַהער געזאָגט, אַז איך קען בכלל נישט אָננעמען יענעם „גערעכטיקייט־פּרינציפּ", לויט וועלכן מען מעג אָדער מען דאַרף ענטפערן מיט אַ שמייס־עקזעקוציע אויף אַ שמייס־עקזעקוציע, פּונקט ווי איך קען נישט תופס זיין, אַז אין קאַמף קעגן טויט־שטראָף אַלס פּרינציפּ דאַרף מען הינריכטן, אויב מען האָט פאַר דעם אַ געלעגנהייט, דעם וואָס איז שולדיק אין הינריכטן אַנדערע. אָבער אויב איך זאָל שוין פּועלן ביי זיך, אַז „מידה כנגד מידה" איז חל אויף אַזעלכע סיטואַציעס, קען איך נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ'מעג באַשטראָפן איינעם פאַרן צווייטנס זינד. איך וואָלט דעמאָלט פאַרשטאַנען (כאָטש פאַרשטיין הייסט נישט תמיד מסכים זיין), ווי איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל מרמז געווען, ווען די טעראָריסטן באַמיִען זיך אַריינצוקריגן אין זייערע הענט מיליטערישע ריכטער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם אורטייל אָפּצושמייסן די „סאָלדאַטן פון דער ייִדישער באַפרייונגס־אַרמיי", און טוען זיי נאָכדעם זייער רעכט. אָבער — טויזנט מאָל מחילה — כאַפּן אַ פּאָר ענגלישע אָפּיצערן און אויסטאָן זיי האַלב־נאַקעט און געבן זיי שמיץ נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען ענגלענדער און אָפּיצערן, הייסט זיך אומקערן צו דער פאַרצייטיקער פּרימיטיווער שבט־מאָראַל, ווען יעדער מיטגליד פון אַ שבט איז באַטראַכט געוואָרן אַלס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער האַנדלונג פון יעדן אַנדערן מיטגליד, און האָט געדאַרפט פאַר יענער האַנדלונג באַשטראָפט ווערן אָדער אין זיין אייגענער פּערזאָן, אָדער אין דער פּערזאָן פון זיינעם אַ זון, אַן אייניקל, אַן אור־אור־אייניקל — „עד סוף כל הדורות". ענגלאַנד איז נישט קיין שבט און ייִדן זענען נישט קיין שבט, און אַז אַך און ווי וועט זיין צו אונדז אַלעמען, אויב מיר וועלן זיך „אויף דער עלטער" אומקערן קיין ארץ־ישראל, כדי אָנהייבן דאָרט צו לעבן און האַנדלען לויט אַ שולחן־ערוך פון פאַר תרחס צייטן.

איז דאָס טעלעפּאַטיע?? שרייבנדיק די דאָזיקע שורות האָב איך דעם געפיל, אַז איר קוקט אויף מיר און שמייכלט, און אייער שמייכל איז פול מיט איראָניע: קוקט אים נאָר אָן, ווי ער „רייסט זיך דעם פעלץ" איבער אַ

פאַר ענגלישע אָפּיצערן, וואָס האָבן געקראָגן עטלעכע שמיץ; ער האָט, ווייזט אויס, נישט קיין אנדערע דאגות: „כשרע" שמיץ אָדער „טריפהנע" שמיץ — ווי מעג מען עס אין אַזעלכע צייטן אַזוי מדקדק זיין, און ווי קען זיך עס איצט אַ ייד דערלויבן דעם לוקסוס צו זיין (אָדער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז), איך בעט איבער אייער כבוד, אַזאַ „מפונק"?

איך האַלט זיך נישט פאַר באַרופן צו זיין דער בעל־הלכה פאַר רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען אָדער פאַר דער יידישער רעזיסטענץ אין ארץ־ישראל. איך ווייס אָבער אַז — סיי פון אַ פּרינציפּיעלן און סיי פון אַ גאַר־גאַר פּראַקטישן שטאַנדפּונקט — דאַרפן מיר האַנדלען מיט דער אומוועלט אַזוי ווי מיר וואָלטן וועלן אַז די אומוועלט זאָל האַנדלען מיט אונדז. מיר ווילן נישט, אַז די וועלט זאָל האַנדלען לויטן אַנטיסעמיטישן כלל, לויטן טעזיס אַז יעדער ייד באַזונדער און אַלע יידן צוזאַמען זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדער עוולה וואָס אַן איינצלנער ייד איז עלול צו באַגיין. איך האָב מסתמא נישט ווייניק אייגענע זינד פאַר וועלכע עס קומט מיר אַן עונש, אָבער איך וויל נישט מ׳זאָל מיך פּאָגראָמירן דערפאַר וואָס אַן אַנדער ייד האָט גענומען פאַר אַ הלוואה אַ צו הויכן פּראָצענט, אָדער איז פאַרבונדן מיט קאָמוניזם, אָדער האַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק. און וואָלגאַר גערעדט: „אונדז לוינט נישט", אַז מיר זאָלן געבן דער וועלט אַ ביישפּיל פון האַנדלונגען לויטן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויפן יסוד פון גענעראַליזאַציעס.

די פאָרמעלע טעמע פון אונדזער קאָרעספּאָנדענץ איז — שמיץ, אָבער איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן „שטעלן אין קונע" דעם אָדער אַן אַנדערן ענגלישן אָפּיצער. די צערעמאָניע פון שמייסן אין תל־אביבער זאַאָלאַגישן גאָרטן איז פאַר מיר נישט קיין איזאָלירטער פאַקט, נאָר אַ טייל פון אַ „סטראַטעגיק", אַ סימבאָל פון אַן אַלגעמיינער מעטאָדע, פון אַ פּאָליטישער „עטיק". היינט איז עס קידנעפּן אַ ציווילן ענגלענדער אין ירושלים (יאָ, אַ ציווילן, טראָצדעם, וואָס ער האָט אַמאָל געדינט אין דער אַרמיי און האָט דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר), וואָס פאַרנעמט זיך מיט מסחר און לעבט זיך אויס סאָציאַל אין אַ יידישער סביבה, און איבערמאָרגן איז עס קידנעפּן אַ תל־אביבער ריכטער וואָס האָט נישט צו טאָן מיט קיין פּאָליטישע פּראָצעסן און זיין איינציקע שולד איז דאָס, וואָס ער איז אַן ענגלענדער. היינט איז עס קידנעפּן אַ באַיאָרטן ענגלענדער און מאָרגן איז עס קידנעפּן אַ צוויי־יאָריק אַראַביש קינד, מיט וועמענס פאָטער אונדזערע אַ טעראָריסטישע גרופּע האָט געהאַט אַ סיכסוך. היינט איז עס מעשה לאָוטשיקעס און מאָרגן איז עס מעשה רוצחים, און אָן צו אונטערשיידן ווער עס וועט געהרגעט ווערן, אַ שולדיקער אָדער אַן אומשולדיקער, אַ פּריינט אָדער גאָר אַן אייגענער.

אונדזער בשותפותדיקער פריינט, וועלכער האָט אייך דערציילט וועגן מיין „דעגענעראַציע", האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט ווען מיר האָבן דעם דאָזיקן ענין דיסקוטירט, ווי זיין שטייגער איז, אויף רוסיש: „ס׳וואָלקאָמי זשיט, פאָ וואָלטשי וויט" (לעבט מען צווישן וועלף, זאָל מען וואָיען וועלפיש). איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר דער אָקומולירטער ווייזהייט, וואָס מ׳געפינט אין די אַלטע אוצרות פון פאָלקס־שפּריכווערטער. איך האָב אַ ספּעציעלן דרך־ארץ פאַר דער דאָזיקער ווייזהייט אין רוסישן שפּריכוואָרט — אפשר דערפאַר וואָס עס איז מיר מערער באַקאַנט. איך ווייס אָבער, אַז אויב עמעצער פון אונדז זאָל טאַקע מאַכן אַ פּראָבע און „וואָיען וועלפיש", וועלן זיך די וועלף שטאַרק אויסלאַכן פון אַזאַ פּלאַגיאַט. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון איינעם וואָס האָט טאַקע געוואָיעט און דאָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון וועלפישע ציינער און פאַרצערונג. און אויב עס זאָל טאַקע זיין אמת, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט וואָס איז כולו־וואָלף און זי קען זיך פון איר „וועלפישקייט" אַפילו טיילווייז נישט באַפרייען, וואָלט מען דעם ציוניזם געמוזט באַטראַכטן פאַר אַ פאַרשפּילטן ענין און מיר וואָלטן געדאַרפט באַציִיטנס אָנהייבן טראַכטן אָדער וועגן קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד אָדער וועגן אַ היימלאַנד... אויף אַן אַנדער פּלאַנעט.

מעג איך נאָכאַמאָל עפּעס באַטאָנען, צום סוף פון מיין בריוו? איך נעם זיך נישט אונטער צו פּסקענען אַלע שאלות וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טראַגיש־אומפאַרמיידלעכער ייִדישער רעזיסטענץ אין ארץ־ישראל. מיך אינטערעסירט, פאַר אַלעמען, די אַלגעמיינע „איינשטעלונג", דער גייסטיקער קלימאַט וואָס שאַפט זיך (אָדער וואָס אייניקע ווילן שאַפן) אַרום דער רעזיסטענץ־באַוועגונג, און מיך אינטערעסירן די „אימאַזשן", וואָס לעבן אין באַוווּסטזיין פון ייִדישע מענער און פרויען אין די פאַרשיידענע גרופּן, ווייל „אימאַזשן" אין פאָלקס־באַוועגונגען זענען די סימבאָלישע און עסטעטישע פאַרקערפּערונג פון פּרינציפּן. און נאָך וואָס זאָל איך ליגן זאָגן? אייניקע אימאַזשן הייבן מיך אָן ערנסט צו באַאומרויִקן. פון אַ פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע אין ארץ־ישראל — אַ מאַן, וואָס איך האָב גרויס התבטלות פאַר זיין לומדות און פאַר זיינע מידות־טובות און פּריוואַטן לעבן — האָב איך נישט לאַנג צוריק געהערט אַ כאַראַקטעריסטישע פראַזע: „איך בין אַ תלמיד פון יהושע בן־נון". יענע פראַזע, מוז איך זיך מודה זיין, פאַרפאָלגט מיך זינט כ׳האָב זי געהערט. גלויבט מיר, אַז עס זענען דאָ נישט ווייניק מאָמענטן אין מיין לעבן, ווען איך וואָלט געדאַרפט און געוואָלט האָבן אַ רבין. אָבער ווי שווער עס זאָל מיר נישט זיין אַרומצוגיין אויף דער וועלט אָן הדרכה, אָן אַן אידעאַלן אָדער אידעאַליזירטן „אימאַזש", וויל איך גיכער בלייבן איינזאַם און

גייסטיק־פירערלאָז אויפן גאַנצן לעבן, איידער אָנגעמען — זיין היסטאָרי־שער כבוד במקומו מונח — יהושע בן־נונען פאַר אַ מורה־הוראה. וואָס קער זיך אָן יהושעס פאַרדינטער פלאַץ אין יידישן היסטאָרישן פּאַנטעאָן מיט אונדזער פאָלקס־באַוווסטזיין און פאָלקס־פּאָליטיק הייַנט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, טויזנטער יאָרן נאָך „משהס משרת" און זיין מיליטערישער אָפּעראַציע? אמת, יהושע בן־נון ווערט דערמאָנט אויך שפּעטער אין „פּרקי אבות": משה האָט מקבל געווען די תורה פונעם באַרג סיני און האָט זי איבער־געגעבן צו יהושען, און פון אים ערשט האָבן זי געקראָגן די זקנים, און נאָכ־דעם די נביאים, און שפּעטער די אנשי כנסת הגדולה, און פונדעסטוועגן, טוט נאָר אַ טראַכט: קענט איר זיך דערמאָנען, אַז איר האָט ווען עס איז געהערט פון אַ יידן דעם אויסדרוק „רבי יהושע"? משה איז אַ רבי, דער רבי פון אַלע רביים — רבנו! — און יעדער פון די תנאים און אמוראים איז אַ רבי, אָבער נישט יהושע בן־נון. ד ע ם טיטול האָט אים דער פאָלקס־אינסטינקט און דער פאָלקס־געשמאַק נישט געגעבן, און ווען אַ ייד זאָל אין זיין שמועסן דערמאָנען „רבי יהושע", וועט דער אַנדערער ייד מסתמא טראַכטן אַז יענער האָט געמיינט ר' יהושע בן־חנניה.

געגנוג: כ'האָב מורא אַז איך פאַל שוין אַריין אין ענינים פון „טעאָלאָגיע". נישט דאָס איז געווען מיין כוונה. יהושע בן־נון האָב איך דאָ דערמאָנט נאָר בדרך־משל. די וואָס ווילן, אַז זייער „מיליטאַנטישקייט" זאָל אויסזען מער רעספּעקטאַבל, דערמאָנען אין איין אָטעם בר־כוכבאן און רבי עקיבאַ. וויל איך זיך איצט נישט אָפּשטעלן אויף דער בר־כוכבא־פיגור, און אויף וויפל עס איז געוווּנטשן, אַז אונדזער יוגנט זאָל אויף אַזאַ „אימאַזש" פיקסירט ווערן. פון שטאַנדפּונקט פון פּראַקטישער פּאָליטיק, וואָלטן גראָד אונדזערע עקסטרעמיסטן געדאַרפט זיך וואָס וויניקער סומך זיין אויף דעם בר־כוכבא־פּעריאָד פון אונדזער געשיכטע. זיין אויפשטאַנד האָט פון אָנפאַנג אָן אין זיך געטראָגן דעם זאָמען פון מפּלה און זעלבסטמאָרד. אונדזער אמתע טראַגעדיע הייבט זיך אָן נישט מיטן חורבן בית־המקדש, נאָר מיט חורבן ביתר — בר־כוכבאס ציטאַדעל. אויך דער גלות, דער חורבן פונעם ישוב און די בהלהדיקע מאַסן־לויפעריי פון ארץ־ישראל הייבט זיך אויף אָן אמת אָן נאָכן עפּילאָג פון דער בר־כוכבא־דראַמע; ערשט דעמאָלט פאַרוואַנדלען די רוימער ירושלים אין אַ געצנדינערישע שטאָט — Aelia Capitolina. נישט אומזיסט איז בר־כוכבא געבליבן אין יידישן היסטאָרישן זכרון אויך מיט זיין צו־נאָמען „בר־כוזיבא" (דער זון פון ליגן), כאָטש ס'איז לחלוטין נישטאָ קיין גרונט צו צווייפלען אין דער פולער ערלעכקייט פון זיינע מאָטיוון און אין זיין אומבאַגרענעצטן פּאַטריאָטיזם. דער ליגן אין זיין קאַריערע איז באַשטאַנען נישט אין אָפּנאַרן

אַנדערע, דאָס פֿאָלק, נאָר אין אָפּנאַרן זיך אַליין; אין זיין צו פֿאַרגלייבט אין זיך און אין זיינע נאָכפֿאָלגער; אין אונטערשאַצן די כוחות פֿונעם קעגנער, אין נאָכגיין אַ מיראַזש, אַן אילוזיע. נישט אומזיסט שרייבט אים אַ מדרש צו אַ חוצפּהדיק־באַרימערישע תּפֿילה: „מיר בעטן דיך, גאָט, נאָר נישט אַרויסצוהעלפֿן אונדזער שונא; מיר אָבער נייטיקן זיך נישט אין דיין הילף"... אַנטשולדיקט מיר: איך זע אַליין איין, אַז איך בין פּאַקטיש אַוועק פֿון דער אייגנטלעכער טעמע. אין מיין איצטיקן בריוו וויל איך נישט אַריינגיין אין דער פֿראַגע פֿון נוצלעכקייט און שאָדן פֿון דער אָדער אַנדערער „סטראַטעגיק" אין אונדזער רעזיסטענץ, און פֿונעם פֿאַקט וואָס די סעריע פֿון אונדזערע מלחמות אָדער אויפֿשטאַנדן קעגן די רוימער האָט זיך געענדיקט מיט קאַפּיטולאַציע, חורבן און שמד, איז נאָך נישט געדרונגען אויטאָמאַטיש, אַז אויך אין אונדזערע יאָרן מוז זיך אַ געוויסע פֿאָרעם פֿון רעזיסטענץ קעגן ענגלאַנד, קעגן דער מאָדערנער רוים, ענדיקן מיט אַ נידערלאַגע — כאָטש זיך אַריינטראַכטן אין יענע דורות פֿון ייִדישן צער און פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף וואָלט נישט געשאַדט, און נישט נאָר זיך אַריינטראַכטן, נאָר אויך זען, וואָס פֿאַראַ שלוסן מען מעג לאָגיש ציִען פֿון יענעם קאַמף פֿאַר אונדזער הייַנטיקער צייט. דערמאָנט האָב איך דאָ בר־כּוכבאן צוליב ר׳ עקיבאן. מיך שאָקירט, ווען די דאָזיקע מאָנומענטאַלע פֿיגור ווערט עקספּלואַטירט פֿאַר ביליקער און אויבערפֿלעכלעכער פּראָפּאַגאַנדע. אמת, ער האָט אין אַ געוויסן מאָמענט פֿון זיין לעבן פּראָקלאַמירט בר־כּוכבאן פֿאַרן „מלך המשיח", און ער האָט לויט געוויסע סימנים אויך שפּעטער געשטיצט זיין אויפֿשטאַנד, אָבער איז דאָס דען דער וויכטיקסטער אָדער דער אַממייסטן כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער דאָזיקער ריזן־פֿיגור? ר׳ עקיבא פֿאַרנעמט זיין פּיעדעסטאַל אין דער ייִדישער געשיכטע נישט דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ מין גייסטיקער נושא־כּלים, אַ „לויטענאַנט", ביי בר־כּוכבאן, נאָר ווייל ער איז געווען... רבי עקיבא: דער קרעפֿטיקער בעל־הלכה, דער גרויסער בעל־מידות און דער וואַגנדיקער דענקער און זוכער פֿון וועלט־אמת: דער איינציקער פֿון די פֿיר, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין „פּרדס", אין קעניגרייך פֿון געהיימער לערע, און איז פֿון דאָרט אַרויסגעקומען אומבאַשעדיקט (הציץ ולא נפגע). מ׳מעסט נישט אַ גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכקייט לויט אַן עפּיזאָד אין איר לעבן, לויט אַ גייסטיקן „אַקצידענט"; מען אורטיילט וועגן איר לויט דעם ליכט, וואָס זי האָט פֿון זיך אויסגעשטראַלט, נישט לויט אירע מאָמענטן פֿון טראַגישער פֿאַרבלענדקייט.

ס׳איז צייט צו ענדיקן. איך ווייס, אַז כ׳האָב זיך אין מיין בריוו נישט שטרענג געהאַלטן ביי דער טעמע: ס׳איז אַ פֿרייער בריוו, נישט קיין דיסערטאַציע. איר ווייסט, יעדנפֿאַלס, וווהין איך ציל.

באַטראַכטונגען צו אַ קאָנסטיטוציע פאַר מדינת ישראל

אין וועלכן זינען און אין וועלכער מאָס דאַרף די קאָנסטיטוציע פון דער מדינת ישראל זיין אַ ייִדישע, אַ ספּעציפיש ייִדישע? נישט יעדן ייִדן אינטערעסירט די דאָזיקע פראַגע. עס זענען פאַראַן גענוג ייִדן, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין חוץ־לארץ, וואָס האָבן ביי זיך געפּועלט, אַז מ׳דאַרף נישט מאַכן קיין שום ספּעציעלע אָנשטרענגונגען, אַז די ייִדישע מדינה זאָל, לויט איר כאַראַקטער און פיזיאָנאָמיע, זיין אַ „ייִדישע". אַ פרייע מדינה פון ייִדן און פאַר ייִדן, ווו דער רוב מנין און רוב בנין פון דער באַפעלקערונג באַשטייט און וועט אויך אין דער צוקונפט באַשטיין פון ייִדן, וועט ממילא, על־פּי דרך הטבע, זיין ייִדיש, און עס פאָדערן זיך נישט, גלייבן זיי, קיין באַזונדערע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פאַר איר ייִדיש־זיין. ייִדן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל און קעמפן פאַר זיך אויס אַן אייגענע און זעלבסטשטענדיקע שטאַט־ראַם — נישט ווייל זיי ווילן פון זיך אַראָפּוואַרפן ייִדישקייט, נאָר פונקט פאַרקערט, ווייל זיי ווילן מאַכן זייער ייִדישקייט רייכער, ספּאָנטאַנער, שעפערישער, ממילאדיקער און פרייער אין איר אויסדרוק. די קאָנסטיטוציע פון דער מדינת ישראל דאַרף, לויט אַזאַ שטאַנדפּונקט, זיין „אַ גוטע", אַ גערעכטע, אַ הומאַניטאַרע, אויך אַ רעאַליסטיש צוגעפּאַסטע צו די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען און באַדערפעניש פון אונדזער צייט; אַ „ייִדישע" וועט זי שוין זיין פון זיך אַליין, ווייל אין איר וועט אויסגעדריקט ווערן געוויסן און געשמאַק פון לעבעדיקע ייִדן פון אונדזער דור, וואָס טראָגן אין זיך ביודעים און בלא־יודעים די העכערע שטרעבונגען און האָפענונגען אויך פון פאַרגאַנגענע ייִדישע דורות.

מען דאַרף זיך פונדעסטוועגן ריכטן, אין די קומענדיקע חדשים, אויף אַ גאַנץ שווערן געראַנגל, אויף אַן אומפאַרמיידלעכן „קולטור־קאַמף", ווען דער ישראל־פּאַרלאַמענט וועט אָנהייבן דיסקוטירן די פאַרשיידענע אַרטיקלען פון דער פּראָיעקטירטער קאָנסטיטוציע. די אָרטאָדאָקסיע אין ארץ־ישראל גרייט זיך צו פאָדערן קאָנקרעטע, גאַנץ ספּעציפישע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פאַרן „ייִדישן" כאַראַקטער פון דער מדינה, לויט זייער דעפיניציע — אָדער לויט זייערע דעפיניציעס — פון דעם וואָס זיי באַצייכענען אַלס ייִדישקייט. די מדינה דאַרף זיך פירן, האָבן מיר געהערט פון יענע קרייזן נאָך איידער די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, „אין גייסט פון דער תורה". אַנדערע זענען

אַפילו נישט צופרידן מיט אַזאַ צו אַלגעמיינער אָדער „אַלגעבראַישער" פאָר־מולע. ג ײ ס ט פון דער תורה, באַהויפּטן זיי, מיט גאַנץ באַגרינדעטער זאָרג, קען פאַרשיידן אויסגעטייטשט ווערן פון פאַרשיידענע מפרשים, באַזונדערס פון „נישט־באַרופענע" מפרשים. זיי וואָלטן דערפאַר וועלן האָבן אַ ווייניקער ריזיקאַלישע פאָרמולע ווי די אויבן־געבראַכטע. זאָל זיך די מדינה פירן לויט די ד י נ י ם פון דער תורה, וועט שוין דער גייסט פון דער תורה סיי־ווי־סיי געוועלטיקן אין לעבן: זענען דאָך די דינים דער נאַטירלעכער „לבוש" פונעם „גייסט".

די פאָרגעשלאָגענע קאָנסטיטוציע וואָס וועט דינען אַלס יסוד פאַר דער שווערער און אומפאַרמיידלעכער אויסגעצויגענער דיסקוסיע אין פאַרלאַמענט (און נאַטירלעך אויך אויסער דעם פאַרלאַמענט, אין דער עפנטלעכקייט בכלל) האָט נישט אין קיין קלײנער מאָס זיך גערעכנט מיט דער דאָזיקער פאַר־שטענדלעכער און אין גרונט גאַנץ נאַטירלעכער טראַדיציאָנעל־פרומער שטרע־מונג אין יידנטום בכלל און אין ארץ־ישראל ספּעציעל. עס איז אַ סברא, אַז דער מחבר אָדער דער הויפּט־מחבר פונעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט איז אַליין, לויט זיין דערציִונג און נייגונגען, נישט ווייט פון אַן אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזן צוגאַנג צום וועזן פון יידישן שטאַט־לעבן. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן און ער האָט אין יענע טיילן פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער הויפּט־סטרוקטור און מיט די יסוד־געזעצן פון דער מדינה, אַריינגעבראַכט עלעמענטן, וואָס לויט אַן אָרטאָדאָקסישער אויפפאַסונג, קענען זיי נישט קריגן קיין סאַנקציע מצד דער יידישער רעליגיע.

לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, דעם צווייטן פּאַראַגראַף פון אַרטיקל פיר, לויט וועלכן אַלע בירגער פון דער מדינת ישראל דאַרפן געניסן גלייכע ביר־גערלעכע און פּאָליטישע רעכט, און קענען קיין שום איינצלנעם בירגער טאָר נישט געמאַכט ווערן קיין דיסקרימינאַציע, ווען ער זוכט צו באַקומען באַשעפ־טיקונג אָדער אַן עפנטלעכן אַמט, אויפן גרונט פון זיין ראַסע, רעליגיע, שפּראַך אָדער געשלעכט. צווישן די בירגער פון ישראל זענען פאַראַן און עס וועלן זיין אין דער צוקונפט אויך נישט־יידן: מוסולמענער, קריסטן, קלענערע צאָלן וואָס געהערן צו אַנדערע רעליגיעס. אָבער לויט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף פון אַרטיקל 4, וועלכער ווערט ווייטער באַשטעטיקט דורך אַרטיקל 49, וואָס גיט דאָס רעכט י ע ד ן בירגער אויסגעוויילט צו ווערן צום אַמט פון פּרעזידענט, מעג אין דער שפּיץ פון דער מדינה שטיין אַן אַראַבער אָדער אַ דרוז, אַן מוסולמענער, אַ קריסט, טעאָרעטיש — אַפילו אַ געצנדינער. עס איז נישט וויכטיק, צי אַ קריסט אָדער אַ מוסולמענער האָט, ריין פּראַקטיש, וועלכע נישט איז האָפענונג אויסגעוויילט צו ווערן פונעם פּאַרלאַמענט צום העכסטן

אַמט פון דער רעפּובליק, אַ תושב מיטן סטאַטוס פון ממזר און פון עמלק־אָפּשטאַם האָט זיכער נישט געהאַט אַ שאַנס צו ווערן אַ כהן־גדול. פונדעסט־וועגן האָט מען געפונען פאַר נייטיק דאָס צו פאַרבאָטן א י ן פ ר י נ צ י פּ. און מען דאַרף זיך נישט גראָבן לאַנג כדי אויסצוגעפינען, אַז פרינציפּיעל איז, פון שטאַנדפונקט פון יידישער רעליגיעזער טראַדיציע, אַזאַ גלייכקייט ווי די וואָס ווערט פאָרמולירט אין דעם פּראָיעקט פון דער ישראל־קאָנסטיטוציע נישט דערלאָזבאַר. אַפילו אַ גר, פסקנט אַזאַ שפּעטער אויטאָריטעט ווי דער רמב״ם, טאָר קיין יידישער מלך נישט זיין ביז נאָך אַ צאָל דורות, „עד שתהיה אמו מישראל״ (סיידן ער איז אַזאַ מיטגליד פון קהל־גרים, וואָס זיין מוטער איז שוין געווען פון יידישן שטאַם). אַ פּרעזידענט פון אַ רעפּובליק איז לויט דער היעראַרכישער סטרוקטור פון דער מדינה דאָס זעלביקע וואָס אַ מלך. אַחוץ דעם איז כדאַי זיך צו דערמאָנען אָן אַן אַנדער פאָרמולע וואָס דער רמב״ם נוצט ווייטער אין זיין „הלכות מלכים״: „ולא למלכות בלבד אלא לכל שררות בישראל״ — אַ נישט־ייד טאָר נישט געמאַכט ווערן נישט נאָר פאַר אַ מלך, נאָר פאַר וועלכן נישט איז שטאַטלעכן, מאַכט־אויסאיבנ־דיקן באַאַמטן אין ישראל. דער דערמאָנטער פּאַראַגראַף איז אין קעגנזאַץ צום יידישן דין נאָר אין אַן אַנדער זין: ער גיט אַבסאָלוט גלייכע רעכט אויך פרויען. אויב די פאַרגעשלאָגענע קאָנסטיטוציע זאָל אָנגענומען ווערן, וועט פון שטאַנדפונקט פון דער יידישער מדינה זיין זייער ווייניק באַרעכטיקונג פאַר אַזעלכע ברכות, ווי „שלא עשני גוי״ אָדער „שלא עשני אשה״. מ׳מעג דעקלאַמירן וויפל מ׳וויל אַז לויט זיין גייסט איז יידנטום נישט דיסקרימי־נאַטאָריש קעגן דער פרוי, און אַרויסרופן אין זיכרון די גייסטער פון אַ מרים, פון אַ דבורה, פון אַ ברוריה אא״וו אויב נישט דער יידישער גייסט, איז דער יידישער ד י ן (און מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן מיט הלכה, נישט מיט אגדה) קלאָר און שאַרף דיסקרימינאַטאָריש אין באַצוג צו דער פרוי. אַ פרוי, צו־זאַמען מיט קנעכט, מינדעריעריקע, וואַנזיניקע, טויבע און שטומע, טאָר לויטן דין נישט צוגעלאָזט ווערן אין געריכט אַלס עדות, און וואָס ס׳איז שייך אַנ־דערע, פּאָליטישע רעכט, לאָמיר ווייטער הערן וואָס דער רמב״ם האָט וועגן דעם צו זאָגן — נישט פון זיין אייגענעם קאָפּ, נאָר, אַזוי צו זאָגן, מפי התורה: „אין מעמידין אשה במלכות... וכן כל משימות שבישראל אין ממנים בהן אלא א י ש״ (הלכות מלכים, א׳). נאָר אַ מאַן מעג פאַרנעמען אַן אַמט אין ישראל.

אַ ייד האָט נישט קיין ברעקל גרונט אַראָפּצופאַלן ביי זיך אין די אייגענע אויגן, ווען מען דערמאָנט אים וועגן אַזעלכע דינים. ווי לאַנג איז עס זינט דער געזעץ האָט אָנגעהויבן צו דערלויבן אין ציוויליזירטע קריסטלעכע שטאַטן,

אַז אַ נישט־קריסט זאָל מעגן אויסאיבן בירגער־רעכט און פאַרנעמען מלוכה־פּאָסטנס (און דאָס קריסטנטום איז דאָך לויט זיין פּראָזעלאָגיע קאָסמאָפּאָליטיש)? און מעגן דען קריסטן פאַרגעסן אַז יענע קאַטוילישע קירכן־קאָנגרעסן, אויף וועלכע מ׳האָט טעג און נעכט, מיט אַ סך חריפות, וואָס וואָלט געקענט אויסגענוצט ווערן פאַר בעסערע צוועקן, דיסקוטירט די טשיקאַווע פראַגע, צי האָט אַ אשה אויך אַ נשמה? און מעג אַן ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער פאַרגעסן, אַז וואַל־רעכט פאַר פרויען איז אין זייערע לענדער איינגעפירט געוואָרן ערשט אין אונדזערע יאָרן? און טאָר מען דען נישט דערמאָנען הויך־ציוויליזירטע מערב־אייראָפּייער, אַז אַזעלכע לענדער ווי פראַנקרייך און בעלגיע האָבן נאָך ביז היינט נישט איינגאַנצן שלום געמאַכט מיטן פּרינציפּ פון גלייכע פּאָליטישע רעכט פאַר פרויען, אַפילו מיט גלייכקייט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע ריין־עקאָנאָמישע ענינים, ווי באַזיצן אייגנטום און קריגן ירושה? אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, דער יידישער דין אָנערקענט נישט קיין גלייכע פּאָליטישע רעכט נישט פאַר נישט־יידן און נישט פאַר פרויען. וואָלט אונדזער אָרטאָדאָקסיע געוואָלט (און געהאַט דעם קוראַזש) צו האַנדלען קאָנסעקווענט, וואָלט זי געדאַרפט ערנסט פּראָטעסטירן קעגן אַזעלכע פאַרלעצונגען פון יידישן דין, וואָס זענען שוין פאַרגעקומען אין ישראל, נאָך איידער אַ קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן. אין פּאַרלאַמענט זיצן שוין דעפּוטאַטן נישט־יידן און אויך אַ צאָל פרויען; אין דער אַרמיי האָבן זיך שוין אויסגעצייכנט מיט זייערע דערגרייכונגען אָפיצערן פונעם שיינעם געשלעכט; און אין קאַבינעט זיצט אַ פרוי מיט אַ זייער וויכטיקן פּאָרטפעל אין דער האַנט. קיין ערנסטע פּראָטעסטן קעגן דעם מצד דער אָרטאָדאָקסיע האָבן מיר פונדעסטוועגן ביז היינט נישט געהערט.

דאָס איז נישט אַלץ. לאָמיר נעמען אַזאַ וויכטיקן ענין ווי טויט־שטראָף. אַרטיקל 12 פון דער פאַרגעשלאָגענער קאָנסטיטוציע אָנערקענט די אַבסאָלוטע הייליקייט פון מענטשלעך לעבן און פאַרבאָט אויסדריקלעך וועלכן נישט איז אַקט פון מיתת בית־דין. מיר ווייסן, אַז קעגן דעם דאָזיקן אַרטיקל האָבן שוין געמאַכט זייערע אויסזעצונגען אַ צאָל (יידישע) יוריסטן, סאָציאָלאָגן און פּאָליטיקער. עס זענען נאָך פאַראַן גענוג „ציוויליזירטע" מדינות וואָס האָבן טויט־שטראָף נישט אָפּגעשאַפט. די דאָזיקע שטראָף איז נאָך אָנערקענט אין דער אַמעריקאַנער פעדעראַלער געזעצגעבונג (ווי אויך אין אַ גרויסער צאָל איינצלנע שטאַטן פון דער פעדעראַציע), אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד. אין אַזאַ לאַנד ווי די שווייץ איז טויט־שטראָף קאָנסטיטוציאָנעל אָפּגעשאַפט געוואָרן אין 1874, אָבער מיט בלויז פינף יאָר שפּעטער איז „די הומאַניטאַרע גזירה", ווי אייניקע האָבן דאָס באַצייכנט, בטל געוואָרן, ווייל אַ צאָל באַזונ־

דערס אויפֿרעגנדיקע פֿאַרברעכנס זאָלן האָבן אַרויסגערופֿן אין פֿאָלק אַ באַ־וועגונג זיך אומצוקערן „צו די גוטע, אַלטע צייטן". טויט־שטראָף איז דעמאָלט אין דער שווייץ געוואָרן פֿאַקולטאַטיוו: די קאָנפֿעדעראַציע האָט געגעבן יעדן פֿון די צוויי און צוואַנציק קאַנטאָנען די ברירה זי צו אָנערקענען אָדער נישט צו אָנערקענען אין זיין שטראָף־סיסטעם, און אין אונדזערע טעג זענען זיך דאָרט קאַטוילישע טעאָלאָגן שטאַרק מטריח צו באַווייזן, זיך שטיצנדיק אויף טאָמאַס אַקווינאַס, אַז „די ריכטער וואָס גיבן אַרויס טויט־אורטיילן זענען גאָטס שטעל־פֿאַרטרעטער", און דער רבונו־של־עולם מעג דאָך, כידוע, צונע־מען דאָס לעבן ביי וועמען ער וויל; אַז אַזעלכע „ריכטער זענען סאָציאַלע כירורגן וואָס אַמפּוטירן די שעדלעכע אברים פֿונעם סאָציאַלן אָרגאַניזם".
איינע פֿון די איראָניעס פֿון אונדזערע טעג איז דער פֿאַקט, וואָס גראָד אין טאָטאַליטאַרע שטאַטן איז לעצטנס טויט־שטראָף פֿאַר קרימינעלע פֿאַרברעכנס געזעצלעך אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. אין לענדער ווו עס ווערט נישט פּראַקטיצירט דער „האַבעאַס קאָרפּוס" פּרינציפּ און ווו פּאָליציי קען האַלטן אַזוי לאַנג ווי זי וויל אַן אַרעסטאַנט אין באַדינגונגען, אַז זיין פֿאַמיליע, פֿריינט, אַדוואָקאַטן זאָלן נישט קענען אים באַזוכן אָדער האָבן מיט אים אַ שריפֿטלעכן קאָנטאַקט, בייטיקט זיך נישט די רעגירונג אין קיין געזעץ וואָס זאָל איר דערלויבן היני־ריכטונגען: זי איז אימשטאַנד צו באַזייטיקן פֿון לעבן אירע קעגנער דורך אַ סך אַן איינפֿאַכערער פּראָצעדור. דער מחבר פֿונעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט פֿאַר דער מדינת ישראל האָט געהאַלטן אַז, ערשטנס, איז די פֿראַגע פֿון טויט־שטראָף אַזאַ פֿונדאַמענטאַלער ענין אין דער געזעצגעבונג פֿון אַ לאַנד און אין די באַציִונגען צווישן דעם יחיד און דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿט, אַז דאָס דאַרף דערמאָנט ווערן אין דער קאָנסטיטוציע און נישט איבערגעלאָזן ווערן פֿאַר דעם ווייטערדיקן פּראָצעס פֿון „נאָרמאַלער" און דעטאַלירטער לעגיסלאַציע; און, צווייטנס, אַז טראָצדעם וואָס טויט־שטראָף עקזיסטירט נאָך אין אַ גרויסער צאָל „פּראָגרעסיווע" שטאַטן, און זי איז אַפֿילו ווידער־איינ־געפֿירט געוואָרן אין אַ פּאָר לענדער, ווו מ'האָט זי פֿריִער אָפּגעשאַפֿט, ווייל די ווירקלעכקייט זאָל כלומרשט האָבן באַוויזן, אַז ס'איז געווען פֿריִצייטיק אָדער בכלל „אומפּראַקטיש" צוצונעמען ביים שטאַט אַזאַ ווירקזאַמען וואָפֿן אין קאַמף מיט פֿאַרברעכער — טאָר אַזאַ שטראָף־סיסטעם נישט טאָלערירט ווערן אין ישראלס נייער מדינה. איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו דיסקוטירן באריכות די עצם־פֿראַגע: צי האָט אַ מדינה אַ רעכט צוצונעמען ס'לעבן ביי די שעדלעכסטע צווישן די שעדלעכע, און צי איז טויט־שטראָף, ריין פּראַק־טיש גערעדט, אַזאַ ווירקזאַם „פּעדאַגאָגיש" מיטל צו פֿאַרבעסערן דעם מאָ־ראַלישן צושטאַנד און די הנהגה פֿון דער באַפֿעלקערונג. דער שרייבער פֿון

די שורות איז אין פולן הסכם מיט דער אויפפאַסונג פון ד״ר לעאָן כהן, דעם הויפּט־פּאַרפאַסער פון דעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, אַז דער באַגריף „קדושת החיים״, מיט וועלכן ער אָפּערירט אַלס אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ אין הינטער־גרונט פון דער קאָנסטיטוציע, אַנטהאַלט אין זיך אויך דעם אַבסאָלוטן פאַר־באָט פון טויט־שטראָף. ער קען אָבער נישט אָננעמען איינעם פון ד״ר כהנס ספּעציפישע אַרגומענטן, אַז טויט־שטראָף איז אין סתירה צום גייסט און צו דער רעליגיעזער טראַדיציע פון יידנטום (זאָל דאָ אגב־אורחא באַמערקט ווערן, אַז די פּראָיעקטירטע קאָנסטיטוציע פאַר אינדיע אָנערקענט יאָ טויט־שטראָף, טראָצדעם וואָס דאָס איז, לכל הדעות, אין שאַרפן קאָנפליקט מיט אינדיעס רעליגיעזער ציוויליזאַציע). מ׳קען דאָ נאַטירלעך ציטירן מער ווי איין מאמר פונעם תלמוד, אין וועלכן עס דריקט זיך אויס אַ גאַנץ נעגאַטיווע באַציִונג צו מיתת בית־דין. די באַהויפּטונג, למשל, אַז אַ סנהדרין וואָס גיט אַרויס אַ טויט־אורטייל אַפילו איין מאָל אין זיבן יאָר איז אַ „סנהדרין חבלנית״ אָדער אַ „סנהדרין קטלנית״, מאַכט זיכער אַ גרויסן איינדרוק. אלעזר בן־עזריה האָט אָנגעווענדט די זעלביקע נעגאַטיווע כאַראַקטעריסטיק אויף אַ סנהדרין וואָס פאַראורטיילט אַ מענטשן צום טויט אַפילו איין מאָל אין זי־בעציק יאָר, און ר׳ טרפון און ר׳ עקיבא זענען געגאַנגען נאָך ווייטער: „וואָלטן מיר געזעסן אין סנהדרין, וואָלטן קיינמאָל קיין טויט־אורטיילן נישט אַרויס־געגעבן געוואָרן״. דאָ האָבן מיר אָבער אַלץ צו טאָן מיט אגדה, נישט מיט הלכה, נישט מיט נאָרמאַטיוון רעכט. דאָ זענען פּריוואַט־מיינונגען פון יחידים, וואָס זייער אייגענער, אינדיווידועלער, רעליגיעזער געוויסן האָט נישט גע־קענט שלום מאַכן מיט אַזאַ עונש ווי מיתת בית־דין. ווען מ׳וואָלט דעם זעלביקן ר׳ טרפון און דעם זעלביקן ר׳ עקיבא געפרעגט, וואָס איז דער ד י ן, און ווי אַזוי איז אַ סנהדרין מחוייב צו האַנדלען הלכה למעשה, וואָלטן זיי מסתמא נישט געהאַט קיין אויסוועג און זיי וואָלטן, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, געמוזט פּסקענען, אַז על־פּי דין מעג מען אָדער דאַרף מען פאַר געוויסע עבי־רות באַשטראָפן מיט טויט. ווי פּריוואַט עס זענען געווען זייערע מיינונגען — אַפילו נישט קיין מיינונגען אין שטרענגן זינען פון וואָרט, נאָר גיכער נאָ־בעלע, הומאַניטאַרע סענטימענטן — קען מען זען פון דער קריטיק וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן. נישט קיין קלענערער ווי רבן שמעון בן־גמליאל האָט גאַנץ שאַרף רעאַגירט קעגן אַזאַ „סענטימענטאַליזם״: „אַזאַ שטעלונג וואָלט פאַרמערט די צאָל רוצחים אין ישראל״. דאָס רעכט פון דער מדינה אָדער פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט בכלל אָנצווענדן טויט־שטראָף איז אין יידנ־טום, אין יידישן נ אָ ר מ אַ ט י וו ן ר ע כ ט, אָנערקענט — סיי מדאור־ייתא און סיי מדרבנן. טויט־שטראָף פאַרדינט נישט נאָר אַ מערדער —

לויטן פּרינציפּ: טויט פאַר טויט, אַ לעבן פאַר אַ לעבן * — נאָר אויך אַנדערע פאַרברעכער און פאַרלעצער, ווי, צום ביישפּיל, איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט געצנדינערישע מיסטעריעזע קולטן („בעל אוב ובעל ידעוני״), דער וואָס פירט אַוועק אַנדערע פונעם דרך הישר („המסית והמדיח״), דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט כישוף, אַ מ ח ל ל ש ב ת, און דער וואָס האָט געשאָלטן זיין פאָטער און מוטער. טויט דורך דערשטיקונג קומט דעם פאַלשן נביא און דעם וואָס זאָגט נביאות אין נאָמען פון עבודה־זרה. דעם רמב״מס אויטאָריטעט אַלס קאָדיפיקאַטאָר איז, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן פונדאַמענטאַלע פראַגן, ביז היינט נישט אָפּגעפרעגט, און ביי אים געפינען מיר אַ רשימה פון זעקס און דרייסיק עבירות, וואָס דאַרפן על־פּי דין באַשטראָפט ווערן מיט טויט. אמת, דער יידישער דין פאָדערט אַן אויסעראָרדנטלעך פאַרזיכטיקע גערעכטלעכע פּראָצעדור, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דיני נפשות, און יענע פּראָצעדור האָט נישט איר גלייכן אין דער געזעצגעבונג פון אַנדערע ציוויליזאַציעס, צי אין אַלטערטום אָדער אין מיטלאַלטער. עס זענען פאַראַן קאַטעגאָריעס בירגער, וואָס זענען לכתחילה דיסקוואַליפיצירט פון זיצן אין געריכט, כדי צו פאַרזיכערן פאַרן אָנגעקלאָגטן די גרעסט־מעגלעכע גערעכטיקייט און אומפּאַרטייאישקייט. „אין מעמידין בכל הסנהדרין לא זקן מופלג בשנים ולא סריס, מפני שיש בהן אכזריות, ולא מי שאין לו בנים, כדי שיהא רחמן״ (משנה תורה, הלכות סנהדרין, ב׳) — מ׳זעצט נישט אַוועק אין סנהדרין נישט קיין צו־אַלטן מענטשן און נישט קיין סריס, ווייל זיי האָבן אין זיך אכזריות, אויך נישט איינעם וואָס האָט נישט קיין קינדער, ווייל פונעם ריכטער פאָדערט זיך אויך מיטלייד. די מאָדערנע יוריספּרודענץ, אַפילו אין די פּאָרגעשריטענע שטאַטן, האָט נאָך אַ סך צו לערנען פונעם יידישן רעכט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קוואַליפיקאַציעס פאַר ריכטער און וועגן פּראָצעדור אין דיני נפשות. אָבער דער עצם דין ווערט דערפון, אין פּרינציפּ, נישט געענדערט, און כאָטש ס׳איז נישט פאַראַן דער מינדסטער חשד אויפן רמב״ם, אַז ער האָט געטראָגן אין זיך וועלכע נישט איז סאַדיסטישע נייגונגען, האָט ער דאָך געפּסקנט (ווייל זיין אויפפאַסונג פונעם דין האָט אים דערצו ג ע צ וו ו נ ג ע ן), אַז אַפילו ווען אַ מעוברתע פרוי איז פאַראורטיילט צום טויט, „וואַרט מען נישט ביז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, נאָר מ׳שלאָגט זי אין דער טראַכט — „כנגד בית ההריון״ — ביז דאָס קינד אין איר וועט געטויט ווערן״, און נאָכדעם טויט מען זי גופא. לויטן רמב״ם דאַרפן די מיטגלידער פונעם בית־דין, וואָס אויפן גרונט פון זיין אורטייל איז אַן אָנגעקלאָג־

* מכה איש ומת — מות יומת (שמות, כ״א, י״ב, סנהדרין, פ״ד, ע״ב).

מער הינגעריכטעט געוואָרן, פאַסטן דעם גאַנצן טאָג פון דער הינריכטונג. צו־נעמען ס׳לעבן ביי אַ מענטשן, אַפילו פון אַזעלכן וואָס האָט שוין פאַרלוירן זיינע לעצטע רעכט, איז נישט קיין טריוויאַלער ענין, און מ׳טאָר נישט גלייך נאָך דער הינריכטונג סתם איבערגיין צו דער טאָג־טעגלעכער לעבנס־רוטין.

אָבער, ווייטער אַמאָל, פון אַזעלכע עלעמענטן אין ייִדישן רעכט, וועגן וועלכע מ׳קען זאָגן, אַז אין זיי ווערט אויסגעדריקט אַן אויפפאַסונג פון טויט־שטראָף אַלס אַ טראַגישע פליכט, איז גאַרנישט אַזוי לייכט צו קומען צום אויספיר וואָס עס מאַכט אַזאַ ערנסטער און פאַרדינסטפולער פאָרשער ווי רב צעיר*, אַז הלכות סנהדרין און דיני נפשות, ווי זיי ווערן געשילדערט אין תלמוד, זענען אפשר גאָרנישט פּראַקטיצירט געוואָרן און מ׳האָט זיי באַטראַכט אַלס ריין־טעאָרעטישע אָדער אַבסטראַקטע ענינים („משום דרוש וקבל שכר״), אָן וועלכער נישט איז פאַרבינדונג מיט דער ווירקלעכקייט. דער רמב״ם, למשל, באַטראַכט די אַלע געזעצן פאַר פּראַקטיש אָנווענדבאַרע, און ער באַהויפּט אויסדריקלעך, אַז נאָך אַלע פאָרזיכטיקייטן און באַוואָרענישן אין פּראָצעדור און ספּעציעל אין אויספרעגן די עדות, האָט דער געריכט נישט קיין גרונט זיך צוריקצוהאַלטן, אויב עס זאָל זיך פאָדערן, אויך פון אָפטע הינריכטונגען. „אם אירע להם להרוג בכל יום ויום הורגים״ (הלכות סנהדרין, פּרק י״ד); מ׳מעג, הייסט עס, הינריכטן פאַראורטיילטע יעדן טאָג, איין טאָג נאָכן אַנדערן. דער געריכט דאַרף זיך נאָר היטן פון פאַר־אורטיילן צום טויט צוויי מענטשן אין דעם זעלביקן טאָג. אַזאַ פאָרשער, ווי פּראָפעסאָר ש. אַסף (אין זיין וויכטיקער אַרבעט „העונשין אחרי חתימת התלמוד״) באַהויפּטעט, מסתמא נישט אָן גרונט, אַז טויט־אורטיילן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ייִדישע בית־דינס אויך אַ לענגערע צייט נאָכן חורבן.

„תורה־קאָנסטיטוציע״, ווי מ׳דריקט זיך לעצטנס אויס אין געוויסע אָר־טאָדאָקסישע קרייזן — אין זינען פון שטרענגער הלכה, נישט בלויז אין דעם זינען פון אַזאַ, סוף־כל־סוף, נישט־עקזאַקטן און פאַרנעפּלטן באַגריף ווי „דער גייסט פון ייִדנטום״ — קען דערפאַר נישט אַנטהאַלטן אין זיך אַ קאַטעגאָרישן פאַרבאָט אויף טויט־שטראָף. און דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן קערפּערלע־כע שטראָפן, וואָס ווערן אויך קאַטעגאָריש פאַרבאָטן אין דעם פאָרגעשלאָגע־נעם טעקסט פון דער ישראל־קאָנסטיטוציע. פאַר געוויסע פאַרברעכנס ווערן נאָך אויך היינט געגעבן שמיץ (אָדער דער געזעץ דערלויבט אַזאַ עונש) אין מער ווי אין איין „פּראָגרעסיוון״ שטאַט. אין אַמעריקע איז נאָך די דאָזיקע חרפה נישט אָפגעווישט אין אַ באַדייטנדיקער צאָל שטאַטן: אין אַלאַבאַמאַ,

* לשאלת הדת והמדינה בישראל, בצרון, תש״ח, אב־אלול, זייט 297.

לואיזיאַנאַ, דרום־קאַראָלײַנאַ, מיסיסיפּי, טעקסאַס, און אַפֿילו אין דזשעפּער־סאָנס היים־שטאַט, ווירדזיניע. ענגלאַנד האָט נאָך אויך נישט געקענט פּועלן בײַ זיך אַז די בײַטש איז נישט דאָס בעסטע מיטל אַרײַנצוקנעלן אין גע־ווייסע בירגער בעסערע מידות און מער דיסציפּלין. דער קלאַסישער עונש פֿון "cat-o'-ninetails" איז נאָך אַלץ נישט באַזייטיקט פֿון דער „קאָמאַן־לאָ״־סיסטעם. אויך אין ענגלישע שולעס איז נאָך נישט אָפֿיציעל פֿאַרבאָטן צו נוצן די האַנט אָדער דעם קאַנטשיק קעגן אומדיסציפּלינירטע אָדער ווידער־שפּעניקע תּלמידים. דער פּראָפֿעסער פֿון דער ייִדישער קאָנסטיטוציע, פֿון זײַן זײַט, האָט געהאַלטן, אַז דער קערפּער פֿון יעדן מענטשן איז זײַן אַבסאָלוט אייגנטום און זײַן אויטאָנאָמיע, און שמײַסן אַפֿילו אַ פֿאַרברעכער טאָר מען נישט. ער וואָלט זיך אָבער געשטעלט אויף זייער אַ וואַקלדיקער פּאָזיציע, ווען ער נעמט זיך אונטער צו אַרגומענטירן, אַז די שמיץ־שטראָף איז אין סתּירה צו ייִדישן גייסט און טראַדיציע, אָדער גאָר צום ייִדישן רעליגיעזן רעכט. מ ל ק ו ת זענען אין ייִדישן רעכט אַ גאַנץ לעגיטימער אופֿן פֿון באַשטראָפֿן, און אין דעם פּונקט איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן „מדאור־ייתא״ און „מדרבנן״. מ׳דאַרף נאָר זען, אַז די שמיץ זאָלן געגעבן ווערן „מיט חסד״ („כּפי כּוחן״), אַז דער באַשטראָפֿטער זאָל פֿונעם שמײַסן נישט שטאַרבן אָדער נישט ערנסט קראַנק ווערן — און עס איז דערפֿאַר אויסגעאַרבעט גע־וואָרן אַ ספּעציעלע פּראָצעדור פֿאַר דער „עקזעקוציע״ — אָבער דער רמב״ם פֿילט זיך נישט אויסרעכענען אַ לאַנגע רשימה פֿון פֿאַרברעכנס און פֿאַרלע־צונגען, פֿאַר וועלכע מלקות זענען די לעגיטימע און, אַזוי צו זאָגן, גאַנץ נאַ־טירלעכע שטראָף. צווישן די העכער צוויי הונדערט עבֿירות פֿאַר וועלכע עס קומט צו שמײַסן זענען פֿאַראַן, ווי עס פֿאַרשטייט זיך, אַ צאָל אַנטי־סאָציאַלע האַנדלונגען און פּערווערזיטעטן, אָדער ווידער־נאַטירלעכקייטן. אָבער מלקות דאַרפֿן קריגן אויך אַזעלכע וואָס פֿאַרלעצן ריין ריטועלע געזעצן, אָדער דער־לײַבן זיך זאַכן וואָס שאָקירן די געזעלשאַפֿט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דרך־ארץ אָדער דעקאָרום: דער וואָס עסט אום יום־כּיפּור אָדער טוט אין יענעם טאָג אַ מלאכה, דער וואָס עסט פֿון אַ טייג פֿון וועלכן מ׳האָט נישט גענומען קיין חלה, דער וואָס גייט אין גויִישע דרכים (העושה בחוקות הגויים), דער וואָס עסט אַ טריפֿהנע בהמה, אַ טריפֿהנעם עוף אָדער אַ פֿאַרבאָטענעם פֿיש, אָדער שרצים און רמשים, דער וואָס עסט די ווערעם פֿון אַ פּרוכט, דער וואָס גייט ווײַטער פֿון אַ תּחום שבת, ווער עס אַרבעט אום יום־טובֿ, ווער עס טאַטויִרט אַ חלק פֿון זײַן קערפּער, ווער עס טראָגט שעטנז־קליידער, אויך אַ מאַן וואָס טוט זיך אָן ווי אַ פֿרוי און אַ פֿרוי וואָס טוט זיך אָן ווי אַ מאַן. מלקות האָט מען, כּידוע, בײַ ייִדן געגעבן כּמעט אין אַלע דורות, און כאָטש די אומות־

העולם האָבן זיך די דאָזיקע מידה ביי אונדז נישט געדאַרפט אָפּלערנען, האָבן זיי, אין באַשטימטע סיטואַציעס, איבערגענומען ביי ייִדן די ר ע ג ו ל י־ר ו נ ג (אין אַ געוויסן זינען, די הומאַניזירונג) פון דעם דאָזיקן עונש. די פערציק שמיץ מינוס איינס וואָס פוריטאַנער האָבן פּראַקטיצירט אין מאַסאַ־טשוסעטס זענען אַ דירעקטע איבערטראַגונג אָדער אַן איבערזעצונג פון די ייִדישע ארבעים חסר אחת. דאָס שמייסן האָט ביי די פרומע פּראָטעסטאַנטן אין מאַסאַטשוסעטס באַקומען דורכדעם אַ רעליגיעזע סאַנקציע. אַזאַ סאַנקציע איז געגעבן געוואָרן אויך אין קאָנעטיקוט און אין ניו־דזשוירזי, ווו ריכטער האָבן באַקומען אַן אַלגעמיינע אינסטרוקציע אַרויסצולייגן שטראָפן „אין הסכם מיט גאָטס געזעץ״.

מיר זענען אַוועק אין אַ זייט פון אונדזער אייגנטלעכער טעמע, אָבער וואָס מיר האָבן געזוכט צו דערמאָנען איז בלויז, אַז אַ צאָל פונדאַמענטאַלע געזעצן פון דער פּראָיעקטירטער ישראל־קאָנסטיטוציע — כאָטש אַליין פאַר זיך זענען זיי זייער ווינטשנסווערטע פון שטאַנדפּונקט פון אונדזער היינטיקן רעכטס־באַוווסטזיין און געוויסן — זענען נישט אין הסכם מיט אונדזער הלכה. אונדזער אָרטאָדאָקסיע האָט פונדעסטוועגן קעגן די דאָזיקע פּאַראַגראַפן נישט פּראָטעסטירט. נאָך מער: אין אַ קליינער שריפט וועגן די פּראָבלעמען פון דער ייִדישער קאָנסטיטוציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אייניקע פּראָ־מינענטע וואָרט־זאָגער פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום, סיי פונעם מזרחי־פליגל און סיי פון אגודת־ישראל, האָבן זיי אַליין פאָרגעשלאָגן אַ פאַרבאָט פון טויט־שטראָף (כאָטש אויף וויפל מיר קענען זיך איצט דערמאָנען, נישט פון מלקות). עס וועט זיין אומזיסט זיי צו שטעלן קשיות, אויף וועלכן יסוד — ריכטיקער, אויף וועלכן תורה־יסוד — זיי זוכן אָפּצושאַפן טויט־שטראָף. אַזאַ עונש, נע־מען מיר אָן, איז פשוט קעגן זייער עטישן און אויך קעגן זייער נישט־דיק־טירטן רעליגיעזן באַוווסטזיין. אויב מ׳זאָל זיי זוכן צודריקן צו דער וואַנט אויפן יסוד פון ייִדישער דאָגמאַטיק אָדער, ווי אַמעריקאַנער זאָגן, אויפן יסוד פון זייער „פונדאַמענטאַליזם״, וועלן זיי מסתמא זיך זוכן צו העלפן מיטן גע־דאַנק, אַז מיט דער גרינדונג פון דער ייִדישער מדינה איז נאָך די גאולה שלימה נישט געקומען, און עס זענען דערפאַר פאַראַן דינים וואָס מ׳קען זיי נאָך נישט מקיים זיין. דער שרייבער פון די שורות האָט געהערט פון אייניקע פרומע תלמידי־חכמים, אַז אַ טויט־אורטייל מעג, לויטן ייִדישן דין, אַרויס־טראָגן נישט סתם אַ בית־דין, נאָר אַ סנהדרין; אַז אַ סנהדרין דאַרף זיצן אין ירושלים אַלס די אָנערקענטע הויפּטשטאָט פון מלכות בית דוד; אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ האַרבע שאלה, ווי אַזוי צו געבן סמיכה פאַר זיין אַ מיטגליד אין סנהדרין, אַז אפשר קען גאָר קיין סנהדרין נישט זיין ביז דער בית־המקדש

זועט אויפסניי אויפגעבויט ווערן, און אַז דאָס אַלץ איז אפשר מעגלעך נאָר „בימות המשיח". די איראָניע פון אַזאַ אַרגומענט ליגט, ווי יעדער קען זען, אויף דער האַנט": ייִדן אין דער מדינת ישראל וועלן זיך שוין מוזן ווי עס איז צומוטשען מיט הומאַניטאַרע געזעצן כּל־זמן די גאולה שלימה איז נישט גע־קומען; אַז גאָט וועט העלפן און משיח וועט קומען, וועט מען נאָכאַמאָל קע־נען מקיים זיין אַ צאָל ברוטאַלע געזעצן, וואָס... אין תוך קען דאָס סענסיטיווע געוויסן פון אַ היינטיקן פרומען ייִדן מיט זיי נישט שלום מאַכן. אויב דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, איז ער נישט דער איינציקער און נישט דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע...

איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען אין דער ספערע פון פּאָליטי־שער און גייסטיקער פרייהייט איז, אָן שום ספק, די פרייהייט פון רעליגיעזן געוויסן. דער באַגריף פון רעליגיעזער פרייהייט אַנטהאַלט אָבער אין זיך נישט נאָר דאָס רעכט פון יעדן בירגער צו געהערן צו יענער רעליגיעזער קערפּער־שאַפט וואָס ער קלייבט זיך פרייוויליק אויס, נאָר אויך צו זיין פולשטענדיק גלייכגילטיק צו וועלכער נישט איז רעליגיע, אָדער פיינטלעך צו דעם עצם עקזיסטענץ פון רעליגיעזער אמונה און פּראַקטיק, אָדער גאָר לעבן, אויב ער האַלט זיך דערצו פעיִק, זיין אייגן, ריין־אינדיווידועל, רעליגיעז לעבן, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע. און וועגן אינהאַלט פון אַזאַ יחידיש רעליגיעז לעבן איז ער קיינעם נישט מחויב אָפּצוגעבן חשבון. אַנדערע בירגער (און זיי מעגן זיין די מערהייט) האָבן זייער רעכט צו באַטראַכטן איינעם וואָס איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו רעליגיע פאַר אַ „טומטום"; זיי מעגן זיין איבערצייגט, אַז איינער וואָס איז פיינטלעך צו רעליגיע איז אָדער אַן אומנאָרמאַלער מענטש אָדער גאָר אַן „אויסוואורף"; און קיינער קען זיי נישט פאַרווערן צו באַטראַכטן אַזעלכן וואָס באַהויפּט וועגן זיך, אַז רעליגיעז מאַכט ער פאַר זיך שבת באַזונדער און דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען — פאַר אַ פּוסטן בעל־גאווה און פאַנטאַזיאָר. מיט דער מדינה אַלס אַזעלכער, אויב זי איז אַ דעמאָקראַטישע, און מיטן „סאָציאַלן קאָנ־טראַקט", אויף וועלכן זי דאַרף אויפגעבויט ווערן, קער זיך דאָס אַלץ נישט אָן: זי דאַרף זיין טאָלעראַנט צו יעדער רעליגיע און צו יעדער אומרעליגיאָזי־טעט (אַחוץ צו אַזעלכע וואָס שטייען אין קאָנפליקט מיטן קרימינעלן קאָדעקס אָדער זיי פאַרלעצן דעם אָנגענומענעם עפנטלעכן דרך־ארץ אָדער דעקאָרום). עס טאָר נישט זיין אין אַזאַ מדינה נישט קיין פּאַטראָנאַזש פאַר איין רעליגיע און נישט קיין געזעצלעכע דיסקרימינאַציע קעגן אַן אַנדער רעליגיע — אויך נישט קיין צוואַנג פאַר וועלכן נישט איז בירגער צו דערפילן אַ רעליגיעזע פליכט אָדער ווערן אַ שותף צו אַ צערעמאָניע קעגן זיין ווילן.

די פֿאַרגעשלאָגענע קאָנסטיטוציע פֿאַר דער מדינת ישראל איז, בדרך כלל, אויפגעבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון טאָלעראַנץ און גלייכהייט. זי אַנערקענט נישט קיין ספּעציפֿישע פּריווילעגיעס פֿאַר דער יידישער רעליגיע און זי אַנטהאַלט נישט קיין אויסגעשפּראָכענע דיסקרימינאַציע קעגן וועלכער נישט איז אַנדער רעליגיע. איר חטא איז גאָר פֿון אַן אַנדער כאַראַקטער. זי אַנערקענט נישט קיין אויסגעהאַלטענע פֿאַנאַנדערטיילונג צווישן מדינה און רעליגיע, נאָר פֿאַקטיש הייסט זי דער מדינה נעמען אונטער איר שוץ די דריי הויפּט־רעליגיעס פֿונעם לאַנד. אין אַ געוויסן זינען מעג מען זאָגן, אַז אַנשטאָט צו עטאַבלירן איין רעליגיע אַלס די הערשנדיקע, אַנערקענט זי גאַנצע דריי עטאַבלירטע קירכן (די יידישע, די מאַכמעדאַנישע און די קריסטלעכע) אויפֿן גרונט פֿון „גלייכקייט". אַ צאָל פֿונקציעס וואָס בדרך־כלל דאַרפֿן זיי באַטראַכט ווערן אַלס אָרגאַנישע פֿונקציעס פֿונעם מאָדערנעם שטאַט אין זיין טאָטאַליטעט, דעלעגירט זי צו די אַזוי גערופֿענע „רעליגיעזע געמיינדען". אַז זיי זאָלן זיי דערפֿילן אין נאָמען פֿונעם שטאַט און אויף זיין חשבון (בודזשעטאַריש). דאָס קען מען קלאָר זען פֿונעם קאַפּיטל פֿינף פֿון דער פּראָיעקטירטער קאָנסטיטוציע (אַרטיקלען 70—74).

לויט דעם דאָזיקן קאַפּיטל, זאָלן אין דער מדינת ישראל פֿונקציאָנירן פֿינף מינים געריכטן. וועלן מיר דאָ נישט אַנאַליזירן דעם פּיראַמידאַלן געבוי פֿון די פֿאַראויסגעזענע געריכטן, זייערע רעכט און פּליכטן. דער שרייבער פֿון די שורות האָט, אגב, אַ סך סימפּאַטיע פֿאַרן אַלגעמיינעם פּרינציפּ, וואָס ליגט אין יסוד פֿון דעם פֿאַרגעשלאָגענעם פּלאַן — נעמלעך, אַז די ריכטער זאָלן באַשטימט ווערן פֿון אויבן (פֿונעם פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון באַשטימטע, ספּעציעל־אַנערקענטע קערפּערשאַפֿטן). די מחברים פֿון דער קאָנסטיטוציע זענען דאָ געגאַנגען מער אין די וועגן פֿון ענגלאַנד און אירע דאָמיניאָס, איידער אויפֿן וועג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו גאָר אַ גרויסע צאָל ריכטער ווערן געוויילט דירעקט פֿון דער באַפֿעלקערונג. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דאָס סיסטעם פֿון באַשטימונגען גאַראַנטירט מער יושר און אומפּאַרטייאישקייט און שאַפֿט גינסטיקערע באַדינגונגען פֿאַר אומאָפּהענגיקייט פֿונעם געריכט, איידער דאָס וואַל־סיסטעם, אונטער וועלכן אַ ריכטער מוז אָפֿט אַנקומען צו דער לאָסקע פֿון די פּאַרטיי־„באָסעס" און פּאָליטישע רעדל־פֿירער פֿון זיין דיסטריקט, כדי ווידערדערוויילט צו ווערן, ווען זיין טערמין ענדיקט זיך. אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער ספּעציעלער טעמע אינטערעסירט אונדז אָבער אין דער פֿאַרגעשלאָגענער סכעמע פֿון געריכט־וועזן ספּעציפֿיש דאָס דעלעגירן פֿון געוויסע פֿולמאַכטן צו די אַזוי גערופֿענע רעליגיעזע געמיינדעס. ענינים פֿון „פּערזענלעכן סטאַטוס"

(חתונות, גטן, רעגיסטראַציע פון געבורטן, קבורה־אַנגעלעגנהייטן, אידענטיפיקאַציע פון עלטערן, סעפּאַראַציע פון מאַן־און־ווייב, געוויסע ירושה־משפטים אאַז״וו) ווערן, לויטן פּראָיעקט, איבערגעגעבן צו ספּעציעלע „ר ע ל י ג י ע ז ע ג ע ר י כ ט ן פון דער ייִדישער, מוסולמענישער און קריסטלעכער געמיינדעס״. די ריכטער פון די דאָזיקע בית־דינס וועלן אויך דאַרפן באַשטימט ווערן פונעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק (דער פּרעזידענט וועט זיך וועגן דעם דאַרפן באַראַטן מיטן מיניסטער פאַר רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן, וועלכער וועט זיך רעכענען אין זיין ראַט־געבן מיט די רעקאָמענדאַציעס פון דער העכסטער רעליגיעזער קערפּערשאַפט פון דער באַטרעפנדיקער געמיינדע).

טראַכט מען זיך ערנסט אַריין אינעם טעקסט פון די דאָזיקע אַרטיקלען (70—72), זעט מען, אַז דעם שטאַט ווערט געגעבן דאָס רעכט — אויך די פליכט — צוצורעכענען יעדן בירגער צו איינער פון די דריי רעליגיעזע געמיינדעס פון לאַנד. אַ בירגער פון דער מדינת ישראל ווערט, לויט דעם, כמעט אויטאָמאַטיש דערקלערט פאַר אַ מיטגליד פון אַ באַשטימטער קירך אָדער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע — אַלץ איינס, צי ער וויל עס, צי נישט. ער מוז זיין (אין באַשטימטע אַנגעלעגנהייטן וואָס רירן אָן זיין פּערזענלעכן סטאַטוס, וויכטיקע אינטערעסן פון זיין פאַמיליע־לעבן) אָדער אַ ייִד, אָדער אַ קריסט, אָדער אַ מוסולמענער. ווען איינער איז נישט קיין ייִד (דאָס הייסט, ער אַנערקענט זיך נישט אַלס אַ מיטגליד פון דעם ייִדישן רעליגיעזן קיבוץ, אָדער ער איז נישט גרייט זיך אונטערצווואַרפן דער אויטאָריטעט פון דער „רבנות ראשית״), נישט קיין קריסט לויט זיינע איבערצייגונגען אָדער גלויבן (כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן פון קריסטלעכע טאַטע־מאַמע און איז אַלס קינד אויך געטויפט געוואָרן), און נישט קיין מוסולמענער — האָט ער נישט, לויט דעם פּראָיעקט וואָס ליגט פאַר אונדז, קיין אָפיציעלע אינסטאַנץ, צו וועלכער ער זאָל זיך קענען ווענדן אין די וויכטיקסטע ענינים פון „פּערזענלעכן סטאַטוס״. אויב ער זאָל זיך נישט וועלן ווענדן צו איינער פון די דריי רעליגיעזע געריכטן, ווייסט ער נישט ווי אַזוי צו לעגאַליזירן אָדער אַפילו בלויז רעגיסטרירן זיין חתונה אָדער די געבורט פון אַ קינד; האָט ער נישט פון וועמען צו קריגן אַ גט; און עס איז נישט קלאָר אין וועמענס הענט וועט אַריינפאַלן זיין צוואה, אָדער ווער עס וועט באַשטימען וואָס צו טאָן מיט זיין ירושה און מיט זיינע יורשים, אויב ער לאָזט קיין צוואה נישט איבער. קיין סעקולערער, נישט־רעליגיעזער געריכט פאַר אַזעלכע ענינים ווערט אין דער קאָנסטיטוציע נישט פאָראויסגעזען. בעל־כּרחו איז ער אָדער אַ ייִד, אָדער אַ קריסט, אָדער אַ מוסולמענער. זיין סתם אַ בירגער פון דער מדינת ישראל קען

ער נישט. פאַרן אַטעיִסט אָדער אַגנאָסטיקער און פאַר דעם בירגער מיט זייַנער אַ „פּריוואַטער רעליגיע" (אויב מ'מעג דאָ נוצן אַזאַ אויסדרוק) איז אין דער מדינה קיין פּלאַץ נישטאָ. מען דאַרף נישט נוצן קיין סך חריפות, כדי איינצוזען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קלאָרער פאַרלעצונג פונעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג און פּערזענלעכער פרייהייט. דער שטאַט נעמט דורכדעם אָן דעם כאַראַקטער פון אַ „דרייפאַכער טעאָקראַטיע".

די מחברים פון דער קאָנסטיטוציע האָבן זיך אויך צו לייכט געמאַכט מיט זייער קלאַסיפיצירן די איצטיקע (און די קינפטיקע) באַפעלקערונג פון דער מדינת ישראל אויף ד ר יי רעליגיעזע געמיינדעס. דער שרייבער פון די שורות פּרעטענדירט נישט קלאָר צו וויסן, צי דער מוסולמענישער ישוב איז דאָרט אין רעליגיעזן זינען „מעור אחד". יעדער ווייסט אָבער, אַז עס עקזיסטירט דאָרט נישט אַזאַ דערשיינונג ווי אַ „קריסטלעכע געמיינדע". די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון דער מדינת ישראל איז אַ גאַנץ פאַרשיידנפאַרביקע. אַ פּראָטעסטאַנט, אַ רוימישער קאַטאָליק און אַ גריכישער אָרטאָדאָקס געהערן נישט אין ערגעץ צו איין „קריסטלעכער געמיינדע", אויך נישט אין ישראל. קיין באַזונדערס־אידילישע באַציִונגען צווישן זיי עקזיסטירן נישט, און כאָטש זיי זענען אַלע קריסטן, לייגן זיי זייער גרויס געוויכט אויף די טעאָלאָגישע, ריטועלע און אַנדערע דיפערענצן וואָס צעטיילן זיי. עס איז דערפאַר נישטאָ (און עס איז אוממעגלעך צו שאַפן) אַזאַ זאַך ווי „דער העכסטער ראַט" פון דער קריסטלעכער געמיינדע. קיינער וואָלט דאָרט נישט אַנערקענט די אויטאָריטעט פון אַזאַ ראַט. גראָד אין אַ סך אַנגעלעגנהייטן פון „פּערזענלעכן סטאַטוס" אונטערשיידט זיך איין קריסטלעכע געמיינדע פון דער אַנדערער, און די אונטערשיידן זענען אַמאָל גאַנץ ערנסטע. די מייסטע פּראָטעסטאַנטישע קירכן אַנערקענען נישט, למשל, דעם פאַרבאָט אויף חתונה פון שוועסטערקינדער; פאַר די צוויי „קלאַסישע" קירכן, די רוימישע און די גריכישע, איז דער פאַרבאָט גילטיק ביז היינט. די רוימיש־קאַטוילישע קירך אַנערקענט בכלל נישט קיין גט, אַחוץ אין זייער זעלטענע, אויסערגעוויינלעכע פאַלן („וואָס גאָט האָט צונויפגעבונדן, טאָר קיינער נישט אויפבינדן"); די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך אַנערקענט יאָ אַ גט, אָבער נאָר אין פאַלן, ווען עס איז נאָך אַ לאַנגער, פּיינלעכער און, מ'מעג זאָגן, גאַנץ „פּאָרנאָגראַפישער" פּראָצעדור, פעסטגעשטעלט געוואָרן אָן אַ שמץ ספק, אַז איינער פון די צדדים האָט זיך פאַרזינדיקט מיט זייטיקע, אומגעזעצלעכע סעקסועלע באַציִונגען. טאָ ווי קענען זיי געהערן צו איין „קריסטלעכער געמיינדע" און שטיין אונטער דער יוריסדיקציע פון איין רעליגיעזן געריכט? — ווי קען די צעשפּליטערטע קריסטלעכע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל — רוימישע קאַטאָליקן, גריכישע

קאַטאָליק, פּראָטעסטאַנטן פון עטלעכע מינים, אַביסיניער, אַרמענאַ־גרעג־גאָריאַנער — באַטראַכט ווערן אַלס „אַ געמיינדע״? זאָל מען שאַפן ספּעציעלע קירכלעכע געריכטן פאַר יעדער קריסטלעכער דענאָמינאַציע באַזונדער? און אַחוץ דעם, פאַרוואָס און מיט וועלכן רעכט זאָל דער שטאַט צווינגען אַ בירגער, וואָס גילט אַלס קאַטאָליק, אַז ער זאָל זיך מוזן אונטערוואַרפן אין זיין פּערזענלעכן סטאַטוס אַלע חומרות פון דער קאַטוילישער קירך, אויב ער איז גרייט זיי צו איגנאָרירן? פאַרוואָס זאָל נישט זיין אַן אַלגעמיינע רעגירונגס־אינסטאַנץ, צו וועלכער ער זאָל זיך קענען ווענדן, אויב ער וויל חתונה האָבן אָדער זיך גטן אין אומשטענדן, אין וועלכע די קירך האָט אירן אַ ספּעציפישן גרונט זיין חתונה אָדער זיין גט נישט צו אָנערקענען? און פאַרוואָס זאָל איינער וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ מוסולמענער מוזן זיין אונטערגעוואָרפן די אַנאַכראָניסטישע איסלאַם־געזעצן וועגן ירושה, אָדער וועגן באַציִונגען צווישן מאַן־און־ווייב און צווישן עלטערן און קינדער, אויב ער וויל פון דער מאַכט פון אַזעלכע געזעצן זיין פריי? זאָל די קירך טאָן מיט אים וואָס זי וויל אָדער וואָס ס׳איז פאַר געוויסע פאַלן פאַרגעשריבן אין איר קאַנאָניש רעכט; זאָל זי אים מחרים זיין, צונעמען ביי אים זיין חלק עולם־הבא; אָנבעמען קעגן אים אַנדערע רעפּרעסיעס — מיט דער מדינה האָט דאָס נישט צו טאָן, און דעם בירגער דאַרף געגעבן ווערן די מעגלעכקייט, אויב ער וויל, פון אַזעלכע סאַנקציעס זיך נישט וויסנדיק צו מאַכן.

מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט אַ צאָל קריסטלעכע גרופּן אין דער רעלאַטיוו נישט־גרויסער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג פון דער מדינת ישראל. עס זע־נען אָבער דאָרט פאַראַן גרופּן בירגער, וואָס קענען נישט קלאַסיפיצירט ווערן נישט אַלס ייִדן, נישט אַלס מוסולמענער און נישט אַלס קריסטן. די באַהאַי־גרופּע אין חיפה האָט זיך אירע אַן אייגענע רעליגיע, און ווען ס׳וועט קומען צו דער אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזע געריכטן, וועט נישט זיין קיין גרונט זי צוצוטיילן צו וועלכער נישט איז פון די דריי דערמאָנטע געמיינדעס. עס וועט זיין אַפּהענגיק פון די ענדגילטיקע גרענעצן, וואָס וועלן איינגעשטעלט ווערן פאַר דער מדינת ישראל, וויפל דרוזן עס וועלן זיך אין איר געפינען. אָבער וועד זענען דרוזן? קיין ייִדן זענען זיי זיכער נישט. זיי זענען אויך נישט קיין קריסטן, טראָצדעם וואָס ישו־הנוצרי איז פאַר זיי איינע פון די אינקאַרנאַ־ציעס אין וועלכע גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט. זיי זענען נישט קיין מאַכמעדאַנער, טראָצדעם וואָס מעקאַ איז פאַר זיי אַ הייליקער פּלאַץ. זיי זענען אויך נישט קיין געצנדינער. זיי האָבן, אמת, אין זייער ריטואַל געוויסע עלעמענטן וואָס דערמאָנען אין אַן אַמאָליקער עבודה־זרה (וועלכע מאָנאָטעיִס־טישע רעליגיע איז פון אַזעלכע עלעמענטן אינגאַנצן ריין?), אָבער אחדות־

הבורא איז פאַר זיי אַ פונדאַמענטאַלער און אַ גאַנץ טיפער באַגריף. זיי האָבן זייערע אייגענע מצוות אין שייכות מיט טהרת המשפחה, און פרויען פאַרנעמען אין זייער סאָציאַלן לעבן און אויך אין רעליגיעזע פונקציעס אַ סך אַ העכערן פּלאַץ ווי אין דער סיסטעם פון איסלאַם. צו וועלכן געריכט וועלן זיי זיך דאַרפן ווענדן?

אָבער אויך יידן אין דער מדינת ישראל זענען נישט אינגאַנצן קיין האָמאָגענער קיבוץ. עס זענען פאַראַן אין ארץ־ישראל אָריענטאַלישע עדות וואָס האָבן נישט אָנגענומען דעם חרם דרבנו גרשם, און זיי פּראַקטיצירן נאָך ווייטער ביז היינט פּאָליגאַמיע. זאָל דער יידישער בית־דין זיי פאַרבאָטן צו נעמען מער ווי איין פרוי, אָדער ער זאָל אָנערקענען איין יידישן דין פאַר איין געמיינדע און אַ צווייטן און אַנטקעגנגעזעצטן דין פאַר מיטגלידער פון אַן אַנדער קהילה? וואָס וועט זיין אין ישראל דער סטאַטוס פון קאָנסערוואַטיווע (נישט־אָרטאָדאָקסישע) שולן און רבנים? וועלן חתונות און גטן וואָס וועלן אויטאָריזירט ווערן פון אַזעלכע רבנים זיין גילטיק פאַרן יידישן רעליגיעזן בית־דין, וואָס וועט מסתמא באַשטיין פון בלויז אָרטאָדאָקסן, אָדער נישט? און וועלן די קינדער פון אַזעלכע חתונות אָנערקענט ווערן פון יענעם בית־דין פאַר „כשרע" אָדער, חס וחלילה, געשטעמפּט ווערן אין די אָפיציעלע דאָקומענטן אַלס „ממזרים"? וואָס וועט זיין דער סטאַטוס לגבי דער אַלגעמיינער און אָפיציעל־אָנערקענטער „יידישער געמיינדע", פון, לאָמיר זאָגן, אַזאַ קאָנגרעגאַציע ווי די ניו־יאָרקער „סאָסייעטי פאַר אַדוועַנסמענט אָף דזשודאַיזם", וועלכע האַלט נישט אַז די אמונה פון „אתה בחרתנו" איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַ מאָדערנעם יידן? אָדער זאָלן מיר זאָגן, אַז אַזעלכע רעליגיעזע „יוצא־דופנס" מעגן עקזיסטירן אין גלות, אין אַמעריקע, נאָר זייער עקזיסטענץ טאָר נישט דערלאָזט ווערן אין דער מדינת ישראל, וווּ יעדער ייד, צי ער וויל צי ער וויל נישט, מוז זיין סובאָרדינירט צו דער אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע? און וואָס זאָל זיין דער סטאַטוס אין ישראל פון רעפאָרמירטע יידן, און צי מעגן זיך דאָרט באַזעצן און פונקציאָנירן רעפאָרם־רבנים, וואָס, אגב, אייניקע פון זיי פאַרנעמען פירנדיקע פּאָזיציעס אין וועלט־ציוניזם? וועלן זיי זיין אַ לעגיטימער טייל פונעם יידישן בית־דין, אָדער בלויז „אונטערטאַנען" פון אַן אָרטאָדאָקסישן בית־דין? מעג דער שטאַט אויך זיי דעלעגירן אַ טייל פון זיינע פולמאַכטן אין פראַגן פון פערזענלעכן סטאַטוס?

מיר שטעלן די אַלע פראַגן, ווייל דער קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, אַנשטאָט צו פאַראיינפאַכן די ענינים פון פערזענלעכן סטאַטוס, מאַכט זיי אַ סך קאָמפּליצירטער און פאַרפּלאָנטערטער. אַפילו אין ענגלאַנד, ווו די קירך געניסט באַך אַן אָפיציעלן סטאַטוס, זענען פאַראַן געוויסע פרייהייטן, וואָס די מחברים

פון דער יִדישער קאָנסטיטוציע האָבן נישט געשטרעבט צו פאַרזיכערן פאַר די ישׂראל־בירגער. דער קעניג פון גרויס־בריטאַניע איז נאָך ביזן הייניקן טאָג דער הויפּט פון דער קירך (אמת, ער איז, אויב עמעצער פאַרשטייט ווי אַזוי ער מאַכט עס, אַן אַנגליקאַנער אין ענגלאַנד און אַ פּרעסביטעריאַנער אין שאָטלאַנד...), און ענדערונגען אין דעם אָפיציעלן געבעט־בוך קענען דאָרט געמאַכט ווערן נאָר דורכן פּאַרלאַמענט (אין אונדזערע צייטן קלינגט אַזאַ סדר גאַנץ הומאָריסטיש: לעגאַליסטיש גערעדט, זענען ייִדן־מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, ווי אויך קאַטאָליקן און די פּאָר קאָמוניסטן וואָס זיצן אין „האָאוז אָף קאָמאָנס", באַרעכטיקט מיטצובאַשטימען, וואָס פּאַראַ תּפילות עס זאָלן אָדער עס זאָלן נישט געדאַווענט ווערן אין דער ענגליש־פּראָטעסטאַנטישער קירך). פונדעסטוועגן, איז דער באַגריף פון ציווילער חתונה און ציווילן גט נישט פרעמד דער ענגלישער געזעצגעבונג און פּראַקטיק. דער בירגער איז דאָרט נישט צוגעשמידט אין די דאָזיקע אָנגעלעגנהייטן צו אַ באַשטימטער קירכן־אָרגאַניזאַציע.

דאָ קומען צו נישט ווייניק אַנדערע פראַגן, וואָס מאַכן די זאַך נאָך קאָמפּליצירטער. די רעליגיעזע געריכטן דאַרפן, לויטן פּלאַן, אויסגעהאַלטן ווערן אויפן חשבון פון דער מלוכה. מיט וואָס פאַר אַ רעכט, מעג מען פרעגן, זאָל אַ פרומער ייִד געצוווּנגען ווערן צו צאָלן שטייערן אין דער ייִדישער מדינה אויף אויסצוהאַלטן, לאָמיר זאָגן, אַ רוימיש־קאַטוילישן געריכט? אָדער האָבן די מחברים פון דער פאָרגעשלאָגענער קאָנסטיטוציע געטראַכט, אַז יעדע געמיינדע וועט צאָלן באַזונדער ס פּ ע צ י ע ל ע שטייערן אויף אויסצוהאַלטן אירע געריכטן, און דער אַפּאַראַט פון דער ייִדישער מדינה וועט זיין דער אויפמאָנער און דער אַרויפצווינגער פון אַזעלכע שטייערן? עס קענען אויך אַנטשטיין קאָנפליקטן מיטן קאַנאָנישן רעכט פון אייניקע רעליגיעזע גרופּן. עס איז דעם שרייבער נישט קלאָר, צי איז, פון שטאַנדפּונקט פון רוימיש־קאַטוילישן אָדער גריכיש־אָרטאָדאָקסישן רעכט, נאָרמאַל, אַז ריכטער פון זייערן אַ ריין־רעליגיעזן בית־דין זאָלן באַשטימט ווערן — אַפילו בלויז סימבאָליש — נישט פון זייערע אייגענע העכערע אויטאָריטעטן (פון די וואָס האָבן אויף דעם ספּעציעלע „סמיכה"), נאָר פון דער וועלטלעכער מאַכט, אין דעם איצטיקן פאַל, אין דער מדינת ישׂראל, פונעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק וואָס איז, אַגב, גאַנץ שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ער זאָל זיין, אין די באַדינגונגען פון דעם איצטיקן היסטאָרישן פּעריאָד, עפּעס אַנדערש ווי אַ ייִד.

אַ פולשטענדיקע פאַנאַנדערטיילונג צווישן רעליגיע (אין אונדזער פאַל — רעליגיעס) און שטאַט וואָלט געווען אי יושרדיק, אי פּראַקטיש איינפאַכער און אַדמיניסטראַטיוו לייכטער. די מדינה קען שאַפן פאַר אַלע בירגער אירע

אַלגעמיינע, ריין סעקולערע אָרגאַנען, וואָס זאָלן האָבן צו טאָן מיט ענינים פון פערזענלעכן סטאַטוס. דאָס הייסט נישט, אַז עס טאָר נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר רעליגיעזע געריכטן — פאַר יענע בירגער, וואָס ווילן לעבן אונטער זייער יוריסדיקציע. אַזעלכע געריכטן קענען עקזיסטירן אַלס האַלב־פּריוואַטע און האַלב־עפנטלעכע אינסטיטוציעס, אויפן חשבון פון יענע גרופּן בירגער, וואָס ווילן זיי האָבן און זענען גרייט זיי אויסצוהאַלטן. אַ חתונה וואָס אַזאַ געריכט האָט אָנערקענט דאַרף אָנערקענט ווערן אויך פונעם שטאַט; אַ גט וואָס אַזאַ געריכט האָט אַרויסגעגעבן, קען אויך זיין גילטיק פאַרן שטאַט; און אויב יורשים ווילן זיך פאַרלאָזן אויף אַ רעליגיעזן געריכט אין דער פאַרטיילונג פון אַ ירושה, האָט פאַרן שטאַט קיין זינען נישט זיך אין דעם אַריינצומישן — פונקט ווי קיין שום שטאַט איז נישט קעגן דעם, אַז בירגער זאָלן לייזן צווישן זיך געוויסע סיכסוכים נישט אין אָפיציעלן געריכט, נאָר דורך אַ בוררות. די פראַגע איז נישט, צי די מדינת ישראל דאַרף טאָלערירן אַזעלכע געריכטן פאַר די וואָס אָנערקענען זיי. די מדינה קען אַפילו דעלעגירן, אויף געוויסע, קלאָר פאָרמולירטע באַדינגונגען, די רעליגיעזע געריכטן באַשטימטע פונקציעס פון אַ שטאַטס־כאַראַקטער. אָפּגעפרעגט ווערט דאָ די אַ ב ל י ג אַ־ ט אָ ר י ש ק ײ ט פון זייער יוריסדיקציע פאַר יענע בירגער — אַלץ איינס, ווי גרויס אָדער ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זיין — וואָס האָבן זייערן אַ גרונט, אַ ריכטיקן אָדער אַ פאַלשן, זייער אויטאָריטעט נישט צו אָנערקענען. די ריין־ציווילע געריכטן דאַרפן פאַר זיי זיין אָפן אויך אין די אָנגעלעגנהייטן פון פערזענלעכן סטאַטוס.

און צום סוף נאָך איין באַמערקונג. אין דעם אַרטיקל 77 פון דער פּראָ־יעקטירטער קאָנסטיטוציע לייענען מיר, צווישן אַנדערס, אַז „די קינפטיקע געזעצגעבונג אין ישראל זאָל זיך ריכטן לויט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון יידישן רעכט", און אַז דאָרט ווו דער עקזיסטירנדיקער געזעץ גיט נישט קיין קלאָרע אָדער גענוגנדיקע הדרכה, „זאָלן זיך די געריכטן ווענדן (נאָך הדרכה) צו די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן". אויב דער אַרטיקל זאָל באַטראַכט ווערן נישט בלויז אַלס אַ רעטאָרישער — געוויסע עלעמענטן פון רעטאָריק אָדער „דעקלאַמאַציע" זענען פאַראַן כמעט אין י ע ד ע ר קאָנסטי־טוציע — ווייזט ער אָן דער קינפטיקער געזעצגעבונג און געריכט־פּראַקטיק אויף אַ זייער פאַרנעפּלטן און גאַנץ גליטשיקן וועג. וואָלט דער קריטעריום געווען דאָס עקזיסטירנדיקע יידיש־רעליגיעזע נאָרמאַטיווע רעכט, וואָלט דאָס, לכל־הפחות, געווען אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרע „אינסטרוקציע": דאָרט ווו מען ווייסט נישט ווי אַזוי צו פּסקענען, קוקט מען אַריין אין חושן־משפט אָדער אין שאלות־ותשובות (אויב איינער איז גענוג אין זיי באַהאַווענט און

מעג זיך לאָזן שווימען אין דעם דאָזיקן ברייטן ים) און מען געפינט אויס דעם דין. די מחברים פון דער קאָנסטיטוציע ריידן אָבער נישט וועגן „דין", נאָר וועגן די פ ו נ ד אַ מ ע נ ט אַ ל ע פּ ר י נ צ י פּ ן פון יידישער רע־ ליגיעזער יוריספּרודענץ. אַזאַ „אינסטרוקציע" עפנט אויף דעם וועג פאַר ספּעקולאַציע און פרייער, גאַנץ סוביעקטיווער, אינטערפּרעטאַציע. דאָס פעסט־ שטעלן פון אַ פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ — אָדער גאָר פון אַ גרונט־טענדענץ — אין יידישן רעכט וועט זיין אָפּהענגיק פון אינדיווידועלע אָפּשאַצונגען און ריין טעאָרעטישע גענעראַליזאַציעס, און יעדער ריכטער וועט מאַכן זיינע פעסטשטעלונגען אין הסכם מיט זיין פּערזענלעכן הינטערגרונט און דערציִונג, אין הסכם מיט זיינע פּרעפערענצן און אייגענע מאָראַלישע ווערטן. דאָס איז אומגעפער דאָס זעלביקע ווי זאָגן, אַז מ׳דאַרף משפּטן „ברוח היהדות", אין גייסט פון יידנטום: וויפל פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס האָט אין די לעצטע דורות שוין באַקומען דער „גייסט פון יידנטום", לויט די אינדיווידועלע ניי־ גונגען פון זיינע „פאַרטרעטיסטן"! ווי ריזיקאַליש אַזעלכע אַבסטראַקטע אינסטרוקציעס קענען זיי, וואָלטן אונדז אַ סך געקענט דערציילן יוריסטן וואָס האָבן באַאָבאַכט דאָס געריכט־וועזן אין סאָוועט־רוסלאַנד די ערשטע פאַר יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. קיין קאָדיפיצירט סאָוועטיש רעכט איז נאָך דעמאָלט נישט געווען בנמצא, האָט מען די ריכטער רעקאָמענדירט צו משפּטן לויט זייער רעוואָלוציאָנערן רעכט־באַוווסטזיין („רעוואָלוציאָנאַיע פּראַוואָסאָזנאַניע"). דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט זיך אין צו פיל פאַלן אַרויסגעוויזן צו זיין אי צו סוביעקטיוו, אי צו... עלאַסטיש. ווען ריכטער אין די קאָלאָניאַלע יאָרן פון אַמעריקע האָבן אין מאַסאַטשוסעטס און אין קאָנעקטיקוט געקראָגן באַפעלן צו באַשטראָפן די שולדיקע לויט „גאָטס געבאָט, "according to the law of Good", איז דאָס געווען אַ סך קאָנקרע־ טער, ווי דער דערמאָנטער אַרטיקל אין דעם פּראָיעקט פון דער יידישער קאָנסטיטוציע. פאַר געוויסע ספערן פון לעבן האָבן די פּוריטאַנער פון יענע יאָרן באַטראַכט תורת־משה פאַרן הויפּט־מורה־דרך. אמת, זיי האָבן אייניקע געזעצן פון תורת־משה געטייטשט אפשר צו בוכשטעבלעך און האָבן דערפאַר טאַקע פּראַקטיצירט דעם באַפעל „מכשפה לא תחיה" (אין שפּעטערע יאָרן האָט דאָס געגעבן וואַשינגטאָן אירווינג די געלעגנהייט סאַרקאַסטיש צו באַ־ מערקן, אַז די ניי־ענגלענדער וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט פּיאָ־ נערישער אַרבעט, האָבן געפונען פאַר נייטיק זיך צייטווייליק צו לאָזן רעגירן פון גאָטס געזעצן, ביז זיי וועלן האָבן פרייע צייט אַליין צו מאַכן פאַר זיך ב ע ס ע ר ע געזעצן)... עס איז נאַטירלעך נישט לייכט — באַזונדערס פאַר אַ נישט־פאַכמאַן — אָנצווייזן ווי אַזוי געריכטן אין דער יונגער מדינת ישראל

זאָלן זיך אָריענטירן אין יענע פאַלן, פאַר וועלכע קיין קלאָרער געזעץ איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרן און די אַלטע געזעצן פון דער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע זענען נישט אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע. עס וועט זיך מסתמא פאָדערן אַ צאָל יאָרן ביז די יונגע מדינת ישראל וועט באַווייזן אויסצואַרבעטן איר אייגן סיסטעם פון, ציווילן און קרימינעלן, נאָרמאַטיוון רעכט, און די געריכטן וועלן זיך דערווייל נייטיקן אין אַ געוויסער צייטווייליקער הדרכה. עס מוזן אָבער פאַר אַזאַ הדרכה געזוכט ווערן אַנדערע, מער רעאַליסטישע מעטאָדן. די מעטאָדן, מיט וועלכער עס ווילן יוצא זיין די מחברים פונעם פראָיעקט, איז, אין בעסטן פאַל, אַן אַבסטראַקציע.

אונדזערע באַמערקונגען האָבן אפשר ביי געוויסע לייענער אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן מיט אַן אַנטי־רעליגיעזער טענדענץ. מיר זענען אָבער זייער ווייט פון זוכן „עוקר מן השורש" צו זיין רעליגיע בכלל, ייִדישע רעליגיע ספּעציעל. מיר שטעלן זיך אויך נישט פאָר, אַז אין דעם לעבן וואָס וועבט זיך און וועט זיך אויסקריסטאַליזירן אין דער מדינת ישראל זאָל ייִדישע טראַדיציע נישט שפּילן אַ געוויסע באַרייכערנדיקע און באַפרוכפּערנדיקע ראָל. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ייִדיש רעליגיעז לעבן זאָל ערשט איצט אָנהייבן קריגן זיין נייעם תיקון אין דער סטימולירנדיקער „לאַנדשאַפט" פון אַ ייִדישער מדינה. אַ פרומער ייִד האָט זיכער אַ רעכט פאַר זיין האָפענונג, אַז שיבת ציון וועט באַגלייט ווערן פון אַ ייִדישן רעליגיעזן רענעסאַנס. אַזאַ רענעסאַנס, אויב אים איז טאַקע באַשערט צו קומען, דאַרף אָבער קומען „ממילא", שעפעריש־ספּאָנטאַן, נישט מיט מיטלען פון „פּראָטעקציאָניזם" מצד דעם שטאַט. די מדינה דאַרף נאָר פאַרזיכערן פאַר די גלייביקע אַלע מעגלעכקייטן, אַז זיי זאָלן זיך קענען פול און אומגעשטערט אויסלעבן אין גייסט פון זייער אמונה און אין הסכם מיט זייער טראַדיציע. קיין אַנדערע פליכטן צו זיי קען די רעפּובליק נישט האָבן. זי טאָר נישט אַרויפצווינגען אויף אַנדערע בירגער נישט קיין אמונה, נישט קיין טראַדיציאָנעלן נוסח פון לעבן, נישט די מאַכט פון רעליגיעזע אויטאָריטעטן. דאָס איז בכלל נישט קיין ענין פון צוואַנג. מחזיר זיין די, וואָס זענען, לאָמיר זאָגן, אַראָפּגעגאַנגען פונעם דרך הישר (אינעם רעליגיעזן זינען פון וואָרט) קען מען נאָר אין פרייהייט, נישט דורך רעגימענטאַציע. אָרגאַניזירטע רעליגיע מעג און דאַרף זוכן דאָס צו טאָן דורך השפּעה, נישט דורך שררה; מיט איר אייגענעם, אינעווייניקסטן, גייסטיקן כוח — נישט מיטן כוח פון דעם ריכטער און פּאָליציסט . . .

1949

פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעטן

עס לייגט זיך אויפן שׂכל אַז אין דער צוקונפט — נישט דווקא אין דער גאָר ווייטער — וועט מען אומעטום באַטראַכטן די עקזיסטענץ פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע סוווערעניטעטן און די לאָקאַל־פּאָליטישע פּאַטריאָטיזמען און לאָיאַליטעטן פון אונדזער עפּאָכע פאַר עלעמענטן פון אַן אָפּגעשטאָרבענער ציוויליזאַציע. עס איז כּלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז די שייכותן אין וועלכע דער יחיד געפינט זיך היינט צו זיין לאָקאַל־געאָגראַפישער גרופּע, פאָלק, נאַציע אָדער רעליגיעז־עטנישן קיבוץ, וועלן שפּעטער מיט עטלעכע דורות מערער נישט פאַרמאָגן יענע סעפּאַראַט־פּאָליטישע און עמאָציאָנעלע באַטאָנונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם אָדער פּאַטריאָטיזם. באַזונדערע פּאַטריאָטיזמען וואָס זענען היינט (אָדער קענען לייכט ווערן) שונאים איינער דעם אַנדערן — אַפילו דם־שונאים — וועלן דעמאָלט אפשר זיין נישט מער ווי לאָקאַל־קאָלירטע אַספּעקטן פון איינעם און דעם זעלביקן „וועלט־פּאַטריאָטיזם", מיט אונדזער גאַנצן פּלאַנעט אַלס — „פּאָטערלאַנד".

די אידייע פון אַזאַ אוניווערסאַלן פּאָטערלאַנד איז, כידוע, נישט קיין נייע. זי איז געווען נישט פרעמד יִדישע נביאים און זי געפינט איר אויסדרוק אויך אין אונדזער שפּעטערדיקער משיחיש־עסכאַטאָלאָגישער ליטעראַטור. אין דער גריכישער וועלט איז דיאָגענעס נישט געווען איינער אַליין צו באַהויפּטן, אַז דער איינציקער שטאַט וואָס האָט אַ רעכט צו עקזיסטירן, איז אַ וועלט־שטאַט. און מעלעאַגער, דער פּאָטער פון דער גריכישער אַנטאָלאָגיע, איז געגאַנגען נאָך ווייטער פון אים. אַנשטאָט פּאָטערלאַנד, האָט ער גענוצט דאָס וואָרט מוטערלאַנד (דער אונטערשייד אין טערמינאָלאָגיע איז דאָ געווען נישט קיין צופעליקער), און אַלע מענטשלעכע ברואים האָבן, אין זיינע אויגן, געלעבט אין דער שויס פון איינער און דער זעלביקער „מוטער" — פון קאָסמאָס. אַריסטאָטעל מיט זיין מער עמפּירישן בליק אויף סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען וואָלט, נאַטירלעך, אַזאַ קאָסמאָפּאָליטישע, אָדער גאָר מיסטישקאָסמאָלאָגישע אויפפאַסונג פון „פּאַטריאָטיזם" נישט אָנגענומען: די גרענעצן פון אַ שטאָט האָבן, לויט זיין אויפפאַסונג, געדאַרפט באַשטימט ווערן, אַזוי צו זאָגן, לויטן „תּחום פון קול" — אויף אַ שטח, אויף וועלכע אַ בירגערס שטים, אין פּשוטן, פיזישן זינען פון וואָרט, קען געהערט ווערן. (מיר וועלן

זיך ווייניקער חידושן אויף דעם „פּראָווינציאַליזם" פון אַריסטאָטעל, וועלכער האָט סוף־כל־סוף געלעבט אין אַ וועלט־געגנט וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צאָל קליינע מוניציפּאַליטעט־שטאַטן, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען אָן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווי גרויס אַ שטאָט דאַרף זיין, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין אַמעריקאַנער „פעדעראַליסט": די נאַטירלעכע גרענעץ איז אַזאַ דיסטאַנץ פונעם צענטער, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די דערווײַלטע פאַרטרעטער זיך צוזאַמענצוקומען אַזוי אָפט, ווי די אומשטענדן וועלן עס פאָדערן). אָן אַריסטאָטעל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וואָלט זיכער געדענקט אַנדערש ווי דער אַמאָליקער סטאַגיראַ־פילאָסאָף: די דיסטאַנץ צווישן טאָקיאָ און וואַשינגטאָן איז היינט אַ „קלענערע" ווי זי איז אין אַריסטאָטעלס ציטן געווען צווישן אַטען און ספּאַרטאַ. די אַלטערטום־אוטאָפּיעס וועגן פּאָליטישן אוניווערסאַליזם ווערן אין אונדזערע ציטן אַלץ מער מסוגל רעאַליזירט צו ווערן.

אָבער ווי רעאַליזירבאַר מ'זאָל שוין היינט נישט באַטראַכטן די אידייע פון אַן אוניווערסאַלן שטאַט, וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויף אַ פעדעראַטיוון פּרינציפּ און אויף דער באַזע פון לאָקאַל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס, וועלן מיר נאָך מסתמא נישט ווייניק יאָרן זיך מוזן רעכענען מיט אַ גרויסער צאָל פּאָליטישע סוווערעניטעטן, אויך מיט אייפערזיכטיקע נאַציאָנאַליסטישע פאָדערונגען און איבערבאַטאָנונגען. די אַנטשטייונג פון ישראל אַלס אַ נייע סווערעניטעט שטעלט דערפאַר פאַר געוויסע שיכטן פונעם ייִדנטום אַ נייע פּראָבלעם — צי געפינט זיך נישט זייער לעבעדיקער און אַקטיווער אינטערעס אין דעם אויסבוי און אין דער פאַרפעסטיקונג פונעם ייִדישן שטאַט אין אַ געוויסער סתירה צו זייער פּאַטריאָטיזם אַלס איינוווינער און בירגער פון די לענדער וווּ זיי געפינען זיך. סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אַמעריקע האָבן שוין איינצלנע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן (און נישט שטענדיק אַנטי־ציוניסטישע) געמאַכט ספּעציעלע דערקלערונגען וועגן דער גאַנצקייט פון זייער פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט, וואָס וועלן נישט אַפעקטירט ווערן פון דעם פאַקט וואָס אין ארץ־ישראל איז אַנטשטאַנען אַ ייִדישע מדינה. עס איז שווער צו זאָגן, אין וועלכער מאָס אַזעלכע דערקלערונגען וועלן ווירקן איבערצייגנדיק אויף יענע קרייזן פון דער נישט־ייִדישער וועלט וואָס מיינען אַז זיי האָבן אַ גרונט חושד צו זיין פּראָ־ציוניסטישע ייִדן אין מאַנגל פון פּאַטריאָטיזם אָדער אין געשפּאָלטענער לאָיאַליטעט. פאַר אַ פּאַטאָלאָגיש אייפערזיכטיקער פּרוי עקזיסטירט נישט קיין טרייער מאַן און פאַר אַ פּאַטריאָט וואָס באַטראַכט דעם שטאַט אַלס דעם אָביעקט פון אַבסאָלוטער לאָיאַליטעט, צו וועלכער אַלע אַנדערע לאָיאַליטעטן דאַרפן סובאָרדינירט ווערן, צו אַלע ציטן און אונטער אַלע באַדינגונגען (אָדער פאַר אַזעלכן וואָס פּ ר ע ט ע נ־

דירט צו האָבן אַזאַ אויפפאַסונג) שטייען אַלע אַנדערע מיטבירגער אונטער שטענדיקן פאַרדאַכט פון פאַקטישן אָדער מעגלעכן, פּאָטענציעלן פאַרראַט. פאַרן געצנדינער פונעם שטאַט — פון זיין שטאַט — איז יעדער נישט־געצנדינער אַ פאַררעטער, אין מענטאַליטעט אויב נישט אין זיינע קאָנקרעטע האַנדלונגען. וואָס, אַ שטייגער, האָט געמיינט אין זיין עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישן פּעריאָד אַ שרייבער ווי אַנדרע זשיד, אין אַ בריוו צו זיינע פריינט — „אויב דאָס ראַטעווען אַן אומשולדיקן דרייפוס איז פאַרבונדן מיט ברענגען אַ געוויסן שאָדן דעם פראַנצויזישן שטאַט, מוז אַלץ געטאָן ווערן אַז דרייפוס זאָל ווערן שולדיק און פראַנקרייך זאָל בלייבן אומבאַפלעקט"?

זשיד האָט סובאָרדינירט אַלע אַנדערע ווערטן און לאָיאַליטעטן צו דער „העכסטער" לאָיאַליטעט וואָס ער האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט — לאָיאַליטעט צום „פאָטערלאַנד", אַפילו ווען דאָס פאָטערלאַנד איז נישט לאָיאַל צו זיך אַליין און צו זיין טיפערן ווען. צום סוף פונעם יאָרהונדערט האָט נאָך אין ערגעץ נישט עקזיסטירט דער באַגריף פונעם מאָדערנעם טאָטאַליטאַרן שטאַט, אָבער די עבודה זרה פון נאַציע, פאָטערלאַנד, שטאַט האָט שוין דעמאָלט געהאַט נישט ווייניק כוהנים, און ווען פאַר אַנדרע זשיד איז געשטאַנען די ברירה: דער אמת אָדער „פראַנקרייך", גערעכטיקייט און אומקאָרופּטע יוסטיץ אָדער דאָס „פאָטערלאַנד", האָט ער אויסגעקליבן דאָס צווייטע. די וואָס האָבן געשטעמפּלט אַנאַטאָל פראַנס אַלס פאַררעטער און האָבן זיך נוקם געווען אַן עמיל זאָלאַ דורך אויסשליסן אים פונעם ערן־לעגיאָן פאַרן חטא פון פאַרטיידיקן דרייפוסן קעגן „פראַנקרייך", האָבן אַפילו אין דער סאַמע היץ פונעם קאַמף נישט באַהויפּטעט, אַז יענע האָבן נישט קיין באַציונג אָדער קיין וואַרעמע געפילן צום פאָטערלאַנד. פאַקטיש האָבן די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטן פון יענער צייט זיי באַשולדיקט (כאָטש זיי האָבן דעם אויסדרוק נישט גענוצט) אין „טאָפּעלער לאָיאַליטעט", און אין שטעלן אַ „צווייטגראַדיקע" לאָיאַליטעט — צום אמת, צו גערעכטיקייט, צו אומפּאַרטייאישער יוסטיץ און צו דער רעפּובליקס מאָראַלישער פיזיאָנאָמיע — העכער פון זייערע פּאַטריאָטישע פליכטן צו „פראַנקרייך". וואָלטן זיי געווען ענגלענדער אין די צייטן פון דער רעוואָלוציע, וואָלטן זיי זיכער די זעלביקע באַשולדיקונג אין „טאָפּעלער לאָיאַליטעט" געמאַכט קעגן מילטאָנען. פאַר די ענגלישע פעטיש־פּאַטריאָטן פון יענעם פּעריאָד איז דער קעניג געווען אומגעפער דאָס זעלבע וואָס די אַרמיי איז געווען פאַר די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטישע עבודה־זרהניקעס בשעת דעם דרייפוס־פּראָצעס — דער סימבאָל פונעם פאָטערלאַנד און דער העכסטער אָביעקט פון לאָיאַליטעט. מילטאָן, וועלכער האָט מוטיק געפּריידיקט דאָס רעכט פונעם פאָלק הינצוריכטן דעם

קעניג, אויב ער איז אַ טיראַן, און האָט פֿאַרגעוואָרפֿן אַ צאָל פּוריטאַנער אַז זיי ליידן פֿון אַ געפֿיל פֿון פֿאַררעטערישער רחמנות („סעדישאַס פּיטי״) צום טרעגער פֿון דער קרוין, האָט נישט געלייקנט אַז די „קרוין״ אַלס אינסטיטוציע איז אָדער קען זיין אַן עלעמענט און אַ סימבאָל פֿון ענגלישע פּאַטריאָטיזם. דאָס פּראָבלעם וואָס איז פֿאַר אים געשטאַנען איז געווען אַ פּראָבלעם פֿון ברירה: וועלכע לאָיאַליטעט איז העכער אין דער געגעבענער היסטאָרישער סיטואַציע? אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט ער קלאָר און איינפֿאַך געענטפֿערט, אַז ווען די ברירה איז, אָדער קעניג טשאַרל אָדער קעניגין אמת, אַנטשיידעט ער זיך פֿאַר דער קעניגין. ער איז דערביי געווען זיכער, אַז דינען דער קעניגין אמת, איז נישט נאָר אין דער באַשטימטער פּאָליטישער סיטואַציע אין וועלכער ענגלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפֿונען, נאָר אין אַלע צייטן און אונטער אַלע באַדינגונגען, אין לעצטן היסטאָרישן חשבון, אַ סך מער פּאַטריאָטיש ווי שאַנעווען דעם קעניג טשאַרלז.

עס איז איצט אין פּלאַץ צו דערמאָנען אַז דאָס וואָס מ׳איז גרייט צו באַצייכענען אַלס „טאָפּעלע לאָיאַליטעט״ האָט אַ שייכות נישט בלויז צו אַזעלכע בירגער, וואָס קענען האָבן קולטור־עמאָציאָנעלע „צוגעבונדנקייטן״ צו דער באַפֿעלקערונג פֿון אַן אַנדער סוווערענעם לאַנד, ווי דאָס, אין וועלכן זיי לעבן און איבן אויס זייער בירגערשאַפֿט מחמת זייער עטנישן אָפּשטאַם. דאָס איז חל אויך אויף, אַזוי צו זאָגן, „נאָרמאַלע״ בירגער, וואָס האָבן נישט קיין באַזונדערע עטנישע שייכותן, אַחוץ די וואָס פֿאַרבינדן זיי מיט דער מאַיאָריטעט אָדער מיט דעם הויפּט־שטאַם פֿון דער שטאַטס באַפֿעלקערונג, און וואָס טראָגן נישט אין זייערע הערצער קיין נאָסטאַלגיע־געפֿילן צו וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד. די דוכאָבאָרן אין רוסלאַנד, די הוטעריסטן און די מענאָניטן אין דייטשלאַנד, און די קוועיקערס אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע זענען געשטאַנען (שטייען אויך היינט אין אַ געוויסער מאָס) פֿאַר אַ ברירה פֿון לאָיאַליטעטן, כאָטש עטניש און טעריטאָריעל־פּאָליטיש איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד צווישן זיי און דעם רוב מנין פֿון דער באַפֿעלקערונג אין זייערע באַטרעפֿנדיקע לענדער. דער קאָנפֿליקט צווישן זיי און די פּאַטריאָטישע מלוכה־פּעטישיסטן וואָס האָבן זיי באַקעמפֿט, איז באַשטאַנען נישט אין אַ סתירה צווישן צוויי נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע לאָיאַליטעטן, וואָס האָט נאָך געקענט זיין, לאָמיר זאָגן, צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר ביי אַן אירלענדער וואָס האָט געלעבט אין ענגלאַנד. אין אַ געוויסן זינען איז דער קאָנפֿליקט געווען אַ סך אַ טיפֿערער און אַ מער פֿונדאַמענטאַלער: די סתירה צווישן אַרויפֿגעצוווּנגענע פֿליכטן פֿון אַ פּאָליטישן און אַנטי־רעליגיעזן כאַראַקטער, פֿון איין זייט, און דירעקט עטיש־רעליגיעזע, אָדער אַזוי צו זאָגן,

טראַנסצענדענטאַלע פליכטן, פון דער אַנדערער זייט. דאָס איז אייגנטלעך דער זעלביקער צוזאַמענשטויס צווישן לאָיאַליטעטן פון אַ רעלאַטיוון ווערט און רעלאַטיווער אָבליגאַטאָרישקייט, און לאָיאַליטעטן פון אַן אַבסאָלוטן ווערט און פון אַ מער מעטאַפיזישן כאַראַקטער, וועלכער האָט באַשעפטיקט שוין צוריק מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר נישט נאָר סאָקראַטעסן און פלאַ־טאָנען, נאָר אויך די גריכישע טראַגיקער, און ספּעציעל סאָפאָקלעס. אַנטיגאָנע ווייסט, אַז איר ברודער פּאָלינִיקעס, וואָס איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, איז באַגאַנגען פאַרראַט קעגן זיין פאָטערלאַנד, אַז דער קעניג האָט אַ רעכט, לויט די געזעצן פון שטאַט, אַרויפצולייגן אויף דעם טויטן שונא דעם עונש וואָס איז פאַרגעשריבן פאַר אַזעלכע פאַלן: „לאָזט אים בלייבן אומבאַוויינט און אומבאַגראָבן, לאָזט די פייגל וואַכן איבער זיין קערפּער און פרעסן פון אים וויפל זיי ווילן". זי ווייסט אָבער אויך פון אַן אַנדער קעניגרייך, ווו עס הערשן געטער, נישט קיין מלך־בשר־ודם. זי איז פאַראַלעל אַ בירגערין אויך אין יענעם קעניגרייך פון אייביקייט, און לויט די געזעצן פון יענעם „שטאַט", ווי זי פאַרשטייט זיי, טאָר זי נישט לאָזן דעם קערפּער אויף פונעם גרעסטן פאַר־ברעכער אומבאַגראָבן און אומבאַוויינט: אַ מת אָן אַ קבר ווערט אויף אייביק אָפּגעשניטן אויך פון „יענער" וועלט, אויך פון דער אייביקייט. זי ווערט דערפאַר אַליין אַ מורדת במלכות, ווען זי באַגראָבט פּאָלינִיקעס מיט אַ קבר און מיטן ריטואַל פון קבורה. זי איז באַגאַנגען, ווי זי דריקט זיך אַליין אויס, „אַ הייליק פאַרברעכן" — אַ פאַרברעכן לויט דער אויפפאַסונג פון שטאַט, אַ הייליקע טאַט לויט די פאָדערונגען פון די געטער. אויף אַנטיגאָנעס וועג — אויפן וועג פון סובאָרדינירן פּאָליטישע לאָיאַליטעטן צו דער רעליגיעזער „לאָיאַליטעט", פון שטעלן „דינא דשמיא" העכער פון „דינא דמלכותא" — האָט געזאָלט גיין דאָס קריסטנטום: דער דאָזיקער פּאַטאָס האָט זיך אָבער היסטאָריש אויסגעדריקט מערסטנטייל אין זיינע „אפּיקורסישע" אָפּנייגן, נישט אין זיינע הויפּט־שטראָמען. די עצה פונעם נייעם טעסטאַמענט, צו געבן צעזאַרן וואָס אים קומט, און גאָט וואָס אים קומט, קלינגט זייער אידיליש, אָבער אויך זייער אילוזאָריש. „צעזאַר" מאָנט נישט זעלטן אויך דאָס וואָס עס קומט דעם רבונו של עולם, און דער רבונו של עולם מאָנט גאַנץ אָפט און גאַנץ קאַטעגאָריש דאָס, וואָס „צעזאַר" פאָדערט פאַר זיך. די קאַטוילישע קירכע, וויפל חטאים מיר זאָלן נישט האָבן קיין גרונט איר צוצושרייבן אַלס אַ גייסטיקן און פּאָליטיש־סאָציאַלן פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון דער מערב־וועלט, איז דערפאַר געוועזן אי גערעכט, אי אַ סך נעענטער צום מקור און צום עכטן וועזן פון קריסטנטום, ווען זי האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך פּראָ־טעסטירט קעגן דער פאָרמולע פון דער רעפאָרמאַציע, לויט וועלכער דער

הערשנדיקער פירשט האָט אַ רעכט אַרויפצוצווינגען זיין רעליגיע אויפן גאַנצן לאַנד. דער קאַטאָליציזם האָט מיט רעכט געזען אין אַזאַ צוגאַנג אַן אַטענטאַט אויפן אינדיווידועלן געוויסן, אַ פאַרשטאַטלעכונג פונעם בירגערס גייסטיקן לעבן, אַ פאַרזוך אַוועקצושטעלן טרייהייט צום פירשט, די דעמאָלטיקע פאָרעם פון פאַטריאַטיזם, העכער פון אַלע אַנדערע פליכטן און לאָיאַליטעטן. עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן באריכות אויף אַלע עטאַפּן, זיגזאַגן און פּאַראַדאָקסן אין דער געשיכטע פונעם קאַמף צווישן שטאַט און רעליגיע (אָדער קירכע) און אויף די פאַרשיידענע קאָמפּראָמיסן, אויפריכטיקע און אומאויפריכטיקע, וואָס איין צד האָט געמאַכט דעם אַנדערן. מיר האָבן בלויז געוואָלט דערמאָנען אַן דעם פאַקט, אַז דאָס וואָס מיר באַצייכענען היינט אַלס „טאָפּעלע לאָיאַליטעט" אָדער אַלס פּאַטריאַטיזם מיט רעזערוואַציעס, איז, ערשטנס, נישט קיין נייע דערשיינונג, און, צווייטנס, אַז דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער שטאַט האָט געמוזט שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז צווישן דער באַפעלקערונג געפינען זיך מינאָריטעטן — פון דעם זעלביקן שטאַם און פלייש־און־בלוט, פון דעם זעלביקן שפּראַך־ און קולטור־קרייז ווי די מאַיאָריטעט — וועמענס פאַטריאַטיזם אָדער דאָס וואָס ווערט קאָנווענציאָנעל אָנגענומען אַלס פאַטריאָטיזם, איז נישט קיין „אַבסאָלוטער", און וואָס מאַכן עס גאַנץ קלאָר אַז סיי אין פּרינציפּ און סיי אין דער פּראַקטיק קען מען פון זיי נישט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן שטעלן זייער לאָיאַליטעט צום שטאַט און זיינע פאָדערונגען העכער פון זייערע אַנדערע, פון זייער שטאַנדפונקט וויכטיקערע און, אין אַ געוויסן זינען, איבער־פּאָליטישע לאָיאַליטעטן. נישט שטענדיק, אגב, ווערן מיטגלידער פון אַזעלכע מינאָריטעטן באַטראַכט פאַר מינדערוועטיקע בירגער, טראָץ דעם וואָס אַלע ווייסן, אַז אין געוויסע קריטישע סיטואַציעס, ווי, למשל, אין צייט פון מלחמה, וועלן זיי זייערע אָפיציעל־פאַטריאָטישע פליכטן נישט דערפילן. עס איז גענוג צו דערמאָנען אָן דעם היוכן סאָציאַלן אָנזען, וואָס עס געניסן די קוועיקערס סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אַמעריקע. טאָרסטיין וועבלען איז אפשר גאָרנישט געווען אַזוי אומגערעכט, ווען ער האָט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן דעם גוטן בירגער און דעם פאַטריאָט, כאָטש ער האָט אויסגעדריקט זיין געדאַנק אין אַן עקסטרעם־פּאַראַדאָקסאַלער צו־להכעיס־פאָרעם: „עס איז נישט פאַראַן וואָס עס זאָל שטערן אַ שלעכטן בירגער צו זיין אַ ,גוטער פאַטריאָט', און עס איז פון גאָרנישט נישט געדרונגען אַז אַ גוטער בירגער זאָל, אין געוויסע פרטים, נישט זיין אַ זייער גלייכגילטיקער פאַטריאָט".

אַלס ייִדן האָבן מיר אָבער איצטער אַ באַזונדערן און אַקטועלן אינטערעס נישט אַזוי אין דער אַלגעמיינער פראַגע פון פּאַראַלעלע לאָיאַליטעטן,

און, אויב מען מעג זיך דאָ אַזוי אויסדריקן, פֿון דער היעראַרכישער אָרדענונג, אין װעלכער אַזעלכע פּאַראַלעלע לאָיאַליטעטן געפֿינען זיך בײַ אַנדערע, נישט־עטנישע, גרופּן, װי אין דער פֿראַגע, אויף װיפֿל ציוניזם (אָדער, לאָמיר זאָגן, פּראָ־ציוניזם) געפֿינט זיך אין װעלכער נישט איז סתירה צו פּאָליטישע לאָיאַליטעטן אין אונדזערע װוין־לענדער. שטייט דער פּאַטריאָטיזם פֿון אַן אַמעריקאַנער ייִדן, װאָס קולטיװירט זײַנע ייִדישע פֿאָלקס־שײַכותן און זעט אין דער מדינת ישראל די פֿאַרקערפּערונג פֿון ז ײַ נ ע ם אָ ן א ײ ג ע נ ע ם א י ד ע אַ ל, אונטער אַ פֿראַגע־צײכן? איז ער, מעג ער זיך באַטראַכטן, מעג ער פֿאָדערן פֿון אַנדערע אַז זײ זאָלן אים באַטראַכטן פֿאַר אַ גאַנצן אַמעריקאַנער (אין ענגלאַנד — פֿאַר אַ גאַנצן ענגלענדער), אָדער איז ער בלויז טײלװײַז אַן אַמעריקאַנער, אַן אַמעריקאַנער מיט אַן „אָבער“? געהערט אַזאַ ייִד גלײַכצײַטיק צו צװײ „נאַציאָנאַליטעטן“, און אויב יאָ, צי קען מען זיך פֿאַרלאָזן אויף זײַן פֿולער לאָיאַליטעט צו אַמעריקע? היות צװישן סוּװערענע מדינות קומען פֿאָר פֿון צײַט צו צײַט קאָנפֿליקטן און צוזאַמענשטויסן — מיליטערישע אָדער בלויז פּאָליטישע — װי אַזוי װעט אַ ציוניסטיש אָנגעהויכטער אַמעריקאַנער ייִד האַנדלען (אָדער אַפֿילו בלויז װ ע ל ן האַנדלען?), אַל תּפֿתּח פּה לשטן, אין אַ קריטישער סיטואַציע, אין װעלכע זײַנע „צװײ לאָיאַליטעטן“ װעלן זיך מיטאַמאָל אַרויסװײַזן אומפֿאַראײנבאַר: נישט אײנע ל ע ב ן דער אַנדערער, נאָר אײגענע ק ע ג ן דער אַנדערער? איז פֿאַר אַזאַ ייִדן אַמעריקע נישט מער װי אַ „באָרדינג־הויז“ — מיר נוצן דאָ טעאָדאָר רוזװעלטס אַן אויסדרוק, װעלכן טשאַרלס בירד האָט געהאַלטן פֿאַר נײטיק איבערצוחזרן ערבֿ דער לעצטער מלחמה, װען ער האָט פֿאָרגעװאָרפֿן די נישט־אַנגלאָ־זאַקסישע אימיגראַנטישע גרופּן מאַנגל אין פּאַטריאָטיזם — אָדער אַ פֿאָטערלאַנד?

עס איז נישט װיכטיק, צי אַזעלכע פֿראַגן װערן אונדז שוין הײַנט געשטעלט אין אַמעריקע אָדער נישט, און צי זײ װערן געשטעלט אין אַזאַ שאַרפֿער, כמעט „ברוטאַלער“ פֿאָרעם, װי מיר האָבן זיך דאָס דערלויבט צו טאָן. אַן ענטפֿער אויף אַזעלכע פֿראַגן איז אַן אַמעריקאַנער ייִד (און דער ייִד אין אַ צאָל דעמאָקראַטישע לענדער) שולדיק זיך אַלײן. קלאָרקײט אין אַזאַ ענין און ערלעכקײט מיט זיך אַלײן איז פֿאַר אים, אין אַ געװיסן זינען, אַ סאָציאַל־היגיענישע באַדערפֿעניש.

אפֿשר דאַרף מען צוליב דעם, פֿריִער, אויפֿסנײַ דעפֿינירן דעם באַגריף פֿון פּאַטריאָטיזם, װי ער װערט הײַנט פֿאַרשטאַנען. אין מיטלאַלטער, װי מיר האָבן שוין פֿריִער דערמאָנט, איז דער הויפּט־אָביעקט פֿון פּאַטריאָטיזם אָדער לאָיאַליטעט (מ׳מעג אַפֿילו זאָגן, דער אײנציקער אָביעקט) געװען דער די־

באַסטישער הערשער, דער פּרינץ, דער קעניג. ס'האָט דעמאָלט קיין רעדע נישט געקענט זיין וועגן לאָיאַליטעט צום שטאַט אַלס אַזעלכן, ווייל אין גרונט האָט ער גאָרנישט פאַרמאָגט קיין באַזונדערע, אייגענע, עקזיסטענץ אויסער דער פּערזאָן אָדער דער דינאַסטיע פונעם הערשער. „ל'עטאַ סע מואַ" (דער שטאַט דאָס בין איך) איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון אַ קיסר אַ בעל־גאווה, נאָר אַ מער אָדער ווייניקער אָביעקטיווע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּאָליטישער פיזיאָגנאָמיע פון די מייסטע שטאַטן. אין דער מאָס, אין וועלכער לאָיאַליטעט פונעם אונטערטאַן (און זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן: פונעם אונטערטאַן, נישט פונעם בירגער) צום הערשער און צו זיין פאַמיליע מעג אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען „פּאַטריאָטיזם", האָט דאָס נאַטירלעך געמוזט זיין אַ זייער אייפערזיכטיקער פּאַטריאָטיזם. עס איז אוממעגלעך צו זיין אין איינער און דער זעלביקער צייט איבערגעגעבן און לאָיאַל צו צוויי פּרינצן אָדער קעניגן, וואָס — אין פּרינציפּ, לכל־הפחות — איבט יעדער פון זיי אויס אומבאַשרענקטע מאַכט. דאָס איז פונקט אַזוי אוממעגלעך, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אַ פראַנצויזישער סכאָלאַסטיקער, ווי צו לעבן אין צוויי אוממעגלעכקייטן. פאַר אַזאַ לאָיאַליטעט איז שוין אין אונדזערע יאָרן נישטאָ אין דער וועלט קיין פּלאַץ, נישט פּסיכאָלאָגיש און נישט קאָנסטיטוציאָנעל (אויב מען זאָל נישט נעמען אין באַטראַכט אַזעלכע פּאָליטישע פאַרזעענישן אָדער אַנאַכראָניזמען, ווי סאַודי־אַראַביע אָדער תימן). עס וואָלט אָבער געווען לחלוטין אומריכטיק צו דעפינירן דעם פּאַטריאָטיזם פון אונדזער צייט אַלס לאָיאַליטעט צו דער רעגירונג פון לאַנד — לאָמיר זאָגן, צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג פון אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. שוין דער־מיט אַליין וואָס זי איז קאָנסטיטוציאָנעל, וואָס איר מאַכט איז אַ דעלעגיר־טע, איז זי אין פּרינציפּ אַ צייטווייליקע, אָדער אַ פאַרבייגייענדיקע און, ווייל זי איז אָפּהענגיק פונעם ווילן און די סענטימענטן פון די בירגער, קען זי נישט האָבן קיין תביעות אויף יענער אומבאַדינגטער, כמעט מיסטישער לאָ־יאַליטעט, אויף וועלכער עס האָט פּרעטענדירט דער געקרוינטער הערשער. אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון די בירגער, מ'זאָל אויספאָלגן אירע רעגולאַציעס — אויף וויפל זיי זענען נישט אין קעגנזאַץ צום געזעץ — אָבער זי קען נישט פאָדערן, מ'זאָל זי „ליב־האָבן", מ'זאָל זי נישט קריטיקירן, מ'זאָל זי נישט האַלטן פאַר אומקאָמפּעטענט און מ'זאָל נישט זוכן, מיט געזעצלעכע מיטלען, פּטור צו ווערן פון איר און אַוועקזעצן אויף איר פּלאַץ אַן אַנדערע, בעסערע רעגירונג. זי איז נישט דער מקור פון מאַכט, נאָר אַ פּועל־יוצא פונעם כללס דעלעגירטער מאַכט. ווען דער קאָנ־גרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין 1798 אָנגענומען דעם „סעדישאָן

אַקט״, לויט וועלכן מ׳האָט געמעגט אַרויפלייגן אַ געלט־שטראָף אָדער פֿאַר־שיקן אין תּפֿיסה אַ בירגער פֿאַר פּובליצירן פֿאַלשע, בייזוויליקע אָדער סקאַנ־דאַליעזע באַריכטן וועגן מיטגלידער פֿון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג מיטן צוועק צו שאַפֿן פֿאַר זיי אַ שלעכטן נאָמען, האָבן די לעגיסלאַטורן פֿון ווירדזשיניאַ און קענטאַקי גלייך געענטפֿערט אויף דעם מיט רעזאָלוציעס, אַז אַזאַ אַקט איז אומקאָנסטיטוציאָנעל. זיי וואָלטן נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַקט ווען עס וואָלט זיך אין אים גערעדט בלויז וועגן פֿאַלשע באַריכטן. זייער טענה איז אָבער געווען, אַז מ׳קען נישט לאָזן דעם געריכט פֿעסטשטעלן, צי אַ באַריכט איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ בייזוויליקער כּוונה אָדער ער איז „סקאַנדאַליעז״. שאַפֿן אַ שלעכטן נאָמען אַ מיטגליד פֿון דער רעגירונג איז, פֿון דער אַנדערער זייט, אַ בירגערס רעכט, אויב ער באַנוצט זיך נישט פֿאַר זיין צוועק מיט ליגנס, מיט בילבולים אָדער סתּם רכילות. אַחוץ טאָטאַלי־טאַרע מלוכות, וועט אין אונדזערע טעג קיינעם נישט קומען אויף דער מחשבה צו מאַכן די רעגירונג (און דאָס הייסט, פּערזאָנען פֿון וועלכע אַ רעגירונג באַשטייט) פֿאַרן אָביעקט פֿון פּאַטריאָטישער לאָיאַליטעט. דער אָביעקט פֿון פּאַטריאָטיזם איז, לויט דער איצט אָנגענומענער אויפֿפֿאַסונג, דער ש ט אַ ט, נישט די רעגירונג. אָבער וואָס הייסט, עמפּיריש, שטאַט? עס האָט איצט ווייניק זינען נאָכאַמאָל אַריינצולאָזן זיך אין דער פֿראַגע, צי איז דער שטאַט אַ דירעקטער אָדער אַן אומדירעקטער פּועל־יוצא פֿון אַ „סאָציאַלן קאָנטראַקט״, און אין וועלכער מאָס ער איז אַן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע אָדער אַן אָ ר ג אַ־נ י ז ם. וועמען עס איז נישט גרייט אָנצונעמען, אַז דער שטאַט איז אַ וועזן, וואָס פֿונקציאָנירט פֿון זיך אַליין און לעבט מיט זיין אייגענעם מהות, אומ־אָפּהענגיק פֿון די יחידים וואָס שטעלן אים צוזאַמען; ווער עס שרייבט אים נישט צו קיין מיסטישע אַטריבוטן, ווייסט אַז דער שטאַט איז פֿאַר אַלעמען, אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿט, אַ ראַם פֿאַר אָרגאַניזאַציע און קאָאָרדינאַציע פֿאַר די יחידים און גרופּן, פֿון וועלכע די געזעלשאַפֿט באַשטייט. לאָיאַליטעט צום שטאַט איז דערפֿאַר, אין לעצטן אַנאַליז, לאָיאַליטעט צו מיטבירגער, צו דער געזעלשאַפֿט וואָס לעבט אויפֿן שטאַטס טעריטאָריע, צום פֿאָלק. אַ פּאַטריאָט איז דער, וואָס געפֿינט זיך אין אַ מער אָדער ווייניקער אינטימער פֿאַרהעל־טעניש צום כּלל פֿון זיינע מיטבירגער, און האָט סימפּאַטעטיש אין זינען די אינטערעסן, דעם ווילזיין, די מאָראַלישע פֿיזיאָנאָמיע, דעם סטאַטוס און די רעפּוטאַציע פֿון זיין פֿאָלק לגבי אַנדערע פֿעלקער. און דאָ מעג מען פֿרעגן: צי שליסט אויס די לאָיאַליטעט (צוזאַמען מיט אַ געוויסער אינטימיטעט־צוגעבונדנקייט) צו איין פֿאָלק אַ פּאַראַלעלע, ענלעכע לאָיאַליטעט צו אַן אַנ־דער פֿאָלקס־גרופּע, וואָס לעבט אין אַן אַנדער לאַנד, מיט אַן אייגענער שטאַט־

לעכער אָרגאַניזאַציע? צי איז מעגלעך דאָס, וואָס אייניקע ווילן באַצייכענען אַלס „טאָפּעלע נאַציאָנאַליטעט", און אויב מעגלעך, צי איז דאָס אַ לעגיטימע און מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע דערשיינונג? צי איז פאָלק, נאַציע, שטאַט אַזאַ הערמעטיש געשלאָסענער קאָמפּאַרטימענט, אַז דער בירגער וואָס געפינט זיך אין אים האָט שוין נישט קיין נאָרמאַלע מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין ענלעכע שייכותן צו גרופּן וואָס געפינען זיך אין אַנדערע קאָמפּאַרטימענטן? אַנדערש גערעדט: צי איז פאַראַן פּלאַץ פאַר פּלוראַליזם פון סאָציאַלע שייכותן, פון צוגעבונדנקייטן, פון „צאַרטקייטן", פון „לאָיאַליטעטן!"?

די ווירקלעכקייט גופא גיט אונדז אויף דעם אַן ענטפער. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל אַן איטאַליעניש שפּרעכנדיקן בירגער פון דער שווייץ. אפשר גיט ער זיך אַליין נישט אָפּ קיין חשבון פון דער צאָל לאָיאַליטעטן, וואָס ער טראָגט אין זיך אין פאַרשיידענע גראַדן. ער איז אַ שווייצער און קיינער וועט נישט אָפּפרעגן זיין אַלגעמיין־שווייצאַרישן פּאַטריאָטיזם, זיין טרייהייט צו דער קאָנפעדעראַציע. ער איז אין דער זעלביקער צייט אַ לאָקאַלער פּאַטריאָט פון זיין קאַנטאָן. טיטשינאָ איז פאַר אים דער אינטימסטער חלק פון זיין „פּאַטריאַ". אַלץ איינס וואָס זיין „ראַסן"־אָפּשטאַם זאָל נישט זיין, געפינט ער זיך אין אַ קולטורעלער און שפּראַכלעך־סענטימענטאַלער פאַרבינדונג מיט די מיליאָנען איטאַליע־בירגער פון יענער זייט גרענעץ. רעליגיעז איז ער, אין די מייסטע פאַלן, אַ קאַטאָליק, און אַלס אַזעלכער איז ער באַהעפט מיט אַן אומגעהייער גרויסער צאָל קאַטאָליקן אין גאָר דער וועלט, און, דערצו, אַנערקענט ער נאָך, אין געוויסע ענינים און פאַר באַשטימטע סיטואַציעס, די „סוווערעניטעט" פון אַן אייגנאַרטיקער אויטאָריטעט, וואָס הייסט וואַטיקאַן. אויב ער זאָל מאָרגן ווערן אַ באַאַמטער פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועט ער נעמען אַ נייע שבועה פון טרייהייט, און עס וועט אים צוקומען נאָך אַ לאָיאַליטעט — לאָיאַליטעט צו דער „וועלט" בכלל. ווען מ'זאָל אים אינטערוויויִרן און אים צווינגען מאַכן אַ חשבון־הנפש, וועלכן ער האָט אפשר קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו מאַכן, וועט ער זיכער באַהויפּטן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן די עטלעכע פּאַראַלעלע לאָיאַליטעטן, וואָס מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט. זאָל מען אים זאָגן, אַז ער איז אַלס פּסיכאָלאָגישער אָדער סאָציאַלער טיפּ ווייניקער נאָרמאַל ווי אַנדערע בירגער (מיט ווייניקער לאָיאַליטעטן), וועט ער מסתמא לייקענען, אָדער ער וועט אייך דערקלערן, אַז ערשטנס זענען פאַראַן דערשיינונגען פאַר וועלכע עס עקזיסטירט נישט קיין אָביעקטיווער קריטעריום פון מער נאָרמאַל אָדער ווייניקער, און צווייטנס אַז „אָט דאָס איז עס", און עס איז נישטאָ קיין שטאַט וואָס קען און מעג דעקרעטירן „נאָרמאַליטעט". און זאָל עמעצער אויפדעקן

אַ סתירה אָדער דיסהאַרמאָניע אין זײַן צושטאַנד און שײַכותן, װעט ער אײַך ציטירן דעם באַרימטן דיכטערישן זאַץ:

"Ich bin kein ausgekluegelt Buch,
Ich bin ein Mensch mit allem seinen Widerspruch."

דער שװײצער איז בלויז אַן אילוסטראַציע; ער איז נישט קײן אויסנאַמדערשײַנונג. מ'קען אומגעפער דאָס זעלביקע זאָגן װעגן אַ שאָטלענדער. אַ שאָטלענדער איז, ערשטנס, אַ פּאַטריאָט פון שאָטלאַנד (עס װאָלט געװען אָביעקטיװ אומנאָרמאַל װען ער איז עס נישט; צװײטנס, אַ לאָיאַלער בירגער פון גרויס־בריטאַניע; דריטנס, האָט ער אַ געװיסע פּאָליטיש־עמאָציאָנעלע באַציִונג צו די בריטישע דאָמיניעס; פערטנס, אויב ער איז אַ פרומער, טראָגט ער אין זיך נאָך אַ באַשטימטע און גאָר נישט קײן אויבערפלעכלעכע באַציִונג צו דער „הױכער קירכע", װעלכע פאַרבינדט אים מיט גלויבנס־גענאָסן אין אויסלאַנד און טײלט אים אָפּ פון אַ גרויסער צאָל בריטישע מיטבירגער. ער קען נאָך, פינפטנס, זײַן אַ לאָיאַלער מיטגליד פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיט עטלעכע פּלוראַליזמען פון לאָיאַליטעטן צײכענען זיך אויס ענגלענדער און, נאָך מער, פראַנצויזן אין קאַנאַדע, אָדער בורן און ענגלענדער אין דרום־אַפריקע (כאָטש, פון אַ געװיסן שטאַנדפּונקט, איז אין דרום־אַפריקע, װוּ פיר־פינפטל פון דער באַפעלקערונג זענען נישט קײן בירגער און געניסן נאָך נישט די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט, נאָך בכלל נישט פאַראַן קײן עכטער פּאַטריאָטישער געפיל, און די אײנציקע אמתע פּאַטריאָטן זענען אפשר דאָרט די אײנגעבוירענע און אונטערדריקטע באַנטוס).

אײנער פון די װיכטיקסטע יסודות, אויף װעלכע אַן עכטע דעמאָקראַטיע קען אויפגעבויט װערן איז — דאָס רעכט אויף אַנדערשקײט: נישט נאָר אויף צו האָבן אַנדערע מײנונגען און איבערצײַגונגען, װי די װאָס כאַראַקטעריזירן די מאַיאָריטעט, נאָר אויך אויף צו ז ײ ן אַנדערש, אויך אויף צו שטײן אין אַ לעבעדיקער פּראַטערנאַלער פאַרבינדונג מיט אַן עטנישער גרופּע, װאָס געפינט זיך אין אַן אַנדער שטאַט. אַן איטאַלאָ־אַמעריקאַנער װאָס װיל נישט פאַרגעסן איטאַליעניש, װאָס טראָגט איטאַליע אין די צאַרטע קאַמערן פון זײַן זיכרון אָדער פון זײַנע סענטימענטן, װאָס לײַדט־מיט מיט איטאַליע און פרײט־זיך־מיט מיט איר פרײד, װאָס שפּאָרט עפּעס אָפּ פון זײַנע פאַרדינסטן אויף אַרויסצוהעלפן א ו י ך נויטלײַדנדיקע אין איטאַליע, װאָס נוצט זײַן אײַנפלוס אַ ל ס אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר אַז זײַן רעגירונג זאָל אַרויסהעלפן איטאַליע אין איר נויט, און װאָס עס קען זיך אים אפשר אַמאָל אַזוי „פאַרבענקען" נאָך איטאַליע אַז ער זאָל פאָרן זי באַזוכן און זיך אַפילו דאָרט

באַזעצן, איז אין גרונט נישט קיין ערגערער אַמעריקאַנער ווי דער, וואָס האָט נישט קיין ספּעציפישע זעלן־פאַרבינדונג מיט קיין שום עטנישער גרופּע אויסער אַמעריקע. ווען אַזעלכע זאַכן פּאַסירן אַמאָל מיט אַ „הונדערט פּראָצענטיקן" אַמעריקאַנער (ווי, למשל, מיט דערווירדזשיניע־געבוירענער לעידי אַסטאָר, וואָס האָט זיך נאַטוראַליזירט אין ענגלאַנד און אַפילו געוואָרן דאָרט אַ מיט־גליד פון פּאַרלאַמענט), קומט קיינעם נישט אויף דער מחשבה זי צו באַשול־דיקן אין „פאַרראַט" אָדער „אומלאָיאַליטעט". אַמעריקע איז נישט פּאַראינ־טערעסירט — קיין לאַנד איז נישט פּאַראינטערעסירט — צו האָבן בירגער „מיט אַ קורצן זיכרון" און מיט אַן איינגעשרומפּענעם האָריזאָנט. אָדער, בירגער וואָס ליידן פון אַפּאַזיע און אַמנעזיע. אין זייער טיפערן וועזן זענען פעלקער, אויף וויפל זיי זענען נישט באַנומען מיט דזשינגאָיסטישע קראַנ־קייטן אָדער דעמאָראַליזירט פון זייערע רעזשימען, נישט אַזוי „אייפערזיכ־טיק" ווי פירשטן, קעניגן אָדער בלינד־ענגהאַרציקע רעגירונגען, און זיי קענען פאַרטראָגן אויך סעפּאַראַטע אָדער פּאַראַלעלע לאָיאַליטעטן, אויב זיי טראָגן נישט קיין אַנטי־סאָציאַלן אָדער אַגרעסיוון כאַראַקטער.

ערנסט רענאַן האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז די עצם עקזיסטענץ פון אַ נאַציע איז אַ שטענדיקער פּלעביסציט. אַזאַ באַהויפּטונג טראָגט אין זיך נישט קיין קליינע איבערטרייבונג. עס איז אָבער אמת, אַז דער היקף פון סאָציאַל־קולטורעלע און פּאָליטישע לאָיאַליטעטן איז נישט שטענדיק איינער און דער זעלביקער, אַז אין פאַרבינדונג מיט געשעענישן און היסטאָרישע אַנטוויקלונגען קען ער ווערן אי שמאָלער, אי ברייטער. דער הייַנטיקער נאָר־וועגיער האָט אַ שמאָלערן היקף פאַר זיין פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, ווי עס האָט געהאַט זיין פאָטער אָדער עלטערער ברודער, ווען נאָרוועגיע איז נאָך געווען אַ טייל פון דעם דענישן שטאַט. דער אָביעקט פונעם מוסולמענישן פּאַטריאָטיזם אין פּאַקיסטאַן איז היינט „קלענער" איידער דער אָביעקט פון דעם אָל־אינדישן נאַציאָנאַליזם פון צוריק מיט צען אָדער פופצן יאָר, און נישט אויף אַלע ענגלענדער קען מען אָנווענדן דאָס פּאָפּולערע לידל:

> "In spite of all temptations
> To belong to other nations,
> He remains an Englishman."

דער ענגלענדער פון אויסטראַליע, פון ניי־זעלאַנד, פון דרום־אַפריקע (שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם ענגלענדער וואָס האָט זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן) איז נישט דער זעלביקער ענגלענדער, וואָס אין גרויס־

בריטאַניע, אין אַ געוויסן זינען געהערט ער צו „אַנדערע נאַציעס", צו נאַציעס וואָס ער און אַזעלכע ווי ער האָט אַליין געשאַפן, און וואָס האָבן געמאַכט אַ־ בריטער, אי קאָמפּליצירטער דעם קרייז פון זיינע לאָיאַליטעטן. אין זומער פון 1940 האָט ווינסטאָן טשוירטשיל געמאַכט דער פראַנצויזישער רעגירונג אַ פאָרשלאַג אין נאָמען פון גרויס־בריטאַניע: פאַרצווזעצן די מלחמה קעגן דייטשלאַנד, טראָץ די טראַגישע שוועריקייטן פון יענע טעג, אָבער אין דער זעלביקער צייט גלייך לייגן דעם יסוד פאַר אַ בשותפותדיקער בריטיש־פראַנ־ צויזישער מלוכה. וואָס וואָלט געווען, ווען די פראַנצויזישע רעגירונג וואָלט יענעם אָנבאָט אָנגענומען? פראַנצויזן און ענגלענדער וואָלטן היינט געווען בירגער פון איינעם און דעם זעלביקן שטאַט; אַ פראַנצויז וואָלט מיט דער צייט אַנטדעקט, אַז כאָטש די מענטשלעכע קאַפּאַציטעט פאַר לאָיאַליטעטן און אינטימע פאַרבינדונגען איז נישט אומבאַגרענעצט, איז זי אָבער באַ־ דייטנדיק גרעסער, דינאַמישער און עלאַסטישער, ווי פיל פון זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

די פראַגע, גלייבן מיר, איז קלאָר פאַר יעדן, וואָס איז מסוגל זיך צו באַפרייען פון אַנאַכראָניסטישע אויפפאַסונגען וועגן אַ בירגערס פליכטן און דעם שטאַטס רעכט און תביעות. איין עלעמענט אין דער פראַגע איז, אמת, נישט אויפגעקלערט געוואָרן. אויב אונדזער הנחה, קען מען זאָגן, איז אַפילו אַ ריכטיקע — אַז צוויי און אַפילו מער לאָיאַליטעטן מוזן נישט סותר זיין איינע די אַנדערע, און אַז זיי קענען אַפילו „אָרקעסטרירט" ווערן — איז זי ריכטיק אפשר נאָר אין רויקע צייטן און אין נאָרמאַלע סיטואַציעס. וואָס פּאַסירט אָבער מיט אַזאַ „אָרקעסטראַציע" אין פאַל פון אַ מלחמה? צי קען אַמאָל אַ פּאַראַלעלע לאָיאַליטעט — ווען דער אָביעקט פון אַזאַ לאָיאַליטעט איז אַן אויסלענדישע עטנישע גרופּע, וואָס פירט אירע אַן אייגענע שטאַטס־ עקזיסטענץ — נישט ווערן אַ מקור פון פאַררעט, אָדער, לכל־הפחות, אָפּ־ שוואַכן די גרייטקייט צו דערפילן די דירעקטע פּאַטריאָטישע פליכטן אין אַ קריטישער צייט?

אין די שייכותן צווישן אַמעריקאַנער כלל־ישראל און דער מדינת ישראל איז אַזאַ פראַגע, גלייבן מיר, אַ ריין טעאָרעטישע, נישט קיין פּאָטענציעל־ פּראַקטישע. מיר זענען אָבער נישט פריי פון דער פליכט — פאַר אַלעמען, זיך אַליין — צו געבן אַן ענטפער אויף אַזאַ היפּאָטעטישער פראַגע, ווי אויס־ טערליש זי זאָל אין אונדזערע אויערן נישט קלינגען.

מיין הויפּט־טעזיס איז דאָ אַן איינפאַכער: איך גלייב נישט אין קיין אַ ב ס אָ ל ו ט ע ל אָ י אַ ל י ט ע ט ן. אַלע אונדזערע לאָיאַליטעטן, סאָציאַלע און פּאָליטישע, זענען רעלאַטיווע, און אַלע האָבן זיי זייערע, פאַר־

מולירטע אָדער נישט־פאָרמולירטע, רעזערוואַציעס. אַבסאָלוטע לאָיאַליטעטן עקזיסטירן בלויז פאַרן רעליגיעזן מענטשן און נאָר אויפן געביט פון רעליגיע, אין די באַציִונגען צווישן מענטש און גאָט. פּאַטריאָטיזם איז אַ סאָציאַלע פליכט, נישט קיין רעליגיעזע, און אַפילו אין יענע פאַלן, אין װעלכע פּאַט־ריאָטיזם אין אָנגעהויכט מיט רעליגיעזע אָדער האָט די סאַנקציע פון רעליגיע, ווערט ער דערמיט נאָך נישט דאָס זעלבע וואָס רעליגיע. ווען פּאַטריאָטיזם וויל אַליין ווערן אַ רעליגיע, ווערט ער אַן ערנסטע סאָציאַל־גייסטיקע געפאַר — די געפאַר פון עבודה־זרה, פון פעטישיזם. אויך פּאַטריאָטישע פליכטן דאַרפן געשטעלט ווערן פאַר אַן עקזאַמען פון העכערע ווערטן, פון ווערטן צו וועלכע פּאַטריאָטיזם דאַרף זיין סובאָרדינירט. עס זענען דערפאַר פאַראַן — באַזונדערס אין דער היסטאָרישער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן — מענטשן וואָס האָבן זייער פאָטערלאַנד ליב מיט זייער גאַנצער נשמה־קראַפט, און זענען פונדעסטוועגן נישט שטענדיק גרייט צו דערפילן די פּאַט־ריאָטישע פליכטן, וואָס זייער רעגירונג אָדער אַפילו אַ מאַיאָריטעט פון זייער פאָלק לייגט אויף זיי אַרויף. אַזעלכע פּאַטריאָטן האָבן זייער גרונט, אין באַשטימטע סיטואַציעס, צו באַטראַכטן זייערע רעגירונגען אַלס פאַררעטער־רישע, און יענע טיילן פונעם פאָלק וואָס פאָלגן אויס די באַפעלן פון זייערע רעגירונגען פאַר מיט־פאַררעטער, און זיך אַלס די געטרייעסטע זין פונעם פאָטערלאַנד. דער פאַשיסטישער פּאַטריאָט נוצט דעם באַרימטן לאָזונג: „מאַי קאָנטרי, ראַיט אָר ראָנג”. דער קאָמוניסט אויסער סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכער איז אויך אַ מין פעטישיסטישער פּאַטריאָט, אָבער „אויף קאַפּויר”, וואָלט געדאַרפט נוצן אַ לאָזונג, ווי ראַנהאָלד ניבור האָט אים אַמאָל פאָרמו־לירט: „יור קאָנטרי ראַיט אָר ראָנג” (ווייל דער באַפעל פון דער סאָוועטישער רעגירונג האָט די קראַפט פון אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו), אָבער נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער לאָזונג קען אָנגענומען ווערן פון אַ פרייען מענטשן. נישט נאָר אַנדערע לענדער, נאָר אויך זיין אייגן לאַנד קען זיין אומגערעכט, שולדיק, פאַרברעכעריש, און ווען ער אַנטדעקט די אומגערעכ־טיקייט, פילט ער זיך מחוייב, אין אַ זייער ערנסטער סיטואַציע, נישט מיט־צומאַכן די שולד, און פון אַן אויבערפלעכלעכן שטאַנדפּונקט וועט ער דעמאָלט באַגיין טאַטן, וואָס ריין טעכניקאַליש וועלן זיי קענען באַצייכנט ווערן אַלס אומפּאַטריאָטיש.

באַשיצן מיט געווער דאָס פאָטערלאַנד אין צייט פון מלחמה איז פאַר יעדן בירגער (אויב ער איז נישט קיין רעליגיעזער פּאַסיפיסט) אַ קלאָרע און אומצווייִדייטיקע פליכט. די דאָזיקע פליכט איז אָבער, פון אַ סאָציאַל־מאָראַ־לישן שטאַנדפּונקט, נישט קיין קאַטעגאָרישע. איך באַטראַכט זיך פאַר אַ

לאָיאַלן אַמעריקאַנער און איך האַלט זיך מחויב צו באַשיצן אַמעריקע אין אַלע פאַלן, אין וועלכע עס קען איר דראָען אַ געפאַר, באַזונדערס אַ נישט־פּראָוואָצירטע געפאַר. אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַזאַ העכסט־היפּאָטעטישן פאַל, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג באַשליסט מאָרגן צו דערקלערן מילחמה אונדזער שכנה מעקסיקאָ, מיטן צוועק צוצונעמען ביי איר נידער־קאַליפאָרניע. אויב אַזאַ מטורפדיקע זאַך זאָל פּאַסירן, וועל איך זאָגן, אַז מיין רעגירונג איז אַראָפּ פון זינען, און אויב די מלחמה־דעקלאַראַציע זאָל באַשטעטיקט ווערן פונעם קאָנגרעס, וועל איך האַלטן אַז אונדזער פּאַרלאַמענט באַגייט דעם פאַרברעכן פון אַן אומגייטיקער אַגרעסיווער מלחמה. איך בין נישט קיין מעקסיקאַנער און נישט קיין בן־מעקסיקאַנער; מעקסיקאָ איז מיר אינגאַנצן אַ פרעמד לאַנד, צו איר ציוויליזאַציע קען איך נישט האָבן קיין שום אינטימע באַציִונג, און איך שטיי נישט צו איר און איר באַפעלקערונג אין וועלכער נישט איז שייכות פון לאָיאַליטעטן און צוגעבונדנקייטן. עס וועט אָבער נישט זיין אומנאַטירלעך, אויב איך זאָל אין אַזאַ פאַל באַשליסן: אַ ז אַ פּאַטריאָטישע פליכט וויל איך נישט דערפילן. דער ווילזיין פון אַמעריקע פאָדערט נישט אַזאַ מילחמה, און פון אַ זיג קען איר קיין געזונט נישט צוקומען: דאָס געווינס פון רויב איז ריין אילוזאָריש און אין לעצטן היסטאָרישן חשבון ווערט דער פאָלקס־אָרגאַניזם אויפגעפרעסן פון אַזעלכע „פּראָפיטן". דאָ קען זיך נישט האַנדלען וועגן אַ קאָנפליקט צווישן צוויי נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעטן; אויב איך קאָאָפּעריר נישט אין אַזאַ מלחמה, איז עס דאָך נישט דערפאַר, וואָס איך שטעל מיין מעקסיקאַנער לאָיאַליטעט העכער פון דער אַמעריקאַנער (וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך דען צו מעקסיקאָ?), נאָר ווייל איך סובאָרדינירן אַ ריין פאָרמעלע לאָיאַליטעט — מיין רעגירונג האָט באַשלאָסן! — צו דער העכערער לאָיאַליטעט פון אַ וועלט־בירגער אָדער אינטערנאַציאָנאַליסט. אויב די ענגלישע רעגירונג זאָל זיך היינט אַנטשליסן צו שיקן אַ מיליטערישע עקספּעדיציע קיין אירלאַנד מיטן צוועק ווידעראַמאָל צו פאַרניכטן איר זעלבסטשטענדיקייט, וועל איך נישט באַטראַכטן אַן ענגלישן בירגער, וואָס וועט זיך בפרהסיה אָפּזאָגן פון אָנטיילנעמען אין אַזאַ עקספּעדיציע, פאַר קיין פאַררעטער, פאַרקערט: איך וועל אים האַלטן פאַר אַ בעסערן ענגלישע פּאַטריאָט, ווי די וואָס וועלן אַזאַ פאַרברעכן מיטמאַכן און דערמיט ביישטראָגן צו דער ח ר פ ה פון זייער לאַנד און צום אומפאַרמיידלעכן שולד־געפיל, וואָס וועט, אפשר אין אונטערבאַוווסטזיין, לאַנגע, לאַנגע יאָרן אונטערמינעווען דעם זעלישן גלייכגעוויכט און זעלבסט־רעספּעקט פון זייער פאָלק. דאָס האָט, ווידער אַמאָל, גאָרנישט צו טאָן מיט צוויי קאָנקורירנדיקע נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעטן. מיר רעדן דאָך דאָ נישט פון אַן אירלענדער, וואָס לעבט אין

ענגלאַנד אַלס ענגלישער בירגער, נאָר פון אַן ענגלענדער בן־ענגלענדער, וואָס טראָגט נישט אין זיין האַרצן קיין שום ספּעציפישע צוגעבונדנקייטן צו אירלאַנד.

אָבער נאָך וואָס זאָל איך דאָס אילוסטרירן מיט אַזעלכע היפּאָטעטישע פאַלן? די געשיכטע פון אונדזער דור גיט אונדז גענוג קאָנקרעטע פאַלן, מיט וועלכע איך קען זיך באַנוצן. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געזען אַ צאָל דייטשן וואָס האָבן געקעמפט אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אַרמיי קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. קיינער פון אונדז איז נישט פאַראינטערעסירט די צאָל פון אַזעלכע דייטשן, פליכטלינגע און פּאָליטישע אימיגראַנטן, צו איבערטרייבן. אָבער אַלץ איינס, ווי גרויס אָדער ווי קליין די צאָל איז געווען, זענען יענע דייטשן — נישט פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט און נישט פון אונדזער שטאַנדפּונקט — נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע פאַררעטער. זיי האָבן געקעמפט קעגן אַ דייטשן פּאַטריאָטיזם, וואָס היטלער האָט מאַנאָפּאָליזירט, אין וועלכן ער האָט אַריינגעטראָגן זיין אינהאַלט, אָבער נישט קעגן דייטשלאַנד אַ ל ס אַ ז ע ל כ ע ר. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ וועלט, אין וועלכער נאַצישע טומאה זאָל קיין שליטה נישט קענען האָבן, אָבער אויך, אין אַ געוויסן זינען, פ אַ ר ד יי ט ש ל אַ נ ד, פאַר אַ נידערלאַגע פון זייער פּאַטערלאַנד וועלכע זיי האָבן אין די אומשטענדן פון דער צייט באַטראַכט אַלס אַ וועג פאַר דייטשער גענעזונג און תשובה. אפשר זענען זיי גאָר געווען די איינציקע אמתע פּאַטריאָטן וואָס דייטשלאַנד האָט פאַרמאָגט. יענע נאָרוועגיער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער קוויזלינג־רעגירונג פון זייער לאַנד, זענען נישט געווען קיין אויסוואורפן און פאַררעטער, נאָר בירגער, וואָס העלפּנדיק דער ענגלישער אַרמיי, האָבן זיי דערפילט זייערע אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע פליכט, אָבער אויך אַ נאָרוועגישע פּאַטריאָטישע פליכט — אויסצוראָטן די טומאה אין זייער אייגענעם לאַנד. דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן יענע פראַנצויזן וואָס האָבן געקעמפט, אין זייערע טערמינען, פ אַ ר פ ר אַ נ ק ר ײַ ך און קעגן לאַוואַל און פּעטען; וועגן יענע איטאַליענער וואָס האָבן געקעמפט פ אַ ר איטאַליע און ק ע ג ן מוסאָליני.

לאָמיר קוקן אויף דער זאַך מיט אָפענע און ערלעכע אויגן. אין אונדזער היינטיקער וועלט איז שוין כמעט נישט געבליבן קיין פּלאַץ פאַר ריין לאָקאַלע מלחמות. דער ערד־קויל איז אַ שיין ביסל „איינגעשרומפּן געוואָרן" און, אַחוץ געוויסע אויסנאַמען, האָט יעדער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס צווישן צוויי מדינות, גרויסע אָדער קליינע, אָפענע אָדער פאַרמאַסקירטע אינטערנאַציאָנאַלע אימפּליקאַציעס. יעדער כלומרשט־לאָקאַלער קריג מעג אין אונדזערע יאָרן באַטראַכט ווערן אַלס אַ פאַרשפּיל, אָדער אַ פּראָוואָקאַציע, אָדער

אַן אויסרייד פֿאַר אַ קריג פֿון אַ סך אַ ברייטערן, כּמעט פֿון אַ גלאָבאַלן פֿאַר־נעם. אין אַ געוויסן זין איז יעדע מאָדערנע מלחמה אַ מין בירגער־קריג, און אַ דענקנדיקער בירגער אַלץ איינס אין וואָס פֿאַר אַ לאַנד ער זאָל נישט לעבן און ווי געאָגראַפֿיש ווייט עס זאָל נישט זיין דער פֿראָנט, אויף וועלכן עס צעפֿלאַקערט זיך אַ צוזאַמענשטויס צווישן בלויז צוויי לאָקאַלע צדדים, האָט אַ גרונט אַזאַ צוזאַמענשטויס צו באַטראַכטן אין זיינע מעגלעכע פֿאָלגן פֿאַר דער וועלט בכלל און פֿאַר דעם שיקזאַל פֿון זיין לאַנד בפֿרט. פּאַטריאָטישע פֿליכטן קענען נישט אויפֿגעפּאַסט ווערן אין אונדזערע יאָרן אין טערמינען פֿון גראָדליניקייט, און אויב עס זאָלן, חס וחלילה, פֿאָרקומען אין די קומענדיקע יאָרן ערנסטע מלחמה־צוזאַמענשטויסן, איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ פֿאַר יענע „פּאַראַדאָקסאַלע" פֿאַקטן, מיט וועלכע אונדז וועט אויסקומען זיך צו באַגעגענען: פּאָליאַקן וועלן קעמפֿן אין פֿרעמדע אַרמייען קעגן דער איצטיקער פּוילישער מלוכה (אויך צוליב פּוילישע פּאַטריאָטיזם!), טשעכן און סלאָוואַקן וועלן קעמפֿן קעגן דער איצטיקער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק (צוליב פּאַטריאָטיזם!), און רומענער וועלן זוכן אַריבערצולויפֿן די גרענעץ קיין טערקיי, צו זייערע אַמאָליקע אונטערדריקער, כּדי צוזאַמען מיט איר צו קעמפֿן קעגן דער איצטיקער רומענישער „פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע" (צוליב רומענישן פּאַטריאָטיזם!). אין אַמעריקע, פֿון דער אַנדערער זייט, וועלן זיין קאָמוניסטן, און דווקא נישט פֿון פֿרעמדן אָדער פֿון רוסישן אָפּשטאַם, נאָר הי־געבוירענע, הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער, וואָס וועלן זוכן וועגן און מיטלען (ווי זיי האָבן דאָס שוין אַליין עפֿנטלעך אָנגעזאָגט), ווי אַזוי נישט צו קאָאָפּערירן מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי אויב די מלחמה זאָל זיין געריכטעט קעגן דער שטענדיק־גערעכטער, אַבסאָלוט זינדלאָזער רוסלאַנד. אָט אין דעם זין באַטראַכט איך יעדן מאָדערנעם קריג אין איינעם פֿון זיינע אַספּעקטן אַלס אַ בירגער־קריג. לאָיאַליטעט און אומלאָיאַליטעט, אין דעם אָנגענומענעם, פֿאָרמעלן זינען פֿון וואָרט, זענען אין אונדזערע יאָרן אָפּהענגיק אַ סך ווייניקער פֿון עטנישן אָפּשטאַם, אָדער פֿון יענע פּאַראַלעלע צוגעבונדנקייטן, וואָס מענטשן קולטיווירן אין זיך אין מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע ציטן, ווי פֿון דעם בירגערס אַלגעמיינער פּאָליטישער אָריענטאַציע, פֿון זיינע סאָציאַלע פּרעפֿערענצן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס (זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האַנדלט זיך דאָ וועגן מער אָדער ווייניקער דענקנדיקע בירגער, אָדער אַזעלכע וואָס זענען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַאיינפֿלוסט פֿון פּאָליטישער אויפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, און נישט וועגן יענע אַמאָרפֿע מאַסן, וואָס לעבן און האַנדלען אויך אין ציטן פֿון קריזיס און שפּאַנונג מיט זייערע „טשערעדע־אינסטינקטן").

וווּהין אײַגנטלעך ציל איך דאָ מיט מײַנע באַמערקונגען? איך האָב אויף אומוועגן געזוכט צו ענטפֿערן אויף אַ דירעקטער און זייער קאָנקרעטער פֿראַגע: וואָס וועט און דאַרף זײַן די שטעלונג פֿון אַ ציוניסטיש־אָריענטירטן אַמעריקאַניש־ייִדישן בירגער אין פֿאַל פֿון אַן ערנסטן קאָנפֿליקט צווישן אַמעריקע און מדינת ישראל?

אָבער וועגן וואָס פֿאַר אַ קאָנפֿליקט האַנדלט זיך דאָ, אַפֿילו ריין־טעאָרעטיש? אַ דירעקטער קאָנפֿליקט, אַ מ י ל ח מ ה, צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דער יונגער און קלײנער מדינה אויף דער שוועל פֿון אַזיע, איז אַזאַ שטיק ווילדע פֿאַנטאַסטיק, אַז דאָס טאָר אַפֿילו נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַ היפּאָטעטישע מעגלעכקייט. די גאַנצע וועלט זאָל לעבן בשלום ושלווה, נאָר אַ מלחמה זאָל פּלוצים, נישט־מיר, נישט־דיר, זיך צעפֿלאַקערן צווישן אַמעריקע און דעם ייִדישן לאַנד, איז נישט מער מעגלעכקייט ווי אַ מילחמה צווישן פּאַראַגוואַי און טיבעט. אַ קאָנפֿליקט קען מען זיך פֿאָרשטעלן בלויז אין דער ראַם פֿון אַ מילחמה מיט אַ ברייטערן היקף, מיט אַ וועלט־פֿאַרנעם — אַנדערש געזאָגט, פֿון אַ געראַנגל אויף לעבן אָדער טויט צווישן צ ו ו י י קאָ אַ ל י צ י ע ס פֿון לענדער. טעאָרעטיש קען ארץ־ישראל אין פֿאַל פֿון אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע האַנדלען ווי אַ מיטגליד פֿון איינער פֿון די דאָזיקע צוויי קאָאַליציעס. טעאָרעטיש איז אויך מעגלעך (כאָטש, ווי אַנדערע האָבן אַ גרונט אויסצוזעצן, נישט זייער וואַרשײַנלעך), אַז דער מדינת ישראל, ווי אַ צאָל אַנדערע קלענערע מדינות, זאָל געלונגען נישט אַרײַנגעצויגן צו ווערן אַלס אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין אַ באַשטימטער קאָאַליציע. איך ווייס, אַז דאָס וועט נישט זײַן קיין לײַכטע זאַך, אַז אין אַ געוויסן זינען וואָלט דאָס געווען „אַ נס", אָבער אַזעלכע „נסים" זענען שוין פֿאָרגעקומען סיי אין דער ערשטער און סיי אין דער צווייטער וועלט־מילחמה (שוועדן, די שווייץ). אויב אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן אין פֿאַל פֿון אַ גלאָבאַלער מילחמה זוכן צו באַאײַנפֿלוסן זייער רעגירונג, אַז זי זאָל מיטהעלפֿן אין אָפּהיטן די נייטראַליטעט פֿון דער מדינת־ישראל, אויף וויפֿל אַזאַ נייטראַליטעט זאָל בכלל זײַן אָביעקטיוו מעגלעך, איז נישטאָ קיין גרונט אַזאַ האַנדלונג צו באַטראַכטן אַלס אומפּאַטריאָטיש אין וועזן, כאָטש איך פֿאַרגעס נישט אויף קיין איין מינוט אַז די מדינת ישראל ליגט אויף אַ זייער סענסיטיוון געאָגראַפֿיש־פּאָליטישן און סטראַטעגישן שטח, וואָס מאַכט איר נייטראַליטעט אויסעראָרדנטלעך פּראָבלעמאַטיש. אויב אָבער עס זאָל אַזוי פּאַסירן, אַז די ייִדישע מדינה זאָל אָדער נישט קענען אָדער גאָר נישט וועלן בלײַבן אין אַ נייטראַלער פּאָזיציע, אַז זי זאָל מיט איר גוטן ווילן אָדער קעגן איר ווילן אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער אַלגעמיינער בלוט־צאַפּעניש, וועט די פֿראַגע פֿאַרן אַמעריקאַנער ייִדן,

אויך פאַר דעם ציוניסטיש־אָריענטירטן, שטיין נישט אויף דער פּלאַץ פון „יידישער לאָיאַליטעט" און אירע שייכותן צו „אַמעריקאַנער לאָיאַליטעט". אל תפתח פה לשטן, ווען אַ נייע וועלט־מלחמה זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אומפאַרמיידלעך, וועט די מדינת ישראל פּרוּוּוען זוכן מיט אַלע כוחות וואָס זיי געוואָלט האָבן ... וועלן נאָר זיין אין איר רשות אויסצושעפּן אַלע מיטלען, כדי צו באַוואָרענען איר נייטראַליטעט, און עס זענען פאַראַן גענוג לעגיטימע און איבערצייגנדיקע אַרגומענטן, כדי אַזאַ שטרעבן צו נייטראַליטעט, אין דעם געגעבענעם פאַל, צו באַרעכטיקן. אויב דאָס זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אוממעגלעך, איז פאַראַן יעדער לאָגישער גרונט אַנצונעמען, אַז די יידישע מדינה וועט געפינען איר פּלאַץ אין דער זעלביקער קאַליציע פון לענדער, אין וועלכער עס וועט זיך געפינען אַמעריקע. קיינער פון אונדז האָט וועגן דעם נישט אינטערוויוירט די רעגירונג פון ישראל, און איך ראָט נישט קיינעם אַזעלכע אינטערוויוס צו זוכן, אָבער יעדער פון אונדז האָט אַ רעכט אויף זיין אָביעקטיוון אַנאַליז פון דער לאַגע און קומען אויפן סמך פון זיין אַנאַליז צו באַשטימטע אויספירן און פראָגנאָזן. פאָרמעל־טעאָרעטיש מוז איך, נאַטירלעך, צולאָזן אויך אַן אַנדער מעגלעכקייט. אויב אַ נייע מילחמה זאָל אויסברעכן אין עטלעכע יאָר אַרום (און אַזאַ מילחמה קען זיין בלויז צווישן דעם סאָוועטישן בלאָק און דער איבעריקער וועלט), ווער ווייס וואָס פאַר אַן אָריענטאַציע די יידישע מדינה וועט אינצווישן אָננעמען, אָדער ווער קען גאַראַנטירן — איך האָב דאָס שוין געהערט פרעגן — אַז דער רעזשים וועט זיך דאָרט נישט ענדערן, אַז ביים רודער פון דער רעגירונג וועט נישט זיצן אַ טאָטאַליטאַרע אָליגאַרכיע, וואָס וועט פאַקטיש פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ סאָוועטישן „פּראָטעקטאָראַט" און מאַכן עס פאַר אַ ווערקצייג פון סאָוועטישער פּאָליטיק און סטראַטעגיק? איך באַטראַכט אַזאַ ענדערונג פאַר אַ העכסט אומוואָרשיינלעכער אַנטוויקלונג, אָבער ווען דאָס זאָל פּאַסירן און די מדינת ישראל זאָל דעמאָלט ווערן אַ טייל פון סאָוועטישן מילחמה־פּאָטענציאַל, זע איך נישט, אין אַזאַ פאַל, קיין קאָנפליקט פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע „לאָיאַליטעטן". איך קען נישט זיין „לאָיאַל" צו אַ רעזשים, וואָס איז גרייט צו קעמפן פאַר אַ סאָוועטישן וועלט־זיג, אַפילו ווען אַזאַ רעזשים זאָל זיין אַ יידישער, אין יידישן לאַנד און אין דער יידישער מדינה. מיינע „פּאַטריאָטיזמען" זענען נישט קיין אַבסאָלוטע, און פּונקט ווי איך זאָג נישט צו קיין לאָיאַליטעט אַ פאַשיסטישער אָדער קאָמוניסטישער אַמעריקע (אַ טעאָרעטישע מעגלעכקייט, לכל־הפּחות, איז דאָך פאַראַן אויך פאַר אַזאַ אַמעריקע), קען איך נישט שווערן קיין טרייהייט צו אַ טאָטאַליטאַרער אָדער טאָטאַליטאַר־אָריענטירטער מדינת ישראל. אַ סאָוועטישער אָדער פאַשיסטישער רעזשים קען נישט ווערן פאַר

מיר מער חנעוודיק און מער אָקצעפּטאַבל בלויז דערפאַר וואָס ער באַלעבאַ־טעוועט אין דער ייִדישער מדינה. דער פאַקט וואָס אַ ייִדישע מדינה — לאָמיר בעסער זאָגן, ד י ייִדישע מדינה — זאָל זיך באַטייליקן אין אַ מילחמה אַלס טייל פון אַ קאָאַליציע, וואָס איר זיג וואָלט געבראַכט צו אוניווערסאַלער שקלאַפעריי אויף הונדערטער יאָרן, קען אויף אַ האָר נישט פאַרמינדערן מיין גרייטקייט יענע קאָאַליציע צו באַקעמפן. איך דאַרף דאָ נישט מאריך זיין וועגן דער טיפער טראַגיק פון אַזאַ סיטואַציע, אָבער אויך טראַגיק באַפרייט נישט אַ מענטשן פון אַן אַנטשיידונג אין אַ קריטישער שעה, און די נייטיקע אַנטשיידונג וואָלט איך געמאַכט אַלס אַן אַמעריקאַנער, אַלס וועלט־בירגער, אָבער... אויך אַלס אַ ייִד.

מיינער אַ קאָרעספּאָנדענט שרייבט מיר אַז ער נעמט אָן מיין אַנאַליז פון די באַגריפן פּאַטריאָטיזם, לאָיאַליטעטן און צוגעבונדנקייטן, אַז מיטן שכל, כאָטש ווייט נישט אינגאַנצן מיטן געפיל, איז ער גרייט אַנצונעמען מיין טעז־זיס אַז עס איז נישט פאַראַן קיין וועזנטלעכע סתירה פאַרן אַמעריקאַנער ייִדן צווישן זיינע פליכטן צו אַמעריקע און זיין פאַרבונדנקייט מיט דעם ייִדישן ישוב וואָס לעבט אין דער מדינת ישראל. וואָס איז שייך די מעגלעכע קאָנ־פליקטן אין מילחמה־צייטן, איז ער אויך נישט גרייט מסכים צו זיין מיט מיר, אַז אויב מ׳זאָל אָננעמען מיין ברייטע (לויט זיין אויסדרוק, צו ברייטע) אינטערנאַציאָנאַליסטישע ליניע, איז אויך נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס פון לאָיאַליטעטן. זיינע טענות זענען פונדעסטוועגן נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעשעפּט. אים דוכט זיך אויס, אַז ווען מען רעדט אין אַמעריקע וועגן עליה קיין ארץ־ישראל, וועגן אַ חלוצישער באַוועגונג פון אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט, ווען מ׳אַפּעלירט צו אַמעריקאַנער ייִדן, אַז זיי זאָלן מאַכן זייער בייטראָג צו דער מדינת ישראל נישט נאָר מיט פינאַנציעלע מיטלען, נאָר מיט מ ע נ ט ש ן וואָס זאָלן זיך דאָרט באַזעצן און „אויף אייביק" פאַרבינדן זייער שיקזאַל מיטן לאַנד, ווערט דערמיט דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ געשטעלט אין אַ מאָראַלישער און פּאָליטישער פאַרלעגנהייט. „איר וועט דאָך נישט אַפּעלירן", שרייבט ער, „צו אַמעריקאַנער נישט־ייִדן, אַז זיי זאָלן אויסוואַנדערן פון דאַנען קיין ישראל; ניין, איר וועט אפילו נישט אַפּעלירן צו נישט־ייִדישע אַמעריקאַנער, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן אַמעריקע און זיך אומקערן אין לענדער, פון וועלכע זיי גופא אָדער זייערע עלטערן שטאַ־מען. איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז אַזעלכע אַמעריקאַנער זענען פאַראַן אין די מיליאָנען, אָבער איר קומט דאָך נישט אַרויס מיט אַן אַלגעמיינער פאָדערונג, אַז אַלע יענע אַמעריקאַנער וואָס זענען נישט פון אַנגלאָ־זאַקסישן אָדער ׳רייך־אַמעריקאַנער׳ אָפּשטאַם זאָלן זיך געזעגענען מיט אַמעריקע און

צוריקגיין אין זייערע אַמאָליקע מוטערלענדער. איר באַטראַכט, הייסט עס, ייִדן אַלס אַ גרופּע מיט ספּעציפישע אייגנשאַפטן און ספּעציפישע אינטע־רעסן, וואָס קיין שום אַנדער גרופּע אין אַמעריקע האָט נישט. הייסט דאָס דען נישט, אַז אַמעריקאַנער ייִדן זענען פאַר אייך נישט קיין גאַנצע, נישט קיין פולע אַמעריקאַנער, אַז איר אַליין באַטראַכט זיי פאַר אַמעריקאַנער מיט אַן „אָבער", פאַר בירגער מיט געוויסע „מחשבה־רעזערוואַציעס", פון וועלכע אַנדערע עטנישע גרופּן אין אַמעריקע זענען פריי? צי טראַכט איר נישט, אַז באַטאָנען די דאָזיקע ‚אָבערישקייט' איז עלול צו שטעלן אַמעריקאַנער ייִדן, מילד גערעדט, אין אַ גאַנץ אומבאַקוועמער, צווייטיקער פּאָזיציע?"

מיין איינדרוק איז, אַז מיין קאָרעספּאָנדענט וואָס וויל בלייבן אַנאָנים, שפּילט דאָ אַביסל די ראָלע פונעם „טייוולס אַדוואָקאַט". פ אַ ר ז י ך, דוכט זיך מיר, דאַרף ער קיין ענטפער אויף די אַלע פראַגן נישט האָבן; ער וויל אָבער וויסן וואָס צו ענטפערן אַנדערע ייִדן, וואָס מאַטערן אים מיט אַזעלכע קשיות: „דע מה שתשיב לאפיקורס".

בין איך נישט זיכער, אַז איך בין בכוח אים צו געבן אַ פאָרמולע וואָס זאָל אים צופרידנשטעלן. איך בין אָבער גרייט אים אַריינצונעמען, אַזוי צו זאָגן, אין מיין „לאַבאָראַטאָריע" און אים געבן אַ שטיקל באַגריף, אין וועל־כער ריכטונג עס איז געווענדט, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזעלכע פראַגן, מיין פּערזענלעכער געדאַנקענגאַנג.

איך נעם נישט אָן, אַז אַ ייִד וואָס לעבט אין אַמעריקע איז אַן אַמערי־קאַנער מיט „אַן אָבער". אַנשטאָט „אָבערישקייט" וואָלטן מיר זיכער גע־דאַרפט רעדן וועגן „אַנדערשקייט". און אַ נ ד ע ר ש זענען מיר. אַ נ ד ע ר ש איז יעדער אַרום אונדז, ייִד און נישט־ייִד, אויב ער איז נאָר ע פּ ע ס, אויב גאָט האָט אים נישט פאַרשאַלטן מיט פולשטענדיקן מאַנגל פון אינדיווידואַ־ליטעט. יעדע אמתע דעמאָקראַטיע איז אויפגעבויט אויף די אַנדערשקייטן פון אירע בירגער, פון איינצלנע בירגער און פון גרופּן בירגער, און אין דעם טאָג וואָס עס זאָלן פאַרשווינדן יענע אַנדערשקייטן, וועט צוזאַמען מיט זיי פאַרשווינדן אויך יענע נאָך ווייט נישט פאַרפולקאָמטע דעמאָקראַטיע וואָס מיר פאַרמאָגן הייַנט. דאָס פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע איז נישט צו דער־שטיקן די אַנדערשקייטן, וואָס זענען — צי זיי געפעלן אונדז אָדער נישט אין יעדן געגעבענעם פאַל — אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע און קולטורעלע אַנטוויקלונגען און האָבן, אין אַ געוויסן זין, אויך ביאָלאָגישע וואָרצלען — נאָר זיי האַרמאָניזירן. דאָס פּראָבלעם פאַר פּעדאַגאָגיק איז אויך, אַנדערש־קייטן נישט צו פאַרניכטן און אַפילו נישט צו איגנאָרירן, נאָר צו ס ו ב ל י־מ י ר ן — אַנטדעקן אין זיי זייערע מעגלעך־פּרוכטבאַרע עלעמענטן און זיי

אויפהייבן אויף אַ העכערער מדרגה, אויף וועלכער זיי קענען מאַכן זייערן אַן אייגנאַרטיקן בייטראַג צו דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע פונעם לאַנד. אין אַמעריקע זענען מיר געבענטשט (בפירוש געבענטשט, נישט פאַרשאַלטן) מיט אַ צאָל אַנדערשקייטן, וואָס נישט שטענדיק וואַרצלען זיי אין אַ באַזונדערן פאָלקס־אָפּשטאַם. קוועיקערס, ווי איך האָב שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל די גע־לעגנהייט צו באַמערקן, אונטערשיידן זיך נישט פון דער אַמעריקאַנער „גרונט־ראַסע" — אָנגענומען, אַז אַזאַ „גרונט־ראַסע" איז טאַקע אַ פאַקט און נישט אַ שטיק מיטאָלאָגיע — אין וועלכן נישט איז זיינען; זיי זענען, מעגן זיי זאָגן, אַ נאַטירלעכער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער פּראָדוקט, און פונדעסטוועגן קען מען וועגן זיי נישט זאָגן, אַז זיי זענען "as American as baked beans".

זיי צייכענען זיך אויס מיט זייערער אַן אייגענער און זייער וועזנטלעכער „אַנדערשקייט", און קיינער קומט נישט אַרויף אויף דער מחשבה אָפּצופרעגן זייער אַמעריקאַנישקייט. איך וועל נעמען אַ ווייניקער „רעספּעקטאַבעלע" גרופּע ווי די קוועיקערס, אַן יענעם יחוס־בריוו וואָס די לעצטע האָבן סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אַמעריקע: די סעקטע פון „יעהאָוואַס עדות". זייער „אַנדערשקייט" האָט אין געוויסע פאַלן אָנגענומען, אין די לעצטע יאָרן, אַפילו אַ סקאַנדאַליעז־סענסאַציאָנעלן כאַראַקטער. צווישן אַנדערע זאַכן, אַנערקענען זיי נישט, למשל, די קדושה פון דער אַמעריקאַנער פאָן. זייערע קינדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו סאַלוטירן די אַמעריקאַנער פאָן ביי געוויסע פייערלעכקייטן אין די עפנטלעכע שולן. איך וואָלט די עלטערן פון יענער סעקטע נישט גע־ראָטן, צו דערציִען זייערע קינדער אין גייסט פון אַזאַ דאָגמאַטישקייט און עקשנות. סאַלוטירן די אַמעריקאַנער פאָן, יעדע נאַציאָנאַלע פאָן, איז אָבער פאַר זיי אַ שטיק עבודה־זרה, אַ מין איינשרענקונג פון גאָטס ממשלה אויף דער וועלט, אַ פעטישיסטישע צערעמאָניע. די חומרה וואָס זיי צווינגען אויף זיך אַרויף — נישט צו רעספּעקטירן די נאַציאָנאַלע פאָן, וועלכע קען אויך אויפגעפאַסט ווערן אַלס אַ סימבאָל פון אַל־אַמעריקאַנער סאָלידאַריטעט און פאַרברידערונג — איז אַ שטיק „טאַבו", אַ מין „מוקצה"־געפיל, פון וועלכן זיי וואָלטן זיך געדאַרפט אויסקורירן. איך ווייס, אַז איך בין נישט בכוח זיי איינצורעדן, אַז זיי זענען צו ווייט פאַרגאַנגען מיט זייער עקסטרעמער „יראה", אָבער איך זע פונדעסטוועגן נישט קיין גרונט פאַרוואָס איך זאָל אָפּפרעגן זייער אַמעריקאַנישקייט — באַזונדערס נאָך ווען איך דערמאָן זיך, אַז די דאָזיקע „פלאַנץ" האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעשפּראָצט פון אַמעריקאַנער ערד, אַז זי איז פון ערגעץ נישט „אימפּאָרטירט" געוואָרן. זיי פאַרשאַפן אַ ביסל אומבאַקוועמלעכקייט, אָבער איך האָב די העזה צו טראַכטן, אַז אין שורש זענען זיי, מיט זייערע שטרענגע באַגריפן פון „כשר" און „טריפה"

און מיט זייער שטענדיקער וואַכזאַמקייט פאַר חשבון־הנפש, אַ סך אַ מער ווערטפולער עלעמענט פאַר אַמעריקע, איידער מיליאָנען אַנדערע, וואָס פרעגן נישט קיין קשיות און נעמען אָן אַלץ וואָס מ׳הייסט זיי טאָן אַלס אַ טייל פון „מעשה בראשית". מיך האָט דערפאַר שאָקירט צוריק מיט עטלעכע יאָר פעליקס פראַנקפורטער, ווען ער האָט אין העכסטן געריכט געפסקנט, אַז די קינדער פון יענע סעקטאַנטן דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון די עפנטלעכע שולעס און, דאָס הייסט, באַרויבט ווערן פון זייערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט אויף בילדונג און דערציִונג.

איך ווייס וועלכע אויסזעצונגען מ׳קען מאַכן קעגן מיינע משלים. סיי קוועיקערס און סיי „יעהאָוואָס עדות" זענען רעליגיעזע סעקטעס, און דאָס איז דאָך שוין ביי אונדז אַן אָנגענומענער כלל, אַז רעליגיעזע אונטערשיידן און אַנדערשקייטן דאַרפן אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט טאָלערירט ווערן. די דורכשניטלעכע אויפפאַסונג פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ אין אַמעריקע שטיצט זיך אָבער, ווי איך זע אָפט, אויף אַ נישט גאַנץ ריכטיקער אָפּשאַצונג פון רעליגיעזע אונטערשיידן. געוויינלעך שטעלט מען זיך פאָר, אַז די אַנדערשקייטן צווישן איין רעליגיעזער גרופּע און אַן אַנדערער זענען פון אַ ריין מעטאַפיזישן כאַראַקטער, אָדער די אונטערשיידן האָבן גאָר צו טאָן מיט ריטואַל. ווען מען אַרט עס, קען מען לייכט זאָגן, אין וואָס אָדער אין וועמען איינער גלייבט, וואָס פאַראַ פּריוואַטע ימים־טובים ער פּראַוועט ביי זיך אין דער היים אָדער אין קירך, וואָס פאַראַ צערעמאָניעס ער פירט דורך פון צייט צו צייט? דער שטאַט, די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, האָט אין די אַלע זאַכן נישט קיין אינטערעס — רעליגיע איז דעם בירגערס „פּריוואַט־זאַך" — און צו זיינע בירגער־פליכטן אָדער בירגער־טוגענדן האָט דאָס אַלץ קיין שייכות נישט. מ׳פאַרגעסט דערביי, אַז עס זענען אין געוויסע לענדער פאַראַן רעליגיעזע מינאָריטעטן, וואָס זייערע „אַנדערשקייטן" זענען נישט בלויז פון אַ מעטאַפיזישן כאַראַקטער אָדער דריקן זיך אויס בלויז אין ריטועלע מצוות, נאָר דיקטירן אויך אַ געוויסע שטעלונג צו פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. דער אונטערשייד צווישן קוועיקערס און דער איבעריקער אַמעריקע איז, פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, ווייט נישט דער זעלביקער וואָס צווישן לוטעראַנער און עפּיסקאָפּאַליאַנער. ער איז אַ סך וועזנטלעכער, מעג מען זאָגן, ווי צווישן ייִדנטום און קריסטנטום: עס זענען נישט פאַראַן אין אַמעריקע קיין דירעקטע בירגער־פליכטן, וואָס ייִדן און קריסטן זאָלן זיך נישט קענען וועגן זיי צוזאַמענרעדן; עס זענען אָבער פאַראַן בירגער־פליכטן וואָס ייִדן און קריסטן נעמען זיי ביידע אָן און קוועיקערס אָדער „יעהאָוואָס עדות" אָנערקענען זיי נישט (דינסט אין דער אַרמיי, ריכ־

טער־אמטן אא״וו). דא האבן מיר צו טאן מיט אנדערשקייטן אין ציווילן, נישט בלויז אין רעליגיעז־צערעמאניאלן לעבן, און א דעמאקראטיע וואס וויל זיך אליין נישט פארראטן, מאכט מיט אזעלכע דיפערענצן שלום און אמאל שעצט זי זיי הויך אפ פון א ברייטערן ציוויליזאטארישן שטאנדפונקט, טראץ די געוויסע אומבאקוועמלעכקייטן, וואס זיי זענען מסוגל פון צייט צו צייט צו פארשאפן.

זיך אומקערנדיק צו אונדז אליין, צו אמעריקאנער יידן, פארמאגן מיר אויך געוויסע אנדערשקייטן, מיט וועלכע די אמעריקאנער דעמאקראטיע דארף זיך רעכענען, אריינגעמען אין חשבון זייער עקזיסטענץ. אמת — אויב מ׳מעג זיך אזוי באראבאריש אויסדריקן — אונדזער אנדערשקייט איז אין געוויסע פרטים אנדערש פון אנדערע אנדערשקייטן ארום אונדז, אבער ווען יעדע אנדערשקייט וואלט געדארפט זיין ענלעך צו אלע אנדערע אנדערשקייטן, אין וואס וואלט באשטאנען איר אייגנארטיקייט?

די אנדערשקייט פון יידן — אויך אין אמעריקע — אנטהאלט אין זיך א פאטענציעלע מעגלעכקייט (א מעגלעכקייט, נישט קיין נויטווענדיקייט!) פון אויסוואנדערונג, ספעציעל פון אויסוואנדערונג קיין ארץ־ישראל. אפשר זע־נען מיר אויך אין דער ספערע נישט קיין אבסאלוטער אויסנאם. אזא ס ו ב־י ע ק ט י ו ו ע מעגלעכקייט פון אויסוואנדערונג און צוריקוואנדערונג אין זייער אלטער היים עקזיסטירט, אויב מיינע באאבאכטונגען פארפירן מיך נישט, אויך ביי אמעריקאנער איטאליענער. די א ב י ע ק ט י ו ו ע באדינגונגען זענען אבער קעגן אזא פראצעס. איטאליע איז נישט גרייט צוריק־צו־נעמען אין וועלכע נישט איז באדייטנדיקע צאלן אירע זין און טעכטער פון אויס־לאנד. לויט איר לאגע און טענדענץ איז איטאליע גיכער א לאנד פון אויס־וואנדערונג איידער א לאנד פון איינוואנדערונג. דאס זעלביקע אומגעפער קען געזאגט ווערן וועגן אמעריקאנער אירלענדער. ס ו ב י ע ק ט י ו וואלט אן אנגעזעענע צאל אירלענדער אין אמעריקע געוועזן גרייט צוריק־צו־וואנדערן קיין אירלאנד — באזונדערס נאך דעם וואס זי האט געקראגן איר נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט — כאטש קיינער קען נישט זאגן, אז ספעציעל איר־לענדער האבן א גרונט זיך צו פילן געקריוודעט אין אמעריקע. אבער אויך אין דעם פאל איז די א ב י ע ק ט י ו ו ע לאגע אין אירלאנד גופא קעגן אזא פראצעס. די עקאנאמישע אומשטענדן אין איר לאנד, אויך נאך דער באפרייונג, זענען נישט אזעלכע אז דאס לאנד זאל קענען צוציען איינוואנ־דערער אדער ריק־וואנדערער. פארקערט: אויך אין דער באפרייטער אירלאנד זענען ביז היינטיקן טאג פאראן עמיגראציע־שטימונגען און טענדענצן, און טויזנטער יוגנטלעכע טרוימען דארט אויך היינט וועגן מעבר־לים, די פאר־

אייניקטע שטאַטן. די איירישע נאַציאָנאַלע שפּראַך („געליק״) האָט ביז אַהער, טראָץ איר אָפיציעלן סטאַטוס און נישט געקוקט אויף אַלע באַמיִונגען מצד דער רעגירונג און דער עפנטלעכער שולע, געמאַכט פאַרהעלטענישמעסיק גאָר קליינע דערפאָלגן, און איינע פון די וויכטיקסטע סיבות דערפון איז דער פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז עמיגראַציאָניסטיש אָריענ־טירט און באַטראַכט דערפאַר ענגליש אַלס אַ סך וויכטיקערן וואָפן פאַר זייער צוקונפט איידער געליק, וואָס אויסערהאַלב אירלאַנד פאַרשטייט עס קיינער נישט. פאַר ייִדן אין אַמעריקע איז, אמת, עליה קיין ארץ־ישראל נישט קיין ריק־וואַנדערונג אין דעם בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט, אָבער זיכער אַ סוב־יעקטיוו־פּאָטענציעלע מעגלעכקייט פון פאַרווירקלעכן אַן אַלטע, ווייטע, אָבער דאָך נישט אויסגעלאָשענע בענקשאַפט פון שיבת ציון — אַ בענקשאַפט, וואָס קען פאַרבלאַסט ווערן און באַקומען אַ לחלוטין אומדינאַמישן כאַראַקטער, וואָס קען אָבער אויך, אין באַשטימטע אומשטענדן, קריגן אַ נייעם אימפּעט און אויפגעשטורעמט ווערן. אָט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייט איז אַ טייל פון יענעם „באַגאַזש״ וואָס ייִדן האָבן מיט זיך געבראַכט קיין אַמעריקע פון זייערע פריִערדיקע וווינערטער, אַלץ איינס צי אַזאַ חלק „באַגאַזש״ האָבן זיי ביי זיך קלאָר רעגיסטרירט אָדער פון אים כמעט נישט געוואָלט וויסן, אָדער... גאָר אים מיט די ליפּן און „על פּי אידעאָלאָגיע״ פאַרלייקנט. פאַר אַזאַ אַרטיקל אין זייער „באַגאַזש״ דאַרפן זיך די ייִדן נישט אַנטשולדיקן: ער האָט זיי קיינמאָל נישט געשטערט צו דערפילן געוויסנהאַפט זייערע בירגער־פליכטן אין אַמעריקע, ליב צו קריגן דאָס לאַנד און זיין ציוויליזאַציע, זיך פאַרקניפּן מיט אַמעריקע אויף אַן אינטימען אופן. די דאַזיקע, אין פיל פאַלן, גאָרנישט באַוווּסטזיניקע, נישט־אויסגעלעבטע בענקשאַפט האָט זיי נישט געמאַכט פאַר ווייניקער אינטערעסאַנטע, פאַר אָרעמערע אַנטיילנעמער אינעם פּראָצעס פון אַמעריקאַנער לעבן.

אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער דאָס ז ע נ ע ן מיר. צי איז דאָס נאָרמאַל? גאַנץ נאָרמאַל? איך ווייס נישט. איך האָב שוין לאַנג פאַרלוירן דעם עקזאַקטן קריטעריום פאַר נאָרמאַל און נישט־נאָרמאַל, און כאָטש איך ווייס אַז מיין משל איז נישט פון 96סטער פּראָבע, ווילט זיך מיר אַמאָל זאָגן, אַז, להבדיל, אַ פערד מיט אַ הויקער איז אַ בפירושדיקע אומנאָרמאַלע דערשיינונג, אָבער דער זעלביקער הויקער אויף אַ קעמל איז נאָרמאַל, אַ טייל פון מעשה־בראשית, און קען אַפילו האָבן זיינעם אַ באַזונדערן עסטעטישן חן און רייץ...

צי וועלן ייִדן פון אַמעריקע עולה זיין אין די קומענדיקע יאָרן, און אין וועלכע צאָלן? איך האָב פריִער באַמערקט, אַז אויך אין אַמעריקאַנער ייִדנטום לעבט אַזאַ סוביעקטיוו־פּאָטענציעלע מעגלעכקייט. ווען, ווי אַזוי, אונטער

וועלכע אומשטענדן און אין וואָס פאַר אַ פּראָפּאָרציע וועט זיך אַזאַ מעגלעכ־קייט אויך אָביעקטיוו אויסווירקן, נעם איך זיך נישט אונטער נביאות צו זאָגן. יעדנפאַלס, נעם איך נישט אַריין אין מיינע חשבונות און „האָפענונגען" דעם עלעמענט פון קאַטאַסטראָפע. איך וויל נישט בויען די עליה פון אַמעריקע אויפן פראַגנאָז פון סאָציאַל־ווולקאַנישע אויסברוכן אין אַמעריקע, וואָס זאָלן צווינגען ייִדן ל ו י פ ן פון דאָרטן קיין ישראל. אויב די זון זאָל אינגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן אין אַמעריקע, זע איך נישט, מוז איך מודה זיין, קיין ליכט אויפן גאַנצן ערד־קויל. אַ פאַשיסטישע אַמעריקע איז פאַר מיר דאָס זעלביקע וואָס אַ פאַשיסטישע וועלט, אַ ברוטאַל־אַנטיסעמיטישע אַמעריקע איז פאַר מיר דאָס זעלביקע וואָס אַ ברוטאַל־אַנטיסעמיטישע וועלט. אַ זעלבסט־פאַרראַט פון אַמעריקע איז אַ זעלבסט־פאַרראַט פון אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם, און פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע וועט פשוט נישט זיין וווהין צו לויפן — אויך נישט אין דער מדינת ישראל. איך קען זיך נישט אידענטיפיצירן מיט יענער אַנעקדאָ־טישער ייִדענע וואָס שטעלט יום־כּיפּור אין שול אַן אולטימאַטום דעם רבונו של עולם: גיסט דו מיר אַ גוט יאָר, איז גוט, אלא נישט פאַר איך אַוועק צו מיין מומע אין דאָרף. אויך די מומע אין דאָרף איז אונטערן רבונו של עולמס יוריסדיקציע, און פון גאָטס צאָרן קען מען צו איר נישט אַנטלויפן. די מדינת ישראל קען עקזיסטירן און געדייען נאָר ביי אַ באַשטימטן מינימום פון וועלט־אַנשטענדיקייט און יושר; אין באַדינגונגען וואָס זענען נידעריקער פון יע־נעם סטאַנדאַרד (און מיר אַלע ווייסן ווי נישט־הויך יענער סטאַנדאַרד איז), איז געגנוג איין מעת־לעת אַז פון איר זאָל גאָרנישט נישט בלייבן. ווען איך טראַכט וועגן איינוואַנדערונג אין דער מדינת ישראל פון אַ מ ע ר י ק ע, טראַכט איך דערפאַר וועגן נישט־פאַרפאַלגטע ייִדן וואָס פאַרלאָזן אַמעריקע מיט אַ ברכה, נישט מיט אַ קללה, מיט ליבע צו אַמעריקע און מיט דאַנקבאַר־קייט צו איר, און — מעג איך נאָך עפּעס צוגעבן? — אויך מיט אַ געוויסער בענקשאַפט נאָך אַמעריקע, אַפילו אין דעם מאָמענט פון זאָגן איר אַ זיי־געזונט. נישט אין אַלע לעבנס־סיטואַציעס שטייען מיר פאַר אַן אַנטשיידונג צווישן ליבע און האַס; אַמאָל איז עס גאָר אַ פראַגע פון איין ליבע וואָס איז גובר אַן אַנדער ליבע...

איך האָב שוין פריִער באַמערקט, אַז איך נעם זיך נישט אונטער נביאות צו זאָגן, ווען, ווי אַזוי, און אין וואָס פאַר פּראָפּאָרציעס אַן עליה פון אַמע־ריקאַנער ייִדן וועט פאָרקומען אָדער מעגלעך ווערן. איך אָנערקען דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט (אויך אַ געוויסע אומפאַרמיידלעכקייט פון אַנדערשקייט) נישט נאָר צווישן ייִד און נישט־ייִד, נאָר אויך צווישן ייִד און ייִד. איך „רע־גימענטיר" נישט אין דער מחשבה קיין ייִדישן קיבוץ אין קיין שום לאַנד,

אויך נישט, און ספּעציעל נישט, אין אַמעריקע. איך קען מיר פאָרשטעלן, אַז אין אונדזער עפּאָכע זאָל דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום, אויף אַ מער אָדער ווייניקער אָרגאַנישן אופן, זיך פאַנאַנדערטיילן אויף דריי, מסתמא אומגלייכע שיכטן. איין שיכט ייִדן, קען זיין, וועט מיט דער צייט אינגאַנצן זיך אויפלייזן אין דעם אַזוי גערופענעם גרויסן אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ. אַסימילאַציע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָגראַם, אַן אידעאָלאָגיע, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז עס זענען אָפּגעשטאָרבן יענע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע כוחות וואָס אַרבעטן אין אונדז אין דער ריכטונג פון אויפלייזונג. נישט אין יעדן ייִדן איז דער ווילן צום לעבן, צו ייִדיש לעבן, גלייך, און פיל ייִדן קענען נאָך שטאַרבן אַ מיתת־נשיקה. איך וואָלט נישט וועלן יענע ייִדן פאַרלירן, אָבער אויב זיי אַליין ווילן פאַרלוירן ווערן און אויב אַנדערע וועלן זיי נישט צופיל שטערן אין זייער פאַרבלאָנדזשעט ווערן, וועט מיין ווילן זייער ווייניק העלפן. איך זע אַן אַנדער שיכט, מיט מער וויטאַליטעט, וואָס וועט אַרויסווייזן ווילן צום לעבן, צו קיום און המשך, און וועט זיך אָריענטירן אויף י י ד י ש   ל ע ב ן   אין אַמעריקע גופא, אויף שאַפן כוחות פאַר אַזאַ לעבן סיי פון די טיפע קוואַלן פון ייִדישער טראַדיציע, וואָס זיי וועלן זוכן צו גאַלוואַניזירן, און סיי פון דער אויפגייענדיקער ניי־ייִדישער ציוויליזאַציע אין דער מדינת ישראל. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ פּנים און וואָס פאַר אַ „טעם“ אַזאַ המשכדיק ייִדיש לעבן אין אַמעריקע וועט האָבן (קיינער קען דאָס נישט וויסן און פאָראויס דעקרעטירן), אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז יענער שיכט זאָל נאָך אַרויסווייזן ענערגיע און שעפערישע כוחות, וואָס דאָס נאַקעטע אויג קען נאָך הייִנט נישט זען. און איך זע פאַר זיך נאָר אַ דריטן שיכט, מיט נאָך מער ייִדישער און אַלגעמיינער וויטאַליטעט, וואָס וועט זיך אָריענטירן אויף אַ פולער און מער דינאַמיש ייִדיש לעבן אין דער מדינת ישראל — אַ שיכט אין וועלכער, ווי כ׳האָב זיך פריִער אויסגעדריקט, איין ליבע וועט גובר זיין אַן אַנדער ליבע. און לאָמיר זיך נישט איינרעדן, אַז, אויב מיין פּראָגנאָז זאָל זיין אַ ריכטיקער, קענען מיר שוין הייִנט מאַכן אַ מין „רעגיסטער“ און אָנווייזן יעדן ייִדן אין אַמעריקע זיין פּלאַץ אין איינער פון די דריי קאַטעגאָריעס. אין דעם פּרט דאַרפן מיר זיין גרייט אויף אַ סך פּאַראַדאָקסן, איבעראַשונגען און אַנטוישונגען, אַנגענעמע און אומאַנגענעמע. עליה קען מיט דער צייט קומען פון קרייזן וואָס זענען הייִנט נישט־ציוניסטיש אָדער אינדיפערענט, און אויך פאַרקערט: הייִנטיקע ציוניסטן און קינדער פון הייִנטיקע ציוניסטן קענען נאָך זוכן און געפינען זייער פּלאַץ אין די אַנדערע צוויי קאַטעגאָריעס. מיר קענען אפשר הייִנט באַשטימען, ווער פון הייִנטיקע אַמעריקאַנער ייִדן „האַלט“ פון ארץ־ישראל; ס׳איז אָבער גאָרנישט אַזאַ איינפאַכע

זאָך צו אַנטדעקן, ווער פון זיי עס האָט „אַ טאַלאַנט פאַר ארץ־ישראל״: לעבן דאָך אַזוי אָפט טאַלאַנטן אין פאַרבאַרגענע טיפענישן...

ווי גרויס עס וועט זיין דער עליה־שטראָם פון אַמעריקע, הענגט אָפּ פון אַזויפיל פאַקטאָרן, אַז עס וואָלט געווען ריזיקאַליש צו זוכן זיי אַלע איבער־צוציילן. דאָס הענגט אָפּ פון דער עקאָנאָמישער לאַגע און אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן אין דער מדינת ישראל, פון איין זייט, און פון מעגלעכע סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען אין אַמעריקע, פון דער אַנדערער זייט; פון דעם, צי אין אַמעריקע וועט פאַרקומען אין אונדזער דור אַ באַדייטנדיקע אומשיכ־טונג אין פראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען, און אין וואָס פאַר אַ היקף (מענטשן וואָס מוזן בייטן זייער באַשעפטיקונג זענען מער „עמיגראַציע־פעיִק״, איידער אַזעלכע וואָס קענען פאָרזעצן די רוטין פון זייער לעבן); פונעם קולטורעלן און סאָציאַל־מאָראַלישן פרצוף־פנים פון דער מדינת ישראל און פון דער קראַפט פון איר „אַטראַקציע״; פון דער מאָס, אין וועלכער יידן אין אַמע־ריקע וועלן זיך פילן געזעלשאַפטלעך איזאָלירט פון דער איבעריקער אַמערי־קע; נישט אין קיין קלענער מאָס אויך פון דעם, וואָס פאַר אַ טיפע דערציִונג דער יונגער ייִדישער דור וועט אין די קומענדיקע יאָרן קריגן אין אַמעריקע, און ווי טיף עס וועלן זיין יענע נשמה־שיכטן אין וועלכע אַזאַ דערציִונג וועט אַריינדרינגען. עס איז אוממעגלעך היינט די אַלע פאַקטאָרן אָפּצוּווּעגן און אָפּצומעסטן. איך האָב בלויז געזוכט צו באַטאָנען, אַז די עליה פון אַ געוויסער ייִדיש־אַמעריקאַנער שיכט אין דער מדינת ישראל דאַרף באַטראַכט ווערן, סיי פון ייִדן און סיי פון נישט־ייִדן, אַלס אַ לעגיטימע דערשיינונג — פון שטאַנד־פונקט פון בירגערשאַפט און לאָיאַליטעטן.

און צום סוף בלויז נאָך איין באַמערקונג. די מעגלעכקייט פון אַזאַ דער־שיינונג, וועלכע איך באַטראַכט פאַר לעגיטים, איז לכל הפחות, טעאָרעטיש, שוין לאַנג גענומען געוואָרן אין אַכט אין דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן דענ־קען און אין אַמעריקאַנער יוריספּרודענץ. נאָך אין יאָר 1779 האָט טאָמאָס דזשעפערסאָן אינספּירירט אַ רעזאָלוציע אין דער לעגיסלאַטור פון ווירדזשי־ניע וועגן די פליכטן און רעכט פון בירגער, און איינער פון די וויכטיקסטע פּאַראַגראַפן אין יענער רעזאָלוציע דערקלערט „דאָס נאַטירלעכע רעכט פון יעדן מענטשן זיך אָפּצוזאָגן פונעם לאַנד, אין וועלכן געבוירט אָדער אַן אַנדער אומשטאַנד האָט אים געבראַכט, און צו זוכן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און גליק אין יעדן אַנדערן פּלאַץ, ווו ער קען אָדער ער מעג האָפן דאָס צו געפי־נען״. דער זעלביקער פּרינציפּ, ווי עס דערמאָנט אונדז איצטער פּראָפעסאָר לאָוטערפּאַכט (אין זיין אַרבעט „ען אינטענעשאַנעל ביל אָף די ראַיטס אָף מען״), האָט געפונען אַ סך שפּעטער זיין אויסדרוק, אין 1868, אין אַ רעזאָ־

לוציע פוןביידע הייזער פונעם קאָנגרעס, וועלכע אָנערקענט „עקספּאַטריאַ־ציע (אויסבירגערונג) אַלס דאָס נאַטירלעכע, איינגעבוירענע רעכט פון אַלע מענטשן, אומבאַדינגט־נייטיק פאַרן געניס פון לעבן און פרייהייט און פאַרן זוכן פון גליק". און אין אונדזערע טעג האָט דער פאַרטרעטער פון דער אַמע־ריקאַנער דעלעגאַציע צו דער האַגער קאָנפערענץ וועגן דער סיסטעמאַטיזאַ־ציע פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן די פאָלגנדיקע דערקלערונג: „אין משך פון אַ יאָרהונדערט האָט זיך מיין לאַנד געהאַלטן ביים פרינציפּ, אַז דאָס רעכט אויף עקספּאַטריאַציע איז אַן אַנגעבוירן און נאַטירלעך רעכט פון אַלע מענטשן. טרייהייט צו אַ שטאַט איז טאַקע אַ פליכט, אָבער זי איז נישט קיין קייט וואָס האַלט אַ מענטשן אין צושטאַנד פון גע־בונדנקייט... דער דאָזיקער פרינציפּ איז נישט קיין קלייניקייט. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון שפּראַך, אָדער פון פאָרמולעס, אָדער פון פראַזן. דאָס איז אַ פרינציפּ פון מענטשן־רעכט, פון פרייהייט פונעם מענטשלעכן מין".

אויף אַזעלכע רעכט און אויף אַזאַ פרינציפּ פון פרייהייט בין איך גרייט זיך צו שטיצן.

1948

קולטור און דערציִונג אין גלות *

מיין טעמע איז היינט די קולטור און דערציִונגס־פּראָבלעמען אין גלות. אָבער איידער מיר וועלן צוגיין צו די עצם־פּראָבלעמען, פֿאַר וועלכע מיר שטייען, זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן גלות אַלס אַן אַלגעמיינעם באַגריף.

אין אַ געוויסן זינען איז גלות אַן אַלגעבראַישער באַגריף. קאָנקרעט האָבן מיר אין די צוויי טויזנט יאָר פֿון אונדזער צעשפּרייטונג געהאַט פֿאַרשיידענע גלותן. דער געפֿיל פֿון זיין אין גלות איז נישט אין אַלע לענדער און נישט אין אַלע עפּאָכן געווען איינער און דער זעלביקער. די מאָס שאַרפֿקייט אָדער אינטענסיווקייט פֿון דעם דאָזיקן געפֿיל איז געווען אָפּהענגיק פֿון די באַזונדערע סביבות און ציוויליזאַציעס, אין וועלכע ייִדן האָבן געלעבט. ייִדן האָבן אומעטום געקענט גלייבן אין דעם אַלטן מאמר: „קשה היא גלות שהיא שקולה כנגד כל הקללות שבתוכחה", דער גלות איז שווער, ווייל ער וועגט אָזויפֿיל וויפֿל אַלע קללות פֿון דער תּוכחה — דאָס איז געווען די אַלגעמיינע פֿאָרמולע — אָבער אין קאָנקרעטן היסטאָרישן חשבון האָט דער ייִד געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן איין גלות און דעם אַנדערן. עס זענען געווען ערגערע גלותן און, אַזוי צו זאָגן, „בעסערע" גלותן — גלותן, אין וועלכע דער ייִד האָט געפֿילט פֿרעמדקייט, שוצלאָזיקייט און רעכטלאָזיקייט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים, און גלותן אין וועלכע ער האָט זיך געפֿילט טיילווייז איינגעוואָרצלט, אָדער ווו ער האָט, לכל הפּחות, געטראָגן אין זיך די אילוזיע פֿון רעלאַטיווער פֿאַרוואָרצלטקייט.

בבל איז געווען אַ פֿרעמד לאַנד — גלות! — און דאָך האָבן זי ייִדן אין משך פֿון אַ צאָל דורות אויפֿגעפּאַסט ווי אַ מין „היימישע פֿרעמדקייט". אויב דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, איז ער נישט מיינער. געשיכטע און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע שאַפֿן אַליין זייערע אייגענע פּאַראַדאָקסן. אין פֿופֿצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט זענען פּאָרטוגאַל און האָלאַנד, שפּאַניע און טערקיי, א י ן פּ ר י נ צ י פּ, געווען גלותן. פֿונדעסטוועגן איז דאָס נישט געווען קיין צופֿאַל, וואָס פֿונעם פּירענייען־אינדזל איז מען געלאָפֿן קיין האָלאַנד און אין די געגנטן פֿון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. אין איין גלות — אינקוויזיציע און

* רעדע, געהאַלטן פֿאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, 18 אויגוסט 1951.

שייטערהויפנס, אין אַן אַנדער גלות — טאָלעראַנץ און רעלאַטיווע גאַסט־פּריינטלעכקייט. אין איין גלות — מאַראַנען, אין אַ צווייטן גלות, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, — „דעמאַראַניזאַציע״. אויך אין אונדזערע צייטן, זענען אַלע לענדער פון ייִדישער צעשפּרייטונג — אַלע אָן אויסנאַם! — גלות. אויך ארץ־ישראל גופא איז, אין גרונט, אין משך פון אַ סך, אַ סך יאָרהונדערטער געווען גלות. אומעטום ווו ייִדן לעבן אַלס אַ מינדערהייט, ווו זיי זענען פּאָליטיש אָדער סאָציאָלאָגיש נישט זעלבסטשטענדיק און אָנגעוויזן אויפן חסד פון דער נישט־ייִדישער מערהייט־סביבה, איז גלות. פון דעם שטאַנדפּונקט זענען, אין אונדזערע יאָרן, אַמעריקע און, לאָמיר זאָגן, איראַק ביידע גלותן — אין אַ ברייטערן פּסיכאָ־היסטאָרישן זינען. דער קאָנקרעטער אונטערשייד צווישן זיי איז אָבער אַן אומגעהייער גרויסער. פון איראַק מוזן ייִדן אַנטלויפן, פון אַמעריקע ווערן זיי אין ערגעץ נישט געטריבן. אויב, בדרך כלל, זאָל גלות סימבאָליש פאַרגליכן ווערן צו נאַכט, זענען פאַראַן גלותן ווו די נאַכט איז אַ שטאָק־פינצטערע, און גלותן, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ ל ב נ ה ־ נ אַ כ ט.

אין אַלגעמיינע, גראָבע שטריכן קען מען דעם גלות־שטח פון אונדזער צייט פאַנאַנדערטיילן אויף דריי הויפּט־זאַנעס.

דער ערגסטער גלות איז דער, צו וועלכן מיר קענען לחלוטין נישט צו־קומען און פון וועלכן מ׳קען נישט אַרויסקומען. גירוש איז אַ פאָלקס־קאַטאַס־טראָפע, אָבער נישט קיין קלענערער — אין געוויסע אומשטאַנדן אַ סך אַ גרעסערער — אומגליק איז תפיסה, אַן וועלכער נישט איז זעבאַרער האָפענונג ווען עס איז פון איר באַפרייט צו ווערן. עס וואָלט געווען טרויעריק־לעכער־לעך פון מיין זייט אָנצוצייכענען וועלכע נישט איז פרינציפּן אָדער מעטאָדן פאַר קולטור־טעטיקייטן צווישן ייִדן אין דער הערמעטיש צוגעשלאָסענער סאָ־וועטישער תפיסה.

צו דער צווייטער זאָנע געהערן לענדער מיט אַ פעאָדאַל־איסלאַמישער סטרוקטור און לעבנסשטייגער. ייִדן זענען אין יענעם גלות פון די עלטסטע תושבים, נאָר קיינער פון זיי האָט דאָרט נישט אין אונדזערע צייטן דעם געפיל פון זיכערקייט, און די וואָרצלען וואָס ייִדן האָבן אין יענע לענדער געשלאָגן — פאַקטיש אָדער אין זייער פאָרשטעלונג — ווערן יעדן טאָג אויסגעריסן מיט אַ ברוטאַלער האַנט. די ייִדישע ישובים אין יענע לענדער מוזן וואָס פריִער זיך שיידן פון זייערע שטיף־היימען און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. זיי טוען דאָס איצט פאַר אונדזערע אויגן, און מען מעג האָפן, אַז אין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט וועלן זיי זיך באַפרייען פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אויף וועלכער זיי זענען פאַראורטיילט אין יענעם טייל פון דער וועלט.

טיפּיש פאַר דער דריטער גלות־זאָנע זענען אַזעלכע לענדער ווי צפון־

אַמעריקע און ענגלאַנד. אַ גאַר גרויסער חלק פון אונדזער פאָלק לעבט היינט אין דער מערב־וועלט, אין לענדער מיט אַ פרייהייטלעכער טראַדיציע, מיט גרויסע, כאָטש דערווייל נאָר טיילווייז אויסגעווירקטע דעמאָקראַטישע פּאָ־טענצן, מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע און טעכנאָלאָגיע, מיט אַ פּראָגרעסיווערווירטשאַפט, וואָס האָט אַלע אָביעקטיווע מעגלעכקייטן מיט דער צייט צו דער־גרייכן אונדזערע מאָדערנע סטאַנדאַרטן פון ווױלזיין און סאָציאַלער גערעכ־טיקייט. יענע לענדער זענען פאַר יידן ווייט נישט קיין „עולם שכולו טוב". עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו באַהויפּטן, אַז זיי האָבן דאָרט קיין וואָרצ־לען נישט געשלאָגן, אַז זיי האָבן זיך דאָרט לגמרי נישט אינטעגרירט, אַז זייער לעבן איז דאָרט אָנגעלאָדן מיט דירעקטע געפאַרן פאַר זייער קיום. יידן האָבן שוין אין יענעם טייל פון דער וועלט דערגרייכט אַ שטופע פון רעלאַ־טיוון עקאָנאָמישן ווױלזיין, און כאָטש ס אָ צ י אַ ל זענען זיי אין נישט קיין קלענער מאָס סעגרעגירט ווערן זיי פונדעסטוועגן פון דער מערהייט באַ־פעלקערונג נישט באַטראַכט אַלס „פרעמדע" אין דעם זינען, אין וועלכן זיי ווערן געשטעמפּלט אין צוריקגעשטאַנענע לענדער אָדער אין לענדער וואָס מאַכן היינט דורך די קאָנוווּלסיעס פון אַ פּערווערזן נאַציאָנאַליזם.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָב איך נישט קיין תרופה פאַר די יידישע קיבוצים אין רוסלאַנד און אין די סאָוועטישע סאַטעליטן־לענדער. נישט זיי קענען זיך ווענדן צו אונדז, נישט מיר קענען קומען צו זיי מיט טרייסט אָדער דערמוטיקונג. דער וועג איז פאַרשפּאַרט, און ווער ווייסט ווען און וויאַזוי ער וועט געעפנט ווערן.

אין דער צווייטער זאָנע — אין אַראַביש־שפּרעכנדיקע לענדער, אין מו־סולמענישע געגנטן בכלל — זענען אונדזערע קולטור־אויפגאַבן נישט קיין לייכטע, אָבער אויך נישט קיין קאָמפּליצירטע. דערציִונגס־אַרבעט אין יענעם טייל פון דער וועלט מוז זיין קאָנצענטרירט אויף צוגרייטונג צו עליה — שפּראַכלעך, אידעאָלאָגיש, אויך טעכניש און פּראָפעסיאָנעל. אין יענער זאָנע זענען צווישן יידן כמעט נישט פאַראַן קיין חילוקי־דעות וועגן זייער צושטאַנד און צוקונפט. די מדינת ישראל איז זייער איינציקע האָפענונג.

מ'קען אָבער מיט דער זעלבער איינפאַכקייט נישט צוגיין צו דער דריטער זאָנע — צו די יידישע קיבוצים אין דער דעמאָקראַטישער מערב־וועלט, און ספּעציעל צו די העכער פינף מיליאָן יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מאַסן־עליה שטייט היינט נישט אויפן סדר־היום פונעם אַמעריקאַנער יידנטום. איר קענט דאָ אָננעמען וויפל רעזאָלוציעס איר ווילט וועגן קיבוץ־גלויות און דע־קלאַרירן אַז זיי זענען חל אויך אויפן מערב־יידנטום, אויך אויפן אַמעריקאַ־נער יידנטום — מיט קאָנגרעס־רעזאָלוציעס רופט מען נישט אַרויס קיין

דראַנג אָדער קיין אַקטיוון ווילן פאַר עליה. דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום, ספּעציעל, לעבט נישט דורך קיין פּאַניק־צושטאַנד. עס זענען פאַראַן גלותן וואָס „ליקווידירן" זיך אַליין, אָן קאָנגרעס־רעזאָלוציעס, אָן אַ ירושלימער פּראָגראַם, אָן מוסר־זאָגן. דער ייִדישער קיבוץ אין גלות־אַמעריקע איז אָבער נישט גרייט זיך צו „ליקווידירן" דורך עליה קיין ישראל. דאָס הייסט נישט, אַז אַמעריקאַנער ייִדן וועלן ב כ ל ל אין ארץ־ישראל קיינמאָל זיך נישט באַזעצן. דאָס מוז נישט אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זינען, אַז ס'קען גאָר אַזאַ צייט נישט זיין, ווען גרעסערע צאָלן אַמעריקאַנער ייִדן וועלן ווערן גלייכע שותפים צו דער גאולה־דראַמע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשפּילן אין ארץ־ישראל. דאָס קען אָבער נישט דערגרייכט ווערן דורך אַריינשטעלן אַ נייעם סעיף אין ציוניסטישן שולחן־ערוך.

איך האָב דאָ די לעצטע פּאָר טעג געהערט טענהן: „איר, אַמעריקאַנער ייִדן, זייט אַ פרעמד־קערפּער אין דעם געבוי פון אַמעריקאַנער פאָלק; איר לעבט מיט פאַלשע אילוזיעס; איר פאַרגעסט, אַז מיט אַזעלכע אילוזיעס האָבן געלעבט ייִדן אויך אין אַנדערע לענדער, און איר ווייסט וואָס פון זיי איז געוואָרן". מעג איך דאָ זאָגן, אַז אויפן דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער ייִדן מאַכן אַזעלכע פּראָגנאָזן נישט קיין גרויסן רושם. ער האָט נישט קיין גרונט צופיל צו אידעאַליזירן זיין לאַגע, אָבער ער האָט זיך איינגערעדט אַז "It can't happen here". ער באַטראַכט — און נישט אינגאַנצן אָן אַ יסוד — די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פאַר דער דערפאָלגרייכסטער רעוואָלוציע אין דער וועלט־געשיכטע; ער איז גרייט „זיך צו באַרימען", אַז כאָטש אין אַמעריקאַנער לעבן קומען פאָר פּאָליטישע זיג־זאַגן און פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אויפן האָריזאָנט דראָענדיקע רעאַקציאָנערע כמאַרעס, איז קיין קאָנטררעוואָלוציע אין אַמעריקע קיינמאָל נישט פאָרגעקומען און ער זעט זי נישט פאָראויס אויך אין דער צוקונפט. יעדנפאַלס נישט אין אַ צוקונפט, וואָס ווערט שוין היינט צוגעגרייט פון דער קעגנוואַרט. אַמעריקע, זאָגט ער צו זיך, פאַרמאָגט ראַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם, אָבער נישט יענע נאַציאָנאַליסטישע מיטאָלאָגיע וואָס האָט אַראָפּגעפירט דייטשלאַנד פונעם זינען און האָט זי פאַרשיכורט און פאַרסמט מיט פּאָליטישער עבודה־זרה.

יענער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער ייִד מעג זיין אומגערעכט, אומרעאַליסטיש, און איר קענט אויף אים זאָגן, אַז אין זיין בלינדקייט זעט ער נישט „די שריפט אויף דער וואַנט". אַנדערע מעגן זיין איבערצייגט, אַז ז יי ע ר פּראָגנאָז איז אַ ריכטיקער, אַז אויפן מערב־ייִדנטום בכלל און אויפן אַמעריקאַנער ייִדנטום בפרט לויערן אומגעפער די זעלביקע געפאַרן, וואָס זענען באַפאַלן אַזאַ גרויסן טייל פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום; אָבער קיינער פון

אונדז איז נישט ביכולת די דאָזיקע געפאַרן פאַר אים צו „פאַרקעגנווערטיקן“. מעג איך נאָך עפעס צוגעבן דערצו? עס איז גאָרנישט אַזוי לייכט אָפצופרעגן דעם געדאַנק, אַז אויב אַמעריקע איז באַשערט מיט דער צייט צו ווערן אַ פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטיש לאַנד, אַ גיהנום פאַר אירע מיליאָנען ייִדן, וועט אפשר נישט העלפן קיין אַנטלויפן באַצייטנס אין דער ייִדישער מדינה. עס איז נישטאָ קיין גרונט צו באַטראַכטן אַמעריקע פאַרן „אויסוווּרף“ פון דער מענטשהייט; אַ בעסטיאַליזירטע אַמעריקע (אויב עס זאָל דערצו קומען) וועט זיין אַ טייל פון אַ בעסטיאַליזירטער וועלט, און אין אַזאַ וועלט ווי לאַנג קען האָבן אַ קיום מדינת ישראל, אַפילו ווען איר באַפעלקערונג זאָל פאַרשטאַרקט ווערן מיט נאָך גוטע עטלעכע מיליאָן ייִדן? די גאולה קען נישט קומען אין אַ וועלט אַן „אויסוווּרף“, אין אַ וועלט וואָס איז „כולו חייב“... אויב אַמעריקאַנער ייִדן וועלן ווען עס איז גיין אין גרעסערע צאָלן קיין ארץ־ישראל — און איך האָב אמונה אַז זיי וועלן גיין — וועלן זיי דאָס טאָן נישט אַלס אַרויסגעוואָרפענע אָדער אַרויסגעשפיגענע פון אַמעריקע, נאָר אַלס אינספירירטע פאַר ארץ־ישראל, נישט מ י ר א ה, נאָר מ א ה ב ה. דערווייל, אין איצטיקן מאָמענט, זע איך נישט אַזאַ טענדענץ אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. דער ציוניזם איז פאַרן רוב מנין אַמעריקאַנער ייִדן נאָך נישט געוואָרן קיין ענין פון פערזענלעכער זעלבסט־פאַרווירקלעכונג און ער וועט דאָס פאַר זיי נישט ווערן, אויב זייער יונגער דור וועט נישט קריגן אין די קומענדיקע יאָרן קיין טיפערע, קיין מער אָרגאַנישע ייִדישע דערציִונג. דאָס זעלבע, מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס, קען געזאָגט ווערן אויך וועגן ייִדן אין אַ צאָל אַנדערע לענדער פון דער דעמאָקראַטישער מערב־וועלט, ווו מען קען האָפן אויף ע ל י ה, אָבער ווו עס האָט קיין זינען נישט צו פריידיקן ב ר י ח ה.

ווער עס האָט דערפון הנאה, קען זיך ווענדן מיט פשטנישער, זייער פשטנישער ציוניסטישער „אויסגעהאַלטנקייט“ צו די אַמעריקאַנער ייִדן בזה הלשון: „רעדט אייך נישט איין אַז איר זייט אַמעריקאַנער; פון אמתע אַמעריקאַנער ווערט איר באַטראַכט אַלס פ ר ע מ ד ע; איר געהערט נישט צו דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט און אייער בירגערשאַפט איז בלויז אַ פאַפירענע; אַנטשליסט זיך וואָס פריִער צו פאַרלאָזן אַמעריקע, און אַזוי לאַנג איר קענט נאָך נישט זיך אַריבערפעקלען קיין ארץ־ישראל, באַטראַכט זיך ערנסט פאַר פאָטענציעלע ישראל־בירגער און גיט אייערע קינדער אַן אַקצענטירטע עליה־דערציִונג“. דאָס וואָלט געווען אַ רוף צו מ אָ ר אַ ל י ש ע ר א ו י ס־ב י ר ג ע ר ו נ ג. אָבער ווער עס פילט זיך באַרעכטיקט צו מאָנען פון אַמעריקאַנער ייִדן, אַפילו נאָר פון אַמעריקאַנער ציוניסטן, אַזאַ אָריענטאַציע, זאָל ער זיין אויסגעהאַלטן און מאָנען ווייטער: „זייט ערלעך מיט זיך אַליין און

מיט דער נישט־ייִדישער סבֿיבֿה, אין וועלכער איר געפֿינט זיך, און פֿירט נישט קיין טאָפּעלע בוכהאַלטעריע; איר זייט נישט און איר האָט נישט קיין האָפֿע־נונג ווען עס איז צו ווערן אַן אָנערקענטער טייל פֿון אַמעריקע, און דערפֿאַר — האַנדלט שוין היינט ווי „ציטווילליקע איינוווינער" פֿונעם לאַנד; לאָזט אייך נישט ווילן אין קאָנגרעס און די לעגיסלאַטורן פֿון די פֿאַרשיידענע שטאַטן; פֿאַרנעמט נישט קיין אַמטן פֿון גאָווערנאָרס, קיין פֿלעצער אין העכסטן געריכט אָדער געריכטן בכלל; זיצט נישט אויף קאַטעדרעס פֿון אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן; רופֿט צוריק פֿון זייערע אַמטן די טויזנטער ייִדישע מענער און פֿרויען וואָס אונטעררריכטן אין מוניציפּאַלע שולן און, צי גוט אָדער שלעכט, נעמען זיי אָנטייל אין אויסשטאַלטן די פֿיזיאָגנאָמיע פֿו־נעם יונגן אַמעריקאַנער דור; גייט נישט דינען אין דער פּאָליציי; ווערט נישט קיין אָפֿיצערן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי; באַטייליקט זיך נישט אין אַמע־ריקאַנער זשורנאַליזם און ליטעראַטור, אין קונסט, אין טעאַטער, אין מוזיק; זאָגט נישט קיין דעות אין אָנגעלעגנהייטן פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטיק, בקי־צור, דעגאַטוראַליזירט זיך, אויב נישט טעכניש, יורידיש, איז, לכל הפּחות מאָראַליש, אידייאיש, סאָציאַל". דאָס וואָלט אַמוויינקסטן געווען „קאָנסעקווענט", אָבער איך וואָלט וועלן זען יענעם דעלעגאַט פֿון אונ־דזער קאָנגרעס, וואָס האָט דעם קוראַזש מיט אַזאַ רוף זיך צו ווענדן צו אַמע־ריקאַנער ייִדן. פֿונעם מאַנגל אין קוראַזש, אין דעם פֿאַל, קענען מיר אַלע עפּעס לערנען...

עס וועט נישט זיין פֿאַר מיר קיין צו גרויסער שפּרונג איבערצוגיין פֿון די דאָזיקע באַטראַכטונגען צו אַ באַהויפּטונג, וואָס אויב מיר זאָלן נישט זוכן זיך צו פֿאַרשטייפֿן אין פּרוכטלאָזן דאָגמאַטיזם, דאַרף זי ביי אונדז נישט אַרויסרופֿן קיין ערנסטע חילוקי־דעות. דער אַמעריקאַנער ייִד (און אומעטום ווו איך פֿאַררוף זיך אויף אַמעריקע, האָב איך אין זינען אויך אַ צאָל אַנדערע לענדער פֿון דער מערבֿ־וועלט) איז אָביעקטיוו פֿאַראורטיילט אויף אַ געוויסן קולטור־דואַליזם, וועלכער מוז זיך אָפּשפּיגלען אויך אין זיינע דערציִונגס־סיסטעמען. ער איז קולטורעל אין איינער און אין דער זעלביקער צייט אי אַן אַמעריקאַנער, אי אַ ייִד. ווער עס וויל, קען זאָגן אַז אַזאַ דואַליזם איז נישט געזונט, „אומנאָרמאַל". קולטורעלער מאָניזם מעג באַטראַכט ווערן אַלס אַ סך אַ נאָרמאַלערע דערשיינונג ווי אַ מענטשנס לעבן אין דער ספֿערע פֿון צוויי קולטורן. אָבער אַזאַ מאָניזם, אַזאַ גאַנצקייט, איז קיינער פֿון אונדז נישט בכּוח צו דערקרעטירן. אַ געוויסע מאָס קולטורעלע אינטעגראַציע אין דער אַלגעמיי־נער סבֿיבֿה איז פֿאַר ייִדן אומפֿאַרמיידלעך אומעטום, ווו זיי לעבן ווי אַ מינ־דערהייט אין אַ לאַנד מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע, און אויף אָביעקטיווע

אומפאַרמיידלעכקייטן איז נישט שייך אַנצווווענדן דעם קריטעריום פון „נאָר־מאַל" און „אומנאָרמאַל". אַ באַשרענקטע, איינזייטיקע דיעטע איז, פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט, „אומנאָרמאַל"; זי איז אָבער זייער „נאָרמאַל" פאַר מענטשן וואָס זענען „נישט מיט אַלעמען", וואָס דאַרפן זיך היטן פון געוויסע מאכלים אָדער, פאַרקערט, וואָס דאַרפן האָבן אַ גרעסערע קוואַנטיטעט פון באַשטימטע שפּייזן. נאַטירלעך, טראָגט אין זיך יענע מאָס פון קולטור־אינטעגראַציע, אויף וועלכער איך האָב פריִער אָנגעוויזן, נישט ווייניק געפאַרן פון אַסימילאַציע, אָבער אין אַ גלות־צושטאַנד זענען אַזעלכע געפאַרן שטענדיק פאַראַן, און מיר האָבן דאָך שוין צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז די מערבֿ־וועלט (און אַמעריקע אין דער מערבֿ־וועלט) איז אויך גלות. כאָטש נישט דער זעלביקער גלות וואָס מאַראָקאָ אָדער פערסיע. און כדי אויסצומיידן מיס־פאַרשטענדענישן, אומנייטיקע קאָנפליקטן מיט זיך אַליין און מיט דער אַרומיקער סביבה, דאַרפן ייִדן אין דער מערבֿ־וועלט קלאָר און דרייסט פּראָקלאַמירן זייער קולטור־דואַליזם און די פולע לעגיטימיטעט פון אַזאַ דואַליזם. אפשר זעט דאָס פאַר עמעצן אויס ווי „טאָפּעלע בוכהאַלטעריע", וועלן מיר וועגן טערמינען און אויסדרוקן נישט פּאָלעמיזירן. איך בין גרייט אָנצונעמען אויך די דאָזיקע באַצייכענונג, אָבער אומגליקן אין דער וועלט נעמען זיך נישט אַזוי פיל פון „טאָפּעלע" אָדער פון פּאַראַלעלע בוכהאַלטעריעס, ווי פון ג ע ה יי מ ע בוכהאַלטעריעס. דער אַמעריקאַנער ייִד האָט אַ רעכט צו זיין אַ ייִד, צו פירן אַ ייִדיש קולטור־לעבן (אויב ער האָט פאַר דעם די נייטיקע וויטאַליטעט און אינהאַלט), אָפּהיטן און, אויב ער איז ביכולת, אויך אויפסנייע באַפרוכפּערן זיינע אייגענע גייסטיקע ווערטן — מיט איין באַדינגונג: אויב ער טוט דאָס אָפן, אויב ער מאַכט דערפון קיין סוד נישט, אויב ער איז ערלעך מודיע וועגן דעם זיינע נישט־ייִדישע מיטבירגער. איך באַדויער דעם גייסטיקן און מאָראַלישן שיקזאַל פון יעדן לאַנד, וואָס זאָל אַריינשטעלן אין די פליכטן פון זיינע בירגער אַזאַ „מצווה" ווי אַ מ נ ע ז י ע, דאָס פאַרגעסן זיך אַליין, זיינע זכרונות, זיין פאַרגאַנגענהייט, זיינע באַזונדערע גרופּן־אינטימקייטן. קיין שום בר־דעת אין אַמעריקע, ווייס איך, פאָדערט נישט פונעם אַמעריקאַנער ייִדן אַזאַ גייסטיקן זעלבסטמאָרד, אַזאַ „קידנעפּן"־זיך־אַליין פון דער ייִדישער פאָלקס־גרופּע פון וועלכער ער שטאַמט.

אין דער מערבֿ־וועלט שטייט פאַר אונדז נישט די פּראָבלעם פון באַקעמפן אַסימילאַציע אַלס אַ גזירה פון אויבן אָדער פונעם „אַרום", אויך נישט פון באַקעמפן אַן אַסימילאַטאָרישע פּראָגראַם אָדער וועלט אָנשויונג פון אינעווייניק. די הויפּט־געפאַר איז אַן אַנדערע: די געפאַר פון גלייכגילטיקייט צום עצם ענין ייִד־זיין. דער ציוניזם אַלס אַזעלכער, ריכטיקער, דער בלויז פּלאַ־

טאָגישער ציוניזם — וועלכער הערט נישט אויף צו זיין פּלאַטאָניש אַפילו ווען ער דריקט זיך אויס אין העלפן פון דערווייטנס דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישׂראל — איז ווייט נישט ביכולת צו סטימולירן דעם ייִדן אין חוץ־לארץ צו לעבן אַ ייִדיש לעבן, צו „פילן אַ טעם" און אַן אינהאַלט אין ייִד־זיין. כדי נישט צו זיין אינדיפערענט צום ייִדישן קיום און צו זיין אייגענער פאַרבינדונג מיט ייִדנטום, דאַרף ער ווערן דורכגעדרונגען מיט אינהאַלטן און ווערטן פון ייִדישער קולטור און גייסט. דורך פּראָפּאַגאַנדע קען דאָס נישט דערגרייכט ווערן. פאַר דעם פאָדערט זיך אַ מער פונדאַמענטאַלע, מער אָרגאַנישע ייִדישע דערציִונג, וואָס דער גאַר גרויסער טייל ייִדן אין די מערב־לענדער קריגט זי נישט אין אונדזערע יאָרן. פון שטאַנדפּונקט פון ווייטערדיקן ייִדישן קיום איז דערפאַר, אין די פריִער דערמאָנטע לענדער, די דערציִונג צו ייִדנטום אָדער צו „ייִדישקייט" אַ סך וויכטיקער ווי דאָס וואָס מיר באַצייכענען ספּעציפיש אַלס „דערציִונג צום ציוניזם". מ'קען נישט זיין קיין ווילנס־ציוניסט (צום אונטערשייד פונעם בלויז סענטימענטאַלן ציוניסט), אויב מ'איז נישט קיין ווילנס־ייִד, אויב מ'האָט נישט דאָס באַוווּסטזיין פון זיין אַ טייל אין דער לאַנגער דראַמאַטישער געשיכטע פון ייִד־זיין.

דאָס לעבעדיקע ארץ־ישׂראל קען נאַטירלעך אַ סך מער סטימולירן דעם ייִדן אין חוץ־לארץ און שטאַרקן זיין ווילן צו ייִד־זיין און צו ייִדיש לעבן, איידער סתם ציוניזם אַלס אַ טעאָריע אָדער וועלט־אַנשויונג. די השפּעה פון דער איצטיקער מדינת ישׂראל קען אָבער קולטורעל באַפרוכפּערן ייִדיש לעבן אין גלות בלויז אונטער איין באַדינגונג: אויב זי וועט גיין האַנט אין האַנט מיט געוויסע, אַזוי צו זאָגן, אויסער־געאָגראַפישע עלעמענטן אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער קולטור, מיט עלעמענטן וואָס האָבן אַרויסגעוויזן כוח צו לעבן אויך אַן דעם אָנשפּאַר אויף באָדן און אָן דירעקטער דערנערונג פון באָדן.

מיר איז נישט לייכט אין דעם פּונקט זיך קלאָר צו מאַכן, און אויף וויפל ס'איז מעגלעך, וועל איך איצט זוכן אויסצומיידן אַבסטראַקטע אָדער פילאָזאָפישע טערמינען. אין אַ געוויסן זין מעג מען זאָגן, אַז ייִדנטום האָט אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער — אין דעם גאַנצן אַזוי־גערופענעם גלות־פּעריאָד — געלעבט מער אין דער ספערע פון צייט איידער אין דער ספערע פון רוים, אָדער מער אין דער ספערע פון „מוזיק" איידער אין דער ספערע פון „פּלאַסטיק". פּלאַסטישע קונסט אָן רוים איז לחלוטין אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן. אַ בילד, אַ ווערק פון סקולפּטור אָדער אַרכיטעקטור מוז פאַרנעמען פּלאַץ אָדער באָדן; אַ ניגון איז באָדנלאָז. אין גרונט ווייסט ער גאָרנישט וואָס באָדן אָדער רוים איז; ער עקזיסטירט,

באַוועגט זיך, גייט דורך זיין וועג אויפן „שטח" פון צייט. אין סימבאָלישן זינען איז יידישע קולטור געווען מער אַ היסטאָריש־מוזיקאַלישע, איידער אַ געאָגראַפיש־פּלאַסטישע, און פון דעם שטאַנדפּונקט איז גלות, ביז צוריק מיט אַ פּאָר דורות, געווען אין דער וועלט־געשיכטע אפשר די איינציקע (יעדנפאַלס די בולטסטע) דערשיינונג פון אַן עקס־טעריטאָריאַלער ציוויליזאַציע. איז אַ ציוויליזאַציע אָן באָדן, אָן אַ טעריטאָריאַלער ראַם, אָן רוים, פון מער ווי איין שטאַנדפּונקט, אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג. יידן איז אָבער געלונגען די דאָזיקע אומנאָרמאַלקייט צו סובלימירן. אין גלות האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען עפּעס, וואָס ווען איך וואָלט געווען אַ דיכטער, וואָלט איך עס געזוכט צוצוגלייכן צו יעקב אבינוס אויסגעחלומטן (און דאָך רעאַלן) לייטער, פאַר וועלכן עס פאָדערט זיך בלויז אַ קלייניקער אָנשפּאַר־פּונקט, כדי צו דערגרייכן דעם הימל (סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה). און ווער קען היינט זאָגן, ווען מיר קוקן אויף צוריק, אַז די דאָזיקע כמעט פאַנטאַסטישע ביאָגראַפיע פונעם יידישן פאָלק איז געווען אַן איבהאַלט־לאָזע, אָדער אַ לאַנגווייליקע, אָדער אַן אומפּרוכטבאַרע? אויף די „לאַטיפונדיעס" פון צייט, פון, דוכט זיך, בלויז זכרונות און האָפענונגען, האָט אונדזער פאָלק געשאַפן אַזאַ גראַנדיעזן בנין ווי דעם תלמוד בבלי, די היכלות פון קבלה און חסידות, די פּרדסים פון מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, די זעלבסט־דיסציפּלין און פייערלעכע וואָכזאַמקייט פונעם שולחן ערוך, די קאָלירן און אַראָמאַטן פון שבתים און ימים־טובים. דאָס זענען אַלץ, איז אַ זייער גרויסער מאָס, שאַפונגען פונעם גלות, עקס־טעריטאָריעלע דעראָבערונגען. און ווי פּיינלעך עס איז נישט געווען איזאָלאַציע פון דער אַרומיקער וועלט, האָט זי אונדז געגעבן אַ געפיל פון אַריסטאָקראַטישער עקסקלוסיוויקייט, פון יחוס, פון סופעריאָריטעט. אָן אַ טעריטאָריע — און דאָך זענען געווען קלאָרע און פעסטע גרענעצן, וואָס יידן האָבן באַוואַכט מיט מסירות־נפש; אָן אַן אַרמיי — און אַזוי פיל גבורה; אָן אַ בית־המקדש — און אַזוי פיל קדושה; אָן כהונה — און, אין פּרינציפּ, יעדער ייד אַ כהן; אָן מלכות — און אַזוי פיל גייסטיקע „סוווערעניטעט". שעמען זיך מיטן גלות? איך שטאָלציר מיט אים, און אויב גלות איז געווען אַן אומגליק (און ווער קען באַהויפּטן, אַז ער איז דאָס נישט געווען?) שטאָלציר איך מיט דעם וואָס מיר האָבן פון אומגליק און אין אומגליק געמאַכט. שעמען זאָלן זיך פעלקער מיט דעם וואָס זיי האָבן מיט אונדז אין גלות געטאָן; מיר האָבן יעדן גרונט צו קוקן אויף אונדזער גלות־פאַרגאַנגענהייט מיט געהויבענע קעפּ. קיינער פון אונדז אידעאַליזירט נישט קיין טורמע; אָבער שעמען זאָלן זיך די וואָס פּייניקן אין טורמעס די בעסערע מענטשן פון דער געזעלשאַפט, און נישט יענע אַרעסטיר־

טע וואָס האָבן באַוויזן אין דער חשכות פון אַ תפיסה־צעל צו פֿאַרפאַסן זייערע ה ל ל ס צו שיינקייט און פרייהייט.

אמת, דער גלות אין וועלכן יידן לעבן איצטער איז שוין נישט דער זעל־ביקער אין וועלכן זיי האָבן פריִער געלעבט אַזוי פיל דורות. דער יידישער טאַלאַנט צו לעבן און שאַפן אַלס פאָלק בלויז אין דער ספערע פון צייט איז טראַגיש אָפּגעשוואַכט געוואָרן. נישט דאָ איז דער פּלאַץ און נישט איצט איז די שעה צו אַנאַליזירן די היסטאָרישע סיבות וואָס האָבן ביי אונדז יענע פעי־קייט צוגענומען. מיר ווייסן אָבער — און דאָס איז איינער פון די גאָר וויכ־טיקע עלעמענטן אין דער אידייע פון ציוניזם — אַז, נישט נאָר אונדזער פּאָ־ליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע, אין אַ גרויסער צאָל לענדער פון אונדזער צעשפּרייטונג, נאָר אויך אונדזער גייסטיקע און קולטור־סיטואַציע אומעטום פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן זיך אומקערן צו אַ פאָלקס־לעבן אין דער ספערע פון רוים, פון באָדן, פון טעריטאָריעלער פאַרוואָרצלונג. אויך פון מלוכהשאַפט. פאַר אַ ציוניסטישן קאָנגרעס איז נישט נייטיק אויפצוקלערן, אַז אָן אַזאַ אומקער דראָט אונדז אַ געפערלעכע אָפּשוואַכונג פון אונדזער וויטאַליטעט, אָן אַלגעמיינע פאַרבלאָסונג פון אונדזער גייסטיקן לעבן. די דאָ־זיקע גייסטיקע „יידן־נויט" איז געווען נישט דער לעצטער אין דער צאָל פאַק־טאָרן וואָס האָבן געגעבן קראַפט און אימפעט דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם דראַנג צו שיבת־ציון.

איך וואָלט אָבער געווען נישט אויפריכטיק מיט אייך, ווען איך וואָלט נישט אָנגעוויזן מיט עטלעכע ווערטער אויף אַ נייער גייסטיקער געפאַר, וואָס קען אַנטשטיין מחמת דער אָקצענטירונג — ריכטיקער, מחמת דער איבעראָק־צענטירונג — פון אונדזער אָ ר י ע נ ט אַ צ י ע א ו י ף ר ו י ם. אָון אייניקע קרייזן רעדט מען שוין די לעצטע צייט נישט ווען אַ י י ד י ש ע ר קולטור, נאָר וועגן אָן ארץ־ישראל־קולטור, אַפילו וועגן אַ י ש ר אַ ל ־ קול־טור, און ווען מ'זאָגט „ישראל" מיינט מען די מדינה. מען נוצט שוין (ס'קען זיין, אין באַשרענקטע קרייזן) דעם דאָזיקן אויסדרוק, גלייך ווי אין די דריי מיט אַ האַלב יאָר פון דער מדינהס עקזיסטענץ, און מיטן כוח פון דער מדינה, איז שוין דאָ אַנטשטאַנען אַן אייגענע אָדער אַ נייע קולטור. וויל איך דאָ נישט אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער שייכות צווישן שטאַט און קולטור. אַ שטאַט קען באַוועגן, וויטאַליזירן דעם גייסט פון אַ פאָלק, און קען שאַפן אַ געזונטע ראַם פאַר זיין קולטור־אַנטוויקלונג; און אַ שטאַט קען אַמאָל אויך דערשטיקן, דעגראַדירן און פאַרפלאַכן דאָס גייסטיקע לעבן פון אַ פאָלק. עס ווענדט זיך אָן דעם וואָס פאַר אַ שטאַט דאָס איז, וואָס ער טוט מיט זיינע בירגער, אָדער, אפשר ריכטיקער, וואָס די בירגער טוען מיטן שטאַט. אָבער

אויך דער בעסטער, אַפּילו דער אידעאַלסטער, שטאַט איז נישט בכוח אין קורצע עטלעכע יאָר צו פּראָדוצירן אַ נייע אָדער זיינע אַן אייגענע קולטור. ספּעציעל איז ער דאָס נישט בכוח צו טאָן, אויב ער באַטראַכט זיך פאַר אַ זעלבסט־צוועק, אויב ער פאַרגעטערט זיך אַליין און אויב ער רייסט זיך אָפּ פונעם פאָלקס געשיכטע, פון זיין פאַרגאַנגענהייט און די ווערטן וואָס עס האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט געשאַפן. ווען איך הער אָפטמאָל ווי מען ווענדט אָן דעם פּסוק „כי מציון ת צ א תורה" אויף דער ציון פון היינט און אויף דער היינטיקער מדינה אין ציון, גלייב איך צוזאַמען מיט אַנדערע אַז נייע און דערהויבענע קולטור־ווערטן וועלן נאָך אין דער צוקונפט דאָ געשאַפן ווערן — ווערטן פון אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם און באַדייטונג. אָבער דערווייל ווילט זיך מיר יענעם פּסוק פאַראַפראַזירן און דערמאָנען אַז „מציון י צ א ה תורה", אַז פון דעם דאָזיקן לאַנד איז אַמאָל אַ ר ו י ס ג ע ק ו מ ע ן אַ תורה, און אַז מיטן כוח פון יענער תורה האָבן יִדן שפּעטער, דור נאָך דור, אין גלות נאָך גלות, געשאַפן גייסטיקע ווערטן, אויף וועלכע עס ליגט דער חותם פון שעפערישע ראַנגלענישן און דערגרייכונגען. יענע ווערטן און די נשמה־ענערגיע וואָס איז אין זיי פאַרקערפּערט מוזן ווייטער — מסתמא אין נייע פאָרמען, מיט אפשר געענדערטע אַקצענטירונגען און מיט אַנדערע מע־טאָדן — קולטיווירט ווערן אויפן באָדן פון דער מדינת ישראל, געמאַכט ווערן דער י ס ו ד פאַר דער נייער ציוויליזאַציע וואָס הייבט אָן — מיט אַ סך שווערע חבלי־לידה, ווי פיל פון אונדז האָבן זיך געוואָלט פאָרשטעלן — געפורעמט צו ווערן אין דער מדינת ישראל. נישטאָ קיין קולטור־מאָרגן אָן אַ קולטור־נעכטן און אָן אַ קולטור־אייערנעכטן, אויב מיר ווילן נישט שלום־מאַכן מיט אַ לאָקאַל־עטנאָגראַפישן און לאָקאַל־פּאָליטיזירטן קולטור־נוסח פון אַ קליינער נאַציאָנאַליסטישער מדינה, וואָס איז פאַרדיבוקט מיט עקס־טרעמען פּאַטריאָטיזם.

אָבער אונדזער קולטור־נעכטן און קולטור־אייערנעכטן באַשטייען אין אַ גרויסער מאָס פון עלעמענטן מיטן שטעמפּל "Made in Galuth" — זאָלן מיר, מחמת דעם דאָזיקן שטעמפּל, זיי נישט אָנערקענען; איך שטעל די דאָזיקע פראַגע נישט ווייל איך לייג אַ סך געוויכט אויף אַזאַ דערשיינונג ווי דאָס קליינע בינטל „בינונים" מיט זייער נייגונג צו אַ סעמיטישן — כ׳בעט איבער אייער כבוד — „בלוט־און־באָדן־נאַציאָנאַליזם", צו אַ פ ו ט ו ר י ז ם, וואָס זוכט זיך כלומרשט אָנצושפּאַרן אויף אַ געצנדינערישן אורסעמיטיזם. אַן אחד משישים פון דעם דאָזיקן לונאַטישן „בינונים"־גייסט פילט זיך אָבער אויך אין אַנדערע, ברייטערע און נישט־קלײנישע קרייזן, און דער דאָזיקער אחד־משישים איז שוין אַליין אַן אָנזאָג פון אַ געוויסער געפאַר. פון אַזעלכע

קרייזן קומט אַרויס די גרינגשעצונג פון דער נאָענטער ייִדישער גלות־פּאַר־גאַנגענהייט, פונעם אַזוי־גערופענעם געטאָ־ייִדן, פון זיין שטייגער, פון זיינע ווערטן, פון זיין לעבנס־נוסח. יענע גרינגשעצונג אויף וועלכער עס האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק, מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט, אָפּ־געשטעלט אין זיינעם אַ פּאַמפלעט אַן ארץ־ישראלדיקער העברעיִשער שריי־בער. איך האָב דאָ אין זינען קריבן און זיין אַרבעט „אדברה וירווח לי״. אין גרונט איז דאָס אַ רוף צו אַ נייער הומאַניזירונג פון אונדזער קולטור־לעבן און צו אַ פּאַרטיפטער אהבת ישראל, אַן וועלכע די ציוויליזאַציע פון דער מדינת ישראל איז עלול צו גיין אויף פאַלשע אָדער פּרוכטלאָזע וועגן און אַן וועלכע די מדינה וועט נישט קאָנען אויסאיבן קיין באַדייטנדיקע קולטור־השפעה אויפן ייִדישן לעבן אין חוץ־לארץ.

מיר האָבן שוין אין די פּאָר טעג פונעם קאָנגרעס געהערט עטלעכע מאָל דעם לאָזונג „העברעיִזירן דעם גלות״. איך דאַרף דאָ נישט דערקלערן, אַז אַזאַ לאָזונג איז מיר און אַזעלכע ווי איך גאַרנישט פרעמד. איך נעם אים אָן מיטן גאַנצן הארצן, אָבער וואָס איז זיין ממשותדיקער אינהאַלט און תכלית? סתם פאַרשפּרייטן אין די גלות־לענדער די קענטעניש פון דער העברעיִשער שפּראַך, און הויפּטזעכלעך דערפאַר וואָס זי איז שוין היינט די אָפיציעלע שפּראַך פון אַ ייִדישער מדינה? אַוודאי און אַוודאי איז דאָס אויך אַ פּאָזיטי־ווער ציל, צו וועלכן מיר דאַרפן אַלע שטרעבן. אָבער העברעיִש האָט נישט געקראָגן זיין יחוס־כתב ערשט פון דער ייִדישער מדינה, און עס איז, ווי יע־דער ווייס, נישט קיין צופאַל און נישט קיין רעזולטאַט פון עמעצנס עקשנות, וואָס העברעיִש האָט זיך דעראָבערט אין אונדזער צייט אַזאַ ווילכטיקע פּאָזי־ציע, ווייזט היינט אַרויס אַזוי פיל קראַפט און פאַריונגונג, אַזאַ דינאַמיק און עלאַסטישקייט.

אין אונדזערע טעג, כמעט גלייכצייטיק מיט דער מדינת ישראל, איז אויפגעשטאַנען פּאָליטישן תחית המתים איינס פון די עלטסטע און נאָבלסטע פעלקער אין דער וועלט — אינדיע. אַנטדעק איך דאָ פּאָר קיינעם נישט עפּעס וואָס ער האָט נישט געוווּסט, דהיינו, אַז די אָפיציעלע שפּראַך פון דער אינ־דישער פעדעראַציע איז נאָך אַלץ ענגליש, די שפּראַך פונעם אַמאָליקן אָקופּאַנט, פונעם אַריינדרינגלער, פון וועמענס יאָך דאָס גרויסע לאַנד האָט זיך אָקאָרשט באַפרייט. נישטאָ נאָך אין אינדיע קיין געמיינזאַמע נאַציאָנאַ־לע שפּראַך, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע אירע שבטים און אַלע אירע געגנטן, און אינדיער — לאָמיר נישט פאַרגעסן — זענען דאָך די גאַנצע צייט פון זייער לאַנגער געשיכטע געזעסן אויף זייער אייגענעם באָדן. און נעמט אַ צווייטן ביישפּיל: אירלאַנד. נאָמינעל האָט די זעלבסטשטענדיקע אירלאַנד אירע אַן

אייגענע אָפיציעלע שפּראַך — געליק. אָבער פּאַקטיש, וויפל אירלענדער קע־נען רעדן אָדער לייענען געליק? ווי גרויס אָדער ווי פאַרשפּרייט איז זייער געליק־ליטעראַטור? אויף וועלכער שפּראַך גייען דאָרט אַרויס צייטונגען און זשורנאַלן? וואָס פאַר אַ לשון נוצט מען מערסטנטייל אין פּאַרלאַמענט? די חובבי־שפת־געליק קענען זיך נישט באַרימען מיט קיין גרויסע דערגרייכונ־גען אויך אין פעריאָד פון פולער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. און ענג־ליש, די שפּראַך פונעם היסטאָרישן „שונא״, איז נאָך אַלץ אין דער ווירק־לעכקייט אירלאַנדס שפּראַך. אירלענדער, ווי ייִדן, האָבן אויך זייערן אַן אייגענעם חוץ־לארץ, און גאָרנישט קיין קליינעם, אָבער די עטלעכע מיליאָן איר־לענדער וואָס לעבן אין־דער־היים האָבן דאָך שטענדיק דאָרט געלעבט, קיינ־מאָל נישט אויסגעוואַנדערט, שטענדיק געווען פאַרוואָרצלט אין זייער באָדן און סביבה. פאַרוואָס־זשע איז זיי נישט געלונגען צו טאָן מיט געליק דאָס, וואָס אונדז איז געלונגען מיט העברעיִש? נישט ווייל מיר זענען גרעסערע בריהס פון זיי, נאָר ווייל העברעיִש איז פאַר אונדז אין אַלע דורות געווען ל ש ו ן ק ו ד ש, בשעת געליק איז געווען פאַר אירלענדער נישט מער ווי אַ פאָלקס־שפּראַך, אַ טייל פון אַן עטנאָגראַפישער קולטור. אין משך פון יאָר־הונדערטער, זינט די טעג פון פּאַטריק דעם הייליקן, איז דאָס אירלענדישע לשון־קודש, ווי אין אַלע רומיש־קאַטוילישע לענדער, געווען לאַטיין — אַן אוניווערסאַלע, דע־נאַציאָנאַליזירטע שפּראַך — נישט זייער אייגן לשון. העב־רעיִש האָט געקענט עקזיסטירן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר נישט אַלס אַ מוזעום־קעגנשטאַנד, נאָר אַלס אַ פונקציאָנירנדיקער אָרגאַן, אַן אַ שטאַט, אַן אַ טעריטאָריע, ווייל די שפּראַך אַליין איז געווען אַ „טעריטאָריע״, אַ גייס־טיקע ה יי ם, און ווייל דער פּאַטאָס פון ייִדישן לעבן און שאַפן, פון ייִדי־שע נשמה־ראַנגלענישן און זיגן, האָט זיך מאַניפעסטירט הויפּטזעכלעך אין העברעיִש. העברעיִש האָט אין אונדזער דור כוח צו זיין אַ וו ע ל ט ל ע כ ע אומגאַנג־שפּראַך — נישט טראַץ, נאָר אַדאַנק דעם פאַקט וואָס אין משך פון אַזוי פיל דורות איז זי געווען פאַר אונדז אַ ה יי ל י ק ע ש פּ ר אַ ך. ווען העברעיִש (אין געוויסע פעריאָדן, צוזאַמען מיט איר שוועסטער־שפּראַך אַראַמיש) וואָלט נישט געווען דער אָרגאַן פאַר סובלימאַציעס אין ייִדישן לעבן, וואָלט זי שוין לאַנג געווען אַ טויטע שפּראַך. און נעמט מען דאָס מאָדערנע העברעיִש אין ארץ־ישראל, מיט וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל גרונט צו שטאָל־צירן, איז עס נישט סתם, פון דער העלער הויט אויסגעוואַקסן אין אַ פּאָר צענדליק יאָר „פונעם באָדן״. אַזאַ העברעיִש וואָלט אוממעגלעך געווען, ווען עס וואָלט נישט אַרויסגעקומען פונעם שויס פונעם „גלות־העברעיִש״ — פון מענדעלעס פּראָזע, פון אחד־העמס עסייען־סטיל, פון ביאַליקס פּאָעזיע, פון

בערקאָוויטשעס שלום־עליכם־איבערדיכטונג. אָבער דאָס דאָזיקע גלות־העב־רעיִש גופא האָט געשעפּט זיין יניקה פון די טיפענישן פון טראַדיציאָנעלן העברעיִש, פון „לשון־קודש״, פון אַ גייסטיקן שטראָם וועלכער איז אַ סך מער ווי נאַציאָנאַליזם, פונעם יידישן רעזערוואַר פון גרויסע און אייגנאַרטיקע גייסטיקע שפּאַנונגען. אָן דעם דאָזיקן הינטערגרונט — אָן דעם הינטערגרונט פון יִ ד נ ט ו ם אין ברייטן היסטאָרישן זין — וואָלט איצטער העברעיִש אין ארץ־ישראל געווען (אויב עס וואָלט בכלל געווען) אַ מין עספּעראַנטאָ פאַר אימיגראַנטן מיט אַ בבל פון שפּראַכן, אפשר נישט מער ווי אַ Pigeon Hebrew. אָבער אָן יענעם הינטערגרונט וואָלט מסתמא בכלל קיין ציוניזם נישט געווען.

אויב מיינע באַטראַכטונגען זענען בכלל ריכטיקע, זענען זיי חל סיי אויף ארץ־ישראל און סיי אויפן גלות, באַזונדערס אויפן גלות. דער פונדאַמענ־טאַלער צוועק פון יידישער דערציִונג אין גלות איז דערפאַר, פון מיין שטאַנד־פּונקט, נישט צ י ו נ י ז ם, אין ספּעציפישן אָדער פּראַגראַמאַטישן זין פון וואָרט, נאָר יִ ד נ ט ו ם. ציוניזם דאַרף זיין דער נאַטירלעכער רעזול־טאַט פון אַן אָרגאַנישער דערציִונג צום יידנטום, די קולמינאַציע, נישט דער אָנפאַנג. אָן אַזאַ דערציִונג קען ציוניזם זיין אַ דאָקטרין, אַן איבערצייגנדיקע טעאָריע, אַ פּראָגראַם, אַ פּלאַן, אַ פּיקוח־נפש־אונטערנעמונג, אַן אַפּעלאַציע צו סענטימענטן, אָבער נישט קיין טיפן־דערלעבעניש. העברעיִש איז, נאַטיר־לעך, אַ גאָר־גאָר וויכטיקער עלעמענט אין אַזאַ דערציִונג. אָבער איך וואָלט דאָ גיכער געברויכט דעם טערמין ה ע ב ר אַ יִ ז ם איידער העברעיִש. איך נוץ דאָ דאָס וואָרט „העבראַיִזם״ נישט אין יענעם פּאָלעמישן זין, אין וועלכן ער איז אין אונדזער דור גענוצט געוואָרן אַלס אַן עקסטרעמע שפּראַך־פּרעפע־רענץ, אַלס אַ ריין לינגוויסטישע „שיבולת״, נאָר מיט דעם זעלבן צוגאַנג, מיט וועלכן איך וואָלט, למשל, גענוצט דאָס וואָרט „העלעניזם״. העלעניזם איז מער ווי די גריכישע שפּראַך, מער ווי די אַלט־גריכישע מיטאָלאָגיע אָדער רעליגיע, מער ווי די אַנטיקע קונסט פון גריכנלאַנד. עס איז אַ שטראָם אינעם אומענדלעכן אָקעאַן פון דער מענטשהייטס זוכענישן, פון דער מענטשהייטס ליידנשאַפטלעכן שטרעבן צו קריגן אַ זיכערקייט מיט זיך, אַ פאַראַנקערונג אין קאָסמאָס — פון איר גאַרן נאָך אמת, נאָך שיינקייט, נאָך האַרמאָניע. אַזאַ מעכטיקער שטראָם איז אויך יידנטום. אַלע ציוויליזאַציעס — די גרעסטע און די רייכסטע צווישן זיי — זענען מער עקספּערימענטן, ווי פאַרענדיקטע דער־גרייכונגען. אָבער אַ לעבנספעיִקע ציוויליזאַציע, אַזעלכע וואָס האָט זיך נישט אויסגעשעפּט אין איר עקספּערימענטירן און טראָגט נאָך אין זיך פּאָטענציעלע קראַפט פאַר באַנייונג, פאַריונגונג און נייע אַקצענטירונגען, קען פאַרגליכן

ווערן מער צו אַ מעלאָדיע, ווי צו אַ סקולפּטור־ווערק. די אַמאָליקע עגיפּטישע ציוויליזאַציע, למשל, איז שוין לאַנג אַ סקולפּטור־ווערק, פון וועלכן עס קען שוין קיין ניי לעבן נישט אַרויסקומען. זי האָט שוין היינט מער אַן אַרכעאָלאָגישע ווי אַ היסטאָרישע באַדייטונג. ייִדנטום האָבן מיר יעדן גרונט צו באַטראַכטן נישט אין טערמינען פון פאַרענדיקטער פּלאַסטישער „פאַרגליווערטקייט״, נאָר אין טערמינען פון אַ מעלאָדיע, און אַ מעלאָדיע — שוין דערפאַר אַליין וואָס איר „שטח״ איז צייט — האָט, אין פּרינציפּ, שטענדיק ה מ ש ך. עס עקזיסטירן פאַר איר תמיד מעגלעכקייטן פאַר וואַריאַציעס, אויך פאַר שעפערישע זיג־זאַגן, אָפּנויגן און סתירות: פאַר נייע „עקספּערימענטן״ מיט זיך אַליין, אָבער פאַר אַזעלכע עקספּערימענטן וואָס פאַרלירן נישט די פאַרבינדונג (דעם „זכרון״) מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט די כוחות וואָס האָבן יענע פאַרגאַנגענהייט געשאַפן.

דאָס ברענגט אונדז, צי מיר ווילן אָדער מיר ווילן נישט, צו דער פראַגע פון רעליגיע און רעליגיעזער טראַדיציע אין ייִדנטום. די טריבונע פון וועלכער איך רעד היינט איז נישט דער זיכערסטער אָדער רויִקסטער פּלאַץ פאַר דיסקוטירן ענינים פון רעליגיע. רעליגיע איז אָבער נישט עפּעס וואָס שטייט ערגעץ־ווו אין אַ איזאָלירטן רשות־היחיד און האָט נישט קיין שייכות צו דער קולטור פון אַ פאָלק אָדער פונעם מענטשלעכן מין בכלל. רעליגיע איז אַליין — גוטע אָדער שלעכטע — קולטור, און פערזענלעך בין איך געניגט צו טראַכטן, אַז א י ן א י ר פּ אָ ט ע נ ץ איז זי גאָר די קרוינונג פון אַלע מעגלעכע קולטור־דערגרייכונגען. עס האָט אַזוי „פּאַסירט״, אַז ייִדנטום, ייִדישע קולטור, איז אין אירע וויכטיקסטע מאַניפעסטאַציעס געווען הויפּטזעכלעך רעליגיעז. אין אַנדערע ווערטער: די אור־קרעפטן פונעם ייִדישן פאָלק, זיינע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין, מיטן „דעספּאָטיזם״ פון דער נאַטור, מיט די סביבות פון די אומות העולם, האָבן זיך אויסגעוויילט רעליגיעזע קאַנאַלן, רעליגיעזע וואָפן און רעליגיעזע פאָרמען. די הויפּט־שפּאַנונגען פון דער ייִדישער קאָלעקטיווער נשמה זענען געווען רעליגיעזע, איר ענערגיע האָט גערעדט צו זיך אַליין און צו דער וועלט אַ לשון פון אַן עטיש־רעליגיעזער דראַמע, אַ „לשון קודש״. נעמט אַוועק פון אונדזער שיקזאַל דעם עלעמענט פון רעליגיעזער דראַמע, ספּעציעל אין אונדזער לאַנגן און מאַרטירערישן גלות — און עס ווערט זינלאָז יעדער פאַרזוך אויסצוטייטשן די ייִדישע געשיכטע. ייִדישע עקזיסטענץ אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר איז אָדער אַ מיסטעריע (און אַ מיסטעריע האָט זין און „תכלית״) אָדער אַ מיספאַרשטענדעניש. איך נעם אָן אַז זי איז געווען אַ מיסטעריע, און איך וואָלט שטאַרק באַדויערט דעם ציוניזם, דעם ייִדישן רענעסאַנס, ווען ער וואָלט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס

פּראָדוקט פון אַ מיספאַרשטענדעניש אָדער אַ היסטאָרישער לעפּישקייט. איך האָב פריִער פאַרגליכן ייִדנטום צו אַ מעלאָדיע. אויב מ׳זאָל זיך האַלטן ביי אַזאַ פאַרגלייך, איז „בראשית״ די פּרעלודיע צו יענער מעלאָדיע, און דער „אחרית הימים״ (אין דער שפּאַנונג, נישט אין אַ פאַרענדיקטער היסטאָרישער ווירקלעכקייט) איר עפּילאָג, מיט „יהי!״ (עס זאָל זיין!) אַלס איר שטענדיקער „רעפרען״. עס איז דערפאַר גאָרנישט נייטיק צו זיין רעליגיעז אין אַ דאָגמאַטישן אָדער אינסטיטוציאָנעלן זינען פון וואָרט, אַן אָרטאָדאָקס. — ווען איך וואָלט רעדן אַמעריקאַניש, וואָלט איך זאָגן, אַז ס׳איז נישט נייטיק צו זיין אַ „פונדאַמענטאַליסט״ — כדי צו אָנערקענען, אין שייכות מיט אונדזער ווייטערער פאָלקס־דערציִונג, דעם אומפאַרגלייכלעכן ווערט פון די קולטור־פאַרקערפּערונגען פונעם ייִדישן רעליגיעזן געניוס.

איך בין ווייט נישט דער לעצטער ווי געהעריק אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון פאַרשפּרייטן אין גלות, שוין נישט רעדנדיק וועגן ארץ־ישראל, די קענטעניש פון העברעיִש, פונעם מאָדערנעם, גערעדטן, אַזוי צו זאָגן, פּראַקטישן העברעיִש. איך זע אין דעם, קודם־כל, אַ מין „חיזוק החברה״, אַ בריק אָדער אַ סאָציאַל פאַרבינדונגס־מיטל צווישן ייִדן אין חוץ־לארץ און ייִדן אין מדינת ישראל, אויך צווישן חוץ־לארצדיקע ייִדן גופא. זאָל מיר פונדעסטוועגן דערלויבט זיין צו באַהויפּטן, אַז אַ ייִד וואָס קען אָנרופן אויף העברעיִש אַלע פלאַנצן פון ארץ־ישראל, צי אַלע טיילן פון אַ טראַקטאָר אָדער פון אַן אַנדער קאָמפּליצירטער מאַשין, העלפט דאָס אים זיכער אַרויס צו זיין אַ ניצלעכער פונקציאָנער אין דער מדינת ישראל — ווער פון אונדז וועט אונטערשאַצן און ווער פון אונדז וועט דען אין דעם נישט זען אַפילו אַ קולטורעלן ווערט, נישט בלויז אַ טעכניש־אוטיליטאַרן? — אָבער אויב אים זענען נישט באַקאַנט, אין זייער טיפערן זינען און אין זייער פאַרבינדונג מיט גייסטיקע שפּאַנונגען, אַזעלכע העברעיִשע באַגריפן ווי „מצווה״, „עבירה״, „גאולה״, „תיקון״, „טומאה״, „טהרה״, „יראה״, „אהבה״, „צדקה״, „חסד״, „מסירות־נפש״, „קידוש־השם״, „דבקות״, „תשובה״, קען ער נישט זיין קיין שותף צו יענעם כאָר, וואָס זינגט אויס, ביודעים אָדער בלא יודעים, דאָס וואָס כ׳האָב באַצייכנט אַלס „די ייִדישע מעלאָדיע״. אויך די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע דערציִונג, אין ארץ־ישראל ווי אין גלות, אויב זי וויל נישט אויסגעליידיקט ווערן פון קרעפטן, וואָס בויען אויף די ייִדישע פּערזענלעכקייט, מוז דערפאַר געגערט ווערן פון קוואַלן וואָס ווערן באַצייכנט, יעדנפאַלס פאָרמעל, אַלס רעליגיעזע. און אָט דאָס האָב איך אייגנטלעך געמיינט ווען איך האָב זיך היינט באַנוצט מיטן טערמין „העבראַיִזם״.

איך שלאָג דאָ נישט פאָר קיין דעטאַליזירטע פּראַקטישע פּראָגראַם, אויך

נישט קיין קוריקולום פאַר ייִדישע שולן. ס'אַ גרויסער ספק צי איך בין פאַר דעם באַרופן. איך האָב בלויז געזוכט הייבט, אפשר אין צו אַבסטראַקטע טערמינען, אָנצוצייכענען די ליניע, אויף וועלכער מיר דאַרפן ריכטן אונדזער דענקען, אונדזער קולטור־אָריענטאַציע. העברעיִש אַלס שפּראַך דאַרף נאַטירלעך פאַרנעמען דעם צענטראַלן פּלאַץ אין אונדזער גאַנצער פאָלקס־פּעדאַגאָגיק; עס קען נישט זיין קיין „העבראַיִזם" אָן העברעיִש אין הינטערגרונט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מיר דאַרפן, לויט מיין מיינונג, זיך באַנוצן בלויז מיט העברעיִש, אַז מיר מעגן וואַרטן ביז דער רוב מנין ייִדן וועלן האָבן ווילן און כוח זיך אויסצולערנען העברעיִש אין אַזאַ מאָס, אַז די שפּראַך זאָל ווערן פאַר זיי אַ מקור פון גייסטיקן גענײסן (און אָן „געניוס", וואָס מאַכט אַ מענטשן אַ מיט־שאַפער אינעם קולטור־פּראָצעס, ווי איז מעגלעך אַ גייסטיקע דערלעבעניש?). כדי מיטצוטיילן די ווערטן פון דעם וואָס איך באַצייכן אַלס „העבראַיִזם", וועלן מיר, אויף פאַרשיידענע שטופן און ביי פאַרשיידענע שיכטן פונעם גלות־פאָלק, מוזן נוצן אויך אַנדערע שפּראַכן. אַלץ איינס וואָס איר שיקזאַל זאָל נישט זיין אין דער צוקונפט, וועלן מיר דאַרפן נוצן אויך ייִדיש — אומעטום ווו דאָס דאָזיקע לשון איז נאָך פאַר ייִדן אָרגאַניש, אינטים, און מאַכט זיי אויפנאַם־פעיִק פאַר קולטור־השפעות. מיר וועלן פאַר דעם דאַרפן נוצן אויך נישט־ייִדישע, פרעמדע שפּראַכן. פרעמד זענען יענע שפּראַכן דעם ייִדישן כלל, אָבער פאַר מיליאָנען ייִדישע יחידים זענען זיי שוין אין אַ גרויסער מאָס אייגענע שפּראַכן, אָרגאַנען פאַר זייער גייסטיקן לעבן און וווּקס.

אַזאַ ערנסטע, טיף־גראָבנדיקע, מיט ייִדישער אייגנאַרט אָנגעהויכטע קולטור־אַרבעט וועט מיט דער צייט, גלייב איך, ברענגען אויך צו אַ פאַרטיפטן ציוניזם, צו אַ באַוווּסטזיין פון היסטאָרישער דראַמע און צו אַן אַקטיוון ווילן אין דער דאָזיקער דראַמע אָנטייל צו נעמען, אויך צו חלוציזם, וואָס וועט שעפּן זיין קראַפט פון די טיפערע שיכטן פון ייִדישן וועזן. נאָר אַזאַ אָרגאַנישע און שוווּנגפולע דערציִונגס־אַרבעט קען אין גלות שאַפן די אינעווייניקסטע גרייטקייט רעאַל, בפועל ממש, זיך צו באַהעפטן מיט דעם גראַנדיעזן פּראָצעס פון ייִדישער אויפלעבונג, וואָס האָט אין אונדזער דור אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוּוויקלען אין ארץ־ישראל.

אַזאַ אַרבעט איז נישט לייכט. זי קען נישט געטאָן אָדער אַפילו ערנסט צוגעגרייט ווערן איבער־נאַכט. קיינער אין דעם דאָזיקן זאַל ווייס אפשר נישט מער פון מיר ווי אומגעהויער גרויס עס זענען די שוועריקייטן אין דורכפירן אַזאַ פּראָגראַם אין חוץ־לארץ. נישט איינמאָל אין דער אַרבעט קריגט מען דעם געפיל פון גיסן וויין אין אַ צעלעכערטן פאַס. איך ווייס אָבער אַז אָן

דעם איז דער ציוניזם, ספּעציעל אין די ציוויליזירטע און פרייע מערב־לענדער, פֿאַראורטיילט צו ווערן אַלץ גראָער, אַלץ לאַנגווייליקער, אַלץ ווייניקער אינספּירירנדיק — אַנעמיש און איינגעדאַרט. מיט דעם האָט דער ציוניזם יעדן שאַנס אָנצוהייבן אַ נײַ און גרויס קאַפּיטל.

אין לעצטן היסטאָרישן סך־הכל איז די מדינת ישראל פֿאַראינטערעסירט אין אַזאַ גייסטיקער עליה פון ציוניזם, נישט ווייניקער ווי דער גלות. גלייבן מיר דאָך אַלע צוזאַמען, אַז אַלע יידישע וועגן פירן — פריער אָדער שפּעטער, דירעקט אָדער אומדירעקט, מיט אָדער אָן מאַרשרוט־סימנים — צו איין דעסטינאַציע־פּונקט: קיין ארץ־ישראל.

אַ בליק אין דער צוקונפט *

איך שטיי פאַר אייך און חידוש זיך: ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז אַז איר האָט איינגעלאַדן מיין ווייניקייט צו אַדרעסירן אייער קאָנפערענץ? איך בין נישט קיין מוסמך. איך בין מסתמא דער איינציקער צווישן אייך וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט נישט אין אַ ישיבה און נישט אין אַ מאָדערנעם „במקום" פון אַ ישיבה. מיט קיין לומדות קען איך זיך אויך נישט באַרימען. כ'האָב אַ חשד, אַז די איינלאַדער האָבן אַפילו נישט פעסטגעשטעלט, צו וועלכן פון די דריי טיפּן רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וואָס זענען, פאַר באַ־שטימטע צוועקן, פאַראייניקט אין אייער קערפּערשאַפט, געהער איך, און צי געהער איך בכלל צו וועלכער נישט איז קאָנגרעגאַציע. איז די איינלאַדונג געווען אַ צופאַל, אַ מיספאַרשטענדעניש, אָדער אַן אויסדרוק פון פאַרטרויען אין מיר, וועלכן איך האָב אפשר נישט פאַרדינט? אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דער פאַקט, וואָס איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג, וועלכע איז פאַר מיר אַ גרויסער קאָמפּלימענט — און איך האָב זי אָנגענומען זייער גערן — נישט קיין סימן פון גרויסער ענוות פון מיין זייט.

איך וועל מסתמא מוזן אַרויסגיין פון דער ראַם, וואָס איר האָט אָנגע־צייכנט פאַר מיין פאַרטראַג: „יידיש לעבן אין דער צווייטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט". קיינער פון אונדז איז נישט קיין נביא, און אין דער מאָס, אין וועלכער מיר מוזן זיך דערלויבן צו מאַכן פּראָגנאָזן, קען מען זיי נישט צושפּיצן צו דאַטן אָדער אָפּגעגרענעצטע פּעריאָדן, וואָס לאָזן זיך גענוי אָנצייכענען. איך וועל מיר יעדנפאַלס מאַכן מיין אויפגאַבע באַקוועמער און לייכטער: אַנשטאָט צו געבן לייזונגען פון פּראָבלעמען, וועל איך זיך באַ־שרענקען בלויז אויף אַנאַליזירן דעם צושטאַנד, אין וועלכן מיר געפינען זיך. איך ווייס, אַז בלויז דעפינירן אַ פראַגע איז נישט קיין גאַנצע אַרבעט, אָבער... לא עלי המלאכה לגמור.

אויף אַ יידישער שיף, אויף וועלכער מיר איז אויסגעקומען נישט לאַנג צוריק צו פאָרן פון פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל, האָב איך בייגעווינט אַ

---

* אַ רעדע, געהאַלטן דעם 10טן אַפּריל 1951, פאַר דער קאָנפערענץ פונעם ניו־יאָרקער „באָאַרד אָף ראַבאַיס" (אַ קערפּערשאַפט, אין וועלכער עס זענען פאַרטראַטן קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־ראַבאַיס, ווי אויך אַ טייל פונעם אָרטאָדאָקסישן ראַבינאַט). די דערמאָנטע קאָנ־פערענץ האָט געפייערט די זיבעציק־יאָריקע עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

שטיקל וויכוח צווישן עטלעכע רבנים פונעם גוט באַקאַנטן „היימישן", מזרח־אייראָפּעיִשן טיפּ. איינער פון זיי האָט געפרעגט אַ שאלה: היות עס עקזיס־טירט שוין איצטער, ברוך השם, אַ יִדישע מדינה, צי מעג מען נישט זאָגן אַז די גאולה איז שוין געקומען, און אויב אונדזער צוויי־טויזנט־יעריקע האָפע־נונג איז מקויים געוואָרן, צי איז שוין נישט געקומען די צייט אָפּצושאַפן תשעה־באב? אַן עלטערער רב האָט אַ טראַכט געטאָן און געפּסקנט: בדרך כלל מעג מען שוין איצט דעם דאָזיקן תענית בטל מאַכן. ער איז אָבער געניי־גט צו וואַרטן, ביז דער אַנדערער טייל פון ירושלים, ווו דער בית־המקדש איז אַמאָל געשטאַנען און ווו עס געפינט זיך דער כותל־מערבי און אַנדערע יִדי־שע הייליקטימער, וועט אַריבערגיין פון אַראַבישע הענט אין רשות פון דער מדינת ישראל. גראָד דער יונגסטער פון דער רבנים־גרופּע האָט העפטיק קעגן דעם פּראָטעסטירט:

„עס האָט ג אָ ר נ י ש ט פּ אַ ס י ר ט, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס אָפּשאַפן פון תשעה־באב". מדינת ישראל? ער לייקנט נישט, חלילה, אַז דאָס איז אַ גאָר־גאָר גרויסע געשעעניש, וואָס דאַרף וואַרעמען דאָס האַרץ פון יעדן פרומען יִדן. אָבער מיט ג א ו ל ה האָט דאָס דערוויַיל זייער ווייניק צו טאָן. וואָס האָבן מיר אייגנטלעך אַזויפיל דורות באַוויינט אין אונדזערע חצותן? און מחמת וואָס האָבן מיר געפאַסט און געטרויערט יעדעס יאָר דעם ביינטן אָב? מחמת דעם חורבן פון דער יִדישער מדינה? ארץ־ישראל איז שוין נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיק יִדיש לאַנד אַ שפּאָר ביסל יאָרן פאַרן חורבן פונעם צווייטן בית־המקדש. דאָס יִדישע לאַנד איז געווען אַ רוימישע פּראָווינץ, אַ מין „פּראָטעקטאָראַט" פון די אימפּעראַטאָרן. גרויסע צאָלן זע־נען שוין געזעסן אין גלות נאָך איידער די פלאַמען האָבן פאַרצערט דעם בית־המקדש. האָבן מיר, הייסט עס, באַוויינט דעם בית־המקדש גופא, נישט די מלוכה? אָבער וואָס הייסט טרויערן אויפן בית־המקדש? האָבן מיר פאַרלוירן אַ ווערטפולן בנין? און זענען מיר דען אַזוי זיכער, אַז פּאָליטיש איז לחלוטין נישט געווען קיין מעגלעכקייט, אין משך פון דער צייט, דעם בית־המקדש ווי־דער אויפצובויען? קיינער קען נישט באַווייזן, אַז אַפילו אונטער דער רוימי־שער הערשאַפט זענען נאָכדעם נישט געווען קיין ליבעראַלערע צייטן, ווען מ׳וואָלט אונדז נישט געשטערט צוריק אויפצובויען דעם בית־המקדש, אויב מיר וואָלטן געגעבן אַ גאַראַנטיע אַז ער וועט נישט ווערן אַ זאַמלפּונקט פאַר אַ באַוועגונג, זיך צו באַפרייען פון רוימישער פּ אָ ל י ט י ש ע ר הער־שאַפט... תשעה־באב, גלייב איך, טרויערן מיר אַלע יאָרן און דורות אויף נאָך עפּעס: אויף דער הערשאַפט פון א ד ו ם איבער דער וועלט. נישט בלויז די מויערן פון ירושלים זענען צעשטערט געוואָרן. דער גייסט פון א ד ו ם

האָט געזיגט איבער דעם גייסט פון ירושלים. א ד ו ם האָט דענסטמאָל געהייסן רוים. אָבער רוים האָט נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף א ד ו ם - ג יי ס ט. אין יעדן דור אָדער אין יעדע עטלעכע דורות שטייט אויף אונטער אַ נייעם נאָמען א ד ו ם און געוועלטיקט איבער דער וועלט. די נעמען בייטן זיך, די רשעות און די טומאה בלייבן די זעלביקע. פרעג איך אייך: איז א ד ו ם שוין באַזיגט געוואָרן? געוועלטיקט שוין אין דער וועלט ירושלים? און זענען דען מיר, ייִדן, אינגאַנצן פריי פון אדום־גייסט? און אַז ס'איז שוין פאַראַן אַ מדינת ישראל, באַהערשט זי דען מיט איר גייסט די איבעריקע וועלט, און — לאָמיר זיין ערלעך מיט זיך — איז דען די ייִדישע מדינה גופא אַ מלכות שדי? קען זי עס דען זיין היינט, מיט אונדז, ייִדן, ווי מיר שטייען און גייען, מיט אַזוי פיל יצר־הרעס וואָס בושעווען אין אונדז, מיט אַזוי פיל קנאת־אחים און שנאת־חינם? איז דען ג א ו ל ה עפּעס וואָס דאַרף קומען בלויז פון דרויסן און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אינעווייניק? ניין, תשעה־באב טאָר נאָך נישט אָפּגעשאַפט ווערן, אַלץ איינס צי מיט אַ האַלב־ירושלים צי מיט גאַנץ ירושלים אין ייִדישע הענט, און חצותן דאַרף מען נאָך אַלץ פּראַ־ווען..."

עס איז נישט נייטיק, כ'זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט יענעם יונגן רב, כדי איך זאָל אים קענען פאַרשטיין. איך האָב אים דאָ ציטירט, ווייל אין אים דרקט זיך אויס אַ באַשטימטער (און אַ היסטאָריש זייער וויכטיקער) אַספּעקט פון ייִדישער איינשטעלונג צו זיך און צו דער וועלט. פון אַ ברייטערער היס־טאָרישער פּערספּעקטיווע באַטראַכט ער די אַנטשטייונג פון דער ייִדישער מדינה ווי אַ מין א ו י ס ג ל יי כ ו נ ג מיט די אומות־העולם. די גויים האָבן זעלבסטשטענדיקע מדינות, האָבן מיר עס אויך. פון אַ פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט זענען מיר געוואָרן צוויי טויזנט יאָר אַ פאָלק „אַ סריס"; היינט זענען מיר שוין (סיי אין די אויגן פון דער וועלט און סיי אין אונדזערע אייגענע אויגן) נישט מער „קאַסטרירט". ס'אַ גרויסע געשעעניש, וועט ער מיט אונדז מסכים זיין, אָבער קיין גאולה איז דאָס נאָך נישט. גאולה איז פאַר אים אַ גייסטיקער, אַ מאָראַלישער, אַ רעליגיעזער באַגריף, נישט קיין פּאָליטישער אָדער עקאָנאָמישער. „נהיה ככל הגויים" איז פאַר אים נישט קיין אידעאַל. אין דער עקזיסטענץ פון ייִדישן פאָלק זעט ער נאָך אַלץ אַ „געטלעכע דראַמע" פון אַ וו ע ל ט - פּ אַ ר נ ע ם, און אַ לאָקאַלער עפּילאָג — אין אַ קלענע־רער אָדער גרעסערער ייִדישער מדינה — איז פאַר אים נישט דער אָפּשלוס פון יענער איינציקאַרטיקער דראַמע.

אָבער נישט די מדינת ישראל, מיט די ייִדן וואָס לעבן דאָרט און מיט יענע ייִדן וואָס ווילן זיך נאָך מיט דער צייט דאָרט באַזעצן, זענען היינט דער

קעגנשטאַנד פון אונדזער דיסקוסיע. איך נעם זיך נישט אונטער היינט אויס־צומאָלן דעם קלסתר־פּנים פון דער מדינת ישראל שפּעטער מיט אַ דור, מיט צוויי אָדער דריי דורות. וואָס עס זאָל נישט זיין איר גייסטיקע פיזיאָנאָמיע אין דער צוקונפט, אָבער די ייִדן וואָס לעבן דאָרט וועלן בלייבן ייִדן. זייער קיום אַלס פאָלק איז געזיכערט, און זייערע אַן אייגנאַרטיקע, אַ ספּעציפיש ייִדישע פיזיאָנאָמיע וועט נישט מטושטש ווערן. אונדזער פּראָבלעם זענען — ייִדן אין גלות, יענע ייִדן וואָס וועלן בלייבן אין גלות נאָך אויף לאַנגע דורות און אפשר אויף אייביק. אונדזער פּראָבלעם, פון שטאַנדפּונקט פון גייסטיקן שיקזאַל און המשך, זענען, קודם־כל, ייִדן אין אַמעריקע.

מיר לעבן שוין דאָ אַ קיימא־לן פון דריי הונדערט יאָר. אָנגעהויבן אונדזער ישוב אין אַמעריקע האָבן מיר ווי אַ קליינינקע, אומגעוווּנטשענע, קוים־קוים טאָלערירטע און זייער ווייניק אַמביציעזע גרופּע. איינער פון די גאָר־גאָר ערשטע דאָקומענטן פון ייִדיש זיין אין אַמעריקע וואַרפט אויף מיר אַן אַ סך אומעט. דאָס איז די פּעטיציע, מיט וועלכער ייִדן אין ניו־אַמסטערדאַם האָבן זיך געווענדט צו סטאַיוועסענט, ער זאָל זיי דערלויבן קויפן אַ שטיקל קרקע פאַר אַ ייִדישן בית־עולם. דאָס קהלשע אייגנטום פון ייִדן אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעפאַנגען, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, מיטן קליינעם בית־הקברות אין טשאַטהעם סקווער פון ניו־יאָרק, וואָס ייִדן האָבן געקויפט אין יאָר 1655. נישט אַ בית־המדרש, נישט אַ שולע, נישט אַ ישיבה, נישט אַ קלוב, נאָר אַ בית־הקברות. זיך פאַרזאָרגן מיט ייִדישקייט אויף נאָכן טויט, נישט פאַרן לעבן און פאַר המשך פון לעבן. עס זענען מיט דער צייט אָנגעקומען אַנדערע ייִדן, אין גרעסערע צאָלן, און די אויסערלעכע לאַגע, ווי אויך דער אינעווייניקסטער צושטאַנד, האָט זיך געענדערט. פאַקטיש האָבן ייִדן אין אַמעריקע קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין באַוווּסטזיניקע, פּראָגראַמאַטישע, אַסימילאַציע־טענדענצן, ווי דער פאַל איז געווען מיט מערבֿ־אייראָפּעישע ייִדן, אָנהייבנדיק מיטן לעצטן דור פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט. בדרך כלל האָבן ייִדן געזוכט אי זיך צו פאַרוואָרצלען אין אַמעריקע, אי אָפּצוהיטן זייער טראַדיציע און אייגנטימלעכע פיזיאָנאָמיע.

עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר חילוקי־דעות וועגן דעם גראַד, אין וועלכן ייִדן האָבן זיך שוין פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע (און ווי שטאַרק אָדער זיכער זייערע וואָרצלען זענען), אָבער מ׳פרעגט ערנסט דאָ נישט אָפּ אונדזער רעכט צו לעבן נישט נאָר ווי אַמעריקאַנער, נאָר אויך ווי ייִדן. אמת, אַן וועלכער נישט איז אָפיציעלער כוונה מצד דעם געזעץ אָדער די אויטאָריטעטן אָפּצו־ווישן אונדזער ייִדישע פיזיאָנאָמיע, איז פאַראַן אַ געוויסער דרוק וואָס קומט ביודעים אָדער בלא־יודעים, מצד דער ס ב י ב ה גופא, וואָס איר ווירקונג

זענען מיר אונטערוואָרפֿן. ראַבאַי יצחק מאיר וואַיז — יענער, אין שורש, טראַ־דיציאָנעלער ייִד, אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפֿאַלן צו לייגן אַ פֿעס־טערן יסוד פֿאַר דער ייִדישער רעפֿאָרם־באַוועגונג אין אַמעריקע — האָט אַמאָל באַמערקט, טראַכטנדיק, נאַטירלעך, אין טערמינען און אין געשטאַלטן פֿון זיין צייט, אַז „עס זענען פֿאַראַן עפּיסקאָפּאַלישע ייִדן אין ניו־יאָרק, קוועי־קער־ייִדן אין פֿילאַדעלפֿיע, הוגענאָטן־יודן אין טשאַרלסטאָן... אומעטום לויט דער השפּעה פֿון דער דאָמינירנדיקער סעקטע". זיין בילד שיינט מיר צו זיין גוזמאדיק; קיינער קען אָבער נישט לייקענען, אַז ווי ייִדיש מיר זאָלן דאָ נישט זיין געשטימט און וויפֿל מיר זאָלן זיך נישט באַמיִען אונדזער ייִדיש־זיין אָפּ־צוהיטן, לייגט אויף אונדז אַרויף די אַרומיקע סביבה אירן אַ באַשטימטן שטעמפּל. עס וואָלט געווען אומנאַרמאַל, ווען דאָס וואָלט נישט אַזוי געווען. די פֿראַגע איז נאָר, ווי גרויס איז היינט און ווי גרויס איז מסוגל די דאָזיקע אַל־אַמעריקאַנער השפּעה צו ווערן מיט דער צייט, און צי איז נישט פֿאַראַן אַן ערנסטע סכנה, אַז דאָס אייגנאַרטיק־ייִדישע וואָס מיר טראָגן נאָך אין זיך זאָל דורך דעם אינגאַנצן אַטראָפֿירט ווערן.

עס האָט נישט קיין זינען, מיר זאָלן זיך שפּייזן מיט אילוזיעס, אָדער זיך אָנכאַפּן אָן „סגולות", אויף צו פֿאַרזיכערן אונדזער ווייטערדיקע לעבעדיקע עקזיסטענץ. קולטור־ציוניסטן פֿון אַ באַשטימטן מין האָבן געזוכט זיך אין אונדז צו טרייסטן מיט דער אידייע פֿון אַ „מרכז רוחני": ארץ־ישראל וועט ווערן מיט דער צייט אַ גייסטיקער צענטער פֿאַר ייִדן איבער גאָר דער וועלט. דאָס ליכט פֿון אַ ניי און זעלבסטשטענדיק ייִדיש לעבן אין אַ ייִדיש לאַנד וועט דערגרייכן אויך חוץ־לארץ, און וועט אונדז וואַרעמען און דערנערן, און באַלייכטן אונדזער לעבן. וועט מסתמא קיינער פֿון אונדז נישט לייקענען, אַז ייִדן אין חוץ־לארץ מיט אייגענער וויטאַליטעט קענען ווערן אַ סך וויטאַלער, לעבנספֿעיִקער, שעפֿערישער, אַדאַנק דער שטענדיקער אויסשטראַלונג פֿון גייסטיקער השפּעה מצד אַ ייִדישן צענטער וואָס וועט פֿירן אַ פֿולשטענדיק אויטאָנאָם לעבן. אָבער פֿון וואַנען וועט זיך ביי אונדז נעמען אָט יענע אייגענע, מער אָדער ווייניקער פּערמאַנענטע וויטאַליטעט, ווען איר דראָט אַ סכנה צו ווערן אַלץ שוואַכער, בלאַסער, זאַפּט־אַרעמער, אונטערן דרוק פֿון אַ נישט־ייִדישער סביבה מיט אַ שטאַרקן לעבנס־טעמפּאָ — פֿון אַ סביבה, אין וועלכער מיר זענען אַ מינאָריטעט? האָבן מיר געהערט פֿון גלות־קולטוריסטן זייערע סגולות: קולטורוירט ייִדיש, וועט איר האָבן וויטאַליטעט — ייִדיש תציל ממות. האָבן מיר געהערט פֿון אַנדערע גלות־קולטוריסטן: קולטיווירט העברעיִש, וועט איר האָבן אמתן, לעבעדיקן המשך. קען איך נישט זיין קיין קעגנער פֿון קולטיווירן ייִדיש, און על אחת כמה וכמה קען איך נישט

זײַן קײן קעגנער פֿון קולטיווירן העברעיִש. איך ווײס אָבער, אַז ייִדן האָבן זיך געהאַלטן אָן העברעיִש און אָן ייִדיש, אַז זײ האָבן זײ, אַזוי צו זאָגן, „קול־טיווירט" (כאָטש נישט נוצנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט און אָן אַ פּראַגראַמאַטי־שער אַקצענטירונג) נישט כּדי זײ זאָלן פֿון דעם קריגן וויטאַליטעט. פּונקט דער היפּוך: זײ האָבן זיך אָן די דאָזיקע און אַנדערע ווערטן געהאַלטן ווײ ל זײ האָבן פֿאַרמאָגט וויטאַליטעט, ווײ ל זײ האָבן פֿאַרמאָגט אי ווילן צו לעבן, אי זאַפֿטן וואָס האָבן יענעם ווילן גענערט און געשטאַרקט.

וואָס איז געווען דער סוד פֿון אונדזער פֿעיִקײט צו בלײַבן אַזױפֿיל דורות פֿעלדזנפֿעסט אין אונדזער ייִדיש־זײַן, נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זענען אומעטום געווען אַ מינאָריטעט, דערצו נאָך אַ שטאַרק גערודפֿטע מינאָרי־טעט? איך ווײס, אַז זעלטן ווען אײנער איז מסוגל אין דעם דאָזיקן ענין עפּעס מחדש צו זײַן. די דערקלערונג איז, אויב איר ווילט, אַן „אויסגעדראָשענע", און דאָך מוז מען זי הײַנט — אפֿשר אין ליכט פֿון נײַע דערפֿאַרונגען מיט זיך אַלײן — נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערחזרן.

אין גרונט, זענען מיר ביז די לעצטע פּאָר דורות גאָרנישט געווען קײן מינאָריטעט. אַ מינדערהײט זענען מיר געווען ס ט אַ ט י ס ט י ש, אָבער נישט פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש. דער סאָליסט אין אַ גרויסן פֿילהאַרמאָניִשן אָרקעסטער איז נישט קײן מינאָריטעט פֿון אײנעם קעגן טוצנדליקער צענדליק אַנדערע מוזיקאַנטן. די גערודפֿטע ערשטע קריסטן אין געצנדינערישן רוים זע־נען נישט געווען קײן מינאָריטעט אין יענעם זינען, אין וועלכן מיר דאַרפֿן דאָ נוצן דעם טערמין. גײַסטיק זענען די קוועיקערס אין ענגלאַנד, צוריק מיט דרײַ הונדערט יאָר, נישט געווען קײן מינאָריטעט, כאָטש אין זינען פֿון צאָלן זענען זײ דאָרט בטל בששים געוואָרן. אויפֿן שטח פֿון גײַסטיקע השפּעות און קולטור־דרוק האָט אַ זינען צו רעדן וועגן מאַיאָריטעט און מינאָריטעט נאָר ווען מיר האָבן צו טאָן מיט צוויי גרופּן, וואָס זענען אין זײערע הויפּט־שטריכן מער ענלעך אײנע צו דער אַנדערער ווי פֿאַרשײדן; ווען די גרופּע מיט די קלענערע צאָלן — די סטאַטיסטישע מינאָריטעט — אונטערשײדט זיך פֿון דער אַלגעמײנער סביבה אין זאַכן, וואָס שטײען נישט בײַ איר אין דער קאַ־טעגאָריע פֿון הײ ל י ק ט י מ ע ר. ייִדן זענען געבליבן לעבן אַלס אַ סטאַטיסטישע און פֿאַרפֿאָלגטע מינאָריטעט אין אַ פֿרעמדער וועלט נישט ווײַל זײ זענען געווען אַ באַזונדער ש ב ט, אַ באַזונדער פֿ אָ ל ק (אײנעם מאָ־דערנעם, נאַציאָנאַליסטישן זינען) אָדער אַ באַזונדערע ראַסע. שבֿטים, פֿעל־קערשאַפֿטן, ראַסן־גרופּן זענען מער ווי אײן מאָל אונטערגעגאַנגען — זיך אויסגעמישט מיט שטאַרקערע און מיט מערערע פֿון זײ. דער וועלט־בית־עולם איז פֿול מיט קבֿרים פֿון אַזעלכע בר־מיננס. מיר זענען געווען אויך אַ באַזונ־

דער פאָלק מיט באַשטימטע סימנים פון אַ פאָלק, אפשר אויך אַ באַזונדערע „ראַסן־גרופּע", אָבער נישט דאָס האָט אונדז געגעבן לעבן און המשך. מיר זענען אין דער זעלביקער צייט געווען נאָך עפּעס אַנדערש: אַן עקסקלוסיווע גרופּע פון גלייביקע, — כ נ ס ת י ש ר א ל. כנסת ישראל איז אַ סך מער ווי אַ גרופּע מיט בשותפותדיקע זכרונות (צייט און סביבה ברענגען נישט זעלטן דערצו אַז זכרונות פון אַ גרופּע ווערן פאַרגעסן און הערן אויף צו ווירקן אויף איר לעבן); מער ווי אַ גרופּע וואָס איז פאַראייניקט דורך קרובה־שאַפט פון „בלוט". אין אַנדערע ווערטער, מיר זענען געבליבן לעבן נישט סתם ווייל מיר זענען געווען אַ פ אָ ל ק — וויפל פעלקער האָבן ייִדן אויף זייער לאַנגן היסטאָרישן וועג געזען אונטערגיין, אַזוי אַז פון זיי איז כמעט קיין שפור נישט געבליבן? — נאָר ווייל מיר זענען געווען אַן א ו י ס ד ע ר־ וו יי ל ט פ אָ ל ק, מיט זייַנעם אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער וועלט, מיט זייַנעם אַ צענטראַלן פּלאַץ אַפילו אין די שיקזאַלן פונעם קאָסמאָס אַלס גאַנצן.

עס איז נישט וויכטיק, ווי איינער פון אונדז קוקט הייַנט אויף דעם „אתה־בחרתנו"־עלעמענט אין די ייִדישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. פערזענ־לעך בין איך גענייגט אָנצונעמען, אַז מ׳קען זיין אַ ייִד אָן דער אמונה אין ייִדישער אויסדערוויילטקייט. דער רמב״ם האָט נישט צופעליק „פאַרגעסן" אַריינצושטעלן די דאָזיקע אמונה אין זיינע שלשה־עשר עיקרים. וויכטיק איז, אַז אַלץ איינס וואָס פאַר אַן אָביעקטיוו־היסטאָרישע אָדער פּסיכאָלאָגישע אָפּ־שאַצונג איינער זאָל הייַנט נישט האָבן פאַרן באַגריף פון אויסדערוויילטקייט, איז ער אין משך פון אַ סך דורות געווען אַ גרויסער ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר א מ ת אין באַוווּסטזיין פון פאָלק, און אַ סוביעקטיווער אמת איז שטענדיק אַ גרעסערע היסטאָרישע טרייב־קראַפט, ווי אַן אָביעקטיווער אמת, וואָס האָט נישט אַריינגעדרונגען אין באַוווּסטזיין און געמיט פון פאָלק. הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָבן ייִדן ביי זיך געוווּסט, אַז אַחוץ דעם וואָס זיי זענען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, אַ קאָלעקטיווער בשר־ודם, זענען זיי נאָך (און דאָס איז דער עיקר!) אַ גרופּע „קאָנספּיראַטאָרן" קעגן דער וועלטס חשכות און טומאה; אַז די דאָזיקע „קאָנספּיראַציע" איז אַ טייל פון דער השגחהס פּלאַן, וואָס פירט — פריִער, שפּעטער, צייט איז נישט קיין מניעה, און מ׳דאַרף זיך היטן פאַר דוחק זיין דעם „קץ" — צום אחרית הימים. אפשר וואָלט גאָר די אמונה אין ייִדישער אויסדערוויילטקייט געמעגט פאַראַפראַזירט ווערן: זי זאָל הייסן נישט „אתה בחרתנו", נאָר „אני בחרתיך". לויט דער אגדה, איז דער רבונו של עולם, „אָן דערפאָלג", אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה פון פאָלק צו פאָלק און גערעדט צו זיי אויף אַלע זייערע לשונות, נאָר דאָס איינציקע פאָלק

וואָס האָט סוף־כּל־סוף די תורה מקבל געווען, זענען געווען ייִדן: י י ד ן ה אָ ב ן א ו י ס ג ע ו ו י ל ט פאַר זיך דעם איין־און־איינציקן גאָט און די איינציקע אמתע תורה. ווי קען מען אויף אַ פאָלק מיט אַזאַ אַריסטאָקראַ־טישן באַוווסטזיין (אַפילו ווען איינער זאָל מן הצד זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין איז אַן „איינרעדעניש" פון אַן עדה פאַרעקשנטע בעלי־גאווהני־קעס) אַנווענדן דעם געוויינלעכן מאַסשטאַב, וואָס מיר ווענדן אָן אויף סתם עטנישע גרופּן? אַ גרופּע „פאַרשווערער", ווי קליין זי זאָל נישט זיין, פּ ל ו ס ג אָ ט, איז אָן אַן ערך גרעסער פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט. אברהם אבינו אין סדום אָדער עמורה מעג זיין איינזאַם און פיזיש אומבאַשיצט, אָבער גייסטיק איז ער דאָרט נישט קיין מינאָריטעט...

אין וועלכער מאָס, וויל איך איצט פרעגן, האָבן נאָך ייִדן אין אונדזער צייט דאָס באַוווסטזיין אַז זייער לעבן אַלס ייִדן איז (נוצנדיק ה. ג. וועלסעס אַן אויסדרוק) „אַן אָפענע קאָנספּיראַציע", אין וועלכער גאָט איז אַ „שותף"? איך האָב די טעג געלייענט אין ד"ר משה דייוויסעס אַן איבערזיכט פון ייִדי־שער קולטור־געשיכטע אין אַמעריקע וועגן אַ פאַקט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט נישט קיין קליינעם רושם. אין 1817 האָט זיך אין סינסינאַטי באַזעצט דער ערשטער ייִד, יוסף דזשאָנאַס, וועלכער איז אַהין געקומען פון ענגלאַנד. זענען אַ סך קריסטלעכע איינוווינער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין ייִדן נישט געזען, געגאַנגען אים אָנקוקן ווי אַ חידוש. אַן עלטערע קוועיקער־פרוי האָט ספּעציעל געמאַכט אַ רייזע קיין סינסינאַטי כּדי אים אָנצוקוקן. „ביזט אַ ייִד?" — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן — „דו ביזט איינער וואָס געהערט צו גאָטס אויסדערוויילטן פאָלק? לאָז מיך גוט אַ קוק טאָן אויף דיר". אָבער נאָכדעם ווי זי האָט אים בודק געווען מיט די אויגן פון אַלע זייטן האָט זי (ווארשיינלעך אַן אַנטוישטע) אַרויסגעגעבן איר אורטייל: „וואָס זאָל איך זאָגן? דו ביזט נישט פאַרשיידן פון אַנדערע מענטשן". איך ווייס כּמעט גאָר נישט וועגן יוסף דזשאָנאַס, אָבער עטלעכע דורות נאָך יענעם אַקצידענט אין אָהייאָ, בין איך נישט זיכער, אַז אין אונדזערע יאָרן מאַכן מיר בדרך כּלל אַ וווּנטלעך אַנדערן איינדרוק אויף אונדזערע שכנים — אַ בעסערן אָדער אַן ערגערן. אָפּטמאָל פילן מיר, אַז דעם ספּעציפישן איינדרוק וואָס מיר פלעגן אַמאָל מאַכן אויף דער נישט־ייִדישער סביבה — אַמאָל אַן אינספּיראַטאָרישן און אַ סך, אַ סך אָפטער אַן „אומהיימלעכן" מאַכן מיר נישט מער. ניטשע האָט אַמאָל געזאָגט אַ סאַרקאַסטיש וואָרט וועגן קריסטן: „קריסטנטום, הער איך מיין גאַנץ לעבן, איז די רעליגיע פון דערלייזונג. איך קען אָבער גוט מיינע קריסטן; זיי זעען נישט אויסדערלייזט". מעג איך פאַראַפראַזירן ניטשען? „ייִדן, הער איך מיין גאַנץ לעבן, זענען אַן אויסדערוויילט פאָלק; איך קען

אָבער מײנע (הײנטיקע) ייִדן; זײ זעען נישט אויס אויסדערוויילט". ס'איז אפשר נישט שטאַרק װיכטיק, ווי אַזוי הײנטיקע ייִדן זעען אויס אין די אויגן פון נישט־ייִדן, וויכטיק איז אָבער ווי אַזוי זײ זעען אויס אין זײערע אײגענע אויגן: אונדזער אויסדערוויילטקייט איז מער טראַדיציע ווי לעבעדיקער, באַפּרוכפּערנדיקער גלויבן.

אָבער וווּהין אײגנטלעך ציל איך? מיר שטײען איצט, גלייב איך, פאַר דער ערנסטער סכנה צו ווערן אַן עטנישע מינאָריטעט אינעם אַנגענומענעם זינען פון וואָרט — אויס „קהילה קדושה", אויס „כנסת ישראל", נאָר אַ גרופּע מיט אַ לאַנגער און העראָישער פאַרגאַנגענהייט, מיט זכרונות, וואָס אַזוי לאַנג מען קולטיווירט זײ, קענען זײ אַרויסרופן אַ סך באַרעכטיקטן שטאָלץ (נישט אײנגאַנצן, הײסט עס, „באַנאַלע" מינאָריטעט), אָבער אָן אַ באַוווּסטזײַן פון ספּעציפישער גײסטיגער ד ר אַ מ אַ ט י ש ק ײ ט און ש פּ אַ נ ו נ ג אין איר לעבן. אין אַ געוויסן זינען מוז דאָס אויך הײסן, אין אַ לענגערן היסטאָרישן חשבון — אָן אַ צוקונפט. עס איז פאַראַן ווײניק גרונט אָנצונעמען, אַז אין אַ פּראָגרעסיווער (אָדער פּראָגרעסירנדיקער) און אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, מיט אַ הויכער מדרגה פון אַלגעמײנער ציוויליזאַציע, קענען סתם עטנישע מינאָריטעטן בלײַבן לעבן אַלס אַזעלכע און זיך מיט דער צײַט נישט אויסמישן קולטורעל און סאָציאַל, אפשר אויך ביאָלאָגיש, מיט דער אַלגעמײנער סביבה פון דער מערהײט. פּראַנצויזן, למשל, אין לויזיאַנאַ האָבן לחלוטין נישט קײן יסוד זיך צו פילן נחות־דרגאַדיק, ווען זײ טראַכטן וועגן זײער אָפּשטאַם און קולטור־טראַדיציע, אָבער זײ פאַרלירן ביסלעכווײז זײער באַזונדערע פיזיאָנאָמיע אין די אײגנאַרטיקע עלעמענטן פון זײער קולטור־לעבן, און זאָלן זײ אויף מיר קײן פאַראיבל נישט האָבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז זײער פראַנצויזישע השארות־הנפש הייבט אָן זיך אויסצודריקן הויפּטזעכלעך אין „גאַסטראָנאָמיע". ווען עס זאָל דערפונדן ווערן עפּעס אַ כעמישער פּרעפּאַראַט וואָס זאָל איבערנאַכט איבערמאַכן די מיליאָנען אַמעריקאַנער נעגער פון שוואַרץ אויף ווײס, וואָלטן זײ, גלייב איך, אין משך פון אַ צאָל דורות אַסימילירט און „אויפגעלײזט" געוואָרן אין אַן עטניש־אַנאָנימער אַמעריקאַנער סביבה. אויף וויפל מיר, ייִדן, ווערן סתם אַן עטנישע מינאָריטעט, קענען מיר אויך פון אַזאַ שיקזאַל נישט אַנטלויפן. דאָס מוז נישט אויסגעטײַטשט ווערן אין דעם זינען, אַז אַן אונטערגאַנג שטײט שוין הינטער דער טיר. אַזעלכע פּראָצעסן שפּילן זיך אָפּ לאַנגזאַם, און נישט שטענדיק גײען זײ אויף אַ גלײַכער ליניע. זײ האָבן זײערע זיג־זאַגן, זײערע עליות און ירידות. טראַדיציע, אַפילו ווען זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אינערציע, איז אויך אַ כוח וואָס קען אַ סאָציאַלע גרופּע אַ סך יאָרן דערהאַלטן בײַם לעבן. סוף־כל־סוף מוז אָבער

דער כוח פון אינערציע זיך אויסשעפּן, און טראַדיציע, אויב זי קריגט נישט צו קיין נייעם סטיל, קיין נייע באַפרוכפּערונג, מוז מיט דער צייט פאַרבלאַסט און פאַרטריקנט ווערן. זאָלן געבענטשט זיין די הענט וואָס טוען ביי אונדז וועלכע נישט איז פּאָזיטיווע אַרבעט אויף צו פאַרשטאַרקן ייִדיש גייסטיק לעבן — יעדע גרופּע מיט אירע מיטלען און מיט אירע אַקצענטירונגען — וויל אָפּהאַלטן, פאַרלאַנגזאַמען אָדער אָפּשטויסן אויף אַ ווייטערער צייט דעם פּראָצעס פון דעזינטעגראַציע איז אַליין אַ גרויסע מצווה. איך קען מיר אָבער נישט פאַרשטעלן די לעבעדיקע עקזיסטענץ פון אַ ייִדישן כלל אין אַמעריקע אין דער ווייטערער צוקונפט (און דאָ גיי איך אַרויס, ווי איך האָב פון אָנפאַנג געוואָרנט, פון די קאַלענדאַר־גרענעצן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן פאַר מיין רעדע: „די צווייטע העלפט פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט") אָן אַ רעליגיעזן אָנהאַלט און אָן אַ סטימולירנדיקן רעליגיעזן איבהאַלט.

איך וויל דאָ קיינעם נישט אָנטרעטן אויף די הינער־אויגן. עס איז נישט ראַטזאַם זיך אָפּצושטעלן היינט אויף די אונטערשיידן צווישן אָרטאָדאָקסיע, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־ייִדן, אָדער אויף זייערע באַטרעפנדיקע מעלות און חסרונות. פאַר איין סכנה דאַרפן זיי זיך אָבער אַלע היטן: פאַר דער סכנה פון לאַנגווייליקייט. אין גרונט איז לאַנגווייליקייט אפשר דער גרעסטער „חטא" וואָס קען באַגאַנגען ווערן אין רעליגיעזן לעבן. ווען דער שטן וויל חרוב מאַכן רעליגיעז לעבן, שיקט ער אויף אים אָן, אויב עס געליגט אים — דעם געוועץ, און עס העלפן דעמאָלט נישט קיין פאַרזוכן צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט מיט אויסער־רעליגיעזע מיטלען. ווען אַ קאָנגרעגאַציע זוכט צוציִען צו זיך דעם עולם דורך אַ טאַנץ־אָוונט אָדער דורך אַ גוטן קאָנצערט אָדער דורך אַ לעקציע וועגן אַן אינטערעסאַנטן וועלטלעכן ענין, פאַר־טרייבט זי דערמיט נישט די לאַנגווייליקייט פונעם ספּעציפיש־רעליגיעזן לעבן (אויב אַזאַ לאַנגווייליקייט איז שוין פאַראַן). די פאַרבינדונג פונעם ברייטערן עולם מיט דער קאָנגרעגאַציע איז דעמאָלט נישט „לשמה"; זי איז אַ טעכנישע, טאָפּאָגראַפישע פאַרבינדונג. איר פאַרשטייט מסתמא אַליין, אַז איך בין נישט קיין קעגנער נישט פון אַ פיינעם טאַנץ־אָוונט, נישט פון אַ קאָנצערט און נישט פון אַ פאַרטראַג אויף אַן אַלגעמיינער טעמע. פּערזענלעך גלייב איך, אַז זיי אַלע קענען אַפילו דערפילן אַ רעליגיעזע פונקציע, אויב רעליגיע שטייט אין צענטער, אויב אַלע „אונטערנעמונגען" ווערן פון איר באַשטראַלט. אָבער שטייט זי אין צענטער? לויט איר נאַטור קען רעליגיע נישט זיין קיין זייטי־קער ענין. אָדער זי איז צענטראַל און אַלע איבעריקע קולטור־מאַניפעס־טאַציעס דינען איר — אַלץ איינס צי ביודעים אָדער בלא־יודעים — אַלס פּעריפעריע, אָדער זי איז... אויס רעליגיע. אָדער זי נעמט דורך

מיט זיך דעם גאַנצן מענטשן, די טאָטאַליטעט פון זיין וועזן, אָדער זי פירט אַ מיזעראַבל ווינקל־לעבן, און דעמאָלט ווייסט זי אַז מיט דער צייט וועט מען זי מסתמא אויפהערן טאָלערירן און אויך פונעם ווינקל אַרויס־שטויסן.

אַנאַליזירן מיר זיך דאָ מיט ערלעכקייט צו זיך אַליין, וועלן מיר אפשר קומען צום שלוס, אַז אין אַמעריקע זענען היינט פאַראַן הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס זענען (רעליגיעז) נישט קיין ייִדן. זיי זענען ייִדן אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי זענען נישט קיין קריסטן; זיי זענען ייִדן — און דאָ קומט די ביטערע איראָניע — ווייל זיי זענען בכלל נישט־גלייביקע און זיי האָבן אויך קיין מוט נישט זיך צו דערקלערן פאַר אַגנאָסטיקער. מיין ליבער פריינט, דער ארץ־ישראלדיקער שריפטשטעלער ר׳ בנימין, איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר אַ פּאָר מאָל אַרויסגעקומען מיט אַ מין רוף צו שאַפן אַ „ייִדישע מיסיע״: ייִדנטום איז אוניווערסאַל, די תורה איז געמיינט געוואָרן נישט פאַר ייִדן אַליין, און מיר וואָלטן געדאַרפט איצט שיקן מיסיאָנערן צו אַנדערע פעלקער מיטן צוועק זיי מגייר צו זיין. איך האַלט אויך אַז אַ פאָלק וואָס גלייבט וועגן זיך אַז זיין רעליגיע איז דער אויסדרוק פון אייביקן וועלט־אמת, האָט מיסיאָנערישע פליכטן: נישט צו מאָנאָפּאָליזירן דעם אמת פאַר זיך, נאָר אים פאַרשפּרייטן אויך צווישן אַנדערע. ייִדנטום האָט אין באַשטימטע פּעריאָדן אַרויסגעוויזן גאַנץ אויסגעשפּראָכענע מיסיאָנערישע נייגונגען (אויך געמאַכט געוויסע דערגרייכונגען), און נאָר די עקסטרעמע אומטאָלעראַנץ פון מיטלאַל־טערלעכן פאַרפאָלגערישן קריסטנטום און דער פאַנאַטיזם פון איסלאַם — די צוויי הויפּט־ספערן, אין וועלכע ייִדן זיך האָבן באַוועגט — האָבן אַ לאַנגע צייט אוממעגלעך געמאַכט ייִדישע מיסיאָנערישע טעטיקייט. אָבער מער ווי איין מאָל האָב איך געהאַט דעם אימפּולס זיך צו ווענדן צו ר׳ בנימינען און אים פאַרשלאָגן: „איידער איר שיקט מיסיאָנערן צו כינעזער און יאַפּאַנער, צו האָטענטאָטן און זולוס, שיקט פריער ייִדישע מיסיאָנערן צו ייִדן״. אויך אַ סך, אַ סך פון זיי דאַרף מען ערשט (אויב מ׳קען) מגייר זיין. איך הער דאָ לעצטנס וועגן אַן „אַנטי שמד־קאַמפּיין״. ווייס איך נישט, ווער און צוליב וואָס עס האָט דאָ געשאַפן אַ בהלה. אַמאָל ווילט זיך זאָגן, אַז צום באַדויערן דראָט אונדז נישט — ספּעציעל אין אַמעריקע — קיין שמד־געפאַר. אַ סך ייִדן זענען אַזוי גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין רעליגיע, אַז שמד — סיידן דאָס זאָל זיין אַ מנוולדיקער אַקט פאַר באַקוועמלעכקייט־צוועקן אָדער פאַר קאַריערע — קומט זיי גאָר אויף דער מחשבה נישט. די איינשטעלונג צו רעליגיע איז ביי טויזנטער און טויזנטער פון אונדז (אויך פון אַזעלכע וואָס געהערן צו קאָנגרעגאַציעס) אומגעפער דיזעלבע, וואָס אַן אַמעריקאַנער שריי־

בער האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט, ציטירנדיק דעם ענטפער וואָס אַ תלמיד פון אַ סאַנדעי־סקול האָט געגעבן אויף דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס רעליגיע: "Religion is something to profess which you know ain't true". צוריק מיט אַכט יאָרהונדערטער האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ גרויסן בעל־הלכה און פילאָזאָפישן דענקער, וועלכער, ענטפערנדיק אויף דער נויט פון זיין צייט, האָט אָנגעשריבן זיין „מורה נבוכים". ווען מיר וואָלטן היינט פאַרמאָגט אַ רמב"ם, וואָלט ער באַדאַרפט אָנשרייבן גאָר אַן אַנדער ספר: אַ „מורה ל ל א־נבוכים". ווייל דער אומגליק מיטן מאָדערנעם ייִדן — איך רעד דאָ נישט פון דער גייסטיקער שארית הפליטה פון אמת־פרומע, איינגעוואָרצלטע ייִדן, וואָס לעבן בלויז קאַלענדאַריש אין דער מאָדערנער צייט און קערן זיך גייסטיק זייער ווייניק אָן מיט איר — באַשטייט אין דעם וואָס ער איז שאָקירנדיק נ י ש ט פ אַ ר ו ו י ר ט, וואָס ער געפינט זיך גאָר נישט (לכל הפחות, אין זיין באַוווסטזיין) אין קיין גייסטיקער פאַרלעגנהייט. איך ווייס נישט, צי יענער ייִד, פון וועלכן איך רעד דאָ, איז, אין דורכשניט, אַן אַטעיִסט: מסתמא האָט ער זיך גאָר קיינמאָל נישט גענומען די צייט און די טירחה זיך צו אַנאַ־ליזירן און זיך אַליין ענטפערן אויף דער פראַגע. כ'דאַרף דאָ נישט זאָגן, אַז איך בענק נישט נאָך קיין אַטעיִסטן, כאָטש פון דער אַנדערער זייט, בין איך גענויגט צו גלייבן, אַז דער טראַגישער אָדער דער מעלאַנכאָלישער אַטעיִסט, דער אַטעיִסט „מיט אַ ווייטיק אין האַרצן" (נישט דער וווּלגאַרער אָדער דער אַטעיִסט פון „ווױלטאָג", וואָס ס'איז אים גאָר ניחא וואָס קיין גאָט איז אויף דער וועלט נישטאָ — „אַ גדולה האָט אים געטראָפן") איז איז זיין וועזן אָדער פּאָטענץ אַ סך נענטער צו עכטן רעליגיעזן לעבן, ווי די מייסטע אינערטע, אינספּירירטע „גאָט־גלייביקע". איך ווער דערפאַר זייער ווייניק נתפּעל, ווען איך הער אָדער לייען אַז די צאָל „שול־גייער" ריכטיקער — שול־מיטגלידער, אין אַ געוויסער געגנט האָט זיך פאַרגרעסערט, אָדער אַז מ'בויט נייע קאָנ־גרעגאַציעס. נישט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך אין דער קריסטלעכער אַמעריקע, אין געוויסע שיכטן וואָס זענען לויט משפּחה־טראַדיציע פּראָטעסטאַנטיש, איז דאָס געהערן צו אַ קאָנגרעגאַציע אַ קאָנווענציאָנעלער ענין, אַ געוויסער סימן פון סאָציאַלער סאָלידקייט און „רעספּעקטאַביליטעט". ביי ייִדן קומט נאָך צו די באַדערפעניש צו געבן וועלכן נישט איז אויסדרוק דעם געפיל פון צוגע־העריקייט צום ייִדישן כלל, אַביסל נאָסטאַלגיע און פּיעטעט צו עלטערן, אַ פאַרנעפּלטער מורא־געפיל פאַר „אינגאַנצן איבעררייסן". דער ספּעציפיש־רעליגיעזער מאָמענט איז, אין מייסטע פאַלן, אַ גאַנץ בלאַסער און אַ זייער אומזיכערער.

קען מען אַזעלכע עלעמענטן (וואָס האָבן אַ זעבאַרע טענדענץ זיך אַלץ

צו פאַרמערן) „באַקערן" אָדער, לאָמיר זאָגן, „ווידער־באַקערן" צום ייִדנטום, צום רעליגיעזן ייִדנטום? אויב מ'קען, איז דאָס פאַר אַלעמען אַ זייער ערנסטע פּעדאַגאָגישע אויפגאַבע. און פּעדאַגאָגיש גערעדט, איז זייער שווער, אויב בכלל מעגלעך, צו מאַכן איינעם פאַר אַ רעליגיעזן ייִדן, אויב ער איז נישט קיין רעליגיעזער מענטש.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל קלאָר מאַכן מיין באַהויפּטונג, אַזוי אַז זי זאָל נישט אַרויסרופן קיין מיספאַרשטענדעניש. אַנטירעליגיאָזיטעט אָדער (אַ צושטאַנד וועלכער איז אַ סך מער פאַרשפּרייט) רעליגיעזע גלייכגילטיקייט איז נאַטירלעך נישט בלויז אַ ייִדישע דערשיינונג. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי אַנטוויקלונגען און מענטאַליטעט־ענדערונגען, וואָס זענען פאַר־געקומען (און קומען נאָך פאַר) אין די לעצטע פאַר דורות. מעג איך אָנווייזן אויף אייניקע פון זיי?

א) רעליגיע איז דיסקרעדיטירט געוואָרן ביי געוויסע שיכטן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, ווייל זי האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן ענטפערס אויף פראַגן, וועלכע זי איז נישט באַרופן צו געבן. אין דער מאָס, אין וועלכער רעליגיע פּרעטענדירט צו זיין אַ מין „וויסנשאַפט", וועלכע לייזט פראַגן, וואָס דאַרפן געפאָרשט ווערן אויף אַ מער אָדער ווייניקער עקספּערימענטאַלן אופן, מוז זי באַנקראָטירן. כאָטש וויסנשאַפט און פאַר זיך איז נישט און קען נישט זיין אַנטי־רעליגיעז, אָבער וויסנשאַפטלער פון אַ געוויסן טיפּ זענען געוואָרן שונאים פון רעליגיע: זי האָט אַרויסגערופן אין זיי אַ נאַטירלעכן ווידערווילן מיט אירע פּרעטענזיעס, אויף וועלכע זי איז נישט באַרעכטיקט. איןברייטע קרייזן האָט זיך דערפאַר פאַרשפּרייט די, פאָרמו־לירטע אָדער נישט פאָרמולירטע, אויפפאַסונג, אַז נישט די אָדער אַנדערע באַהויפּטונג פון אַ באַשטימטער רעליגיע און אין אַ באַשטימטן פּעריאָד פון איר אַנטוויקלונג איז אַנטי־וויסנשאַפטלעך (און דערמיט ממילא „ניט אמת"), נאָר אַז רעליגיע בכלל און אין איר עצם וועזן איז אַ שונא פון קלאָרן און פאַרלעסלעכן וויסן. אין אמתן איז רעליגיע, וואָס איז טריי צו איר אייגענער נאַטור — אַגנאָסטיש. איך נוץ דאָ דאָס וואָרט אַגנאָסטיש בלויז אין זיין עטימאָלאָגישן זינען: זי איז „נישט־ווייסעריש" אין אַלע יענע געביטן, ווו עס פאָדערט זיך פאָרשונג דורך אָנווענדונג פון שטרענגן לאָגישן דענקען און עקספּערימענטאַלע מעטאָדן. אויך אויף די פראַגן, וואָס, דוכט זיך, זי אַליין איז באַרופן צו ענטפערן — די עקזיסטענץ פון גאָט, פרייהייט פון ווילן, אומשטערבלעכקייט אא"וו — קען זי קיין ראַציאָנאַליסטישע ענטפערס נישט געבן. איר ראָלע איז אַן אַנדערע: זי רופט אַרויס (און זוכט צו פאַרוואָרצלען) אַ באַשטימטע עטיש־לירישע אָריענטאַציע אויף וועלט, לעבן

און שיקזאַל, און פלאַנצט איין אַ באַציִונג פון פּ אַ ר ט ר ו י ע ן אין שורש פּונעם ז יי ן און אין זיינע „כוונות". די מיסטעריע פון לעבן קען און וויל רעליגיע נישט אויפקלערן; זי באַטאָנט נאָר — מיט אירע אייגענע, מייסטנס „קינסטלערישע", מיטלען — די ע ק ז י ס ט ע נ ץ פון מיסטעריע, יראת־הכבוד צו איר און פאַרטרויען אין איר. גאָט איז, ווי ישעיה הנביא דריקט זיך אויס, אַן „אל מסתתר".

ב) אין ברייטע שיכטן האָט רעליגיע פאַרלוירן איר אַמאָליקן אָנזען און השפעה, ווייל זי (ריכטיקער: די אינסטיטוציעס וואָס האָבן זי עפנטלעך רע־פּרעזענטירט) איז צו לאַנג און צו אָפט געווען... אַ נ ט י ר ע ל י ג י ע ז; ווייל זי האָט זיך געלאָזט באַהערשן פון תקיפים־קלאַסן פאַר זייערע אַנטיסאָ־ציאַלע און שוין ממילא אַנטי־רעליגיעזע צוועקן.

ג) דער טעכנישער פּראָגרעס פון די לעצטע עטלעכע דורות און די גרויסע אוטיליטאַרע רעזולטאַטן פון וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און אַנט־דעקונגען האָבן אין ברייטע שיכטן אַרויסגערופן אַן אילוזיע, אַז אין גרונט איז דער מענטש נישט אָפּהענגיק פון קרעפטן אויסער אים און פון אַ קראַפט איבער אים; אַז וויסנשאַפט איז אימשטאַנד צו לייזן אָן אַן אויסנאַם אַלע פּראָבלעמען און סתירות פון מענטשלעכן זיין; און אַז שוין דערפאַר אַליין ווערט רעליגיע „נישט נייטיק", „בוצלאָז". די אויפפאַסונג אַז דער מענטש איז אַ „קרעאַטור", אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אָדער איז פּאָטענציעל פעיִק צו פאַרמאָגן, איז — איז לעצטן חשבון — „געבאָרגט" אָדער „געשענקט"; אַז אין זיין וועזן און שיקזאַל איז ער אומבאַשיצט און אָ ר ע ם (אָט ווי דער בעל־התהלים זאָגט: „תפלה ל ע נ י כי יעטוף" אָדער „פנה אלי וחנני כי יחיד ו ע נ י אני"), איז דורך דער דערמאָנטער אילוזיע זייער אָפּגעשוואַכט און פאַרבלאַסט געוואָרן. מיר זעען דאָס, בעיקר, ביי דעם מאַסן־מענטשן אין דער מערב־וועלט און אין דער „דערוואַכנדיקער אַזיע", אָבער אויך נישט ווי־ניקע אמתע און אַפילו גרויסע וויסנשאַפטלער געהערן, אין דעם פּרט, צום טיפּ „מאַסן־מענטש".

ד) עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קלימאַט פון „וויסנשאַפטלעכקייט", אין וועלכן עס לעבן מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן וואָס האָבן נישט צו וויסנ־שאַפט קיין דירעקטע שייכות און קיין אמתן צוטריט. אין דעם דאָזיקן קלי־מאַט „פאַרגאַפן זיך" מענטשן אויפן שטאָפּלעכן, ווייל שטאָף, אין אַלע זיינע פאָרמען, איז דער הויפּט־קעגנשטאַנד, מיט וועלכן וויסנשאַפט קען און דאַרף זיך באַשעפטיקן. די דאָזיקע „פאַרגאַפונג" האָט נישט אין קיין קליינער מאָס שוואַכער געמאַכט אָדער אָפּגעטעמפּט די אינטואיטיווע פעיִקייטן, אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך צו קוקן אויף דער וועלט מעטאַפיזיש אָדער רעליגיעז.

איין מענטש קען אין אַ צווייטן מענטשן נישט אַרויסרופן קיין עסטעטישע באַגייסטערונג מיט זיין שיינקייט, אויב דער צווייטער זאָל אים צו לאַנג אָדער פּערמאַנענט באַטראַכטן בלויז פון אַן אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. אַ פאַרליבטער פיזיאָלאָג אָדער אַנאַטאָם, אין דער מאָס אין וועלכער ער איז אויסשליסלעך פיזיאָלאָג אָדער אַנאַטאָם און ווערט אומפעיִק צו קוקן אויף מענטשן סינטעטיש־אינטויִטיוו, איז אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט. די דערמאָנטע פאַרגאַפונג אויפן „שטאָפּלעכן", אויף מאַטעריע, דערפירט נישט ווייניק מענטשן צו ספקות אָדער גאָר צו אַ פאַרצווייפלונג בנוגע דער אמתער רעאַליטעט פונעם פּסיכישן, און ביי די פיינערע פון זיי דערגייט זייער געמיט־צושטאַנד צו יענער מדרגה, וואָס אַן אייראָפּעיִשער שריפטשטעלער האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט מיט אַ טעקסט פון אַ סקעפּטי־קערס „תפילה": „אָ, גאָט, אויב ס'איז טאַקע פאַראַן אַ גאָט! ראַטעווע מיין נשמה, אויב איך האָב טאַקע אַ נשמה, און אויב איך בין טאַקע איך, און אויב דער דאָזיקער איך איז טאַקע עפּעס!"

ה) דאָס לעבן פון באַדייטנדיקע מאַסן אין אַ גרויסשטאָטישער, אינ־דוסטריעלער ציוויליזאַציע, מיט איר טעמפּאָ און מיט איר עקסטרעמער קאָנ־צענטרירונג אויפן עקאָנאָמישן אינטערעס, האָט נישט אין קיין קלענער מאָס צוגענומען ביים מאָדערנעם מענטשן זיין פעיִקייט (און די געלעגנהייט) פאַר „נישט־פאַראינטערעסירטער" התבוננות, פאַר יענער באָאָבאַכטונג פון דער וועלט און פון זיך אַליין, וואָס מאַכט אַ מענטשן זיך חידושן, זיך וווּנדערן און באַוווּנדערן. פאַרן מענטשן אָן יענער התבוננות ווערט די גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס עס געשעט אין איר — טריוויאַל, און דאָס טריוויאַלע איז דער היפוך און דער שונא פון רעליגיע, ווי עס איז דער היפוך און דער שונא פון קונסט, וואָס זעט אין אַלץ דאָס זינפולע און דאָס אייביק־פייערלעכע. אין זיין שטענדיקן בהלה־טעמפּאָ האָט גאָר דער מאָדערנער מענטש נישט קיין צייט (קיין פּסיכאָלאָגישע, נישט בלויז קיין זייגער־צייט), אָדער ער נעמט זיך נישט קיין צייט, פאַר „אומפאַראינטערע־סירטער" התבוננות.

איך האָב אָנגעוויזן בלויז אויף פיר־פינף מאָמענטן אין דעם צושטאַנד פונעם מאָדערנעם מענטשן, וואָס מאַכן אים רעליגיעז „טאַלאַנטלאָז". איך בין נישט זיכער, אַז כ'האָב זיי עקזאַקט באַשריבן, און אַז זיי זענען טאַקע די סאַמע וויכטיקסטע. אפשר גיבן זיי פונדעסטוועגן אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דעם מאָדערנעם מענטשנס צושטאַנד און גייסטיקער פיזיאָגנאָמיע. יעדנ־פאַלס, גלייב איך נישט, אַז אין דער ספערע איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונ־טערשייד צווישן דעם מאָדערנעם מענטשן בכלל און דעם מאָדערנעם יידן.

אויב דער צושטאַנד, וואָס איך האָב געזוכט צו כאַראַקטעריזירן, איז טאַקע אַזעלכער, ווי איך זע אים, איז ער, לויט מיין אָפּשאַצונג, אַ קרענקלעכער, און די דאָזיקע קרענקלעכקייט איז חל אויך אויף יידן. און אָט דאָס האָב איך אייגנטלעך געמיינט, ווען איך האָב פריער געזאָגט, אַז מ׳קען נישט זיין קיין רעליגיעזער י י ד ווען מ׳איז אין דער עצם איינשטעלונג נישט קיין רעליגיעזער מ ע נ ט ש.

דערפאַר קען איך זיך היינט מאַכן נישט וויסנדיק פון די אונטערשיידן, טעאָלאָגישע אָדער צערעמאָניאַלע, אָדער אַנדערע, צווישן די דריי טיפּן פון יידישער אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע אין אַמעריקע. דער עיקר ליגט ערגעץ אַנדערש. וואָס עס פעלט זיי אַלע דריי איז דאָס, וואָס עס פעלט בכלל אין דעם היסטאָרישן אָפּשניט, אין וועלכן מיר לעבן: עכטע און דירעקטע רעליגיעזע דערלעבעניש. דעם דאָזיקן מאַנגל קען מען נישט פאַרדעקן נישט מיט דער קאַלטער „דיגניטעט״ פונעם רעפאָרם־טעמפּל, נישט מיט דער רעספּעקט־פולער (אָבער גאַנץ דיסטאַנצירטער) באַציִונג צו טראַדיציע אינעם קאָנסער־וואַטיוון יידנטום, נישט מיט דער פאַרשטיינערטער לאָיאַליטעט פונעם אָר־טאָדאָקסישן יידנטום צו אַ געירשנטן נוסח פון רעליגיעזע פאָרמען, וואָס טראָגן מער נישט אין זיך יענעם טיפן, וואָרצלהאַפטיקן אינהאַלט וואָס זיי האָבן נאָך ביז נישט לאַנג צוריק פאַרמאָגט. דאָס אַריינטרעטן פון נאַציאָנאַליזם און ציוניזם אין דעם, וואָס רופט זיך ביי אונדז רעליגיעז לעבן, איז מסתמא אַליין פאַר זיך אַ פּאָזיטיווער סאָציאַלער פאַקט, וואָס טאָר נישט גרינגגע־שאַצט ווערן, אָבער צו קיין ר ע ל י ג י ע ז ע ר ווידער־באַפרוכפּערונג פון יידנטום קען דאָס נישט פירן. די פּראַצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער מדינת ישראל גופא, זענען (דערווייל יעדנפאַלס) מער אַ פאַקטאָר פון סעקו־לאַריזאַציע איידער פון אַ באַלעבונג פון יידישער רעליגיאָזיטעט, נישט גע־קוקט אויף דעם וואָס די אָרטאָדאָקסיע איבט אויס אַ דיקטאַטאָרישע הער־שאַפט אין געוויסע אינסטיטוציאָנעלע ספערן פון דאָרטיקן לעבן.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מאַכן פון דעם ביז אַהער געזאָגטן דעם אויספיר, אַז איך רוף צו אַ מין נייער „רעפאָרם״ אין יידנטום, צו אַ רעפאָרם אין דעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט. יידן האָבן זייער ווייניק געוווּנען פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע. וויפל חסרונות מיר זאָלן נישט זען אין דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרם — האָט זי דאָך געטראָגן אין זיך אי אַ רעליגיעזן הכשר אויף קאַפּיטאַליזם; אי די באַקטעריעס פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און פון אַ געצנדינערישער באַ־ציִונג צום שטאַט און שטאַטלעכער אויטאָריטעט; אי אַ היתר אויף ראַסן־האַס — איז איר צוועק געווען נישט צו פאַרוואַסערן, נאָר צו מאַכן אינטענ־

סיווער דאָס רעליגיעזע לעבן פונעם יחיד. זי איז נישט געקומען צו מאַכן דאָס לעבן „באַקוועמער", מאַראַליש „לייכטער", ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך, נאָר פאַרקערט: אין געוויסע ספערן פון לעבן האָט זי אַריינגעבראַכט מערער חומרות, ווי דער קאַטאָליציזם האָט געהאַט, און אירע מאַנונגען זענען געווען שטרענגערע. די יידישע רעפאָרם־באַוועגונג האָט באַפרייט די, וואָס זענען געוואָרן אירע נאָכפאָלגער, פונעם שווערן „באַלאַסט" פון מצוות מעשיות, אָבער צו קיין פאַרטיפערונג און פאַראינערלעכונג פונעם רעליגיעזן דערלע־בעניש, צו קיין געשטייגערטע נשמה־שפּאַנונגען האָט זי זיי נישט געבראַכט. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס רעפאָרם־יידנטום, אין קאָנטראַסט צו דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרם, האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין איין מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקן מיסטיקער. נישט וועגן רעפאָרמען אין זינען פונעם צוזי גערופענעם ליבעראַלן יידנטום האַנדלט זיך דאָ, און נישט וועגן די תקנות „לפי רוח הזמן" מצד דעם זייער אנשטענדיקן, אָבער טראַגיש אומ־באַפליגלטן קאָנסערוואַטיוון יידנטום, נאָר וועגן עפּעס ענלעכן צו דעם, וואָס חסידות האָט אַמאָל אַריינגעטראָגן אין אונדזער לעבן.

חסידות האָט נישט רעפאָרמירט דאָס י י ד נ ט ו ם, נאָר רעפאָרמירט דעם י י ד ן. חסידות האָט נישט אָפּגעשאַפט קיין איינע פון די תרי"ג מצוות, נישט בטל געמאַכט קיין איינע פון די חומרות, וואָס דער שולחן ערוך אַנט־האַלט אין זיך. זי האָט זיך נישט אונטערגענומען צו ענדערן עפּעס נישט אין דער יידישער טעאָלאָגיע (אויף וויפל זי עקזיסטירט ביי אונדז בכלל אַלס אַ סיסטעם), נישט אין יידישן ריטואַל — גאָרנישט נישט צוגענומען און גאָר־נישט צוגעגעבן. זי האָט אָבער אַריינגעהויכט ניי לעבן אין דעם עקזיסטירנ־דיקן און טראַדיציאָנעל־פאַרהייליקטן. אין דער מעכאַניק פון רעליגיעזן לעבן האָט זי אַריינגעטראָגן כוונה און דבקות. איר „רעפאָרם" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט דעם יידן, וואָס איז געווען גרייט איר נאָכצופאָלגן, געגעבן אָדער אומגעקערט דעם טאַלאַנט פון דערלעבעניש, פון „זעעוודיקייט", פון דערבליקן דעם „נס" אין דעם טאָג־טעגלעכן, דעם „מופת" אין דעם נאָרמאַלן, געזעצמעסיקן סדר העולם; פון „זיך חידושן" און פון אַנטציקונג. חסידות האָט נישט „רעפאָרמירט" דעם סידור, נאָר דער אַקט פון תפילה האָט ביי איר אָנגענומען נייע דימענסיעס און אַ לירישקייט וואָס איז אפשר די איינציק איבערצייגנדיקע באַרעכטיקונג פאַר דאַוונען.

דאָס רעליגיעזע לעבן אין דער גאַנצער וועלט בייטיקט זיך איצטער אין אַ רעוויטאַליזאַציע דורך אַ מין נייער „חסידות" (איך נוץ דעם דאָזיקן טער־מין ווייל איך האָב נישט קיין בעסערן), אויך — און אפשר ספּעציעל — דאָס

יידישע, אָן דעם ווערט רעליגיע אַלץ מער און מער פלאַך, ה אַ ר י ז אָ נ ־ ט אַ ל, בשעת איר אמתע מיסיע איז צו זיין ו ו ע ר ט י ק אַ ל.

אַז אַזאַ „רעפאָרם" איז אָביעקטיוו מעגלעך אין אונדזער עפּאָכע, נעם איך זיך היינט נישט אונטער צו באַווייזן. אַזאַ גרונט־„רעפאָרם" פונעם רע־ליגיעזן מענטשן, פונעם מאָדערנעם מענטשן בכלל, און, אין אונדזער פאַל, פונעם מאָדערנעם יידן, איז אין זיין וועזן אַ מין היילונג־פּראָצעס; אַ דער־וועקונג פון אינטויִטיווע קרעפטן, פון אַ געוויסער וויזיאָנערישקייט און „קינסטלערישקייט" אינעם מענטשן. פאַר דעם פאָדערט זיך, אַז דער מענטש זאָל זיין מער „ליידיקגייער" ווי ער איז היינט, מער גייסטיקער „וואַגאַבונד", און אַז אין דער ראָם פון „קהל" זאָל זיין פּלאַץ פאַר „חברותא"; פאַר דעם פאָדערט זיך אויך מער — „צייט". איך ווייס נאָר, אַז אָן אַ באַפרייונג פון יענע עיכובים פאַר דעם וואָס איך האָב היינט באַצייכנט אַלס ה ת ב ו נ נ ו ת, אָן אַ קוראַציע פון יענער ספּעציפישער „בלינדקייט", צו וועלכער אַזוי פיל מענטשן זענען געקומען דורך דער פאַרגאַפונג אויפן שטאָפלעכן און אויף דעם וואָס קען שטאָפלעך און עקספּערימענטאַל דערקלערט ווערן, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר עכטן רעליגיעזן לעבן — אויך נישט, נאַטירלעך, פאַר עכטן יידיש־רעליגיעזן לעבן.

איך האָב פאַרזוכט מיט מיינע שוואַכע כוחות בלויז צו אַנאַליזירן דאָס פּראָבלעם. איך וואָלט זיך צופרידנגעשטעלט, ווען איך ווייס, אַז מיין אַנאַ־ליז איז אַ ריכטיקער. און אַן ענטפער? איך וויל האָפן, אַז ער וועט קומען פון אַנדערע, פון שטאַרקערע און פון מער באַרופענע...

אינהאַלט:

פון פאַרלאַג — 7
ווער איז אויסדערוויילט — 9
„גיי קיין נינוה" — 26
משה רבנו פון דער גאַנצער וועלט — 35
בחירה און בכורה — 41
תשובה — 104
שבת — 112
ימים־טובים — 117
„נעאָ־קלעריקאַלע געדאַנקען" — 122
„אויף שטויב און אַש" — 127
„הלכה און אגדה" — 136
יידנטום, אמונה און מצוות מעשיות — 148
מאַרטין לוטער — 166
ווילים טעמפל — אַ קריסטלעכער בעל־הלכה — 176
קריסטלעכער גלויבן און „קריסטלעכע ציוויליזאַציע" — 184
טאָלעראַנץ — 192
ניטשע אין קאַמף קעגן יידנטום — 196
איבער־שטאַטלעך און אונטער־שטאַטלעך — 212
וועגן „יידישן פאַראַזיטיזם" — 219
אַ בריוו קיין אינדיע — 235
גאַנדי און די יידן־פראַגע — 248
גאַנדיס ענטפער — 257
אַ טאָג אין לייפציג — 260
מיט ראָמען ראָלאַן — 278
וועגן דעם ענין מלקות — 286
באַטראַכטונגען צו אַ קאָנסטיטוציע פאַר מדינת ישראל — 300
פאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעטן — 320
קולטור און דערציִונג אין גלות — 349
אַ בליק אין דער צוקונפט — 367

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג-אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן-גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס-צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן-צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף וייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן

20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייד און וועלט.

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

זלמן שזר — ליכטיקע פערזענלעכקייטן
בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן

Este libro se terminó de imprimir en el
mes de Agosto de 1960, en los Talleres
Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L.,
Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires,
República Argentina

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

●

Copyright by
LEA GRINBERG
New York

●

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

JAIM GRINBERG

EL JUDIO Y EL MUNDO

BUENOS AIRES

1960